דער פועל, „קען איך זיך צו דיר אויף איין טאג אויך ניט פארדינגען, ווייל מיין שטענדיגער ווירטה, וואס איך ארבייט פיר איהם פון מיין ערשטע מינוט אן, ווייס איך קלאהר אז אומגענאמט וועט ער פאדערען ארבייטער אויף זייער א לאנגע צייט, היינט אז איך וועל זיך יעצט פארנעהמען ביי דיר, וועט ער אויף מיין שטעללע נעהמען א צווייטען, אונ אז איך וועל קומען צו איהם אין דריי מאנאטען ארום, וועט ער מיר פרעגען וואו ביזטו געוועזען ביז א העהר? גייע היינט אויך דארטען, וועל איך פארלירען מיין ברויט אויף עוויג, דרום איז מיר ליעבער צו ליידען אונ קוועללען זיך א קורצע צייט, כדי ניט צו פארלירען מיין שטעללע ביי מיין שטענדיגען ווירטה וואס פון זיין האנד בין איך געשפייזט געווארען זינד איך בין א מענש ביז היינטיגען טאג". דער נמשל איז פונקט מיט אונז, השי"ת האט בעשאפען דעם מענשען אונ גיט איהם לעבען אונ האלט איהם אויס מיט זיינע אללע הצטרכות טאג טעגליך, אונ אז עס טרעפט א מאל וואס השי"ת איז מסתיר פנים פון מענשען צוליעב זיינע זינד, אונ עס הויבט איהם אן צו פעהלען פרנסה, גלייך אויף דעם שטעלל קומט דער יצה"ר, אונ מאכט זיך צו צו איהם, אז ער זאלל געהן ביי איהם ארבייטען (ד. ה. ער זאלל ארבייטען שבת, אדער נאך א וועלכע געשעפטען וואס איז ניט רעכט עפ"י דרך התורה) אונ ער וועט איהם בעגליקקען מיט שפע פרנסה, עס וועט איהם געהן דורך מיהר אונ דורך טויער. דארף זיך אבער דער פארשטענדיגער מענש באדייגקען, זאלל שוין זיין אזוי אז ער וועט מיר באגליקקען וואו איך וועלל זיך קעהרען, אויף א קורצע צייט, אבער צו קאנן ער מיר העלפען בעת עס וועט זיך ענדיגען מיין ביסעלע יאהרען, אונ איך וועל קומען אויף דיא עוויגע וועלט. דאס איז געוויס ניט אין זיין האנד, (גבארדע פארקעהרט, דארטען ווערדט ער (דער יצה"ר) ערשט איין מקטרג אויפ'ן מענשען וואס האט איהם זיין גאנצען לעבען געפאלגט) היינט וועל איך דאך געוואטה זיין דאמאלס צו קעהרען זיך צוא דעם ליעבען גאטט, וועט ער מיר אנטווארטען וואו ביזטו געוועזען ביז א העהר, אז דוא קומסט צו מיר יעצט בעת דיר איז שלעכט? היינט צו וועסען וועל איך זיך קעהרען דארטען בעת איך וועל זיך געפינען צווישען נשמות קדושות פון דיא אבות אונ תנאים ואמוראים גאונים צדיקים וחסידים, שרפים ואופנים וחיות הקודש, וואס יעדער קאנן פארברענגען דיא גאנצע וועלט בהבל פיו, אז ניט צו השי"ת וואס ער איז דער עיקר מקור הרחמים והחמלה, דרום וויל איך זיך ניט פארדינגען צו קיין ווירטה חוץ דעם ליעבען גאטט, מיר איז בעססער צו ליידען א קורצע צייט כדי צו פארבלייבען נאכהער אויף עוויג אונטער דעם שוטץ פון זיינע פליגעל. דאס זאגט דוד המע"ה „מי לי בשמים", ווער קאנן מיר העלפען אויפ'ן הימעל חוץ השי"ת, דרום „ועמך לא חפצתי בארץ" וויל איך ניט משתתף זיין צו דיר קיין ווירטה אויף דיעזע וועלט.

אויף זייא קומט כריתות ומיתות ב"ד, איז געווארען ביי דיא וועלט וויא דיא קלענגסטע זאכען וואס מען מאכט דאס אוועק אונטערען האנד אונ מען צוטרעט דאס מיט דיא פיס, אונ פיעל אידישע קינדער וואס האבען זיך באזעצט דארטען, וואס פון אייביג אן זיינען זיי געוועזען כשרה אידען, וואס מיט זייער אייגענעם ווילען האבען זיי בוחר געוועזען צו ליידען דיא גרעסטע שמערצען איידער עובר צו זיין אויף איין מצוה, אונ היינט איז גאר דער היפוך. אונ וואס וועט נאך זיין אין שפעטיגע צייטען, ובפרט דער קינפטיגער דור וואס וועלען דארטען געבארען ווערען אונ וועלען האדעוועון זיך אין א וועלכע היינער, וואס דיא גאנצע תורה איז דארטען הפקר, אונ האבען גאר אין דיא אויגען ניט געזעהן קיין סימן אידישקייט, אונ עס איז אין זייער הארץ גאר ניט פארפלאנצט קיין שום ווארצעלע פון דיא הייליגקייט פון אידעשען דת, זיינען זיי דאך גאר געפערליך אז זייא זאלען זיך דורכמישען צווישען דיא אומות אונ פארלארען ווערען פון אידישע געמיינדע. אונ ווער האט זיי געבראכט צו דעם? ניט ח"ו וויא פארצייטען אין אינקוויזיציע וואס זיינען אויפגעשטאנען טיראנען צו צווינגען אונ אראפצופיהרען אידען פון זייער דת, וויא דען? נור מיט'ן אייגענעם ווילען צוליעב דעם ווילדען געלד-גייץ (הקדמת הממון) וואס שטארקט זיך אויף זיי, אבער אנדערע תאוות הזמן, וואס זיי יאגען זיך נאך זיי טאג טאגליך, ביז וואנען זיי פארגעסען אללע חובות פון איין איד וואס איז געבארען מזרע ישראל. וויא אזוי זאלען זיי זיך ניט באדעקען מיט שאנד אז מען זאלל זיך אויסרעכענען דיא הייליגקייט פון דיא תורה, וואס אונזערע עלטערען האבען אונז געמאכט ארבען מיט בלוט טעז עס זיינען אויפגעשטאנען אויף זיי פיעל טיראנען אונ דריקקער צו שטערען זיי פון קיום התורה, אונ זיי האבען זיך געשטארקט וועגען איהר הייליגקייט אונ האבען זיך מוסר נפש געוועזען צו שריפה אונ אללע מיתות, אונ אויף יעדער חוק פון דער תורה איז פארגאסען געווארען טייכען בלוט פון צעהנדליגע טויזענדטער אידען, וויא דער מדרש שרייבט (פ' אמור), וואריום פיהרט מען דיר צו פארשטיינגען? ווייל איך האב געמל'ט מיין זוהן. וואריום פיהרט מען דיר פארברענגען? ווייל איך האב געהיט שבת. וואריום פיהרט מען דיר הרג'נען? ווייל איך האב געגעסען מצה. וואריום קריגסטו געשלאגען מיטין קנוטע? ווייל איך האב געבענשט אתרוג, ווייל איך האב געליינט תפילין, ווייל איך האב געטראגען ציצית, ווייל איך האב געטאהן דעם רצון פון מיין פאטער פון הימעל! דיעזע שלאג האבען מיך געמאכט באליעבט צו מיין ליעבען פאטער פון הימעל. אונ דאסגלייכען אין וויפיעל דורות נאך דיא חכמי המדרש, האבען אידען זייער פיעל פארליטען נור אבצוהיטען זייער תורה, אונ האבען אונז געמאכט ארבען מיט דיא בלוט פון זייער הערצען דענן גאטטליכען דת אגאנצע אונ אפאלקאמענע מיט אללע איהרע געזעצע אונ ריכטע, אם ענדע אז מיר האבען דערלעבט אזא צייט וואס מיט דיא גענאדע פון השי"ת אונ מלכי חסד איז אונז פריי אונ פראנק אבצוהיטען דיא תורה מיט אללע הדורים אויפ'ן בעסטען אופן, היינט וויא אזוי זאללען מיר זיך ניט שאמען אז פון דיא קלענסטע תאוה וועגען, וואס נאם איז כלה ונפסד, טוהען מיר מיט העזה צושטערען דיא הייליגקייט פון אונזער תורה, וואס זיא איז דער שורש אונ לעבהאפט פון אונזער נפש אויף עוויג, וויא השי"ת זאגט אונז כי היא חייך ואורך ימיך, זיא איז דיין לעבען אונ דיא דערלאנגערונג פון דיינע טאג. וגם לפלא, עס איז אויך שטארק צו בעוואונדערען דיא מענשען וואס האבען אראפגעווארפען פון זיך דעם עול התורה והמצוה, וויא אזוי שרעקען זיי זיך ניט פאר גאטטעס צארען בעולם הבא אונ אויך בעולם הזה, וויא מיר ווייסען גוט אונזער היסטאריע, אז דיא גאנצע צייט וואס מיר זיינען געגאנגען אין גאטטעס וועג, האט געשיינט אויף אונז דיא השגחה פון השי"ת אונ מיר זיינען געוועזען לכבוד ולתפארת ביי אללע אומות, אונ זינט מיר האבען פארלאזען גאטטעס וועג אונ מיר האבען זיך אריינגעלאזען אין תאוות הזמן, פיעל צרות זיינען מיר אויסגעשטאנען, פיעל מאל האט מען אונז פארטריבען פון איין מדינה אין דיא אנדערע, פיעל פארוואגלונג זיינען מיר פארוואגעלט געווארען, פיעל בלוט אונזערע איז אויסגעגאסען געווארען אין אנדערע מדינות, אונ מיר זיינען געוועזען צו רויב אונ צו שאנד אונ צו פיעל גרויזאמסטע אונגליקקען. עס שטעהט נאך אויסגעמאלט פאר אונזערע אויגען דיא געשיכטע פון שפאניא וואס זיא איז געשריבען מיט בלוט אויף דיא בלאטטער פון אונזער לעבענס-געשיכטע אז פאר דעם גירוש האבען

זיך

זיך פֿעל אידען פֿון גרוים וואהלטאג אנגעלערענט דיא דרכים פֿון דיא אומות אונ האבען זיך דורכגע־מישט מיט זיי אונ נאכהער זייער ביטערען סוף איז שוידערהאפט צו הערען. אויך אין אונזערע צייטען האבען מיר עס געזעהן מיט אונזערע אויגען. אז אין איינינע מדינות וואס אונזערע ברידער האבען זיך דארט באזעצט, אונ וויא זייא האבען געזעהן אז דיא הצלחה שיינט זיי אונ זייערע שכנים וויזען זיי א פריינדליכע מינע האבען זיי אנגעהויבען צו צוריקקען זיך צוא זייא אונ אבקעהרען פֿון גאטטעס וועג אונ נאכטאהן דיא מהאטען פֿון דיא שכנים, אונ האבען זיך גאר ניט פֿארגעשטעלט אז פלוצלונג וועט זיך געבען א דרעה דאס ראדעל פֿון הצלחה. אונ אזוי איז געוועזען דער סוף, אומגעריכט איז געקומען זייער בראך אונ זייער גוטטעס איז געווארען צו רויב אונ זייערע הייזער צו וויסטענעס, אונ דאס אללעס האט אונז השי"ת פֿאראויס מתרה געוועזען (דורך דעם נביא יחזקאל), בזמן החורבן זיינען אויך געוועזען א זעלכע צולאזענע וואס האבען געוואללט א רונטערוואדפֿען פֿון זיך דעם עול התורה אונ זיין וויא אללע אומות, האט זיי השי"ת אנגעזאגט דורכ'ן נביא, והעולה על רוחכם היה לא תהיה, דאס וואס איך קומט אויף אויפֿ'ן געדאנקען אז איהר וועט זיין וויא אללע אומות, דאס וועט פֿיר קיין פֿאלל ניט זיין, איך וועל אייך אזוי לאנג לייטערען אין טיגעל פֿון פיין, ביז וואנען עס וועט אבגעטאהן ווערען פֿון אייך גאר דיא פסולת (אללע נארישע געדאנקען) אונ איהר וועט ווערען ביינע מבייע אונטערטהאנער גאטטעס אונ מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, ווייל השי"ת היט וואס ער האט פֿארשפּראכען אונ כורת ברית געוועזען (געשלאססען איין קאנטראקט) מיט אונזערע עלטערען אז מיר וועללען פֿארבלייבען זיין פֿאלק אונ ער וועט זיין אונזער הערר, אונ מיר וועללען קיין מאל ניט כלה ווערען, אפֿילו מיר וועללען זייער פֿיעל זינדיגען פֿאר איהם וועט ער אונז ניט מכלה זיין אונ ניט אוועקוואדפֿען פֿון זיך, נייערט ער וועט אונז שטראפֿען אונ ריינינען פֿון אונזער שמוטץ, מיר זאללען ווידער בלייבען איין ריינע אידעלע פֿאלק, דרום איז מיר א גרויסער וואונדער אויף דיא וואס ווילען ארא־וואדפֿען פֿון זיך דעם עול התורה אום צו ווערען אויסגעמישט מיט אללע פֿאלקער, וויא אזוי רעכנען זיי ניט אוים זייער שווארצען סוף וואס סוף כל סוף וועט אויף זיי קומען בעת השי"ת וועט זיי נעהמען אונטערען פרעסס צו ריינינען זייערע פֿלעקען אום זיי זאללען זיך קעהרען צו איהם. אונ בפֿרט דיא וואס פֿארטיפֿען זיך אין רשעות אז זיי ווילען פשוט אויסרייסען דעם ליעבען בוים פֿון דער תורה (עץ החיים) מיט'ן ווארצעל צוזאממען עס זאלל גאר ניט קענען אבוואקסען אונ ניט בלייבען קיין שארית פֿון דער תורה, וועט בוודאי קוממען אויף זיי א פֿינסטערע חמארע אין רעכטען העללען טאג זייערען *):

ובאמת עיקר הסבה וואס איז געבראכען דיא יסודי

חרדו

*) וויא שלמה המע"ה שרייבט אין קהלת אל תרשע הרבה למה תמות בלא עתך, ד. ה. דוא זאלסט זיך ניט אריינלאזען טיעף אין שלעכטעס ווארום זאלסטו שטארבען אהן דיין צייט. איין משל צו איין שר וואס איז געוועזען א גרויסער מדינה חכם אונ א וועלטעגער גוטהארציגער, האט געבויט א שטאדט אונ ארום שטאדט האט ער געפֿלאנצט א ליעבליכען כרם מיט טהייערע פֿערשידענע פֿלאנצונגען, מיט אללער האנד פֿרוכט אונ בלומען אונ אללעס איז געוועזען געמאכט זייער קונציג דורך גרויסע גארטנער אונ באטאניקער וואס דער שר איז געוועזען דער גרעסטער קאנגער פֿון זיי, אונ האט בעזעצט מענשען זאללען ארבייטען דיא ערד אונ פֿיהרען געשעפֿטען אונ אין זייערע רוהיגע צייטען זאללען זיי שפאצירען אין כרם בעטראכטען דיא גרויסע חכמה וואס ליענט אין יעדער בוימעלע אונ אין יעדער בלום וואס דער ריח איז א חיות צום נפש אונ איין ערקוויקונג צוא דיא זעלע. איז וואס מעהר זיי וועללען זיך מתבונן זיין אין דיא חכמה פֿון שר מיט זיין גוטהייט וואס ער פֿארלאנגט גליקליך צו מאכען זייגע דינער, וועללען זיי מעהר געהארכזאם זיין צו היטען אללע זיינע געזעצע פֿון דער מדינה וואס זיי זיינען פֿאראָרדענט צום גליק אונ רוהיגקייט פֿון איהרע באזיצער, דער שר זאלל מקבל נחת זיין פֿון זייער גליקליכען לעבען, וויא דער דרך איז פֿון א טוב ומטיב. ויהי היום דערזעהט דער שר דורכ'ן פֿענסטער פֿון זיין פאלאץ וואס איז געוועזען געבויט ניט וויים פֿון כרם אז איינער פֿון דיא איינוואהנער פֿון שטאדט רייסט פֿרוכט פֿון כרם אונ ברעכט אב צווייגלעך, דער שר קוקט אונ שווייגט. נאכהער הערט ער וויא דער שלעכטער מענש רעדט צו זיך: וואס

דארף

הבדת ביי פיעל מענשען איז, ווייל אגאנצע וואך זיינען זיא זייער פארבונדען אין טרדות הזמן אונ דעם היילגען שבת וואס השי״ת האט אונז געגעבען פיר איין טהייערע מתנה אויסצורוהען דעם קערפער אונ פערזאמלען זיך קאמפאניעס אונ חבורות צו לערנען די היילגע תורה, וויסען וויא צו פיהרען זיך בין אדם

דארף איך דיא מרחה צו רייסען יעהער פרי באזונדער איך וועל אבשניידען דעם גאנצען צווייג מיט דיא פרוכט". דעם שר האט דאס זייער שטארק פארדראסען אויף דעם שארען פון זיין ליעבליכען כרם, אונ אויף זיינע נידערטרעכטיגקייט, אז גיט גענוג וואס ער ווערדט ניט ענטציקט אויף דיא חכמה נפלאה וואס אין יעדער בוימעלע איז, צו בעטראכטען אונ דאדורך קריגען א גרויסע אהבה אונ עהרענפורכט צום שר ערלויבט ער זיך גאר צו פערדארבען דיא טהייערע פלאנצען, דאך האט זיך דער שר איינגעהאלטען אונ טראכט לאמיר זעהן וואס דיא אנדרע וועט זיין אולי וועט ער זיך אליין באדייגקען זיין שגעון אונ פארבעסערען זיינע מעשים, איך וועלל דאך איהם ניט פארנאמען שטרייגג צו בעשטראפען שפעטער אויך פיר זיין ווילדען מהאט, ער וועט דאך פון מיין האנד ניט אנטגעהן. דער שלעכטער מענש אבער האט זיך מיט דעם אויך ניט בעגנוגענט, אונ וויא ער האט בעמערקט אז ער טהוט דא וואס זיין הארץ גלוסט אונ קיינער זעהט ניט אונ שטערט איהם ניט "מהסתם איז דער שר גאר ניטא אין פאלאץ" זאגט ער צו זיך "וואס דארף איך דא אויסברייגגען צייט צו האק קען יעדער צווייג בעזונדער איך וועל בעססער אויסרייסען דעם גאנצען בוים פון ווארצעל אונ אנועקפיהרען צו זיך, דארטען וועל איך טאהן מיט איהם וואס מיין הארץ גלוסט". וויא דער שר האט דערזעהן אז ער איז זיך מכין אויסצורייסען דעם גאנצען בוים פון ווארצעל, האט ער ארויסגעשיקט קאזאקען מיט קאנציגעס, אונ מען האט איהם גענומען שניידען דיא הויט מיט איין דאנגער־שטימטע; דוא אונפאר־שעמטער פארדארבענער יונג! האלט אב דיין טיראנישע האנד! פריהער אז דער געעהרטער הערר פון כרם האט געזעהן אז דוא רייסט טהייערע פרוכט אהן רחמנות האט ער געשוויגען ער האט אויף דיר מיט־לייד געהאט, פילייכט האט זיך אויף דיר דיין יצר געשטארקט ממלא זיין דיין תאוה, ווייל באמת איז דיא פרוכט זייער זיסס, נור אז ער האט געזעהן אז דוא ביגסט אזוי דום פון צו פארשטעהן זיין גוטהערציגקייט אונ זיין מיטלייד אפילו צום ערגסטען מענשען, אונ האסט געמעקענט אז זיין שווייגען איז גאר ווייל ער זעהט ניט דייגע באזע טהאטען אונ דאדורך האט דיר דיין שלעכטע הארץ אנגערייצט צוהאקען דיא צווייגען פון דעם טהייערען כרם אונ דאס איז נאך אויך ביי דיר ווייניג דוא האסט זיך ערלויבט אויסרייסען דעם גאנצען בוים, דיא פרוכט פון אויבען אונ דיא ווארצלען פון אונטען, יעצט וועט מען דיר שוין מעהר ניט וואַרטען מען וועט זיך שוין מיט דיר אויסרעכענען אונ גוט בעלאהגען פיר דייגע אללע באזע טהאטען. דער נמשל איז זייער ריכטיג: דער שר איז הקב״ה דער קעניג פון אללע וועלטען, דער מקור החכמה אונ דער טוב ומטיב, דער כרם איז דיא היילגע תורה וואס זיא איז געפלאנצט מיט אזא חכמה נפלאה וואס האט גאר קיין גרונד גיט, דיא בוימער פון כרם זייגען דיא היילגע מצות, וואס זייא זייגען איין לעבענס־קראפט צו דיא וואס האלטען זייא פעסט בכבוד אונ יראה, איז דער פארשטאנדיגער מענש וואס לערענט דיא תורה אונ איז זיך מעמיק אין איהר חכמה, בילדעט ער אוים זיין הארץ צו זיין טריי צו גאטט אונ גוט צו מענשען, אבער בעוה״ר געפינען זיך היינט שועלים קטנים (קליינע פיקס) וואס זייער חכמה באשטעהט גור להרע, אזוי וויא דער פוקס, וואס זייגען מחבלים כרמים, אין אנפאנג רעדט זייא אן זייער באז הארץ אויסברעכען פרצות אין צאם פון כרם, ד. ה. עובר זיין אויף דיא תקנות וסייגים וואס דיא היילגע תנאים ואמוראים האבען געצאמט אז דיא בהמות (בצורת אדם) זאללען ניט צוטרעטען דעם כרם מיט דיא פיס, נאכהער רייצט זייא אן זייער באז הארץ אויסצוהאקען דיא צווייגען פון כרם, ד. ה. זיי אנטוואוען זיך עובר צו זיין במזיד (מוטהווילליג) אויף מצות עשה ולא תעשה, נאכהער עבירה גוררת עבירה, בעגנוגען זייא זיך מיט דעם אויך ניט ובהמשך הזמן ווילען זייא אויסרייסען אין גאנצען פון ווארצעל אונ מוטהווילליג טרעטען זייא מיט דיא פיס דיא הארבסטע מצות וואס זייגען שקול וויא דיא גאנצע תורה צב״ש שבת, חמץ בפסח אונ עריות אונ דאסגלייכען פון דיא מצות וואס איין יהודי איז מחויב זיך מוסר נפש זיין אויף זייא אונ ניט עובר זיין, גור באמת זאללען זייא ניט טאנצען אזוי פרייליך, דער בעל הכרם וועט גיט לאזען צו שטראפר געהן זיין טהייערען אונ ליעב־ליבען

אדם למקום און בין אדם לחבירו, פארברענגען זייא גאר דעם הייליגען שבת אין תאוות, וויא שפאצירען, קארטען, לייענען ראמאנען און נאך צרות און ווילדע תאוות, און גענומען קיין מאל א ווארט תורה ניט אין מויל, בלייבען זיי אינוויסענד פון ידיעת התורה און ווייסען ניט די הארבקייט פון עבירות און דעם גרויסען שאטץ פון איהרע מצות, און די אונוויסענהייט ברייננט אזוי פיעל מיט, אז פיעל מענשען מיינען אויף כמה מצות פון דער תורה אז דאס איז נור מנהגים וואס ביי יודען איז איינגעפיהרט און אויך מיינען זייא אויף כמה עבירות וואס איז דייטליך באשיידעט אין דער תורה צב"ש וויא שעטנז, גאלען די בארד און דאס גלייכען אז דאס איז נור מנהגי יהדות בעלמא, און דאס גלייכען עניני שבת ווייסען פיעל ניט וואס הייסט איין מלאכה, פיעל מיינען אז רויכערען א ציגאר אום שבת איז ניט קיין מלאכה נור אמנהג חסידות ער מיינט אז עססען חזיר איז פיעל הארבער וויא רויכערען שבת, דערווייל אבער וואס רויכערט אום שבת ווען מען זאל איהם געבען עססען חזיר וועט ער בשום אופן ניט עססען, אבער באמת נייגען זייא זייער אין טעות, הנם יעדער לאו פון דער תורה ווער עס איז עובר במזיד איז ער איין רשע און ווערדט פסול לעדות ולשבועה, אבער דער איסור שבת איז פיעל הארבער פון אללע עבירות, דער מחלל שבת איז חייב מיתת ב"ד (בזה"ב) און אפילו יעצט וואס מיר האבען ניט קיין סנהדרין זייא זאללען דן זיין מיתה קען ער געשטראפט ווערען סקילה איין הימעל-שטראף, דהיינו ער קאנן אראפפאללען פון א דאך און צושיטען זיך גלידער-ווייס, דאס איז דיא זעלבע וויא סקילה (בזמן הבית) און אפילו די ארדענטליכע אידען וואס היטען זיך שוין אב שבת פון איין מלאכה פאללען אויך פיעל פון זיי אריין אין א טעות אין אנגעהמען שבת און ארבייטען גאנץ שפעט אין שבת אריין, זייא מיינען אז צונעהמען שבת מיט די שקיעה איז נור איין פרומקייט, אבער באמת איז דאס מעיקר הדין תורה, שבת קומט אן גלייך מיט די שקיעה, אויך זיינען זיך פיעל טועה אין איסור הוצאה (טראגען וואו עס איז ניטא קיין עירוב), זייא מיינען אז איין נאזטוך ווייל מען דארף דאס מעג מען טראגען, אבער דאס איז א גרויסער טעות, און דאסגלייכען פאללען זייא אריין אין טעותים אין אנדערע עבירות און נאר די הארבע וויא עריות וכדומה, ער רעכענט אז ער וואהנט אין איין ארט וואו עס איז ניטא קיין בית טבילה פיר נשים איז די פרוי מותר צו איהם חלילה אהן טבילה, אדער אז ער זיצט אין א פליאץ וואו עס איז ניטא קיין שו"ב מעג ער עססען חלילה נבלות וטרפות, און נאך אזעלכע ווילדע טעותים אין כמה איסורי תורה. ווייי צו די אויערען הערענדיג אזעלכע פארגרעבטקייט! און באמת קומט דאס אללעס ווייל עס פעהלט ידיעת התורה. דרום, ווייל מיר האבען בעמערקט די גרויסע אונגליקען וואס קומען אויף אונזערע ארימע ברידער וואס זיינען ארעם אין ידיעת התורה, האבען מיר איבערזעצט פון חז"ל די הארבקייט פון די אללע זאכען וואס דער מכשול איז פיעל שכיח אין דעם, און דער גרויסער שטראף וואס עס קומט אויף דעם וואס איז עובר אויף זייא, און צוריק ריידענדיג דער גרויסארטיגער שכר וואס קומט אויף דעם וואס איז אבגעהיט אין די אללע זאכען, אויך האבען מיר ערקלערט דעם גרויסען שכר וואס קומט אויף דעם וואס איז פלייסיג אבצוהיטען איין מצוה וויא עס דארף צו זיין, ניט נור אבצוטאהן די משא וואס ליגט אויף איהם, דרום האבען מיר מעתיק געווען בקצור פיעל דינים וואס מען בעגעגענט זייא גאנץ

אפט

ליבען קרם, דאס איז די תורה הקדושה וואס זיא איז ביי איהם חביב גאר אהן איין שאטץ, און עס וועט ניט לאנג דויערען ביז וואנען עס וועט אויף זייא ברענגען גאטטעס צארען און זייא וועללען אויסגעריסען ווערען אין זייערע רעכטע מיטטעלע יאהרען און וועללען מוזען פארלאזען זייערע אונפארשאמטע תאוות וויא מיר האבען שוין פיעל אזעלכע געשיכטעס בייגעוואהנט אין אונזער היסטאריע, אז ווער נור עס איז אויפגעשטאנען אויף דער תורה אויסצורייסען איהר פון ווארצעל, איז ער זעלבסט אויסגעריסען געווארען און די תורה איז געבליבען פעסט און שיינט מיט איהר פראכט. דאס זאגט אונז דער חכם מכל אדם, אל תרשע הרבה דוא זאלסט זיך ניט פארטיפען אין שלעכטעס ד. ה. אויסרייסען דעם בוים פון דער תורה מיט'ן ווארצעל צוזאמען, ווארום זאלסטו שטארבען אהן דיין צייט, וויא אויך דוד המע"ה זאגט ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו. אבער ענוים ירשו ארץ והתענגו על רוב שלום.

# הקדמה

אפט אונ מען קען נכשל ווערען אונוויסענדיג, צב״ש הלכות שבת, נדה, מאכלות אסורות, אויך פיעל הויפט דינים פון ק״ש ותפלה אונ נטילת ידים, אונ איך האף צו השי״ת אז ווען דיא קוראים נכבדים וועללען זייא בעמערקען וועללען זייא געפינען א גרויסען גוטין צו דיא אללע זאכען וואס זייא וועלען נעבעך נכשל אין זייא אונוויסענהייט, אזוי וויא אונזערע חכמים ערקלערען אונז דיא היילינע ווארטער פון דיא תורה וראיתם אותו וזכרתם אז זכירה (בעמערקען דיא זאך) ברייננט צו עשיה (טאהן דיא זאך), אויך זאגען דיא חז״ל גדול תלמוד, לערנען אונ בעמערקען איז מעהר א גרויסע זאך, ווייל דאס ברייננט צו טאהן וואס מען בדארף. אונ לערנען דיא תורה איז דער הויפט-מיטטעל עס זאל ניט צו שטראנד געהן דיא זיילען (עמודים) פון אונזער היילינע רעליגיאן, וואו מען איז פארווארפען, אונ אויך דיא וואס זייגען נעבעך פארשטויסען אונ צובראכען וועללען געהיילט ווערען פון זייערע וואונדען אונ קומען צוריק צום לעבען, אויב זיי וועללען זיך אנהויבען עטוואס צו שטארקען אין לימוד התורה, אזוי וויא דער נביא ירמיה איז דאס אונז מגלה אין דעם נאמען פון השי״ת אין דיא צייט פון חורבן וואס דאנן איז אויך געווען פיעל מענשען וואס זיינען אראפ פון גאטטעס וועג, איז געווען א גרויסע פראגע ביא חכמים ונביאים צו ליעב וועלכע פריצים איז דיא לאנד אזויא פארלארען אונ צו שטראנד געגאנגען? אונ קיינער האט דאס ניט געקאנט פארשטעהן ביז וואנען השי״ת אליין האט דאס ערקלעהרט: על עזבם את תורתי, ד. ה. ווען זיא האבען אפילו פארלאזען השי״ת ד. ה. זיא האבען יט מבטן געווען מיט זייערע מצות צו טאהן א נחת רוח צו זיין ליעבען נאמען, נור זייא האבען דאך געטאהן מצד געוואהנהייט אראפ צו פטר׳ן א משא פון זיך, ווען זייא וואלטען אבער ניט אבגעריסען זיך פון תורה, וואלט דיא שיין פון דער תורה זייא צוריקגעפיהרט צום גוטען וועג. אויך זאגען אונזערע חכמים ז״ל, השי״ת זאגט איך האב בעשאפען איין יצר הרע, וואס ער ברענגט גרויסע אונגליקען אויפ׳ן מענשען האב איך אבער בעשאפען איין רפואה צו איהם דאס איז דיא תורה, דער וואס לערנט דיא תורה ווערדט אויסקורירט פון אלע מחלות פון יצה״ר.— ומה טוב וויא גוט וואלט עס געווען אז מען זאל דאנו קאנען איינפיהרען צו לערנען אין חברות, וואס לבר דיא גרויסע מצוה פון למוד התורה ברבים, ווערדט נאך פארהייליגט דעם עוויגענס נאמען, ווען א רבים לערנען צוזאמען, וויא דיא חז״ל ערקלעהרען דעם פסוק הסכת ושמע ישראל, מאכט קאמפאניעס אונ לערנט צוזאמען, אויך איז דיא מעלה פון א קאמפאניא, עס ווערדט דאך נתפרסם ברבים דיא גרויסקייט אונ דיא הייליגקייט פון דיא מצות אונ דיא הארבקייט פון דיא עבירות האט דאס מעהר קיום ביא יעדערען, אונ דער זכות פון תורה ברבים וועט אונז ברייננען דיא טאהרע גאולה וויא אין תנא דבי אליהו שטעהט אז דיא גאולה וועט קומען ניט צוליעב צרות אונ טלטולים אונ דחקות אונ חסרון פרנסה וואס יודען האבען געהאט, נור צוליעב תורה וואס צעהן אידען זיטצען צוזאמען אונ לערנען איינע מיט דיא אנדערע, זייער שטימע איז בוקע רקיעים אונ וועט ברייננען דיא וואהרע גאולה וואס מיר האפפען צו איהר במהרה בימינו אמן!

# נדחי ישראל

## פרק ראשון

**בו יבואר מן הכתוב גודל החיוב לשמור את התורה אף בעת שהוא מתנודד בקצה הארץ מגוי אל גוי ובזכות זה תבוא הגאולה. וגם יבואר בו הסבות המביאות לרפיון התורה בעת ההיא ואיך להשמר מהם:**

ברוך ה׳ אלהי השמים אשר הבדילנו מן התועים ונתגלה לנו באור שכינתו בפרסום רב נגד ששים רבוא אנשים ודבר עמנו פנים בפנים ונתן לנו תורתו הק׳ כדי לחיותנו בעוה״ז ולזכותנו לנצח כמה דכתיב ויצונו ה׳ לעשות את כל החקים האלה ליראה את ה׳ אלהינו לטוב לנו כל הימים לחיותנו כהיום הזה. ובאורו שע״י קיום התורה אדם זוכה שיהיה לו חיות וקיום בעוה״ז וכמה דכתיב ויאמר אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלהיך וגו׳ כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך וגו׳ וגם קיום נצחי לעוה״ב. והנה כשנתבונן היטב את כל הענינים שעברו עלינו מעת היותנו לעם נראה בחוש כי בעת ששמרנו את תורת ה׳ נתקיימו עלינו כל הברכות שהבטיחנו בתורתו הקדושה ולא נפל דבר אחד מכל דברו הטוב שדבר עלינו וכמו שהעיד כ״ו יהושע לעיני כל ישראל וכדכתיב ביהושע כ״ג וכן בימי כל מלכי יהודה וישראל בעת אשר התחזקו ללכת בתורת ה׳ הצליחו עד מאד כמבואר הכל בדברי הנביאים, ולהפך מעת שסרנו מלפניו והתחלנו לעבור על תורתו ירדנו ממדרגה למדרגה כמו

שאמר

---

פרק ראשון

**ווייזט אויף פון פסוק וויא גרויס דער חיוב איז צו היטען דיא תורה אפילו בעת מען איז פארווארפען אונ פארשפרייט אין עק וועלט, אונ גראדע צוליעב דעם (וואס מען וועט היטען דיא תורה פארוואגעלטערהייד, וועט קוממען דיא גאולה, אונ דא ווערדט ערקלעהרט דיא סבות וואס ברייננען שלאפקייט אונ אבגעלאזטקייט אין דער תורה, אונ דיא מיטטלען וויא זיך אויס־צוהיטען פון זייא:**

ברוך ה׳, געלויבט איז דער וואס אין הימעל, וואס האט אונז אבגעזונדערט פון דיא אומות וואס האבען געבלאנדזעט אונ ניט געוואוסט דיא אמת׳ע וועג, אונ ער האט ערשיינט צו אונז מיט זיין ליכטיג־קייט פיר א גרויסע פובליקום פון זעקס מאל הונדערט טויזענד מאנער (לבד נשים וטף) אונ מיט אונז גע־רעדט פנים אל פנים אונ האט אונז געגעבען זיין היילינע תורה מיר זאללען היטען זיינע געזעצע וואס זייא מאכען איינפליסען אין מענשען ערהעפורכט פיר גאטט, מיר זאללען פארברייננען א גייסטליכען א גליקליכען לעבען אויף ביידע וועלטען (וויל דורך דעם קיום התורה והמצוה ווערט מען געשיטצט פון דיא אללע פורעניות וואס איז עלול צו קוממען מצד הטבע, אונ דאס גיט א שמחה אונ א געזונדהייט אין נפש אז מען זאל האבען איין קיום נצחי בעוה״ב). — אונ ווען מיר זאללען דורכמישען דיא בלאטטער פון יודישע היסטאריע זינגט מיר זיינען געווארען איין פאלק, זעהען מיר שיינבאר אז אין דיא צייט וואס מיר האבען געהיט דיא תורה איז אויף אונז מקוים געווארען אללע ברכות וואס דער עווינער האט אונז פאר־שפראכען אין זיין היילינע תורה, עס איז איין ווארט ניט געמינערט געווארען, וויא יהושע האט זייא גע־צייגט אין זיין צייט, אונ אויך אין דיא צייט פון מלכי יהודה וישראל בעת זייא האבען זיך געשטארקט צו געהן אין דרך התורה, האבען זייא געהאט גרויס הצלחה אין אללע געגענשטאנדע, וויא עס איז דייטליך בעשריבען אין דיא ביד פון דיא היילינע נביאים, אונ להיפך בעת מען איז אראפ פון דרך התורה והמצוה, זיינען מיר אראפגעפאללען פון איין מדרגה צו דיא

גידעריגערע

שאמר בפרשת בחקותי ואם עד אלה לא תשמעו לי וגו' ויספתי וגו' עד שלבסוף נתמלאה סאת עונותינו ונפזרנו בין העמים בארצות רחוקות וכמו שאמר הכתוב בפ' התוכחה והפיצך ה' בכל העמים מקצה הארץ וגו' ונאמר עוד בפ' נצבים אם יהיה נדחך בקצה השמים וגו', [וזה נתקיים בעו"ה בימינו שישראל נפזרו בקצה השמים אף באמעריקא הרחוקה וכן בכמה מדינות הרחוקות מאד] וכן נאמר עוד בפ' ואתחנן והפיץ ה' אתכם בעמים וגו' ואעפ"כ לא נתיאש מרחמי ה' כי רחמיו לא כלו ובאותה פרשה גופא כבר הבטיחנו הקב"ה שכאשר נבקשהו אף משם ימצא אלינו אך שיהיה בכל לב ובכל נפש וכדכתיב שם ובקשתם משם את ה' אלהיך ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך וכתיב עוד שם בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלהיך ושמעת בקולו. אך לא בארה לנו שם התורה בפירוש אופן התשובה וגלתה לנו במקום אחר והוא בסדר נצבים שכתוב שם ג"כ זה הענין גופא שכתוב שם והיה כי יבאו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה אשר נתתי לפניך והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה' אלהיך שמה [ר"ל שתתבונן מהברכות שבאו עליך מקודם בעת שקיימת את התורה ומהעונשים הבאים עליך בסוף שהם בהשגחת ה' שהלא לא באו עליך טובות ורעות אחרות כ"א אותן שנתן לפנינו] ושבת עד ה' אלהיך ושמעת בקולו ככל אשר אנכי מצוך היום אתה ובניך בכל לבבך ובכל נפשך ושב ה' אלהיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה' אלהיך שמה, וכן כפל לנו בסוף הפרשה כי תשמור מצותיו וחקותיו הכתובה בספר התורה הזה, הרי בארה לנו בפירוש שעיקר התשובה הוא שנראה לשמור את התורה אף בהיותנו בין העמים ותשובה מעולה בלב ונפש ובזכות זה תהיה הגאולה:

והנה כאשר נתבונן עתה בענין קיום מצות התורה וחקיה בזמננו זה בעו"ה רפה מאד אף לאיזה אנשים שהם בביתם וברשותם ובפרט לאנשים המתנודדים בארצות רחוקות, כגון באמעריקא ואפריקא ואנגליא ימצאו רבים שהוקל בעיניהם קיום התורה והמצות

---

גידעריגערע מדרגה ביז וואגען מיר האבען געשטירצט צום אבגרונד און אם ענדע וויא עס איז פול געווארען דיא מאסס פון אונזערע זינד זיינען מיר צו שטראנד געגאנגען און צושפרייט געווארען אין אללע עקקען וועלט, וויא מיר זעהען היינטיגען טאג, אז אידען זיינען צושפרייט וואו דיא וועלט האט נאר איין עק ריכטיג וויא אין דער תוכחה איז באשיידעט והפיץ ה' אתכם בעמים כו' נאכהער טרייסט אונז השי"ת אז ווען מיר וועללען אפילו קוממען צום שפיץ פון אונגליק זאללען מיר זיך ניט פארצווייפלען און ער האט אונז פארשפראכען אז ווען מיר וועללען זיך קעהרען צו איהם אפילו פארוואָרפענערהייד אין עקק וועלט וועט ער זיך לאזען געפינען צו אונז נאר עס זאלל אבער זיין בכל לב ונפש וויא דער פסוק באשיידעט אונז ובקשתם משם כו' בצר לך ושבת כו' אז דיר וועט ווערען וועהר ענג און דיר וועט פאסיערען דיא אללע אונגליקקען וואס איך האב דיר פאראויס אנגעזאגט זאלסטו זיך קעהרען צוא גאטט און גוט בעטראכטען מיינע ווארטער, ד. ה. דוא זאלסט בעטראכטען פון דיא ברכות וואס אויף דיר איז געקוממען בעת דוא בינסט געגאנגען אין דיא וועג פון דער תורה און פון דיא קללות און שטראפע וואס דיר האט פאסירט בעת דוא בינסט אראפ פון דיא וועג פון דער תורה, קענסטו פון דיזעם אנמערקען אז דאס איז מיט דעם געוויזענם השגחה, והראיה עס איז אויף דיר ניט גע-קוממען קיין אנדערע ארט ברכות וקללות נור דיזע וואס דיא תורה האט דיר פארגעשריבען מיט טויזענדער יאהר פאראויס, דרום זאלסטו זיך צוריקקעהרען צו השי"ת און זאלסט איינהארכען דיא רייד פון דער תורה דוא מיט דיינע קינדער מיט דיין גאנצען לייב און זעלע, דאנן וועט השי"ת צוריקקעהרען אין זיין לאנד דיין געפיינגענעם (דיא עמיגראנטען) און וועט דיר צוזאממען קלויבען פון אללע פאלקער וואס ער האט דיר פארשפרייט צווישען זיא, זעה איך וואהל פון דיא אללע ווערטער פון דער תורה אז דער עיקר תשובה באשטעהט, אז מיר זאללען זיך נעהמען צו היטען דיא תורה אפילו בעת מיר זיינען צווישען דיא פאלקער און בזכות זה וועט קוממען אויף אונז דיא הילף פון דיא גאולה:

והנה, און אז מיר זאללען זיך מתבונן זיין וויא ווייט עס איז שוואך געווארען דער קיום התורה אין אונזער צייט אפילו ביי דיא מענשען וואס זיטצען רוהיג צו הויז, און ווער רעדט נאך ביי דיזע וואס זיינען געבליבען גע ווארען אין אללע עקקען וועלט געפינען זיך

והמצות ואחדים יש שעוברים על מצות התורה בשאט נפש ויש מהן שעוברין אף על דברים שצוהה התורה שיהרג ולא לעבור עליהן. והנה כאשר נבוא לחקור אחר סיבות הענין שנתרשל אצלם קיום התורה והמצות רבות הנה אך ארבע סבות הם העקרים הראשונים הגורמים להסיר האדם מדרך ה׳. יש מהם שהתרשלותם הוא מצד שנדמה בנפשם בעת תחלת כניסתם להמדינה ההיא שעל איזה ענינים הם מוכרחין לעבור על גדרי התורה וע״כ חושבין בדעתם כיון שנסבב מאת ה׳ שיהיו מוחריכן להתגלגל באלו המדינות מסתמא סילק אותם מעל פניו וכבר ירד מדרגתם מכלל שאר אומה הישראלית העם אשר בחר ה׳ לחלקו והוא מתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך ומתיאש בהמשך הזמן לגמרי מקיום המצות, וע״כ יעבור לפעמים אף על החמורות שבחמורות, כגון חלול שבת ועריות וכדומה ונעשה כל התורה בעיניו כהפקר. ויש מהם שסבת התרשלותם הוא מצד חסרון ידיעה שאינם יודעים איך להתנהג
בעתים

---

זיך א סך וואס האלטען פאר גרינג דעם קיום התורה ומצות, אונ עס איז נאך פארהאנדען איינינע וואס זייגען גאר עובר אויף דער תורה מיט צולאזענקייט אונ עזות, אונ עס געפינען זיך נאך איינינע וואס זיינען עובר אפילו אויף דיא הארבסטע עבירות וואס עפ״י דין תורה איז איין יהודי מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין אונ ניט עובר זיין, אונ אז מיר וועללען נאכפאר־שטען דיא אורזאך פון דעם, געפינען מיר פיער הויפט־סבות וואס פיהרען אראפ דעם מענשען פון גאטטעס וועג: א) עס איז פארהאנדען יעניגע וואס זייער שוואכקייט אין אידישקייט איז, ווייל בעת זייא קוממען אן אין דעם נייעם ארט אונ עס בייט זיך זייער גאנצער אויפפיהרונג, דוכט זיך זייא אז אויף איינינע זאכען פון דער תורה זיינען זייא מוכרחים עובר צו זיין, ווייל עס איז זייא ניט אזויא בעקוועם דאס אבצוהיטען, אונ דער פאלשער געדאנק פיהרט זייא צו נאך איין ערגערען טעות, ער טראכט וויא באלד אז השי״ת האט מסבב געוועזן אז זייא זאללען פארווארפען ווערען, מהסתם האט ער צוגענוממען זיין השגחה פון זייא, אונ זייער מדרגה איז שוין נידעריגער פון דיא גאנצע פאלק וואס השי״ת האט אויסערוועהלט צו זיין טהייל. ועבירה גוררת עבירה אזדאדורך רעכענט ער: ״איך וועל שוין גאר געהן נאך וואס מיין הארץ געלוסט״ אונ איז זיך מיאש אין גאנצען פון אידישקייט אונ תורה ומצות אפילו פון דיא הארבסטע זאכען וויא חלול שבת אונ עריות רח״ל, וכדומה, דיא גאנצע תורה ווערדט בייא איהם הפקר. אבער וויא נארריש איז דער געדאנק וויא דער נביא יחזקאל האט ערקלעהרט צו דיאזעלבע סעקטע אויף זייער נארישע פראגע, איין עבד וואס דער ווירטה האט איהם פארקויפט, וואס פיר איין מחותן איז ער מיט איהם? דארום האבען זייא גע־וואלט אראפווארפען פון זיך דעם גאנצען עול התורה, האט זייא השי״ת געאנטווארט דורך דעם נביא, נוייזט מיר דעם בעל חוב וועמען איך בין שולדיג אז איך זאלל דארפען אייך פארקויפען פיר מיין שולד, דאס פארשטעהט דאך יעדער בר דעת אז דער גלות איז נור אויסצולייטערן אונז אין טיגעל פון נאטה אונ ארמוטה, אבער השי״ת האט זיך ניט ענטזאגט אויפצופאססען אונז אונ צו בליקקען אויף אונז כמ״ש ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים כו׳ וואס דאס געהט אויף דיא ד׳ מלכיות וואס האבען משעבד געוועזן מיט ישראל, אונ אין אללע צייטען איז ער אונזער הערר וואס ער איז מייחד זיין נאמען אויף אונז, דארום דארף וויססען יעדער איד וואס איז געבעך פארווארפען אפילו אין עקק וועלט אז ער איז בצוליעב זיין פארוואגלונג ניט אראפגעפאללען פון זיין אידישע מדרגה, אונ דער קעניג פון דער וועלט איז נאך זיין גאטט, אונ אפילו ער איז פארוואגעלט אין אזא ארט וואס ער איז געצוואונגען איבערטרעטען אויף איינינע דיני התורה צוליעב סכנות נפשות ממש, פון דעסטוועגען דארף ער וויססען אז ער איז נאך איין ישראל וויא פאר הער, אונ איז מחוייב צו היטען דיא איבעריגע דיני התורה וואס נור ער קאנן, אונ אויב ער איז עובר אויף איין זאך וואס ער איז ניט געצוואונגען עובר צו זיין, ווערדט ער מיט דעם איין רשע גמור, וואס איז עובר מוטהווילינ (מיט זיין גוטען וויללען) אויף גאטטעס רצון. מיר קאנגען בעמערקען וואס דיא תורה שרייבט אין פ׳ בהר פון איין איד וואס ער פארקויפט זיך פאר נאטה פיר איין פאדאנגע צו איין גר תושב אדער נאך ארגער אין איין קירך פון געצען־דיענער, הגם ער איז שוין א גרויסער בזוי, ווייל ער וייס דאך אז ער וועט מוזען עובר זיין פיעל מאל דיני התורה, פון דעסטוועגען ערקלעהרט אונז דיא תורה אין פיעל פסוקים ער זאלל ניט זאגען עייל
זיין

בעתים הללו שהוא מתגודד בארצות רחוקות כי אין מצוי שם ממי לשאל אפילו דינים הפשוטים וכ"ש דינים הצריכין עיון וגם רוב עצה האיך להתחזק בעניני הדת כי שם צריך הרבה חיזוק בענין זה כי במקומותינו גדר הבושה מסייע שילך אדם בדרכי השי"ת כדי שלא יתבייש מחבריו ורעיו כשיכור מדרך השי"ת ושם בעו"ה בכמה מקומות להיפך ע"י פוחזים ורקים. ויש עוד סיבה שלישית אשר היא יותר גרועה ומצויה מכולם, והוא מצד שמצוי לו לראות בכל יום הרבה אנשים ממכיריו ורעיו והם מאנשי עירו ממדינתנו שקיום מצות התורה הפקר הוא בעיניהם וע"כ היצר מסיתו לומר לא אני יחיד בדבר זה כמו שיהיה עם שאר אנשי העיר הזאת כן יהיה עמדי. והנה על כת זו אמשול לך משל למה הדבר דומה לאחד שנתפש ונחבש בבית האסורים על איזה עלילה וימר לו שם ויהי לו שם יום לשנה, ויבאו אחיו ובית אביו לנחמו ויספרו לו כי זה מקרוב אירע דבר כזה במדינה אחרת לאדם אחר פלוני אלמוני וגם הוא נחבש באופן קשה כזה ממש, ויען ויאמר להם הבזה נחום הוא לי אבל הוא לי, אלו הייתם מספרים לי שלבסוף ניצול אותו פלוני מזה

---

זיין הערר דיענט אבגאטטער וועל איך אויך אזויא טאהן, ווייל מיין הערר איז מגלה עריות וועל איך אויך אזויא טאהן, ווייל מיין הערר איז מחלל שבת וועל איך אויך אזויא טאהן, דרום זאגט דיא תורה ניט אזויא זאלסט איהר רעדען, הנם דוא בינסט פאר־קויפט צו איין געצען־דיענער בינסטו נאך אללעם מיין קנעכט אונ איך בין אייער גאטט, פון גאטטעס הערשאפט קען מען זיך ניט אויסשליסען ווייל אומעטום גרייכט זיין רעגירונג, על אחת כמה וכמה, דער וואס איז פארוואגעלט אין מרחקים וואס ער האט זיך ניט פארקויפט אויף עוויג צוא קיינעם נור עס איז נגזר געווארען אויף איהם ער זאלל זיין אויף א געוויססע צייט נע ונד אין א פרעמדע לאנד, איז ער בודאי ניט געפאללען ביא גאטט צוליעב דעם, אונ דיא תורה רעדט נאך אוים דייטליך אם יהיה נדחך בקצה השמים, ווענן דיין פארשטויסונג וועט זיין אפילו אין עקק וועלט האבען זייא נאך אויף זיך דעם עול התורה והמצות, אונ אויב זייא וועללען דאס בעטראכטען אונ מקיים זיין וועללען זייא זוכה זיין צוליעב דעם צו איין וואהרע הילף. — דיא צווייטע אורזאך פון שלאפקייט אין קיום המצות איז בייא אנדערע מצד חסרון ידיעה, ווייל ער האט ניט בייא וועמען צוא פרעגען וואס מען מאר אונ וואס ניט, אונ האט ניט מיט וועמען איין עצה צו האלטען זיך וויא צו שטארקען זיך אין יודישקייט וואס זיא קאל־טערט דארטען פון טאג צוא טאג, איבערהויפט וואס דארטען פעהלט דער גרויסער מיטטעל „בושה" וואס השי"ת האט איהם בעשאפפען פיר איין מיטטעל אפילו פיר דעם שוואכען געפיהל וואס אליין פערשטעהט ער ניט דיא וויכטיגקייט פון תורה ומצות אונ פון זיך אליין ווערדט ער ניט ערוועקט, מאכט אויף איהם איין ווירקונג דיא בושה, עס איז דאך איהם א שאנד ארויסצווארפען אידישקייט ווען ער איז אין איין יודישע שטאדט צווישען בעקאנטע ארדענטליכע אידישע מענשען, אונ דאס האט א גרויסען כח אנצוהאלטען דעם מענשען פון פיעל עבירות. אבער אין יענע קאנטען האט ער ניט פיר וועמען צו שאמען זיך, ובפרט ווען ער זעהט נאך פיעל ריקים ופוחזים וואס טוהען אללעס גאז, איז דאך איהם גרינגער צו זיין א מיט־ברודער מיט זייא. די דריטע אורזאך איז ארגער פון אללע אז ער נעהמט בעקאנטע פון זיין שטאדט, אז זייא טהוען אויך אללעס גאז אונווארפען פון זיך ארונטער דעם עול התורה, דאדורך ביינט איהם זיין שלעכטער געדאנק: „איך בין דאך ניט איינער אין דיא גאנצע מהאטען, וויא עס וועט זיין מיט אללע־מען וועט מיט מיר זיין", ד. ה. צרת רבים חצי נחמה, אבער ווען זייא זאללען זיך מתבונן זיין, וועללען זייא אליין זעהן וויא נוויט נאררישׁ אונ אונפערשאמט דיזער געדאנק איז. מיר וועללען דאס פארשטעללען מיט איין ביישפיעל: איינער איז אמאל ארעסטירט געווארען איבער איין עלילה, ער האט זעהר פיעל געליטען אין פינסטערען אסטראג עס איז איהם געווען א טאג וויא איין יאהר, זיינען געקומען זיינע פריינד איהם צו טרייסטען האבען זייא איהם ערצאהלט אז דא ניט לאנג האט פאסירט אזא גלייכעניס, אין יענע אונ יענע מדינה צו דעם אונ צו דעם מענשען ער זיצט אויך שטרייג ארעסטירט אונ ליידעט פיעל שמערצען. זייא האבען געמיינט איהם צו בערוהיגען מיט דעם, האט ער זייא געאנטווערט: „איז דען דאס איין נחמה? דאס איז דאך נאך מעהר טרויער פיר מיר; ווען איהר וואלט מיר ערצאהלען אז אם ענדע איז יענער בעפרייט געווארען וואלט דאס אפשר גע־ווען

מזה העונש אפשר שהייתם מפינים לי דאגותי במקצת ע"ז או עכ"פ אם הייתם מספרים לי שפלוני אלמוני נתפס ג"כ על ענין זה והיום או מחר יהיה ג"כ נחבש עמי בחדרי אפשר שזה היה ג"כ קצת נחום אלי כאשר אראה שאני אינני יחיד בדבר הזה אבל עתה שהוא נחבש במדינה אחרת מה יתן ומה יוסיף מזה אם מכים וחובשים עוד אדם, וכן נמי בענייננו ממש מה יתרון יגיע לו לאדם אם עוד אדם עובר עבירה וגם הוא נחבש באופן קשה כזה במקום אחר הלא מקום הגיהנם ידוע הוא שהוא גדול מאד שכל העולם הוא אחד מכמה אלפים בגיהנם כמו שאחז"ל בפסחים צ"ד ע"א ע"ש, ויש בידו לתפוס למאות ולאלפים אנשים אשר כל אחד מהמה רחוק מחבירו כמה מאות פרסאות ולא יראה ולא ישמע מחבירו כלל וביותר שאש של גיהנם איננו כמו אש שלנו שהוא מאיר אלא שהוא אש של חשך [דהיינו שאין בו רק כח השורף ולא כח המאיר כלל], וכדאיתא במדרש שהחשך שהיה בתחלת בריאת העולם נשאר בגיהנם, א"כ אין כל אחד רואה את חבירו ולא שומע ממנו כלל אלא כל אחד בוכה וצועק אוי ואבוי במקומו. היוצא מדברינו שהאדם אין לו להסתכל על חבירו לשום דבר רע אפילו אם הם רבים וכמו שרמז ע"ז בתורה דכתיב לא תהיה אחרי רבים לרעות. ואין עצה מחברים רעים כאלה רק להתרחק מהם בכל היכולת שלא לילך עמהם כדי שלא יבוא לספר עמהם ולהתמיד בישיבתם ולעשות כמעשיהם וכמו שאמר הכתוב בספר תהלים אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד, ואחז"ל אם הלך סופו לעמוד ואם עמד סופו לישב. ועוד נדבר בזה בפרקים הבאים אי"ה. ויש עוד סיבה רביעית שהיא גורמת להסיר קדושת ה' מעל האדם, וממילא יסור מכל התורה והמצות ויתבאר ענינו בפרק עשירי עיי"ש. ועתה נדבר רק באלו השתי כתות הראשונות ונשיב על ראשון ראשון. דע כי מין יצה"ר זה של כת ראשונה לא חדש הוא וכבר היה לעולמים בדורות החורבן והשיב לנו הקב"ה ע"י נביאיו על הטעות זה של היצה"ר. דהנה ידוע מה שאחז"ל [סנהדרין ק"ה א] בעת שגלו ישראל באו אנשים שרצו לפרוק מעליהם עולו של הקב"ה ליחזקאל הנביא ואמר להם הנביא שיחזרו בתשובה ואמרו לו עבד שמכרו רבו ואשה שגירשה בעלה כלום יש לזה ע"ז כלום ורצונם שעל כרחך כיון שהקב"ה מסר אותנו ת"י האומות שוב גירש אותנו מהיות לו לעם וא"ל הקב"ה לנביא לך אמור להם אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה או מי מנושי אשר מכרתי אתכם לו, וכוונת הכתוב כי ענין גלותנו איננו ענין גירושין ולא ענין מכירה, כי הקב"ה כל

העולם

---

ווען פיר מיר איין טרייסט, אדער לפחות אז איהר וואלט מיר ערצאהלען אז יענער אונ יענער מענש איז אויך ארעסטירט פיר דיזעלבע נאך אונ היינט אדער מארגען ווערט מען איהם זעטצען מיט מיר צוזאממען אין איין חדר, וואלט דאס אפשר געווען א שטיקעלע נחמה, איך וואלט זעהן אז איך בין ניט אייגער אין דיא פיין אונ שמערצען, אבער יעטצט, אז יענער איז געזעצט אין אסטראג האדטען אונ דארטען וואס איך זעה איהם ניט אונ ער מיר ניט, וואס פיר א טרייסט קאנן דאס מיר זיין, עס איז מיר ניט גענוג מיין צער דארף איך נאך הארען אז יענעם איז אויך פינסטער אונ ביטטער". דער נמשל איז ריכטיג מיט אונז: אז דער גיהנם וואלט געווען א קליינער פלאץ וואס אללע רשעים וואלט מען דארפען צוזאמען זעטצען אין איינעם. וואלט אפשר געווען א שטיקעלע נחמה, דאס נאררישע מענשען טרייסטען זיך בנחמה של הבל. איך בין דאך ניט איינער עס איז דא צו מיר פיעל רשעים, וויא עס וועט זיין מיט אללעמען וועט זיין מיט מיר אויך". ווען אבער א מענש מיט איין געפיהל זאלל בעטראכטען אט וויא גרויס זאכט זיך דיא וועלט איז וואס פיר איין נאטשעניע האט זיא מעהר ניט אנטגעגען איין פלאנעט פון הימעל, אז דיא זונן אליין איז מעהר וויא איין מיליאן מאל גראס-סער וויא דער גאנצער ערד-קוגעל אונ וואס נאטשיעט דיא זונן אנטגעגען דעם גאנצען רוים אונ נאך דעם חשבון זאגען אונזערע חכמים ז"ל וואס האבען אללעס געזעהן ברוח הקודש אונ געהאט בקבלה איש מפי איש עד משה רבינו ע"ה, אז דער גיהנם איז פיעל טויזענדטער מאל גראססער וויא דיא גאנצע וועלט, וועט דאך אויסקומען פיר יעדער רשע א גרויסער פלאץ גיהנם, אונ ווייט איינער פון דעם אנדער'ן א גרויסען מרחק, וואס איינער דעם אנדערן וועט גאר ניט זעהן אונ ניט הארען, יעדער וועט נור שרייען אונ זיך בייסען זיין פלייש בעזונדער, היינט וואס קאנן דאס זיין פיר א נחמה אז עס איז דא נאך פיעל רשעים וואס יענער ליידעט אויך פיעל ביטטערע שמערצען

העולם שלו ואיננו בע"ח למי שיצטרך למכור לו בניו עבור חובו והגלות בין העובדי כוכבים הוא לכלה הפשע ולהתם החטאת כמו שכתוב בדניאל ועוד טעמים כמו שנכתוב לקמן בפרק שני. ואף בהיותנו תחת אויבינו הוא רק אלהינו ולא אלהי האומות עובדי כוכבים ומזלות כמו שכתוב ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם כי אני ה' אלהיהם ואיתא בתורת כהנים דהאי קרא קאי על ד' מלכיות שהיו משתעבדים בישראל וגם אח"כ בימי גוג ובכולם הוא רק ה' אלהינו שמיחד שמו עלינו וע"כ צריך שידע איש יהודי המתנודד מגוי אל גוי ואפילו אם הוא בקצה השמים שלא נפל עי"ז ממדרגתו בשום דבר וה' אל עולם הוא אלהיו עדיין. ואפילו אם הוא באיזה מקום שמוכרח לעבור על איזה מפרטי דיני התורה מפני סכנות נפשות ממש אפילו הכי צריך שידע שעדיין איש ישראלי הוא כמקדם ומחויב לשמור יתר מצות התורה כמו שאר איש ישראל וכשהוא עובר ע"ז וישע נמור יקרא בשאר איש ישראל העובר על רצון ה' ברצונו *) צא נא וראה שאפילו במוכר עצמו לנכרי או לעקר שבודאי איש נבזה הוא עבור זה כי הלא ידע שבודאי יבטל עי"ז הרבה פעמים מדיני התורה אפ"ה בארה לנו התורה כמה פסוקים בזה בסוף פרשת בהר שה' הוא אלהיו עדיין כמו שכתוב אחר פרשת מוכר עצמו לנכרי כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם וגו' אני ה' אלהיכם ונאמר אחריו לא תעשו לכם אלילים ופסל ומצבה לא תקימו לכם וגו' ופרש"י [והוא מתורת כהנים] כנגד הנמכר לעכו"ם הכתוב מדבר שלא יאמר הואיל ורבי עובד ע"ז אף אני כמותו הואיל ורבי מגלה עריות אף אני כמותו הואיל ורבי מחלל שבת אף אני כמותו לכך נאמרו מקראות הללו עכ"ל. ועל אחת כו"כ בזה שלא מכר את עצמו רק שנגזר עליו מן השמים שיהיה נע ונד בארצות רחוקות בודאי אין לו שום פחיתות עבור זה. גם מפרשת נצבים הנ"ל
שהקדמנו

*) ושמעתי בשם גאון אחד מדורות שלפנינו שאמר בצחות לשונו, שאיש שקיבל עליו עבודת גלולים ופרק ממנו לגמרי עול המצות [שהוא מתברך בלבבו לומר שכבר סילק ממנו עול המצות לגמרי ולא יחשבו עמו רק על הפריקה] שהוא עתיד להענש אף על ביטול ברכת המוציא וכדומה דברים שהם מד"ס כגון טלטול מוקצה וכדומה, והיינו דבדין שמים לא נדחת עון קל מפני הרבה עונות חמורות, ומי שנולד מזרע ישראל אין בכחו לסלק מעליו עול המצות בשום אופן לעולם וכ"ש מי שעבר על איזה מצות התורה באקראי חלילה לו לעבור עוד, ועל אשר עבר יעשה תשובה ויקובל לרצון לפני ה' הרוצה בתשובה ולא ירת ממנו נדח. ובענין זה מצאתי בדברי הרמב"ם בספרו אגרת תימן על האנוסים בידי עובדי כוכבים וז"ל ישים בין עיניו לעשות ולקיים מן המצות מה שהוא יכול ואם אירע לו שעבר הרבה או שחילל שבת לא יטלטל מה שאינו מותר לטלטלו ולא יאמר מה שעברתי עליו יותר גדול מזה שאני נזהר ממנו אלא יזהר מכל מה שהוא יכול, ותדע שצריך האדם לידע עיקר מעקרי הדת, והוא שירבעם ב"נ והדומין לו נפרעין ממנו על עשיית העגלים ועל ביטול עירובי תבשילין והדומה לו שלא יאמר אדם קים לי בדרבה מיניה לא יאמר זה אלא בדיני אדם בעוה"ז אבל הש"י נפרע מן בנ"א על החמורה והקלות ונותן שכר על כל דבר שעושין, ע"כ צריך האדם שידע שכל עבירה שיעשה נפרעין ממנו עליה, וכל מצוה שיעשה מקבל עליה שכר עכ"ל.

אז איך וועל איהם גיט זעהן אונ ניט הערען. אויך זאגט דער מדרש אז דער פייער פון גיהנם האט נור דיא מגולה פון בראנען, ער איז 60 מאל אזויא הייס וויא אונזער פייער אבער דיא מגולה פון לייכטען האט ער ניט, ער איז פינסטער, וועט דאך קיינער ניט זעהן דעם צווייטען. מיט דיזען בעדעכענונג זעהען מיר אז מען דארף ניט קוקען וואס יענע שלעכטע מענשען טהוען, ווען אפילו זייא מעגען זיין דער גראסטער מהייל פון שטאדט, וויא דיא תורה שרייבט לא תהיה אחרי רבים לרעות, ד. ה. אבוואהל אין אללעם דארף מען זיך נייגען צום רבים, טוהן וויא דער רבים טהוט, אבער ווען דער רבים געהט אין א שלעכטע וועג טאר מען ניט מיטגעהן אונ מען מוז זיין איינער איין אויסנאהם *), אונ זיך מרחיק זיין פון זייא וויא וויט מעגליך איז אפילו ניט שטעהן אין זייערע ד' אמות (ווען מען ברויכט ניט צום געשעפט) בכדי מען זאלל ניט קוממען צוא מאכען איין כאנגאנואר מיט זייא אונ זיך נאכציהען נאך זייערע געפאהרליכע דרכים, וויא דוד המע"ה זאגט: אשרי האיש אשר לא הלך כו' ד. ה. דיא הצלחה פון מענשען אונ זיין ריהמונג בעשטעהט אין דעם, וואס ער זאלל אויס מיידען צו געהן נאך דיא ראטה פון דיא רשעים אונ
אפילו

*) וויא דער נביא זאגט הביטו אל אברהם אביכם כי אחד קראתיו, ד. ה. בעטראכט אייער פאטער אברהם וואס ער איז געווען אין א צייט וואס דיא גאנצע וועלט האט אראפגעבלאנדזעט פון אמת'ע וועג, האט ער גיט געקוקט אויף קיינעם אונ איז געגאנגען היפך אללעטען אזויא זאלט אידר אויך טאהן.

שהקדמנו למעלה מוכח בהדיא שאפילו כשישראל מורחין בקצה השמים אפ"ה יש עליהן עול התורה והמצות וכשיתבוננו בזה ויקיימו יזכו עבור זה לגאולה. הנה נתבאר לנו מכל אלה שאיש הישראלי אף בהיותו מתנודד בקצה הארץ והוא כבוש שם תחת איזה אומה עובדת כו"ם אפ"ה לא סילק הקב"ה את פניו ממנו והוא חלקו ונחלתו לעולם:

# פרק שני

## בו יבואר כי רק בקיום מצות התורה נקרא יהודי.

**והנה** לפי מה שבררנו מהכתוב את אמיתת הדבר שאיש הישראלי אף בהיותו בקצה תבל אפילו הכי ה' הוא חלקו ונחלתו לעולם ולא יוכל לסלק מעל עצמו כבודו של הקב"ה ומוראו, אשוב להפליא על המתנודדים לפי מה שידוע ונשמע בעולם שיש מהם שיעשו מצות התורה בעיניהם כהפקר ואפ"ה אם ישאלוהו אם איש יהודי הוא משיב תיכף שבודאי הוא יהודי ומאמין בתורת ה' כמו אבותיו, וע"ז אשאלנו הכזה חובת היהודי בעולם שיקרא רק שמו יהודי ולא לעשות מעשה יהודי והלא חובת יהודי בעולם לידע שה' אלהינו הוא ברא והמציא בחפצו ורצונו את כל העולמות והנמצאים כלם, העולמות העליונים והמלאכים והגלגלים וכל הנבראים והיצורים הוא בראם ויצרם הוא ה' אלהים לבדו ואפס זולתו ותיכף מראשית הבריאה בחר באבותינו אברהם יצחק ויעקב לאהבה

אותם

---

אפילו ניט זיטצען צוזאממען מיט לצים, די וואס שפאטען פון יודישע אויפפיהרונג, זאגען אונזערע חכמי התלמוד זעהר פראקטיש, ווייל ווען מען געהט נור אין די וועג וואו זיא געהען איז עלול מען זאלל זיך מיט זיא בעגעגנען אונ זיך אבשטעללען ריידען אונ נאכהער זיטצען אונ פארברייגגען מיט זייא אונ נאכהער גאכטוהן זייערע שלעכטע טהאטען, אונ פארגיפטעט ווערען מיט זייערע שלעכטע דעות:

### פרק שני

#### רעדט פאנאנדער אז נור מיט דעם היטטען גאטטעס געזעטצע הייסט מען איין איד.

**וועדליג** מיר האבען ערקלעהרט פון פסוק די ריינע וואהרהייט, אז איין איד ווען אפילו ער איז פארווארפען אין עק וועלט צווישען געצען־דיענער געהער ער אללעם צוא גאטט, וואס ער איז דער ווידטה פון דער וועלט, אונ קאנן פון זיך ניט אראפוואַרפען גאטטעספורכט אונ זיין כבוד, איז אונז א גרויסער וואונדער, וועדליג עם הארט זיך אז עס איז דא פיעל מענשען פון די פארווארפענע וואס האבען מפקיר געוועז די גאנצע תורה, ער וויל נאך ניט אנהויבען צוא פאלגען וואס די תורה זאגט, אויף איין האאר ניט, פון דעסטוועגען אז ער הארט מען בעליידיגט איהם אז ער איז גאר קיין איד ניט, וויל ער גבייליך ניט ליידען אונ זאגט אז ער איז געוויס איין איד אונ גלויבט אין גאטט אונ אין דער תורה אזוי וויא זיינע עלטערן, היינט פרעג איך איהם, הייסט ער דען איד נור מיט דעם נאמען וואס ער רופט זיך „איד" אבער אין טהאט הויבט ער ניט אן צוא טאהן די שולדען פון איין איד, מען קען איהם גלייכען צום יענינגען וואס האט זיך אנגעטאהן איין מונדיר פון איין קארפוסנעם גענעראל, פרעגט מען איהם דוא ווייסט עפעס דעם קורס אין בילדונג וואס איין גענעראל דארף קאנגען? זאגט ער ער ווייסט גאר ניט, אונ צו וואס ברויך איך צוא וויסען אבי איך טראג איין מונדיר פון איין גענעראל, קען מען שוין פארשטעהן וואס פיר איין שוטה דאס איז, לבד וואס ער איז ניט קיין גענעראל פארדיענט ער נאך א גרויסע שטראף, וואס קומט א פריוואטנעם מענשען וואס קליידעט זיך אין וואיענע קאסטיום. דאסגלייכען ווען ער וויל גערופען ווערען אין דער וואהרהייט איין יהודי, מוז ער וויסען דעם קורס אין בילדונג פון איין יהודי ד. ה. ער מוז וויסען אז עס איז פארהאנדען איין בורא אין הימעל וואס האט בעשאפען מיט זיין ווילען די הימעל די זונ אונ לבנה מיט אללע שטערען, פלאנעטען אונ קאמעטען וואס געפינט זיך אין איהם, די ערד מיט אללע געוואקסען אונ פערשיעדענע ברואים וואס געפינט זיך אויף איהר, דעם ים מיט אללע וואונדערליכע ברואים וואס געפינט זיך אין איהם אונ ער גיבט חיות אונ שפייז אללעסען אונ איז משגיח אויף זיי, אונ חוץ איהם איז גיטא קיינער וואס האט מאכט צו טאהן גוטטעס אדער שלעכטעס, אונ האט אויסערוואהלט אונזערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב זייא צו ליעבען ווייל זייא האבען פאר־

שטאנען

אותם [שהיו עובדים ומשבילים אלהותו באחד מצבא המרום והיו מוסרים נפשם עליו] ולכן תיכף מראשית עשה עם אבותינו אלה נסים ונפלאות הרבה שהוציא את אבינו אברהם מכבשן האש והפיל לפניו ארבעה מלכים והציל אותו מכל אויביו מסביב בנפלאות גדולות ואח"כ גם אותנו זרעם הוציא ממצרים בכח גדול וביד חזקה וברוב נסים ונפלאות ובקע לנו הים והעבירנו בתוכו בחרבה ואת צרינו שקע בתוכו והוליכנו בעמוד ענן יומם ובאש לילה במדבר הגדול והנורא אשר אין שם לחם ומים והאכילנו את המן והשקנו מים מצור חלמיש וקרבנו לפני הר סיני ובערפלי טהר נגלה עלינו והראנו את כבודו ואת גדלו ואת קולו שמענו מתוך האש במעמד ששים רבוא רגלי הגברים לבד מנשים וטף, ואת כל אלה כולנו בעינינו ראינו ובאזנינו שמענו ושם כרת עמנו ברית להיות לו לעם והבדילנו וקדשנו מכל העמים אשר על פני האדמה וצונו מצות חקים ומשפטים לעבוד אותו בהם תמיד. והנה מלאכי אחרון הנביאים סיים נבואתו במאמר זכרו תורת משה עבדי אשר צויתי אותו בחורב על כל ישראל חקים ומשפטים וגו.

---

שטאנען זיין גרויסען מאכט אונ גוטסקייט אונ האבען איהם געדיענט מיט לייב אונ לעבען אונ האבען זיך מוסר נפש געוועזן צו היילינען זיין ליעבען נאמען) אונ דרום פון אנפאנג אן האט ער געטאהן מיט זייא נסים נפלאות, ער האט ארויסגערעטעט אונזער פאטער אברהם פון אור כשדים פון קאלך-אויווען וואס נמרוד האט איהם געווארפען אהין, ווייל ער האט געקריגט אויף זייערע געצען-דיענעריי, אונ ער איז ארויס מיט א גרויסען נצחון, אונ זיין נאמען איז גרויס געווארען, אונ נאכהער בעת דיא פיער שטארקע קעניגע האבען גענומען זיין פלימעניק לוט אין פלען, אין דער צייט וואס זייא האבען צורזיבט סדום אונ עמורה, האט אברהם זייא נאכגעיאגט, האט השי"ת זייא געמאכט פאללען פאר איהם אונ פון אללע פיינדע וואס האבען געוואלט פארשפרייטען איין נעץ אונטער איהם האט השי"ת איהם מציל געוועזן מיט נסים ונפלאות, אונ האט געמאכט גרויס זיין נאמען אין דער גאנצער וועלט אז אללע האבען זיך מבטל געוועזן אונטער איהם אונ האבען איהם גערופען נשיא אלהים (נאטליכער פירשט) אונ דאס גלייכען האט ער גע-טאהן נסים ונפלאות מיט אונזער פאטער יצחק אונ יעקב, אונ נאכהער פון גרויס ליעבשאפט וואס ער האט זייא געליעבט, האט ער מיט אונז (וואס מיר זייען זייערע קינדער) אויך געטאהן נסים ונפלאות, ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים פון איבינע שקלאווען מיט גרויס קראפט אונ שרעקליכע וואונדער אונ אז פרעה האט נאכהער אונז נאכגעיאגט, צוריק-געהמען אונז פיר שקלאווען, האט השי"ת פאר אונז געשפאלטען דעם ים סוף אונ האט אונז דורכגע-פיהרט אין דער טריקעניש אונ אונזערע פיינד האט ער געמאכט איינזינקען אין טיפען ים, אונ נאכהער האט ער אונז געפיהרט פערציג יאהר אין א וויסטען שרעקליכען מדבר. מיט איין וואלקען-זייל ביי טאג פיר איין וועג-ווייזער (פראוואדניק) אונ איין פייער-זייל ביי נאכט צו בעלייכטען אונז דיא וועג, אונ גע-שפייזט אונז מיט מן פון הימעל, אונ געמאכט קוועללען איין פעלזען-שטיין אנצוטריקען אונז, אונ האט אונז צוגעפיהרט צום הר סיני, אונ מיט גרויס פאראד אונ עהרע האט ער ערשיינט צו אונז, אונ אונז געוויזען זיין גרויסקייט מיט זיין גלאנץ אונ זיין זיסע שטימע האט ער אונז געמאכט הערען, אזא גרויסע פובליקום האבער וויא זעקס מאל הונדערט טויזענד מאנגער פון צוואנציג יאהר ביז זעכציג יאהר לבד נשים אונ טף, אונ דיזעס אללעס האבען מיר מיט אונזערע אויערען געהערט אונ מיט אונזערע אויגען געזעהן אונ דארטען ביי'ן הר סיני האט ער מיט אונז כורת ברית געוועזן (געשלאססען זיין קאנ-טראקט) מיר זאללען זיין זיין פאלק אונ האט אונז געהייליגט אונ אבגעזאנדערט פון אללע נאציאנען וואס געפינען זיך אויף דעם ערד-קוגעל, אונב האט אונז געבאטען מצות חוקים ומשפטים, מיט דעם זאללען מיר זיין זיינע דיענער שטענדיג, אונ פון דענסטמאל אן ביז היינט (ביז אליהו הנביא וועט קומען אונז מבשר זיין דיא גאולה האמתית) האבען מיר גיט צוא זוכען קיין אנדערע טענען, צוא דיענען דעם עוויגען וואס אין הימעל, נור צו היטען תורת משה דיא אללע מצות חוקים ומשפטים מיט דעם ביאור בע"פ וואס איז איבערגעגעבען געווארען פון איינעם צו דעם אנדערן פון משה רבינו ע"ה ביז דיא חכמי המשנה והתלמוד, אזויא וויא מלאכי דער לעטצטער נביא זאגט אונז אין דעם נאמען פון השי"ת, זכרו תורת משה עבדי כו' הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא וגו'

וגו׳ הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא וגו׳ וכאומר שמעתה עד שילוח אליהו אין לאדם לחפש שום דרכים אחרים לעבודת ה׳ רק לזכור תורת משה עבדו ולקיימה [כי לא יחליף הקב״ה ולא ימיר דתו, ולאפוקי מהמועים בזה וכמו שכתב בסמ״ג] שזהו חובת היהודי המאמין בה׳ בורא שמים וארץ, אבל אם הוא משליך את דבר ה׳ אחרי גוו ומבזה התוה״ק שדבריה בעיניו כהפקר גם שם יהודי לא הדרי לו *) ודק
בשמירת

וואלד וואס איז פולל מיטווילדע חיות וואלט ער
נאך זייא נאכגעפאהרען? דאכט זיך ניין, דער ער·
דענטליכער און פערשטאנדיגער מענש וואלט יענע
רייזענדע וועהן אבהאלטען, זייא זאללען זיך ניט איינ·
שטעללען אין אזא סכנה, און ווען זייא וואלטען
איהם ניט געפאלגט וואלט ער זיך וועניגסטענס אליין
געהיט פון דער געפאהר. אזויא איז דא אויך, דער
וועג פון דער תורה און דיא מצוות איז דער ריכטיגער
וועג, דער נאשציגעץ מיט וועלכען אונזערע טאטעס
און אונזערע זיידעס זייגען געגאנגען, און וועלכער
פיהרט אונז צו דעם עוויגען לעבען (חיים הנצחיים)
הייגט וועלכער פערשטאנדיגער מענש וועט אראב
פון דעם אויסגעטראטענעם וועג נור צוליעב דעם
וואס געפינען זיך משוגעים וועלכע געהען גאר מיט
אזעלכע וועגען וואס פיהרען געווים אין גיהנם אריין?

אויף

מהלך התורה ובוחר דרך לעצמו הוא הדרך המביא אותו לעמקי שאול מקום נחשים ועקרבים. וכבר אחז"ל על הפסוק ועוזבי ה' יכלו זה המניח ס"ת כשהיא פתוחה ויוצא, ובפרט זה שהוא עומד בבהמ"ד בעת הקריאה שקוראין דברי אלהים חיים הכתובים בתורתו הקדושה והוא אינו שם כלל לבו לזה, ועוד מעיז פניו לעסוק בדברי הוללות שהיא בודאי בכלל עוזבי ה'. ובאמת ראוי לכל אדם ללמוד ק"ו אם ישלח המלך כתב ידו שיקראו אותו לפני עם ועדה, הלא בודאי כל אחד יטה אזנו לשמוע דבריו וירצה להבין תוכן כוונתו. ואם זה בבשר ודם ק"ו בתורה הק' שהוא מכתב אלהים חיים ומלך עולם אשר כל הייו ועניניו תלויים בידו בעוה"ז ובעוה"ב, כמה צריך ליתן כבוד לשמו לשמוע דבריו, ויקבל מה' ג"כ כבוד עבור זה, וכמה דכתיב כי מכבדי אכבד:

# פרק חמישי

## בו יבואר גודל מעלת התפלה וחיובה.

**ועתה** נתחיל בעזהש"י לבאר את מצות ההדיריות כי להן משפט הקדימה. ונבאר תחלה גודל מעלת התפלה וחיובה, ואח"כ נבאר מצות ק"ש ותפלין וציצית ושארי דברים ההדירין, ואח"כ יתר הדברים הנצרכים לענינינו.

**כתוב** בתורה ולעבדו בכל לבבכם, ואחז"ל איזוהי עבודה שהיא בלב הוי אומר זו תפלה. וגודל מעלת התפלה דרך כלל הובא בגמ' הקדושה (ברכות ל"ב) א"ר אלעזר גדולה תפלה יותר מן מעשים טובים שאין לך גדול במעשים טובים יותר מן משה רבינו, ואעפ"כ

---

**אויף** דעם פסוק ועוזבי ה' יכלו — און די וואס פארלאזען גאטט ב"ה וועללען פערניכטעט ווערען — זאגט די גמרא אז דאס מיינט מען: די וואס לאזען א ספר תורה אפפען און געהען אוועק דענן אוועקלאזען די תורה איז גלייך וויא מען לאזט גאטט ב"ה אליין אוועק. היינט וויא גרויס איז די עבירה פון דעם וואס בעת קריאת התורה בעת מען לייענט די היילינע און גאטטליכע ווארטער פון דער תורה הקדושה דאמאלס געפינט זיך שטאף צוא פלוידערען וועגען אללע נארישקייטען גלייך וויא מען וואלט אויף דעם ניט געהאט קיין אנדערע צייט. אזעלכער איז געוויס בכלל די עוזבי ה' (די וואס פארלאזען גאטט). יעדערער דארף זיך פארשטעללען וויא וואלט געוועזען ווען עס וואלט איהם אויסגעקוממען צוא הערען וויא מען לייענט א אוקאז וואס דער קעניג האט אראבגעשיקט מעו זאלל איהם פאר אלעמען פארלעזען — וואללט ער זיך דאנן דען ניט גוט איינגעהערט ווארט און ווארט, כדי צוא וויססען אויף בעשטימט וואס דער קאניג פערלאנגט, אבער וואללט ער דאנן געוואגט אויסצורידען אפילו איין איינציגען ווארט אדער אנמאכען דעם קלאנסטען גערויש? היינט וויא דארף מען זיך שוין איינהערען דעם לייענען די תורה וועלכע איז איין אוקאז פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא! מיט וואס פאר א עהרפורכט (יראת הרוממות) דארף מען איינהערען יעדען ווארט, יעדען אות! מכבדי אכבד ובוזי יקלו. זאגט הקב"ה, ווער עס מאכט מיר שאנדע וועט פארשאמט ווערען און דער וואס גיבט מיר כבוד (עהרע) וועלל איך געבען כבוד.

## פרק חמישי

### אין דעם פרק ווערדט גערעדט וויא גרויס דער חיוב פון דאוונען איז און איהר מעלה.

**יעטצט** וועללען מיר אנפאנגען ארומרעדען די שטאנדיגע מצוות (די וואס קומען פאר צוא טאהן אללע טאג) מיר וועללען פריהער רעדען וועגען די מצוה תפלה (דאוונען) נאכדעם וועגען די מצוה פון תפילין לעגען, קריאת שמע און דערגלייכען.

**אויף** דעם פסוק: ולעבדו בכל לבבכם (און צו דינען איהם מיט אייער גאנצען הארצען) זאגט די גמרא אז מיט דעם בכל לבבכם (מיט אייער גאנצען הארץ) מיינט מען תפלה, וואס דאס איז פערבונדען מיט'ן הארצען. און וויא וויכטיג די תפלה איז, געפינען מיר אין דער גמרא: א"ר אלעזר גדולה תפלה וכו' רבי אלעזר האט געזאגט: די תפלה איז גראססער (וויכטיגער) פון מעשים טובים, דארף קען האבען א גראססערען מענשען — דורך זיינע מעשים טובים — וויא משה רבינו? פון דעסטוועגען איז ער אויך ניט געענטפערט געווארען (פון גאטט) סיידען דורך תפלה (נאך דעם אז ער האט מתפלל געווען) וויא מיר זעהען פון דעם וואס פריהער האט מען איהם געזאגט: אל תוסף דבר אלי (דוא זאלסט מיט מיר גאר ניט רעדען מעהר) און גלייך נאכדעם אז ער האט מתפלל געוועזען

שמעהט

ואעפ"כ לא נענה אלא בתפלה, שנאמר אל תוסף דבר אלי וסמיך ליה עלה ראש הפסגה. ואר"א גדולה תפלה יותר מן הקרבנות שנאמר למה לי רוב זבחיכם וכתיב ובפרשכם כפיכם וגו'. וכמה גדול כח התפלה שהרי אמרו חז"ל יפה צעקה לאדם בין קודם גז"ד בין לאחר גז"ד. ואיתא במדרש רבה פרשת תצוה על הפסוק קחו עמכם דברים ושובו אל ה' לפי שישראל אומרים הנשיאים חטאו ומביאים קרבן ומתכפר להם אנו אין לנו קרבן, א"ל הקב"ה דברים אני מבקש ואין דברים אלא תורה, א"ל אין אנו יודעין, א"ל בכו והתפללו לפני וכי אבותיכם לא בתפלה פדיתי אותם שנאמר ויאנחו בני ישראל מן העבודה, ובימי יהושע וכי לא בתפלה עשיתי להם נסים, הוי אין אני מבקש לא זבח ולא קרבנות אלא דברים שנאמר קחו עמכם דברים ושובו אל ה'. ואיתא במדרש תנחומא אין הקב"ה חפץ לחייב כל בריה אלא מבקש שיתפללו לפניו ויקבלם, ואפי' אין אדם כדאי ליענות בתפלתו ולעשות עמו חסד, כיון שמתפלל ומרבה בתחנונים אני עושה חסד עמו. ואיתא במדרש אגדת תהלים כשהיה דוד במערה בעת צרה ידע וראה שאין אדם עומד לא בממונו ולא בגבורתו, ומהו עומד עליו תפלתו שנאמר קולי אל ה' אזעק. ועוד במדרש שם על הפסוק ה' אלהים צבאות שמעה תפלתי וגו' אמר להן הקב"ה לישראל הוו זהירין בתפלה שאין לך מדה אחרת יפה הימנה שהיא גדולה מכל הקרבנות שנא' וכו', ע"כ צריך ליזהר כל אדם שלא לבטל ח"ו שום תפלה. ואיתא בגמרא, מעות לא יוכל לתקן זה שביטל ק"ש של ערבית או של שחרית או שביטל תפלת וכו'

---

שטעהט דער פסוק עלה ראש הפסגה (געה ארויף אויפ'ן שפיטץ בארג) צוא זעהן דיא הייליגע לאנד ארץ ישראל. דערועלבער רבי אלעזר זאגט ווייטער אז תפלה איז וויכטיגער אפילו פון א קרבן וויא מען זעהט פון ישעיה קאפיטל א' אז ווען דער נביא ארגערט זיך אויף דיא זינדיגע בני ירושלים וואס מיינען אז מיט דיא קרבנות זייגען זייא שוין יוצא פאר גאטט פיהרט ער אוים מיט דיא ווארטער: גם כי תרבו תפלה – ווען איהר וועט אפילו א סך מתפלל זיין האר איך אייך אויך גיט; פון דעם „גם" (אפילו) זעהט מען דייטליך אז תפלה שטעהט האהער פון קרבנות (וויא דער שטייגער איז צו דערמאהנען דיא גראסטערע זאך שפעטער, גיט נאר אייערע קרבנות אפילו אייער תפלה וואס דאס איז גראסטער, האר איך אויך גיט צוליעב אייערע פיעל זינד. אין איין אנדער ארט זאגט דיא גמרא יפה צעקה לאדם – געשרייא (תפלה) איז פאר דעם מענשען זעהר גוט סאי פאר דעם גזר דין סאי נאכ'ן גזר דין. אויף דעם פסוק קחו עמכם דברים ושובו אל ה' (נעהמט זיך ווארטער – זוכט זיך אוים ווארטער – אונ קעהרט זיך אום צוא גאטט) זאגט דער מדרש אזויא: דיא נשיאים – דיא פיהרער, דיא רייכע – אז זייא זינדיגען קאנגען זייא ברייגגען א קרבן בינגט דוא זייא מכפר (פערציידהט) זייער עבירה אבער מיר קאנגען קיין קרבנות ניט בריינגען (פון ארימקייט), אויף דעם זאגט זייא גאטט: איך פערלאנג פון אייך נור דברים (ווארטער) דאס הייסט: תורה (איהר זאללט לערנען דיא תורה) אנטווערען דיא אידען (דיא פראסטערע מענשען): מיר קאנגען ניט לערגען, אויף דעם זאגט זייא גאטט: וויינט אונ זייט מתפלל צוא מיר, האב איך זיין אייערע עלטערן אין מצרים ניט אויסגעליזט פאר זייער תפלה? אונ אזויא שטעהט דאך געשריבען: ויאנחו בני ישראל מן העבודה – אונ דיא אידען אין מצרים האבען געזיפצט (מתפלל געווען) פון דער שווערער ארבייט. האב איך יהושע'ן דען ניט פאר תפלה געוויזען דיא נסים? איך פערלאנג פון אייך קיין קרבן ניט נור תפלה. אין א מדרש תנחומא שטעהט ווייטער: אין הקב"ה חפץ לחייב וכו' גאטט ב"ה וויל דעם מענשען ניט מאכען שולדיג, ער פערלאנגט נור מען זאלל איהם בעטען דאנן וועט ער מוחל זיין אונ ווען דער מענש איז אפילו ניט ווערטה מען זאל מיט איהם טאהן חסד – איז ער גאר מיט איין אמת'ן מתפלל טהוט מען מיט איהם חסד. בעת דוד איז געוועזען אין דער מערה (האהל) ערצאהלט דער מדרש אין איין אנדער ארט, אין א צרה (בעת ער האט זיך געמוזט בעהאלטען פון שאול המלך) האט ער איינגעזעהן, אז ניט געלד אונ ניט גבורה שטעהט דעם מענשען בייא אין איין אונגליק, נור תפלה אליין וויא עס שטעהט וכו' אויף דעם פסוק מעות לא יוכל לתקון (א פעהלער וואס מען קאנן ניט פערריכטען) זאגט דיא גמרא אז מען מיינט מיט דעם, דעם מענשען וואס איז מבטל קריאת שמע פון שחרית אדער פון

פון

**וכו׳.** ואפילו אם בא לאיזה מקום בין העו״ג שכל ענינו הנהגת היהודים הם לזרא בעיניהם ומתלוצצים מהיהודים ומדתם ולא יוכל להתפלל בבית עו״ג. אפ״ה צריך להתחזק שלא לבטל מצות תפלה, ויתפלל בדרך

---

מעריב אדער וואס איזמבטל *) תפלה (א נאך וואס מען קאנן גיט חאפען צוריק דענן אויף מארגען איז מען דאך בעווּנ־רעד מחויב אין דעם). פון דיא אללע מאמרים זעהט מען וואס פאר א גרויסער ענין דיא תפלה איז, דארום מוז מען זעהן וויא ווייט מאגליך אבהיטען דעם דאווענען, ווען מען קומט אפילו צווישען עובדי גלולים וואס מאכען

---

*) דעם בעשיידונג וואס מען רופט דאס „מעות לא יוכל לתקון״ א פארקרימונג וואס מען קאנן גיט פארריכטען, איז פארשטאנדליך פאר דעם וואס זעהט אין דיא מאמרים פון זוה״ק וואס האט זייא אויפגע־בראכט דער ספר נפש החיים. וויא גרויס דער תיקון פון אידישען דאווענען איז, פיעל היילינקייט אונ ליכטיג־קייט עס ווערדט אין דיא עולמות העליונים פון יעדער דאווענען, וואס איז גאר גיט משער צו זיין, דענן אונזערע תפלות וברכות האבען אונז מסדר געווען דיא אנשי כנסת הגדולה וואס זיינען געווען צוזאמען „ק״כ זקנים״, הונדערט מיט צוואנציג זקנים פון זייא איז געווען פיעל נביאים דער לעצטער פון זייא איז גע־וועזן שמעון הצדיק אונ זייא האבען דאס אבגעשטעלט מיט רוה״ק דעם גאנצען דאווענען, זייא האבען גע־צאהלט ממש יעדען ווארט, יעדען אות, אונ זייא האבען אריינגעלייגט דיא העכסטע כוונות, מיט שמות הקדושים אין יעדער ברכה וואס מיר קאנגען דאס גיט וויסען קיין אנהויב אויך גיט (אפילו דיא גרויסע מקובלים האבען שוין ענטדעקט א ביסעל יעדער נאך זיין השגה אבער דאס איז נאך קיין אנהויב גיט, וויא דער נפש החיים זאגט), נור אפילו נאך אונזער קליינעם פערשטאנד וואס פון גרויסע כוונות ווייסען מיר גאר גיט, זעהען מיר אויך דיא גאטליכקייט וואס ליעגט אין דאווענען וויא זייא האבען אויפן סדר אבגע־שטעלט דיא גאנצע מענשענס בעדערפעניס, וואס ער דארף פארלאנגען פון גאטט ב״ה. וויא זיס וויא געשמאקק איז דיא היילינע ווארטער פון דיא תפלות וברכות ווען דער מענש רעדט מיט זיין ריינע הארץ פאר זיין בעשאפפער, פיעל ליעבע צוא גאטט ב״ה פיעל מינדערקייט דער מענש בעקומט פון זיין דאווענען, אז ער דאוועגט נור מיט א ריינעם זינגען, ממש דער גאנץ פארטרויעריגער מענש ווערדט פולל מיט פרייד אונ מוטה אז ער דאוועגט דעם היילינען דאווענען צו גאטט ב״ה. — אויך דיא גאנצע אמונה אונ השגחה, אונ אונזער גאנצע האפפנונג צוא אונזער צוקונפט (העתיד) וואס אללע אידען האפען אונ ווארטען דיא גאנצע צייט פון גלות האבען מיר אללעס אין אונזער דאווענען, אז ממש דער דאווענען איז דער זיגעל (חותם) וואס שטייפט אויף דעם גאנצען כלל אידען אין זייער גלות, אונ אז מען איז מאקי נאכלאססיג אין דאווענען ווערדט נאכ־לאססיג דיא גאנצע ליעבע צוא גאטט ב״ה, אונ עס פארגעסט זיך דיא פונדאמענטען פון אמונה אונ השגחה, איז דאס מאקי א פארקרימונג וואס מען קאנן גיט פארריכטען. עס איז פאראן מענשען וואס היטען דעם דאווענען אבער מעהר גיט וויא „מצות אנשים מלומדה״, מען מאכט אן דיא תפלין פארמראכט אונ מען זופט אב דיא ווארטער, כמעט מעהר גיט וויא דיא לעפצען שאקלען זיך אונ דער זינגען איז גאר ווייט אין פערשיעדענע געשאפטען, מען ווערט זיך א מאל שאמען וויא גנבים אז מען וועט אונז פארשטעללען אונזערע דאווענענס וואס מיר האבען געדאוועגט צוא דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה, וואס פאר איהם ציט־טערען אללע מלאכים שרפים צו דערמאהנען זיין היילינען נאמען, וואס פאר איהם איז ענטדעקט דיא אללע געדאנקען פון הארצען. א מענש א בר־דעת וואס לעבט גיט וויא א בהמה דארף אויף דעם זעהר אכ־טונג געבען איינפיהרען זיך אז בעת ער דאוועגט דיא האלבע שעה ארויסשלאגען זיך אללע געדאנקען אונ ריידען דיא ווארטער מיט הארץ אזויא וויא עס שטעהט: „ולעבדו בכל לבבכם״, יויא דער ספרי זאגט: אז דאס געהט אויף דאווענען אז עס דארף זיין מיט׳ן גאנצען הארצען אויך „ובכל נפשכם״ מיט דיא גאנצע לעבי־האפט, דאס הייסט צוא יעגער צייט זאללען זיין דיא גאנצע געפיהלען איבערגעגעבען צוא דיא נאך, אונ א מענש מיט פארשטאנד דארף זיך שטארקען אין דעם, עס זאלל איהם א מאל קיין גרויסע שאנדע גיט גע־קוממען פון זיין נאכלאסיגקייט אין דעם אונ אללעס איז שווער אין אנפאנג איידער מען ווערדט געוואהנט **ותבא לטהר מסייעין אותו״ א מענש וויא ער נעהמט זיך פאר, אזויא העלפט מען איהם פון הימעל—**

בדרך באיזה מקום, ואם לא יוכל להתפלל בדרך טוב הרבה שיסבול עלבון משיבטל מצות תפלה. והנה בכתובים מצאנו אצל דניאל שאפי' בעת הגזרה שגזר דריוש המלך שלא להתפלל ולבקש שום בקשה כ"א ממנו ואם יעבור אדם על זה ישליכוהו לגוב אריות, היה דניאל טומן עצמו בעליתו והיה מתפלל ג' פעמים בכל יום, ועאכ"ו שלא לבטל ח"ו מצות תפלה מפני חשש בזיון בעלמא. וכל דברינו הוא ליזהר אפי' שלא לבטל תפלת המנחה וכ"ש תפלת ערבית ושחרית, מה מאד צריך ליזהר שלא לבטל אותן ח"ו בשום פעם כי לבד שמצות תפלה היא בעצמה מצוה גדולה, עוד תלוי בה מצות עשה גמורה והיא מצות ק"ש [כי מי שמתפלל ש"ע קורא ג"כ ק"ש עם ברכותיה], ובבקר גם מצות תפלין שאם ח"ו יתרפה מהתפלה ממילא לא יקרא ק"ש ולא יניח תפלין, וידוע עונש הגדול שמגיע לאדם שאינו מניח תפלין, וכמו שנכתוב לקמן, ע"כ השומר נפשו ישמר מזה מאד. והנה עד כה דברנו בענין עצם חיוב התפלה, ועתה נדבר בענין מעלת תפלה בצבור כי יש כמה אנשים שנקל בעיניהם בעוה"ר להתפלל ביחידי בביתם בכל ימות החול, מפני שאינם יודעים גודל המצוה שיש בתפלת בצבור, ע"כ מצאתי עצמי במחויב בדבר להעתיק לפני חכל גודל המצוה שיש בזה. כי כשמתפלל האדם בצבור, לבד מה שמתרומם בזה הרבה יותר כבוד הש"י כי ברב עם הדרת מלך, עוד הוא מקיים בזה עוד כמה מצות רבות, אמירת הברכו ועניית איש"ר וקדושה, וכמה גדול ענינם ורוב חשיבותם בעיני המקום ב"ה, שעי"ז מתעוררת אהבתו לישראל ומזכיר גלותם וממהר גאולתם. וכן איתא במדרש מובא בתניא רבתי ברוכים לי שמים וארץ ויורדי מרכבה אם תגידו לבני מה שאני עושה בתפלת שחרית בשעה שאומרים לפני ק' ק' ק' ה' צבאות. ולמדו אותם שישאו עיניהם למרום

---

מאכען חוזק פון אללע אידישע מנהגים מוז מען זעהן אבצאוונען אין וועג אדער ערגעץ וואו אן א זייט אונ אויב דאס איז אונמאגליך איז גלייכער צוא ליידען א ביסעל דורך דעם איידער גאר ניט דאוונען. מיר געפינען ביים דניאל'ן אז בעת דריוש המלך האט גוזר געווען אז קיינער זאלל ניט מתפלל זיין צוא זיין גאט סיידען צו איהם צו דריוש אליין אונ דער וואס וועט עובר זיין אויף דעם אוקאז, האט ער געסטראשעט אריינצווארפען אין א לאווענגרוב, פון דעסטוועגען האט זיך דניאל בעהאלטען ביי זיך אין צימער אונ פלעגט דאוונען דריי מאל א טאג ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער געפאהר, בפרט אז מען דארף צו ליעב אזא גרויסען ענין ניט קוקען אויף דיא ביסעל געפאטשקעט, וואס מען קאנן האבען דורכ'ן דאוונען, א מענש מיט פערשטאנד ווערדט איבערהויפט ניט "נתפעל" פון דעם וואס דער אונוויסענדער גראבער מענש לאכט אב צוליעב זיין גרויס אונוויסענהייט אונ גראבקייט (דענן דער עדעלער וועט פון דעם בשום אופן ניט לאכען). דאס איז אלץ גערעדט אפילו אויף מנחה דאוונען, מיט שחרית אונ ערבית דארף מען זיך געוויס היטען ניט מבטל צוא זיין חס ושלום, דענן חוץ וואס דיא מצוה פון תפלה אליין איז זעהר גרויס, וויא מיר האבען ערשט בעוויזען, חוץ דעם איז נאך מיט דעם פערבונדען איין אמת'ע מצות עשה, דיא מצוה פון קריאת שמע, אונ מיט תפלת שחרית איז דאך נאך פערבונדען דיא מצוה פון תפילין לעגען דענן אז מען דאוונעט ניט זאגט מען ניט ממילא דיא פרשה פון "קריאת שמע" אונ מען לעגט ניט קיין תפילין אונ דער שטראף פאר'ן ניט לעגען קיין תפילין איז זעהר גרויס, וויא מיר וועלען דאס ווייטער ארומרעדען.

מיר האבען אלץ גערעדט פון תפלה בכלל. יעטצט וועללען מיר רעדען פון דיא וויכטיגקייט פון דאוונען בצבור (מיט א מנין). זעהר פיעל אידען זיינען בעונותינו הרבים געוואוינט צוא דאוונען אין מיטען וואך אין דערהיים, ווייל זייא וויסען ניט וויא גרויס עס איז דיא מצוה פון תפלה בצבור, דארום מוזען מיר ארומרעדען וועגען דעם א ביסעל באריכות. ערשטענס ווערדט דורך דיא תפלה בצבור מעהר ערהאבען דער כבוד פון גאטט וויא עס שטעהט: ברוב עם הדרת מלך וואס גרעסער דאס פאלק איז, איז אלץ שאנער פאר'ן קעניג; צווייטענס איז מען דאדורך מקיים נאך מצוות, וואס ביחידות קאנן מען זייא ניט מקיים זיין למשל: "ברכו" זאגען, אנטווערען "אמן" אונ זאגען "קדושה" וויא מיר האבען פריהער דערמאהנט. וויא וויכטיג דיא מצוות זיינען זעהט מען פון פיעל מאמרים אין דער גמרא אונ אין דיא מדרשים. אין א מדרש שטעהט אזויא: איך האב ניט אויף דער וועלט קיין גרעסערען פערגעניגען -- זאגט גאטט -- וויא אין דעם אויגענבליק ווען מיינע קינדער האבען

אויף

למרום נגד בית תפלתם וירימו עקבותיהם עם נופם בשעה שמקדשין אותי כי אין הנאה בעולמי כאותה שעה שעיניהם נשואות בעיני ועיני נשואות בעיניהם. ואותה שעה אני אוחז בכסא כבודי בדמות יעקב ומחבקה ומנשקה ומזכיר גלותם וממהר גאולתם עכ"ל. כי אם ישראל היו עושין תשובה מיד היו נגאלין כמו שאחז"ל בכמה מקומות. וכענין זה אחז"ל (בברכות דף ג') שנגלה אליהו הנביא לר' יוסי וא"ל כי בכל זמן שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין אמן יהא שמיה רבא מברך, הקב"ה מנענע ראשו ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך, ומה לו לאב שהגלה את בניו מארצם, ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם, מתי אשוב להיכלי מתי אקבץ את שארית ישראל בני מבין האומות עובדי גלולים, שיהו מפארין ומרוממין את קדושת שמי הגדול (סיום הלשון הזה הובא ברוקח בהלכות ברכות). עוד איתא בגמרא אריב"ל כל העונה אמן יש"ר בכל כחו [היינו בכל כוונתו) קורעין לו גזר דינו שנא' בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'. ואמר שם עוד דאפילו יש בו שמץ של מינות מוחלין לו, ומה מאד צריך האדם להתחזק לשמור שלא לבטל אמירת הקדושה ואיש"ר. דהנה ידוע מה שאחז"ל דלמעלה יש כמה אלפים רבבות מלאכי השרת שאומרין קדושה תמיד בכל יום באימה וביראה. ואיתא בתנא דבי אליהו פט"ז שיש ד' מאות ותשעים וששה אלפים רבבות מלאכי השרת שעומדין לפניו ומקדשין שמו הגדול בכל יום תמיד מיציאת החמה עד שקיעתה אומרים ק' ק' ק', ומשקיעת החמה עד יציאתה אומרים ברוך כבוד ה' ממקומו, וכמה יתבייש האדם בבואו לעולם העליון ויראה את כל הרעש הגדול היוצא מאלפי רבבות מלאכים קדושים שמקדשים ומשבחים שמו של הקב"ה שיצרם ובראם בחדוה ושמחה כשיזכור דכשהיה בעולם העשיה נתן לו הקב"ה את המעלה הגדולה הזאת להקדיש ולפאר את שמו הגדול תמיד בכל עת כצבא מרום במרום

והוא

---

אויף די אויגען צום הימעל און זאגען, קדוש, קדוש, קדוש ה' צבאות, אין יענעם אויגענבליק נעהם איך אן מיין כסא הכבוד און קוש איהם און האלז (דאס מיינט מען די צורה פון יעקב אבינו וואס איז אויסגעקריצט אויפ'ן כסא הכבוד) איהם — און דערמאהן זיך אן זייער (מיינע קינדערס) גלות און הייל זיך אויסצולייזען זיי (דען ווען אידען וואלטען געטאהן תשובה וואלטען זיי גלייך אויסגעלייזט געווארען וויא די גמרא זאגט אין פיעל ערטער). אין דער גמרא ווידער ווירד אזויא ערצאהלט: אליהו הנביא האט זיך איין מאל בעוויזען פאר ר' יוסי'ן האט ער איהם ערצאהלט: בעת די אידען געהען אין די שולען און אין די בתי מדרשים, און אנטווערען „אמן יהא שמיה רבה מברך" דאן שאקעלט גאטט ב"ה מיט'ן קאפ און זאגט: וואהל איז דעם קאניג, וואס זיינע קנעכט לויבען איהם אזויא, אבער וואס פאר א פארגעניגען קאנן האבען דער פאטער וואס האט זיינע קינדער פערטריבען פון זייער לאנד און וועה איז די קינדער וואס זיינען פערטריבען געווארען פון זייער פאטערס טיש, ווען וועלל איך זיך שוין צוריקקעהרען צו מיין טעמפעל (דעם בית המקדש), ווען וועלל איך שוין אויסקלויבען דעם שארית ישראל, דעם רעסט פון מיין זוהן ישראל פון די אומות העולם, כדי זיי (די אידען) זאללען ריהמען און גרוים מאכען די הייליגהייט פון מיין גרויסען נאמען. אין איין אנדער ארט שטעהט אזויא: רבי יהושע בן לוי האט געזאגט: דער וואס אנטווערט „אמן" מיט זיין גאנצען כח (דאס הייסט: מיט גרוים כונה) צערייסט מען איהם זיין גזר דין (ווען עס איז שוין אפילו אויף איהם נגזר געווארען אשלעכטע נאך ווערדט יענע גזרה בטל) וויא עס שטעהט אין פסוק, אויך איז מען איהם מוחל ווען ער האט אין זיך אפילו א האאר אפיקורסות. אונזויא דארף מען זיך אבהיטען אין זאגען „קדושה" און אמן יהא שמיה רבה! עס איז ידוע וואס די חז"ל זאגען, אז עס זיינען דא מיליאנען מלאכים, וואס שטעהען פאר גאטט און זינגען איהם נאכאנאנד מקדש (מאכען הייליג, רופען איהם אן הייליגער) און פון אויפגאנג ביז'ן אונטערגאנג פון דער זונן זאגען זיי קדוש, קדוש און פון אונטערגאנג ביז אויפגאנג זאגען זיי ברוך כבוד ה' ממקומו און וויא גרוים וועט זיין די חרפה וואס דער מענש וועט האבען אז ער וועט זעהן אויף יענער וועלט וויא אזויא פיעל הייליגע מלאכים דאנקען און לויבען גאטט וואס ער האט זיי בעשאפפען, מיט אזויא פיעל חדוה און שמחה, מיט אנא רעש אימה ופחד (פורכט און שרעק), וויא גרוים וועט זיין חרפה זיין אז ער וועט דאס זעהן און וועט זיך דערמאהנען, אז אויף דעם עולם העשיה, אויף דער וועלט, האט ער אין זיך אויך געהאט די גרויסע מעלה צוא לויבען

און

והוא התעצל וביטל זאת בחפץ נפשו, וביותר טוה דאיתא (בגמ' חולין דף צ"א) דגם המלאכים אינם זוכים כולם לומר הקדושה תמיד שיש שאינם זוכים לאמר רק פ"א בחודש ויש פ"א בשנה ויש שאומרים רק פ"א ביובל [עיין שם במהרש"א] ואליו שהוא מבני ישראל החביבין בעיני הקב"ה ניתן לו רשות לאמר שבח הגדול של הקדושה בכל עת כל ימי חייו ויצרו הרע הסיתו לבטל את המעלה והזכות הגדולה הזאת שזיכהו הקב"ה להשליך מעליו את היקר והגדולה שהיה ניתן לו לעתיד עבור עבודה הקדושה הזאת וכידוע שע"י הקדושה שאנו מקדשין שמו הגדול ממילא מתקדש נפשנו ג"כ. ורמוז זה בתורה מה שכתוב ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ה' מקדשכם, ולבד כ"ז אם יתפלל בצבור יתרבה לו עוד כמה עשיריות מצות בכל יום מאמנים שעונה על כל ברכה וברכה ששומע והם ט"ו של ברכות השחר ועוד ד' אמנים עד שמ"ע וי"ט של חזרת הש"ץ ועוד כמה וכמה אמנים של הקדישים שיש בכל תפלת צבור לבד איש"ר הנ"ל שעולה קרוב לס' אמנים מתפלת שחרית לבד, וגדול זכות השומר לענות אמן על כל ברכה ששומע, וכמו שאחז"ל שעבור זה פותחין לו שערי ג"ע שנאמר פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי שומר אמונים אלא שומר אמנים) [כי באמת מי שעונה אמן על כל ברכה כראוי יש בכמה ברכות שהם בנויות על ענין העתיד כגון מקבץ נדחי ישראל והמחזיר שכינתו לציון וכה"ג, והוא עונה אמן שמאמן את דברי ה' ומצפה ושומר מתי יקוים זה, והוא ממש נוגע הכתוב שומר אמונים היינו ששומר וממתין על הבטחת הקב"ה שנאמר עליו אל אמונה, והיינו שמאמן לקיים את דברו כפירש"י שם בהאזינו ע"ש], וגם יש עוד מעלה גדולה כשמתפלל בצבור שמתקבלת יותר התפלה, כדאמרינן [ברכות ח'] מאי דכתיב ואני תפלתי לך ה'
עת

---

און דאנקען זיין ליעבען נאמען צו יעדער צייט פונקט וויא די מלאכים און ער האט עס פערנאכלעסיגט. נאך מעהר: די גמרא זאגט (אין חולין), אז די מלאכים שטעהען ניט אללע אויף איין מדרגה אין דער זאך, און ניט אללע זיינען זוכה צו זאגען קדושה אללע טאג, אנדערע זאגען מעהר ניט וויא איינמאל אין א חודש, אנדערע — איינמאל אין א יאהר, נאך אנדערע נאר איינמאל אין א יובל (פופציג יאהר) נור דעם איד'ען וואס איז זעהר בעליעבט ביי גאט נור איהם אליין איז געגעבען געווארען די ערלויבניס צו זאגען קדושה שטענדיג, צו יעדער צייט. היינט וויא גרויס וועט זיין די שאנדע — דער פארדרוס — אז מען וועט איינזעהן וואס פאר א גרויסען פערבראכען מען האט געטאהן מיט דעם וואס מען האט געפאלגט דעם יצר הרע און פארווארפען אזא גרויסע מצוה, אזא גרויסען זכות, וואס דער מענש האט אפילו אנטגעגען דעם מלאך, און דערמיט האט מען פערלארען אזויא פיעל כבוד און גדולה, וואס מען וואלט פאר דער מצוה געהאט אויף יענער וועלט; דורך דער קדושה ווערען אונזערע נשמות אויך הייליג וויא מיר זעהען פון דעם פסוק: ונקדשתי בתוך בני ישראל וגו' און איך וועל געהייליגט ווערען צווישען די בני ישראל, איך גאטט מאך אייך הייליג דאס הייסט אז איהר הייליגט מיר מאך איך אייך אויך הייליג. חוץ דעם, אז מען דאוענט בצבור קומען יעדען טאג צו עטליכע צעהנדליג מצוות פון די אמן'ס וואס מען אנטווארט נאך יעדער ברכה, וועלכע וועללען זיך צונויפקלויבען צוזאמען ביז זעכציג איין ערך, און דאס איז פון שחרית אליין אויסער מנחה און מעריב. און דער זכות פון דעם וואס אנטווערט אמן איז זעהר גרויס, וויא די גמרא זאגט אויף דעם פסוק פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים: אפפענט אויף די "טהויערען" מיינט מען דא די טהויערען פון גן עדן, און דעם ווארט אמונים -- טרייע דארף מען פארשטעהן גלייך וויא עס וואלט געשטאנען "אמנים" און די כונה איז אז פאר די וואס היטען אב צו אנטווערען "אמן" אפפנען זיך די טהויערען פון גן עדן. די וויכטיגקייט פון אנטווערען אמן איז ווייל מיט דעם בעווייזט מען, אז מען גלויבט אין די ריכטיגקייט פון דעם איינהאלט פון דער ברכה ("אמן" הייסט ריכטיג) און וויא עס זיינען דא פיעל ברכות וואס זיינען געבויט אויף דער צוקונפט, למשל, די ברכה: המקבץ נדחי עמו ישראל (דער וואס זאמעלט אויף די פערשטויסענע (פון דער לאנד פערטריבענע) — פון די ישראל) אדער: המחזיר שכינתו לציון (דער וואס קעהרט צוריק זיין כבוד קיין ציון) וועלכע געהען בײדע אויף משיח-צייט — דאריבער בעווייזט מען מיט'ן אמן אנטווערען אז מען ערווארטעט אויף יענע צייט און מען איז זיכער, אז זיא וועט קומען. עס איז דא נאך א מעלה אין תפלה בצבור: די תפלה ווערט גיכער נתקבל אויפ'ן הימעל, וויא די גמרא
זאגט

**עת רצון וגו'** אימתי עת רצון בשעה שהצבור מתפללין. **עוד איתא** שם שאין הקב"ה מואס בתפלתן של רבים **שנא' הן אל כביר ולא ימאס** ור"ל אפילו אם היא אינה **על צד היותר נכון** מ"מ כיון שרבים הן זכותן גדול ואינה נמאסת וא"כ בימינו שטרדת הזמן גדול מאד ומי יאמר זכיתי לבי שאני מכוון בתפלה כראוי בודאי צריך להתחזק להתפלל בצבור כדי שלא ידחו תפלתו לחוץ. **והנה** כ"ז דברנו לענין תפלה בצבור בכל ימי החול **ובפרט** ביום שני וחמישי שקוראין בתורה בודאי צריך האדם להתאמץ להתפלל בצבור כדי לשמוע קריאת התורה שהיא תקנת משה רבינו ע"ה כדאיתא בגמרא [ב"ק פ"ב]. **ואיתא** בריש מגילה דאפילו אנשי הכפרים היו רגילין להתאסף בעיר ביום ב' וה' כדי לשמוע קריאת התורה וא"כ כשהוא דר בעיר בודאי החיוב עליו להתפלל בצבור כדי לשמוע קריאת התורה. **ומי** שמונע עצמו מלהתפלל בצבור שלא מחמת אונס **איתא** במדרש כונן שגורם למעט העטרה של הקב"ה שהוא נברא מקדוש ומברוך כבוד וגו' ואיש"ר שעוני ישראל ע"ש. **וגם** אחז"ל ארשב"ל כל מי שיש לו בהכ"נ בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן רע [שאינו רוצה ליכנס לבית חברו הדר אצלו], שנאמר כה אמר ה' על כל שכני הרעים הנוגעים בנחלה אשר הנחלתי את עמי ישראל ולא עוד אלא שגורם גלות לו ולבניו שנאמר הנני נותשם מעל אדמתם. **וגם** איתא בירושלמי פ"ה דברכות כל מי שאינו נכנס לבהכ"נ בעוה"ז אינו נכנס לביהכ"נ לע"ל, ר' אבהו אמר דרשו ה' בהמצאו היכן הוא מצוי בביהכ"נ ובבהמ"ד, קראוהו בהיותו קרוב בביהכ"נ וביהמ"ד. **והנה** כ"ז דברנו אפי' כשיש מנין בביהכ"נ והוא משמיט עצמו להתפלל בביתו ביחידי ובפרט כשכולם משמטין עצמן והביהכ"נ נשאר סגור כל ימי החול בודאי הוא עון גדול כדגרסינן בברכות [דף ו] אמר ר' יוחנן בשעה שהקב"ה בא לביהכ"נ ולא מצא שם עשרה מיד הוא כועס, שנאמר מדוע באתי ואין איש קראתי ואין
עונה

---

זאגט אין ברכות אויף דעם פסוק: ואני תפלתי וכו'. אויפ'ן זעלבען ארט שטעהט ווידער: אין הקב"ה מואס תפלתן של רבים (גאטט פערהאסט ניט דיא תפלה פון א רבים) דאס הייסט ווען דיא תפלה איז אפילו ניט אם בעסטען ארויס, נור וויא באלד אז א רבים (א סך מענשען) דאווענען נעהמט ער דיא תפלה אן. היינטיגע צייטען, וואס דיא טרדות הפרנסה זיינען זעהר גרויס, אונ עס איז כמעט ניטא קיין איינציגער וואס זאלל קאנגען זאגען, אז ער דאווענט מיט אללע כוונות וויא מען דארף, היינטיגע צייטען – זאגען מיר – מוז מען געוויס דאווענען בצבור, ווען מען וויל דיא תפלה זאלל אנגענוממען ווערען. מאנטאג אונ דאנערשטאג בעת מען לייענט, מוז מען זיך נאך מעהר סטארק, דאווענען בצבור, כדי צוא הערען דיא קריאת התורה, וואס דאס איז א תקנה פון משה רבנו אליין. אמאל פלעגען זיך דיא דארפסלייט אויך צוזאממענ־קלויבען אין שטאדט אין דיא טאג, כדי צוא הערען דיא קריאה, בפרט אז מען וואהנט אין א שטאדט. כל מי שיש לו ביהכ"נ בעירו, זאגט דיא גמרא, יעדעער וואס האט א שול אין זיין שטאדט אונ געהט דארטען ניט דאווענען הייסט ער א שכן רע – א שלעכטער שכן (וואס וויל ניט בעזוכען זיין בעה"ב **דאס הייסט**: דעם אויבערשטען אין דיא שול וואס איז פון איהם) וואס אויף דעם געהט דער פסוק: **הוי** על כל שכני הרעים וכו' וועה איבער אללע מיינע שלעכטע שכנים וכו'. נאך מעהר: ער איז גורם גלות זיך אונ זיינע קינדער וויא עס שטעהט: הנני נושתם מעל אדמתם – איך רייס זייא אויס פון זייער לאנד. כל מי שאינו נכנס בעוה"ז – זאגט דער ירושלמי – דער וואס געהט ניט אריין אין א שול אויף דער וועלט, וועט ער ניט זוכה זיין אריינצוגעהן אין א שול אויף יענער וועלט. ר' אבהו האט געזאגט אויף דעם פסוק: דרשו ה' בהמצאו וכו' זוכט גאטט ווען ער לאזט זיך געפינען, אז מיט דעם ווארט בהמצאו מיינט מען: דא וואו ער געפינט זיך אין דיא בתי מדרשים, קראוהו בהיותו קרוב, רופט איהם ווען ער איז נאהנט מיינט מען אויך דיא בתי מדרשים, וואו גאטט איז נאהנט. דאס איז אלץ גערעדט ווען אין בית המדרש איז דא א מנין אונ מען געהט אהין ניט דאווענען ווען אבער קיינער געהט ניט דאווענען אונ עס איז קיין מנין אויך ניטא א גאנצע וואך דאמאלס איז דיא עבירה נאך גרעסער אויף יעדען בעזונדער, וויא ר' יוחנן זאגט אין ברכות: בשעה שהקב"ה בא לבית הכנסת וכו' בעת גאטט געהט אריין אין א שול אונ געפינט דארטען ניט קיין צעהן מענשען, תערדט ער גלייך אין כעס וויא עס שטעהט: מדוע באתי
**ואין**

עונה [שיעור שיוכלו לענות דבר קדושה, רש"י]. ואיתא בש"ע או"ח סימן נ"ו דבמקום שאין מנין תמיד בביהכ"נ כופין זה את זה בקנסות שיבואו תמיד מנין לביהכ"נ כדי שלא יתבטל התמיד [כי תפלות כנגד תמידין. והטעם כי כיון שיש מנין בעירם חל עליהם חובת המצוה]. וראה את גודל הענין שיש בזה דאיתא בגמרא שר' אליעזר בא לביהכ"נ ולא היה שם מנין ושחרר עבדו כדי להשלים למנין עשרה. והטעם מפני שהוא מצוה דרבים לכך הותר לשחרר העבד בשביל זה [גמרא]. וכמה גדול שכר האיש שדירתו במקום קיבוץ קטן כשרואה לקבץ תמיד המנין שלא יתבטל התמיד כי אפי' מי שהוא רק מעשרה ראשונים אחז"ל שנוטל שכר נגד כל הבאי' אחריהם ק"ו בזה שהוא עמל לקבצם ג"כ ואחז"ל כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו:

# פרק ששי

## בו יבואר מענין מצות קריאת שמע.

ועתה נדבר קצת מענין המצות עשה דקריאת שמע.

הנה ידוע הוא דק"ש הוא מ"ע של קבלת עול מלכות שמים. וכמה גדולה היא המצוה הזאת שאנו מעידים על הקב"ה שהוא אחד. וכדאיתא במ"ר פרשת ואתחנן על הפסוק מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ שכל הרקיעים פתח הקב"ה לישראל בעת קבלת התורה להודיען שאין אלוה אחר אלא הוא. אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע מי לי בשמים חוץ מכבודך, כשם שאין לי בשמים אלא אתה, כך לא חפצתי אחר בארץ, אלא נכנס אני בכל יום לבתי כנסיות ומעיד עליך ואומר שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. ואמרינן בברכות [דף ו] שעבור מצוה זו הקב"ה משבחת בישראל ואומר להן אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם [ר"ל דבר חשוב שאין כמוהו) שנאמר שמע ישראל וגו', ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם שנאמר ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. וגם מקיים בק"ש המצוה דוהגית בו יומם ולילה כדאיתא במנחות [דף צ"ט]. ואיתא במדרש שכל הבריאה כולה כדאי היא משום היא מצוה בלבד. והטעם כי יש בה אמיתת אחדותו ית' ושהוא משגיח בעולמו שהוא יסוד ועיקר כל התורה והמצוה, ולכן צונו לקרותה תיכף בקומו,
כדי

---

נאין איש וכו' פאר וואס בין איך געקומען אונ עס איז קיינער ניטא, איך האב גערופען אונ קיינער אנטווערט ניט, אונ אין שולחן ערוך איז דא א דין אז דא וואו עס איז ניטא קיין מנין נאטה מען יעדען בעזונדער — דורך א קנס וואס מען לעגט אויף איהם ארויף — עס זאללען שטענדיג קומען א מנין מענשען דאוונען. רבי אליעזר — ערצאהלט דיא גמרא — איז אמאל געקומען אין א שול אונ עס איז קיין מנין ניט געוועזען, וואס האט ער געטאהן? ער האט בעפרייט זיין קנעכט, כדי מען זאלל איהם קאננען צוצאהלען צום מנין. אונ וויא גרויס איז דער שכר פון דעם מענשען, וואס וואהנט אין אזא ארט וואו עס געפינען זיך ווענינ אידען אבער ניט קיין פרומע, אונ ער מטארעט זיך אויפקלויבען א מנין, אפילו דער וואס איז פון דיא ערשטע צעהן — זאגען דיא חז"ל — בעקומט שכר אזויא פיעל וויפיעל עס בעקומען אללע וואס קומען שפעטער, בפרט אז ער איז דער גאנצער צוזאמענקלויבער. כל המזכה את הרבים — יעדער וואס איז ז[illegible]ה (בריינגט צו א זכות) ארבים זאגט דיא גמרא, קומט ניט פאר קיין עבירה דורך איהם ער ווערט ניט נכשל דורך אין עבירה.

## פרק ששי.

### אין דעם פרק ווערדט גערעדט וועגען דיא מצות פון קריאת שמע.

יעטצט וועללען מיר אביסעל רעדען וועגען דער מצוה פון קריאת שמע. עס איז ידוע, אז אין קריאת שמע זיינען מיר אויף זיך מקבל דעם יאך פון מלכות שמים, מיר בעצייגען אויף גאטט, אז ער איז איין איינציגער. וויא גרויס דיא מצוה, — וועלכע איז דער פונדאמענט פון דער גאנצער יודישער אמונה — קאנן זיך יעדען פארשטעללען. אויפ'ן פסוק: מי לי בשמים וכו' זאגט דער מדרש, אז בעת קבלת התורה האט דער אויבערשטער געאפענט אלע הימלען בכדי אידען זאללען זעהן אז ער איז איינער, האבען אידען געזאגט צוא גאטט: מי לי בשמים וועמען האב איך נאך אין הימעל א חוץ דיר, אונ אזויא וויא אין הימעל האב איך — א חוץ דיר — קיינעם ניט, אזויא איז אויף דער ערד, דאריבער געה איך אריין יעדען טאג אין דיא בתי מדרשים אונ אין דיא שולען אונ בעצייג אויף דיר: שמע ישראל ד' אלהינו ד' אחד. אין דער גמרא שטעהט, אז צוליעב דער מצוה פון
קריאת

כדי שיזכור בבורא יחיד המשגיח בעולמו, ומאחר שהוא בורא יחיד המחיה כל המציאות ורוחו ונשמתו וכל אשר לו הכל ממנו ית׳, עליו למסור נפשו באהבה בעבור כבודו ומלכותו, וישיב נפשו בטהרה אל האלהים אשר נתנה ויקבל גמולו וטובתו ממנו בעולם הנצח ואחר קבלת מלכותו מקבל עליו בפרשה שניה קיום מצותיו ית׳ בין הלאוין ובין העשין שיתנהג בהם כל היום הוא ובניו לעבוד את ה׳ בכל לבבם ובכל נפשם, ובשכר זה יתן לו הש״י גם בעוה״ז הצלחה בכל מעשיו וישלח לו פרנסתו וכל צרכיו בעתו [לבד השכר השמור נצח עבור המצות. כמו שכתוב ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ותרגם אונקלס ויחי בהן בחיי עלמא], וכמו שכתוב כ״ז בפרשה השניה והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי וגו׳ ואספת דגנך וגו׳. ועל אמיתת השגחתו ית׳ בכל המציאות מזכיר פרשה ג׳ שהיא זכירת יציאת מצרים המפורסם בכל העולם נסיו ונפלאותיו כדכתיב ביהושע כי שמענו את אשר הוביש ה׳ את מי ים סוף מפניכם וגו׳ ואז נתעלה כבוד ה׳ בארץ שנודע לכל שהוא המשגיח אף בארץ וכל אשר בה, וכדכתיב אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלהים אין עוד מלבדו, וגם לאוה״ע נתברר אז האמת כדכתיב ביהושע [שם] ונשמע וימס לבבנו וגו׳ כי ה׳ אלהיכם הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת. וצונו לקרות שמע גם בערב קודם שכיבתו, כי אז מפקיד נשמתו אצל הש״י כדכתיב בידך אפקיד רוחי וגו׳, וע״י קבלת עול מלכותו ית׳ באמת תהיה זכה וטהורה כמו שנתנה אליו. ואיתא בתנחומא פרשת לך אמר ר׳ מני



קריאת שמע ריהמט זיך גאטט מיט אידען און זאגט זייא: איהר האט מיך געמאכט פאר איינעם (איין גאטט) אין דער וועלט אזויא וועל איך אייך אויך מאכען פאר איינעם (איין פאלק) אין דער וועלט (דאס הייסט פאר איין עם נבחר, איין אויסגעוועהלט פאלק). אויך איז מען מיט קריאת שמע מקיים דיא מצוה פון והגית בה יומם ולילה (דוא זאלסט טראכטען (לערנען) אין איהר (אין דער תורה) טאג און נאכט). דער מדרש זאגט, אז צוליעב דער מצוה אליין האט דיא גאנצע וועלט געמאנט בעשאפען ווערען. דער טעם איז, וויא מיר האבען געזאגט: אין קריאת שמע בעצייגען מיר דיא אחדות (דיא איינציגקייט) פון גאטט און אז ער גיבט אכטונג אויף זיין וועלט, וואס דאס איז דער פונדאמענט פון אונזער גאנצער אמונה, און דארום דארף מען לייענען ק״ש גלייך נאכ׳ן אויפשטעהן כדי ער זאלל זיך גלייך דערמאהנען אן דעם איינציגען בורא, וואס ער גיבט לעבען דיא גאנצע בריאה, און ער איז מחיה זיין נשמה זיין גאנצע לעבהאפט, און וואס ער האט נאר, איז אללעס פון איהם, דרום דארף איך זיך מיט גרויס אהבה (ליעבע), מוסר נפש זיין פאר איהם און פאר זיין כבוד, און אז עס וועט קומען דיא צייט, אבגעבען איהם דיא נשמה א ריינע (און בעפלעקטע), אזויא וויא מען האט איהר בעקומען, וואס דערפאר וועט מען בעלאהנט ווערען אויך נאכ׳ן פערדיענט, אויף דעם עולם האמת. אין דער צוויי־טער פרשה איז מען מקבל מקיים צו זיין אללע מצות אויף זיך און דיא קינדער, און דיענען גאטט ברוך הוא מיט׳ן גאנצען הארצען ובשכר זה וועט איהם גאטט ב״ה געבען אויף דער וועלט אויך גליקק אין אללע זיינע אונטערנעהמונגען און וועט איהם זיין פרנסה, און אללע זיינע בעדארפניססע צושיקקען אין דער צייט וויא עס שטעהט דארטען והיה אם שמוע וכו׳ ואספת דגנך וגו׳, און אויך שטעהט גע־שריעבען: ושמרתם את חקותי וכו׳ און איהר זאללט היטען מיינע געזעטצע וכו׳ וואס ווענן דער מענש טהוט זייא לעבט ער דורך זייא גליקליך (אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט). אין דער דריטטער פרשה (פון ק״ש) ווערט גערעדט וועגען יציאת מצרים, וואס דאס איז דער גראבסטער בעוויז אויף גאטטעס השגחה איבער אונז און איבער דיא גאנצע וועלט און וואס מיט דעם איז גאטט׳ס נאמען ערהאבען געווא־רען צווישען אידען וויא צווישען דיא אומות העולם, וויא עס שטעהט אין יהושע ונשמע וימס לבבנו וכו׳ מיר האבען געהערט (דיא נסים וואס גאטט האט אייך בעוויזען) זיינען מיר אויסער זיך געווארען דענן אייער גאטט איז דער איינציגער, סאי אויבען אויפ׳ן הימעל סאי אונטען אויף דער ערד. אויך דארף מען לייענען קריאת שמע בייא נאכט פאר׳ן שלאף, וואס דאמאלס גיבט מען איבער דיא נשמה אין גאט־טעס האנד. וויא עס שטעהט: בידך אפקיד רוחי (אין דיין האנד פארבעהאלט איך מיין גייסט). און דורך דעם מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים (דעם יאך פון דער הימעלשער מלוכה) איז זיא, דיא נשמה, ווירקליך ריין און אונשולדיג וויא געוועזען,

**לא תהא ק"ש קלה בעיניך** מפני שיש בה רמ"ח תיבות כנגד רמ"ח מצות עשה שבתורה וכמנין אברים שבאדם, אמר הקב"ה אם שמרת את שלי לקרות קריאת שמע בתקונה אני אשמור את שלך, לכך דור מקלם שמרני כאישון בת עין. א"ל הקב"ה לישראל שמור מצותי וחיה וכך אמר הקדוש ב"ה לישראל שמרו מצותי ק"ש ערבית ושחרית, ואני משמר אתכם שנאמר ה' ישמרך מכל רע ישמור את נפשך. וכשהיו ישראל יוצאין למלחמת על אויביהן מצוה זו הגינה על ישראל שינצלו מידם, כדאיתא [בסוטה מ"ב ע"א] על הפסוק ואמר להם שמע ישראל דא"ל הקב"ה לישראל אפי' לא קיימתם אלא ק"ש שחרית וערבית אי אתם נמסרין בידם, הא למדת הזכות הגדול שיש לישראל עבור מצות ק"ש שחרית וערבית, ע"כ צריך מאד ליזהר שלא לבטלה ח"ו בשום פעם, ועבור זה יהיה ה' אתו ויצילהו מכל צרה וצוקה. וזמן ק"ש של שחרית לכתחלה המצוה תיכף בקומו כיון שהנץ החמה יקרא ק"ש ויתפלל, ועכ"פ **לא יאחרה יותר** מרביעית היום דאז הוא זמן קימה לכל אדם, עבר אותו הזמן ולא קראה אעפ"כ קורא אותה עם ברכותיה. דאע"פ שאין לו שוב שכר ק"ש בזמנה, שכבר עבר זמן ק"ש, אעפ"כ יש לו שכר כקורא בתורה. ויתר פרטי דין זה עיין בש"ע סימן נ"ח:

**והנה** מגודל השכר המקיים המצוה, אנו למדין העונש מי שאינו רוצה לקבל על עצמו עול מלכות שמים. ואחז"ל [שבת קי"ט] לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו ק"ש שחרית וערבית, שנאמר הוי משכימי בבקר שכר ירדופו מאחרי בנשף יין ידליקם [היינו שבזמן ק"ש שחרית וערבית היו רודפים אחרי שתיית יין ושכר, וכן משמע בפירש"י] וכתיב והיה כנור ונבל תף וחליל ויין משתיהם ואת פועל ה' לא יביטו [היינו שלא שמו על לב ליחוד שמו על בריותיו, רש"י] וכתיב בתריה לכן גלה עמי מבלי דעת. ואחז"ל על הפסוק מעוות לא יוכל לתקון זה שביטל ק"ש

---

אמר ר' מני — שטעהט אין מדרש תנחומא — ר' מני האט געזאגט: זאלל דיא קריאת שמע ניט אזויא גרינג זיין אין דיינע אויגען, דען אין איהר געפינען זיך רמ"ח (צווייהונדערט אכט אונ פערציג) ווארטער געגען דיא רמ"ח מצוות עשה (דיא מצוות וואס הייסען טהאן (עשה) געוויסע זאכען), אונ אנטקעגען דיא רמ"ח גלידער וואס דער מענש האט. גאטט האט געזאגט — זאגט דער מדרש ווייטער —: ווען דוא היטסט דאס מיינע: צוא לייענען ק"ש וויא מען דארף, וועלל איך היטען דאס דייניגע (דיא כוונה איז: ווען דער איד היטט אב קריאת שמע וואס זיא איז דער גרונד פון אללע מצוות, דאנן היטט גאטט איהם אב זיינע רמ"ח אברים, זיינע גלידער, פון אללע צרות) וכו'. אונ אז אידען פלעגען ארויס אין א מלחמה האט זייא דיא מצוה בעשיטצט געגען שונא, וויא די גמרא זאגט: גאטט האט געזאגט צו ישראל: ווען איהר זייט מקיים אפילו מעהר ניט וויא דיא מצות קריאת שמע שחרית אונ ערבית, וועט איהר שוין ניט אריינפאללען אין דיא האנד פון אייערע פיינד פון דעם אללעם זעהט מען, וואס פאר א הויכער זכין דיא קריאת שמע איז, דארום מוז מען זיך היטען ניט צוא מבטל זיין איהר אפילו איינמאל. דיא צייט פון קריאת שמע איז אמבעסטען גלייך פרימארגענס, נור בייטאג, נור יעדענפאללס טאר מען איהר ניט פערזאמען שפעטער פון א פיערטעל צייט פון דעם גאנצען טאג דאנן איז דיא לעצטע צייט. נור ווען עס מאכט זיך, אז מען האט ניט אוספעיעט ביז דער צייט, זאלל מען פון דעסטוועגען לייענען ק"ש, שכר פאר ק"ש האט מען שוין ניט, אבער עס איז דאך ניט ערגער פאר לייענען דיא תורה וואס פאר דעם האט מען אויך שכר:

נאכ'ן שכר נאך פאר'ן מקיים זיין דיא מצוה קאנן מען פערשטעהן וויא גרויס עס איז די שטראף פון ניט מקיים זיין איהר, לא חרבה ירושלים — זאגט דיא גמרא — ירושלים איז חרוב געווארען נור צוליעב דעם, וואס אידען האבען ניט געלייענט ק"ש אין דער פריה אונ אבענדס, וויא עס שטעהט געשריבען: הוי, משכימי בבוקר וכו' — וועה, דיא וואס שטעהען אויף פריה אונ יאגען זיך נאך ווין (טרינקען), זיטצען שפאט אבענדס אונ ווין דערהיצט זייא וואס הייסט: אין דער צייט פון ק"ש, שחרית אונ ערבית, טרינקען זייא גאר ווייגען) וכו' אונ גאטטעס ארבייט זעהען זייא גאר ניט (זייא בעמיהען זיך ניט צוא מיחד זיין גאטטעס נאמען צווישען מענשען), אונ צום סוף ווערדט אויסגעפיהרט אין פסוק: לכן גלה עמי מבלי דעת (דערפאר איז מיין פאלק פערטריעבען געווארען, צוליעב זיין אונוויסענהייט). אונ דיא גמרא זאגט אז דער פסוק מעוות לא יוכל לתקון געהט אויף דעם וואס ער

ואנט

ק"ש של שחרית או ערבית. גם יקח מוסר אם היה מבקשו אחד משרי המלך לאיזה שירות, ואפי' אם היה כבד עליו השירות ההוא האם היה מתעצל ח"ו, וכ"ש אם המלך בעצמו היה מבקשו לאיזה שירות. היה בודאי שמח וטוב לב שזכה לשרת לפניו ולעשות רצונו והיה מתפאר בזה כל ימי חייו שזכה פ"א להיות משרת המלך, ולהפך אם היה מתעצל ואינו מקיים רצון המלך הוא מורד במלך וראוי למות ע"ז. וא"כ מה נשיב למלך הכבוד הוא אלהי השמים אשר נשמותינו בידו וכל ארחותינו מסורות אליו כשאנו מסרבים לקבל עלינו עול מלכותו ולעשות רצונו, ווהו שאמר הכתוב שחת לו לא וגו' הלה' תגמלו זאת עם נבל ולא חכם הלוא הוא אביך קנך וגו'. ואשרי להמקיים ק"ש כתקונה ובזמנה בזריזות ולא להתעצל ולאחר זמנה. וכמו שנמצא בכתוב בשבח אומה ישראלית בענין זה, ועי"ז ישלחו לה מן השמים מלאכים השומרים אותה שלא תכלה בין האומות עובדי כוכבים ומזלות. וכמו ראיתא במדרש רבה פרשת בלק על הפסוק הן עם כלביא יקום וז"ל אין אומה בעולם כיוצא בהם הרי הן ישנים מן התורה ומן המצות [ר"ל בעת השינה עת הסתלקות השכל] ועומדין משנתן כאריות וחוטפין ק"ש [ר"ל ממהרים סמוך לקימה] וממליכין להקב"ה ונעשין כאריות ומפליגין לד"א למשא ולמתן. אם נתקל אחד מהם בבלום, או אם מחבלין באין ליגע באחד מהן ממליך להקב"ה. לא ישכב עד יאכל טרף, כשהוא אומר ה' אחד גאכלין המחבלין מפניו ומלחשין אחריו ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד ובורחין, והוא נסמך בק"ש משומרי היום לשומרי הלילה. וכשבא לישן מפקיר רוחו להקב"ה שנאמר בידך אפקיד רוחי. וכשנעור ממליך להקב"ה, והשומרים בלילה מוסרין אותו לשומרי היום שנאמר נפשי לה' משומרים לבקר שומרים לבקר. לכן בלעם אמר אי זו אומה כזו עכ"ל המדרש. וה' ישים חלקנו מן הרצים לעשות רצונו, כמו שכתוב נדעה נרדפה לדעת את ה'. ויקוים בנו מקרא שכתוב את ה' האמרת היום להיות לך לאלהים וללכת בדרכיו ולשמור חקיו ומצותיו וגו' וה' האמירך היום להיות לו לעם *):

ווי'ע

*) ואע"פ שכתבנו עד כה סגודל הענין של ק"ש ותפלה מ"מ אל יבטית תיצר את האדם שבזה לבד יוצא ידי חובת איש יהודי אף שלא יז"ז את עצמו כלל לקיום התורה, כי לא כן הדבר דהוא דומה לאחד שבא לבקש מאת נדיב שיקחנו לבית מסחרו

---

האט מבטל געוועזען קריאת שמע פון שחרית און ערבית. אויך זאלל ער זיך פארשטעללען למשל אז עס זאלל איהם פארקוממען צו בעדיענען א פירשט אדער גאר א קאניג — וויא גערן וואללט מען זיך צוא דעם גענוממען! וועה בעדט, ווענן דער פירשט אדער דער קאניג אליין זאלל בעטען, מען זאלל זייא אין וואס עס איז בעדיענען, דענן דאנן, ווענן מען פאלגט זייא ניט איז מען דאך א מורד במלכות, היינט וויא דארף מען שוין פאלגען גאטט ב"ה, וואס אונזערע נשמות, אונזער גאנצער לעבען, איז אין זיין האנד, וואס ער קאנן מיט אונז אין יעדען אויגענבליק מאכען וואס ער וויל! הלה' תגמלו זאת — שטעהט אין חומש — בעצאהלט איהר דאס אזויא גאטט (פאר דיא חסדים וואס ער טהוט מיט אייך) דוא פערדארבענעס, אונקלוגעס פאלק? ער איז דאך דיין פאטער, דיין הערר, ער האט דיך בעשאפפען, געשטעללט אויף דיא פיס. אויף דעם פסוק הן עם כלביא יקום וכו' זאגט דער מדרש אזויא: קיין אומה איז ניט גלייך צוא זייא (צוא אידען). וויא דיא לאבען גיבען זייא מארגענס א שפרונג פון בעטטעל און לייגען דיא ערשטע זאך קריאת שמע, און אנערקאנגען דאמיט גאטטעס הערשאפט (ממליכין להקב"ה), דאנן געהען זייא ארוים צוא דער ארבייט. אדער ווענן מחבלים ווילען וועמען טהון שלעכטעס — וויא ער זאגט נור „ה' אחד" איז מען שוין זיכער פון איין אונגליק און די מחבלים ווערען פערציטערטע און אנטלויפען, נאך דעם וויא זייא זאגען נאך אין דער שטילל: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד... אז ער (דער איד) לעגט זיך שלאפען גיבט ער זיין גייסט איבער אין גאטט'ס האנד און ער געהט איבער אין דיא האנד פון דיא נאכט-היטטער (דיא מלאכים, וואס היטען איהם ביא נאכט), דאנן, אז ער שטעהט אויף געהט ער צוריק איבער, וויא ער לייענט נור ק"ש, צו דיא טאג-היטטער; דעריבער האט בלעם געזאגט: וואו געפינט מען נאך אזא פאלק?! *)

דאס

*) נאטירליך וויא גרוים עס איז דיא מצוה פון קריאת שמע און תפלה פון דעסטוועגען אי מען מיט דעם אליין ניט יוצא און מען מוז דיא איבעריגע מצוות אויך מקיים זיין. מיר וועללען דאס בעססער ערקלארען

דורך

ודע דאף דמצוה לבתחלה לקרות ק"ש דוקא עם תפלין כמו שאחז"ל הקורא ק"ש בלא תפלין כאלו מעיד עדות שקר [שאומר וקשרתם וגו' והוא איננו קושר], אפ"ה אם אירע לו איזה אונס שלא היה יכול אז להניחם בזמן ק"ש, כגון שלא היה לו, או שהיה בין העו"ג ולא הניחוהו להניחן, אפ"ה יקרא ק"ש ויתפלל כדינו בזמנם, ואח"כ כל אימת שיזדמן לו שיוכל להניחם יניחם ויברך עליהם ויאמר בהן איזה פסוקים

ויחלצן. דמצות תפלין מדינא זמנו כל היום ואפילו אם הוא כבר בין השמשות יוכל ג"כ להניחן ולברך עליהם, [ש"ע או"ח סי' ל' באחרונים עי"ש]. אך לכתחלה אסור לו לאחר כ"כ אלא יקדימו ביום כל מה דאפשר, ואפילו אם בבית עו"ג לא יכול להניחן כנ"ל יניחם בדרך על זמן מועט כנ"ל ויצא בזה. ועיין לקמיה בפרק שביעי. ודע עוד דקודם שהניח תפלין אסור לו לאכול, ואפי' התחיל, פוסק, דהוא
חיובא

מסחרו לשרתו שיהיה לו במה לחיות נפשו ובטיחתהו כי ישרתו באמונה ויקבלהו בבית מסחרו. ויהי היום שהגריב רצה ליסע מביתו על איזה ימים כתב לו פרטי עבודתו על אלו הימים בכתב ויצוהו כי יקרא זה בכל יום. ויהי כאשר חזר הנגיד לביתו קרא אותו וישאלהו בדבר פעולתו של אלו הימים אם קיים רצונו וישיבהו בן אדוני קראתי פעמים בכל יום את מכתב אדוני, ויחר אפו עליו ויאמר לו הוי פתי הבזה קיימת את רצוני שקראת את דברי, הבקריאה השלמת את מלאכתך הלא הקריאה היא רק עצה שעי"ז תזכור חובת פעולתך להשלימה. כן הדבר בענינינו הלא הענין שנצטוינו לקרוא בכל יום שמע והיה אם שמוע אחז"ל (ברכות י"ג) ששמע הוא כדי שיקבל האדם על עצמו עול מלכות שמים. והיה אם שמוע הוא כדי שיקבל עליו אח"כ עול המצות, וכמו שכתוב ושמתם את דברי אלה על לבבכם וגו' ולפיכך כשאנו מסיימים ק"ש תיכף אנו אומרים ודבריו חיים וקיימים וכו' על אבותינו ועלינו כו' חק ולא יעבור כדי להורות שאנו מקבלין עלינו ועל דורותינו אחרינו לנצח את דברי הש"י לשמור אותם ולקיימם, וכן בתפלה אנו אומרים בכל יום השיבנו אבינו לתורתך וכו', וא"כ איך ימלא לב האדם אח"כ שלא להשגיח על התורה ומצותיה ולהתפתות מיצרו.

---

דאָס מוז מען אויך וויסען, האָטש דיא מִצְוָה פון ק"ש איז לְכַתְּחִלָּה דַוְקָא אין דיא תְּפִילִין, וויא דיא גְמָרָא זאָגט: הַקּוֹרֵא ק"ש בְּלֹא תְּפִילִין וכו' דער וואס לייענט ק"ש אָהן תְּפִילִין איז גְלייך וויא ער וואָלט זאָגען אַ פאַלְשֶׁע עֵדוּת (ווען אין ק"ש ווערדט דער־מאָהנט דיא מִצְוָה פון תְּפִלִּין און ער איז איהר נִיט מְקַיֵּים), פון דעסטוועגען, אַז עס מאַכט זיך אַ סִבָּה, וואס מען קאָנן נִיט לעגען תְּפִלִּין אין דער צייט פון ק"ש, דאַרף מען לייענען ק"ש און דאַוונען אין דער צייט, און אַז מען וועט נאַבהער קאָנגען לעגען תְּפִלִּין, זאָלל מען לעגען און מאַכען דיא בְּרָכָה און זאָגען עֶטְליכֶע פְּסוּקִים און אויסטהאָן, דענן דיא צייט פון תְּפִלִּין־לעגען איז דעם גאַנצען טאָג, אֲפִילוּ בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת (דאַמערונגסשטונדע. פון זונן־אונטערגאַנג ביז פִּינְסְטֶערְנִים) איז נאָך אויך גִיט פערזאַמט. נור לְכַתְּחִלָּה טאָר מען נִיט אָבלעגען, און וואס פריהער איז בעסער. ווען מען איז אין אַ שְׁטוּב וואו עס איז דאָרט אונמעגליך צוא לעגען תְּפִלִּין, מוז מען זיך אויסזוכען עֶפֶּעס אַיין אָרט אויף אַ הויף אָדער אין וועג. (ווערה ווייטער פֶּרֶק ז'). עסען פאַר'ן תְּפִלִּין־לעגען טאָר
מען

דורך אַ מָשָׁל. אַ סוֹחֵר האָט אַמאָל גענומען אַ גייעם אונערפאַהרענעם פְּרִיקאַשְׁצִיק. איינמאָל האָט ער גע־דאַרפט מאַכען אַ ווייטע רייזע, און ווייל דער פְּרִיקאַשְׁצִיק איז נאָך געווען אונפּראַקטיש אין געשעפט האָט ער איהם איבערגעלאָזען אַ פּאַפּיער, אויף וועלכען עס איז געווען געשריבען אַללעס וואס איהם, דעם פְּרִיקאַשְׁ־צִיק, איז נאָטהִיג צוא וויסען. אַז דער סוֹחֵר איז געקומען פון דער רייזע און האָט דעם פְּרִיקאַשְׁצִיק גע־פראַגט, אויב ער האָט געטהון זיין פְּפליכט (חוב), האָט ער געאַנטוועָרט: יאַ, איך האָב עֶטליכע מאָל אַ טאָג געלייענט דיא פּאַפּיער. שׁוֹטֶה! אַנטוואָרט דער סוֹחֵר, איך האָב דיר געלאָזען דיא פּאַפּיער, כְּדֵי דוא זאָללסט אָבהיטען דאָס וואס שטעהט דאָרטען, אָבער וואס טויג מיר, וואס דוא האָסט עס געלעזען, ווען דוא האָסט ניט געקוקט מְקַיֵּים צו זיין דעם. אינהאַלט: דעם נִמְשָׁל פערשטעהט יעדער אליין. דאָסזעלבע געשרייא איז אויף דיא לייט וואס זיינען מְחַלֵּל שַׁבָּת צוליעב געלד, ער פאַרדינגט זיך אין אַ פאַבריקע אין אַ גע־שעפט צו טהון אום שַׁבָּת אָדער אין איין אייגענעם געשעפט. וויא שרעקליך דיא עֲבֵירָה איז, ער פאַרדיענט דעם שטראָף פון כָּרֵת, ער האָט אַ נאָמען און דין וויא אַ עוֹבֵד גִלּוּלִים וויא ווייטער וועט שטעהן. און דאָס טהוט ער גאָר צוליעב געלד, און ער לייענט דאָך אַללע טאָג ק"ש "וְאָהַבְתָּ וגו' בְּכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ" זאָלסט ליעב האָבען גאָטט מיטן גאַנצען לעבען און מיטן גאַנצען פאַרמעגען, און טהוט פאַרקעהרט.

חיובא דאורייתא, ואפי' אם חלש לבו, וטעימה בעלמא מותר כשחלש לבו, כדמוכח בח"א כלל קמ"ח בדין פ"ז עי"ש, אם לא כשהוא משער שלא יהיה לו כל היום להניחן ועל מה יסמוך ומותר לו לאכול:

# פרק שביעי

## בו יבואר גודל מצות תפלין וציצית.

**ועתה** נדבר קצת מענין מצות תפלין בגודל מעלתה וחיובה ושהיא מגינה על האדם. כמה גדולה היא מצות תפלין שיש בה ד' פרשיות בין בש"י ובין בשל ראש, ועל כל פרשה יש בה צווי בפני עצמו. ולכך אמרינן במנחות דכל מי שאינו מניח תפלין עובר בשמונה עשין. וגם היא לאות שאנחנו עבדי ה' אלהי השמים, כי שם שדי שהוא שמו ית' חקוק בתפלין. כי שי"ן חקוק בשל ראש, והדל"ת בהקשר של ראש, והיו"ד בשל יד. וגם נקראת פאר כמו שנאמר ביחזקאל פארך חבוש עליך, כי היא לאות ותפארת עלינו. ואין לך גדול בכל מצות שבתורה יותר ממנה, שהרי כל התורה כולה הוקשה לתפלין כמו שנאמר למען תהיה תורת ה' בפיך ואמרינן בגמרא שכל המניחן מאריך ימים שנאמר ה' עליהם יחיו [כלומר אותן שנושאין עליהם שם ה' יחיו. רש"י]. ואיתא בשימושא רבא כל המניח תפילין ומתעטף בציצית וקורא ק"ש ומתפלל מובטח לו שהוא בן עוה"ב. וגם אמר שם שבזכות תפילין אין גיהנם שולטת בו וכל עונותיו נמחלין לו. ואיתא בתקוני זוהר דכל מאן דאנח תפלין על ראשיה ועל דרועיה קלא סליק בכל יומא לכל חיות ומרכבות ואופנים ושרפים ומלאכים דממנן על צלותין הבו יקר לדיוקנא דמלכא דאיהו מאן דאנח תפלין וכו'. וגדול העונש מי שאינו מניחן דהוא בכלל פושעי ישראל בגופן ודינו כבר נפסק במסכת ר"ה (דף י"ז) דאפילו אם הוא איש בינוני דדרכו של הקב"ה
להטות

---

מען ניט, מען מוז זאגאר אין מיטטען אוועקווארפען, ווייל דאס איז א מצוה מן התורה. וועגן מען האט אפילו א שוואך הארץ טאר מען ניט, וועגן אויך נאר צו פערזוכען א ביססען. סיידען אז מען איז משער, אז מען וועט דעם גאנצען טאג ניט קאנען תפלין לעגען, דאנן דארף מען ניט ווארטען אונ עססען:

## פרק שביעי.

**אין דעם פרק ווערדט גערעדט וויא גרויס עס איז דיא מצוה פון תפלין לעגען אונ פון ציצית טראגען.**

**יעטצט** וועללען מיר א ביסעל ארומרעדען דיא מצוה פון תפלין, וויא וויכטיג זיא איז אונ וואס פאר א גרויסער חוב עס איז צוא מקיים זיין איהר. אין תפלין זיינען בעקאנטליך דא, אין של יד אונ אין של ראש, צו פיער פרשיות אונ אויף יעדער פרשה בעזונדער איז דא א מצוה, קוממט אויס, אז דער וואס לעגט ניט קיין תפלין איז עובר אויף אכט מצות. אויך איז דיא תפלין צום צייכען, אז מיר זיינען דיא קנעכט פון גאטט דענן אויף דיא תפלין געפינט זיך איינער פון די נאמען פון גאטט ברוך הוא – שדי (דער אללמאכטיגער). אויפ'ן של ראש דער שי"ן, אויפ'ן „קשר" פון של ראש – דער דל"ת אונ אויפ'ן של יד – דער יוד, אויך הייסען דיא תפלין „פאר" (א ציערונג), וויא עס שטעהט אין יחזקאל: פארך חבוש עליך (דיין ציערונג זאל זיין ארומגעבונדען ארום דיין קאפ). דיא מצוה איז דיא גראסטע אין דער תורה דענן דיא גאנצע תורה איז געגליכען געווארען צו תפלין, וויא עס שטעהט ביי דיא מצוה פון תפלין: למען תהיה תורת ה' בפיך (כדי עס זאלל זיין די תורה פון גאטט אין דיין מויל). דער וואס לעגט תפלין – זאגט דיא גמרא – איז מאריך ימים (לעבט לאנג) וויא עס שטעהט: ה' עליהם (אז גאטט, דער נאמען פון גאטט, איז אויף זייא) יחיו (וועללען זייא לעבען). דער וואס לעגט תפלין – שטעהט אין איין אנדער ארט אונ וואס טראגט ציצית אונ לייענט ק"ש אונ דאווענט, קאנן זיכער זיין, אז ער וועט האבען עולם הבא. צו־ליעב תפלין – שטעהט דארטען וויעדער – איז מען ניצול פון גיהנום, אונ אללע עבירות ווערען פערגע־בען. אין תקוני זוהר שטעהט: אויף דעם וואס לעגט תפלין אויפ'ן קאפ אונ אויפ'ן ארעם געהט ארויס יעדען טאג איין אויסרוף צו דיא אללע חיות הקודש, מרכבות, אופנים, שרפים אונ מלאכים (אלץ מיני מלאכים), וואס זיינען אויפגענוממען אויף תפלה: גיבט אפ כבוד דעם עבענבילד גאטטעס (צלם אלהים – דעם מענשען) ער לעגט דאס היילגע תפלין וכו', (געוועהנליך איז דאס ביי דיא וואס היטען טראגען בקדושה אונ נעה־מען אריין אין זינען וואס דיא תפלין איז) וויא גרויס עס איז דיא שטראף פאר'ן ניט לעגען, וועהט מען פון
דעם

להטות הכף בלפי חסד מכיון שנמצא בתוך עונותיו עון זה כף חובה מכרעת והוא מוכרח לירד לגיהנם, ואם ח"ו ג"כ עונותיו מרובין מזכיותיו נידון בגיהנם י"ב חודש ואח"כ גופן כלה ונשמתן נשרפת ורוח מפזרת לאפרן תחת כפות רגלי הצדיקים, וכל זה כשלא עשה תשובה [תוספות שם]. וכתב הב"ח דאפילו אם אין המצוה בזויה בעיניו ח"ו רק מונע עצמו מלהניחם בשביל ביטול מלאכה או שאר הפסד ממון או מחמת עצלות הוא ג"כ בכלל פושעי ישראל, אך דיש חילוק ביניהן לענין עונש עי"ש. וכתבו האחרונים דאפילו אם מונע את עצמו ממצוה זו רק לפרקים, הוא ג"כ בכלל פושעי ישראל. ומשמע בגמרא דמי שאינו נזהר לקיים מצוה זו בשלמותה כגון שמסיח בין תפלין של יד לשל ראש וכ"ש אם לפרקים אינו מניחן לגמרי מחמת עצלות מסתלק ממנו השמירה העליונה ועלול הוא בעת המלחמה להיות נרדף ח"ו מפני אויביו, וכ"ז אפילו בדורות הראשונים בעת שהיה לנו עם ישראל מלחמה עם אויבינו, ובודאי שגם עתה הוא כן בעת שהזדמן ח"ו איזה סכנה, ולהיפך אם היה מקיים מצוה זו כראוי היה מקוים בנו וטרף זרוע וגו' [הרא"ש בהלכות קטנות] ובודאי שגם עתה יעזור הקב"ה אותנו בעת צרה בזכות מצוה זו. ויען כי גדול כח המצוה הזאת כאשר בארנו ולהיפך גודל העונש ר"ל, יזהר כל אדם להיות לו תפלין לעצמו ולקיים מצוה זו על גדר השלמות בכל מה שיש בכחו ולא יחסר לו אפילו יום אחד בימי חייו אם לא מחמת אונס ח"ו, ואותן אנשים שידם משגת לקנות תפלין לעצמן ואינם קונים כי סומכין ע"ז שישאלו מאחרים כתב הב"ח דעונשן גדול עבור זה, ואם איש עני הוא ואין ידו משגת לתפלין, עכ"פ מחויב לשאול מאחרים כדי שלא לבטל המ"ע, אבל מהנכון שיבקש עזר מקרוביו ואוהביו שיקנו לו תפלין כי לסמוך תמיד על שאולין מאחרים קשה מאד לצאת בזה ידי שמים, כי ע"פ הרוב הקשר של ראש של תפלין אחרים כיון שאינו עשוי בשבילו אינו מצומצם במדתו כי אם קטן במדתו נמצא שהם רפוין על ראשו ואם הם גדולים במדתו נמצא שהם מונחין על מצחו ואין

יוצא

---

פון דעם, וואס דיא גמרא זאגט, אז ווענן דער מענש איז אפילו א „בינוני" (מיטטעלמאסיג. ווענן די צאהל פון דיא עבירות מיט דיא מצוות איז גליך) וואס ביא אנעלכען בייגט גאטט געוואהנליך דיא וואגשאל אראב פון דעם זייט וואו דיא מצוות ליעגען, קוים געפינט זיך ביא איהם נור דיא עבירה פון ניט לעגען קיין תפלין וואגען שוין דיא עבירות אריבער אונ ער מוז געהן אין גיהנום, אונ ווענן דיא עבירות זיינען חס ושלום מעהר פון דיא מצות קריגט מען פאר דער עבירה פון ניט לעגען תפלין, גיהנום צוואלף חדשים, אונ דאנן ווערט דער גוף פערניכטעט אונ דיא נשמה פערברענט אונ דער ווינד פערשפרייט דיא אש אונטער דיא פים פון דיא צדיקים, אונ דאס איז אללעס, אז מען טהוט קיין תשובה ניט (וויא תוספות זאגט). דער ב"ח זאגט: אז אפילו מען איז מבטל דיא מצוה, נור ווייל מען האט קיין צייט ניט אדער צוליעב פוילקייט, איז מען אויך א פושע ישראל, מעהר ניט וואס אנטקעגען שטראף איז א נפקא מינה. דיא אחרונים זאגען: אז ווענן מען איז מבטל דיא מצוה נור צייטענווייז איז מען אויך א פושע ישראל. פון דער גמרא וועהט מען, אז דער וואס איז דיא מצוה אפילו מקיים נור ניט וויא עס דארף צו זיין, ווענן ער שמועסט, למשל, צווישען דעם לעגען דעם של יד אונ דעם של ראש, בפרט נאך אז ער לעגט צייטענווייז גאר ניט, געהט פון איהם אראב דיא שמירה עליונה (דיא אויבערסטע געטטליכע היטונג) אונ אין א מלחמה צייט קאנן ער זיין פער־פאלגט פון דעם שונא. דאס איז געוועזען אפילו אמאל, בעת מיר האבען געפיהרט מלחמות, בפרט נאך היינט אז עס מאכט זיך עפעס א סכנה. פערקעהרט, אז מען איז מקיים דיא מצוה וויא עס דארף צוא צוא זיין ווערט מקוים דער פסוק: וטרף זרוע אף קדקוד (אונ ער וועט צערייסען דעם ארעם (פון שונא) אויך דעם שאדעל). דעריבער דארף יעדער זעהן האבען אייגענע תפלין אונ מקיים זיין דיא מצוה אויפ'ן בעסטען ארט אונ ניט פערפעהלען אפילו איין מאל אין לעבען סיידען אין א גאנץ גרויסען נאטה. דיא וואס קאנגען קויפען תפלין אונ קויפען ניט — זאגט דער ב"ח, איז דער שטראף זעהר גרויס, אונ ווענן מען איז זייער ארעם אונ עס איז איהם אונמאגליך צוא קויפען תפלין. מוז מען האטש לייהען ביא פרעמדע. נור גלייבער איז. אז מען פערשאפפט זיך אייגענע. מען דארף האטש בעטען בעקאנטע אונ פערוואנדטע זיא זאללען אין דעם בעהילפיג זיין, דענן מיט פרעמדע איז שווער יוצא צוא זיין דיא מצוה אין גאנצען, על פי רוב פאסט ניט דער קשר פון „של ראש", אדער ער איז צוא גרויס אונ זיא קומט

אוים

יצא בזה ידי מצות תפלין וגם הוא מברך ברכה לבטלה. וכתבו הספרים שאין לאדם לצאת אפילו לדרך קרובה בלי תפלין כי פן יזדמן איזה אונס ויהיה מוכרח לישאו בדרך על זמן מה ויתבטל ממצות תפלין, ואם אירע שנאבד לו השל ראש או השל יד בדרך ואין לו ממי לשאל אעפ"כ יניח אותה התפלין שיש בידו, דקי"ל דאין מעכבין זה את זה. ויש נפקא מינה בין הש"ר להש"י בענין הברכה דאם יש לו רק הש"י מברך עליה ברכת להניח לבד. ואם הש"ר מברך עליה להניח וגם על מצות, [כן פסק הרמ"א בסימן כ"ו], וכשיזדמן לו אח"כ באותו היום ממי לשאל תפלין מחויב לשאל ולקיים המצוה בשלמותה ויברך עליהן עוד הפעם דתפלין כל זמן שמניחן מברך עליהן אם הסיח דעתו מהנחה הראשונה. והנה שמעתי שיש אנשים בארצות הרחוקות שמבטלין מצות תפלין מפני שנוסעים בכפרים אצל נכרים להשתכר במקומות שאינם דרים שם יהודים ומכחישין לפניהם כלל שהם יהודים כדי שלא ירחקו אותם מפני שנאתם ליהודים וע"כ אינם מניחין תפילין כדי שלא יכירו בהם. ואבאר לך חומר האיסורים שעוברין בזה. הנה עצם אמירתו שהוא אינו יהודי הוא איסור חמור מאד ומפורש בשו"ע יו"ד סימן קנ"ז דאפילו בשעת סכנה גמורה אסור לישראל לומר שהוא עכו"ם, דהוא בכלל מודה לדתם וכופר בעיקר, שמחויב ישראל למסור נפשו ע"ז אם לא שאינו אומר זאת להדיא, ורק העכו"ם בעצמו טועה בו מותר בשעת הסכנה, ועל ביטול מצות תפלין אם היה באמת סכנה בדבר ע"י הנחתו אפשר דאין עליו עון [דאף די"ל דפושע הוא דלא היה לו להכניס עצמו בהסכנה ולעבור על דברי התורה, מ"מ אפשר דאין עליו עון, כיון דהיה מוכרח מתחלה לעבור שם לבקש טרף לנפשו. ויש לעיין בזה. ועיין ש"ך וב"ח שם]. אמנם אם אין סכנה בדבר ורק שירחקוהו ולא יתנו לו להשתכר בודאי יש בידו עון על ביטול מצות תפלין דאין מעצור לה' להושיע ממקום אחר [ולפחות ישתדל להניח התפלין אח"כ בדרך כשיצא מבית העו"ג, אף שהוא כבר אחר זמן תפלה, כיון שהוא עדיין יום וכנ"ל

בפרק

---

אויס צוא ליעגען אויף'ן שטערן אָבער צוא קליין אונ זייא ליעגען אויף'ן שפּיטץ קאפּ, וואס דאנן איז מען ניט יוצא אונ דיא ברכה איז א ברכה לבטלה. אין ספרים שטעהט, אז מען טאר ניט ארויס אין וועג אָהן תפלין, טאמער מאכט זיך אז מען מוז פערזאמ־מען אונטערוועגנס לאנגער ווייא מען האט גערעכענט אונ מען קריגט ניט קיין תפלין צוא לעגען. אז עס מאכט זיך, אז מען פערליערט אין וועג דעם של ראש אָדער דעם של יד, אונ לייהען קריגט מען ניט, מוז מען לעגען חאטש דעם וואס איז געבליעבען. עס איז מעהר ניט דא א נפקא מינה אנטקעגען דיא ברכה: ווען מען האט נור דעם של יד מוז מען נור מאכען די ברכה „להניח" אונ אויב דעם של ראש — דארף מען שוין ביידע ברכות מאכען, „להניח" אונ „על מצות". אונ אז עס מאכט זיך דאנן שפּעטער צוא לייגען א פּאאר תפלין, מוז מען לייגען, אונ מקיים זיין דיא מצוה ווייא מען דארף אונ נאך אמאל מאכען דיא ברכה, דענן מען מוז מאכען דיא ברכה ווענן מען לעגט נור דיא תפלין, אויב מען האט נור ארויס־געלאזען פון זינען דעם ערשטען מאל לעגען. מיר האבען געהערט, אז אנדערע עמיגראנטען לעגען ניט קיין תפלין בעת זייא קוממט אויס צוא געהן בייא א נכרי אין שטוב, ווייל זייא ווילען ניט דער נכרי זאלל וויסען, אז זייא זענען אידען, וואס צוליעב דעם קאננען זיי האבען שארען אין געשאפט. די עבירה פון אזא פיהרונג איז זייער גרויס, ערשטענס איז דער פערלייקענען, אז מען איז א איד, אליין א גרויסע עבירה, אין שולחן ערוך שטעהט, אז אפילו ביי א סכנה טאר א איד אויך ניט זאגען, אז ער איז א עכו"ם, דענן דאס איז גלייך, ווייא ער וואלט מודה געוועזען אז ער גלויבט אין די גאטצען אונ פאר דעם איז זיך ראך א איר מחויב צו מוסר נפש זיין, סיידען אז ער זאגט דאס ניט דייטליך, מעהר ניט, וואס דער עכו"ם האט אין איהם א טעות, דאס איז ערלויבט בעת א סכנה. בייא תפלין לעגען איז ווענן עס שטעקט אין דעם ווירקליך א געפאהר איז אפשר קיין עבירה ניטא אז מען לעגט ניט קיין תפלין (נאטירליך נור אין דעם פאלל, אז ער האט לכתחלה צוליעב ברויט געמוזט קוממען אין אזא ארט, וואס זיין אידישקייט קאנן איהם ברענגען צו א געפאהר, מיר זאגען „אפשר". ווייל דאס איז נאך א פראגע וואס ער איז געגאנגען אין אזא קאנט), אבער אז קיין סכנה איז אין דעם גאר ניטא, מעהר ניט וואס מען וועט דאדורך פער־ליערען לאזונג, דאנן טאר מען געוויס ניט מבטל זיין אזא גרויסע מצוה, אונ גאטט וועט אנדערט־וואו צושיקען דיזעלבע לאזונג (ווענינגסטענס דארף קען

לעגען

בפרק ששי עי"ש. וחלילה לו לבטל המצות לגמרי], ובפרט על עצם אמירתו שאינו יהודי הוא דהרי הוא כמו שאומר שכופר בה' ובתורתו שמחויב למסור נפשו אם יכריחוהו לומר זה וכנ"ל, וכ"ש מפני הפסד מעט ממון. וגם במה שחושבין אותו לאינו יהודי הלא יבא מטילא גם למאכלות אסורות נבלות וטרפות וחלב ודם שיש בהן כרת, כי בודאי יבקשוהו לאכול עמהם לפי דברו שאינו יהודי הוא. וע"כ השומר נפשו יזהר מזה ויבקש מה' שלא יבא לידי כך, ואף אם יגיע לו מזה הפסד ממון במה שידעו שהוא יהודי ישים בטחונו בה' שהוא יזמין לו פרנסתו הקצובה לו ממקום אחר בהיתר, ובי בשביל שמייגע עצמו לשמור דת התורה יקופח פרנסתו, והיתכן שהעבד השומר עבודת רבו באמת ובתמים יגרע חוק מזונו, ואדרבה יוכל לבטוח בה' שהוא אדונו שימציא לו פרנסתו עוד בריוח יותר ובלי פגע דכל העמל הרב שמוכרחין בני אדם לעמול על פרנסתם הוא רק בשביל זה שהרעו מעשיהם. וכמו שאחז"ל בקדושין [דף פ"ב] תניא רשב"א אומר מימי לא ראיתי צבי קייץ וארי סבל ושועל חנוני, [היינו דצבי שהוא קל ברגליו היה ראוי ליבש תאנים בשדה להשגיח עליהם, **וארי שהוא גבור היה ראוי** לסבול משא על כתפו, **ושועל שהוא ערום היה ראוי** להיות בעל עסקים] והם מתפרנסים שלא בצער, **אני** שנבראתי לשמש את קוני **אינו דין** שאתפרנס שלא בצער אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי שנאמר עונותיכם הטו אלה וחטאתיכם מנעו הטוב מכם [ירמי' ה']. ומלבד כ"ז בעיקר הענין שחושש שישנאו אותו וירחיקוהו כשישמור דתו ויכירוהו שהוא יהודי באמת יוכל היות הדבר בהיפך, וכמו שאנו רואים בארצות שבנ"י מתגוררים שם ושומרים תורתם אינו מתועב כ"כ בעיניהם כמו בארצות הרחוקות ההם. ובעת שהיו ישראל שומרים יותר התורה והמצוה היו אהובים ומכובדים בעיניהם שהכירו אותם שהם עבדי השי"ת והיינו דבזכות קיום התורה נתן אותנו הקב"ה לחן בעיניהם, ובעוה"ר כעת אשר ירדנו במצב שמידת התורה נתגברה השנאה והחלו לרחק אותנו ולבזות אותנו, וראינו בחוש שהוא עבור שנתרשלנו יותר מקיום התורה נתגברה השנאה עלינו. וע"כ כל איש המתגורר בין הגוים אף בארצות הרחוקות אם יתחזק בקיום התורה יוכל לבטוח בה' כי יתנהו לחן ויכבדוהו

וינשאוהו

---

לעגען תפלין שפעטער, אז מען איז אונטער־וועגנס, דענן דיא צייט פון תפלין לעגען איז דעם גאנצען טאג וויא מיר האבען דערמאהנט אויבען. וועה דעם פרק ו'), ווער רעדט, אז מען טאר ניט פערלייקענען דיא אמונה צוליעב דער ביסעל לאזונג, א חוץ וואס מען איז מיט דעם גלייך מיט דעם וואס דיענט עבודה זרה (גאטצענדיענסט) קאנן מען דאדורך אויך נבילה ועגען און טרפות עססען. מען דארף זיין זיכער, אז גאטט וועט צושיקען דיא פרנסה בהיתר אונ לייכטער. דענן דאס וואס דיא פרנסה קוממט אן שווער איז דאך דאס נור צוליעב דיא עבירות. לעגט זיך דאס אויפ'ן שכל, אז ווען דער קנעכט בעמיהט זיך מיט אין אמת נאכצוגעבען זיין הערר אין אללעם, וועט איהם דער הערר ניט געבען זיין לעבענסמיטטעל? וויא עס שטעהט אין קדושין: רשב"א זאגט: איך האב קיינמאל ניט געזעהן א הירש זאלל זיך בעשעפטיגען מיט טרוקענען פייגען (איין ארבייט וואס פאסט פאר דעם לייכטפיססיגען הירש), א לאב וואס זאלל זיין א טראגער (איין ארבייט וואס פאסט פאר'ן שטארקען לאב) אונ א פוקס — א קראמער (וואס צוא דעם פאסט דער כיטרער פוקס), פון דעסטוועגען לעבען זייא אהן צער, היינט איך (איך מענש) וואס איך בין בעשאפען געווארען צוא דיענען מיין בעשאפער האב געוויס געבארפט האבען מיין ברויט אהן צער, מעהר ניט וואס איך בין זינדיג אונ צוליעב דעם האב איך איבער־געפיהרט מיין פרנסה, ווי עס שטעהט: עונותיכם הטו אלה וכו' — "אייערע זינד האבען דאס אויף אייך גע־בראכט, אונ אייערע חטאים האט פון אייך דאס גוטע פערמיעדען". א חוץ דעם איז מען איבערהויפט אין טעות, אז מען מיינט, אז מיט דעם וואס מען וועט זיך ניט ארויסגעבען פאר א אידען וועט מען זיין גע־אכטעטער. מיר זעהען אפט, אז געגענדע אין דיא לאנ־דער וואו אידען זיינען פרימער, זיינען זייא א סך מעהר בעליעבט, וויא אין דיא לאנדער, וואו זיי זייגען אויסגעלאססען. א מאל, (אין בבל, למשל), בעת אידען האבען אבגעהיט דיא תורה, זיינען זייא בזכות זה געווען בעליעבט אונ געאכט ביא זייערע שכנים, אונ זינט די אמונה איז ביא אונז שוואכער געווארען, איז גראססער געווארען דיא שנאה צוא אונז, נעהט מען דאך אלוא בחוש אז דיא סבה פון דיא רדיפות געגען אידען אין פערשיעדענע צייטען איז נור אין דיא ארטער וואס אונזער נאכלאססיגקייט אין דעם מקיים זיין דיא

מצוות

**וינשאוהו**, ואף אם יקרה לו שבאמת ירחיקוהו עבור זה, הוא רק לנסיון שמנסה אותו הקב"ה אם ישמור מצותיו באמת, אבל לבסוף בודאי יתן חנו בעיניהם ויגדלוהו וינשאוהו כשיכירו את החקים הישרים והצדיקים שמתנהגים בהם ישראל עפ"י תורתם הנתונה להם מאת ה' ונאמר זה מפורש בתורה בפרשת ואתחנן ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים וגו' ושמרתם ועשיתם אותם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים אשר ישמעון את כל החקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה כי מי גוי גדול וגו'. ולהיפך כשעוברין על התורה אף מחמת שכחה נאמר שם עוד דאז יחשבום לשוטים כמו שמסיים שם רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח וגו' ופירש"י שם וז"ל כשלא תשכחו אותם ותעשום על אמיתתם תחשבו לחכמים ונבונים, ואם תעותו אותם מחמת שכחה תחשבו לשוטים. וכעין זה איתא במ"ר פ' תבא על פסוק בני אם תשמור אמרי למה"ד למלך שאמר לו בנו סיימני בתוך המדינה שאני בנך [והיינו שעי"ז יתכבד לעיני הכל וישמר מכל צער ופגע מאחר שהוא בן המלך] א"ל אביו מבקש אתה שידעו הכל שאתה בני לבוש פורפירא שלי ותן עטרה שלי בראשך וידעו הכל שאתה בני, כך אמר הקב"ה לישראל מבקשים אתם שתהיו מסומנים שאתם בני עסקו בתורה ובמצות והכל רואים שאתם בני, והיינו שיכבדו אתכם כיאות לבניו של ממ"ה הקב"ה וכינה התורה בשם עטרה שהיא כתר הקב"ה, והמצות בשם לבוש שהם לבוש הנפש כדאיתא בספרים. וביותר נראה דמלבד כלל התורה והמצות כוון המדרש ביחוד על מצות ציצית ותפילין שהם שקולים ככל המצות] שבהם מסוימים וניכרים ישראל לעין הכל בעטרה שעטר להם המלך של עולם בראשיהם ובלבוש מלכות שלובשים על גופם והיינו שאמר לבוש פורפירא שלי הם הציצית, ותן עטרה שלי בראשך אלו התפילין שבהם ניכרין שהם בניו של מקום. ובאמת מפורש כן בתורה לענין מצות תפלין דהנושא אותם מתרומם ומתיירא על הבריות מפני שנושא עליו שם ה' כמו שנאמר בפ' תבוא וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך, ופירשו חז"ל דהיינו בתפלין שבראש. ועי"כ האיש המתנודד בדרך בארצות רחוקות בין הגוים שהוא במקום סכנה ורק ה' הוא השומרו ומצילו צריך להתחזק ביותר

---

מצוות התורה איז גרוים געווארען. דעריבער דארף יעדער עמיגראנט זיכער זיין, אז ווענן ער וועט זיין פרומם, וועט ער האבען חן ביי דיא איינוואהנער אויך, אונ ווענן עס קוממט אמאל אויס צוא ליידען צוליעב דיא פרוממקייט, דארף מען וויססען, אז דאס איז נור לנסיון צו פראבירען אויב מען איז פרומם מיט איין אמת'ן, אונ סוף כל סוף וועללען זיי דאך איהם אנפאנגען צו שאטצען, אז זייא וועללען איינזעהן, וויא גלייך אונ ריכטיג עס זיינען דיא געזעטצען אונ דיא מנהגים פון דער אידישער אמונה, וויא עס שטעהט אין חומש:... כי היא חכמתכם וכו' – דענן זיא (דיא תורה) איז אייער חכמה אונ אייער פערשטאנד אין דיא אויגען פון אללע פאלקער (זיא וועט אללעמען בעוויזען, וויא גרוים אייער חכמה אונ אייער פערשטאנד איז) וואס, אז זייא וועלען הארען פון דיא אללע געזעטצען, וועללען זייא זאגען: „וויא קלוג אונ פערשטאנדיג איז די גרויסע פאלק!" פערקעהרט, אז מען פערגעסט אן דער תורה אונ מען איז ניט מקיים איז מען פערעכענט ביי די פאלקער פאר נארראנים. ווי רש"י זאגט אויף דעם פסוק: השמר לך פן תשכח וכו היטט זיך דוא זאלסט ניט פארגעססען וכו' דענן איהר וועט פארנארר'שט ווערען ביא פאלקער. דער מדרש ברייננט אנטגעגען דעם זעהר א שאנעם משל: א פרינץ האט אמאל געבעטען זיין קאניגליכען פאטער, ער זאלל איהם בעצייכנען פאר דער וועלט, אז ער איז זיינער א זוהן (כדי מען זאלל איהם אבגעבען כבוד נאך זיין שטאנד נאך), האט איהם דער קאניג געאנטווערט: טהוא אן דיא קאניגליכע פורפורקלייד מיט דער קאניגליכער קרוין, אט וועללען אללע וויססען, אז דוא בינסט מיין קינד (אונ וועללען דיך ליעבען אונ שאטצען). אונ זער קאניגליכעס פורפורקלייד דאס איז דער ארבע כנפות, אונ דער טלית מיט ציצית. אונ זער קאניגליכע קרוין – דאס זיינען דיא תפלין, דורך וועלכע מען דערקאננט אונז, אז מיר זיינען גאטטעס קינדער. אויף דעם פסוק: וראו כל עמי הארץ וכו' (אונ אללע פאלקער אויף דער וועלט וועללען זעהן, אז אויף דיר ווערדט אנגערופען גאטטעס נאמען וועללען זייא פאר דיר מורא האבען) זאגט דיא גמרא, אז דאס מיינט מען: וויא דיא פאלקער וועללען דיר זעהן לעגענדיג תפלין, וואס אויף זייא שטעהט גאטטעס נאמען, וועללען זייא פאר דיר מורא האבען. דער עמיגראנט, וואס איהם קוממט אפטער אויס צוא

ביותר במצות תפלין לקיימה בתקונה שעי"ז יראו ממנו בשם ה' שעל ראשו, וישמר מכל פגע, וחל לת לו להעביר ממנו את העטרה שעטר לו ממ"ה הקב"ה להודיע לכל שהוא בנו. [וכן יזהר במצות ציצית וכדלקמיה]. ואגב אעתיק עוד איזה דינים המצוים לענין תפלין. מקום הנחת תפילין של ראש הוא מתחלת עקרי שער במצחו ולמעלה, וצריך שיהיה כל הבית מונח במקום שער, ואם מניח אפילו מקצתו על המצח במקום שכלו השערות הוא מדרך הקראים. דאע"ג דכתיב בין עיניך, קבלו חז"ל דהיינו למעלה במקום שער נגד העינים, והקשר של ראש יהיה מונח מכוון כנגדו בעורף במקום שער דוקא, ואפילו מקצת ממנו לא יהיה מונח במקום פנוי משער שאין זה נקרא עורף.

מקום הנחת של יד בזרוע שמאל בבשר הגבוה ויטה מעט לצד הגוף שכשיכוף זרועו למטה יהיה כנגד לבו שנאמר על ידכה ומדלא כתיב ידך בלא ה' קבלו חז"ל דכוונת הכתוב כאלו כתוב יד כהה, ר"ל ביד שהיא כהה ותש כחה והיא שמאלית, ולא יניחנו כלפי בית השחי ולא סמוך לעלינבויגין, אלא דוקא בבשר הגבוה. כל עת שנושא התפלין אסור להסיח דעתו והיסח הדעת נקרא כשהוא עומד בשחוק וקלות ראש כי צריך לזכור כי נושא שם ה' אלהים עליו וכ"ש שאסור להפיח בהן ומחמת זה אסרו חז"ל אפילו לישן בהם שמא יבוא אז להפיח בהן. ואף דמצות תפלין להיותן עליו כל היום אבל מפני שצריכין גוף נקי שלא יפיח בהן ושלא יסיח דעתו מהן ואין כל אדם יכול ליזהר בזה נהגו שלא להניחם כל היום ומ"מ צריך כל אדם ליזהר שיהיו עליו בשעת ק"ש ותפלה שהוא קבלת מלכות שמים ובזמן קצר כזה יוכל כל אדם ליזהר מהפחה ומהיסח הדעת. ואם לא נזדמן לו אז או שהיה חולה מעים בשעת מעשה [וחולה מעים פטור מתפלין משום דבעי גוף נקי] כל היום זמנו ומחויב להניחן עכ"פ כדי שלא יבטל יום אחד ממצות תפלין:

גם

---

געהן דורך א ווינקעלען געגענד אונ זיין אין א סכנה, מוז אלזא געוויס זיין אבגעהיט אין דער מצוה, אונ חלילה ניט אראפנעהמען פון זיך דיא הייליגע מצוה וואס דער נאמען פון גאטט איז אויף דעם, וואס ער היט דעם מענשען אין אללע צייטען אונ דיא תפלין וועללען איהם זיין א גוטע שמירה פון אללע צרות:

מיר וועללען דא ברייגגען עטליכע דינים וואס זייגען נוגע צוא תפלין לעגען. דער ארט פון של ראש איז פון די ערשטע האראוואר צלען וואס אויפ'ן שטערען אונ ארויף, אבער דער גאנצער בית מוז ליעגען אויף האאר, ניט אויפ'ן הוילען שטערען. ווען עס קוממט אוים אפילו א שטיקעל בית צוא ליעגען אויפ'ן הוילען שטערען איז מען ניט יוצא, ווייל דאס איז א מנהג פון דיא קאראיטען (קראים). חאטש עס שטעהט, אז מען דארף טראגען דיא תפלין „צווישען דיא אויגען", נור דיא חז"ל האבען געהאט בקבלה, אז מען מיינט ניט ווארטליך. צווישען דיא אויגען, נור אויף דעם ארט, וואו עס פאנגט זיך אן דיא האאר געגענאיבער דיא אויגען, אונ דורכאוים אויף דיא האאר. דער ארט פון דעם של יד איז אויפ'ן לינקען ארעם צווישען פאבוע אונ עללענבויגען, אויף דעם ארט, וואו דיא לייב איז האבער אונ וואו עס קוממט אוים ריכטיג אנטגעגען הארצען, ווען מען לאזט אראפ דיא האנד. דעריבער דארף מען אויך נעהן דער של יד זאלל ניט אויסקוממען צוא נאהנט צום פאבוע אדער צום עללענבויגען, עס מוז דוקא ליעגען אויף דעם ארט וואו דיא לייב איז האבער וויא דיא גאנצע האנד. בעת מען טראגט דיא תפלין טאר מען קיין מינוט ניט פערגעססען, אז מען טראגט אויף זיך גאטטעס נאמען אונ דארום טאר מען ניט לאכען אדער מאכען ליצנות. פון א נפיחה דארף מען זיך געוויס היטען, אונ צוליעב דעם האבען דיא חז"ל פערבאטען צוא שלאפען אין דיא תפלין טאמער טהוט מען א נפיחה אין שלאף. אונ חאטש דיא מצוה פון תפלין לעגען איז דעם גאנצען טאג, נור ווייל עס איז שווער אבהיטען זיך אין דיא נאכען א גאנצען טאג, איז מען זיך נוהג ניט צוא טראגען זיא דעם גאנצען טאג. נור בעת ק"ש אונ תפלה מוז מען זיא וועניגסטענס טראגען, אונ אין דער קורצער צייט קאנן זיך יעדער איינהיטען פון א נפיחה אונ פון פערטראכטען זיך אין אנדערע זאכען. ווען געוועזען באמאלס, אין דער צייט פון ק"ש, האט מען ניט געקאנט לעגען קיין תפלין אדער מען האט דאמאלס געבראכע געליטען אויפ'ן מאגען (וואס דאנן איז מען פטור פון תפלין לעגען, דענן צו זיא מוז דער קארפער זיין ריין), אין דעם אופן דארף מען חאטש שפעטער לעגען, דענן דיא צייט פון תפלין איז, וויא מיר האבען שוין געזאגט, א גאנצען טאג:

אויך

**גם** יהיה זהיר בקיום מצות ציצית שהיא שקולה כנגד כל המצות כמו שאמרו חז"ל. גם ראית הציצית מביאה לידי זכירת כל המצות כדאיתא במנחות (מג) וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם ראיה מביאה לידי זכירה וזכירה מביאה לידי מעשה. גם מייתי בגמרא שם עובדא שמצוה זו הצילה לאדם מן איסור עריות כי בפרשה זו כתיב שני פעמים אני ה' אלהיכם להורות שהוא נאמן להפרע מהעוברים על התורה והשני שהוא נאמן לשלם שכר למקיימי התורה. גם ע"י מצוה זו ניתוסף קדושה על האדם בדאיתא בספרי למען תזכרו וגו' והייתם קדשים רבי אומר זו קדושת ציצית מגיד שהציצית מוספת קדושה לישראל ואיתא במנחות ר' שמעון בן יוחאי אומר כל הזהיר במצוה זו זוכה ומקבל פני שכינה כתיב הכא וראיתם אותו וכתיב התם את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד, ואמרו חז"ל גדול עונש המבטל מצות ציצית ועליו נאמר לאחוז בכנפות הארץ וינערו רשעים ממנה, ע"כ יזהר בזה מאד. ומ"מ לענין ברכה נכון ליזהר שלא לברך עליו אם לא שיהיה ארוך עכ"פ ג' רבעי אמה ויהיה פתוח ורובו. גם אם ישן בו בלילה אין צריך לברך עליו בבוקר כי יש דעות בין הפוסקים:

# פרק שמיני

## בו יבואר איזה דינים מלוקטים השייכים לענין תפלה.

**א)** **אסור** לאכול או לשתות משעלה עמוד השחר והעובר ע"ז אמרו חז"ל שעליו אמר הכתוב ואותי השלכת אחרי גוך אמר הקב"ה לאחר שאכל ושתה ונתגאה קבל עליו מלכות שמים, וגם סמכו חכמים דבריהם על פסוק לא תאכלו על הדם ר"ל לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם, ואפילו התחיל לאכול

---

אויך דארף מען זיין זעהר אבגעהיט אין דער מִצְוָה פון ציצית, וועלכע וועגט געגען אַללע מִצְוֹת, וויא דיא גְמָרָא זאגט. זעהענדיג דיא ציצית דער־מאהנט מען זיך אויך אָן דיא איבעריגע מִצְוֹת, וויא עס שטעהט: וּרְאִיתֶם אוֹתָם וכו' (אונ איהר וועט זייא זעהן אונ איהר וועט זיך דערמאהנען אין אַללע מִצְוֹת פון גאטט (אונ אויף דעם זאגט דיא גְמָרָא: רְאִיָה מְבִיאָה לִידֵי זְכִירָה וּזְכִירָה מְבִיאָה לִידֵי מַעֲשֶׂה: זעהן ברייננט צוא דערמאהנונג אונ דערמאהנונג – צוא טהואונג (טהאט). אויך ווערדט דארטען ערצאהלט אין דער גְמָרָא אַ געשיכטע, וויא דיא ציצית האבען אַ מאל איינעם אבגעהיט פון אַ גרויסע עֲבֵירָה. אין דער פָּרָשָׁה פון ציצית שטעהט צוויא מאל „אֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם" (איך בין גאטט, אייער גאטט), וואס איינמאל בעווייזט, אַז גאטט איז אַ בָּטוּחַ צוא בעלאהנען פאר'ן מְקַיֵים זיין דיא תּוֹרָה אונ אויך צוא בעשטראפען פאר'ן עוֹבֵר זיין אויף דיא מִצְוֹת. אויף דעם פָּסוּק: וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים (איהר וועט הייליג זיין) זאגט דער סִפְרִי, אַז דאס בעווייזט, אַז דיא ציצית גיבען אידען צוא, מעהר קְדוּשָׁה. דער וואס היטט אב דיא מִצְוָה – זאגט דיא גְמָרָא – איז זוֹכֶה צוא מְקַבֵּל זיין (עמפפאנגען) דיא שְׁכִינָה (גאטט). דער עוֹנֶש (שטראף) פאר'ן ניט מְקַיֵים זיין דיא מִצְוָה איז, וויא דיא גְמָרָא זאגט אין איין אַנדער אָרט, זעהר גרויס. דאריבער דארף מען דיא מִצְוָה זעהר שטארק היטען. נור אַ בְּרָכָה אויף דיא ציצית טאר מען ניט מאכען סיידען דער אַרְבַּע כַּנְפוֹת זאלל זיין דרייאפיערטעל איילען דיא לאנג וועניגסטענס, אונ דער גראססערע טהייל זאלל אפפען זיין. ווענן מען שלאפט אַ גאנצע נאכט אין אַרְבַּע כַּנְפוֹת דארף מען אין דער פריה אויך קיין בְּרָכָה ניט מאכען, דענן אין דעם זיינען דא פערשידענע דֵעוֹת בייא דיא פוֹסְקִים.

## פרק שמיני.

### אין דעם פרק ווערדט בעשריעבען איינינע דינים צוזאממענגעקליבען וואס געהערען צום ענין פון תפלה (דאוונען).

**א)** מען טאר ניט עססען אונ טרינקען פאר'ן דאווענען, וויא עס העבט נור אָן צוא טאגען, וויא דיא חז"ל זאגען אויף דעם פָּסוּק: וְאוֹתִי הִשְׁלַכְתָּ אַחֲרֵי גֵוְךָ (אונ מיר – גאטט – האסט דוא אַוועקגעווארפען הינטער דיין קארפער): פריהער עסט ער זיך אָב אונ טרינקט אָב אונ ווערדט בייא זיך גרויס, אונ דאנן ערשט איז ער אויף זיך מְקַבֵּל דעם יאך פון מַלְכוּת שָׁמַיִם (פון גאטט) (וואס דאס וועט דאנן זיין דיא כַּוָונָה פון דעם פָּסוּק: מיר – גאטט – האסט דוא אַוועקגעווארפען הינטער דיין גוף, פריהער טהוסט דוא אַללעס וואס איז אנבעלאנגט דיין גוף, אונ אָן מיר דערמאהנסט דוא זיך ערשט שפעטער). אין דעם פָּסוּק: לֹא תֹאכְלוּ עַל הַדָּם" (איהר זאללט ניט

עססען

לאכול קודם עלות השחר צריך להפסיק, ודוקא כששותה בדרך גאוה ותאוה אבל מים או טיי וקאווי או אוכלין ומשקין לרפואה וכל מה שהוא רק ליישב דעתו מותר וכתב הח"א ונ"ל דאפשר הצריך לאכול מפני חולשת הלב מותר, ודע דהח"א מיירי במי שקיים כבר מצות ק"ש ותפלין כגון שקרא ק"ש בתפלין ורק שלא התפלל עדיין אבל אם לא קרא ק"ש או שלא הניח תפלין אסור אפילו אם חלש לבו כיון שיש עליו חיובא דאורייתא כדמוכח בח"א עצמו כלל קמ"ח דין ט"ז ע"ש [אם לא שהוא חולה אין להחמיר בזה] והאחרונים כתבו דאם אינו יכול להעמיד על נפשו עד עת שגומרים הצבור תפלתם בבהכ"נ טוב יותר להתיר לו שיתפלל לעצמו בביתו בבקר ויאכל מעט ואח"כ ילך לבהכ"נ לשמוע קדיש וברכו ושאר דברי קדושה משיאכל קודם התפלה וילך לביהכ"נ להתפלל עם הצבור:

ב) משהגיע אור הבקר יש לו לאדם ליזהר שלא להתעסק בצרכיו ולעשות שום מלאכה או לילך לדרך עד שיתפלל תפלת י"ח. ואפילו אם במקום שיבא יוכל ג"כ להתפלל עם הצבור בזמנו אעפ"כ יזהר בזה דהליכה בדרך הוי כעוסק בצרכיו. אך כל זה שלא בשעת הדחק אבל בשעת הדחק שאין השיירא ממתנת לו יכול לילך מקודם לדרך ויתפלל בדרך:

ג) זמן תפלת השחר מצותה שיתחיל עם הנץ החמה [היא השעה שהחמה מתחלת לזרוח בראשי ההרים] כדכתיב ייראוך עם שמש ואם התפלל משעלה עמוד השחר והאיר פני המזרח יצא בדיעבד ואפילו שלא בשעת הדחק ובשעת הדחק כגון במשכים לצאת לדרך וכה"ג שאר דחק ואונס יכול אפילו לכתחלה להתפלל בזמן זה ומכל מקום לענין ברכת תפלין אין לברך עליהן עד שיגיע הזמן דמשיראה את חבירו הרגיל עמו קצת ברחוק ד"א ויכירנו. ונמשך זמן התפלה עד שליש היום בין שהיום ארוך או קצר ובדיעבד אם איחר התפלה עד חצות היום יצא דאע"פ שאין לו שכר תפלה בזמנה שכר תפלה מיהא איכא אבל

---

עסן אויף (מיט דיא בלוט) לעגט דיא גמרא אריין דיא כוונה אויך: איהר זאללט ניט עסן אייער איהר וועט מתפלל זיין אויף אייער בלוט, אויף אייער קערפער. ווען מען האט אפילו אנגעהויבען צוא עסען פאר טאג מוז מען אויפהערען אין מיטטען, וויא עס ווערדט טאג. דאס איז אלץ גערעדט, אז מען עסט אונ טרינקט פון הנאה וועגען, אבער וואססער, טהעע אדער קאווע מאג מען טרינקען, דיזעלבע מאג מען עסען אונ טרינקען פון א רפואה וועגען, אונ איבערהויפט מאג מען צובייסען, ווענן קיין האט א שוואך הארץ, אדער ווענן מען מוז וואס גערמען אין מויל, כדי דיא קאפ זאלל זיין קלאר. דאס איז אלץ גערעדט, אז מען האט שוין מקיים געווען דיא מצוה פון ק"ש אונ תפילין (אז מען האט געלייענט ק"ש אין דיא תפילין), אבער פאר ק"ש אונ תפילין טאר מען אין קיין פאלל ניט עסען (סיידען לרפואה), דענן דאנן האט מען אויף זיך א חוב מן התורה. ווענן עס איז פארט אונמאגליך צוא ווארטען מיט'ן עסען ביז דער צבור דאווענט אב, איז גלייבער, וויא דיא שפעטיגערע פוסקים זאגען, צוא דאווענען אין דערהיים אונ נעהמען עטוואס אין מויל, אונ דאנן געהן אין בית המדרש הערען קדיש, ברכו אונ קדושה, אווי איז גלייבער צו טהון וויא עסען פאר דעם דאווענען אונ נאכדעם געהן אין בית המדרש דאווענען בצבור (מיט א מנין):

ב) וויא עס ווערדט טאג דארף מען זיך ניט פערנעהמען מיט קיין ארבייט וואו מען דאווענט פריהער ניט אב, חאטש שמונה עשרה. דאסגלייכען טאר מען ניט ארויספאהרען פאר'ן דאווענען, ווענן מען פאהרט אפילו אין איין ארט וואו מען וועט קאנגען דאווענען בצבור אין דער צייט, איז דאך אבער מאגליך, מען זאלל זיך אין וועג פערזאמטען לאנגער וויא מען רעכענט, אחוץ דעם, איז דיא רייזע אליין אויך א בעשאפטיגונג אונ דאס טאר מען ניט פאר'ן דאווענען, סיידען אין א נאטה, אז דיא קאמפאניע, למשל, ווארט ניט אויף איהם, אדער אז דער צוג געהט אב, דאנן מאג מען מאכען דיא רייזע אונ דאווענען אונטערוועגנס:

ג) דיא ריכטיגע צייט פון דאווענען איז בעת זונן-אויפגאנג (נץ החמה). נור אז מען דאווענט אפילו פריהער, וויא עס הייבט נור אן צוא טאגען, איז מען אויך יוצא בדיעבד, אפילו ניט אין א נאטה, אונ פאר א נאטה מאג מען לכתחלה אויך דאווענען אין דער צייט, נור א ברכה אויף דיא תפילין קאנן מען מאכען ערשט בעת מען קאנן דערקאנגען א בעקאנגטען אין א מרחק (א שטרעקקע) פון פיער איילען. ביז א דריטטעל צייט פון טאג קאנן מען דאווענען, נור בדיעבד, לאחר המעשה, איז מען יוצא ווענן מען פער-

אבל אם נמשך עד אחר חצות אסור להתפלל תפלת שחרית, והמתפלל ברכותיו לבטלה לכמה פוסקים אלא יתפלל מתחלה מנחה ואח"כ יתפלל י"ח בשביל שחרית להשלמה והוא שביטול התפלה היה מתחלה באונס ולא במזיד וכדלקמן בסימן ט׳:

ד) היה צריך לנקביו אל יתפלל דכתיב הכון לקראת אלהיך ישראל וכתיב שמור רגלך באשר תלך אל בית האלהים ואחז"ל אמר הקב"ה שמור נקביך בשעה שאתה עומד בתפלה לפני, וה"מ שאינו יכול לעמוד על עצמו שיעור הילוך פרסה שהוא שיעור שעה וחומש אבל אם יכול להעמיד על עצמו שיעור פרסה יצא בדיעבד אבל לכתחלה כיון שהוא מרגיש בעצמו קצת שצריך לנקביו לא יתפלל עד שיבדוק עצמו התחלה יפה:

ה) אם באמצע שמ"ע נתעורר לו תאוה יעמיד עצמו עד שיגמור ולא יפסיק ואם א"א לו לעמוד עד שיגמור שמ"ע מותר לו לצאת ולפנות באמצע רק שלא יפסיק בדבור ואח"כ לא יצטרך לחזור לראש כיון שקודם התפלה לא היה צריך לנקביו והוא שלא ישהה על היציאה בדי לגמור כל התפלה מראשה לסופה בזו העת דאל"ה צריך לחזור לראש התפלה:

ו) צריך נטילה להתפלה בין של שחרית או מנחה וערבית אם יש לו מים דירים עסקניות הן ושמא נגעו במקום הטינופת ולא יברך על הנטילה ואם אין לו מים מזומנים אין צריך לחזור וליטול ואעפ"כ צריך לנקות אותן במידי דמנקי דדלמא מודבק בו איזה דבר מטונף או זיעה ע"י שנגע במקומות המכוסין ויתקנח ע"י הנקיון. ודוקא בסתם ידים אבל אם יודע שנגע במקום מטונף וכ"ש כשעשה צרכיו צריך לחזור דוקא אחר מים המזומנים בעיר ואפילו בתפלת המנחה ואם מתיירא שיעבור זמן תפלה עד שימצא מים גם שם יש להקל שינקה ידיו היטב בחול או בכל מידי דמנקי ויתפלל:

ז) העומד בתפלה ונזכר שנגע במקום מטונף די בנקיות עפר או צרורות או מתכך ידיו בכותל. ומקום מטונף היינו מקומות המכוסים באדם

לפי

---

שפאטיגט זיך אפילו ביז האלבען טאג, אבער נאך האלבען טאג טאר מען שוין ניט דאווענען שחרית, דענן די ברכות זייגען שוין דאמאלס לבטלה (אומזיסט). דאנן מוז מען פריהער דאווענען מנחה, און נאכהער אבשטעהן די שמונה עשרה פון שחרית. דאס איז אלץ גערעדט אז מען האט פריהער בשום אופן ניט געקאנט דאווענען ווי ווייטער אין סימן ט׳):

ד) אז מען דארף ארויסגעהן אויף דרויסען אויף נקבים זאלל מען זיך ניט אייבען דאווענען, וואו מען איז מיט דעם ניט פארטיג געווארען. דאס איז אלץ גערעדט אז מען קאנן זיך ניט איינהאלטען אין פער־לויף פון פינף פיערטעל שעה, אבער אז מען קאנן זיך איינהאלטען איז מען בדיעבד (לאחר המעשה) יוצא. אבער לכתחלה מוז מען ארויס אויף דרויסען ווי מען פיהלט זיך צוא דעם עפעס א בעדירפנים:

ה) ווענן עס פערוויילט זיך ארויסגעהן אין מיטטען שמונה עשרה דארף מען זיך איינהאלטען ביז מען ענדיגט שמונה עשרה, אבער אז מען קאנן זיך בשום אופן ניט איינהאלטען מאג מען אין מיטטען שמונה עשרה ארויסגעהן, נור מען טאר ניט מפסיק זיין, דאנן וועט מען ניט דארפען אנפאנגען פון אנפאנג. דאס איז אלץ גערעדט ווענן דער ארויסגעהן דויערט ניט אזוי לאנג וויא דער גאנצער דאווענען געדויערט וואנסט מוז מען אנהעבען פון אנפאנג אן (פון אנפאנג שמונה עשרה):

ו) פאר׳ן דאווענען סיי שחרית, סיי מנחה און מעריב, מוז מען וואשען די האנד טאמער זייגען זייא ניט גאנץ ריין. א ברכה „על נטילת ידים" דארף מען ניט מאכען. אויב מען האט ניט וואסער איז רעכט מען זאלל די האנד גוט אויסרייבען, מיט א טיכעל, למשל, כדי עס זאלל אראב דער שמוץ אדער דער שוויים, אויב מען האט זיך פריהער אנגערירט אן א שמוטציגען געגענשטאנד אדער אן א שוויסיגען ארט אין גוף. דאס איז אלץ גערעדט, אז מען ווייס ניט אויף בעשטימט, אויב מען האט זיך אן וואס אנגע־רירט, ווענן מען ווייס אבער בעשטימט דאנן מוז מען קריגען וואסער, אפילו צוא מנחה. דיאזעלבע איז אז מען איז ארויסגעגאנגען אויף נקבים, סידען אז דורך דעם וועט ביז מען וואסער וועט מען פערשפאטיגען דעם דאווענען, דאנן איז רעכט מען זאלל מיט וואס עס איז גוט אויסרייבען די האנד און מען מאג דאווענען:

ז) אז מען דערמאהנט זיך אין מיטטען דאווענען, אז מען האט זיך אנגערירט אן איין אונריינעס ארט איז גענוג אבצוריבען די האנד אן א וואנד אדער מיט זאמד. „איין אונריינער ארט" הייסט יעדער ארט וואס איז ביי מענשען בעדעקט ווייל דארט איז

דא

לפי שיש בהם זיעה וכן אם חיכך הראש:

ח) המתפלל צריך שיכוין בלבו פירוש המלות שמוציא בשפתיו ויחשוב כאלו שכינה בנגדו ויסיר כל המחשבות המטרידות אותו עד שתשאר מחשבתו וכונתו זכה בתפלתו ויחשוב כי אלו היה מדבר לפני מלך בשר ודם בודאי היה מסדר דבריו ומכוין בהם יפה לבל יכשל ק"ו לפני ממ"ה הקב"ה שהוא חוקר כל המחשבות. ואם תבא לו מחשבה אחרת בתוך התפלה ישתוק עד שתתבטל המחשבה. וצריך שיחשוב בדברים המכניעים הלב ומכוונים אותו לאביו שבשמים ולא יחשוב בדברים שיש בהם קלות ראש. ויחשוב קודם התפלה מרוממות האל יתעלה ושפלות האדם ויסיר כל תענוגי האדם מלבו:

ט) יתפלל דרך תחנונים כרש המבקש בפתח ובנחת ושלא תראה עליו כמשא ומבקש ליפטר ממנה. וישים אל לבו שאין ביד שום נברא מלאך או מזל או כוכב למלאות שאלתו כי אם ברצונו ית':

י) והנה מדינא צריך המתפלל לכוין לכתחלה בכל הברכות ואם אינו יכול לכוין בכולם לפחות יכוין באבות וע"כ מה נכון מאד להמונים שילמדו פירוש המלות של כל התפלה ועכ"פ של ברכת אבות ומודים בודאי יש חיוב עליו לידע באורו:

יא) שתה יין או שאר משקין המשכרין אם יכול לדבר עדיין לפני המלך תפלתו תפלה ולכתחלה הנכון יותר שימתין עד שיפוג יינו כיון ששתה רביעית יין בבת אחת ואם אינו יכול לדבר בפני המלך מחמת שכרותו תפלתו תועבה והוי כעובד כו"ם וצריך לחזור ולהתפלל כשיסור יינו מעליו:

יב) לא יגהק (מוציא מגופו לפיו נפיחה מתוך שבעו) ולא יפהק (פותח פיו להוציא רוח הפה) בתוך התפלה דגנאי הדבר ואם צריך לפהק מתוך אונס יניח ידו על פיו שלא תראה פתיחתו וה"ה דבגיהוק מתוך

---

דא שווים. דיאזעלבע איז אז מען גיבט א קראץ די קאפ:

ח) אויך מוז מען דאווענען מיט כוונה און הארען וואס מען רעדט. מען מוז ארויסשלאגען פון זינען אללע זייטיגע געדאנקען און די גאנצע קאפ מוז ליעגען נור אין דעם אינהאלט פון דער תפלה. מען דארף זיך פארשטעללען, וויא עס וואללט געוועזען ווען מען וואלט געשטאנען פאר א קאניג, וויא וואלט מען זיך דאס געהיט מיט יעדען ווארט, וויא וואלט מען זיך בעמיהט, די ווערטער זאללען ארויס דייטליך, שארף און מיט געפיהל, כדי עס זאלל מאכען איין איינדרוק אויף דעם קאניג. און דא שטעהט מען פאר דעם קאניג פון אללע קאניגע, פאר דעם רבונו של עולם, וואס ער לייענט אפילו אונזערע געדאנקען פון הארצען. אז עס קוממט עפעס ארויף א מחשבה זרה דארף מען שטיללשווייגען ביז זיא געהט אוועק. מען דארף זיך לכתחלה בעמיהען צו טראכטען נור וועגען א זעלבע זאכען, וואס דערוועקקען אין אונז פרוממע געדאנקען גיט קיין לייכטזיניגע, למשל פון די גרויסקייט און דערהאבענהייט גאטטעס און קלייניגקייט און די ניעדעריגקייט פון דעם מענשען. אויך דארף מען זיך ארויסשלאגען אללע געדאנקען וועגען מענשליכע ערגעניגען:

ט) דאווענען דארף מען געלאסטען און מיט תחנונים וויא דער ארעם-מאנן בעט א נדבה, און מען דארף ניט אויסקוקען וויא דער דאווענען איז איין איבעריגע זאך, א משא, וואס מען וויל פון איהר וואס פריהער פטור ווערען. מען דארף ניט פערגעסען, אז קיינער, קיין מלאך, וויא איבערהויפט קיין בריה קאנן זיין בקשה ניט ממלא זיין א חוץ גאטט:

י) על פי דין מוז מען לכתחלה זאגען אללע ברכות מיט כוונה און אז מען פערשטעהט ניט דעם פירוש המלות אומעטום, מוז מען זעהן וועניגסטענס פערשטעהן דעם פירוש פון אבות (די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה). אויף דעם פראסטען מענשען ליעגט א חוב צו לערנען דעם פירוש המלות פון גאנצען דאווענען, לכל הפחות פון „אבות" און „מודים":

יא) אז מען האט געטרונקען וויין אדער בראנפען פארן דאווענען דארף מען זעהן, אויב מען איז געווען ניכטער, אז מען וואלט קאנען רעדען מיט א קאניג איז די תפלה א תפלה, נור לכתחלה איז בעסער צו ווארטען ביז מען ניכטערט זיך אין גאנצען אויס ווענן מען האט א גאנצע קוואטירל געטרונקען מיט אמאל. שכורהייט דאווענען איז גליך וויא מען וואלט דיענען דעם גאטץ, און אז מען ניכטערט זיך אויס מוז מען נאך אמאל דאווענען:

יב) מען טאר ניט גארעצען און ניט בלאזען מיטן מויל בעת דאווענען, סיידען אז מען מוז, זאלל מען מיטן האנד פארשטעללען דעם מויל כדי מען זאלל ניט זעהן ווי ער אפפענט דעם מויל. אויך טאר מען די

האנד

מתוך אונס ליכא איסורא ויזהר שלא יניח ידו על סנטרו [לחי התחתון] בשעת התפלה דהוי דרך גסות הרוח. וחזנים העושים כן בשעת הזמר מותר לפי שאינם מתכוונים לגסות אלא להנעים הקול:

יג) אסור לו לרוק בתוך התפלה ואם א"א לו שלא לרוק כגון שמצטער בזה ויהא טרוד בתפלתו מבליע בכסותו בענין שלא יהא נראה כגון בבגד החתון ואם הוא איסטנים [אדם מעונג שאינו יכול לסבול דבר מאום] ואינו יכול להבליעו בכסותו כי מאום עליו זורקו לאחוריו אבל לא נגדו:

יד) אם כנה עוקצתו ימשמש בבגדו להסירה שלא תתבטל כונתו אבל לא יסירנה בידו ואם עבר ונטלה ישפשף ידו בכותל או בד"א וכדלעיל בס"ז:

טו) היה עומד בתפלה ויצא ממנו רוח מלמטה שלא היה יכול לעמוד עצמו [דבלא"ה אין לו להוציא רוח בשום פנים בתפלה] ממתין עד שיכלה הרוח וחוזר ומתפלל:

טז) כשהוא מתפלל לא יאחוז בידו תפלין ולא ספרים ולא קערה מלאה ולא סכין ומעות וככר וכן להושיב התינוק לפניו בשעת תפלה מפני שבכל זה דעתו עליהם שלא יפלו ויטרד ותתבטל כונתו:

יז) לא יפסיק בתפלתו ואפילו רמיזה בעלמא אסור בתוך שמ"ע אם לא לתינוק הבוכה מותר לו לרמז בידיו כדי שישתוק ולא יטרידו בתפלתו ואפילו במקום הפסד ממון ג"כ לא יפסיק בשמ"ע, ואף אם מלך ישראל שואל בשלומו לא ישיבנו אבל מלך עובד גלולים או אונס דעלמא ומתיירא שמא יהרגנו אם אפשר לו שיטה מן הדרך קודם שיגיע אליו יטה ולא יפסיק ואם א"א לו יפסיק ומותר אפילו לשאול לו בשלומו כשמשער שבלתי זה אפשר שיהיה בסכנה וכ"ש שמותר להשיב לו:

יח) היה מתפלל בדרך ובאה בהמה או קרון כנגדו יטה מן הדרך אבל לא יפסיק בדבור לומר לאיש אחר שיכה במקל להבהמה ולגעור בבעל הקרון שלא יבוא כנגדו כיון דאפשר להנצל מסכנתא

על

---

האנד ניט לעגען אויף דער מארדע בעת דאווענען, ווייל דאס איז א מין גאוה. נור חזנים איז דאס ערלויבט, ווייל זייא טהוען דאס נור כדי די שטימע זאלל ארויס בעססער:

יג) מען טאר ניט א שפייא טהון אין דאווענען, ווען דער ניט שפייען איז אבער א שטארונג אין דאווענען זאלל מען אריינשפייען אין דעם אייגענעם ראק, נור קיינער זאלל ניט זעהן, און אויב מען איז עדעל ערצויגען און מען קאנן דאס ניט ערטראגען, מוז מען וועניגסטענס אויסשפייען אויף הינטער ניט אויף פארנט:

יד) אויב עס בייסט א כנה זאלל מען איהר אראב־נעהמען מיט'ן בגד, כדי מען זאלל ניט זיין געשטארט אין דער כונה, אבער מיט'ן האנד טאר מען ניט אראבנעהמען. ווענן מען האט איהר יא אראב־גענומען מוז מען די האנד אבּרייבען אן וואנד אדער אן איין אנדער זאך:

טו) ווענן מען האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און געטאהן א נפיחה אין מיטטען דאווענען, מוז מען ווארטען ביז דער שלעכטער ריח געהט אריבער און דאנן ערשט ווייטער דאווענען:

טז) אין דאווענען טאר מען קיין זאך ניט האלטען אין האנד אויך טאר מען ניט זעטצען א קינד ענטגעגען, ווייל מען האט מורא זייא זאללען ניט ארויס אדער אראבפאללען און דערווייל קאנן מען שוין ניט האבען קיין כוונה:

יז) מען טאר ניט מפסיק זיין (אויסרעדען) אין דאווענען און אין שמונה עשרה טאר מען קיין וואונק אויך ניט געבען סידען אז א קינד ויינט און מען גיבט איהם א וואונק ער זאלל שטילל זיין און זאלל ניט שטארען אין דאווענען. מען טאר ניט מפסיק זיין אפילו דא וואו עס שטעקט א געלד־שאדען ווענן אפילו א מלך ישראל וואללט איהם געזאגט: „גוט מארגען"! דארף מען אויך ניט אנטווערען אין מיטטען שמונה עשרה, אבער ווענן א קאניג פון אומות זאגט איהם וואס, וואס אז ער זאלל ניט אנטווערען קאנן פאר איהם זיין א סכנה, אדער ווענן עס קאנן איהם פאססירען איין אנדער אונגליק מיט דעם שווייגען, אין אזא אופן מאג מען אפילו בעגריססען, ווען מען איז משער, אז דאס איז נעהר נאטהיג. וועד רעדט אנטווערען אויף א גרוס מעג מען געוויס:

יח) אז מען דאווענט אונטערוועגנס און עס קוממט אן א בהמה אדער א וואגען ענטגעגען, זאלל מען אראב פון וועג. אבער מפסיק זיין, דיא זאגען, למשל, איינעם ער זאלל אנשלאגען דיא בהמה אדער אנבאזערן זיך אויפ'ן פוהרמאנן וואס ער פאהרט איהם

ענטגעגען

על ידי הטייה לבד:

יט) ועתה נדבר קצת לענין תפלת מנחה וערבית. מה מאד צריך האדם להיות זהיר בתפלת המנחה שלא להפסידנה בשום פעם שזכותה יותר גדול כמו שאחז"ל שאליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה שנאמר ויגש אליהו הנביא ויאמר ענני ה' ענני וגו':

כ) תפלת המנחה תקנו נגד תמיד של בין הערבים וזמן שחיטתו כשר מאחר חצות היום ומ"מ עיקר זמן הקרבתו היה בט' ומחצה ולכן זמן תפלת מנחה לכתחלה מט' שעות ומחצה ולמעלה והרוצה לאכול או לעשות מלאכה ויש לחוש שמא ישכח להתפלל מותר לכתחלה להתפלל מנחה גדולה והוא משש שעות ומחצה וחושבין השעות זמניות בין היום ארוך או קצר מחלקין אותו לי"ב חלקים, וזמן המנחה נמשך כל זמן שהוא יום ודאי ומשהגיע זמן בין השמשות שוב אסור להתפלל ועיין בסימן רל"ג במ"ב:

כא) במקומות שאין מנהג לקרוא לבית הכנסת בשביל מנחה כגון בכפר וכה"ג אפילו בעיר רק שדרכו להתפלל בביתו ביחיד יזהר שלא להתחיל דבר שצריך שהיה מרובה אפילו סמוך למנחה גדולה [היינו משש שעות על היום) כגון לכנוס לסעודה גדולה דהיינו סעודת חתונה וברית ופדיון הבן וסעודת יו"ט וכיו"ב וכן בירידים שטרודים בקניית ומכירת סחורה לא יתחילו לעסוק במו"מ עד שיתפללו מנחה משש שעות ומחצה ולמעלה ומ"מ אם התחילו א"צ להפסיק אם יש שהות עוד ביום להתפלל וכן יש ליזהר שלא להתחיל אפילו סעודה קטנה סמוך למנחה קטנה שמא ימשך סעודתו ויעבור זמן המנחה ואם מבקש לבני ביתו שיזכירוהו להתפלל מנחה קודם שיעבור זמנה שרי ואמנם מיד שיזכירוהו צריך להפסיק ולהתפלל דאל"כ מאי תקנתיה:

כב) ועתה נבאר קצת לענין ק"ש של ערבית ותפלתה. מה מאד יזהר האדם שלא לומר אחר שכלה כל פעולותיו ביום אלך לביתי ואוכל קמעא ואשתה קמעא ואישן קמעא ואחר כן אקרא ק"ש ואתפלל ותוספתו

---

ענטשלאפען, דאס טאר מען ניט, וויא באלד אז מען קאן נצול ווערען פון דער סכנה דורך דעם וואס מען קערט זיך אב אן א זייט:

יעטצט וועללען מיר א ביססעל רעדען וועגען תפלת מנחה:

יט) וויא זעהר דארף מען זיין אבגעהיט אין מנחה-דאווענען, וואס איהר זכות איז זעהר גרויס, וויא דיא גמרא זאגט, אז אליהו הנביא איז פון גאטט געאנטווערט געווארען נור דורך מנחה:

כ) תפלת מנחה האט מען איינגעפיהרט אנשטאט דעם קרבן תמיד, וואס מען פלעגט אין בית המקדש געוואהנליך מקריב זיין „בין הערבים", אין דיא שעות פון פאר דיא זונן-אונטערגאנג דאס איז גיין שעה מיט א האלבע אויפ'ן טאג, דאגן איז דיא רעכטע צייט פון מנחה, און פון דער צייט אן טאר מען זיך ניט זעטצען עססען אדער נעהמען זיך צוא איין ארבייט, טאמער פערגעססט מען דאווענען; נור וויל דעם קרבן תמיד האט מען געקאנט מקריב זיין פריהער אויך, פון נאך האלבען טאג אן, דעריבער, ווען עס איז דא א ריזיקע מען זאלל שפעטער פערגעססען אדער ניט אויספעהען צוא דאווענען, מאג מען דאווענען פריהער אויך ד. ה. „מנחה גדולה", וואס איהר צייט איז פון זעקס מיט א האלבע שעה אויפ'ן טאג דאס איז פון האלב איינס אן, אונ ביז פאר דיא זונן-אונטערגאנג מעג מע' דאווענען לכתחלה אונ נאכהער איז א ספק, אונ בדיעבד קאנן מען נאך דאווענען איידער עס ווערדט פינסטער:

כא) אין דיא ארטער, וואו מען רופט ניט אין שול צוא מנחה אדער אז מען איז געוואהנט צוא דאווענען אין דערהיים, מוז מען זיך היטען ניט אנהעבען א גרויסע ארבייט אפילו פאר מנחה גדולה, דאס הייסט: פון צוועלף דעם זייגער אן, וויא למשל, זעטצען זיך עססען א גרויסען מאהלצייט, אויף א חתונה, א ברית, א יום-טובדיגען מיטטאג. דאס גלייכען אויף א יריד טאר מען זיך ניט נעהמען צום געשאפט וואו מען דאווענט ניט אב מנחה גדולה. פון דעסטוועגען אז מען האט שוין אנגעפאנגען דארף מען ניט אונטער-ברעכען קוים איז נאך דא צייט. פאר מנחה קטנה טאר מען אפילו גיט זעטצען זיך עססען א געוואהנליכען עססען וויל דיא צייט איז קורץ, סיידען אז מען בעט דיא הויזלייט, זייא זאללען דערמאהנען דאווענען, אונ וויא זייא דערמאהנען דארף מען גלייך אוועק-טארפען דעם עססען אונ שטעללען זיך דאווענען וויל דיא צייט געהט אוועק:

יעטצט וועללען מיר א ביססעל רעדען וועגען מעריב:

כב) מען דארף זיך זעהר היטען ניט אוועקנעהמען א חיים גלייך נאך מנחה קבי צוגייקען אונ צו-

יחוטפתו שינה ונמצא ישן כל הלילה ויעבור/זמן ק"ש ותפלה אלא אדם בא מן השדה או מן עסקו לביהכ"נ להתפלל מנחה ואח"כ אם רגיל לקרות קורא ואם רגיל לשנות שונה ואח"כ בבוא זמן ק"ש דהיינו בצאת הכוכבים קורא ק"ש ומתפלל [גמרא פ"ק דברכות]. והנה בק"ש של ערבית וברכותיה יש בה קבלת עול מלכות שמים וקבלת עול המצות כמו בשחרית וגם אמונה לגאולה העתידה כו. ברכת אמת ויציב שאנו אומרים בשחרית הוא על החסד שעשה עם אבותינו שהוציאם ממצרים ובקע להם הים וברכת אמת ואמונה שאנו אומרים בערבית הוא מדבר בה אף על העתידות שאנו מצפים שיקיים לנו הבטחתו ואמונתו לגאלנו ולשום נפשנו בחיים וכמו שאנו אומרים בה מלכנו הפודנו וכו' הגואלנו וכו'. וע"ז נאמר בכתוב להגיד בבקר חסדך ואמונתך בלילות [ברכות י"ב ע"א ע"ש ברש"י]:

כג) ואח"כ יתפלל שמ"ע של ערבית ג"כ כדין ולא יישן באמצע התפלה ח"ו אף שהוא יגע מפעולותיו שעמל בהן כל היום ויתבונן בעצמו אלו היה קרוא ע"ז העת לעמוד לפני אחד מהשרים הגדולים בודאי היה מזדרז בכל כחותיו שלא יראה שום הנועת השינה על פניו, וכן אם היה מזדמן לו איזה עסק שיש בו ריוח גדול ע"ז העת בודאי מרוב השמחה לא היה נותן תנומה לעפעפיו א"כ כמה יש לו לעשות למלך הכבוד הוא אלהי השמים והעושים ח"ו בהיפוך נאמר עליהם בכתוב כי יגעת בי ישראל ואחז"ל כל היום טרי ולא לעי [פי' שיגע ואינו עמל] צלי ולעי:

כד) זמן ק"ש של ערבית ותפלתה מתחיל מיד בצאת הכוכבים ומצוה לקיים תיכף ועכ"פ אסור לאחרה יותר מחצות הלילה, עבר ואחרה אפילו במזיד לא נפטר עי"ז וקורא ק"ש עם כל ברכותיה ומתפלל עד עלות השחר:

כה) ואם היה שכור או חולה וכדומה לזה שאר אונס קורא לאחר עמוד השחר קודם הנץ החמה ואז לא יאמר רק ק"ש וב' ברכות שלפניה ואמת ואמונה אבל השכיבנו לא יאמר דלאחר עמוד השחר אין זמן שכיבה וכן

---

שפארען זיך אויף א ווייל, און דעם מעריב אבלעגען אויף שפעטער, דענן עס קאנן דאך לייכט טרעפפען אז ער זאלל אזוי אבשלאפען די גאנצע נאכט, און דערווייל פערשפעטיגען די צייט פון קריאת שמע און תפלה (מעריב). וויא דענן? אז מען קוממט פון פעלד אדער פון געשעפט אין בית מדרש אריין דאווענען מנחה, זאלל מען דאנן נעהמען א ספר אין האנד, יעדער נאך זיין שטאנד, און אז עס קוממט די צייט פון ק"ש, בעת די שטערען ווייזען זיך אויפ'ן הימעל, שטעלט מען זיך דאווענען מעריב (א גמרא אין ברכות). אין ק"ש פון מעריב איז מען מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים (דעם יאך פון גאטט און זיינע מצוות) פונקט וויא אין דער ק"ש פון שחרית. דא קוממט נאך צוא די אמונה אין דער צוקינפטיגער גאולה (אויסלאזונג פון גלות), אין משיח'ן, וויא מיר זאגען: הפודנו... הגואלנו... (וואס לאזט אונז אויס). דערי-בער שטעהט: להגיד בבקר חסדך (צוא זאגען ער-צאהלען) אין דער פריה פון דיין חסד – וואס דוא האסט מיט אונז געטהון בייא דער גאולה פון מצרים (דענן אויף דעם בעציהט זיך די ברכה „אמת ויציב", וואס מיר זאגען נאך ק"ש של שחרית) ואמונתך בלילות – און דיין אמונה (די אמונה אין דער קוממענדיגער גאולה) בייא נאכט (ערצאהלען), דאס הייסט: אין

דער קריאת שמע פון מעריב:

כג) דיא מעריב'דיגע שמונה עשרה דארף מען אויך דאווענען על פי דין, וויא מיר האבען פריהער ארומגערעדט, און מען טאר ניט שלאפען אין דאווענען, וויא מיעד מען זאלל זיין. מען דארף זיך פארשטעללען וויא מען שטעהט פאר א קאניג, וואס דאנן וואלט מען זיך מיט אללע כחות ארויסגעשלאגען פון שלאף, אדער אז עס וואלט האלטען בייא גוטע פרנסה דאנן וואלט מען שוין, דאכט זיך, ניט געשלאפען, אז מען שטעהט פאר דעם מלך מלכי המלכים דארף געוויס ניט נעהמען קיין שלאף:

כד) דיא צייט פון מעריב פאנגט זיך אן גלייך וויא עס ווייזען זיך די שטערען און עס איז א מצוה צוא דאווענען גלייך אין אנפאנג. יעדענפאללס טאר מען זיך ניט פארשפעטיגען ביז נאך האלבע נאכט, אבער אז עס האט זיך געמאכט אז עס איז אריבער די האלבע נאכט און מען האט נאך ניט גע-דאווענט מעריב, ווערדט מען דאדורך נאך ניט פטור פון דער מצוה, דאנן איז נאך די צייט ביז טאג:

כה) און אז מען האט ביז בעגינגען נאך אלץ ניט געלייענט ק"ש און געדאווענט מעריב, מוז מען נאך אריינכאפען פאר זונן-אויפגאנג, נאר דאנן דארף מען שוין זאגען נאר ק"ש און די צוויי ברכות

וואס

וכן ברכת יראו עינינו לא יאמר וכן שמ"ע של ערבית לא יתפלל דלאחר עמוד השחר הוא יום:

כו) ועתה נבאר במקצת דין תשלומי התפלות אם לא התפלל בזמנו אם היה אנוס או שטעה שהיה סבור שיש לו עוד זמן להתפלל או שהיה שכור ואפילו התחיל לשתות אחר שכבר הגיע זמן תפלה שהיה סבור שיהיה לו שעות אח"כ אעפ"כ מקרי אונס ומשלים אותה תפלה בתפלה הסמוכה לה כגון אם לא התפלל ערבית מתפלל שחרית שתים לא התפלל שחרית מתפלל מנחה שתים לא התפלל מנחה מתפלל ערבית שתים וכ"ז דוקא בשהיה אנוס אבל ביטל בידים לא מהני תשלומין:

כז) כשמתפלל שתים צריך שיכוין בתפלה הראשונה לשם חוב שהוא זמנו ובשניה לשם תשלומין מה ששכח ובדיעבד שטעה והתפלל ראשונה לשם תשלומין יצא דהא אין כאן היכר איזו היא לתשלומין:

כח) יזהר מאד שתיכף לאחר שסיים תפלת החוב בעוד שעוסק בתפלתו יתפלל התשלומין ולא יפסיק ביניהן רק באמירת אשרי דהיינו כשמתפלל שחרית או מנחה שתים יאמר בין תפלה לתפלה אשרי וגם תחנון ולא ישהה יותר ויתפלל תיכף תפלת התשלומין ואם מתפלל ערבית שתים לא ישהה בין תפלה לתפלה רק כדי הלוך ד' אמות ופשיטא דאסור במלאכה בינתים כי י"א דאפי' בדיעבד אם לא התפלל תיכף אינו יכול עוד להתפלל. אך בדיעבד שלא התפלל תיכף או שלא נזכר עד אחר שהתפלל שעה או שתים יסמוך על הפוסקים דס"ל דיכול להתפלל אע"פ שאינו עוסק עכשיו בתפלה. וכתב הח"א דאסור להתפלל תפלת תשלומין רק עד חצות היום שמשם ואילך אינו זמן תפלת שחרית וכן במנחה דוקא כ"ז שמותר להתפלל מנחה. ובס' דה"ח כתב דרק עד ד' שעות בשחרית מותר להשלים המעריב ולא יותר עי"ש:

טעה

---

וואס פריהער אונ „אמת ואמונה", אבער „השכיבנו" דארף מען שוין געמירליך ניט זאגען, אונ אזוי דארף מען ניט זאגען „יראו עינינו" אונ מען דארף ניט שטעהן שמונה עשרה פון מעריב:

יעטצט וועלען מיר רעדען וועגען די דינים אבדאווגען שפעטער ווענן מען האט אין דער צייט ניט געדאוונט:

כו) דער דין איז, אז מען האט ניט געדאוונט שחרית כל זמן עס איז נאך געוועזן צייט, מוז מען צוא מנחה שטעהן צווייא שמונה עשרה'ס. דאסועלבע, אז מען האט מנחה ניט געדאוונט מוז מען צוא מעריב אבדאווגען מנחה אונ אזוי איז מיט מעריב. אבער דאס איז אללעס גערעדט, אז מען איז געצוואונגען געוועזן ניט צוא דאווגען אין דער צייט, ווענן מען איז אבער מבטל די תפלה בכיון העלפט ניט קיין אבדאווגען:

כז) ביין אבדאווגען מוז מען האבען אין זיגנען, אז די ערשטע שמונה עשרה איז פאר דעם יעטצטיגען מאל, אונ די צווייטע – פאר דעם פריהערדיגען חוב, וואס מען האט פערפעהלט, אונ בדיעבד, אז מען האט על פי טעות געדאוונט די ערשטע פאר דעם אלטען חוב איז מען יוצא:

כח) אבדאווגען מוז מען גלייך וויא מען ענדיגט די ערשטע שמונה עשרה. צווישען די ביידע שמונה עשרה'ס דארף מען נאר זאגע „אשרי" אונ „תחנון" (אין שחרית אונ מנחה) אונ מעהר טאר מען קיין מינוט אויך ניט פערזאמען. אזוי איז מיט מעריב. ארבייטען אין מיטען טאר מען געוויס ניט. עס איז א סברא, אז ווענן ניט גלייך נאך דער ערשטער שמונה עשרה, קאנן מען שוין אפילו בדיעבד אויך ניט אבדאווגען פאר דעם מאל וואס מען האט פערפעהלט. פון דעסטוועגען, בדיעבד, אז מען האט די ביידע שמונה עשרה'ס ניט געקאנט, צוליעב וואס פאר א סבה עס איז, אבשטעהן גלייך איינע נאך דער אנדערער, אדער מען האט עס פערגעססען, בדיעבד – זאגען מיר – קאנן מען זיך פערלאזען אויף די פוסקים, וואס זאגען אז מען קען נאך אבדאווגען פאר די פערפעהלטע חאטש מען האלט שוין ניט ביי'ן דאווגען, דאס איז דאך געוויס אז מען קאנן נור אפדאווגען אין דער צייט פון די נאהנטע תפלה מעריב אין דער צייט פון שחרית, שחרית אין דער צייט פון מנחה אונ ניט שפעטער נור אנדערע זאגען אז ביז האלבען טאג קאנן מען נאך דאווגען די שמונה עשרה פאר מעריב דענן בדיעבד רופט זיך נאך ביז האלבען טאג דער זמן פון שחרית אונ אנדערע זאגען אז מעהר ניט וויא ביז פיער שעה אויפ'ן טאג, דענן דער עיקר זמן שחרית לכתחלה איז מעהר ניט וויא ביז פיער שעה:

כט) טעה ולא התפלל ערבית ולא נזכר למחר בבוקר להתפלל לתשלומין וכן טעה ולא התפלל שחרית ועבר זמן מנחה ולא התפלל התשלומין לא יכול עוד להשלים בתפלה האחרת דאין תשלומין אלא בתפלה הסמוכה כגון מערבית לשחרית ומשחרית למנחה וממנחה לערבית אבל אם טעה ולא התפלל שחרית אע"פ שכבר התפלל מוסף יכול להשלים במנחה דזה מקרי תפלה הסמוכה :

ל) כשמתפלל תפלת התשלומין אינו מתפלל רק תפלת י"ח אבל ק"ש וברכותיה אין להם תשלומין. ויתר דיני ק"ש ותפלה יעיין הקורא בשו"ע וימצא הכל ולא לקטתי פה רק איזה דינים המצויינים ביותר :

לא) אסור לקרות ק"ש ולהתפלל או להזכיר שום דבר קדושה במקום שאינו נקי אא"כ הרחיק א"ע ד' אמות ממקום שכלה הריח דכתיב והיה מחניך קדוש וקבלו חז"ל שמחנה של אדם הוא ד"א ואם יגיע לו ריח רע מהצואה בתוך ד' אמותיו הלא אין כל מקום חנייתו בקדושה ומה דמהני ד"א היינו דוקא מאחריו או מן הצדדין אבל לפניו צריך הרחקה כמלא עיניו :

לב) כלי המיוחד לצואה או למי רגלים אם הוא של חרס או של עץ צריך להרחיק מהם כמו מצואה ואפילו אם הם רחוצים יפה מבפנים ומבחוץ והם נקיים שאין מגיע מהם ריח רע ג"כ אסור ואם הכלי הוא של מתכת אם הוא רחוץ יפה מבפנים ומבחוץ וגם שאין מגיע ממנה ריח רע מותר ואם הוא של חרס המצופה אבר עיין בשו"ע ובאחרונים שם :

# פרק תשיעי

דין נטילת ידים (מלוקט משו"ע ות"א הלבות נ"י) ובהמ"ז.

א) כל האוכל פת אסור לאכול עד שיטול ידיו ברביעית, ושלמה המלך ע"ה וב"ד תקנו נטילת ידים. אחז"ל כל המזלזל בנ"י ברצונו נעקר מן העולם והוא אחד מהדברים שמביא את האדם לידי עניות ואיתא בתנחומא פרשת בלק מעשה בשעת הגזרה בחנוני ישראל שהיה מבשל בשר חזיר ובשר

מהור

---

כט) אַז מֶען הָאט פֶערגֶעסֶען דַאוְונֶען מַעֲרִיב אוּנ מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף מָארְגֶען צוּא שַׁחֲרִית אוֹיךְ נִיט דֶערמָאהנְט אָבּשְׁטֶעהן דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מַעֲרִיב, אִיז צוּא מִנְחָה, בְּעֵת דִיא צַייט פוּן תְּפִלַּת שַׁחֲרִית אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער, קָאנֶן מֶען שׁוֹין דֶעם חוֹב פוּן מַעֲרִיב נִיט אָבְּגֶעבֶּען. דֶיזֶעלְבֶּע אִיז מִיט שַׁחֲרִית אוּנ מַעֲרִיב אוֹיךְ. אָבּדַאוְונֶען קָאנֶן מֶען נוּר פוּן מַעֲרִיב צוּא שַׁחֲרִית, אוּנ פוּן שַׁחֲרִית צוּא מִנְחָה אוּנ פוּן מִנְחָה צוּא מַעֲרִיב. אָבֶּער וֶוענְן מֶען הָאט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב אָדֶער ראֹשׁ חוֹדֶשׁ פֶערגֶעסֶען צוּא דַאוְונֶען שַׁחֲרִית מָאג מֶען אָבּשְׁטֶעהן דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה צוּא מִנְחָה, חָאטְשׁ מֶען הָאט אִין מִיטֶען גֶעהַאט דִיא תְּפִלַּת מוּסָף:

ל) אָבְּגֶעבֶּען קָאנֶן מֶען נוּר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אָבֶּער נִיט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אִיהרֶע בְּרָכוֹת:

לא) מֶען טָאר נִיט לֵייעֶנֶען ק"ש אָדֶער דַאוְונֶען אָדֶער דֶערמָאהנֶען אַ הֵיילִיגֶען וָוארְט אִין אֵיין אוּנְרֵיינֶעם אָרְט, סַיידֶען מֶען זָאלל זִיךְ אָבּרוּקֶען פִיער אֵיילֶען פוּן דֶעם אָרְט וואוּ עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער שְׁלֶעכְטֶער רֵיחַ. דָאס אִיז אַלְץ גֶערֶעדְט וֶוענְן דִיא אוּנְרֵיינֶע זַאךְ לִיעגְט פוּן הִינְטֶען אָדֶער פוּן דִיא זַייטֶען אָבֶּער פוּן פָארֶענְט מוּז מֶען אָבּטְרֶעטֶען אַזוֹי וַוייט דִיא אוֹיגֶען זָאלֶלֶען דֶעם אוּנְרֵיינֶעם גֶעגֶענְשְׁטַאנְד נִיט זֶעהן:

לב) פוּן אַ נַאכְט-טָאפּף סַיי אַ הָאלְצֶערְנֶעם סַיי אַ לֶעהְמֶענֶעם, מוּז מֶען זִיךְ הֶערוַּויטֶערן אִין דַאוְונֶען, וֶוענְן עֶר אִיז אֲפִילוּ לֶעדִיג אוּנ גוּט אוֹיסגֶעוַואשֶׁען, אֲפִילוּ אַז עֶס הָארְט זִיךְ פוּן אִיהם קֵיין רֵיחַ נִיט. וֶוענְן דֶער נַאכְט-טָאפּף אִיז אַ מֶעטַאללֶענֶער אוּנ אִיז פוּן אִינְוֶוענְדִיג וִויא פוּן דְרוֹיסֶען גוּט אַרוֹמְגֶעוַואשֶׁען, מֶעג מֶען דַאוְונֶען: מִיר הָאבֶּען דָא גֶעבְּרַאכְט דִיא וִויכְטִיגְסְטֶע דִינִים. דִיא אִיבֶּערִיגֶע אַלֶלֶע דִינִים גֶעפִינְט מֶען אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹיפ'ן אָרְט:

## פרק תשיעי

דִיא דִינִים פוּן וואשֶׁען זִיךְ צוּם עסֶסֶען אוּנ בֶּענְטשֶׁען.

א) אַז מֶען עֶסְט בְּרוֹיט מוּז מֶען זִיךְ וַואשֶׁען צוּם עֶסֶען מִיט אַ קְוַואטִירְל וַואסֶער. דָאס הָאט אַיינְגֶעפִיהרְט (מְתַקֵּן גֶעוֶוען) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מִיט זַיין בֵּית-דִין. דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְקַיֵּל אִין נְטִילַת יָדַיִם — זָאגְט דִיא גְמָרָא — וֶוערְט אוֹיסגֶערִיסֶען פוּן דֶער וֶועלְט. אוֹיךְ אִיז דָאס אֵיינֶע פוּן דִיא זַאכֶען, וָואס פַארְ נִיט אָבְּהִיטֶען זַייא וֶוערְט מֶען אָרֶעם. אִין מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וֶוערְט אַזַא מַעֲשֶׂה עֶרְצֶעהלְט: אַמָאל אִין אַ צַייט וָואס אִיז אַרוֹיס אַ גְזֵרָה אוֹיף אִידֶען (וָואס צוּלִיעבּ דֶעם הָאבֶּען פִיעל אִידֶען טְרֵפָה גֶעהַאט אַרוֹיסצוּווייזֶען זִיךְ

פאר

טהור ומוכר כדי שלא ירגישו בו שהוא יהודי וכך היה מנהגו כל מי שהיה נכנס בחנות שלו ולא נטל ידיו יודע בו שהוא נכרי ונותן לפניו בשר חזיר וכל מי שהוא נוטל ידיו ומברך יודע בו שהוא יהודי והאכילו בשר טהור. פ"א נכנס יהודי אחד לשם ולא נטל ידיו היה סבור בו שהוא נכרי ונתן לפניו בשר חזיר אכל ולא בירך בא לעשות חשבון עמו על הפת ועל הבשר ובשר חזיר הוא ביוקר א"ל יש לי עליך כך וכך מבשר שהחתיכה אלי עשרה מנה א"ל אתמול אכלתיה בשמונה והיום אתה רוצה בעשרה א"ל של חזיר היא שאכלת כיון שאמר לו כך עמדו שערותיו ונבהל א"ל בצנעא יהודי אני ונתת לי בשר חזיר א"ל תיפח רוחך כשראיתי שאכלת בלא נט"י ובלא ברכה הייתי סבור שאתה נכרי מכאן אמרו חכמים מים ראשונים האכילוהו בשר חזיר. ומצוה זו של נטילת ידים מסייע שמי שזהיר בה תמיד בראוי ואין שאר מעשיו מעכבים היא מסוגלת לעשירות דאמר רב חסדא אנא משאי מלא חפנאי מיא ויהבו לי מלא חפנאי טיבותא:

ב) חמשה כללים נאמרו בדין נטילת ידים לסעודה. א' איזה דבר חייב בנטילה. ב' שיהיה הכלי כשר לנטילה. ג' שיבואו המים מכח גברא. ד' שיהיו המים ראויים לנטילה. ה' כיצד דין נטילה ונבאר פרטיהם. דבר שחייב בנטילה כיצד. לא הצריכו נטילה אלא לפת שמברכין עליו המוציא שהוא חיי נפש שא"א לחיות בלעדו אבל לפת שאין מברכין עליו המוציא כגון אלו שמברכין עליו בורא מ"מ אם אינו קובע סעודתו עליו א"צ נט"י אבל בשקובע סעודתו עליו וא"כ הוא דומה לפת וצריך לברך המוציא צריך ג"כ נטילת ידים:

ג) האוכל פת פחות מכביצה יטול ידיו ולא יברך. ופחות מכזית יש אומרים דאין צריך נטילת

---

פאר אידען) פלעגט א אידישער קראמער (וואס האט געהאלטען א מין גארקיך) קאכען חזיר-פלייש פאר נכרים אויך כשר'ע פלייש פאר אידען, און אז ער פלעגט זעהן וויא דער מענש זעצט זיך עססען אהן געוואשען פלעגט עס ביי איהם זיין א סימן, אז ער איז א נכרי און פלעגט איהם געבען חזיר. אז ער פלעגט זיך אבער יא וואשען צום עססען, האט דער קרעמער פערשטאנען, אז ער איז א איד און ער פלעגט איהם שוין געבען כשר'ה פלייש. איינמאל איז א איד אריין עססען און האט זיך ניט געוואשען, האט דער בעל הבית איהם געהאלטען פאר א נכרי, דארום האט ער איהם געגעבען חזיר פלייש, קיין ברכה האט ער אויך ניט געמאכט. אז עס איז געקוממען צום בע-צאהלען מאכט איהם יענער א רעכענונג פאר'ן מיטטאג אויף צעהן מנה (א פינפעריל, א געוויסע מטבע פאר-צייטען). שפייטש – רופט זיך דער פרעמדער אב – נאכטען האב איך דאך דיר אכט מנה געצאהלט פאר א זא מיטטאג? היינט האב איך דיר געגעבען חזיר (און חזיר קאסט טהייערער) אנטווערט דער קראמער. וויא דער גאסט האט עס דערהערט איז ער געווארען א פערציטטערטער. – איך בין א איד – זאגט ער איהם אויס'ן אויער – וויא אזוי גיבסט דוא דאס מיר חזיר? ווער איז דיר שולדיג? אנטווערט דער בעל הבית – אז איך האב דיר געזעהן עססענדיג אהן געוואשען און אהן א ברכה האב איך געמיינט, אז דוא ביסט א נכרי. צוליעב ניט וואשען זיך האט דער איד אלזא געמוזט עססען חזיר. דיא מצוה פון נטילת ידים ווען מען איז אין איהר גוט אבגעהיט, און ווען דיא איבעריגע מעשים זיינען ניט מעכב (האלטען ניט אב) דאנן איז מען דורך איהר זוכה צוא רייכקייט, וויא רב חסדא האט געזאגט: איך האב געטראגען פוללע הויפענס וואסער (צום וואשען זיך) דערפאר האט מען מיר געגעבען פוללע הויפענס גוטעס:

ב) וואשען דארף מען זיך נור אויף ברוידט, וואס מען מאכט אויף דעם המוציא און וואס דאס איז דער וויכטיגסטער נאהרונגסמיטטעל, אהן וועלכען עס איז שווער אויסצוקוממען, אבער אויף אנדערע שפייזען, וואס מען מאכט איבער זייא ניט המוציא, ווען מען עסט זייא ניט אלס מאהלצייט, דארף מען זיך ניט וואשען. ווען מען עסט זייא אבער אלס מאהלצייט, איז עס דאך שוין גלייך וויא ברוידט און מען דארף אויף זייא שוין מאכען המוציא, און בענטשען פיער ברכות, מוז מען זיך שוין וואשען אויך:

ג) אז מען עסט א קליין שטיקל ברוידט (ווייניגער פון דיא גרוים פון איין איי) מוז מען זיך וואשען און דיא ברכה על נטילת ידים ניט מאכען. ווען מען עסט אבער ווייניגער פון א „כזית" (די גרוים פון א „זית", איין אליווען-פרוכט, וואס איז פיעל קלענער פון איין איי) איז אין דעם א מחלוקת הפוסקים: אנדערע זאגען, אז מען דארף זיך ניט וואשען און

אנדערע

נטילת ידים ויש אומרים דדינו כפחות מכביצה :

ד) אין נוטלין לידים אלא בכלי וכל הכלים כשרים ובלבד שיהיו עשויין לקבל משקה אבל כובעים של לבדין שקוראין (קאפעלושין או יארמעלקע) אפילו מעור והם קשים שיכולים לקבל משקה כיון דאין אלו כלים גמורין להשתמש בהן וגם שאין עשויין לקבל משקין יאסור ליטול בהם הידים. וכן כיסוי כלים כיון שאין תחלת עשייתן לקבל. ואם הוא בדרך ואין לו כלי אחרת נ"ל דיטול ידיו ולא יברך ומ"מ יאכל ע"י מפה דהיינו שיכרוך ידיו במפה כדי שלא יגע באוכלין:

ה) הכלי צריך להחזיק רביעית לפחות וישתדל שלא יהיה בו שום נקב ומ"מ אם אין לו כלי אחר אם הנקב רק כמוציא משקה ונשאר מהנקב ולמטה רביעית מותר ליטול בה ואם הוא ככונס משקה דהיינו שאם ישימו אותו על משקין יכנסו בו המשקין דרך הנקב שהוא גדול קצת אם נשאר מהנקב ולמטה מחזיק רביעית סמכינן על הפוסקים דמהנקב ולמטה לא נתבטל מתורת כלי ומ"מ מה שלמעלה מהנקב ודאי אינו כלי ולכן יטול דרך הנקב :

ו) שבר כלי שמחזיק רביעית אין עליו דין כלי אא"כ יחדו לתשמיש ומקבל רביעית שלא במסומך דהיינו שאין צריכין לסמוך אותו כדי שלא ישפכו המשקין ואז אם אין לו כלי אחר מותר. ונ"ל דאם יש בו נקב קטן אפילו רק כמוציא משקה כיון דבלא"ה הוא שבר כלי אין נוטלין בו אפילו אין לו כלי אחר :

ז) כלי שיש לו ברזא למטה שקורין (האנדפאם) או מן הצד (הענטיל) כיון שתחלת היקונו כך מיקרי כלי רק שצריך להחזיר הברזא או השרויף בכל שפיכה כדלקמן :

ח) כלי שיוצא ממנו דד שקורין (ניס-קאן) דהיינו שצד אחד

---

אַנְדֶערֶע זָאגֶען, אַז וואשֶׁען דַארְף מֶען זִיךְ, נוּר דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם זָאלל מֶען נִיט מַאכֶען בַּייא וֶועניגֶער פוּן אַיין אֵיי (וֶועה וַוייטֶער, סְעִיף כ"ו אִין דֶעם פֶּרֶק) :

ד) וואשֶׁען מוּז מֶען זִיךְ מִיט אַ כְּלִי, פוּן וָואס פַאר אַ שְׁטָאף זִיא זָאלל נִיךְ זַיין, אָבֶּער דַוְקא מִיט אַזַא כְּלִי, וָואס מֶען הַאלְט אִין אִיהר פְלִיסִיג-קַייטֶען (נוֹזְלִים), אָבֶּער מִיט אַ הִיטֶעל, אַ יַארְמֶעלְקֶע אָדֶער אַ הוּט, חָאטְשׁ זַייא זַיינֶען גֶעמַאכְט פוּן פֶעלל אוּנ קָאנֶען אִין זִיךְ הַאלְטֶען דִיא וַואסֶער, פוּן דֶעסְטְ-וֶועגֶען טָאר מֶען זִיךְ מִיט זַייא נִיט וואשֶׁען, ווייל זַייא וֶוערֶען דָאךְ נִיט אָנְגֶערוּפֶען כֵּלִים אוּיךְ זַיינֶען זַייא דָאךְ נִיט בֶּעשְׁטִימְט צוּם הַאלְטֶען מַשְׁקָאוֹת אָדֶער וַואסֶער. דִיזֶעלְבֶּע אִיז אַ דֶעקְקֶעל פוּן אַ כְּלִי, וָואס אִיז אוּיךְ נִיט בֶּעשְׁטִימְט אוּיף צוּא הַאלְטֶען וַואסֶער אָדֶער אַיין אַנְדֶער פְלִיסִיגְקַייט. וֶוענְן מֶען הָאט נִיט קַיין אַנְדֶער כְּלִי, אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס, לְמָשָׁל, דַארְף מֶען זִיךְ וואשֶׁען אוּנ נִיט מַאכֶען דִיא בְּרָכָה. אָבֶּער דַאנְן מוּז מֶען בַּיים עֶסֶען אַיינְוִויקְלֶען דִיא הַאנְד אִין אַ טִיכֶעל, כְּדֵי מֶען זָאלל זִיךְ נִיט אָנְרִיהרֶען אָן דִיא בְּרוֹיט :

ה) דִיא כְּלִי מוּז הַאלְטֶען נִיט וֶועניגֶער פוּן אַ קְוַואטִירְל, אוּנ עֶס טָאר אִין אִיהר נִיט זַיין קַיין לָאךְ. אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִיט קַיין אַנְדֶערֶע אוּנ אַז עֶס אִיז דָא אַ רְבִיעִית (קְוַואטִירְל) וַואסֶער אוּנְטֶער דֶער לָאךְ מַאג מֶען זִיךְ מִיט אַזַא כְּלִי אוּיךְ וואשֶׁען. דָאס אִיז אַלְץ גֶערֶעדְט, אַז דִיא לָאךְ אִיז אַזֶעלְכֶע, וָואס קָאנְן דוּרְךְ אִיהר נוּר אַרוֹיס אַ מַשְׁקֶה, אָבֶּער וֶוענְן זִיא אִיז שׁוֹין אַזוֹי פִיעל גְרֶעסֶער, אַז עֶס קָאנְן דוּרְךְ אִיהר אַרַיין אַ מַשְׁקֶה פוּן דְרוֹיסֶען, דַאנְן אִיז וֶוענְן עֶס אִיז דָא אַ רְבִיעִית אוּנְטֶער'ן לָאךְ וֶוערְדְט דָאס אָנְגֶערוּפֶען אַ כְּלִי, אָבֶּער נוּר יֶענֶער טְהֵייל, וָואס אִיז אוּנְטֶער'ן לָאךְ, נִיט וָואס אִיבֶּער'ן לָאךְ, דֶעריבֶּער מוּז מֶען זִיךְ וואשֶׁען דוּרְךְ דֶער לָאךְ :

ו) אַ צוּבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיקְל כְּלִי, חָאטְשׁ זִיא הַאלְט אַ קְוַואטִירְל, הֵייסְט עֶרְשְׁט אַ כְּלִי, וֶוענְן מֶען נִיצְט אִיהר צוּא וָואס עֶס אִיז אוּנ וֶוענְן זִיא הַאלְט אַ קְוַואטִירְל שְׁטֶעהֶענְדִיג גְלַייךְ אוּיף אַיין אָרְט, נִיט אָנְגֶעשְׁפַּארְט הֵייט, עֶרְשְׁט דַאנְן, אוּנ אַז עֶס אִיז קַיין אַנְדֶער כְּלִי נִיטָא, מַאג מֶען זִיךְ מִיט אִיהר וואשֶׁען, אָבֶּער אַז עֶס אִיז אִין אִיהר דָא חָאטְשׁ אַ גַאנְץ קְלֵיינֶע לָאכֶעלֶע טָאר מֶען זִיךְ שׁוֹין מִיט אִיהר נִיט וואשֶׁען, וֶוענְן עֶס אִיז אֲפִילוּ קַיין אַנְדֶערֶע נִיטָא ווייל זִיא אִיז דָאךְ דֶערְצוּ נָאךְ אַ צוּבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיקְל כְּלִי :

ז) אַ כְּלִי וָואס הָאט אַ קְרַאן, וִויא אַ הַאנְד-פָאם אָדֶער אַ סַאמָאוַואר הֵייסְט אַ כְּלִי אוּנ מֶען מַאג זִיךְ מִיט אִיהר וואשֶׁען, נוּר דֶעם קְרַאן מוּז מֶען יֶעדֶען מָאל אָבְּדְרֶעהֶען אוּנ פַארְדְרֶעהֶען, וִויא מִיר וֶועלְלֶען וַוייטֶער עֶרְקְלֶעהרֶען :

ח) מִיט אַ נִיס-קַאן (וָואס אַיין זַייט אִיז הָאכֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער

אחד יותר גבוה משאר הכלי אסור ליטול ממנו דרך הדד דאין זה כלי אבל כלי שיש לו (שנויץ) הוא כלי גמור:

ט) כלי שנסדק מצד אחד אע"פ שאינו אלא כמוציא משקה אין ליטול בו אלא בשעת הדחק:

י) אסור ליטול ידיו (מפלומפ) דאין כאן כלי. לא יהן מים לחבירו בחפניו וה"ה אם נטל ידו אחת לא יקח בה מים וישפוך על היד האחרת שאין נוטלין אלא מן הכלי:

יא) אם אין לו כלי מותר לטבול ידיו בנהר או במקוה וכן בשעת הדחק שאין לו מים מותר לטבול ידיו בשלג המונח על הארץ אם יש בהם ארבעים סאה כשהוא מחובר ושוכב על הארץ ואע"פ שהוא נמוך ומברך ענט"י וא"צ לברך על טבילת ידים אבל אסור ליתן שלג בכלי ולטבול בו ידיו ואם ריסקן דינן כמים:

יב) ועתה נבאר קצת דין כח גברא. כשם שהמים צריכין שיבואו מתוך כלי כך צריכין שיבואו מכח גברא דהיינו שיבואו ע"י שפיכת אדם אבל חבית מים שנפל הברזא ממנו אין נוטלין ממנו לידים שאין כאן כח נותן, ואם אדם הסיר הברזא ממנו מותר ליטול ידיו ממנו רק שצריך להכנים הברזא תמיד בכל שפיכה ושפיכה שהרי לא עשה שום מעשה בגוף החבית רק שהסיר ממנה המונע המים לצאת וא"כ לא מקרי כח גברא רק שפיכה ראשונה:

יג) אבל אם הטה חבית פתוחה על צדה מותר ליטול ממנה כ"ז שמקלחת שהרי עשה מעשה בגוף הזובית שע"י הטייתו מקלח המים וכן אם הטה חבית על ברכיו וע"י שמטנע בברכיו יצאו המים מותר ליטול ממנו:

יד) הכנים ידיו בכלי של מים אפילו יש בו מ' סאה
אם

---

גאנצער כלי טאר מען זיך ניט וואשען, ווייל דאס איז ניט קיין כלי אבער א כלי מיט א שנויץ הייסט א כלי:

ט) א כלי וואס איז פון איין זייט צושפאלטען, חאטש עס רינט ניט, קאנן מען זיך מיט איהר וואשען נור פאר א נאטה:

י) פון א פלומפ טאר מען זיך ניט וואשען, ווייל דא איז דאך קיין כלי ניטא. אויך טאר מען ניט ארויפגיסען וואסער פון איין האנד אויף דער צווייטער ווייל מען מוז האבען דווקא א כלי צום וואשען זיך:

יא) אז מען האט קיין כלי ניט מאג מען אבטונקען די האנד אין א טייך אדער א מקוה, אונ אין א נאטה אז מען האט קיין וואסער ניט, מאג מען די האנד אריינדוקען אין שנעע וואס ליעגט אויף דער ערד, ווענן עס איז אין די שנעע דא פיערציג סאה (אזא מאאס). וויא עס ליעגט אויף דער ערד, חאטש עס איז גאנץ ניעדעריג גלייבט מענן דאס צוא א מקוה, אונ מען דארף מאכען די ברכה „על נטילת ידים" ניט „על טבילת ידים". אבער אריינלעגען שנעע אין א כלי אונ אבטונקען די האנד — דאס טאר מען ניט. אז מען לאזט דעם שנעע צוגעהן, דאנן איז עס גלייך וויא וואסער:

יב) דאס וואסער ביין וואשען זיך מוז דווקא גענאמען ווערען מיטין מענשענס קראפט, ניט פון זיך אליין, וויא למשל פון איין אפפענעם קראן אדער פון א רינגע. ביא יעדען נאס מוז מען אבדרעהען דעם קראן אונ ווידער פארדרעהען, דאנן הייסט עס, אז דאס וואסער געהט דורך זיין קראפט, דענן ווענן דער קראן בלייבט אפפען איז דאך דער צווייטער נאס שוין ניט דורך זיין קראפט געקוממען נור פון זיך אליין:

יג) אז מען האט אבער איין אפפענע פאס אבגע-קעהרט ביא א זייט אזוי, אז עס געהט פון איהר וואסער, דאנן מאג מען שוין אונטערשטעללען די האנד אונ וואשען זיך. פאר וואס: ווייל דא האט מען דאך שוין אריינגעגעבען קראפט אין דער פאס גופא (ניט וויא פריהער מיטין קראן, וואס די פאס איז געבליבען אויפ'ן ארט אונ די פעולה וואס מען האט געטהון איז בעשטאנען נור אין דעם מאכען דאס וואסער זאלל ניט האבען קיין שטערונג צוא געהן, איז דאך נור דער ערשטער נאס געגאנגען צוליעב דער פעולה אונ ווייטער איז עס געגאנגען פון זיך אליין, אונ צום וואשען זיך מוז מען דווקא האבען „כח גברא", דעם מענשענס קראפט). דיזעלבע אז מען שפארט די פאס אן די קניע אונ דורך דעם וואס מען בעוועגט די קניע געהט דאס וואסער, דאנן מעג מען זיך אויך וואשען:

יד) מען טאר ניט אבטונקען די האנד אין א כלי מיט וואסער, אונ אז מען האט יא אבגעטונקט מוז מען זיך נאך אמאל וואשען, נאכדעם אז מען
ווישט

אם יש לו מים אחרים ינגב ידו ויטול ואם אין לו אפילו אין בו ארבעים סאה כשר ומכל מקום לא יברך על נטילה זו ונראה לי דיאכל במפה. ודוקא כשאינו מחובר לקרקע שעכ"פ היה הנטילה בכלי אבל אם הכלי מחובר לקרקע אין כאן נטילה כלל וגם לא מקרי טבילה דטבילה לא שייך בכלי דהוי שאובין:

טו) טבל ידיו במעין אפילו הוא קטן הרבה רק שמכסה המים לשתי ידיו די בזה דמעין מטהר בכל שהוא אבל אם אינו מעין רק בור שירדו בו מי גשמים בשעת הדחק מותר לטבול בו ידיו אע"פ שאין בו ארבעים סאה:

טז) ועתה נבאר קצת דין המים הראוים לנט"י לסעודה. המים שנוטלין בהם הידים צריך שלא יהיה נשתנה מראיהן הן מחמת המקום או מחמת דבר שנפל לתוכן אבל אם נשתנו מחמת עצמן כגון מים העומדים בכלים באויר זמן ארוך ונעשו ירוק כשרים ואם חזרו לברייתן אפילו נשתנו מחמת דבר אחר כשרין:

יז) עשה בהם מלאכה כגון שהדיח בהן כלים המלוכלכים כגון ששרה בהן ירקות או הדיח ירקות או שהעמיד בתוכן כלי עם משקה אם בשביל שיצטנן או כלים שנתבקעו כדי שיתחברו או שמדד בהן מדות או ששרה בהם פת אפילו נתכוין לשרות בכלי אחר ונפל לכלי זה כיון דניחא ליה עכ"פ הרי המים נעשו כשופכין ופסולין אבל אם לא רצה כלל לשרות או להדיח ונפל לכלי של מים כשרין. ומ"מ אם יש לו מים אחרים יטול בלי ברכה. ונ"ל דגם בנתכוין לשרות בכלי אחר ונפל לזה אע"ג דחייב ליטול ידיו שנית מ"מ לא יברך:

יח) הדיח בהם כלים מודחים ונקיים או שהעמיד לתוכן משקה צונן שלא יחמו או שטבל בהן ידיו ולקח מהן בחפניו כדי לטוח פני הלחם והגלוסקאות כיון שהמים לא נעשו בהן מלאכה כשרים וכן אם הניח בתוכן ירקות נקיים לגמרי רק כדי שישארו לחים כשרים דיעבד:

שרותה

---

וױשט אָב דיא הָאנד. פֿאר אַ נאָטה אָבֶער, אַז עֶס איז קיין אַנְדֶער כּלִי נִיטָא, מאָג מען דיא האַנד אָבּטונקען, נור אַבְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם דארף מען ניט מאַכען און עסען מוז מען דיא האנד אײַנגעוױקעלט אין אַ טיכעל. װען דיא כּלִי איז אָבער בּעפעסטיגט צוא דער ערד אָדער צוא דער פֿאָדלאָגע איז מען מיט'ן אָבּטונקען אין איהר דיא האנד ניט יוֹצא:

טו) אין אַ קװאַל מאָג מען אָבּטונקען דיא האנד אָני- שטאַטט װאַשען זיך, נור דיא װאַססער זאָלל בּעדעקען דיא האנד, װען דער קװאַל איז אַפִילוּ אַ קלײנער, אָבער אין אַ גרוב פֿון רעגענװאַססער און עס איז ניט פֿאַרהאַנדען פֿיערציג סְאָה מאָג מען נור פֿאַר אַ נאָטה:

טז) דיא װאַססער, מיט װעלכע מען װאַשט זיך מוז האָבען דעם געװאָהנליכען אויסזעהן פֿון װאַססער. װען עס קריגט אָבער איין אַנדער פֿאַרב, אַז עס פֿאַללט, לְמָשָׁל, װאָס אַרײַן אין דעם װאַס- סער, טאָר מען זיך מיט דעם ניט װאַשען, סײַדען אַז דיא אַנדערע פֿאַרב איז געװאָרען פֿון זיך אַלײן, װען עס איז פֿון שטעהן לאַנג געװאָרען גרין. װען דיא װאַססער האט אָבער צוריק בעקומען איהר פֿריהער- דיגען, געװאָהנליכען אויסזעהן, איז עס יעדענפֿאַלס כּשר צום װאַשען זיך:

יז) אויב מען האט מיט דעם װאַססער װאָס געשװאַנקט אָדער װאָס געװײקט אין זײא אָדער מען האט אין זײא אַרײַנגעשטעללט אַ הײסע כּלִי צום אָבּקיהלען אָדער מען האט מיט זײא װאָס גע- מאָסטען אָדער עס איז אַרײַנגעפֿאַללען אין זײא אַ שטיק'ל ברױדט און מען האט עס גערן געלאָזט דאָרטען ליעגען כְּדֵי עס זאָלל װײכער װערען — אין דיא אַללע אופנים טאָר מען זיך מיט דעם װאַססער ניט װאַשען. װען עס האט זיך אָבער אין דעם װאַס- סער װאָס געװײקט אָדער עס איז מיט זײא װאָס געשװאַנקט געװאָרען געגען זײן װיללען, דאַנן מאָג מען װאַשען זיך דאָמיט, װען עס איז קיין בעססערע ניטאָ. אַז מען קריגט נאַכהער אַנדערע װאַססער, זאָלל מען זיך נאָך אײנמאָל װאַשען, אָבער ניט מאַכען קיין בְּרָכָה:

יח) װען מען האט אָבער אָבגעשװאַנקט מיט'ן װאַססער ריינע כּלִים אָדער מען האט אין זײא אַרײַנ- געשטעלט אַ קאַלטע כּלִי װײַבאַלד אַז מיט דיא װאַססער גוּפָא איז דאָ קיין אַרבּײט ניט געטהון געװאָרען, איז עס ערלויבט צוא װאַשען זיך דאָמיט. אַז מען האט דאַרין אַרײַנגעלײגט גאַנץ ריינע גרינסען כְּדֵי זײא זאָללען נור בלײבען פֿײכט איז בְּדִיעֲבַד אויך מוּתּר צוא װאַשען זיך דאָמיט:

װענן

יט) שתתה מהם בהמה או חיה או עוף כשרים אבל כלב וחזיר פסולים דמאים אם לא בשעת הדחק:

כ) אסור ליטול ידיו במים שנטל בהם שכבר נעשו שופכין אבל אם תחב ידיו במים כשרים לנטילה:

כא) אין לו מים מותר ליטול ידיו בשכר ושאר משקין ואין בזה משום בזיון אוכלין כיון שצריך לזה ואינו בדרך איבוד וגם אין בהם משום שינוי מראה:

כב) חמי האור אם הם חמין מאד שהיד סולדת בהן לכתחילה אין ליטול בהם. ואם אין לו מים אחרים מותר ליטול בהם:

כג) מים מלוחים וסרוחים ומרים אם אין הכלב יכול לשתות מהם בטלו מתורת מים אבל מותר לו לטבול בו ידיו, ודוקא כשהם בקרקע דאין טבילה בכלים. ואם הם עכורים מחמת טיט אם הכלב יכול לשתות כשר גם לנט"י ואם לאו פסול אפילו לטבול בו ידיו ומי הים כשרים אחר שירתיחן דתחלה אין ראויין אפילו לכלב:

כד) אם נתערבו מים פסולים במים כשרים אזלינן אחר רוב:

כה) אין המלאכה פוסל במקוה ובמעין. וה"ה בשתה מהן כלב או חזיר וכן אין שנוי מראה פוסל במטביל במקוה שיש בה מ' סאה:

כו) כל ספק בנט"י לקולא כגון שהוא מסופק אם נעשה מלאכה במים או לא ספק אם נטל ידיו בשיעור או לא ספק אם היה על ידיו קודם הנטילה דבר חוצץ או לא ספק אם הכלי שלם או לא ואפילו אם יש בהן כל הנך ספקות וכן כל מחלוקת הפוסקים בנט"י אזלינן לקולא וכן כל כיוצא בו כיון שנט"י הוא מדרבנן וה"ה אם נסתפק אם נטמאו ידיו לאחר הנטילה:

כז) שִׁעור המים לנט"י לא פחות מרביעית לכל יד דבזה

---

יט) װען עס האט פון דעם װאסער געטרונקען אַ בְּהֵמָה, אַ חַיָה אָדער אַ פױגעל איז עס כָּשֵׁר, װען [...]ער אַ הונד אָדער אַ חֲזִיר, װערדט עס שױן אונר[...] אי[...] עס איז פָּסוּל, סײדען פאר אַ נױטה:

כ) מיט אַ[...]ע װאסער, װאס מען האט שױן אײנ־מאל זיך מיט זײא געװאשען, טאר מען זיך גיט װאשען, װאס מען האט דארין נור אײנגעטונקט דיא האנד — מעג מען:

כא) פאר אַ נױטה מאג מען זיך װאשען מיט ביער אָדער מיט אַנדערע מַשְׁקָאוֹת:

כב) מיט הײסע װאסער דארף מען זיך לְכַתְּחִלָּה ניט װאשען, אַז עס איז ניטא קײן אַנדערע — מאג מען:

כג) געזאַלצענע, פערפױשטע אָדער ביטטערע װאסער, װאס אַ הונד װאלט זײא אױך ניט גענומען אין מױל, זײנען פָּסוּל צום װאשען זיך, אָבער אָבטונקען אין זײא דיא האנד מאג מען, אָבער נור אין דעם פאלל, אַז זײא געפינען זיך אין אַ גרוב ניט אין אַ כְּלִי. װען זײא זײנען אָבער טריעב פון לעהם, איז אױב דער הונד קאנן זײא טרינקען, מאג מען זיך מיט זײא װאשען, װען ניט טאר מען ניט אפילו אָבטונקען דיא האנד. מיט ים־װאסער מאג מען זיך װאשען ערשט אַז זיא איז געקאכט:

כד) אַז עס מישט זיך אױס ריינע מיט אונרײנע װאסער קוקט מען אױף דעם רוב (װעלכע עס איז געװען מעהר, אױב רײנע מעהר איז כָּשֵׁר, אונרײנע — איז פָּסוּל):

כה) דיא װאסער פון אַ קװאל אָדער אַ מִקְוֶה איז כָּשֵׁר, װען עס איז אַפִילוּ מיט דעם געטהון געװארען אַ מְלָאכָה. דיזעלבע איז אַז עס האט פון דעם קװאל אָדער פון דער מִקְוֶה געטרונקען אַ הונד אָדער אַ חֲזִיר. דיזעלבע איז אַז דיא װאסער פון דער מִקְוֶה — אין װעלכע עס איז נור דא פיערציג סְאָה — האט בעקומען אײן אַנדער פארב. אין דיא אַללע אופנים איז דיא װאסער כָּשֵׁר צום װאשען זיך:

כו) דיא מִצְוָה פון נְטִילַת יָדַיִם איז מִדְרַבָּנָן (פון דיא חֲכָמִים, ניט פון דער תּוֹרָה). דעריבער אַז מען איז אין װאס עס איז אין אַ סָפֵק, לְמָשָׁל אױב מיט דיא װאסער איז געטהון געװארען אַ מְלָאכָה, אױב מען האט זיך געװאשען װיא מען דארף, אױב עס איז געלעגען װאס אױפ'ן האנד בעת װאשען זיך — װאס דאנן איז מען ניט יוֹצֵא, — אױב דיא כְּלִי איז געװען גאנץ אונ דערגליײכען, װען עס איז אַפִילוּ דא דיא אַללע סְפֵקוֹת צוזאמען געהט מען לְקוּלָא, דאס הײסט מען טהוט װיא עס איז גרינגער. דיזעלבע דארף מען זיך מֵיקֵל זײן אין אַללע ערטער פון דינֵי נְטִילַת יָדַיִם, װאס עס איז דא אַ מַחְלוֹקֶת הַפּוֹסְקִים:

כז) װאסער צום װאשען זיך מוז מען האבען — װעגן

רבוה לא יצטרך תו ליזהר בהרבה דברים שצריך ליזהר ואין כל אדם בקי ובזה יוצא כל הספקות והנוטל בשפע יתברך. ומ"מ יש לנהוג דאם יש לו מים אפילו נטל כל היד מרביעית ישפוך עליהם מים שניים. נוטלין לנט"י בין על גבי כלי ובין על גבי קרקע:

כח) ישפוך רביעית מים על היד בבת אחת עד הקנה של זרוע דהיינו האצבעות והיד ולפחות עד סוף קשרי אצבעותיו במקום שמחוברים ליד. ולכן אין ליטול ידיו מכלי שפיו צר שאין המים יורדין בב"א (קס"ב מ"א סק"ה) והט"ז כתב כ"ז שאין פוסק מלזוב מקרי שפיכה אחת אע"פ שאינו בא בבת אחת:

כט) צריך ליזהר מחציצה שלא יהיה טיט או עפר תחת הצפורן מה שיוצא חוץ לבשר אבל מה שהוא תחת הצפורן נגד הבשר אינו חוצץ כיון שהוא דבר מועט אין דרך בני אדם להקפיד ע"ז אבל שלא כנגד הבשר הכל מקפידין ואף שהוא אינו מקפיד בטלה דעתו אצל כל אדם. ובשאר היד הכל חוצץ אם הוא דבר הנדבק:

ל) אפילו דבר שמכסה כל היד אם דרכו בכך אינו חוצץ כגון מי שהוא צובע וידיו צבועות או שהוא כותב תמיד ואצבעותיו מלוכלכות בדיו. ואם אין אומנתו בכך חוצץ. וצריך להסיר הטבעות ואם היה רפוי בדיעבד עלתה לו נטילה:

לא) יברך ענט"י קודם הניגוב. לא בירך קודם הניגוב ספק אם יברך לאחר הניגוב קודם המוציא ולאחר שיברך המוציא אין מברך לכו"ע:

לב) מותר לשבור הקרח בשבת כדי ליטול מים ליטול את ידיו:

לג) אם הוא בדרך ואין מים מצויים לו לפניו ברחוק יותר מן ד' מילין ולאחריו מיל מותר לו לכרוך ידיו במפה ואוכל בלא נט"י ואם הוא מסופק אם ימצא בד' מילין והוא רעב הרבה יכול ג"כ לאכול ע"י מפה. וההולך במקום סכנה שירא לחפש אחר מים מותר לאכול ג"כ במפה והיושב בביתו מסיק בח"א דדינו כלאחריו:

לד) יש עוד תקנה כשעת הדחק במקום שאין מצויין לו מים בעת האכילה ואין יכול לילך לחפש אחר מים אזי בשחרית בשעה שנוטל ידיו לתפלה או

---

מאגליך – ניט וועניגער פון אַ קוואַטירל אויף יעדער האנד. וואס מעהר איז בעסער. וואשען מאג מען זיך סאיי אויף דער ערד סאיי אין אַ כלי:

כח) דיא קוואַטירל וואסער מוז מען מיט איינמאל אַ גאס געבען אויפ'ן גאנצען האנד אָדער ווענינסטענס ביז דעם אָרט וואו דיא פינגער זיינען פערבונדען מיט'ן האנד. דעריבער טאר מען זיך ניט וואשען פון אַזא כלי, וואס קאנן פון איהר ניט אַרויס דאס וואסער מיט איינמאל:

כט) מען מוז זיך היטען פון „חציצה" דאס הייסט: עס זאלל קיין שמוטץ אָדער נאַסט וואס ניט זיין בעהעפט אָן האנד אָדער אונטער דיא נאגעל, כדי דיא וואסער זאלל קאנען אומעטום צוקומען:

ל) ווען דיא האנד איז אָבער בעדעקט מיט אַזא זאך, וואס עס קומט פון דער אַרבייט, למשל, בייא אַ פארבער – מיט פארב, שרייבער – מיט טינט, הייסט עס ניט קיין חציצה. ווען דיא אייגענע אַרבייט איז ניט אַזעלכע, וואס מען זאלל צוליעב איהר ניט קאננען האלטען דיא האנד ריין. הייסט עס שוין אַ חציצה און מען איז ניט יוצא. אַ רינג מוז מען ביי'ן וואשען זיך אַראבנעהמען, ווען ער ליעגט אָבער שוואך אויפ'ן האנד איז מען בדיעבד יוצא מיט'ן וואשען זיך:

לא) דיא ברכה על נטילת ידים מוז מען מאכען פאר'ן אָבווישען דיא האנד. אויב ער האט ניט געמאכט דיא ברכה פאר'ן אָבווישען איז אַ ספק אויב מען דארף מאכען דיא ברכה פאר המוציא צוא ניט, נאך המוציא – דארף מען געוויס ניט:

לב) אום שבת מאג מען איינבראכען דעם אייז כדי צוא בעקוממען וואסער צום וואשען זיך:

לג) אַז מען איז אונטערוועגס און וואסער קאנן מען קריגען ערשט מיט מעהר פון פיער וויארסט ווייטער אָדער מיט איין וויארסט צוריק מאג מען איינוויקלען דיא האנד אין אַ טיכעל און עססען אהן געוואשען. ווען מען איז מסופק אויב מען וועט קריגען וואסער אין אַ שטרעקע פון פיער וויארסט און מען איז הונגעריג, מאג מען אויך עססען אהן גע וואשען, איינוויקלענדיג דיא האנד אין אַ טיכעל. אַז מען געהט אין אַ געגענד, וואו עס איז אַ סכנה צוא זוכען וואסער, מאג מען אויך אַזוי טוהון:

לד) עס איז דא נאך איין מיטטעל, ווען מען איז אין אַ געגענד, וואו עס איז שווער צוא קריגען וואסער

או אפילו באמצע היום מתי שמזדמן לו מים נוטל ידיו כדין ואין מברך ענט"י ומתנה שיהיה נטילה זו עולה לו כל היום ואז מותר לאכול כשירצה רק בתנאי שישמור ידיו שלא יגע במקום מטונף אלא ישים ידיו בבתי ידים שקורין (האנדשוה) (אע"ג דבעינן תיכף לנט"י סעודה זה דוקא כשנוטל ידיו לאכילה ואוכל תיכף אבל כשאינו נוטל ידיו לאכילה לא בעינן תיכף) וכשנוטל ידיו לאכילה ואכל והתנה שתעלה לו נטילה זו אף לאחר שעה כששמר ידיו ולא הסיח דעתו י"א דמהני והכל לפי שעת הדחק רק שצריך בכל זה זהירות וזריזות שלא יסיח דעתו משמירת ידיו ולכן אין לסמוך ע"ז אם לא ברוחק גדול וגם במקום שמועיל תנאי אעפ"כ אם יזדמן לו אח"כ מים יטול ידיו ולא יברך. ומזה נראה לי שיצא הטעות להמון העם שנוטלין ידיהם פעם אחד ועי"ז אוכלין כל היום ושתים רעות עושין אחד שמסיחין דעתם משמירת הידים ואחד שאינם מברכין בהמ"ז ולזה לא מהני תנאי. יתר דיני נט"י ודיני ברכת המוציא ודיני ברהמ"ז יעיין בשו"ע וימצא שם הכל ואכתוב כאן רק איזה דינים מדיני בהמ"ז מה שצריך לעניננו:

לה) כשאוכל לחם שמברכין עליו המוציא חייב לברך אחריו בהמ"ז והוא מ"ע דאורייתא דכתיב ואכלת ושבעת וברכת את ה' וגו' וכיון דהוא מ"ע דאורייתא החמירו בו שהאוכל פת אסור לצאת ברצונו ממקומו עד שיברך בהמ"ז. וצריך לברך מיושב דוקא ולא מהלך ולא מעומד ואם אכל בדרך כשהוא מהלך מותר לברך ג"כ במהלך שאין דעתו מיושבת עליו אבל אם אכל בדרך במיושב צריך לברך גם כן במיושב אם לא כשהוא אנום:

לו) היה לו איזה מניעה שלא יוכל לברך במקום שאכל מותר לילך לזוית אחרת באותו חדר ואפילו הוא בית גדול ואפילו במקום שאינו רואה מקומו הראשון כגון אחורי התנור וכה"ג ואפילו במניעה קטנה מותר לברך בד' אמות שאכל דכל ד' אמות חשוב מקום אחד:

לז) היה דעתו מתחלה בשעת ברכת המוציא שיברך בהמ"ז בחדר אחר מותר לברך שם אפילו לא יאכל שם כלום ולכתחלה לא יעשה כן אם לא

שיש

---

נאָכֹעֶר בְּעת דֶעם עֶסֶען. וָוענן עֶס מַאכְט זִיךְ נוּר נאָכֹעֶר צוּא מאָרְגֶענְס פֿאַר'ן דַאוֶונֶען, אַז מֶען דאַרף זִיךְ וַואשֶׁען צוּם דַאוֶונֶען, צוּא בַּייא טאָג, זאָלל מֶען זִיךְ וַואשֶׁען וִויא דֶער דִין פוּן נְטִילַת יָדַיִם – אָהן אַ בְּרָכָה – אוּנ הָאבֶּען אִין זִינֶען צוּא יוֹצֵא זַיין מִיט'ן וואשֶׁען זִיךְ אויפ'ן גאַנְצֶען טאָג, דאַנן מאָג מֶען שוֹין עֶסֶען וָוענן מֶען ווילל, נוּר מֶען דאַרף זִיךְ הִיטֶען גִיט אָנְרִיהרֶען זִיךְ אִין אַיין אוּנרַייגֶעם אָרט, וָואס דֶערְצוּ אִיז צוּא רַאטְהֶען צוּא טְרָאגֶען דֶעם גאַנְצֶען טאָג הַאנדשוּה (דֶער עֶסֶען מוּז זַיין גְלַייךְ נאָכ'ן וַואשֶׁען זִיךְ נוּר אִין דֶעם אוֹפֶן, אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ אוֹיף דֶער בְּעה צוּ עֶסֶען גְלַייךְ). אוּנ ווייל מֶען דאַרף זַייעֶר פֿאָרזִיכְטִיג זַיין צוּא הַאלְטֶען רַיין דִיא הָאנְד, דאַרוּם קָאנן מֶען טְהוּן דֶעם מִיטְטֶעל נוּר בְּאַיין בְּרֵירָה. אַז עֶס מַאכְט זִיךְ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען, שְׁפֶּעטֶער וַואסֶער דאַרף מֶען זִיךְ וַואשֶׁען אָהן אַיין בְּרָכָה. דִיא וָואס וַואשֶׁען זִיךְ אַיינְמאָל אִין דֶער פְרִיה אוּנ עֶסֶען אוֹיף דֶעם סְמַךְ דֶעם גאַנְצֶען טאָג אָהן גֶעוַואשֶׁען – וִויא אַנְדֶערֶע פוּן הַמוֹן עַם טְהוּען – זַיינֶען עוֹבֵר צְווייא עֲבֵירוֹת צוּגְלַייךְ – וָוענן מֶען אִיז דֶערצוּא נִיט גֶעצְוואוּנְגֶען – עֶרְשְׁטֶענְס עֶסְט מֶען אָהן גֶעוַואשֶׁען דֶענן זַייא שְׁלָאגֶען זִיךְ דָאס גאָר אַרוּיס פוּן זִינֶען, צְווייטֶענְס בֶּענְטְשֶׁען זַייא דָאךְ אוֹיךְ נִיט:

יֶעצְט וֶועלֶען מִיר דָא בְּרֵיינְגֶען עֶטְלִיכֶע דִינִים פוּן בֶּענְטְשֶׁען:

לה) אַז מֶען עֶסְט בְּרוֹיט, וָואס מֶען הָאט דַארוֹיף גֶעמַאכְט הַמוֹצִיא, מוּז מֶען נָאכ'ן עֶסֶען בֶּענְטְשֶׁען. דָאס אִיז אַ מִצְוָה מִן הַתּוֹרָה, וִויא עֶס שְׁטֶעהְט: וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ וכו' אַז דוּא וֶועסְט אָבְּעֶסֶען אוּנ זאַטט זַיין זָאללְסְט דוּא בֶּענְטְשֶׁען. דֶעריבֶּער טָאר מֶען נִיט אַוֶועק פוּן טִישׁ, וואו מֶען בֶּענְטְשְׁט נִיט אָב. בֶּענְטְשֶׁען מוּז מֶען דַוְקָא זִיטְצֶענְדִיג, נִיט גֶעהֶענְדִיג אָדֶער שְׁטֶעהֶענְדִיג, אוּנ אַז מֶען עֶסְט גֶעהֶענְדִיג, אִין וֶועג, לְמָשָׁל, קָאנן מֶען בֶּענְטְשֶׁען אוֹיךְ גֶעהֶענְדִיג:

לו) וָוענן מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁטֶערוּנְג צוּא בֶּענְטְשֶׁען אוֹיפ'ן אָרט, וואו מֶען הָאט גֶעגֶעסֶען, קָאנן מֶען, אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען צִימֶער דַוְקָא, גֶעהן אִין אַיין אַנְדֶער אָרט בֶּענְטְשֶׁען. אִין דִיזֶעלְבֶּע פִיער אַיילֶען וואו מֶען הָאט גֶעגֶעסֶען מָאג מֶען בֶּענְטְשֶׁען אֲפִילוּ בַּיי'ן אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶערוּנְג, דֶענן אִין דִיא פִיער אַיילֶען (ד' אַמּוֹת) הֵייסְט עֶס אַלְץ דֶערְזֶעלְבֶּער אָרט:

לז) וָוענן לְכַתְּחִלָּה, בְּעת הַמוֹצִיא הָאט מֶען אַ כַּוָּנָה גֶעהַאט צוּא בֶּענְטְשֶׁען אִין אַיין אַנְדֶער צִימֶער,

ראַר

שיש לו מניעה שלא יוכל לברך בחדר זה :

לח) אם רוצה לילך לבית אחר לנמרי והיה דעתו לזה בשעת ברכת המוציא מותר וכתנאי שיאכל שם מעט פת וא"צ לברך על מה שיאכל וישתה שם. ואם לא היה דעתו מתחלה לכך אסור לצאת ברצונו אפילו כשירצה לאכול שם וצריך לברך בהמ"ז קודם שיצא :

לט) עבר ויצא אם יש לו שם פת אפילו פחות מכזית יאכל שם וא"צ לברך המוציא ולא על כל מה שיאכל וישתה שם ויברך שם בהמ"ז, ואם אין לו שם פת כלל אם יצא במזיד צריך לחזור למקומו הראשון לברך שם בהמ"ז ואם יצא בשוגג בשעת הדחק א"צ לחזור למקומו הראשון ויברך שם במקום השני :

מ) עבר ובירך במקום השני אפילו יצא במזיד יצא. ואם הוא רחוק ממקומו הראשון שיש לחוש שעד שיחזור ישהה שיעור עיכול ויפסיד בהמ"ז אף לכתחלה יברך במקום שנזכר :

מא) יברך באימה וכ"ש דאסור לעסוק במלאכת ברצונו אפילו בהשמיש קל ואסור להפסיק, ואם שח במזיד צ"ע אם יחזור לראש :

מב) עד אימתי יכול לברך בהמ"ז עד שיתעכל המזון שבמעיו ושיעורו אחר האכילה כ"ז שאינו רעב ואם אכל מעט ואין אנו בקיאין לידע אם הוא רעב כ"כ כמו מקודם ראוי שיאכל עוד כזית פת ויברך בהמ"ז שאז נפטר גם האכילה הראשונה ואם הסיח דעתו יברך המוציא תחלה :

מג) שיעור אכילה שיהיה חייב לברך עליה בהמ"ז הוא בכזית :

מד) היה ספק לו אם בירך בהמ"ז חוזר ומברך וה"מ שאכל כדי שביעה אבל אם לא אכל כדי שביעה אינו חוזר ומברך מספק :

ועתה

---

מאג מען דארט בענטשען, ווענן מען עסט דארט אפילו גאר נישט. לכתחלה טאר מען דאס ניט טהון סיידען אז מען איז געצוואונגען ניט צו בענטשען אין דעם צימער :

לח) דיזעלבע איז אז מען וויל געהן בענטשען גאר אין איין אנדער שטוב, (מען מוז אויך טראכטען וועגען דעם בעת המוציא), נור דא מוז מען שוין געהמען א פאאר ביסענס אויפ'ן נייעם ארט, אבער קיין המוציא דארף מען ניט מאכען נאך איינמאל. ווען מען האט אויף דעם פריהער קיין כונה ניט, טאר מען ניט ארויס פון שטוב וואו מען בענטשט ניט אב, ווענן אפילו מען רעכענט עססען אויפ'ן נייעם ארט אויך :

לט) איז מען פארט ארויס פון דער שטוב אין איין אנדערע און מען קריגט דארט קיין שטיק'ל ברוידט אויך ניט צו עססען – אהן המוציא – דאנן ווענדט זיך אזוי: איז מען ארויס במזיד, מיט א כוון, מוז מען זיך צוריקקעהרען אויפ'ן פריהערדיגען ארט און בענטשען, ווענן אבער – בשוגג, אומגערן, קאנן מען בענטשען אויפ'ן ארט :

ס) בדיעבד, אז מען האט שוין אבגעבענטשט אין דער אנדערער שטוב, ווענן מען איז אהין אפילו ארויס מיט א כוון, איז מען פארט יוצא, ווענן מען איז ווייט פון דעם ארט וואו מען האט געגעססען, אז עם קאנן זיין, אז ביז מען וועט אוספעיען צוריק צוקעהרען זיך וועט דער עססען פערדייעט ווערען וואס דאנן איז שוין צוא שפעט צוא בענטשען – אין דעם פאלל מאג מען לכתחלה אויך בענטשען אויף דעם ארט וואו מען האט זיך דערמאהנט אז מען האט נאך ניט געבענטשט :

מא) בענטשען מוז מען מיט כונה, מען דארף נאטירליך קיין ארבייט ניט טהון ביי'ן בענטשען, אפילו דיא קלענסטע זאך. מען טאר ניט מפסיק זיין. האט מען מפסיק געוועזען מיט א כוון איז א פראגע, אויב מען מוז אנפאנגען פון דאס נייא :

מב) צום בענטשען האט מען צייט כל זמן דער עססען איז נאך ניט פערדייעט. דאס קאנן מען וויססען, ווען מען איז נאך ניט הונגעריג, האט מען אבער איבערהויפט וועניג געגעססען, אזוי אז זאטט איז מען פריהער אויך ניט געוועזען מוז מען עססען נאך א „כזית" ברוידט און בענטשען, און אויב מען האט דעם עססען ארויסגעשלאגען פון זינגען (מסיח דעת געוועזען) מוז מען מאכען „המוציא" נאך איינמאל :

מג) אז מען עססט א כזית איז מען שוין מחויב צוא בענטשען :

מד) איז מען אין ספק אויב מען האט געבענטשט, דארף מען נאך א מאל בענטשען. דאס איז אלץ גערעדט אז מען עסט צוא זאטט, אבער אז ניט צוא זאטט דארף מען פון ספק, נאך איינמאל ניט בענטשען. מיר האבען דא געבראכט נור דיא נאטהינסטע דינים ;

יעטצט

# פרק עשירי

## בו יבואר כי התרשלות למוד התורה גורמת להריסת כל הדת

**ועתה** נדבר אודות הסיבה הרביעית שהזכרנו בפ"א שהיא גורמת להסיר מעל האדם קדושת ה' וממילא נתרשל ע"ז קיום הדת בכללו, והוא מה שנתרשל בעו"ה בארצות ההם ענין לימוד התורה בכלל, כידוע בכמה מקומות בחז"ל בגמרא ובזוה"ק בפרשת ויקרא ועוד בכמה מקומות שעיקר הקדושה החופפת על ישראל היא ע"י לימוד התורה וע"י ביטול לימודה יסולק מעליו קדושת ה' וממילא אין בכחו להתגבר נגד היצה"ר וכמו שאחז"ל בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין ובלא זה בודאי אין שום עצה כלל לעמוד נגד היצה"ר הבוער בקרבו ועומד ומצפה בכל מיני ערמומיות על האדם להחטיאו ולהביאו לדרב מות וכמו שאחז"ל יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו שנאמר צופה רשע לצדיק וגו' כי מי יודע יותר את כחו של היצה"ר מהבורא יתב' שהוא יצרו ובראו והוא אמר לנו שאין לנו תרופה אחרת להנצל ממנו בלתי בלימוד התורה וכנ"ל, והיא עיקר חיי הנפש כמו דאיתא בספרי פ' עקב היה ר"ש אומר רק השמר לך ושמור נפשך מאד, משל למלך שצד צפור ונותנו ביד עבדו א"ל הוי זהיר בצפור זה לבני אם אתה אבדתו לא תהיה סבור צפור באיסר אבדת אלא כאלו אבדת את נפשך וכן הוא אומר כי לא דבר רק הוא מכם כי הוא חייכם, ובענין זה מוכח ממה שאחז"ל [ברכות ס"א ע"ב ובכמה מקומות] שאיש הישראלי שנפרש מן התורה הוא כמו דג שנפרש מן המים אף שיש לו קצת חיות עדיין מ"מ

ברור

---

פרק עשירי

**יעצט** וועללען מיר רעדען וועגען דיא פיערטע סבה וואס צוליעב איהר געהט פון מענטשען אראב דיא היילינקייט גאטטעס, און ממילא ווערט מען שוין נאכלאססיג אין דעם מקיים זיין דיא מצות. דיא סבה איז: דענן אין דיא ווייטע לאנדער איז בעונותינו הרבים זעהר געפאללען דיא צייטען דער לערנען תורה, און וויא עס איז ידוע פון פיעל מאמרי חז"ל און פון זוהר הקדוש, אז דיא גאנצע היילינקייט וואס ליעגט אויף אידען איז נור צוליעב דעם לערנען דיא תורה, און אז מען לערנט ניט געהט אראב דיא היילינקייט און ממילא קאנן קען זיך שוין ניט שטארקען געגען דעם יצר הרע, וויא דיא גמרא זאגט: בראתי יצר הרע וכו' איך האב בעשאפען דעם יצר הרע און האב געגען איהם בעשאפען דיא תורה אלס מיטטעל. אהן דער תורה איז קיין עצה ניטא צוא בעצווינגען דעם יצר הרע וועלכער ברענט אין מענשען וויא א פייער און בעמיהט זיך מיט אללע קראפטען און מיט אללערלייא מיטראסטען צוא מאכען איהם זינדיג און אונגליקליך. וויא דיא גמרא זאגט: דער יצר הרע שטארקט זיך אין מענטשען יעדען טאג און ער וויל איהם טויטען, וויא עס שטעהט: צופה רשע וכו', דער רשע – דער יצר הרע – לויערט אויפ' צדיק און וויל איהם טויטען. אויף דעם פסוק השמר לך ושמור נפשך מאד היט זיך און היט (זעהר דיין נפש) זאגט דער ספרי אזא משל: א קאניג האט אמאל געפאנגען א פויגעל האט ער דיא פויגעל איבערגעגעבען זיין קנעכט און איהם געזאגט: זאללסט אקארט היטען דיא פויגעל פאר מיין זוהן און זאללסט ניט מיינען אז ווען דוא פערליערסט איהר איז גלייך וויא דוא פערליערסט א ווערדע פון א קליינע מטבע, ניין, עס זאלל ביי דיר גלייך זיין וויא דוא פערליערסט דיין לעבען (דיין נפש). דאס מיינט מען מיט דיא ווארטער: היט זיך (ניט עובר צוא זיין אויף דער תורה) און היט דיין נפש (דיין לעבען) (מיט דעם וואס דוא וועסט היטען דיא תורה וועט דיין לעבען זיין געהיט) וויא עס שטעהט: כי לא דבר רק הוא מכם – דענן דאס (דיא תורה) איז ניט קיין פוסטע זאך פאר אייך דענן זיא איז אייער לעבען. דיא כוונה איז, דיא תורה הקדושה איז דער לעבען – קראפט – פון דער נשמה אויף דער וועלט און יענער וועלט, דורך איהר היילינקייט ווערט דער מענש באהעפט אין גאטט ב"ה וואס דאס גיבט איהם עוויגען לעבען, וויא דיא גמרא זאגט אויפ'ן פסוק: ואתם הדבקים וכו' חיים כלכם, און נאך דיא גראדען פון זיין אויפבונד צוא דער תורה הקדושה אזוי איז זיין שטארקייט און זיין לעבען - קראפט – פון זיין נשמה, גראססער אדער קלענער. דעמזעלבען געראנקען זעהט מען פון דעם וואס דיא גמרא פערגלייכט דעם אידען וואס דער-

ווייטער

ברור הדבר שודאי ימות לבסוף ואי אפשר להרג לחיות כ"א איזה שעה כ"ז שלחלוחית המים יש בו, אבל כשנתיבש תיכף מת כי נפסק לנמרי החיות. כן עצם קדושת ה' החופפת על עמו ישראל שע"י יזכו לע"ל להיות קיימים נצחיים כמו שכתוב ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים וגו' וכמו שאחז"ל על הפסוק הזה הוא דק ע"י אמצעות התורה וכשבני אדם פורשין עצמן מן התורה כ"ז שלחלוחית התורה יש עדיין עליהן הם עסוקים עדיין קצת במצותיה אשר הורגלו בה מכבר אבל בהמשך הזמן משמתחיל הלחלוחית להתיבש מתחילין להפסיק נם ממצות הרנילין ער שלבסוף יבטל ח"ו כל התורה וכל המצות ומי יודע למה נבוא עי"ז. ובאמת מקרא מלא הוא בפרשת בחקותי אם לא תשמעו לי [פירוש להיות עמלים בתורה כפירש"י שם] ולא תעשו את כל המצות האלה [משלא תלמדו לא תעשו] ואם בחקותי תמאסו [מואס באחרים העושים] ואם את משפטי תגעל נפשכם [שונא החכמים] לבלתי עשות [מונע אחרים מעשות] את כל מצותי [כופר שלא צויתים לכך נאמר את כל מצותי ולא את כל המצות] להפרכם את בריתי [כופר בעיקר הרי שבע עבירות והראשונה נוררת השניה וכן עד השביעית ואלו הן כו' כ"ז פירש"י שם והוא מהתו"כ]. ובזה פירשתי מה שאנו אומרים בכל יום בפרשה ב' של ק"ש והיה אם שמוע גו' דלכאורה הלא הדרך הוא כשאדם מצוה לבנו שיתנהג בדרך הישר מצוה לו לפי ענינו אם הוא הולך בדרך תמים מצוהו שיוסיף אומץ ולא יסור מזה הדרך ואם הוא הולך שובב בדרך לבו ורוצה לנסוע מאתו מצוהו שעכ"פ לא יסור מדרך השם לנמרי ח"ו ואם יחליף הענינים שיצוה לבנו ההולך בדרך הישר שלא יסור מדרך ה' להמיר דתו ח"ו לא לכבוד יהיה לו ונם לבנו בצווי הזה והכא הלא ראש פרשת והיה מדבר באנשים יראי ה' ואוהבי שמו בכל לב ונפש כמה דכתיב לאהבה וגו' ומה שייך בזה הסמיכות פן יפתה ועבדתם וגו' ותו תיבת וסרתם לכאורה יתר הוא. אבל האמת הוא כפשוטו דמתחלה כתיב בפרשה ולעבדו בכל לבבכם ואחז"ל איזוהי עבודה שהיא בלב הוי אומר זו תפלה ולזה אמר הכתוב

השמרו

---

ווייטערט זיך פון דער תורה צוא א פיש וואס איז ארויס פון וואסער, וואס ער ווערט בעשטימט שטארבען וויא עס ווערט נור אויסגעטריקענט ווערען דיא ביסעל פייכטיגקייט וואס ער האט אין זיך, אזוי איז מיט דעם אידען וואס ווארפט אוועק דיא תורה: כל זמן עס איז נאך געבליבען א ביסעל פייכטיגקייט פון תורה אין מענשען איז מען נאך מקיים א ביסעל מצוות צוא וועלכע מען איז צוגעוואהנט פון אמאל אן, אבער וויא דיא פייכטיגקייט ווערדט אויסגעטריקענט הויבט מען שוין אן ביסליכווייס אוועקצווארפען דיא ביסעל מצות פון וועלכע מען האט נאך געהאלטען אונ מען פערשפיעלט דעם גאנצען לעבען אין דעם עולם האמת. אייגענטליך איז עס א מפורשער פסוק אין בחקותי: ואם לא תשמעו לי – ווענן איהר וועט מיר ניט פאלגען (צוא לערנען דיא תורה) אונ אז איהר וועט ניט לערנען וועט איהר שוין ממילא ניט מקיים זיין דיא מצוות אונ דערנאך וועט איהר פעראכטען (איהר וועט מאכען אנדערע זאללען פעראכטען) מיינע געזעטצען, אונ דערנאך וועט אייער זעלע פערמיאוס'ן מיינע דינים, ניט צוא טהון אללע מיינע געבאטען אונ צוא צערשטארען (מבטל זיין) מיין בונד איהר וועט אבליקענען אין גאנצען, אז איך האב איך גאר ניט געהייסען צוא מקיים זיין דיא תורה). אין דער צווייטער פרשה פון ק"ש זאגען מיר: והיה אם שמוע תשמעו וכו' – אונ אז איהר וועט צוהערען (פאלגען) מיינע געבאטען, וואס איך פערזאג אייך היינט: צוא ליעבען גאטט, אייער גאטט, אונ צוא דיענען איהם מיט אייער גאנצען הארצען אונ אייער גאנצע זעלע, דאנן אונ זא ווייטער (וכו') היטעט זיך אבער אייער הארץ זאלל זיך לאזען איינרעדען אונ איהר וועט זיך אבקעהרען פון גאטט אונ וועט דיענען אנדערע געטטער א. ז. וו. אייגענטליך זייגען דיא פסוקים דאך אונפערשטאנדליך, איין ארדענטליכע קינד וועט אפאטער מעורר זיין, ער זאלל זיך נאך שענער אויפפיהרען, אבער אנזאגען איהם, ער זאלל זיך ניט שמדן, למשל, וועט ער ניט, ווייל מיט דעם וועט ער דאס קינד שטארק בעליידיגען. היינט וויא קוממט עס, וואס גאט זאגט דא אן אידען, זייא זאללען ניט דיענען קיין אנדערע געטטער וועהרענד פון אנפאנג פרשה ווייזט אויס, אז ער רעדט דאס צוא פרוממע אידען („צוא ליעבען אונזער גאטט אונ צוא דיענען איהם מיט'ן גאנצען הארצען")? נור דיא מעשה איז אזוי: אויף דיא ווארטער צוא דיענען איהם מיט'ן גאנצען הארצען (לעבדו בכל לבבכם) זאגט דיא גמרא,

או

השמרו לכם פן יפתה לבבכם היינו שהיצר יפתה לבבכם לומר למה לי תו ללמוד תורה מאחר שיש לי אהבת ה׳ וב״ת אני מתפלל בכל יום ודי בכך ומה בכך אפילו אם אסור עתה לגמרי מן התורה או שאסיר את בני מן התורה הלא הוא מתפלל בכל יום ולזה בא הכתוב והוריע לנו שסוף דבר יהיה ע״י הסרה מהתורה ועבדתם אלהים אחרים וכמו שכתבנו בתחלה שדבר זה דומה לדג שנלקח מן המים שנעקר עצם חיותו בזמן קצר כן הוא איש הישראלי הסר מהתורה לגמרי וממה את עצמו מדרך המוסר לדרך אחר לא רחוק הוא מעבודת אלהים אחרים [וב״ה שכן נמצא בספרי על זה הפסוק פן יפתה לבבכם וס״הם ועבדתם כיון שהאדם פורש מן התורה מיד גדבק בע״ז] ולזה אמר הכתוב אח״כ ושמתם את דברי אלה על לבבכם היינו שיכנסו דברי בעומק לבכם מה שאמרתי לכם שבסור האדם מן התורה יבוא ח״ו לבסוף לע״ז וע״כ ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם ולא תספיקו עצמכם בקיום מצות תפלה לבד וע״ז מסיים הכתוב לבסוף למען ירבו ימיכם וימי בניכם על הארמה וגו׳ כמאמרם ז״ל בחלק אין הגליות מתכנסין אלא בזכות התורה שנאמר וגו׳. ואנו רואין בחוש בעו״ה שהאנשים שסרו לגמרי מן התורה [היינו שאינם לומדים בעצמם כלל ומרחיקים עצמם לשמוע ד״ת בימי חייהם] בהמשך הזמן נעשה אצלם הפקר כמה איסורי תורה וגם איסור שבת החמורה ע״כ אבוא לבאר בפרקים הבאים לפני הכל את גודל חיוב לימוד התורה וקצת מגודל קרושתה ועי״ז יזכה להתגבר על יצרו הרע וישמור מצות ה׳ כראוי ויזכה לכל טוב בעוה״ז ובעוה״ב :

# פרק יא

## בו יבואר גודל החיוב ללמוד תורה וגודל שכרה.

מצות עשה מן התורה ללמוד תורה שנאמר ושננתם לבניך וכתיב ולמדתם אותם וכתיב והיה עקב תשמעון וכיוצא בו פסוקים הרבה ולכן כל איש ישראל בין עני בין עשיר בין שלם בגופו בין בעל יסורין בין בחור בין זקן גדול אפילו עני המחזיר על הפתחים
אפילו

---

אז דאס מיינט מען תפלה (דאווענען) וואס דאס איז פערבונדען מיט׳ן הארצען. אט דאס זאגט דער פסוק: השמרו לכם אייער הארץ זאלל זיך ניט לאזען איינרעדען (פון דעם יצר הרע): וויבאלד אז איך בין פרומם אונ ליעב גאטט אונ דאווען אללע טאג – וואצו זאלל איך לערנען דיא תורה? וואצו זאלל איך מיין קינד לאזען לערנען תורה וואהרענד ער איז פרומם אונ דאווענט אללע טאג? דאס איז אבער א גרויסער טעות, אז מען וועט ניט לערנען תורה – זאגט אונז דער פסוק – וועט דאס אונז ברייגנען צוא דיענען פרעמדע גאטטער (ועבדתם אלהים אחרים) וויא מיר האבען ערשט ערקלאהרט, אזוי וויא דיא פיש אז זיא בלייבט אהן וואססער גערהט זיא ביסליכווייז אוים, אזוי איז אז מיר לערנען ניט קיין תורה, גערהען מיר ביסליכווייז אראב פון דער ריכטיגער וועג אונ מיר זיינען ניט ווייט פון גאטצענדיענסט. אט דאס פיהרט אוים דער פסוק: ושמתם את דברי אלה על לבבכם – אונ איהר זאלט דיא ווארטער מיינע (וואס איך זאג אייך, אז ווענן מען לערענט ניט, קומט מען דאדורך ביסליכווייז צוא גאטצענדיענסט) דיא ווארטער זאללט איהר זיך גוט איינגעדענקען אין זינען, ולמדתם אותם וכו׳ אונ איהר זאללט זייא (דיא מצוות התורה) לערנען מיט אייערע קינדער א. ז. וו. (אונ איהר זאללט ניט מיינען, אז עס איז גענוג דער מקיים זיין דיא מצוות אלליין אהן תורה לערנען) למען ירבו ימיכם וכו׳ איהר זאללט אזוי טהון – כדי עס זאללען זיך מעהרען אייערע טעג אונ אזוי ווייטער, וויא דיא גמרא זאגט: אין הגליות מתכנסין וכו׳, אידען וועללען זיך אויפקלייבען פון גלות נור בזכות התורה. אונ מיר זעהען דאס בחוש: דיא מענשען וואס ווארפען אין גאנצען אוועק דעם לערנען אונ קוממען אפילו קיינמאל ניט הערען א שטיקיל תורה, ווערען ביא זייא מיט דער צייט הפקר אללע מצוות אפילו דיא גרויסע מצוה פון היטען שבת. אין דיא קוממענדיגע פרקים וועללען מיר א ביסעל ארומרעדען וויא גרויס עס איז דער חיוב צוא לערנען תורה אונ וויא היילינ זיא איז, אונ דערפאר וועט מען האבען דיא וועלט אונ יענע וועלט:

## פרק יא

עס איז א מצוה מן התורה צוא לערנען תורה, וויא עס שטעהט: ושננתם לבניך, דוא זאלסט דיא מצוות איינטוהר׳ן דיינע קינדער, אויך פיעל אנדערע פסוקים

אפילו בעל אשה ובנים שאין לו פנאי ללמוד תורה בתמידות מחויב לקבוע לו זמן לה"ת ביום ובלילה שנאמר והגית בו יומם ולילה (יו"ד סי' רמ"ו): ושכר ת"ת גדול מכל המצות כמו שאחז"ל אלו דברים שאדם אוכל וכו' ות"ת כנגד כולם ואיתא בירושלמי דפאה שכל המצות אינן שוות לדבר אחד מן התורה. והיא חמדה גנוזה שהקב"ה משתעשע בה תמיד כמה דכתיב ואהיה שעשועים יום יום. ואין קץ לקדושת התורה כמ"ש חז"ל שיש ששים רבוא פרושים לכל פסוק ופסוק שבתורה ואיתא במדרש אותיות דר"ע דאור שמותיו הקדושים של הקב"ה למעלה הוא עשרים ואחד אלפים רבבות פרסאות כמנין שם אהיה ואחז"ל (והוא בילקוט תהלים) אמר ר' אלעזר לא נתנו פרשיות התורה על הסדר שאלמלי נתנו על הסדר כל מי שהיה קורא בהן היה יכול להחיות מתים ולעשות מופתים לכך נתעלם מהן סדרן של התורה והוא גלוי לפני הקב"ה שנאמר ומי כמוני יקרא. ובאמת מי יוכל למלל את גודל קדושת תורתנו הקדושה אשר היא שורש הבריאה וראשית כל המציאות כמו שאמר הכתוב ה' קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז *) ואיתא בספרי פ' עקב יפוצו מעינותיך חוצה נמשלו דברי תורה למים מה מים חיים לעולם אף ד"ת
חיים

*) וראה אחי עוד דבר פלא בענין גדולת התורה כמה גדול ענינה וכמה עצום שכר מקיימה. דהנה ידוע דלכל ענין שהאדם עושה יש פעולה ותכלית והתכלית ע"כ הוא גדול מהפעולה. למשל הוא מחזיק חנות להשתכר בה ומוציא הוצאות ע"ז רו"כ בכל שבוע הוא הפעולה וע"כ השכר שהוא מקוה שישתכר מזה הוא גדול מזה והוא התכלית וכן אם הוא מחזיק (קנטאָר) גדול שהוצאותיו עולה עשרה רו"כ בכל יום ע"כ השכר שהוא מקוה שירויח ע"ז שהוא התכלית גדול מזה, וכן אם אנו רואים היכל בנוי בשביל כבוד המלך וכתוב עליו שהוציא המלך עליו הוצאות מאה מיליאן והלא זהו רק הפעולה ע"כ
ההכלית

פסוקים, יעדער איד ארעם אונ רייך, גרויס אונ קליין, געזונדע אונ קראנקע, בעווייבטע אונ אונפערהייראטעטע, צוא מען האט צייט צוא ניט, יעדער איז מחויב צוא בעשטימען ביי טאג אונ ביי נאכט א צייט צוא לערנען תורה וויא עס שטעהט געשריבען: והגית בו יומם ולילה – דוא זאללסט אין איהם – (דעם ספר התורה) טראכטען (לערנען) טאג אונ נאכט (יורה דעה סימן רמ"ו). דער שכר פון לערנען תורה (תלמוד תורה) איז גראסער פאר אללע מצוות, וויא מיר זאגען אין דאוונען: ותלמוד תורה כנגד כלם לערנען תורה בעשטעהט אנטגעגען דיא אללע מצוות (וואס ווערען דארט אויסגערעכענט). אללע מצוות – זאגט דער ירושלמי – קומען ניט צוא איין ווארט פון דער תורה. זיא איז א טהייערער ארטיקל, מיט וועלכען גאטט ב"ה אליין בעשעפטיגט זיך שטאנדיג וויא עס שטעהט וכו'. וויא ווייט דיא קדושה פון דער תורה הקדושה איז, זעהט מען פון דעם, וואס דיא גמרא זאגט, אז עס זיינען דא נאך הונדערט טויזענד פרושים אויף יעדען פסוק פון דער תורה. אין מדרש אותיות דרבי עקיבא שטעהט: דיא ליכטיגקייט, וואס געהט ארויס פון גאטטעס נאמען (וואס שטעהען אין דער תורה) לייכט אויף מילליאנען מיילען. דעריבער זיינען דיא פרשיות התורה געגעבען געווארען ניט כסדר דענן ווען עס וואלט געגעבען געווארען מיט א סדר וואלט יעדער מענש וואס וואלט לערנען דיא תורה געקענט מאכען מיט זיא דיא גראסטע מופתים, נאגאר מחיה מתים זיין (מאכען דיא טויטע לעבענדיג). דיא תורה איז דער מקור (דיא קוועללע) פון דער גאנצער שאפפונג (בריאה) אונ דער אנפאנג פון אללעס וואס געפינט זיך אויף דער וועלט, וויא עס שטעהט ה' קנני וכו', גאטט ב"ה האט מיך (דיא תורה) געקויפט (ערווארבען) אין אנפאנג פון זיין אללע בעשאפעניש *). דער ספרי זאגט (אויף א געוויססען פסוק), אז דיא תורה איז געגליכען געווארען צוא
וואססער

*) וויא גרויס עס איז דער ענין התורה אונ דער שכר פאר'ן מקיים זיין איהר, זעהט מען אויך פון דעם. מיר נעהמען אין לעבען, אז וואס העכער עס איז דער צוועק פון דער זאך קאסטען דיא מיטטלען צום ערר ייכען דעם צוועק אלץ מעהר געלד אדער מיה. א געשעפט וואס טראגט אין גאנצען פונפציג רובל א מאנאט, למשל, האט קליינע אויסגאבען נאך זיין ערך נאך, א באנקירעסער קאנטאר, וואס זיינע איינ- קינפטע ערבייכען טויזענדער א מאנאט, זיינען דיא ראסכאדען אויך אונגעהייער גראסער. אז מיר זעהען א קאניגליכען פאללאסט וואס האט דעם קאניג געקאסט מילליאנען, פערשטעהען מיר, אז דיא איינוועגדיגסטע שאצע (אוצרות) בעטרעפפען צעהנדליגע אדער הונדערטער מילליאנען. דא איז אויך דער צוועק פון דעם
פאללאסט

חיים לעולם שנאמר כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא ומה מים מעלים את הטמא מטומאתו כך ד"ת מעלים את האדם מטומאה לטהרה שנאמר יראת ה' טהורה (וממילא כשם שהמים מטהר את האדם אף שהטומאה מתפשטת בכל אבריו כן התורה מטהרת את האדם מטומאת עונותיו אפילו אם נתפשט עליו מכף רגלו ועד ראשו) ומה מים משיבים נפשו של אדם כך ד"ת משיבים נפשו של אדם מדרך רעה לדרך טובה שנאמר תורת ה' תמימה משיבת נפש ומה מים חנם לעולם אף ד"ת חנם לעולם שנאמר הוי כל צמא לכו למים אי מה מים אין להם דמים אף ד"ת אין להם דמים ת"ל יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה.

ולא

התכלית גדול מזה והוא ששם עומד הכסא של המלך וכתרו א"כ מזה אנו יודעין שכל שהוא במעלה גבוה מחבירו ע"כ פעולתו היא ג"כ גדולה מחבירו וכל שפעולתו גדולה ע"כ התכלית הוא עוד יותר גדול א"כ בק"ו אלף אלפים כשאנו רואין שהקב"ה בעצמו עשה איזה פעולה כמה גדלה פעולתו ופעולתו היא בריאת שמים וארץ וכל אשר בם וא"כ כשאנו שומעין מרוממות כבודו יתברך שגם הוא אמר שעשה הבריאה בשביל איזה תכלית ואם לא התכלית לא היה רוצה כלל בעשיית הפעולה יבין האדם מעצמו כמה נורא הוא התכלית ההוא עד אין חקר ועד אין תכלית וכבר הכתוב צווח ואמר שתכלית הבריאה היא התורה ובשבילה נבראו השמים וארץ וחקותיהן ומקרא מלא הוא בירמיה כה אמר ה' אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ומקרא זה הוא תשובה לאותן המתפתין ביצרן לדחות מעל עצמן ובניהן למוד התוה"ק בחשבן בנפשן מה תכלית יגיע להן מלמוד התורה. אוי להן שמתסכין בזה דברי אלהים חיים כי הכתוב צווח ואמר כי השמים והארץ וכל עניניהם אינם רק הפעולה, והתכלית מכל זה הוא רק התורה שהוא הטוב האמיתי והקיום הנצחי שבו האדם זוכה להתעדן ולישב למעלה לנצח אצל מלך הכבוד והם רוצים בהיפך שהתורה תהיה סבת פעולה לאיזה תכלית ההבל וזהו שהכתוב צווח ואמר מה מצאו אבותיכם בי עול ר"ל שהיו זוכין לחיות לפני קיימין נצחיים כי רחקו מעלי מעלי רייקא;

וואסער, פונקט וויא וואסער איז דאך עביג לעבעדיג (פריש) אזוי איז דיא תורה עביג לעבעדיג, וויא עס שטעהט כי חיים הם וכו' דענן זייא (דיא דברי התורה) זייען לעבען. אונ אזוי וויא וואסער מאכט דעם אונרייגעם מענשען ריין אזוי מאכט דיא תורה אויך דעם אונרייגעם (זינדיגען) ריין וויא עס שטעהט וכו'. אונ אזוי וויא וואסער ערקוויקען דעם מענשען אזוי ערקוויקען דיא דברי תורה אויך אונ פיהרען דעם מענשען ארויף אויף דעם רעכטען וועג, וויא עס שטעהט וכו', אונ אזוי וויא וואסער קריגט מען שטענדיג אומזיסט אזוי דיא תורה קריגט מען אויך אומזיסט. מען קאנן אפשר מיינען, אז דיא תורה איז אין גאך נאכען גענליכען צוא וואסער: אזוי וויא וואסער האט קיין ווערטה ניט אזוי האט דיא תורה אויך קיין ווערטה ניט, אויף דעם שטעהט אין פסוק: יקרה היא מפנינים וכו' זיא (דיא תורה) איז טהייערער

פון

פאללאכט: צוא האלטען אין איהם דיא קאניגליבע שאטצע, דיא קאניגליבע קרוין. הייגט וויא איז שוין אז מיר ווייסען אז מיט דעם וואס גאטט האט בעשאפפען אזא גרויסע וועלט, האט ער געהאט א געוויסען צוועק — א גרויסען, וויא וויכטיג דארף שוין זיין דער צוועק, וואס צוליעב איהם איז געווארען דיא גאנצע בריאה; ווילט איהר וויסען וואס דער צוועק איז? אויף דעם גיבט אייך ירמיהו הנביא איין אנטוואורט: כה אמר ה' אם לא בריתי יומם ולילה וכו' אזוי האט גאטט געזאגט: ווען ניט מיין בונד (דיא תורה) טאג אונ נאכט וואלט איך דיא געזעטצע פון דעם הימעל אונ דיא ערד ניט בעשאפפען. פון דעם זעהט מען וויא נאריש עס איז פון דיא וואס זוכען צוועקען פון לערנען תורה פאר זיך אדער פאר א קינד אונ קוים זעהען זייא קיין צוועק ניט פון דעם, ווארפען זייא אוועק דעם לערנען אין גאנצען אונ רייסען אפ דעם קינד פון לערנען. מיר האבען דאך ערשט ערקלעהרט אז דיא תורה איז דער צוועק פון דיא גאנצע בריאה. אונ זיא אלליין איז דער אמת'ר טוב (גוטטעס) פון דער גאנצער וועלט (אין טוב אלא תורה) דורך איהר איז דער מענש זוכה צום אשר נצחי (עוויגען גליק) צוא זיטצען אין גן עדן אונ קוויקען זיך מיט דיא היילינע ליכטיגקייט וואס פארשיינט פון מלך הכבוד (צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה), אונ זייא ווילען נאר פארקעהרט, מאכען דיא תורה נור פאר א מיטטעל צוא ערדייכען א נארישען צוועק אויף דעם עולם השקר. דאס זאגט דער פסוק: מה מצאו אבותיכם וכו' וואס פאר איין אונרעכט האבען אייערע עלטערען אין מיר געפונען? וואס זייא האבען זיך (דורך זייער ניט לערנען דיא תורה) פון מיר דערווייטערט, דאס מיינט מען פון מיר אליין דען אהן דער תורה קאנען זייא דאך ניט זיין גאהנט צוא מיר, ווייזט אויס אז זייא פארלאנגען דאס ניט;

ולא נברא האדם אלא לתורה שכן דרשו חז"ל בפ' חלק אדם לעמל נברא שנאמר אדם לעמל יולד ואיני יודע אם לעמל פה אם לעמל מלאכה כשהוא אומר בי אכף עליו פיהו הוי אומר לעמל פה ועדיין איני יודע אם לעמל תורה אם לעמל שיחה כשהוא אומר לא ימוש ספר התורה הזה מפיך הוי אומר לעמל תורה נברא. ואין העולם מתקיים אלא בשביל התורה שנאמר **אם** לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. וז"ל הזוה"ק פרשת בראשית כל מאן דאשתדל באורייתא בכל יומא יזכה למהוי ליה חולקא בעלמא דאתי ויתחשב ליה כאלו בני עלמין דהא באורייתא אתבני עלמא ואשתכלל הדא הוא דכתיב ה' בחכמה יסד ארץ וגו' וכל דאשתדל בה שכלל עלמין וקיים ליה ותא חזי ברוחא עביד קוב"ה עלמא וברוחא מתקיימא דא רוחא דאינון דלעאן באורייתא וכו' עכ"ל. וז"ל בפרשת צו פתח ר"א ואמר ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתיך וגו' תנינן כל בר נש דאשתדל במילי דאורייתא ושפתיה מרחשן באורייתא קוב"ה חפי עליה ושכינתא פרשא עליה גדפהא כו' ולא עוד אלא דהוא מקיים **עלמא** וקוב"ה חדי עמיה כאלו ההוא יומא נטע שמיא וארעא וכו'. גדולה תורה יותר מכל הקרבנות שכן דרשו ז"ל אם יתכפר עון בית עלי בזבח ובמנחה בזבח ובמנחה הוא דאינו מתכפר אבל מתכפר הוא בד"ת וכן הכתוב אומר זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת וגו' ואמרו במנחות ק"י כל העוסק בתורה כאלו הקריב עולה כאלו הקריב מנחה כאלו הקריב חטאת כאלו הקריב אשם כאלו הקריב שלמים. וזוכה בה לעוה"ב כמו שאז"ל בב"מ (דף פ"ה) מאי דכתיב קטן וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו כל המקטין עצמו על ד"ת בעוה"ז נעשה גדול לעוה"ב וכל המשים עצמו כעבד על ד"ת בעוה"ז נעשה חפשי לעוה"ב. ובפרק חלק כל המשהיר פניו **בעוה"ז** בד"ה הקב"ה מבהיק זיוו לעוה"ב שנאמר מראהו כלבנון בחור כארזים. וכעין זה איתא ג"כ במדרש רבה ר"י פתר קריא בת"ח כתוב אחד אומר שחורות כעורב וכתוב אחד אומר מראהו כלבנון כברקים ירוצצו אלא אלו בני תורה שהם נראין כעורין ושחורין בעוה"ז אבל
לעתיד

---

פון פערל און אללע שאטצע קוממען ניט צוא איהר אין זייער ווערדע. דער מענש איז אייגענטליך בעשאפפען געווארען נור צוליעב דער תורה וויא דיא גמרא זאגט אין פרק חלק. ווענן ניט דיא תורה וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט געהאט, וויא עס שטעהט וכו'. כל מאן דאשתדל באורייתא — שטעהט אין זוהר הקדוש—יעדער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער תורה יעדען טאג וועט ער זוכה זיין צוא האבען א חלק לעולם הבא און עס ווערדט איהם גערעכענט וויא ער וואלט געגרינדעט דיא וועלטען דענן מיט דער תורה איז דאך דיא וועלט בעשאפפען געווארען, וויא עס שטעהט: ה' בחכמה יסד ארץ — גאטט ב"ה האט מיט דער חכמה (דער תורה) געגרינדעט דיא וועלט וגו' (און זא ווייטער) און דער וואס בעשעפטיגט זיך מיט איהר, מאכט ער מיט דעם דיא וועלטען פאללקאממען זייא זאללען קאננען האבען א קיום וגו'. אויפ'ן פסוק: ואשים דברי בפיך וכו' זאגט דער זוהר מיט דעם לשון: כל בר נש, יעדער מענש, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם למוד התורה און זיינע ליפפען שאקלען זיך פון דברי תורה בעשיטצט איהם גאטט און דיא שכינה שפרייט אויף איהם אויס איהרע פליגלען וכו'. נאך מעהר: ער האלט אויף דיא וועלט און גאטט פרייעט זיך מיט איהם, גלייך וויא ער וואלט אין יענעם טאג האבען בעשאפפען דיא הימעל און דיא ערד. תורה איז נאך וויכטיגער פון קרבנות וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק: אם יתכפר עון בית עלי וכו', מיט קרבנות וועט ניט פארגעבען ווערען זייער זינד אבער מיט תורה יא. אויף דעם פסוק: וזאת התורה לעולה למנחה ולחטאת זאגט דיא גמרא, אז דער וואס לערנט תורה איז גלייך וויא ער וואלט מקריב געוועזען איין עולה א מנחה וכו'. דורך דער תורה איז מען זוכה צוא האבען עולם הבא, וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק: קטן וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו, אז דער וואס מאכט זיך אויף דער וועלט קליין צוליעב דער תורה (ער קוקט ניט אויף קיין זאך און ביי איהם איז אלץ רעכט צוליעב איהר) ווערדט גרויס אויף יענער וועלט, און דער וואס מאכט זיך אויף דער וועלט וויא א קנעכט צוליעב דער תורה ווערדט פרייא אויף יענער וועלט. דער וואס פערשווארצט זיין פנים אויף דער וועלט צוליעב דער תורה — שטעהט אין איין אנדער ארט, — וועט זיין גע־זיכט שיינען אויף יענער וועלט. דיא תלמידי חכמים — שטעהט אין א מדרש — זיינען אויף דער וועלט פער־חשכ'ט און מיאוס, דערפאר וועללען זייא שיינען אויף
יענער

לעתיד מראיהן כלפידים. אמר ר' תנחום בר חנילאי כל המרעיב עצמו על ד"ת בעוה"ז הקב"ה משביעו לעוה"ב שנאמר ירויון מדשן ביתך וגו' ואיתא במדרש תהלים למנצח לבני קרח מזמור שמעו זאת כל העמים זה שאמר הכתוב ומתוק האור וטוב לעינים מה מתוק הוא אורו של עוה"ב אשרי אדם שיש לו מעשים טובים כדי שיראה אותו האור שנאמר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. ר' אבא אמר מה מתוקים הם דברים הנמשלים לאור שנאמר כי נר מצוה וגו' אשרי אדם שרואה את התורה מלובנת כשלג (ר"ל שיודע ומשיג דברית על בוריין) שאין סוף למתן שכרה כשיבוא הקב"ה לפרוע לישראל מתן שכרן של עמלי תורה וישפיע להן בזכותה מן האור הצפון אותה שעה הן אומרים לאו"ה לכל זה זכינו על שעסקנו בתורה ואתם הייתם אומרים לנו לריק אתם יגעים ראו מתן שכרה שנאמר שמעו זאת כל העמים ואין זאת אלא תורה שנאמר זאת התורה עיי"ש עוד. ובזוה"ק פרשת וישב ר"י פתח ואמר תורת ה' תמימה משיבת נפש כמה אית לון לבני נשא לאשתדלא באורייתא דכל מאן דאשתדל באורייתא ליהוי ליה חיים בעלמא הדין ובעלמא דאתי וזכי בתרין עלמין ואפילו מאן דאשתדל באורייתא ולא אשתדל בה לשמה כדקא יאות זכי לאגר טב בהאי עלמא ולא דייניגן ליה בההוא עלמא כד נשמתא אזלא לאסתלקא למיתב לאתרא איהי אזלא קמא דההיא נשמתא וכמה תרעין אתברו מקמא דאורייתא עד דעאלת לדוכתא וקיימא עליה דבר נש עד דיתער בזמנא דיקומון מתיין דעלמא ואיהי סנגורא עליה. ובפ' וישלח כמה חביבא אורייתא קמי קוב"ה דכל מאן דאשתדל באורייתא רחים הוא לעילא רחים הוא לתתא קב"ה מציית ליה למלוליה לא שביק ליה בהאי עלמא ולא שביק ליה בעלמא דאתי. ובפ' אמור זכאין אינון ישראל דקב"ה אתרעי בהון מכל עממין ומגו רחימותא דלהון יהיב להון אורייתא דקשוט למידע אורחא דמלכא קדישא וכו' מאן דאשתדל באורייתא

באלו

יענער וועלט. דער וואס הונגערט צוליעב דער תורה אויף דער וועלט — זאגט ר' תנחום בר חנילאי — מאכט איהם גאט זאט אויף יענע וועלט, וויא עס שטעהט וכו'. אויפ'ן פסוק: ומתוק האור (אונ דיא ליכטיגקייט איז זיסס) זאגט דער מדרש אז דאס מיינט מען דיא ליכטיגקייט פון דעם עולם הבא. אז וואהל איז דעם מענשען — פיהרט דער מדרש אויס — וואס האט מעשים טובים, אזעלכער וועט זעהן דיא ליכטיגקייט, וויא עס שטעהט: ואוהביו כצאת השמש בגבורתו — אונ זיינע (גאטטעס) פריינד (וועללען שיינען) וויא דיא זונן בעת זיא געהט אויף אין איהר גאנצער קראפט (העררליכקייט). וויא זיסס זיינען דיא זאכען — זאגט ר' אבא — וואס זיינען געגליכען צוא ליכטיגקייט (דיא מצוות אונ דיא תורה), וויא עס שטעהט: נר מצוה ותורה אור, דיא מצוה איז א ליכט אונ דיא תורה — ליכטיגקייט (פייער) וכו' אונ דער שכר פאר'ן לערנען איז זייער גרויס וכו'. דאנן בעת דיא אידען וועללען בעקוממען שכר פאר דער תורה — אז גאטט וועט בעשיינען אויף אידען מיט דיא גרויסע ליכטיגקייט, וועללען זייא זאגען צוא דיא אומות: מיר האבען דאס אללעס פערדיענט דערפאר וואס מיר האבען געלערנט תורה, אונ איהר פלעגט דאך זאגען אז אונזער מיה איז אומזיסט — יעטצט נעהט דעם שכר וואס מיר האבען פאר איהר וכו'. דער וואס איז זיך עוסק בתורה — שטעהט אין זוהר — וועט לעבען אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט, אפילו דער וואס לערנט דיא תורה ניט לשמה (גאר אהן פניות) וועט אויך האבען א גוטען שכר אויף דער וועלט אונ מען וועט איהם ניט פערמשפט'ן אויף יענער וועלט, אונ אז זיין נשמה וועט זיך אומקעהרען צוא איהר ארט (אז ער וועט שטארבען) וועט דיא תורה געהן פאר איהר אונ פיעל טהויערען (אויפ'ן היממעל) וועט זיך אפפענען פאר דער תורה ביז זיא וועט קוממען אויף איהר ארט, אונ זיא (דיא תורה) וועט דעם מענשען בייעשטעהן ביז ער וועט אויפשטעהן תחית המתים אונ זיא וועט איהם אויך זיין א מליץ טוב פאר גאטט. וויא ליעב איז דיא תורה בייא גאטט! — שטעהט אין איין אנדער ארט אין זוהר — יעדער וואס איז זיך עוסק מיט איהר איז ער געליעבט אויבען אונ געליעבט אונטען (אויפ'ן הימעל אונ אויף דער ערד), גאטט פאלגט איהם אונ ערפיללט זיינע ווינשע, אונ ער פערלאזט איהם ניט אויף דער אונ אויף יענער וועלט. אז וואוהל איז דיא אידען — שטעהט אין נאך איין ארט אין זוהר — וואס גאטט האט זייא אויסגעקליבען פון אללע פעלקער אונ פון גרויס ליעבע האט ער זייא געגעבען דיא תורת אמת, צוא וויסען (פון איהר) דיא פיהרונג פון דעם מלכא קדישא (דעם הייליגען מלך) וכו'. דער וואס פארנעהמט זיך מיט דער תורה

אין

כאלו אשתדל בשמי׳. דאורייתא כולא שמיה דקוב״ה ומאן דעסיק באורייתא כאלו עסיק בשמיה ומאן דרחיק מאורייתא רחיק הוא מקוב״ה. ובפרשת פנחס כל מאן דאשתדל באורייתא זכי דאתפתחין ליה כמה תרעין בהאי עלמא וכמה נהורין בשעתא דנפיק מהאי עלמא איהי אקדימת קמוהי ואזלת לכל נטורי תרעין ומכרזת ואומרת פתחו שערים ויבוא גוי צדיק אתקינו כורסא לפלניא עבדא דמלכא קדישא דלית חדוה דקוב״ה אלא במאן דאשתדל באורייתא ומכ״ש מאן דיתער בליליא לאשתדל באורייתא דהא כל צדיקיא דגינתא דעדן ציתין לקליה וקוב״ה אשתבח ביה:

## פרק יב

### בו יבואר גודל החיוב לקבוע עתים לתורה.

ומי שאין לו פנאי ללמוד תורה בתמידות מחויב עכ״פ לקבוע לו עתים לתורה שכן אחז״ל בשעה שמכניסין אדם לדין שואלין לו נשאת ונתת באמונה קבעת עתים לתורה ואפילו אם היה עני ביותר וטרוד במזונותיו ג״כ מחויב לקבוע עתים לתורה כדאמרינן (ביומא ל״ה) ת״ר עני ועשיר ורשע באין לדין לעני אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה אומר עני הייתי אומרים לו כלום היית עני יותר מהלל הזקן אמרו עליו על הלל הזקן שבכל יום ויום היה עושה ומשתכר בטרפעיק (חצי דינר) חציו נתן לשומר בית המדרש (שהיה בה״מ שלהם בשדה והיה צריך שמירה) וחציו לפרנסתו ופרנסת אנשי ביתו פעם א׳ לא מצא להשתכר ולא הניחו שומר ביהמ״ד ליכנס עלה ונתלה וישב עפ״י ארובה כדי לשמוע דברי אלהים חיים מפי שמעיה ואבטליון אמרו אותו היום ערב שבת היה ותקופת טבת היה וירד עליו שלג מן השמים וכסהו כיון שעלה עמוד השחר א״ל שמעיה לאבטליון אבטליון אחי בכל יום הבית מאיר והיום אפל שמא

יום

---

איז גלייך וויא ער וואלט זיך פערנומען מיט גאטטעס היילינען נאמען, דענן דיא גאנצע תורה בעשטעהט פון גאטטעס נאמען אונ דער וואס איז ווייט פון דער תורה, איז ווייט פון גאטטעס נאמען. דער וואס איז זיך עוסק בתורה — שטעהט אין זוהר אין נאך איין ארט — עפפענען זיך פאר איהם אויף יענער וועלט פיעל טהויערען אונ פיעל סארטען ליכטיגקייט — דענן בעת ער שטארבט געהט זיא פאראוים פאר דער נשמה — אונ געהט צוא אללע היטטער פון דיא טהויערען אונ רופט אוים: עפפענט אויף דיא טהויערען עס זאלל אריינקוממען דער צדיק (פתחו שערים ויבא גוי צדיק), גרייט אן א שטוהל פאר דעם מענשען דער דיענער פון היילינען קאניג (הקב״ה), דענן גאטט ב״ה האט קיין גראססערען פרייד ניט וויא מיט דעם וואס לערנט תורה פון גאטט, בפרט נאך דער וואס איז אויף דיא גאנצע נאכט אונ לערנט תורה, אללע צדיקים וואס זיטצען אין גן עדן פאלגען איהם אונ גאטט ב״ה ריהמט זיך מיט איהם:

### פרק יב.

דער וואס האט קיין ציים ניט צוא לערנען שטענדיג, מוז זיך װעניגסטענס בעשטימען געוויססע צייט צום לערנען תורה, וויא דיא גמרא זאגט: בעת מען בריינגט דעם מענשען אבגעבען דין אונ חשבון פאר גאטט, פרעגט מען איהם: האסט דוא געהאנדעלט רעעל (באמונה)? האסט דוא דיר בע-שטיממט צייטען צום לערנען? אין איין אנדער ארט זאגט דיא גמרא אזוי: דער ארעם-מאנן, דער רייכער אונ דער רשע קוממען (אויף יענער וועלט) פאר גע-ריכט. דעם ארעם-מאנן פרעגט מען: פאר וואס האסט דוא ניט געלערנט תורה? אנטוועט ער: איך בין געוועזען איין ארעם-מאנן, זאגט מען איהם: בינסט דוא דענן געוועזען ארעמער פון הלל הזקן? אונ אויף הלל הזקן ערצאהלט מען, אז ער פלעגט יעדען טאג פערדיענען א האלבען דינר (אזא מטבע), א האלפט פלעגט ער אוועקגעבען דעם שמש אין בית המדרש דיא צווייטע האלפט איז איהם געבליבען אויף זיין לעבענס-מיט-טעל. איין טאג האט ער גארנישט פערדיענט האט איהם דער שמש נים אריינגעלאזען אהן געלד. וואס האט הלל הזקן געטהון: ער איז ארויף אויבען אויפ׳ן דאך אונ האט זיך געזעטצט ביי׳ן פענסטער (א כיאל פלעגען דיא פענסטער זיין אויבען אויפ׳ן דאך) כדי צוא הערען דיא גאטטליבע רייד (דברי אלהים חיים) פון שמעיה ואבטליון. מען ערצאהלט אז דאנן איז געוועזען גראדע ערב שבת, אין חודש טבת, אונ עס איז אויף איהם (אויף הללין) אנגעפאללען שנעע אונ האט איהם בעדעקט, אז עס איז טאג געווארען האט שמעיה געזאגט צוא אבטליון: אבטליון מיין ברודער,

היינט

יום מעונן הוא הקיצו עיניהם וראו דמות אדם בארובה עלו ומצאו עליו רום ג' אמות שלג פרקוהו והרחיצוהו וסכוהו והושיבוהו כנגד המדורה אמרו ראוי זה לחלל עליו השבת. לעשיר אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה וכו'. לרשע אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה אם אמר נאה היה וטרוד ביצרו היה אומרים לו כלום היית טרוד ביצר יותר מיוסף הצדיק אמרו עליו על יוסף הצדיק בכל יום היתה אשת פוטיפר משדלתו בדברים בגדים שלבשה לו שחרית לא לבשה לו ערבית ערבית לא לבשה לו שחרית אמרה לו השמע לי א"ל לא אמרה לו הריני חובשך בבית האסורין א"ל ה' מתיר אסורים א"ל הריני כופף קומתך אמר לה ה' זוקף כפופים הריני מסמא עיניך ה' פוקח עורים נתנה לו אלף כבר כסף לשכב אצלה ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה לשכב אצלה בעוה"ז להיות עמה לעוה"ב נמצא הלל מחייב את העניים יוסף הצדיק מחייב את הרשעים וכו' עי"ש וכן נפסק (ביו"ד בסימן רמ"ו) דאפילו בעל יסורים וזקן גדול ועני המחזיר על הפתחים חייב לקבוע עתים לת"ת וכנ"ל בתחלת פרק י"א. וענין הקביעות הוא שיקבע לו זמן ידוע להורה שלא לשנות אותו הזמן אפילו הוא סבר להרויח הרבה כמו שכתב הטור אורח חיים בסי'

---

היינט איז עפעס אין בית המדרש פינקטער — איז עס היינט ניט קיין יום המעונן (וואלקענדיגער טאג)? דאנן האבען זייא דערזעהן אויפ'ן פענסטער עפעס וויא א מענשליכע געשטאלט, זייא זיינען ארויפגעגאנגען אונ האבען אראבגעווארפען פון דעם פענסטער דעם שנעע וועלכער איז אנגעפאללען אויף דרייא איילען דיא הויך, דאנן האבען זייא איהם (הלל'ן) אראבגענומען, ארומגעוואשען אונ אויסגעשמירט (מיט בוימאייל) אונ בייא דעם פייער האט איהם געזעטצט אנטקעגען פלאמם אנצוואַרעמען זיך. דער איז ווערטה — האבען זייא געזאגט — מען זאלל צוליעב איהם מחלל שבת זיין:

דעם רייכען — ערצאהלט ווייטער דיא גמרא — דעם רייכען זאגט מען: פאר וואס האסט דוא ניט געלערנט תורה: אנטווערט ער וויל איך בין רייך געוועזען, שטענדיג פארנומען מיט געשעפטען. זאגט מען איהם: בינסט דוא דען רייכער געוועזען פון ר' אלעזר בן חרסום? ר' אלעזר בן חרסום האט איהם זיין פאטער געלאזען טויזענד שטאדט אויף דער יבשה אונ געגען זייא טויזענד שיפפען אויפ'ן ים, אונ ער האט זייא אין גאנצען לעבען אפילו איין מאל ניט געזעהן, נור געזעסען טאג אונ נאכט אונ געלערנט תורה. א בעווייז אז ניט דיא רייכטהום לאזט ניט לערנען תורה, נור דיא נאכלאסיגקייט, דיא נארישקייט, עס דוכט זיך אז מען לעבט עביג מיט דיא רייכטהום אונ מען פערגעסט אז דיא וועלט וועט איבערלויפען אונ אללע פערמעגעניגען וועט זיך ענדיגען, אונ צוא דיא עווינע וועלט וועט מען בייא גאר נישט בלייבען. דער ארעם-מאנן קאנן דארטען גראדע זיין א גביר, אונ דער גביר א ארעם-מאנן עליונים למטה ותחתונים למעלה:

דעם רשע זאגט מען: פאר וואס האסט דוא ניט געלערנט תורה? אז ער אנטווערט, אז דער יצר הרע האט איהם ניט געלאזען, זאגט מען איהם: איז דיין יצר הרע דען שטארקער געוועזען וויא בייא יוסף הצדיק? אויף יוסף'ן ווערדט ערצאהלט, אז פוטיפר'ס ווייב פלעגט זיך בעמיהען צוא ערזאבערן זיין הארץ מיט וואס פאר א מיטטעלען זיא האט נאר געקאנט, סאיי מיט ווארטער, סאיי מיט פוטצען זיך. זיא פלעגט יעדען פריהמארגען אונ יעדען אבענד אומבייטען איהרע קליידער כדי ארויפציהען זיינע אויגען אויף איהר. אונ אז זיא האט געזעהן, אז דאס אללעס העלפט איהר ניט, האט זיא איהם געסטראשעט, אז זיא וועט איהם אריינזעטצען אין אסטראג, האט ער דארויף געאנטווערט: גאטט איז א מתיר אסורים (בינדט אב דיא געבונדענע, בעפרייט דיא ארעסטירטע) וכו' אונ נאך פיעל שרעק האט זיא איהם אנגעזאגט אונ ער האט נאר ניט געהערט. זיא האט איהם פראבירט געבען טויזענד ככר (אזא וואג) זילבער אונ ער האט איהר אללעס ניט געפאלגט:

פון דער גמרא זעהט מען ארויס אז עס איז ניט דא איין מענש וואס איז פטור פון תורה. אז אפילו דער גראסטער ארעם-מאנן האט אויך קיין תירוץ ניט וואס ער לערנט ניט תורה (וועגען דעם מענשען וואס איז אין גאנצען איבערגעגעבען דעם יצר הרע אונ צוליעב איהם לערנט ער ניט, וועגען אזעלכע האבען מיר ניט וואס צוא רעדען) אונ אזוי שטעהט דער דין אין יורה דעה, אז אפילו דער בעל-יסורים, דער אלטער מאנן, דער וואס געהט אפילו איבער דיא הייזער מוז זיך בעשטימען יעדען טאג א געוויסע צייט אויף לערנען תורה. דיא צייט וואס מען

בסי' קנ"ה אם לא שהוא אנוס. ולא לחנם נמשלה התורה ללחם דכתיב לכי לחמו בלחמי לומר לך כשם שלחם הוא סועד הלב כמ"ש ולחם לבב אנוש יסעד ואם לא יאכל לחם יום או יומים נחלש לבו וכ"ש אם לא יאכל לחם שבוע שלם נחלש לבו מאד וקשה לו להשיג אח"כ הכחות שאבד עי"ז כן ממש לימוד התורה הוא סועד את נפש הקדושה שיש באיש הישראלי ואם לא ילמוד איזה ימים וכ"ש שבוע שלם נחלשת עד מאד ע"כ צריך להזהר האדם מאד שלא לבטל הקביעות יום אחד אם לא שהוא אנוס:

והנה מכל מה שהערכנו עד כה בגודל שכר לימוד התורה וגודל חיובה שהוא בכל אופן נוכל ממילא להבין שאף איש המתנודד מחוייב ללמוד התורה בכל זמן שיש לו פנאי שהוא שובת מעסקיו, וגדולה מזו מצינו אצל יוסף שאפי' בעת שהיה נמכר לעבד ומשועבד תחת ידי אחרים ג"כ היה לומד תורה וכדאיתא בילקוט בשם המדרש על הפסוק ויבא הביתה לעשות מלאכתו שביום שהיה שובת ממלאכתו היה יושב ושונה מה שאביו למדו ולכך אמר הפסוק לעשות מלאכתו שזו היא המלאכה המיוחדת לו לעצמו משא"כ שאר קניני העוה"ז הוא קנין אשר לא לו יהיה לבסוף ונכתב זה בתורה לכמה ענינים אחד להורות לנו שזו היא שהצילתו מן החטא וכמו שאחז"ל דתורה מגני מן היסורין ומצלי מן החטא וגם להורות לדורות הבאים הנהגתו של יוסף והנהגת ה' אתו עבור זה שלכך היה ה' את יוסף וכל אשר עשה הצליח ה' בידו ונהן חנו בעיני הכל שאפי' בעודו בבור נתן ה' חנו בעיני שר בית הסהר כי התורה היא מעלת חן על לומדיה כדכתיב אילת אהבים ויעלת חן ומעשה אבות סימן לבנים שאף אנו אם ננהוג כן יתננו ה' לחן בעיני הכל וכן נסיונו של יוסף בעת ההיא וגאולתו ורוממותו הוא ג"כ סימן לדורות הבאים שיעשו כן וינאלם הקב"ה וכמו שאחז"ל אין הגליות מתכנסין אלא בזכות התורה שנאמר גם כי יתנו

---

בעשטימט איינמאל צוא דעם היליגען צוועק מוז מען זעהן ניט פערגעהמען מיט קיין אנדער זאך, וועגן עס זאלל זיך אפילו מאכען דער בעסטער געשאפט געראדע אין דער צייט, סיידען אז מען איז דערצוא געצוואונגען. דיא תורה איז געגליכען געווארען צוא ברויט, וויא עס שטעהט לכו לחמו בלחמי - (קוממט - זאגט דיא תורה - עסט פון מיין ברויט) אונ אזוי וויא ברויט אז מען עסט ניט עטליכע טאג נאכאנאנדער ווערט דיא הארץ דאך זעהר שוואך, אזוי אז מען לערנט ניט עטליכע טאג - דאס הייסט: אז מען גיבט ניט דער נשמה איהר נאטהיגע שפייז - ווערט דיא נשמה אויך זייער אבגעשוואכט, דאס הייסט: זיא פאללט אראב פון איהר מדרגה אונ וואס מעהר מען לערנט ניט פאללט זיא אללעס ניעדעריגער. דעריבער מוז מען זעהן ניט מבטל זיין אפילו איין טאג סיידען אין א נאטה:

פון דעם וואס מיר האבען ביז אהער געזאגט קאן מען כמילא פערשטעהן אז אפילו דער עמיגראנט מוז לערנען תורה, ווען ער האט נור א ווייל צייט. אונ אזוי געפינען מיר ביי יוסף'ן אויך, אז בעת ער איז אפילו געוועזן א קנעכט ביי פוטיפר'ן פלעגט ער אויך לערנען, וויא דער מדרש זאגט אויפ'ן פסוק, ויבוא הביתה לעשות מלאכתו (אונ ער איז געקוממען אהיים צוא טהון זיין ארבייט) אז מיט דעם מיינט מען, אז בעת ער האט געהאט צייט פלעגט ער טהון זיינע איינענע ארבייט (ניט דיא ארבייט פאר'ן בעל הבית) אונ דיא אייגענע ארבייט קען נור זיין וואס ער פלעגט איבער-חזר'ן דאס וואס זיין פאטער יעקב האט מיט איהם געלערנט, דענן אללע איבעריגע ארבייט זיינען דאך געוועזן פאר'ן בעל הבית. דיא תורה ערצאהלט דאס אונז צוליעב צוויא זאכען: ערשטענס צוא בעווייזען אונז, אז דער לערנען תורה פערהיטט דעם מענשען פון איין עבירה, וויא דיא גמרא זאגט: דיא תורה איז דעם מענשען מציל פון יסורים אונ פון זינדיגען. צווייטענס בעווייזט דאס אונז: אז דורך דיא תורה קריגט מען ביי אללעמען חן אונ עס גליקט אין אללעס, צוא וואס מען געהמט זיך, וויא מיר זעהען ביי יוסף'ן אז אפילו בעת ער איז געוועזן אין געפאנגניס האט ער געקריגען חן אין דיא אויגען פון דעם אויפזעהער איבער דער טורמע, אונ אזוי שטעהט אין פסוק: אילת אהבים ויעלת חן (א ליעבע אונ איין אנמוטהיגע (מיט חן) דאס מיינט מען דיא תורה. דיא געשיכטע מיט יוסף'ן איז אלזא א סימן אויף דיא קוממענדיגע דורות, אז דורך דעם לערנען תורה וועט מען ביי אללעמען האבען חן. זיין לערנען תורה אונ זיין בייששטעהן ביי'ן גרויסען נסיון וואס צוליעב דעם איז ער אויסגעלאזט געווארען פון קנעכטשאפט איז אויך א בעוויז, אז ווען מיר וועללען זיך אזוי

פירדען

יתנו בגוים עתה אקבצם ובאורו הוא כפשוטו כי יתנו בגוים ר"ל בעוד שנפזרים ומתנודדים בתוך הגוים ולכך סיים הפסוק כי עתה להורות לנו שלימוד בעת דחוק כזה הוא מקרב הגאולה עד מאד. ובאמת באשר איש המתנודד יראה ללמוד תורה בעת שהוא פנוי מעמלו יצא מזה תועלת רבה לכמה ענינים. א) שהוא מקיים מצות לימוד התורה שהיא נוהגת בכל זמן ובכל ענין ולפום צערא אגרא ולהיפך הוא נענש בעון ביטול תורה שעונו חמור מאד. ב) שעי"ז ידע איך להתנהג בכל עניניו כי אפילו לאדם דעלמא ידוע שהלימוד מביא לידי מעשה ובלתי הלימוד הוא כעור המגשש באפלה וכ"ש לאיש המתנודד שרגיל לבוא במקום שאין מצוי כלל ממי לישאל וע"כ יהיה עיקר לימודו בדברים הנוגעים למעשה וכאשר נבאר לקמן. ג) שעי"ז ממילא יהיה ניצול מהאיסורים שרגילים לבוא אצל המתנודדים ע"י התחברות אנשים רעים וכידוע שהתורה מגני ומצלי. ד) שעי"ז יתקדש ש"ש לעיני הכל כי ממנו ילמדו שאר חבריו להתנהג ג"כ בדרך ה', ואף שיוכל להיות שבתחלה יקשה לו הדבר הזה מאד מפני העו"ג וגם יהודים חבריו הרעים שילעגו עליו אבל כבר ידוע מה שכתב הרמ"א שאל יתבייש מפני בנ"א המלעיגים עליו בעבודתו ית"ש ובפרט אנשים כאלו אם יבואו לחוש ללעג ח"ו יתבטלו מכל התורה כי בודאי ימצאו במדינות ההם אנשים שילעגו עליו ג"כ ממה שמתפלל וממה שמניח תפלין וממה שאינו אוכל עמהם אכילת איסור וממה שנוטל ידיו לאכילה ומברכת המזון וממה שיושב בסוכה ותוקע בר"ה וכן משאר כל ההורה תרי"ג מצוה שצונו הבורא ית' וכי בשביל זה יפרוק מעל עצמו עול מלכות שמים ויבטל כל התורה ויהיה רשע גמור לפני המקום אלא כלל מסרו לנו חכמינו ז"ל מוטב לו לאדם להקרא שוטה כל ימיו ואל יהיה רשע שעה אחת לפני המקום

---

פיהרען, וועלען מיר אויך אויסגעלאזט ווערען פון גלות, וויא דיא גמרא זאגט: דיא אידען וועללען ארויס פון גלות נור בזכות התורה וויא עס שטעהט וכו':

ווען דער עמיגראנט (דער וואס פאהרט אוועק אין א פרעמדע לאנד) וועט זעהן א ביסעל לערנען בעת ער האט צייט, וועט ער פון דעם האבען גוטצען אין פיעל זאכען: א). ערשטענס איז ער מקיים דיא מצוה פון לערנען תורה, וועלכע ליעגט אויפ'ן אידען אין יעדער צייט און דער שכר איז געוואהנליך נאך דעם צער, דיא מיה וואס מען האט דארוך (וואס גראסער דער צער, אללעם מעהר דער שכר) אונ פערקעהרט אז ער לערנט ניט איז דיא שטראף זעהר א גרויסע: ב). צווייטענס וועט ער דורך דעם וויסען א דין. דער לערנען תורה ברייננט — וויא עס איז ידוע — לכלל מעשה, צוא טהון דיא מצות, צוא פיהרען זיך נאך דיא געזעטצען וואס מען לערנט. אונ ווען דאס איז ביא יעדען אידען איז עס דאך ביא דעם עמיגראנטען, וואס האט ניט שטענדיג ביא וועמען צוא פרעגען א דין, ביא אזעלכען איז עס דאך געווים אזוי. דעריבער מוז דער עמיגראנט לערנען איבערהויפט אזעלכע ספרים, פון וועלכע ער וועט האבען א פראקטישען גוטצען. פון וועלכע ער וועט וויסען א דין, וויא מיר וועללען שפעטער ארומרעדען:

ג). דורך דעם וועט ער אבגעהיט ווערען פון דיא איסורים, אויף וועלכע מען איז עובר אין דער פרעמדער דורך דיא שלעכטע געזעלשאפטען, דענן דיא תורה בעשיטצט אונ פערהיט פון זינדיגען וויא מיר האבען שוין געזאגט: ד). דורכ'ן לערנען וועט ער מקדש שם שמים זיין (הייליגען גאטטעס נאמען) פאר אללעמען אין דיא אויגען, דענן אויף איהם קוקענדיג וועללען זיינע אידישע חברים אויך לערנען, אונ חאטש מען וועט פון איהם לאכען, דיא עו"ג אדער זאגאר זיינע אידישע חברים, אבער אין דער עבודת הבורא טאר מען זיך ניט שאמען אונ ניט קוקען אויף קיין זאך, בפרט אז מען וועט געהמען קוקען אללעם וואס יענער וועט זאגען, דארף מען זיך אין גאנצען אויסטהון פון אידישקייט, דענן לאכען קאנגען זיא פון אללעם, פון דאווענען, אונ פון וואשען זיך צום עססען אונ פון ניט עססען קיין טרפות אונ פון אללע תרי"ג מצות - דארף מען צוליעב דעם אויף דעם אופן, אראבווארפען פון זיך דעם גאנצען עול מלכות שמים אונ מבטל זיין דיא גאנצע תורה אונ ווערען א רשע גמור?! אויף דעם האבען אונז דיא חכמי התלמוד איבערגעגעבען א וויכטיגען כלל: עס איז פיעל גלייבער פאר'ן מענשען ער זאלל זיין גאנצען לעבען געהאלטען ווערען פאר א שוטה איידער ער זאל איין רגע (אויגענבליק) זיין אין רשע פאר גאט

המקום *). ומה טוב הוא לאדם לעו"הב אם קבל בימי חייו עלבון עבור מצות הש"י ונחשב לעתיד מאוהבי הש"י ובפרט אם היה שמח בזה יזכה עבור זה להיות פניו מאירים כאור השמש וכמו שאחז"ל הנעלבין ואינן עולבין שומעים חרפתם ואין משיבין עושין מאהבה ושמחין ביסורין עליהם הכתוב אומר ואוהביו

כצאת

*) ואיתא בתנא דבי אליהו כשהיו ישראל במצרים נתקבצו כולם וישבו יחד משום שהיו כולם באגודה אחת וכרתו ברית יחד שיעשו גמ"ח זה עם זה וישמרו בלבבם ברית אברהם יצחק ויעקב ולעבוד את אביהן שבשמים לבדו ושלא יניחו לשון בית יעקב אביהן ושלא ילמדו לשון מצרים מפני דרכי ע"א כיצד כשהיו ישראל עובדין אביהם שבשמים לבדו במצרים ולא היו משנים לשונם, היו המצרים אומרים להם למה לא תעבדו את אלהי מצרים ויקל עבודתו מכם, משיבין ישראל ואומרין להם וכי שמא עזבו אבותינו אברהם יצחק ויעקב את אלהינו שבשמים שיעזבו בניהם אחריהם אותו, וא"ל המצרים לאו וכו', ומלין את בניהם במצרים וא"ל המצרים אם לא תשמרו ולא תמולו שמא תקל עבודה הקשה מכם, היו ישראל משיבין ואומרין שמא שכחו אבותינו את ברית אלהינו שבשמים שישכחו בניהם אחריהם וא"ל לאו וא"ל ישראל כשם שלא שכחו אבותינו כך לא נשכח אנחנו לעולם. ד"א כשהיו ישראל מלין בניהם במצרים היו המצרים אומרים למה אתם מלין את בניכם והלא לאחר שעה יהיו משליכין אותן בנהר, ואומרים להם ישראל אנחנו נמול אותן ואח"כ עשו להן כרצונכם. וכשהיו ישראל עושין ז' ימי המשתה היו המצרים אומרים להן למה אתם עושין ז' ימי המשתה והלא לאחר שעה מוציאין אותו לעינוי (עבודת פרך), א"ל ישראל אנחנו נעשה ז' ימי המשתה ואח"כ עשו לנו כרצונכם המת ימות והנהרג יהרג והבא בחיים יחיה בכל אלו הדברים היו המצרים מחרפין את ישראל ומכין אותם ופוגעין בהם וסוערין להם ואין לישראל מנוס מפניהם שנאמר תשימנו חרפה לשכנינו לעג וקלס לסביבותינו וגו' כ"ז באתנו ולא שכחנוך ולא שקרנו בבריתך עכ"ל. א"כ אף אנו נשית לבנו להמסלה ההיא ונשמור את ברית אברהם יצחק ויעקב לעבוד את אלהינו שבשמים לבדו ולא נטה לבנו לדרך אחרת כמו שלא הטו ישראל אזנם לטענת המצרים אף שבזה היו המצריים רוצים להקל עולם מעליהם.

---

גאטט *). אונ וויא גוט איז דעם מענשען אויף יענע וועלט, אויב ער האט אויף דער וועלט געהאט בזיון צו ליעב דעם וואס ער האט געהיט דיא מצוות פון גאטט, דענן ער ווערדט דאנן (אויף יענער וועלט) גערעכענט פון דיא אוהבי השי"ת (וואס האבען ליעב גאטט) אונ בפרט אויב ער האט זיך נאך געפרייעט פון דעם, וועט ער דערפאר זוכה זיין אז זיין פנים וועט לייכטען וויא דיא זונן, וויא דיא גמרא זאגט הנעלבין ואינן

עולבין

*) אין דעם ספר „תנא דבי אליהו" שטעהט: בעת דיא אידען זיינען געוועזען אין מצרים פלעגען זייא אללע זיין צוזאמען דענן זייא האבען צווישען זיך אבגעמאכט צו טהון חסד איינער מיט'ן צווייטען אונ צו היטען דעם בונד פון אברהם יצחק ויעקב (וואס זייא האבען געמאכט מיט גאטט צו דיענען איהם) אונ זייא זאללען קיין אנדער גאטט דיענען אחוץ זייער פאטער אין הימעל אונ זייא זאללען ניט אוועקווארפען דעם לשון פון יעקב אבינו אונ ניט לערנען דעם לשון פון דיא מצרים. אונ אז דיא מצרים פלעגען זעהן וויא אידען דיענען נור זייער גאטט אונ אנדערען ניט אום זייער שפראכע, פלעגען זייא זאגען צו זייא: פאר וואס דיענט איהר ניט דעם גאטט פון דיא מצרים וועט אייער ארבייט ערלייכטערט ווערען? פלעגען דיא אידען אנטווערען: האבען אונזערע עלטערן דענן פערלאזען זייער גאטט אז זייערע קינדער זאללען איהם פערלאזען? דיזעלבע אנטווארטען פלעגען זייא געבען, אז מען פלעגט זייא מאכען פארווירפע פאר וואס זייא ניינען מל זייערע קינדער. אז מען פלעגט זייא זאגען: וואצו זיידט איהר מל דיא קינדער, ווען מיר וועללען זייא גלייך אריינוואַרפען אין טייך? פלעגען זייא אנטווערען: מיר וועללען זייא מל זיין אונ איהר טהוט זיך וויא איהר פערשטעהט. דיזעלבע פלעגען זייא אנטווערען, אז דיא מצרים פלעגען זייא מאכען פארווירפע וואס זייא זיינען מקיים אנדערע מצוות, דיא מצרים פלעגען זייא זידלען אונ שלאגען אונ אנטהון זייא אללערלייא צרות אונ דיא אידען האבען געקאנט זאגען מיט דעם משורר אין תהילים: תשימנו חרפה לשכנינו וכו' – דוא (גאטט) האסט אונז געמאכט צו שאנדע צווישען אונזערע שכנים, צום שפאטט אונ פעראכטונג צווישען דיא וואס ארום אונז וכו', דאס אללעס איז געקוממען אויף אונז אונ מיר האבען דיר ניט פערגעסען, אונ זיינען געגען דיר ניט געוועזען פאלש. דאס איז אמאל געוועזען אין מצרים – היינט וויא דארף מען שוין ניט קוקען אויף דעם שפאטט יעטצט, אז מעהר וויא צו שפאטט קאן עס ניט קוממען? אין רדיפות האט מען פאר דעם ניט:

כצאת השמש בגבורתו. ואפילו בעוה"ז לא ילעיגו עליו רק בתחלה אבל לבסוף כשיורגלו בזה לא ילעגו ממנו כלל והעיקר שלא ישיב להם בדברים קשים רק בדברים רכים וטובים ובזה יתן ה' שימצא חן בעיני הכל. גם הלעג ההוא אשר ישנו בתחלה איזה זמן מועט לא ימצא רק אצל ההמונים אבל בין הנכבדים אפילו מן האומות בודאי יהיה חשוב בעיניהם איש הישראלי השומר דת תורתו כי נבחן ביניהם שמי שהוא שומר דת תורתו אינו לא גנב ולא רמאי ולא בעל מחלוקת. [וגם נכון להגיד אף לנכרים את ענין תורתנו שהיא מלמדת דעת את האדם ומישרת מדותיו שלא יעשה עול לשום אדם בממון ע"י גנבה וגזלה וכיוצא בהם ואפילו בלב שלא לחמוד ממון אחרים רק יהיה שמח בחלקו במה שהזמין לו הש"י בכל עניניו וגם היא מצוה אותנו לאהוב איש את רעהו אהבה עזה ושלא לנטור שנאה עליו ושלא לבייש אותו ברבים ואפילו אם יודע שלא טוב עשה באיזה דבר יאמר לו מתחלה פעם ראשונה ושנית בינו לבין עצמו אולי ישמע לו גם הזהירה אותנו ממחלוקת עד מאד וכן מגנה בכתבי הקדש שכרות ושארי מדות רעות ומשבח את המדות הטובות] ובאמת דבר פשוט הוא שכאשר האדם מתנהג בדרך התורה ממשיך הש"י עליו חוט של חסד ונותן חנו בעיני הכל כמו שנתן חנו ליוסף וכמו שאמרו בגמרא כל העוסק בתורה בלילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום:

# פרק יג

## בו יבואר עוד שתורה מצלת לאדם מן היסורים ומכל פגעים רעים בעוה"ז ובעוה"ב ולהיפך גודל עונשו ח"ו.

בא וראה עוד כמה גדול כח התורה שכן אמרו בברכות

---

עולבין וכו' די וואס ווערען געשאנדעט און שאנדען נישט צוריק וכו' טהוען פון אהבה און פרייען זיך מיט די יסורים אויף זיי זאגט דער פסוק ואוהביו כצאת השמש בגבורתו, און די וואס ליעבען איהם וועלען זיין ווי די זון ווען זי געהט ארויס אין איהר שטארקייט. און אויך אויף דער וועלט וועט מען פון איהם שפאטען נור פון אנפאנג, אבער נאכדעם אז זיי (די שפאטערס) וועלען זיך איינגעוואהנען מיט איהם וועלען זיי שוין נישט לאכען, נור דער עיקר איז אז ער זאלל זיי נישט אנטווערען קיין דברים קשים, נור מיט ווייכע און גוטע רייד זאלל ער זיי אויפווייזען אז ער טהוט לשם מצוה, וועט ער מיט דעם, מיט גאטטעס הילף, געפינען חן ביי יעדען. אויך דאס פון אנפאנג איז דא שפאטערס איז דאס נור ביי דעם המון (דער פראסטער גארד), אבער ביי ארדענטליכע מענשען (אפילו פון די אומות) וועט ער זיין געווים חשוב דערפאר וואס ער היט זיין תורה מיט איהרע געזעצע, דענן זיי ווייסען שוין ע"פ נסיון אז דער ערליכער איד איז נישט קיין גנב נישט קיין רמאי און נישט קיין בעל מחלוקת. עס איז אויך גליך צו זאגען אפילו די נכרים דעם ענין פון אונזער תורה, אז זי לערנט דעם מענשען נור גוטע מדות, נישט צו טהון קיינעם קיין אונרעכט אין געלד זאכען דורך גנבה וגזלה א. ד. ג. אז מען טאר אפילו, על פי דין תורה, נישט גלוסטען אין הארץ יענעמ'ס, נור מען דארף זיין א שמח בחלקו וואס דער אויבערשטער האט איהם מזמין געווען אין זיינע געשעפטען. אויך היטעט אונז די תורה אז איינער זאלל דעם צווייטען ליעב האבען שטארק, און נישט נאכטראגען אויף איהם קיין שנאה, און נישט מבייש זיין דעם צווייטען ברבים, און אפילו אז איינער ווייסט אז דער צווייטער האט געטהון עפעס נישט קיין ארדענטליכע זאך זאלל ער איהם פריהער זאגען אונטער פיער אויגען איין מאל און צוויי מאל, פיליייכט וועט ער איהם הארען אז ער זאלל דאס נאך אמאל ניט טהון, אויך אז די תורה זאגט אונז אז מיר זאללען זיך היטען זעהר פון מחלוקת, אויך שאנדט די תורה זעהר שכרות און אנדערע שלעכטע מדות, און לויבט מדות טובות. ובאמת איז געוואהנליך אז דער מענש וועלכער פיהרט זיך אין דרך התורה האט ער חן ביי יעדען, מיט גאטטעס הילף, אזוי ווי עס שטעהט אין דער גמרא: כל העוסק בתורה בלילה וכו', יעדער וואס איז עוסק אין דער תורה ביי נאכט גיבט איהם השי"ת אז ער זאלל האבען חסד און חן ביי יעדען ביי טאג:

## פרק יג.

**וויא וויט עס איז גרוים דער זכות פון לערנען תורה ועהם**

בברכות (ה' א') כל העוסק בתורה וכו' מוחלין לו על כל עונותיו שנאמר בחסד ואמת יכופר עון אמת זו תורה שנאמר אמת קנה ואל תמכור, ואמרו עוד כל העוסק בתורה יסורין בדילין ממנו שנאמר ובני רשף יגביהו עוף ואין עוף אלא תורה שנאמר התעיף עיניך בו ואיננו ואין רשף אלא יסורין שנאמר מזי רעב ולחומי רשף וקטב מרירי. ואיתא בתנדב"א אם ראית שיסורין ממשמשין ובאין עליך רוץ לחדרי תורה ומיד היסורין בורחין ממך שנאמר לך עמי בא בחדריך וגו'. ולפעמים מצלת אותו גם אם נתחייב מיתה לשמים כדאיתא במדרש רבה פ' קדשים אם נכשל אדם בעבירה וכו' מה יעשה ויחיה אם היה למוד לקרות דף אחד יקרא שנים וכו'. גם התורה מצלת מכל פגעים רעים בעוה"ז ובעוה"ב כדאיתא בתד"א זוטא (פ' י"ז) תורה מגינה על האדם כל אותן השנים שהוא מוטל בעפר שנא' בהתהלכך תנחה אותך בעוה"ז בשכבך תשמור עליך זו שעת מיתה בקבר והקיצות היא תשיחך זה העוה"ב.

וביאור הדברים נשמע ממה דאיתא בזוה"ק בשכבך בקבר תשמור עליך אורייתא תצור עליך מדינא דהאי עלמא והקיצות היא תשיחך לעוה"ב כד יתער לאחר מיתה כדון היא תשיחך תהוי סנגוריא על גופך בגין דיקומון אינון בקדמיתא לחיי עלמא כמו שכתוב אלה לחיי עולם בגין דעסקין בחיי עלמא דא אורייתא וכל אינון מלין דאפיק מדאורייתא דאשתדל בהאי עלמא קיימי קמיה דקוב"ה ואמרין קליהון ולא משתכחין. גם התורה מגינה על האדם להנצל מעונשו של גיהנם כדאיתא באגדת משלי אין לך צדקה שמצלת מדינת של גיהנם אלא תורה בלבד אבות העולם משיבין הואיל ונתפסתם במצודת יום הדין אין לכם אלא לישב ולעסוק בד"ת שהיא מכפרת עון. גם מיום הדין הגדול שנאמר עליו הנה היום בא בוער כתנור זוכה להנצל מי שעסק בתורה כדאיתא במדרש תהלים לעתיד לבא הקב"ה מוציא חמה מנרתקה ידן בה את הרשעים שנאמר כי הנה היום בא בוער כתנור ומרפא בה את הצדיקים שנאמר וזרחה לכם יראי

---

זעהט מען פון דער גמרא ברכות וואס זאגט, אז דער וואס איז זיך עוסק בתורה איז מען איהם מוחל אללע זיינע עבירות וויא עס שטעהט בחסד ואמת יכופר עון. דער וואס לערנט תורה – שטעהט ווידער אין דער גמרא – ווייכען פון איהם אב אללערלייא יסורים וויא עס שטעהט וכו'. אין תנא דבי אליהו שטעהט: זעהסט דוא אז עס קומען אויף דיר אן צרות – לויף אין בית המדרש לערנען, אונ דיא צרות וועלען גלייך אנטלויפען פון דיר. דער למוד התורה איז אונז אפט מציל, זאגאר ווען מיר האבען פערדיענט, מיט איין עבירה, מיתה (געטאדט ווערען). אז א מענש האט זיך בענארישט מיט איין עבירה, זאגט דער מדרש, וואס זאלל ער טהון, ער זאל בלייבען לעבען? איז ער געוואהנט געוועזען צוא לייענען איין בלאט (אין דער תורה) זאלל ער לייענען צווייא, איין פרק משניות זאלל ער לערנען צווייא וכו'. דיא תורה בעשיטצט דעם מענשען, שטעהט אין תנא דבי אליהו, סאיי אויף דער וועלט סאיי אויף יענער וועלט, וויא עס שטעהט: בהתהלכך תנחה אותך וכו', זיא (דיא תורה) וועט דיך פיהרען וואו דוא וועסט געהן, דאס הייסט: אויף דער וועלט; זיא וועט דיר היטטען בעת דוא „וועסט שלאפען" דאס מיינט מען אין קבר; אונ בעת דוא וועסט זיך אויפכאפען וועט זיא דיר זיין א מליץ טוב. דער־

מיט מיינט מען אויף יענער וועלט. אונ אזוי ווערדט דערועלבער געדאנקען דייטליכער אונ פאדראבנער ערקלעהרט אין זוהר הקדוש: בשכבך וכו', אז דוא וועסט לייגען אין קבר וועט זיא (דיא תורה) דיך היטטען פון דיא יסורים וואס אויף דער וועלט (פון חבוט הקבר) אונ אז דוא וועסט זיך אויפכאפען נאכ'ן טאדט (אויפשטעהן תחית המתים) וועט זיא זיך פאר דיר אננעהמען אויף יענער וועלט (זיין דיר א מליץ טוב) כדי דוא זאלסט זוכה זיין צוא דעם עוויגען לעבען וכו'. דיא אללע ווארטער וואס געהען ארויס פון דער תורה וואס מען האט געלערנט אויף דער וועלט, שטעללען זיך פאר גאטט מיט דיא הייליגע שטיממע אונ זיינען ממליץ טוב פאר דעם וואס ער האט געלערנט. אויך איז דיא תורה מציל פון גיהנום וויא עס שטעהט אין אגדת משלי: קיין צדקה איז ניט אזוי מציל פון גיהנום וויא דיא תורה. דיא אבות העולם זאגען: ווייבאלד אז איהר וועט מוזען אבגעבען פאר גאטט דין וחשבון דארפט איהר נור זיטצען אונ לערנען דענן דיא תורה איז מכפר דיא עבירות. לעתיד לבוא, שטעהט אין מדרש תהלים, וועט גאטט ארויס־נעהמען דיא זונן פון איהר שייד אונ וועט מיט איהר משפט'ן דיא רשעים (ד. ה. דיא רשעים וועללען פערברענט ווערען אין דער היטץ פון דער זונן) וויא עס

שטעהט

**יראי שמי שמש צדקה ומרפא וכו׳** אמר ר׳ יהושע צדקה עשה הקב״ה עם כל באי עולם כשלא נתנו ברקיע ראשון שאלמלי נתנו בו לא היה צל לכל בריה תחתיו שנאמר ואין נסתר מחמתו אבל לע״ל מי נסתר מחמתו מי שעוסק בתורה הוא שכתוב אחריו תורת ה׳ תמימה וכן כתיב כי הנה היום בא בוער כתנור וכתיב אחריו זכרו תורת משה עבדי. וגם בעוה״ז ממלא הקב״ה לאדם חפציו עבור עסק התורה כמו שאחז״ל כל העוסק בתורה הקב״ה עושה לו חפציו שנאמר וגו׳. וכל זה שכתבנו בגודל שכרו הוא אפילו בעוסק בתורה בתוך ביתו ובפרט לאלו אנשים המתנודדים בדרך שכרם יהיה חמשה פעמים ככה כדאיתא במדרש על הפסוק האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו האלף ללומדים שלא בביתם ומאתים ללומדים בביתם:

והנה מכל מה שכתבנו בגודל שכר העוסק בתורה בעוה״ז ובעוה״ב נוכל ממילא להבין את גודל עונש הפורש עצמו מן התורה ואיתא בספרי כשם ששכר ת״ת גדול מכל המצות כך **עונש ביטולה** גדול מכל העונות. ואיתא באבות אריב״ל בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה וכו׳ ואיתא בזוהר חדש שיום הדין שיהיה לעתיד כמו שכתוב הנה היום בא בוער כתנור וכו׳ זה הוא יום שעתיד משה רבינו ע״ה לתבוע עלבונה של תורה וכדאיתא במשנה אוי להם לבריות מעלבונה וכו׳ כי באמת עלבון גדול הוא לתורה אשר שורש קדושתה הוא למעלה מהעולמות כולם כידוע כשבני אדם קרוצי חומר אשר בעפר יסודם פורשים ממנה. וכתב בספר מעלות התורה שישים האדם אל לבו אלו היה מוכן לאיש שפל אנשים לעבוד עבודת מלך גדול ונורא אותה העבודה עצמה שכל גדולי המלכות עושין אותה בודאי היה אותו האיש שמח שמחה עצומה עד אין תכלית אע״פ שאין מקבל שום שכר על עבודתו וכ״ש שלא היה מונע את עצמו מלשרת לפני המלך חלילה על אחת כמה וכמה איך צריך האדם לשמוח

שזוכה

---

שטעהט: כי הנה היום בא וכו׳ דען עס קומט דער טאג, ער ברענט וויא איין אויווען, דיא צדיקים ווידער וועט ער מיט איהר (מיט דער זונן) היילען, וויא עס שטעהט: וזרחה לכם וכו׳ אונ איך געטטעמ־פורכטיגע וועט שיינען א זונן פון גערעכטיגקייט אונ היילונג וכו׳. וועל וועט בעשיטצט זיין לעתיד לבא, פון דער שרעקליכער זונען־היטץ? — פרעגט ר׳ יהושע — דער וואס האט געלערנט תורה, וויא עס שטעהט הנה היום בא וגו׳ — דער טאג וועט קומען וואס וועט ברענען וויא א פייער אונ דערביי שטעהט זכרו געדענקט דיא תורה וואס איך האב געגעבען דורך מיין קנעכט משה, צוא ווייזען אז נאר מיט דעם וועט מען ניצול ווערען פון פייער וכו׳. אונ דאס איז אלץ גערעדט וועגען דיא וואס לערנען זייענדיג אין דער־היים, אבער דיא וואס זייען אין דער פרעמד (דיא עמיגראנטען) ווען זיא לערנען איז זייער שכר פינף מאל אזוי דיא גרוים, וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק אין שיר השירים האלף לך שלמה וכו׳ דוא שלמה האסט טויזענד אונ דיא וואס היטען זיין פרוכט האבען צוויא הונדערט, אז דיא ערשטע האלפט פון פסוק געהט אויף דיא וואס לערנען תורה אין דער פרעמד, דיא אנדערע האלפט — אויף דיא וואס לערנען אין דערהיים. פון דעם אלעם, וואס מיר האבען געשריבען וועגען דעם שכר פון דיא וואס לערנען דיא תורה, קאנן מען שוין פערשטעהן וויא גרוים עס איז, פערקעהרט, דיא שטראף פאר׳ן ניט לערנען. דער ספרי זאגט: אזוי וויא דער שכר פון לערנען איז גראסער וויא פון אללע מצוות, אזוי איז דער שטראף פאר׳ן ניט לערנען גראסער וויא פאר אללע עבירות. רבי יהושע בן לוי האט גע־זאגט: יעדען טאג געהט ארוים א שטיממע (א בת־קול) פון דעם בארג חורב אונ זאגט: וועה דיא מענשען, וואס בעליידיגען דיא תורה (מיט זייער ניט לערנען אונ ניט פאלגען איהר) דענן עס איז דאך אין דער אמת׳ן א גרויסער בזיון פאר דער תורה, — וואס זיא שטעהט אין א פיעל העכערע מדרגה פון קדושה וויא דיא עולמות העליונות (אויבערשטע וועלטען) — אז מיר קליינע שוואכע מענשען זאללען זיך דער־ווייטערן פון איהר. דער ספר מעלות התורה ברייננגט אנטקעגען דעם אזא משל: ווענן מען וואלט איין איינפאכען מענש בעעהרען מיט דער גרויסער עהרע צוא בעדיענען וועהר א גרויסען אונ שטארקען קאניג מיט דעמזעלבען דיענסט וואס עס טהוען גע־וואהנליך דעם קאניגס אדיוטאנטען אונ קאמער־הערען — מיט וואס פאר א פרייד וואלט ער זיך גע־נומען צוא דער ארבייט, ווען ער וואלט באפיר

אפילו

שווכה ללמוד התוה"ק שבל מלאכי מעלה משתעשעין בה תמיד וגם כל הצדיקים שבג"ע עוסקין בה ואף כי לא למנוע עצמו ממנה. ואחז"ל כשאדם עוסק בתורה מקיפין אותו מלאכים הנבראין מהבל פיו כמלא עין והוא בתוכן ממילא מובן עונש האדם העוזב התורה עליו נאמר ועוזבי ה' יכלו אוי לאותה בושה אוי לאותה כלמה מה יעשה האדם ליום פקודה היש קץ לעונשו כפי גודל השכר כן גודל העונש להפורש עצמו ממנה. עוד אמרו חז"ל כל המרפה עצמו מד"ת אין בו כח לעמוד ביום צרה שנאמר התרפית ביום צרה צר כחך ואיתא בזוה"ק על פסוק זה וז"ל בשעתא דב"נ איתרפי באורייתא ואזיל באורחין דלא כשרין כמה בעלי דבבו זמינין לקבליה למהוי עליה קטגוריא אפילו נשמתא דבר נש דאיהו חילא דיליה איהי מריה דבבו לקבליה דכתיב צר כחך. התרפית מאן דמרפי ידיה מקוב"ה דלא לאיתתקפא בקוב"ה והאיך יכיל בר נש לאיתתקפא ביה בקוב"ה מאן דאתקיף באורייתא אתקיף באילנא דחיי ויהיב תוקפא לשכינתא וכמה סנגורין קיימין עליה לאדכרא ליה לטב וכו', גם עי"ז נתגבר עול העובדי כוכבים על ישראל כדאיתא במדרש על הפסוק כאכול קש לשון אש קש זה עשו ואש זה יעקב הקש אוכל את האש ואימתי כי מאסו תורת ה' שרשם כמק יהיה שלא תועיל להם זכות אבות. עוד איתא במדרש הקול קול יעקב כ"ז שקול יעקב מצפצף בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין ידי עשו שולטות בו אין הקול קול יעקב וכו' וכה"ג כתיב בקרא אצל רחבעם בן שלמה דכתיב וכחזקתו עזב את תורת ה' עליו עלה שישק מלך מצרים וגו' ואמר לו הנביא בשם ה' וידעתם את עבודתי ואת עבודת ממלכות הארצות ואיתא במדרש איכה אימתי המלכות של עובדי כוכבים גוזרת גזירה על ישראל ומצלחת בזמן שמשליכין

---

אֲפִילוּ קיין לאָהן נִיט בּעקומען! װער רעדט ענטזאגען זיך פון דער אַרבּייט װאָלט ער געװיס נִיט. הַיינט מִיט װאָס פאר אַ גרויסע פרייד דאַרף מען שוין לערנען תּוֹרָה, די זיסע תּוֹרָה, װאָס די מַלְאָכִים פרייען זיך און קװיקען זיך מִיט אִיהר און װאָס די צַדִּיקִים אין גַן עֵדֶן פערנעהמען זיך מִיט אִיהר, בּפרט אַז מען דאַרף זיך פון דעם, פון לערנען די תּוֹרָה, נִיט ענטזאגען. אַז אַ מענש לערנט תּוֹרָה, זאָגט די גְמָרָא, רינגלען אִיהם אַרום די אַללע מַלְאָכִים, װאָס װערען בּעשאַפען דורך די היטץ (רוּחַ) פון זיין מויל און ער אִיז צװישען זייא. עס אִיז זעלבּסט־פערשטאַנדליך װיא גרויס עס אִיז די שטראָף פאַר'ן נִיט לערנען. אויף די געהט דער פָּסוּק: וְעוֹזְבֵי ה' יִכְלוּ — און די װאָס פערלאָזען גאָטט װעללען פער־ניכטעט װערען דענן אַװעק־לאָזען די תּוֹרָה אִיז גלייך װיא מען לאָזט אַװעק גאָטט ב"ה. און װאָס װעט מען ענטװערען, אַז עס װעט קומען דער יוֹם הַדִּין? אִיז דען דאָ אַ סוֹף צוא די שטראָף װאָס מען װעט האָבען פאַר'ן נִיט לערנען תּוֹרָה? און װיא גרויס װעט זיין די שאַנדע; װיא גרויס די חֶרְפָּה װאָס מען װעט האָבען אויף יענער װעלט, אַז מען װעט ער־פאָהרען פאַר װאָס ער װערדט דאָס אַזוי האַרט בּע־שטראָפט! דער װאָס לאָזט זיך אָב אין לערנען תּוֹרָה — זאָגט די גְמָרָא — האָט ער נִיט קיין כּחַ בּייצושטעהן בּייא אַיין אונגליק װיא עס שטעהט געשריבּען:

הִתְרַפִּיתָ בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶךָ (האָסט זיך אָבּגעלאָזען (בּינסט אָבּהאַנדיג געװען) אין אַ טאָג פון אונגליק װעט דיין קראַפט ענג (קליין) װערען). אויפ'ן זעלבּען פָּסוּק זאָגט דער זוהַר מִיט די װאָרטער: בּעת דער מענש װערדט נאַכלעססיג אין דער תּוֹרָה און געהט אין אַ שלעכטען װעג, װיפיעל פיינד (מַלְאָכִים רָעִים) װערען פאַר אִיהם אָנגעבּרייט אויף יענער װעלט, צוא מְקַטְרֵג זיין אויף אִיהם, זיין אייגענע נְשָׁמָה אִיז מְקַטְרֵג אויף אִיהם. אָבּער דער װאָס שטאַרקט זיך אין דער תּוֹרָה, שטאַרקט ער זיך דורך דעם אין בּוים פון לעבּען און גיבּט קראַפט דער שְׁכִינָה, און אַ סַך מְלִיצִים טוֹבִים שטעללען זיך פאַר גאָטט צוא דער־מאָהנען אִיהם צוא גוטטען. דורך דעם נִיט לערנען תּוֹרָה שטאַרקט זיך איבּער אונז דער יאָך פון די גאַצענדיענער, װיא דער מִדְרָשׁ זאָגט אויף דעם פָּסוּק: כֶּאֱכוֹל קַשׁ לְשׁוֹן אֵשׁ (װיא די שטראָה װערדט גע־געססען (פערבּרענט) — פון דער צונג פון פייער) „קַשׁ" שטראָה, זאָגט דער מִדְרָשׁ, מיינט מען עֵשָׂו, אֵשׁ (פייער) — יַעֲקֹב, די שטראָה — אַלזאָ עֵשָׂו — עסט אויף, פערבּרענט דעם „פייער" — יַעֲקֹב'ן — און װען אִיז דאָס אַזוי? כִּי מָאֲסוּ תּוֹרַת ה', בּעת זייא פער־אַכטען די תּוֹרָה פון גאָטט וכו'. אויף דעם פָּסוּק, הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו, זאָגט דער מִדְרָשׁ: כָּל זְמַן דער קוֹל פון יַעֲקֹב האָרט זיך אין די בָּתֵּי מִדְרָשִׁים. האָבּען די האַנד פון עֵשָׂו איבּער אִיהם

קיין

שמשליכין ד"ת לארץ שנאמר וצבא הנתן על התמיד בפשע ותשלך אמת ארצה זו התורה דכתיב אמת קנה ואל תמכור וכתיב זנח ישראל טוב אויב ירדפו ואין טוב אלא תורה וכתיב ויסעו וכו' ויחנו ברפידים וכתיב אח"ז ויבא עמלק ודרשו חז"ל בשביל שרפו ידיהם מן התורה. גם נידון בגיהנם עבור זה החטא כמו שאמרו חז"ל כל הפורש עצמו מדברי תורה נופל בגיהנם שנאמר אדם תועה מדרך השכל בקהל רפאים ינוח ואין רפאים אלא גיהנם וכו' גם הוא גזוף לפני המקום כדאיתא באבות שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף. וכתב רבינו יונה באגרת התשובה כשבני אדם פוסקים ממלאכתם ומעסקיהם והולכים לבתיהם או יושבים בקרנות כשהם בטלים ומשיחים בדברים בטלים רעתם רבה והמאתם כבדה מאד לפי שהם מבזים את התורה שאלו היו מאמינים שאין תכלית למתן שכרה למה לא ישיבו רגליהם ללמוד הלא האדם זריז ואץ ברגליו למלאכתו ולעסקיו

ויודע כי הכל הבל ואיך ישכח חיי עוה"ב ולא יתן חלק ביום מן הימים או שעה מן השעות ללמוד, ואל יאמר בלבו עוד עת לעשות לה' לקרוא בתורה ולעשות צדקה ומעש"ט אשם הוא אשם אשם לה' ואחז"ל דמה שאמר הכתוב כי דבר ה' בזה וגו' זה קאי על מי שאפשר לו לעסוק בתורה ואינו עוסק שהוא בוזה דבר ה'. ע"כ חייב כל אדם לתקן מקום בביתו ללמוד שם הלכות או מקרא כל אחד לפי ערכו וכאשר יפנה מעסקיו ומדי עברו ממלאכתו יסור שמה לשנות או לקרות ובהקנה הזאת יפליא עצה לנפשו לחשוך אותה מגי שחת ויחשוב על קצו ויבין לאחריתו כמו שאחז"ל הסתכל בג' דברים וכו' עכ"ל ר"י הנ"ל:

והנה במה יהיה לימודו פשוט הוא דלאנשים טרודים שאין להם הרבה שהות ללמוד רק איזה זמן צריך ללמוד בהלכות הנוגעים לו למעשה המבוארים בשו"ע או בחיי אדם וחכמת אדם ולהתבונן בהם על הענינים שמזדמנים לו איך להתנהג וביותר צריך להיות

---

קיין שליטה ניט. אין מדרש איכה שטעהט: ווען גליקט עס דער רעגיערונג פון דיא גאטצענדיענער מיט איהרע גזירות, וואס זיא גיבט ארויס אויף אידען? בעת דיא אידען ווארפען אוועק דיא תורה, וויא עס שטעהט וכו'. וואס עמלק איז אין דער מדבר אנגעפאללען אויף דיא אידען, זאגט דיא גמרא, איז דאס אויך געוועזען ווייל זייא האבען פערנאכלאססיגט דיא תורה. דער וואס דערווייטערט זיך פון דברי תורה — זאגט ווידער דיא גמרא — פאללט אריין אין גיהנום, וויא עס שטעהט געשריבען וכו'. דער וואס לערנט ניט קיין תורה — שטעהט אין פרקי אבות — הייסט א נזוף (א פערווארפענער, אויסגעשלאססענער). רבינו יונה אין זיין אגרת התשובה זאגט בזה הלשון: לייט געהען אהיים אדער קלויבען זיך אויף אין א גאסס בעת זייא ווערען בעפרייט פון זייער ארבייט, און פערברייגען דיא צייט אין פוסטע שמועסען — דיא לייט פערדיענען מיט דעם זעהר א גרויסע עבירה, ווייל זיי זייגען מבזה (פעראכטען) דיא תורה, דענן ווען זייא וואלטען געגלויבט, אז זייא וועלען פאר'ן לערנען תורה בעלאהנט ווערען — וואלטען זייא דענן דיא צייט בעססער ניט פערבראכט אויף לערנען? אין געשעפט זיינען זייא דאך זעהר געשיקט און פלייסיג, חאטש זייא ווייסען, אז דאס איז אללעס גארנישט מיט גארנישט — הייגט וויא אזוי קאנן מען

פערגעסען דעם צוקינפטיגען לעבען (חיי העולם הבא) און ניט בעשטימען א געוויססע צייט אין טאג צום לערנען תורה? און מען זאלל זיך ניט טראכטען: איך וועל נאך געננג צייט האבען צוא לערנען תורה, און געבען צדקה און טהון מעשים טובים — דיא זינד איז זעהר גרויס, ווער ווייס וואס מארגען וועט זיין. אויף דעם פסוק: כי דבר ה' בזה (דענן ער האט פעראכטעט גאטטעס ווארט), זאגט דיא גמרא, אז דאס געהט אויף דעם וואס קען לערנען און לערנט ניט, אזעלכער פעראכטעט מיט דעם גאטטעס ווארט. דעריבער איז יעדער איד מחויב צוא בעשטימען איין ארט ביא זיך אין שטוב צוא לערנען דארט הלכות (דינים) אדער פסוק (תנ"ך) יעדער נאך זיין ערך נאך. און ווען ער וועט נאר צייט האבען זאלל ער דארטען אריינגעהן לערנען און דורך דעם וועט ער נצול ווערען פון גיהנום און וועט טראכטען וועגען דעם וואס עס וועט שפעטער זיין, וויא דיא גמרא זאגט: הסתכל בשלשה דברים וכו' דערמאהן זיך פון וואנען דוא קומסט ארויס, און וואוהין דוא געהסט, און פיהל פאר וועמען דוא דארפסט דין וחשבון געבען; אין וואס דער לערנען זאלל בעשטעהן, דאס איז פשוט, דיא וואס זיינען פערנומען און האבען ווענינ צייט צום לערנען, דיא דארפען לערנען דיא דינים פון שולחן ערוך, חכמת אדם און חיי אדם, וועלכע זיינען

להיות בקי בהלכות שבת כי הוא יהד שהבל תלוי בו ולהתבונן בעצמו בעת הלימוד איך יתן עצה לעצמו אם יודמן לו זה הענין למעשה. ואם הוא איש שאינו יכול ללמוד שו"ע או ח"א לעצמו יראה לשכור רב לעצמו לזה. ובזמן שגם זה אין ביכלתו ילמוד עכ"פ מקרא או שיאמר תהלים ולא לישב בטל כי בטלה מביאה לידי כמה מדות מגונות והמרגיל עצמו שלא לישב בטל בעתות הפנויות אשרי לו.

# פרק יד

## בו יבואר שמצוה יותר ללמוד בחבורה.

והנה עצם הלמוד אף שכשהוא לומד ביחידי הוא ג"כ מקיים מ"ע של ת"ת מ"מ לכתחלה מצוה להדר כל מה שיכול ללמוד בחבורה שעי"ז מתקדש שם שמים יותר כשנאספים רבים מבני ישראל לעבודה השי"ת וכמו שכתב רבינו יונה בשערי תשובה בסימן קס"ח ע"ש וכן אמרו חז"ל בכמה מקומות ברב עם הדרת מלך וכבר אחז"ל (ברכות ו) שיש נ"מ בין מי שלומד ביחידי דאף שהקב"ה קובע לו שכר ע"ז מ"מ לא מכתבן מיליה בספר הזכרונות משא"כ כשלומד שלא ביחידי נאמר עליהם בכתוב אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו וגו' ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו וב"ש כשלומדים בעשרה יחד דאז מדמה שכינה ואתיא כדכתיב אלהים נצב בעדת אל. וגם אחז"ל אין התורה נקנית אלא בחבורה והוא אחד ממ"ח דברים שהתורה נקנית בהם כדאיתא באבות פ"ו ובדיבוק חברים. ומפני שראיתי אנשים שדרכן להשתמט מללמוד בחבורה בביהמ"ד הדף גמרא או פרק משניות ולומדין לעצמן והדרך ההוא ישר בעיניהן וע"כ ראיתי להרחיב קצת הדבור בזה ולהראות דיש כ"ה מעלות להלומד בחבורה. א) דבחבורה מתקיים יותר הקביעות עתים שלו שאין כח כל

כך

---

זיינען זייא נוגע אין פראקטישען לעבען. דערביי מוזען זייא גוט בעטראכטען דיא זאכען וואס קומען זייא פאר, כדי זייא זאלען וויסען וויא צוא נוהג זיין זיך (צוא פיהרען זיך), איבערהויפט דארף מען זעהן קלאר זיין אין דיא דינים פון שבת, וועלכע זיינען וויכטיגער פון אללע, אונ צוא בעטראכטען נוט בעת דעם לערנען, וויא ער וואלט געטהון ווען עס וואלט איהם אויסגעקומען אזא זאך אין פראקטישען לעבען (הלכה למעשה). ווען מען קען אליין ניט לערנען, זאלל מען זיך זעהן דינגען א רבין, אונ ווען דאס איז אויך אונמאגליך זאלל מען חאטש לערנען פסוק אדער זאגען תהלים, נור ניט זיטצען לעדיג אין דער פרייער צייט, דענן לעדיג-געהן ברייננט דעם מענשען צוא פערשיעדענע שלעכטע מדות (לעדיג-געהן איז דיא מוטטער פון אללע עבירות) אונ אז וואהל איז דעם מענשען, וואס געוואהנט זיך איין גיט זיטצען קיין מינוט לעדיג:

# פרק יד.

אבוואהל ווען מען לערנט תורה אליין איז מען אויך מקיים דיא מצוה פון תלמוד תורה, פון דעסטוועגען איז דיא מצוה א סך גראססער, אז מען קאנן לערנען מיט א גאנצען עולם צוזאמען, דענן דורך דעם, וואס א סך אידען קלויבען זיך אויף צוזאמען צוא דיענען גאטט ווערדט נתקדש שם שמים (געהייליגט דער נאמען גאטטעס) וויא רבנו יונה זאגט אין זיין שערי תשובה, אין סימן קס"ח, אונ וויא דיא גמרא זאגט אין פיעל ערטער. אויף דעם געהט אויך דער פסוק: ברב עם הדרת מלך – וואס גראססער עס איז דאס פאלק – וואס דיענט דעם קאניג – אין אללעס גראססער דיא עהרע, וואס דער קאניג האט דאדורך. דער וואס לערנט אליין תורה – זאגט דיא גמרא – חאטש גאטט בעשטיממט איהם פאר דעם שכר, פון דעסטוועגען זיינע ווארטער ווערען ניט אריינגעשריבען אין דעם ספר הזכרונות, אבער אז מען לערנט מיט נאך מענשען ווערען דיא ווארטער אריינגעשריבען אין דעם ספר הזכרון אויפ'ן הימעל וויא עס שטעהט: אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויכתב בספר זכרון. אונ אז מען לערנט מיט א מנין, קומט דיא שכינה אונ שטעהט דערבייא וויא עס שטעהט וכו'. אויך זאגען דיא חז"ל, אז דיא תורה ווערדט ערווארבען נור דורך דעם וואס מען לערנט צוזאמען אונ אזוי שטעהט אין פרק. אונ ווייל מיר האבען געזעהן אזעלכע, וואס מאכען זיך ארוים פון צוא לערנען דעם בלאט גמרא אדער דעם פרק משניות אין בית המדרש, מיט אנדערע חברה לייט, אונ לערנען פאר זיך, דעריבער מוזען מיר דיא זאך ארומרעדען אביסעל באריכות, אויסצוווייזען אז אין

פיעל

כך להיצר לבטל קביעותו מפני שחביריו יזכירוהו שילך ללמוד ויתבייש לפרוש מהצבור וגם דכשהוא לומד בעצמו אין מנכר כ"כ כשמחסר איזה יום משא"כ כשיש לו שיעור בביהמ"ד זוכר את החסרון תמיד כשרואה חביריו שסיימו כמה פרקים והוא חסר מהן ורואה להשלימן. וכמו שאחז"ל קנאת סופרים תרבה חכמה. ב) דמצוי שמקיים ע"ז גם המ"ע של לימוד תורה לאחרים דלפעמים שחבירו אינו מבין היטב הדבר והוא מסבירו וכדמוכח (בב"מ ל"ג) דע"ז הוא בבלל רבו ע"ש. ג) דע"י חבורה מתרחבת הידיעה יותר משא"כ כשלומד יחידי וכמו שאחז"ל (ברכות ס"ג) חרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאיהן של ת"ח שעוסקין בתורה בד בד ולא עוד אלא שמטפשין שנאמר ונואלו. וגם אמרו (תענית ז) למה נמשלו ד"ת כאש שנאמר הלא כה דברי כאש נאם ה' לומר לך מה אש אינו דולק יחידי [עץ אחד אינו דולק אלא ב' או ג' ביחד] אף דברי תורה אין מתקיימין ביחידי. ואיתא במדרש שה"ש רבה שני חברים שהיו עוסקין בדבר הלכה ונכבשין [היינו נוחין] זה לזה בהלכה עליהם הכתוב אומר אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ואין דיבור אלא לשון נחת שנאמר ידבר עמים תחתינו ולא עוד אלא שאם טעו הקב"ה מחזיר להן טעותן כמ"ש ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו וישמע להם ויכתב שהוא כותב על לבם כמד"א ועל לבם אכתבנה, ספר זכרון לפניו שהוא מזכירה להם. וגם מחמת זה שהידיעה מתרחבת יותר רצון הש"י שהאדם ילמוד בחבורה כדדרשו חז"ל (ברכות ס"ג) על הפסוק הסכת ושמע ישראל וגו' עשו כתות כתות ועסקו בתורה ע"ש בגמרא. ד) דעל ידי זה מתקדש שם שמים יותר וכנ"ל וגם הלא ידוע מה שאמר הכתוב אם תבקשנה ככסף וגו' אז תבין יראת ה' וידוע בבקשת הכסף דאם יזדמן לאדם שני עסקים באחד יכול להרויח מאה זוז ובשני מאתים זוז בודאי יבחר בהעסק של מאתים וגם בכאן הלא ידוע מה שאחז"ל

והובא

---

פיעל זאכען איז דער לערנען מיט א חברה בעססער וויא אלליין. א) קאנן מען מיט א חברה בעססער אבהיטען דיא צייט, וואס מען האט בעשטימט אויפ'ן לערנען, אמאל שאמט מען זיך פאר דיא איבעריגע חברה-לייט, אמאל דערמאהנען זיא מאכי צוא געהן לערנען, אונ אז מען לערנט אליין איז ניט קאנטיג, ווען מען פערפעהלט אמאל דעם בלאט גמרא, אבער אז מען האט א שיעור אין בית המדרש זעהט מען אז דיא חברים האלטען ווייטער, דערמאהנט מען זיך שוין אויך אונ מען זעהט אניאגען זיא. אונ אזוי זאגט דיא גמרא: קנאת סופרים תרבה חכמה, דיא קנאה פון דיא סופרים (דיא געלערנטע), וואס זיא זייגען זיך איינער אין צווייטען מתקנא, פערמעהרט חכמה, דען יעדער נעהט יאגען דעם צווייטען אין לערנען. ב) דורך דעם איז מען אפט מקיים דיא מצוה לערנען תורה דעם צווייטען, עס מאכט זיך אז יענער פערשטעהט ניט א זאך אונ מען גיבט איהם צוא ערקלערען. ג) פערשטעהט מען אליין אויך בעססער וואס מען לערנט אין קאמפאניע, וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק: חרב על הבדים ונואלו, א שווערדט וועט קומען איבער דיא שונאים פון דיא תלמידי חכמים, וואס לערנען דיא תורה איינציג-וויוז אונ בארוקך ווערען זיא אויך גאריש. אין איין ארט זאגט דיא גמרא אויף דעם פסוק: הלא כה דברי כאש, פאר וואס איז דיא תורה עפעס גלייך וויא פייער? אזוי וויא פייער, ווען שטארקט זיך דער פייער גאר ווען עס איז צווייא האלצער, אזוי האט דיא תורה אויך ניט קיין קיום ווען מען לערנט איהר איינציגוויוז. אז צווייא חברים לערנען צוזאמען א הלכה — זאגט דער מדרש — גערעדט אויף זיא דער פסוק: אז נדברו יראי ה' וכו', דיא גאטטעס-פורכטיגע האבען גערעדט איינער מיט'ן צווייטען, אונ גאטט האט פערנומען אונ איינגעהערט זיך. נאך מעהר: אז זיא האבען א טעות ווייזט זיא גאטט אויף דעם טעות וויא עס שטעהט וכו'. אויף דעם פסוק הסכת ושמע ישראל, זאגט דיא גמרא אז מען מיינט דאמיט מען זאלל זיך מאכען כתות צום לערנען. ד) דורך דעם ווערדט אויך מעהר נתקדש שם שמים, וויא מיר האבען פריהער געזאגט. אויך איז ידוע דער פסוק: אם תבקשנה בכסף וכו' ווען דוא וועסט איהר, דיא חכמה (דיא תורה), זוכען וויא געלד דאנן וועסטו איהר וויסען, אונ אזוי וויא בייא געלד זוכען, אז עס מאכט זיך צווייא געשעפטען, וואס פון איינעם קאנן מען פערדיענען נאך אמאל אזוי פיעל וויא פון אנדער'ן נעהמט מען זיך דאך צוא דעם געשעפט אין וועלכען קאנן מען מעהר פערדיענען, אזוי איז דא אויך: עס

ליענען

[והובא ברש"י פרשת בחקתי] דאינו דומה מרובים העושים את המצוה למועטים העושים את המצוה וא"כ בודאי יותר טוב ונכון שיעשה המצוה בקיבוץ דעי"ז כח וזכות המצוה גדול הרבה יותר. בא וראה כמה חביבה מצוה זו בעיני הקב"ה שעי"ז נושא פנים לישראל וכדאיתא בתנא דבי אליהו (פכ"ג) תשובת הקב"ה למדת הדין ששואלת לפניו למה הוא נושא פנים לישראל והלא כתיב האל הגדול הגבור והנורא אשר לא ישא פנים והשיב הקב"ה האיך לא אשא פנים לישראל וכו' ולא עוד אלא שהם מלמדין את התורה ויושבין אגודות אגודות ועוסקין בתורה וכו' [ור"ל דלפי שעוסקין באגודה שזהו יותר מן החיוב של מ"ע גופא וכדי להרבות כבוד שמים גם אני לא אלך עמהם במדת הדין] ומשמע עוד בתד"א זוטא (פי"ד) דאחר כל המצוקות והתלאות שישראל יסבלו בסוף גולה לא יזכו להגאל אלא בזכות שלומדין תורה בחבורה וז"ל שם שאין ישראל נגאלין לא מתוך הצער ולא מתוך השעבוד ולא מתוך הטלטול ולא מתוך הטירוף ולא מתוך הדוחק ולא מתוך שאין להם מזונות אלא מתוך עשרה ב"א שהן יושבין זה אצל זה ויהיה כל אחד מהם קורא ושונה עם חבירו וקולם נשמע שנא' וכו' עי"ש ואחר כל הדברים הנשגבים האלה שנמצאו במעלת לימוד בחבורה ראוי לכל אדם להתאמץ בזה ולזרז לאחרים ג"כ שלא יפרשו מן החבורה ויהיה שם שמים מתאהב על ידו ואז אשרי לו בזה ובבא:

והנה כ"ז במי שאפשר לו ללמוד ביחידות דאפ"ה מצוה רבה להשתדל ולעשות כתות כתות ללמוד בחבורה וכ"ש באלו שא"א ללמוד בעצמן ולשכור רב כל אחד בפני עצמן ג"כ אין ביכלתם כמה החוב גדול עליהם*) להתחבר יחד ולעשות להם חבורה לשכור להם רב שיורה להם דרך ה' אשר ילכו בה והמעשה אשר יעשון ומקיימין מה שאמר

*) והנה נמצאו מבבר בהרבה עיירות אנשים יראים וחפצים לזכות את הרבים ומקבצים אנשים בחורים או גדולים שחסר

---

לערנען דא פאר'ן מענשען צווייערלייא אופנים, וויא צוא מקיים זיין דיא מצוה פון ת"ת, אונ איין אופן, לערנען זאלבע־עטליכע, שטעהט פיעל האכער פון דעם אנדערן אופן לערנען ביחידות, נאטירליך דארף מען בעססער מקיים זיין דיא מצוה אויף דעם אופן פאר וועלכע מען וועט האבען מעהר שכר, אונ זעהן לערנען דווקא מיט א קבוץ. דיא מדת הדין – שטעהט אין תנא דבי אליהו – פרעגט דעם רבונו של עולם: פאר וואס בינסט דוא נושא פנים (ביסט נאכזיכטיג געגען) דיא אידען? עס שטעהט דאך: האל הגדול הגבור והנורא אשר לא ישא פנים, דער גרויסער שטארקער אונ פורכטערליכער גאטט, וואס איז קיינעם ניט נושא פנים? וויא אזוי זאלל איך דיא אידען ניט נושא פנים זיין – אנטווערט גאטט – וכו' נאך מעהר – זייא לערנען דיא תורה מיט אנדערע אונ זיטצען קאמפאניעסווייז אונ זיינען זיך עוסק בתורה. דיא כוונה איז: דערפאר וואס זייא זיינען מקיים דיא מצוה פון תלמוד תורה מיט מעהר הדור כדי מעהר צוא מקדש זיין דעם שם שמים, דערפאר בעגעה איך זיך מיט זייא אויך לפנים משורת הדין, איך בעהאנדעל זייא ניט שטרענג נאכ'ן דין נור מיט רחמנות, מיט נאכזיכט. אין דעם תד"א זוטא שטעהט בזו הלשון: אידען וועללען אויסגעלאזט ווערען פון גלות ניט צוליעב דעם צער (וואס זייא האבען געהאט) ניט צוליעב דעם שעבוד (דיא קנעכטשאפט) ניט פון זייער וואלגער'ן זיך נע ונד וכו' נור צוליעב דעם זכות פון דיא צעהן מענשען וואס זיטצען צוזאממען אונ לערנען וכו'. נאך דיא אללע ערהאבענע מאמרים וואס רעדען בשבח פון דעם לערנען מיט א קבוץ (מיט א קאמפאניע) מוז זיך יעדער בעמיהען אליין, אונ צוטרייבען אנדערע ניט צוא לערנען תורה אלליין נור צוזאממען מיט אנדערע, אונ דאנן וועט דורך איהם נתקדש ווערען דער נאמען גאטטעס אונ אז וואהל וועט איהם זיין אויף יענער אונ אויף דער וועלט:

דאס איז אלץ גערעדט וועגען דיא וואס קאנען אליין אויך לערנען, איז דיא מצוה פון לערנען מיט אנדערע צוזאממען א סך גראססער, אבער דיא וואס קאננען אליין איבערהויפט ניט לערנען, אונ דינגען א רבין פאר זיך אליין פארמאגען זייא ניט, אזעלכע מוזען געווים צונויפקלויבען זיך אונ דינגען צוזאממען א רבין, וואס זאלל זייא אנווייזען דיא וועג פון גאטט, אין וועלכע זייא זאללען געהן אונ זייא זאללען מקיים זיין דיא תורה אונ דיא מצות*) אויף דעם האט שוין דער תנא געזאגט אין אבות, עשה לך רב וכו' מאך דיר

*) אין פיעל שטאדט געפינען זיך שוין פרומע אידען וואס זארגען פאר זייער פאלק אונ קלויבען אויף יונגע

שאמר התנא באבות עשה לך רב וקנה לך חבר, וגודל ענין זה אין צריך להאריך שבלא זה ישאר כל אחד בלא מקרא ומשנה והלכות ומה ישיב כשישאלו לו בתחלת הדין שלו על כל אלה וכבר כתוב בתורה

ע"ז

שחסר להם ידיעות התורה ומלמדים אותם מקרא משנה הלכות ואגדות ואשרי חלקם שאף שאין זה מגיע לענין עשיית ישיבות ות"ת שהיא עיקר הקיום לתורה שלא תשתכח מישראל שאם אין גדיים אין תישים, וכמואר לקמן בפרק י"ח ע"ש, אבל גם זה הוא ענין קדוש מאד ומרבים כבוד השי"ת בזה. ויען שאין הכל מתבוננים בגודל הענין אבאר קצת מגודל קדושת הדבר הזה ממה שנמצא בחז"ל למען יתחזקו רבים בזה ובפרט בזמננו זה שמצב ישראל נתרופף וכבוד ה' נתמעט בארץ. ראשית כל לבד המ"ע של ת"ת הרבים ידוע שקוגים בזה נפשות ממש שלוקחין עצמות יבשות ונופחין בקרבן נשמת חיים שע"י למוד התורה משיגין יראת ה' והנהגות ישרות בדרכי התורה ושמירת המצות עד שיהפכו ממש לאנשים אחרים וכמו שאחז"ל (ברכות ט"ז) למה נסמכו אהלים לנחלים (כדכתיב מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל כנחלים נטיו וגו') לומר לך מה הנחלים מעלים את האדם מטומאה לטהרה אף אהלים מעלים האדם מכף חובה לכף זכות;

ובן אמר התנא ר"מ באבות דכל המדות הקדושות כמו ענוה ויראה ואהבת המקום והבריות הכל נקנה לאדם ע"י למוד התורה וגם מזכין אותו לחיי נצח דבא רק ע"י לימוד התורה וכמו שאמר הכתוב כי לא דבר רק הוא מכם כי הוא חייכם ומבואר אצלינו במקום אחר מפסוקי התורה ומאמרי חכמינו ז"ל כי רק זאת היא חיי הנפש וגם מזכין אותם לתחיית המתים שאינם חיים אלא מי שיש בו אור תורה כמו שאחז"ל (כתובות קי"א) מהפסוק כי טל אורות טלך דכל מי שיש בו אור תורה אור תורה מחייהו. וכמה חביבים האנשים האלו בעיני השי"ת עבור זה גופא שמלמדין תורה לישראל שנקראים בניו ומביאין אותן לחיי עולם הבא. וכמו דאיתא בתנד"א (פי"ד) לענין עצם התורה לאחד ששאלו למה חביבה היא בעיני הקב"ה יותר מכל באי עולם והשיב לו בני מפני שדברי תורה מכריעין את בני אדם לכף זכות ומחנכין אותן למצות ומביאין אותן לחיי עוה"ב. משל למלך ב"ו שיש לו בנים ועבדים הרבה בתוך ביתו ויש למלך עבד זקן ביניהם שמלמד את בניו דרכים נאים ומע"ט ובכל יום ויום כשנכנסין בניו ועבדיו לפניו מניח המלך את כולם ואוהב את העבד הזקן שיש לו בתוך ביתו ואמרו לו עבדיו

למה

---

דיר, בעקום דיר א רבין אונ ערווערב (קריג) דיר א חבר. וויא וויכטיג דאס איז — וועגען דעם דארף מען ניט מאריך זיין, ווייל יעדער פערשטעהט עס אליין גאנץ גוט. ניט לערנענדיג בלייבט מען דאך ניט אויסענדיג א דין אונ איבערהויפט פרעמד אין אללעם. אונ וואס וועט מען אנטווערען, ווען מען וועט פרעגען אין דעם יום הדין: עסקת בתורה? האסט דוא געלערנט תורה? אונ עס שטעהט אין פסוק אז דיא

תורה

---

יונגע אונ אלטע לייט פון פראסטען גארד אונ לערנען מיט זייא תנ"ך, משניות, הלכות אונ אגדות. נאטירליך איז דאס אגאנץ גרויסע מצוה, חאטש דאס קוממט ניט צוא דער מצוה פון מיסד זיין ישיבות אונ תלמוד תורה'ס וואס דאס איז דער גרונד, דענן נור דורך דעם קאנן דיא תורה האבען א קיום אונ ניט פערגעססען ווערען ביים אידען, אבער דאס איז אויך איין גרויסע זאך, אונ ווייל ניט אללע ווייסען, וואס פאר א גרויסע מצוה דאס איז וועללען מיר דיא זאך ארומרעדען א ביסעל באריכות. ערשטענס איז דיא מצוה פון לערנען תורה, אנדערע, אזעלכע וואס קאנען אליין ניט לערנען, זעהר גרויס, דענן זייא מאכען אז דיא אידען זאללען זיין בעליעבט ביים גאטט אונ ער זאלל פרייד האבען פון זייא אונ פארשפארען שטראפען זייא. היינט וויא גרויס איז זייער זכות, וויא מיר האבען שוין א ביסעל בעוויזען אין דעם פרק. זייא געהמען איינפאך אויסגעטריקענטע ביינער אונ בלאזען אין זייא א נייע נשמה, דענן דורכ'ן לערנען ווערען דיא פראסטע אונוויסענדע מענשען גאר אנדערע, זייא קריגען יראת שמים אונ מדות טובות אונ היטען אב דיא מצוות התורה — זאגען וואס אהן דעם איז דער איד קיין איד ניט, וויא דיא גמרא זאגט אויף דיא פסוקים: מה טובו אהליך יעקב (וויא גוט זיינען דיינע געצעלטען יעקב, דיינע רוהע-ארטער ישראל) אונ גלייך נאך דעם שטעהט דער פסוק: כנחלים נטיו וכו' (וויא דיא טייכען זיינען זייא אויסגעשפרייט וכו') דעריבער — זאגט דיא גמרא — שטעהט דער ווארט נחלים (טייכען) נעבען דעם ווארט אהלים (געצעלטען) צוא בעווייזען מיט דעם אז פונקט וויא דיא טייכען מאכען דעם מענשען פון אומריין ריין, אזוי דיא געצעלטען (דיא אהלי התורה) מאכען דעם מענשען פון שולדיג (זינדיג) אונשולדיג. אונ אזוי שטעהט אין פרק, אז אללע הייליגע מדות, וויא ענוה (בעשיידענהייט) יראת שמים (גאטטעספורכט) גאטטסליעבע אונ מענשענליעבע — דיא אללע טהייערע מדות קאנן דער מענש קריגען נור דורכ'ן לערנען תורה. דער לערנען איז דעם מענש אויך מזכה מיט דיא חיים הנצחיים (דעם עוויגען לעבען). דיא מעלה פון דעם איז אין צוייטען

ערשטענס

ע"ז כי הוא חייך וארך ימיך דע"י התורה נברא כח החיים לנפש לעוה"ב לנצח. ועיקר הלימוד יהיה אצל אנשים כאלו בהלכות כדי שידעו לקיים מצות ה' שבלא הלימוד בודאי נכשלין בכמה גופי תורה וע"ז אמרו חז"ל גדול תלמוד שמביא לידי מעשה.

ומ"מ צריכים לקבוע עת ללמוד גם בספרים המיוסדים על עניני המוסר והמדות כדי להרגילם ליראת ה' וללכת בדרכי הצדק והיושר בין איש לרעהו כדי שלא יתחלל השם ח"ו דהנה האנשים המתקרבים עצמם יותר להתורה אם ימצא אצלם מדות מגונות [כגון מחלוקת

למה אהבת את העבד הזקן יותר מן הכל ואמר להם המלך אלמלא עבד זקן זה שהוא מלמד את בני דרכים נאים ונעימים ומעש"ט מה יהיה עליהם כך ד"ת הואיל ומכריעין את ישראל לכף זכות ומחנכין אותן במצות ומביאין אותן לחיי עולם הבא לפיכך חביבין ד"ת על הקב"ה יותר מכל באי עולם ומכל מעשה ידיו שברא. וממש ה"ה למי שמשתדל ללמד תורה לבניו של מקום הוא חביב ג"כ בעיני הקב"ה מכל באי עולם שהתורה הלא מונחת בקרן זוית ואם לא ימצא מי שישתדל ללמד אותה לבניו של מקום ישארו ריק מכנה ומכל המצות וא"כ הוא המכריע את בניו של הקב"ה לכף זכות ומחנכן במצות ומביאן לחיי עוה"ב ע"י התורה שלומד עמהן. והנה כתיב יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו ואימתי יש לו להקב"ה שמחה במעשיו בשיודעים תורתו והולכים במדות ישרות ושמו הגדול מתאהב ומתקדש על ידם וכמו שאחז"ל (יומא פ"ו), אבל אם ח"ו יהיו בורים וילכו בארחות עקלקלות מה שמחה מגיע לו להשי"ת מהם ורק עצבון (ובפרט כשמוכרח להענישם עבור עונותם, וכמו שאחז"ל (סנהדרין מ"ו) כשהאדם מצטער שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי) וא"כ זה שמלמד לבניו של מקום שיהיו יודעי תורתו ויעשו הטוב והישר לפניו ועי"ז מקבל הקב"ה שמחה בבניו בכמה הוא חביב ע"ז לפניו וכמה ישמח היא ויתענג עבור זה לנצח. ואלו האנשים מזכי הרבים זוכים עבור זה לבנים גדולי התורה שמזכין ישראל בתורה ומצות, וכמו דאיתא בתנד"א (פ"ח) גבי אלקנה שהשתדל לזכות את ישראל לעלות לרגל לירושלים וא"ל הקב"ה אתה הכרעת את ישראל לכף זכות וחנכת אותם במצות וזכו רבים על ידך, חייך שאני מוציא ממך בן שיכריע את כל ישראל לכף זכות ויחנך אותם במצות ויזכו רבים על ידו. ואל יקטן ענין הזה בעיני גדולי התורה לומר כי למודים הנצרכים לאנשים כאלו ימצאו אנשים אחרים שילמדו אותם ולא אבטל תורתי עבור זה דלא כן הדבר האף דבאמת במקום שאין אנשים כל מי שירא וחרד לדבר ה' ירוץ לדבר מצות הרבה הזו ויעזרוהו מן השמים, אבל אם יחזיק בזה הגדול בתורת יתקיים ויתגדל הדבר הרבה יותר דיתחברו רבים לשמוע לקחו ויורה להם הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון, ועל ביטול תורתו אל ידאג כלל דאיתא בתנא דב"א (פי"ג) דבשכר שמלמד תורה לרבים הקב"ה מפקח אותו ומוסיף לו חכמה ובינה וכדאיתא שם כל ת"ח המלמד תורה ברבים לישראל לש"ש ואינו נושא פנים לעשיר ולעני אלא מקרא הוא מקריא את כולם באחד ומשנה הוא שונה את כלם כאחד מתוך כך הקב"ה מרחם עליו ונותן בו חכמה ודעה בינה והשכל ונותן לו חלק עם הצדיקים אברהם יצחק ויעקב ועליו הכתוב אומר מעמל נפשו יראה ישבע בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים וגו' עכ"ל.

והנה באופן הלימוד נאות מאד להנהיג שכל בני החבורה יחזרו בעצמם זה עם זה את כל משנה ומשנה או פרשה או הלכה שלומד עמהם הרב שלהם ואחר חזרתם יתחיל עמהם משנה אחרת וכיו"ב. וכמה מעלות יש בזה ראשון. לכל שמתוך כך זוכרים למודם כדאיתא בעירובין פרק ביצד מערבין וחובא ביו"ד הלכות ת"ת שכל המוציא בפיו לא במהרה הוא שוכח וכן איתא שם עוד דא"ל שמואל לרב יהודה פתח פומך וקרי פתח פומך ותני שנאמר כי חיים הם למוצאיהם בפה ומקיימים כולם המ"ע של ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם (דקאי על מ"ע של לימוד תורה בדאיתא בקדושין ל"ר) דעיקרת

תורה איז דיין לעבען, דאס הייסט דורך דיא תורה קריגט דער מענש ערשט דעם כח החיים, דיא לעבענס־קראפט צו דעם עוויגען לעבען אויף יענער וועלט. אזעלכע מענשען דארפען איבערהויפט, פערשטעהט מען, וויא דיא נייטיגקייט איז, לערנען הלכות, כדי זיא זאללען וויסען א דין, דענן ניט לערנענדיג ווערען זיא געוויס נכשל אין פיעל עקרים. גדול תלמוד — זאגט דיא גמרא, — שמביא לידי מעשה (דער לערנען איז וועהר וויכטיג ווייל ער ברייננט צום טהון) נור מען דארף אויך בעשטימטען א צייט צו לערנען מוסר־ספרים וועלכע ווארצלען איין אין מענשען יראת שמים און אנדערע מדות טובות און הייסען איהם געהן אין דעם רעכטען וועג, סיי בין אדם למקום (דער מענש אין זיינע בעציעהונגען יצוא גאטט) און סיי בין אדם לחבירו (— אין זיינע בעציעהונגען צום צווייטען מענשען) כדי ער זאלל מיט זיין שלעכטער אויפפיהרונג

ערשטענס אז מען חזר'ט אליין איבער דאס געלערנטע געדענקט זיך בעססער, וויא אז מען הארט נור מיט דיא אויערען, וויא עס ווערדט געבראכט אין יורה דעה און וויא עס ווערדט ערצאהלט אין דער גמרא, שמואל האט געזאגט צו רב יהודה: אפפען אויף דיין מויל און ליי'ען (תנ"ך), אפפען אויף דיין מויל און לערן (משנה און גמרא) וויא עס שטעהט געשריבען וכו'. ביי דער מצוה פון לערנען תורה שטעהט אויך: ולמדתם וכו' לדבר בם (איהר זאלט זיא, דיא מצוות, לערנען אייערע קינדער צו רעדען אין זיא) אלזא איז

מחלוקת או שארי מדות רעות ופריצות ח"ו] יש חילול השם גדול אבל אם ירגילו עצמם ללכת בדרכי הצדק והיושר יתקדש שם שמים על ידם שהכל יאמרו שתורת ה' גרמה להם כל המדות טובות וכל זה ביומא (דף פ"ו) על הפסוק ואהבת את ה' אלהיך שיהא שם שמים מתאהב על ידך שיהא קורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ויהא משאו ומתנו בנחת עם הבריות מה הבריות אומרות עליו אשרי אביו שלמדו תורה' אשרי רבו שלמדו תורה אוי להם לבריות שלא למדו תורה פלוני שלמד תורה ראו כמה נעים דרכיו כמה מתוקנים מעשיו עליו הכתוב אומר ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר אבל מי שקורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ואין משאו ומתנו באמונה ואין דבורו בנחת עם הבריות מה הבריות אומרות עליו אוי לו לפלוני שלמד תורה אוי לו לאביו שלמדו תורה אוי לו לרבו שלמדו תורה פלוני שלמד תורה ראו כמה מקולקלין מעשיו וכמה מכוערין דרכיו כו'. וידוע שעון חילול השם גדול מאד מאד כדאיתא שם שאין מתכפר עון חילול השם לא בתשובה ויוה"כ ולא בימורין אלא כולן תולין ומיתה ממרקת וע"כ צריך האדם ליזהר בזה זהירות יתירה ובודאי יהיה האדם מכובד עבור זה

מהש"י

רעיקרת על דיבור בפה וגם יש כבוד שמים גדול בזה ע"י מה שלומדים כל החבורה יחד וכבר הבאתי למעלה כמה גדול וחביב בעיני הקב"ה ענין של לימוד התורה בחבורה שבעבור זה נושא פנים לישראל וקץ הגאולה לא יבוא אלא בזכות לימוד תורה בחבורות שקורין זה עם זה ושונים זה עם זה (ומשמע שם נמי דהעיקר שישמיעו קולם בעת למודם), ובסוגי הלימודים לאנשים כאלו בכלל כבר הבאתי למעלה דהעיקר הוא בהלכות להשמיע להם חוקי האלהים ותורותיו וגם לקבוע עת ללמודים המישרים נפש האדם להדריכו בדרך הישר אשר ילך בה בסוגי המדות ובזהירות המצות.

---

אויפפיהרונג ניט מחלל זיין שם שמים. אז מען וועט זיך געוואהנען געהן אין דער רעכטער וועג וועט דורך דעם נתקדש ווערען דער נאמען פון גאטט, ווייל אללע וועללען זאגען, אז דאס האט דיא תורה דערצוא געבראכט. אויפ'ן פסוק: ואהבת את ה' אלהיך, זאגט דיא גמרא, אז מען מיינט דערמיט, אז יעדערער מוז זעהן מאכען גאטטעס נאמען בע־ליעבט ביא אללעמען, מיט וואס? מיט דעם וואס מען לערנט פסוק און גמרא און מען רייבט זיך ארום תלמידי חכמים און צוגלייך בענעהט מען זיך עדעל און פיין מיט לייטען, וואס זאגען לייט אויף איהם? אז וואהל איז זיין פאטער וואס האט איהם געלערנט תורה! אז וואהל איז זיין רבין, וואס האט איהם גע־לערנט תורה, אז אך און וועה איז דיא וואס האבען ניט געלערנט תורה! יענער האט געלערנט תורה — זעהט נור, וויא שאן ער פיהרט זיך אויף, וויא אויס־געבעסערט עס זיינען זיינע מעשים! אויף איהם געהט דער פסוק: ויאמר לי עבדי אתה וכו'. און ער, גאטט, האט מיר געזאגט: דוא בינסט מיין קנעכט ישראל, וואס מיט דיר ריהם איך זיך, אבער דער וואס האט געלערנט פסוק און גמרא און האט זיך געריבען ארום תלמידי חכמים, אבער זיין בענעה מיט לייטען איז ניט עדעל און פיין, און רעדט ניט פריינדליך מיט א מענשען — וואס זאגען לייט אויף איהם? וועה איז יענעם וואס האט געלערנט תורה, וועה איז זיין פאטער וואס האט איהם געלאזט לערנען און וועה איז זיין רבין, וואס האט מיט איהם גע־לערנט! דער און דער האט געלערנט תורה — זעהט נור וויא מיאוס ער פיהרט זיך אויף, וויא שלעכט זיינע מעשים זיינען! (יומא דף פ"ו). און דער חטא פון חלול השם איז אזוי גרויס אז ער ווערדט ניט פער־געבען ניט דורך תשובה און יום כפור און ניט דורך

יסורים

איז דיא מצוה דווקא אין רעדען, זאגען דיא ווארטער מיט'ן מויל. צווייטענס איז אין דעם וואס מען הערט איבער אללע צוזאממען דאס געלערנטע איז דא א גרויסער קדוש השם, וויא מיר האבען שוין פריהער ארומ־גערעדט, וויא בעליעבט עס איז ביא גאטט דער לערנען תורה אין א קבוץ, וואס צוליעב דעם איז ער נושא פנים דיא אידען און דער סוף פון גלות וועט אויך קוממען נור בזכות זה וואס מען זאלל לערנען אקאמפא־ניע, אללע צוזאממען. וועגען דעם האבען מיר שוין פריהער גערעדט, אז דער עיקר מוז זיין הלכות (דינים) אבער מען מוז אויך בעשטימען א צייט אויף מוסר־ספרים וואס וויזען דעם מענשען דיא ריכטיגע וועג און פלאנצען אין איהם איין גוטע מדות לטוב לו כל הימים צוא זיין גליקק אויף עוויג.

**מהש"י** וכדכתיב בי מכבדי אכבד. ובעצם קיבוץ דחבורות האלה ובפרט ביום השבת כבר הזהיר הקב"ה למשה כדאיתא במדרש ויקהל בתנחומא על פסוק **ויקהל משה א"ל הקב"ה** למשה לך רד ועשה קהלות בשבת כדי שילמדו כל הדורות הבאים אחריך להקהיל קהלות להכנס לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ללמוד בהם תורה לרבים, ואף דעצם החיוב ללמוד תורה הוא בכל יום, על השבת החיוב יותר כי נתקדש לזה כדאיתא בירושלמי [והובא בב"י סימן רפ"ח בא"ח] לא נתנו שבתות ויו"ט לישראל אלא כדי שיעסקו בהן בתורה וגם העם פנוים אז ממלאכתם ויש בזה זכות גדול שמונע אותם מכמה תקלות המצויות לבוא מפני הבטלה, והנה אף כי ענין הזה גדול מאד אף בדורות הראשונים, בזמנים אלו גדול הרבה יותר דידוע דהאדם בלי תורה הוא חשוב כסומא המגשש באפלה שעומד ליפול בלי דעת בחפירות ומכשולים רבים ע"י שיטה מן הדרך הישר וכמו שאמר הכתוב נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי וכן נאמר מצות ה' ברה מאירת עינים והיינו דמשום דבלא אור התורה יכשל בע"כ באיסורים ומכשולים גדולים על ידי יצרו הגדול דהרי הוא כסומא שאין לו אור עינים להזהר בעצמו, והנה הסומא לפעמים ילך גם הוא שלם בדרכו דהיינו כשהולך בדרך שהורגל בה וידוע לו שהיא דרך ישרה בלי מכשולים וילך בה לאט לאט לשלום אבל אם יוליכוהו למקומות חדשים שלא ידע הדרכים מעולם וכ"ש אם הדרכים באמת עקלקלים ובהרבה מכשולים בודאי סכנתו עצומה לילך שם ביחידי וכן הוא בענינינו דמלפנים כשהיו ישראל יושבין על מקומן האיש שלא היה בו אור תורה ג"ב היה הולך ע"פ

הדחק

---

יסורים פיידען דורכן טוידט. דעריבער דארף מען זיך אין דעם זעהר היטען אונ געווים וועט מען דאפיר פון גאטט זעהר געעהרט זיין, וויא עס שטעהט: כי מכבדי אכבד (דיא וואס עהרען מיך וועל איך עהרען): האומנם! אייגענטליך האט גאטט שוין משה'ן אנגע-זאגט מכח דעם מאכען קבוצים צוא לערנען תורה, בפרט נאך שבת, וויא עס שטעהט אין מדרש אויפ'ן פסוק ויקהל משה: גאטט האט געזאגט משה'ן, געה אונ זאממעל אויף קהלות אם שבת צוא לערנען תורה, כדי דיא שפאטיגע דורות זאללען דיר נאכטהון אונ זאללען זיך אויך אויפקלייבען אין דיא בתי מדרשים שבת צוא לערנען תורה, אבוואהל דער חוב צוא לערנען תורה איז יעדען טאג, אבער שבת איז דער חיוב נאך גראססער, ווייל דער שבת איז דערצו בעשטיממט, וויא עס שטעהט אין ירושלמי: דיא שבתים אונ דיא ימים טובים זיינען אידען געגע-בען געווארען נור כדי זייא זאללען זיך אין זייא עוסק זיין בתורה. א חוץ דעם ווייל דאס פאלק איז שבת פרייא פון דער ארבייט, ווערען זייא דורכ'ן לערנען תורה ממילא אבגעהאלטען פון פיעל עבירות צוא וועלבע עס וואלט זייא געבראכט דער לעדיג געהן, אונ דער זכות פון דעם מענשען וואס בריינגט דער-צוא מען זאלל אויפקלייבען זיך תורה לערנען – איז זעהר גרוים. אונ וועז דער ענין איז שטענדיג געוועזען הויך, איז ער היינטיגע צייטען פיעל האכער, דענן איבען זיינען צוזייעט אונ צושפרייט אין גאנץ וועלט אונ טויזענדער אידען פערלאזען זייער היים אונ קוממען אין פרעמדע לאנדער, מיט פרעמדע זיטטען צווישען אזעלכע חברים וואס פון גרוים אונוויסענהייט אדער שארלאטאנסטווא, האבען זייא פון זיך אראבגענוממען דעם עול התורה והמצות, היינטיגע צייטען – זאגען מיר – שטעהט דיא מצוה פון תורה לערנען ניט דער ערך האכער. אהן דעם אור התורה ווערדט דער איד געררעכענט וויא א בלינדער וואס טאפט אין פינסטער-ניש, וואס ער איז עלול אריינצופאללען אין דיא גריבער וואס עס איז דא אין וועג, וועגן ער וועט נור אבטרעטען א ביסעל פון גלייכען וועג, וויא דער פסוק זאגט נר לרגלי דברך ואור לנתיבתי, דיינע רייד (גאטטעס רייד) זיינען צוא מיינע פים א ליכט, אונ א בעלייכטונג צוא מיין וועג, אויך מצות ה' ברה מאירת עינים, גאטטעס געבאטט איז קלאהר עס ער-לייכטעט דיא אויגען, אונ אהן דעם אור התורה קאנן מען נכשל ווערען אין גרויסע איסורים דורך דעם יצר הרע וואס ער וויל אראפפיהרען פון גלייכען וועג. אין א גלאטע אויסגעטראטענע אונ בעקאנטע וועג וועט, פון דעסטוועגען, דער בלינדער אויך געהן זיכער, אבער זאלל ער נאר קוממען אין א נייעם אונבעקאנטען געגענד, וועלבער איז נאך דערצוא פול מיט מכשולים (שטרויכלונגען) דארט איז דאך פאר איהם דיא סכנה געווים גרוים אונ ער קאנן געהרג'ט ווערען אויף יעדען טריטט אונ שטריט. זאו איז מיט דעם גייסטיג-בלינדען אויך. אמאל אז אידען זיינען

געזעסען

הדחק בשלום בימי חייו כי הלך בדרך אבותיו ובדרך שהנהיגו חכמי ישראל עיני העדה אבל בזמנים אלו שישראל מפוזרים ומטולטלים בקצוי תבל ובאים למקומות ודרכים חדשים וגם דרכים עקלקלים בהרבה מכשולים לא יוכל לקוות שלא ינגף רגליו כ"א האיש שאור תורה מאירת עיניו ולכן אשרי לחתאמץ בזה :

# פרק טו

## בו יבואר גודל החיוב על האדם ללמד לבנו תורה.

מצות עשה מן התורה על האב שילמד לבנו תורה כמו שנאמר ולמדתם אותם את בניכם וכשם שמצוה ללמד את בנו כך מצוה ללמד את בן בנו שנאמר והודעתם לבניך ולבני בניך. ומאימתי מתחיל ללמד לבנו משיתחיל לדבר מתחיל ללמדו פסוק תורה צוה לנו משה וגו' ופסוק ראשון מפרשת ק"ש ואחר כך מלמדו מעט מעט עד שיהיה כבן שש או כבן שבע ואז אם אין לו פנאי ללמדו לעצמו חייב להשכיר לו מלמד ללמדו תורה [רמב"ם ויו"ר] ואותן האנשים שאינם נותנין לבניהן רק ללמדו חומש ולא יותר אין יוצאין ידי חובתן וכבר נפסק ביו"ד סימן רמ"ה ס"ו דמי שאפשר לו חייב להשכיר לו מלמד ללמד אותו גם משנה גמרא הלכה ואגדה וידעתי כי ישיבו ע"ז כי הוא משום דדחיקי להו שעתא ללמדם יותר אבל באמת באשר יתבוננו היטב בנפשם ידעו כי רק היצר מתעה אותם כי הלא על שאר דברים שהוא רק תועלת גופני להבן כל אחר עוזר לבנו בכל כחותיו יותר מכפי יכלתו וגם כמה פעמים מוסר את נפשו לסכנת האבדון עבורו דהיינו שהוא עושה דברים שהוא שלא כדין בין אדם לחבירו

---

גענעסען אויפ'ן ארט האט יעדער זיך געקאנט זיכער געהן מיט דעם רעכטען וועג, ווען ער האט אפילו ניט געהאט דעם אור התורה, דענן ער איז געוואהנט געווען צוא פיהרען זיך פון קינדהייט אן אונ ער פלעגט זעהן דיא פיהרונג פון דיא לומדים, אזוי האט ער זיך אויך געפיהרט. היינט אבער וואס דער איד ווערט אפט פערווארפען אין איין עקקוועלט צווישען אומות, אדער צווישען אידען וואס פיהרען זיך אויף ניט אידישליך, היינט איז קיינער ניט זיכער אז ער וועט ניט נכשל ווערען אפילו אין דעם גראסס-ען איסור ווען ער וועט ניט האלטען אין האנד דיא ליכט פון דער תורה. וועלכע וועט איהם בעלייכטען זיין פינסטערען ניט-גלייכען וועג וואס ער ווערדט דארטען פארווארפען, דעריבער — אז וואהל איז דעם מענשען וואס שטארקט זיך אין דעם אליין אונ וואס קריינגט אנדערע צוא דער גרויסע מצוה פון למוד התורה:

## פרק טו

עס איז א מצות עשה מן התורה, דער פאטער זאלל זיין קינד לערנען תורה, וויא עס שטעהט: ולמדתם אותם את בניכם (אונ איהר זאללט זייא — דיא דברי התורה — לערנען אייערע קינדער. דיזעלבע מצוה איז אויפ'ן זיידען צוא לערנען מיט זיין אייניקעל תורה, וויא עס שטעהט: והודעתם לבניך ולבני בניך (דוא זאלסט זייא בעקאנט מאכען דיינע קינדער אונ דיינע אייניקליך. אונ פון וועלכע יאהר בעדארף מען אנ-פאנגען לערנען א קינד תורה? וויא ער פאנגט נור אן צוא רעדען הויבט מען מיט איהם אן צוא זאגען דעם פסוק: תורה צוה לנו משה וכו' אויך דעם ערשטען פסוק פון קריאת שמע, אונ דאנן לערנט מען מיט איהם ביסליכווייז ביז ער ווערדט זעקס זיבען יאהר אלט, אונ דאמאלס, אז מען האט אליין קיין צייט ניט צוא לערנען מיט'ן קינד מוז מען איהם דינגען א רבין. אונ דיא וואס לאזען זייערע קינדער נור חומש לערנען, דיא זיינען ניט יוצא, וויא עס שטעהט אין יורה דעה דער דין, אז דער וואס קאנן נור איז מחויב צוא דינגען פאר זיין זוהן א מלמד צוא לערנען מיט איהם משנה גמרא הלכה אונ אגדה. אנדערע זאגען א תירוץ אז זייער שלעכטע לאגע ער-לויבט זייא ניט צוא לאזען זיך אזוי פיעל קאסטען אויף א קינד. אז זייא זאללען אבער גוט בעטראכטען דיא זאך וועללען זייא אליין זעהן, אז דאס שמועסט זייא אזוי איין נור דער יצר הרע. פאר וואס איז גאר קיין תירוץ ניטא בעת מען דארף פערזארגען א קינד מיט א תכלית אדער בייא אנדערע געלעגענהייטען? דאנן מאטערט מען זיך חאטש מיט דיא לעטצטע כחות אבי צוא שטיטצען דעם זוהן, אפט פערשפילט מען צוליעב א קינד דעם גאנצען עולם הבא, ווענן מען טהוט למשל, א זאך וואס מען טאר ניט, צוא

דאס

לחבירו ובין אדם למקום והוא מתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי אני עושה בזה צדקה בכל עת לפרנס בני ביתי וכשהוא צריך לחזק את בנו לתורה שידע איך לעבוד את ה׳ והוא מביא בזה להבן וגם לעצמו לחיי עוה״ב כמו שנעתיק לקמן ממדרשי חז״ל הוא אומר דרחיקא ליה שעתא והרי זה כמו שאמר הכתוב ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל בי דייקא ואיתא במדרש ע״ז הכתוב כל יומא טרי (הוא נושא ונותן) ולא לעי צלי ולעי. ובאמת הוצאת בניו לת״ת הוא חוץ ממזונות הקצובין לו מר״ה כמו שאמרו חז״ל כל מזונותיו של אדם קצובין לו מר״ה עד יוה״כ חוץ מהוצאות שבתות וכו׳ והוצאת בניו לת״ת שאם פחת פוחתין לו ואם מוסיף מוסיפין לו. לך נא ראה מה שאחז״ל (בקדושין ד״ל) כל המלמד את בן בנו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו קבלה מהר סיני שנאמר והודעתם לבניך ולבני בניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה׳ אלהיך בחורב. גם ע״ז זוכה לאריכת ימים הוא ובניו כמו דכתיב ולמדתם אותם את בניכם וגו׳ וסמיך ליה למען ירבו ימיכם וימי בניכם וגו׳. גם ע״י לימוד תורתו של הבן זוכה להנצל מגיהנם כדאיתא בתנד״א זוטא (פי״ב) ע״ה שהקרו והשנו את בניהן תורה בניהן מצילין את אביהן מאוהה בושה וחרפה ומאותה כלמה ומדינה של גיהנם שנאמר וגו׳. ולפעמים זוכה ג״כ להמנות עבור זה בין הצדיקים כמש״א במדרש הנעלם של רות פרק שני ר׳ זמיראה נפק לחקל אונו חמא באינון בקעי קרדוניתא (פי׳ בין הבקעים של הרי אררט) קומטרי שלהובי דסלקן (פי׳ משאות שלהבת עולים משם) ארכין אודניה (פי׳ הטה אזנו) ושמע קלין א״ל ההוא ערבאה זיל בהדי ואראה לך פליאן טמירין מבני נשא אזל עמיה אחורי טנרא (סלע) וחמי בקיעין אחרנין ושלהובין סלקין לעילא שמעו קלין אחרנין א״ל

---

דָאס אִיז אַיין עֲבֵירָה גֶעגֶען גָאטט אָדֶער גֶעגֶען דֶעם צְווייטֶען, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין עֲבֵירָה נִיט, וַוייל מֶען טְהוּט עֶס צוּלִיעב ווייב אוּנ קִינְדֶער. פַאר וָואס, פְרֶעגֶען מִיר, קוּקְט מֶען דַאנְן נִיט אוֹיף קֵיין נָאךְ אוּנ מֶען שַׁאפְט דִיא נֶאטְהִיגֶע מִיטטֶלְעֶן, וִויא שְׁוֶוער דָאס זָאלל נִיט אָנְקוּמֶען? אוּנ אַז עֶס הַאלְט בַּייא מַאכֶען אַ קִינְד פַאר אַ אִידֶען, צוּא מְזַכֶּה זַיין זִיךְ אוּנ דָאס קִינְד מִיט עוֹלָם הַבָּא, דַאנְן גֶעפִינֶען מִיר תִּירוּצִים: עֶס אִיז שְׁוֶוער, דִיא צֵייט אִיז שְׁלֶעכְט אוּנ דֶערגְלַייכֶען! אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק: כִּי יָגַעְתָּ בִּי יִשְׂרָאֵל (דוּא יִשְׂרָאֵל בִּיזְט מִיעד גֶעוָוארֶען בַּייא מִיר, כְּעֶת עֶס הַאלְט צוּא טְהוּן וָואס פַאר מִיר, דַאן וֶוערְסְט דוּא מִיעד) אוּנ וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אוֹיפ׳ן זֶעלְבֶּען פָּסוּק: דֶעם גַאנְצֶען טָאג הַאנְדֶעלְט עֶר אוּנ אִיז נִיט מִיעד, וִויא עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ נוּר דַאוְונֶען, דָא וֶוערְט עֶר שׁוֹין מִיעד. אִין דֶער אֱמֶת׳ן זַיינֶען דִיא הוֹצָאוֹת, וָואס גֶעהֶען אַוֶועק אוֹיף לֶערְנֶען קִינְדֶער תּוֹרָה, נִיט אַרַיינְגֶערֶעכֶענְט אִין חֶשְׁבּוֹן פוּן דִיא רָאשׁ הַשָּׁנָה, וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט: פוּן רָאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם כִּפּוּר וֶוערֶען דֶעם מֶענְשֶׁען נַאזְנַאטְשֶׁעט זַיינֶע לֶעבֶּענְסְמִיטטֶעל אַ חוּץ דִיא הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּת וכו׳ אוּנ דִיא הוֹצָאוֹת פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר דִיא קִינְדֶער. וָואס אִין דֶעם אַז מֶען פֶערְקְלֶענֶערְט דִיא אוֹיסְגַאבֶּען גִיבְּט מֶען פוּן הִימְמֶעל אוֹיךְ וֶוענִיגֶער, אוּנ פֶערְקֶעהְרְט אַז מֶען פֶערְגְרֶעסֶערְט דִיא אוֹיסְגַאבֶּען אוֹיף דֶעם אִיז מֶען פוּן הִימְמֶעל אוֹיךְ מוֹסִיף. דֶער וָואס לֶערְנְט זַיין זוּהן אוּנ זַיין עֶנִיקֶעל תּוֹרָה אִיז עֶר בַּייא גָאטְט פֶערְרֶעכֶענְט, וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט, גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אַלֵיין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי׳ן בַּארְג סִינַי אוּנ מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִיא תּוֹרָה, וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען וכו׳. דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה אַלֵיין אוּנ דִיא קִינְדֶער צוּא מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין, וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גְלַייךְ נָאךְ דֶעם פָּסוּק: וְלִמַּדְתֶּם אוֹתָם – לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם (כְּדֵי אִיהְר אוּנ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְלְט לֶעבֶּען לַאנְג). דֶעם זוּהן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ מַצִיל דֶעם פָאטֶער פוּן גֵיהִנוֹם, וִויא עֶס שְׁטֶעהְט אִין תדב״א זוּטָא. אָפְט אִיז מֶען דַאדוּרְךְ זָאגַאר זוֹכֶה צוּא גֶערֶעכֶענְט וֶוערֶען צְווִישֶׁען דִיא צַדִּיקִים, וִויא עֶס וֶוערְדְט עֶרְצֶעהְלְט אִין מִדְרָשׁ הַנֶּעְלָם: רַבִּי זְמִירָאָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וֶועג, הָאט עֶר מִיט אַ מָאל דֶערְזֶעהְן וִויא פוּן דִיא שְׁלוּכְטֶען (שְׁפַּאלְטֶען) פוּן גֶעוִויסֶע בֶּערְג, שְׁפַּארֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער עֶרְד פְלַאמֶען פַייעֶר, אַז עֶר הָאט צוּגֶעלֶעגְט דֶעם אוֹיעֶר, הָאט עֶר דֶערהָארְט מֶענְשְׁלִיכֶע שְׁטִימֶען, דָא הָאט אִיהְם אַיין אַרַאבֶּער גֶעזָאגְט: קוּמם מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ דִיר צֵייגֶען אֵיין אָרְט, וואוּ עֶס לִיעגֶען בֶּעהַאלְטֶען מֶענְשֶׁען (אַ בֵּית עָלְמִין). אִיז עֶר מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען בִּיז הִינְטֶער אַ פֶעלְזֶען, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַנְדֶערֶע שְׁלוּכְטֶען (שְׁפַּאלְטֶען) אִין דֶער עֶרְד פוּן וֶועלְכֶע עֶס

דינען

א"ל ארכין אודנך הכא וכו' ארכין אודניה ושמעין קלין דאמרין וי וי ודאי הא אתר דא חד מאינון דוכתי דגיהנם הכא ועבר ההוא ערבאה ואשתאר הוא אדהכי גחין גו דוכתא אחרא וחמא חד בר נש דהוה רמי קלין הוו נטלין ליה ואעלין ליה לעומקא דמדורא אחרינא ואכסאי ולא חמי יתיר אדמוך חמא בחלמא ההוא גברא א"ל מאן את א"ל דיודאי חייבא אנא דלא שבקנא בישין חטאין בעלמא דלא עברנא א"ל בגו חלמא מה שמך א"ל לא ידענא דחייבי גיהנם לא דכרין שמייהו שמא דדוכתך מהו א"ל בגלילא עלאה קצבא הוינא ומגו בישין סגיאין דעבדנא התם דיינין להוא בר נש תלתא זמנין בימטא ותלתא זמנין בליליא קם מתמן ואזיל ליה לגלילא עלאה שמע קל ינוקא דהוה אמרין אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה' (משלי ב') אזיל לבי מדרשא אחרא שמע קל ינוקא אחרא דהוה אמר בקשו צדק בקשו ענוה אולי תסתרו וגו' (צפניה ב') אזל תפש אבתריה דההוא גברא רשע ולחד ינוקא קא שאל א"ל רבי תיתי כך וכך לההוא גברא דלא שבק בישין וחטאין בעלמא דלא עבד כך וכך תהא לההוא גברא רשע ולההוא ינוקא דיניקו ליה א"ל ברא שבק בעלמא א"ל הן חד ברא שבק והוא רשע כאבוה והאי ינוקא דאזיל בבי מטבחיא תפש אבתריה ונטיל ליה ולעי ליה באורייתא עד דאוליף ליה מקרא וצלותא וק"ש לבתר אוליף ליה משנה ותלמוד והלכות ואגדות עד דאתחכם יתיר והיינו רבי נחום הפקולי אמאי קרי ליה הפקולי כמד"א (ישעיה כ"ח) פקו פליליה דינפיק ליה לאבוה מן דינא דההוא עלמא וכמה חביטי דרא דנפקי מניה ואקרון פקולי ההוא גברא אתי ליה בחלמא וא"ל רבי כמה דאנת נחמת לי בן ינחם הקב"ה אותך דהא מן יומא דידע בני פסוק חד פקו לי מן דינאי כיון דקרא ק"ש סלקין דינאי בין בימטא בין בליליא וזמנא חד כיון דקרי בי רב אעבר דינאי מכל וכל יומא דאתחכם וקרו ליה רבי אתקינו כורסי בין צדיקיא בגינתא דעדן ובכל יומא ויומא דאתחדשא אורייהא בשמיה מעטרין לי

זייגען אויך ארויס פלאמען פייער, און עס האבען זיך אויך געהערט מענשליכע קולות. דער אראבער האט איהם געזאגט: לייג דא צו דעם אויער. האט ער צוגעלייגט דעם אויער און האט געהערט גע־שרייען: וועה, וועה! געוויס איז דא דער גיהנום, האט ער זיך געטראכט. אז דער אראבער איז אוועק און ער איז אליין געבליעבען, איז ער אוועק געקראכען אויף איין אנדער ארט, האט ער דארט געזעהן א מענשען וואס האט יאממערליך געשריען. דאן האט ער געזעהן, האט מען איהם גענומען און אריינגע־וואָרפען אין דעם לעצטען שייטערהויפען (מדורת אש) און מעהר האט ער איהם ניט געזעהן. נאכהער האט ר' זמיראה דעמזעלביגען מענשען געזעהן אין חלום, ווער בינסט דוא? האט ער איהם געפרעגט. איך בין א גרויסער רשע – האט יענער געאנטווערט – איך האב אויף דער וועלט ניט דורכגעלאזען ניט איין עבירה וואס איך האב ניט געטהון. וויא רופט מען דיך? די רשעים אין גיהנום פארגעסען אין זייער נאמען. פון וואנעט בינסט דוא? פון גליל העליון. איך בין דארטען געווען א קצב און פאר מייגע גרויסע עבירות, וואס איך האב דארטען געטהון, איז מען מיר דן (מען משפט מיר), דרייא מאל בייא טאג, און דרייא מאל בייא נאכט. אז ר' זמיראה האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף איז ער אוועק אין גליל העליון. געהענדיג אהין האט ער דערגאנגען אז יענער רשע האט געלאזען א איינגעל, וואס איז אזוי זינדיג וויא זיין פאטער, האט ער איהם גענומען צו זיך און האט מיט איהם אנגעפאנגען צו לערגען פריהער פסוק, דאווגען און ק"ש, דאן משנה, תלמוד, הלכות און אגדות ביז ער איז געווארען א גרויסער חכם און איז שפעטער בעקאנט געווארען מיט'ן נאמען ר' נחום הפקולי, (הפקולי האט מ ן איהם גערופען טייל ער האט דעם פאטער ארויסגעצויגען פון גיהנום, וויא עס שטעהט: פקו פליליה – זייא האבען ארויסגעצויגען פון דעם דין (דינו של גיהנום) – אויך וייל עס איז פון איהם ארויס א שאנער דור). דער געוועזענער קצב איז דאן געקומען צו ר' זמיראה אין חלום און האט איהם געזאגט: רבי! וויא דוא האסט מיר געבראכט נחמה אזוי זאלל גאט דיר מנחם זיין. פון דעם טאג אן וואס מיין זוהן האט געוואוסט א פסוק האט מען מיר שוין מעהר וויא איין מאל ניט געמשפט, אז ער האט אנגעפאנגען צו לערג ן בייא א רבין האט מען פון מיר אין גאנצען אראבגענומען די שטראף, אין דעם טאג וואס ער האט געקראגען דעם טיטול „רבי" האט מען מיר געשטעלט א שטוהל אין גן עדן צווישען די צדיקים, און יעדען טאג

וואס

לי בעמרא עלאה דצדיקיא מתעטרין בגינך זכינא בכל האי יקר וכאה איהו חולקיה מאן דשבק ברא דלעי בתורה בהאי עלמא עכ"ל וכזה איתא ג"כ בתנא דבא"ז פי"ז וז"ל אריב"ז פ"א הייתי מהלך בדרך ומצאתי אדם אחד שהוא היה מלקט עצים ודברתי עמו ולא החזיר לי דבר ואח"כ היה בא אלי וא"ל רבי מת אני ולא חי א"ל אם מת אתה עצים הללו למה לך וא"ל רבי האזין לי מה שאומר לך ד"א כשהייתי חי אני וחבירי היינו עוסקים בעבירה בפלטרין שלי ובשבאנו לכאן גזרו עלינו גז"ד של שריפה כשאני מלקט עצים שורפין את חבירי וכשהוא מלקט עצים אז שורפין אותי וא"ל דינכם עד מתי וא"ל כשבאתי לכאן הנחתי את אשתי מעוברת ויודע אני שזכר היא מעוברת לכן בבקשה ממך הוי זהיר בו משעה שיהיה נולד עד שיהיה בן חמש שנים תוליך אותו לבית רבו למקרא כי בשעה שהוא יאמר ברכו את ה' המבורך אז יהיו מעלין אותי מדינה של גיהנם:

# פרק טז

## עוד מענין זה.

עוד מצינו שע"י החזקת בנים להתורה הקב"ה נושא פנים לישראל כמו דאיתא בתנד"א פרק כ"ג תשובת הקב"ה למדת הדין ששואלת לפניו למה נושא פנים לישראל והלא כתיב האל הגדול וגו' אשר לא ישא פנים והשיב הקב"ה האיך אתה אומר למה אני נושא פנים לישראל והלא כבר נשאו לי פנים וכו' ועוד שהם מלמדין את התורה ועומדין אגודות אגודות ועוסקין בתורה ונותנין שכר למלמדים שילמדו לבניהם תורה ולהיפך גודל העונש למי שמעביר בנו מת"ת מבואר בזוה"ק פ' פקודי וז"ל תרין סמכין דלסטר מערב כו' אלין אתמנן לאברזא בכל רקיעין לכל אינון דמעברין בנייהו מאורייתא וסלקין לון דלא ילעון בה כדין נפקא כל הני ממנן ומכרזי ואמרי וי לפלניא דקא

---

וואס עס ווערדט נתחדש אין דער תורה אין נאמען פון מיין זוהן קרוינט מען מיר מיט דער ערהאבענע קרוין מיט וועלכע דיא צדיקים ווערען געקרוינט. און צו ליעב וועמען האב איך דערצוא זוכה געוועזן? נור צו ליעב דיר. אז וואהל איז דעם מענשען וואס לאזט אויף דער וועלט א זוהן וואס איז זיך עוסק בתורה. אזא מין געשיכטע ווערדט אויך ערצאהלט אין תנא דבי אליהו זוטא: איין מאל — ערצאהלט דארטען רבי יוחנן בן חכימי — בין איך געגאנגען אין וועג, האב איך געטראפען א מענשען קלייבענדיג האלץ. אז איך האב מיט איהם אנגעפאנגען צוא רעדען האט ער מיר קיין ווארט ניט געאנטווערט. נאכהער איז ער צוא מיר געקומען און האט מיר געזאגט: רבי, איך בין א מת. אויב דוא בינסט א מת — האב איך איהם געאנטווערט — וואצוא דארפסט דוא האבען דאס האלץ? בעת איך האב געלעבט — האט ער געאנטווערט — האב איך מיט מיינעם א חבר געטהון צוזאמען איין עבירה. און אז מיר זיינען געקומען אהער האט מען אויף אונז גוזר געוועזן צוא פערברענען אונז. בעת מען דארף פערברענען מיין חבר קלויב איך האלץ, בעת עס קומט מיין צייט צוא פערברענט ווערען, דאן קלויבט מיין חבר האלץ. ביז וויא לאנג וועט מען דאס אייך אזוי משפט'ן? פרעג איך איהם. בעת איך בין געקומען אהער (אז איך בין געשטארבען) האב איך געלאזען מיין פרוי מעוברת און איך ווייס, אז זיא וועט האבען א אינגעל, בעט איך דיך אלזא, דוא זאלסט האבען אויף איהם השגחה און אז ער וועט אלט ווערען פינף יאהר זאלסט דוא איהם פיהרען אין חדר לערנען פסוק דענן וויא ער וועט זאגען: „ברכו את ה' המבורך" וועט מען מיך ארויסגעהמען פון גיהנום:

## פרק טז.

מיר געפינען אויך אז פאר'ן זכות פון שטיטצען קינדער זייא זאללען קאנגען לערנען תורה איז גאטט נושא פנים דיא אידען וויא מיר זעהען פון דעם תדב"א אז גאטט האט געאנטווערט דער מדת הדין, אויף איהר פראגע, פאר וואס ער איז נושא פנים דיא אידען, חאטש עס שטעהט אשר לא ישא פנים, וועלכער איז קיינעם ניט נושא פנים (איז ניט נאכזיכטיג), אויף דער שאלה האט גאטט געאנטווערט: דוא פרעגסט מיך וכו' נאך מעהר: זייא לערנען מיט אנדערע תורה און קלויבען זיך אויף קומפאניעסווייז עוסק צוא זיין זיך בתורה און צאהלען שכר למוד פאר דיא קינדער. וויא גרויס עס איז דער עונש פאר'ן צוגעהמען דיא קינדער פון דער גמרא זעהט מען פון זוהר פ' פקודי, וואס עס שטעהט, אז עס ווערדט אויסגערופען אין אללע הימלען, וועה דעם און דעם מענשען וואס האט

דקא אעבר בריה מאורייתא ווי ליה דקא אתאביד מעלמא דין ומעלמא דאתי מחולקא דעלמא דאתי כו' עכ"ל. ובפסחים קי"ג אמר שם נמי שבעה כמנודין לשמים ואחד מהן מי שיש לו בנים ואינו מגדלן לת"ת. והנה בעתות אלה בארצות הרחוקות התחילו כולם בעו"ה להתנהג חרשות בחינוך ולימוד בניהם שלא ללמדם כלל משנה גמרא [ושלא כדין תורתנו שמחוייב האב ללמד לבנו את כל אלה כמבואר בגמרא ובשו"ע יו"ד כנ"ל בפרק הקודם] ומי שנותן בנו לבית הספר אינו מלמדו רק להתפלל ולפעמים מעט חומש ודי ויש שגם חומש לא ילמדו עמהם ורק סיפורי התורה בקיצור ונחשב בעיני הנער רק כסיפורי דברי הימים בעלמא וכל זמני היום עוסקים בשפות והשכלות ולמודי חול וכשיגדלו מעט מסלקים אותן מרשותן ומחנכין אותן תיכף להשתכר לעצמן אוי ואבוי שכך עלתה בימינו דרכים חדשים שלא שערו אבותינו. ומפני שהענין הזה מהרס יסודות קיום כל האומה הישראלית שאם אין גדיים אין תישים מוכרח אנכי להאריך קצת אולי יועיל בעזהי"ת לאיזה אנשים מהם שיתבוננו בדרכיהם הרעים האלו ויתנו לב להיטיב דרכם בחינוך בניהם. הנה ידוע מצות חינוך שחיוב גדול על האב לחנך בנו מימי ילדותו לתורה ולעבודת ה' כפי כח הילד כדי שלא יסור מהם עד זקנה ושיבה ובחינוך החדש הזה שמחנכים לבניהם נשארו הנערים נעורים לנצח מן התורה ומן המצות וממדות ישרות וגם הרבה מהם בשהם מימי ילדותן ברשות עצמם הולכים שולל בדרכי לבן ומהגדלים במדות נשחתות והוללות כבני בלי תרבות וכל תשוקתם רק להרחיב גבולם בכסף וזהב ושביות החמדה ולפאר ולקשט את עצמן וכהנה בשארי עניני הוללות שקונים להם בחברת מרעיהם החפשים כמותם ושמירת דת ישראל התורה והמצות שמחויב כל איש אשר בשם ישראל יכונה לשמור ולקיים בכל נפשו ומאדו כמו זר נחשב להם ורק כמנהגים בעלמא יחשב בעיניהם ולפעמים ימצאו עוז בנפשם להעיז פניהם לשחוק ולהתל מאנשים התמימים השומרים דת

---

האט צוגענומען זיין וואהן פון דער תורה, וועה איהם וואס ער האט פערלארען דיא וועלט אונ יענע וועלט. אין דער גמרא שטעהט: זיעבען מענשען זיינען וויא פערבאנט (אין חרם אריינגענומען) געגען גאטט, אונ איינער פון זייא, איז דער וואס האט קינדער אונ ערציהט זייא ניט לתורה. היינטיגע צייטען איז בעונותינו הרבים איינגעפיהרט געווארען ביי פיעל אידען, איבערהויפט אין דיא ווייטע לאנדער, אוועקצו-געבען דיא קינדער יונגערהייט אין א שולע, וואו זייא לערנען שפראכען אונ אנדערע ידיעות אונ פון דיא אידישע למודים לערנען זייא אין דער שולע גופא אדער אין דערהיים נור דאווענען אונ א ביסעל חומש אדער קיין חומש אויך ניט, מעהר ניט וויא דיא ספורים פון דער תורה בקצור, וואס דער אינגעל לערנט זייא וויא א געוואהנליכע היסטאריע, אונ פון משניות אונ גמרא איז גאר קיין זכר ניט, אונ וויא דיא קינדער וואקסען אונטער פערזארגט מען שוין פאר זייא א תכלית, אונ מען מאכט זייא זעלבסט-שטאנדיג. אז אך אונ וועה אונז וואס מיר האבען דערלעבט צוא זעהן מיט אונזערע אויגען אזעלכע נייע פארראדקעס, וואס אונזערע מאטעס האבען זיך גאר ניט פארגעשטעלט. אונ וויל אזעלכע פארראדקעס קאנען חלילה צושטערען דעם גאנצען פונדאמענט פון דער אידישער נאציאן, מוזען מיר אין דעם אביסעל מאריך זיין פיללייכט וועללען אונזערע רייד ווירקען אויף יעמען דאס איז אונ וועללען אוועקווארפען אזעלכע פיהרונג אין דער ערציהונג פון זייערע קינדער. דורך אזא מין ערציהונג בלייבען דאך דיא קינדער אמת'ע בורים אונ ווייסען ניט פון דער תורה, ניט פון גוטע מדות. אונ אזעלכע לייט וואס האבען קיין זאך ניט געלערנט אז זייא ווערען אין דיא יונגע יאהרען זעלבסט-שטאנדיג ווערען אפט האבסט פער-דארבען אונ צולאזען אונ זיינען זיך מתחבר מיט לייכטזיניגע חברים פון וועלכע זייא לערנען זיך אב אללע נארישקייטען, אפט זאגאר דיא גרעסטע פער-בראכען, אז אפילו דיא בעסטע פון דעם סארט איינגלאך ווייסען אויך מעהר ניט וויא זעהן אויפ-קלויבען וואס מעהר געלד אונ געהן וואס שאנער געקליידעט. דאס איז זייער גאנצער פערלאנג אונ דערצו שטרעבען זייא מיט אללע קראפטען. ביי אזא ערציהונג איז דאך שוין קיין חדוש ניט, וואס דיא גאנצע תורה האט ביי זייא קיין ווערטה ניט, אונ דיא מצוות קומען ביי זייא אוים וויא גע-וואהנליכע מנהגים וואס איז רעכט יא מקיים זיין זייא אונ עס איז רעכט ניט אויך. אנדערע פון זייא האבען זאגאר נאך א חוצפה אבצולאכען פון דיא אנדערע פרומע

דת ישראל כמצוה עליהם וידוע שההיתול הזה הוא עון חמור מאד שהוא בכלל דבר ה' בזה שנכרת מעוה"ב כמו שנאמר הכרת תכרת הנפש ההיא. וכ"ז בא להם מפני שלא נשרשו בקרבן מימי נערותן שרשי התורה שבכתב ושבע"פ מצותיה ואזהרותיה ושכרם ועונשם המבוארים בתורה ובדברי הנביאים ובדברי חז"ל קדושי עליון בעלי המשנה והגמרא שביארו ופירשו לנו דברי התורה והמצוה כללותיה ופרטיה כפי המקובל בידם דור אחר דור עד משה רבינו ע"ה שקיבל מסיני וכן ביארו לנו דברי הנביאים המקרבין לבן של ישראל לאביהם שבשמים שעל ידי הלימוד בכל אלה ישתרש בלב הבן יסודות התורה ופרטי המצות שרשים חזקים שבהזרמן לו לעבור על אחת ממצות התורה הוא מוכן למסור נפשו ומאדו עבור קיומם וכ"ש שלא להקל בהם ולהתל בשומריהם ח"ו [וכנאמר זה בפ' בחקותי ובספרי שם דהלומד תורה מכבד את החכמים הלומדים והעושים והפורש מלעמול בתורה ומלעשות לסוף מואס באחרים העושים] וכן התנהגו אבותינו מעולם בכל דור ודור ללמד לבניהם תורה שבכתב ובע"פ משנה גמרא הלכות ואגדות שבזה אף הבן שלבסוף לא זכה להיות תורתו אומנתו ולמד איזה אומנות או עסק מ"מ היה נשרש בקרבו מימי נערותו אהבת הש"י ושמירת מצותיו אשר יעשה אותם האדם וחי בהם וכמו שהזהירה התורה ע"ז כמה פעמים ולמדתם אותם את בניכם וגו' ושננתם לבניך וגו' והודעתם לבניך ולבני בניך וגו' ועי"ז נתקיים כלל ישראל בתורתו ואמונתו בכל הגלות הארוך הזה וכל התלאות והמצוקות אשר עברו עליהם בכל זמן הגלות לא הפריעום ולא השביתום משמירת התורה והמצוה ונשארנו כולנו חיים וקיימים עבדים נאמנים לאלהים

---

טליגע אידען וואס היטען דיא תורה (און דער לאכען איז דאך ווערר א גרויסע עבירה. עס קומט פאר דעם כרת וויא עס שטעהט, כי דבר ה' בזה (דען ער האט פעראכטעט גאטטעס ווארט, דערפאר וועט יענער נפש אויסגעשלאססען ווערען פון איהר פאלק). דאס קומט אללעס וייל עס איז ביא זייא אין הארצען ניט איינגעפלאנצט געווארען פון דער קינד-הייט אן דיא ידיעה פון דער תורה שבכתב (גע-שריעבענע תורה, דער חומש) און דיא תורה שבעל פה (מינדליכע לעהרע, דער תלמוד) מיט זייערע מצות און אזהרות, זייער שכר פאר'ן אבהיטען דיא מצוות, און זייער עונש (שטראף) פאר'ן עובר זיין אויף זייא, אללעס, וויא עס איז מבואר אין כמה פסוקים פון דער תורה און אין דיא נביאים און ביא אונזערע היילינגע חכמים, דיא בעלי המשנה והגמרא, וועלכע האבען אונז דיא מצות התורה ערקלעהרט און גע-לייטערט, ווערליג וויא זייא האבען געהאט בקבלה א דור פון א דור כסדר ביז משה רבינו וועלכער האט דיא תורה מקבל געוועזען אויפ'ן בארג סיני, אזוי האבען זייא, דיא בעלי התלמוד ערקלעהרט דיא ווערטער פון דיא נביאים וועלכע דערוועקקען אין אידישע הערצער ליעבע צו גאטט, זייער פאטער פון הימעל, דורך דעם וואס מען לערנט דיא אללע זאכען א יונגע קינד ווערען זייא טיעף איינגעווארצעלט ביא זייא אין הארצען דיא תורה מיט דיא מצות און מיט דעם וואס דער פערשטאנדיגער קינד דערקאנט דיא גרויסע גאטטליכע חכמה וואס געפינט זיך אין גמרא וואס האט גאר קיין שאטץ ניט ווערט דיא ליעבע צו זייא אזוי גרויס אז ווען עס קומט פאר עובר צו זיין אויף א מצוה, איז מען גרייט צו מוסר נפש זיין זיך פאר איהר, בפרט נאך אבלאכען פון דיא וואס זיינען פרום – דאס וועט ער געוויס ניט טהון. דער וואס לערנט תורה – זאגט דער ספרי – גיבט אויך אפ כבוד דיא חכמים וואס לערנען תורה, דער וואס דער-ווייטערט זיך אבער פון איהר וועט ער צום סוף פעראכטען אויך אנדערע וואס לערנען. און דיא תורה האט דאס אונז אנגעזאגט פיעל מאל וועגען דעם מיר זאללען איהר לערנען אלליין און דיא קינדער שטענדיג אללע צייט און אזוי האבען זיך געפיהרט אונזערע זיידעס צו יעדער צייט און האבען געלאזען זייערע קינדער אין דער יוגענד לערנען תורה שבכתב און שבעל פה, הלכות און אגדות, וואס מיט דעם איז אפילו דער זוהן וואס האט ניט זוכה געוועזען צו בלייבען ביי'ן לערנען און האט געמוזט לערנען עפעס א טאלאנט אדער גענומען זיך צו געשעפט, אפילו ביא אזעלכען איז אויך געבליעבען איינגעווארצעלט פון דער קינדהייט דיא ליעבע צו גאטט און דיא מצוות התורה, וועלכע ברייינגען דעם מענשען וואס טהוט זייא, נור לעבען און גליק. דורך אזא ריכטיגען ערציהונג האבען מיר און דיא גאנצע אידישקייט גע-קאנט האבען א קיום אין דעם לאנגען און פינקטערען גלות, בעת מיר זיינען פון אללע זייטען פערפאלגט

און

לאלהים ולתורתו ולא נשתכח ממנו בבל עת הגלות הארוך אף מצוה קלה של דברי סופרים וכ"ש התרי"ג מצות דאורייתא חלאוין והעשין. ועתה בדור החדש הזה שנפזרנו באיים הרחוקים וגבר עלינו יצרנו הרע ללמוד מחוקותיהם ולמאום בדרך אבותינו הנכוחה והישרה שהלכו בה דור אחר דור מימות עולם ולהנהיג את בנינו בדרכים חרשים שלא ללמד להם תורה רק מעט מן המעט ולנתק אותם מתורתם בילדותם שילמדו ספרי החיצונים או שיתחילו לאסוף ממון בעוד שלא נשרש ולא נקבע בלבם כלל דת ישראל ורק הריחו מעט מן המעט מאור התורה שבכתב [ויש שלא ידעו רק סיפורי התורה וכנ"ל] ובביאורי התורה ומצותיה בכלליהן ופרטיהן לא נגעו כלל. מה יהיה אחריתם במה יאזר כחם להתיצב עבור דתם ואמונתם למלט אותה מרוח סועה וסער הסוער עלינו בימי גלותנו בכמה מדינות ובמה ימצאו אומץ בנפשם לישא ולסבול את כל התלאות הרבות והחרפות שיסבלו ישראל ברומיניא באשר הם ישראל כיון שלא נשתרש אצלם מילדותן רוממות הגוי הזה מעולם ואחריתם לעתיד שאחר כל המצוקות והחרפות שיבואו עליהם לבסוף יתרוממו הם על כל מציקיהם וכמשה"כ אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה ואשר נאמר בענין זה הרבה פרשיות בתורה וכל דברי הנביאים מלאים מזה וכן בכל הש"ס בבלי וירושלמי ומדרשים אשר מכל אלה יתחזק לב איש הישראלי לישא ולסבול כל העובר עליו במנוחת נפש ולא יזיזו אותו כל הרוחות שבעולם מאמונתו ותורתו אבל הבנים האלה מדור החדש הזה הלא רוח קל העובר עליהם

---

און געיאגט געווען וואס נאר דיא גרויסע ליעבע צו דיא הייליגע תורה וואס איז געווען איינגעווארצעלט אין זייערע הארצער האט זיא געגעבן כח אללעס אריבערצוטראגען און איהרען בלייבען. פון הונדערטער פאלקער ארום אונז איז קיין זכר געבליעבען פון זייא מיט זייערע אמונות און מיר זיינען ב"ה געבליעבען גאנץ מיט דיא הייליגע אמת'ע אמונה מיט דיא הייליגע תורה ביז היינטיגען טאג, און עס פעהלט אונז ניט קיין איינציגע מצוה פון דיא גראסטע ביז דיא קלענסטע. נור יעטצט ביא דיעזעם דור זיינען מיר קליגער געווארען, מיר אליין, אהן קיין בעצווינגונג מאכען אונזערע קינדער זאללען פארגעסען אין זייער הייליגען ווארצעל פון וואנען זייא וואקסען, און פרעמד זיין פון דיא גרויסע גאטטליבע תורה, וואס אונזערע זיידעס האבען איהר פאר אונז אבגעהאלטען אזוי פיעל יאהרען דורך אזוי פיעל צרות און מיר צושטערען איהר מיט אייגענע האנד. מיר געהען אליין און פיהרען אונזערע אייגענע קינדער נאר אין איין אנדער וועג! מיר רייסען זייא אב נאך אין דער קינדהייט פון דער תורה אדער לאזען זייא לכתחלה ניט לערנען תורה און זייער גאנצע צייט לאזען מיר זייא פערברייגגען אדער אויף ביכלעך אדער אויף צוא פערדיענען געלד. ווען אונזערע קינדער בלייבען אזוי אונוויסענד אין דיא הייליגע תורה ומצות, אזוי פרעמד צוא דער גאנצער אידישקייט, ווען אין זייערע הארצער איז ניטא קיין איינציגער פונק אמונה און גאטטעסליעבע און וויא הויך וויא הייליג איז אונזער תורה וויא גרויס איז איהר חכמה, און ווען זייא ווייסען ניט וואס מיר זיינען אמאל געווען און וואס פאר א הויכע צוקונפט (עתיד) עס שטעהט אונז פאר — וויא אזוי קאנגען זייא שוין האבען מוטה אריבערצוטראגען דיא אללע צרות וואס מיר מוזען ליידען פאר אונזער אמונה אין אזעלכע לאנדער וויא רומעניען למשל? וואו זאללען זייא נעהמען קראפט צוא שטיצען אונזער הייליגע אמונה געגען דיא אנגריפפע (רדיפות) פון פיעל זייטען? א איד אז ער ווייס וואס דאס איז אידישקייט, ער ווייס וואס תורה איז, ער האט א בעגריף אין דיא גרויסע הייליגקייט וואס ליעגט אין יעדער מצוה פון דער תורה, דיא גאטטליבע חכמה וואס געפינט זיך אין איהר, וואס ווייס פון דיא אללע נסים, וואס גאטט האט אונז בעוויזען פון אנפאנג אן ביז היינט, וואס ווייס פאר וואס אונזערע זיידעס האבען געליטען און פאר וואס אנדערע פון אונזערע ברידער ליידען נאך עד היום, דער וואס ווייס אז עס מוז קומען דיא צייט אויף וועלכע עס בעציעהען זיך פיעל פסוקים פון דער תורה פיעל קאפיטלאך פון דיא נביאים און מאמרים פון תלמוד, אין וועלכער מיר וועלען אויסגעלאזט ווערען פון גלות, און אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה דער שטיין וואס דיא צימערלייט (דיא מוליארעס, טשעסליערס) האבען פעראכטעט און ניט גענוממען צוא דער געביידע — וועט ווערען נאר א ווינקעלשטיין דער גלאנצער און וויכטיגסטער שטיין דער איד וואס אין זיין הארצען איז איינגעווארצעלט דיא אללע זאכען קאן ער האבען מוטה און קראפט אריבערצוטראגען

עליהם יעקור השרש הרק אשר בלבבם ויהפכו על
פניהם ח"ו ומה יהיה אחריתנו ותוחלתנו . וביותר
מזה עלול מאד שיתבטל אצלם קיום התורה גם
ברצון גמור ובשאט נפש שבמה וכמה עבירות חמורות
יעברו מחמת תאות לבבם הנשחתה ויכשלו גם בחייבי
בריתות שיכרת נפשם מעולם הנצח ח"ו כגון בחילול
שבת וחמץ בפסח ואכילת חלב ודם ונדה ושארי
עריות שבתורה שכל זה עלול מאד שיעברו בזדון
לבם מפני שלא הושרש בלבבם מימי ילדותן חומר
האיסורים ועונשם הגדול והנורא וגם כמה מאות
לאוין ועשין יעברו מפני חסרון ידיעה שלא למדו אותן
מעולם וצריכים לעתיד להענש על הכל וכ"ז בא
להם ע"י אביהם שלא חס עליהם בימי נעוריהן
ללמד אותן יסודי התורה ופרטי המצות המבוארים
בתורה שבכתב ושבע"פ שצונו הקב"ה לשמור אותם
לטוב לנו כל הימים [וראו נא אחי בחינת הדברים
האמיתים האלה מה שנראה כהיום לעינים עד כמה
גרם לנו הריסות הדת מהנהגות החדשות שהתחילו
להדריך אותנו החכמים בעיניהם בדור החדש הזה
שזה קרוב לאלפים שנה אשר מטולטלים אנחנו בארבע
בנפות הארץ ונזירות ושמדות אין מספר יעברו על
נפשנו בכל זה לא נמצאו עד העת הזאת פרצות
בדת

---

אריבערצוטראגען אללע צרות וואס ער מוז ליידען
אלס איד רוהיג אונ געדולדיג, אזעלכען וועט קיין
צרה, קיין פערפאלגונג ניט שוואך מאכען אין זיין
אמונה, קיין אפיקורס קיין רשע וועט איהם ניט קאלט
מאכען אין קיין מצוה אונ אמנהג פון דער תורה וועט
איהם ניט פעהלען, אבער דער היינטיגער יונגער דור
וואס ווייסען פון אידישקייט ניט פיעל מעהר וויא א
גוי כמעט, וואס ווייס אויך פיעל ווייניג פון אידישע
היסטאריע, אזעלכע לייט איז גענוג דיא קלענסטע
סבה, צוא מאכען זייא פערגעסען אין זייער פאלק
צוא וועלכען זייא זיינען צוגעבונדען מיט גאנץ
שוואכע באנדען. וואס פאר א קיום וואלט אונזער
אמונה געקאנט האבען בייא אזעלכע אידען? מיט
איין קליינע דריקונג, אדער מיט איין קליינע לצנות
וואס זייא וועללען הערען פון א אידישען אפיקורס,
מינדליך אדער פון זייערע פארגיפטעטע ווערק, וועט
רעכט ווערען אוועקלאזען דיא גאנצע אידישקייט,
דיא גאנצע תורה ומצות, אזעלכע לייט זיינען אויך
עלול (פאהיג) צוא עובר זיין אויף דיא מצות התורה
מיט א כיון, זייער תאוה קאנן זייא ברייגגען צוא
עובר זיין דיא גראסטע עבירות, זאגאר אזעלכע, וואס
פאר זייא קוממט כרת, וויא חלול שבת, חמץ עססען
אום פסח, עססען חלב, בלוט, אדער עובר זיין אויף
איסור עריות אונ פיעל אזעלכע, אונ דאס איז אללעס
אדער ווייל זייא ווייסען ניט וויא גרויס דיא איסורים
זיינען אדער ווייל דיא גאנצע אמונה איז בייא זייא
זעהר שוואך אונ עס פעהלט זייא יראת שמים. וויא
דיא זאך איז, דיא גראסטע טהייל פון דער שולד
טראגט דער פאטער, וואס ער האט זיינע קינדער
ניט געלאזט לערנען אין דער יוגענד דיא יסודי התורה
(דיא פונדאמענטען פון דער תורה) אונ דיא מצוות
מיט אללע זייערע פאדראבנאסטען וועלכע זיינען ער־
קלאהרט אין דער תורה שבכתב אונ שבעל פה אונ
אין דיא שפאטערדיגע ספרים. דער פאטער! דער
פאטער איז אלליין דער רוצח, דער מארדער פון זיין
קינד, דורך איהם ווערדט ער אונגליקליך אויף עביג,
דורך איהם וועט ער ליידען דיא שרעקליכע יסורים
אין גיהנום אונ נאך מעהרער אויסגעשלאססען ווערען
פון כלל ישראל חס וחלילה מיט דעם איסור כרת
פון עססען יום כפור אדער חמץ בפסח, חלב, דם,
אדער חלול שבת, זנות, אונ דאס גלייכע. אלזא
ליעבע ברידער! האט רחמנות אויף אייערע קינדער
אונ איבער זיך זעלבסט, אונ ערציהט זייא אין דיא
אלטע וועג וועלכע אונזערע פאטערס האבען אונז
ערצויגען מיט אללע מיגליכקייט! שטארקט זיך וואו
מען איז צוא לערנען זייא דיא היילינע תורה: חומ"ש,
נביאים, כתובים, משניות, אונ דעם היילינען תלמוד
דיא גאטטליכע חכמה וואס האט פארשיינט דיא
גאנצע וועלט טויזענדער יאהר, דאס איז זייער לעבען
אונ גליק עביג, מיט דעם וועללען זייא אימטער אידען
בלייבען, טריינע דיענער צום איינציגען באשאפער
גאטט ב"ה. זעהט נאר ברידער וויא שוואך עס איז
בייא דעם יונגען דור געווארען דיא גאנצע אמונה
דאנק דיא נייע פארזיאדקעס וואס האבען בייא אונז
איינגעפיהרט דיא וואס האלטען זיך פאר חכמים,
וויא שוואך דיא אמונה איז געווארען זעהט מען דאך
מיט דיא אויגען, וואס אמאל אין דיא ארגסטע צייטען
וואס מיר האבען געהאט, האט מען ניט געזעהן א
איד זאלל פורץ גדר זיין בפרהסיא (אפענטליך), אונ
אז עס האט יא געטראפען בייא איינעם פון צעהן
טויזענד

בדת ישראל בפרהסיא ח"ו ואם הויד אחד מאלף לעבור על התורה בפרהסיא היה מפורסם לכל חרפתו ובשתו ונבדל מעדת ישראל. ועתה הלא הכל יודעין כמה נמצאו בעו"ה מחללי שבת בפרהסיא ואוכלי נבילות וטרפות ושארי איסורים ואינם מתביישין כלל וגם אינם נבדלים משארי אנשים הכשרים כאלו היה הדברים היתר גמור אוי ואבוי שבך עלתה בימינו מפני הנהגת מדריכינו החדשים]:

והנה יש אנשים כשרים שלעצמן נוהגים בדת ישראל כדין וכדת ואעפ"כ מתרשלים בחינוך בניהם לתורה ומצות והוא מפני שאינם מתבוננים בגודל החיוב שמחויב איש ישראל לחנך בניו לתורת ועבודת השם והיצר מתעה אותם לומר די לי שאני בעצמי יהודי קורא ק"ש ומתפלל ושומר מצות ה' ובני יקשה לי להדריכם בדרך התורה והמצוה במדינות אלה אבל הוא רק פתוי היצר דבאמת לא כן הדבר דמי שאינו מתחזק להשריש בלב בניו אחריו אמונת ה' ותורתו ומצותיו לא יצא ידי חובת יהודי שכל פנת יסוד אומה הישראלית מיום היותם לגוי הוא רק בתנאי זה שקבלו על עצמם שלא יכרת עבודת השם מבניהם ובני בניהם עד עולם וכנאמר בבריתות הברית שכרת אתנו הקב"ה בערבות מואב על קבלת התורה באלה ובשבועה שאם ימצא אחר שיתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך לא יאבה ה' סלוח לו וחרה אפו וגו' ומסיים שם הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת והיינו שעל הנסתרות לעוברים על התורה בסתר לא הכניסנו בערבות עליהם והקב"ה

---

טינעגד, איז אזעלכער דאך ביא אללעמען געווארען פעראכטעט אונ איז זאגאר אויסגעשלאסען געווארען פון דער אידישער געמיינדע. אונ יעטצט זייגען מיר אזוי ווייט געקומען, אז ניט נור וואס עס געפינען זיך ביא אונז זעהר פיעל מענשען, וואס טהוען אב בפרהסיא דיא גראסטע עבירות: זייא זייגען מחלל שבת אונ עססען טרפות — גאלען דיא בארד אונ טהוען אב נאך גרויסע עבירות אונ פובליטשנע (אפפענטליך) גאר אהן בושה, נאך מעהר: דיזעלבע מענשען זייגען זאגאר ניט אבגעזונדערט פון דיא איבעריגע פרוממע אידען, גלייך וויא דיא אללע זאכען וואלט מען מאגען טהון. אז אך אונ וועה אונז, וואס מיר האבען דערלעבט אזעלכע פיהרונגען, פאר וועלכע מיר האבען צוא דאנקען אונזערע נייע מנהיגים אונ מדריכים! אבער גענוג שוין, גענוג שוין ברידער, גאכצושלעפען זיך וויא בלינדע נאך דיא היינטיגע קלוגע (חכמים להרע) וואס זייא האבען חרוב געמאכט דיא תורה מיט דיא גאנצע היילינקייט פון אידען, וואס איז שרעקליך צוא זעהן. נאמיר זיך צוריקקעהרען מיט אונזערע קינדער צוא אונזער אלטער וועג וועלכע דיא זיידעס זייגען געגאנגען אונ גאטט ב"ה האט זייא אויך געשפייזט אונ ער וועט אונז אויך ניט פארלאזען, דענן גאטט ב"ה איז דערזעלבער אללע צייטען וויא עס שטעהט אני ה' לא שניתי איך גאטט בין ניט אנדערש געווארען, בין אימטער דערזעלבער: עס געפינען זיך אזעלכע פאטערס וואס אליין זייגען זייא גאנץ פרום אונ פיהרען זיך אידיש, פון דעסטוועגען זעהען זייא ניט צוא ערציהען זייערע קינדער אויך וויא מען דארף ערציהען אידישע קינדער, ווייל זייא טראכטען זיך: גענוג וואס איך בין אליין א איד, פאר קינדער קאן מען אין דעם לאנד ניט פערדאגה'ן זייא זאללען בלייבען פרוממע אידען. אין דער אמת'ן שמועסט עס נור אזוי איין דער יצר הרע. דער איד, וואס בעמיהט זיך ניט איינצופלאנצען אין דיא קינדער דיא ידיעת התורה והמצות אונ דיא ליעבע צוא זייא, איז ניט יוצא פאר גאטט! דער גאנצער פונדאמענט פון אונזער אמונה בעשטעהט אין דעם וואס יעדער איד זאלל זיך בעמיהען איבערצוגעבען דיא עקרי האמונה דיא קינדער אונ דיא אייניקלעך, וויא עס שטעהט ביא דעם בונדשליססען וואס גאטט האט מיט אונז געשלאססען אין ערבות מואב ביא דער קבלת התורה: אויב איינער וועט זיך בערוהיגען אונ טראכטען: מיר וועט גארנישט ניט שאדען ווען איך וועלל טהון וואס מיין הארץ געלוסט — גאטט וועט איהם אבער ניט וועללען פערגעבען, אונ מיין צארען וועט ברענגען אויף זייא וכו' הנסתרות (דאס פערבארגענע), פיהרט דארטען דער פסוק אויס, דאס איז גאטטעס נאך (דאס הייסט: דיא וואס זייגען עובר דיא תורה פערבארגען, פאר דיא האבען מיר ניט ערב געוועזען אין ערבות מואב, אונ גאטט אליין וועט זיך מיט זייא אברעכענען) אבער הנגלות, לנו ולבנינו, דאס אפפענע, דיא אפפענע מצות — אויף דעם האט אונז גאטט ב"ה בעת דעם געבען דיא תורה, פערפפליכטעט מיט א שבועה, אונז ניט אויף אונז ולייו

והקב"ה בעצמו יפרע מהם אבל על הנגלות הכניסנו בברית על שמירת כל התורה ולא אנו בלבד אלא גם על בנינו אחרינו עד עולם וזה היה תחלת יסוד ושורש אומה הישראלית שחיבב הקב"ה את האבות ובחר בהם מכל העולם להוציא מהם האומה הנבחרת סגולה מכל העמים מפני שהם בדרכיהם הישרה אחזו במדה זו שלא להסתפק במה שהם בעצמם עבדו את ה' באמת ותמים אלא להשריש אמונת ה' והשגחתו ושמירת חוקיו ומצותיו בלבב בניהם אחריהם וצוו אותם לכל הדורות שלא יכרת עבודת ה' מהם עד עולם [כדאיתא ברמב"ם הלכות ע"ג] וע"כ באמת בחר הקב"ה אח"ז בזרעם אחריהם מכל העמים והוציאם ממצרים ונתן להם תורתו וייחד שמו עליהם ולקח אותם לו לנחלה עד עולם ונאמר זה בפירוש בתורה וה' אמר המכסה אני מאברהם אשר אני עושה ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום וגו' כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'. ועל יסוד זה הזהירה התורה כמה פעמים על מצות ת"ת שמחויב האב ללמד לבנו שזהו יסוד כל המצות וכן הזהירה לנו כמה פעמים לספר לבנינו את הנסים והנפלאות שעשה הקב"ה לפרעה ולמצרים לעינינו למען לשרש בקרב לבבם אמונת ה' והשגחתו וביותר בארה התורה בפ' בא שהרבה ה' אותותיו במצרים כדי שיהיה לנו מה לכפור לבנינו שידעו ויכירו השגחת ה' וכמו שנאמר שם כי אני הכבדתי את לבו וגו' למען שתי אתתי אלה בקרבו ולמען תספר באזני בנך ובן בנך וגו' וידעתם כי אני ה' [וכד' פרשיות שבתפלין שאנו נושאים על ראשינו לאות שאנחנו עברי אלהי עולם נכתב בכולם אזהרה ללמד תורה לבנינו ולהודיעם נפלאותיו של הקב"ה להורות כי רק בזה אנו עבדיו והוא יסוד קבלת מלכות שמים] וכן הזהירה התורה להודיע לבנינו ולבני בנינו את ענין קבלת התורה את המעמד הגדול והנורא אשר נגלה הקב"ה על הר סיני ללמד לישראל תורתו ופנים בפנים דבר עמנו ודבריו שמענו מתוך האש וגו' וכנאמר והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת

לפני

---

אליין, אפילו אויף אונזערע קינדער און עניקלאך אויף עביג, און דערום האט גאט אויסגעוואהלט אונזערע אבות פון זיי זאללען ארויס די ווינקטיגסטע פאלק אין דער וועלט, ווייל זיי האבען זיך ניט בע־גנוגענט מיט דעם, וואס זיי זיינען אלע געגאנגען בדרך הישר און האבען טריי געדיענט דעם איינציגען גאט — זייערע קינדער האבען זיי אויך געלערנט אויפפיהרען זיך אזוי ווי זיי און האבען זיי אנ־געזאגט זיי זאללען פעסט זיין אין זייער אמונה, זיי און זייערע קינדער עד סוף כל הדורות (ווי דער רמב"ם זאגט), אט דעריבער האט גאט ב"ה אויס־געוואהלט זייערע קינדער, האט זיי ארויסגענומען פון מצרים און געגעבען זיי די תורה נאכהער דאס לאנד, וואס ער האט זייערע אבות פערשפראכען. דאס שטעהט מפורש אין דער תורה וה' אמר וכו' און גאט האט געזאגט: קאנן איך דען פערדעקען פון אברהם וואס איך טהוא (מיט סדום)? פון אברהם וועט דאך ארויס א גרויסע און שטארקע פאלק וכו' דען איך ליעב איהם, כדי ער זאלל בעפעהלען זיינע קינדער און זיין הויז (עיין פאמיליע) נאך איהם זיי זאללען היטען דעם וועג גאטטעס, אויף דעם גרונד האט אונז די תורה פיעל מאל אנגעזאגט מיר זאלען דערצאהלען אונזערע קינדער די אללע נסים וואס גאט האט אונז בעוויזען אין מצרים, כדי איינצוא־פלאנצען אין זיי די אמונה אין גאט און זיין השגחה. איך האב הארט געמאכט זיין (פרעה'ס) הארץ, שטעהט אין איין ארט אין חומש, כדי איך זאלל קאנען בעווייזען זייא מיינע צייכענס (די נסים) און כדי דוא זאלסט ערצאהלען דיין זוהן און דיין עניקעל וכו' און איהר וועט וויסען אז איך בין גאט. אין די פיער פרשיות, וואס אין די תפילין, שטעהט אויך דיזעלבע אזהרה, מיר זאללען לערנען תורה אונזערע קינדער און בעקאנט מאכען זיי די נסים ונפלאות וואס גאט האט אונז בעוויזען. אזוי האט אונז די תורה אנגעזאגט, מיר זאללען ערצאהלען אונזערע קינדער און עניקלעך די גאנצע געשיכטע פון קבלת התורה, ווי גאט ב"ה האט זיך אונז בעוויזען מיט זיין גרויסקייט און ערהאבענהיים, אויפ'ן בארג סיני, כדי צוא געבען אונז זיין תורה. ווי ער האט מיט אונז גערעדט פנים בפנים און מיר האבען זיינע ווארטער געהערט פון דעם פייער, ווי עס שטעהט: והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב, דוא זאלסט זיי (די דברי התורה), בעקאנט מאכען דיינע קינדער און דיינע עניקלעך, דעם טאג וואס דוא ביזט געשטאנען פאר דיין גאטט אויפ'ן בארג חורב (סיני). ויאמר

לבנך

לפני ה' אלהיך בחורב. וגם צותה לנו התורה בפרשת ואתחנן להעריך לבנינו את ערך החוקים שצונו ה' לעשות אותם כי הוא לטובתנו וכמו שנאמ' ואמרת לבנך עבדים היינו לפרעה במצרים ויוציאנו ה' משם ביד חזקה וגו' ויצונו ה' לעשות את כל החקים האלה וגו' לטוב לנו כל הימים לחיותנו כהיום הזה ונאמר בתנאי הגאולה בפרשת נצבים אחר כריתות הברית שהבטיח לנו הקב"ה שאף אם נהיה נדחים בקצה השמים משם יקבצנו ויקחנו לארצו וזה יהיה אם נשוב לה' בכל לבבנו ונפשנו אנחנו ובנינו כמו שנאמר ושבת עד ה' אלהיך וגו' אתה ובניך בכל לבבך ובכל נפשך. וגם אנו מקבלים זה עלינו תמיד בכל יום בברכת אמת ויציב שאחר ק"ש שכל דברי ה' נאמנים ונחמדים עלינו ועל בנינו ודורותינו ומה מאד יכסה בושה וכלימה את פנינו שאנו מקבלין בכל יום מצותיו באהבה ובחבה עלינו ועל בנינו ודורותינו ואח"כ אין אנו חוששין כלל בבנינו כשסרים מדרך ה' ואדרבא אנו בעצמנו גורמים אותם לזה בנפשנו כשהם ילדים והרי אנו כדוברי שקרים לפני הקב"ה בכל יום וכן בבה"ת אנו מבקשים שנהיה אנחנו וצאצאינו כלנו יודעי שם ה' ולומדי תורתו ולבסוף אנו בעצמנו מסלקים אותם מתורתו ומידיעת השם. לכן אחי התאוששו ושימו לבבכם אל כל הדברים האמתים האלה אשר ימס נפש איש הישראלי בהתבוננו על מצב התורה והדת בימינו ואשר בהמשך הימים אם לא ישימו האבות אשר נגע יראת אלהים בלבבם ליעץ ולפקח בחינוך בניהם להדריכם בדרך התורה והמצוה בדרך אבותינו וכמצווה עלינו בהזהרות כפולו' ומכופלות וכנ"ל עלול ח"ו שיופקר התורה לגמרי ואנה נוליך חרפתנו לפני אבותינו שהם סבלו בדורות הקודמים

---

לבנך, שטעהט אין איין אנדער ארט, דוא זאלסט זאגען דיין זוהן: קנעכט זיינען מיר געוועזען ביים פרעה'ן אין מצרים, אונ גאט האט אונז פון דארט ארויסגענומען מיט א שטארקע האנד וכו' אונ ער האט אונז געהייסען טהון דיא אללע געזעצען... כדי אונז זאלל שטענדיג גוט זיין אונ כדי אונז צו לאזען לעבען וויא היינטיגען טאג. ווען דיינע פערשטויסענע (פערטריבענע) וועללען אפילו זיין אין עק וועלט, שטעהט אין פ' נצבים, וועט ער דיר פון דארט אויך נעהמען אונ ברייגגען אין דיין לאנד. נור ווען וועט דאס אללעס זיין? ווען מיר וועללען זיך צוריקקעהרען צו גאטט בתשובה שלימה, מיר אונ „אונזערע קינדער", וויא עס שטעהט וכו' אונ אזוי אין נאך פיעל ארטער אללעס געטאפעלט דעם „פונדאמענט" אז עס ליעגט אויפ'ן פאטער מאכען וויסען דיא קינדער דיא תורה אונ מאכען זייא פאר אידען אונ אזוי איז אבגעפסקנט דער דין אין יורה דעה. אין דער ברכה „אמת ויציב" וואס נאך ק"ש זאגען מיר אויך אללע טאג, אז דיא גאנצע תורה איז בעליעבט ביי אונז אונ אונזערע קינדער אונ אללע אונזערע שפעטיגערע דורות. זייגט וויא דארפען מיר זיך שאמען ווען מיר זייגען יעדען טאג מקבל דיא מצות התורה מיט גרויס ליעבע אויף אונז מיט אונזערע קינדער ביז דיא לעטצטע דורות אונ צום סוף לאזען מיר אונזערע קינדער אראבגעהן פון דעם דרך הישר. נאך מעהר: מיר אליין, מיט דער שלעכטער ערציהונג וואס מיר גיבען זייא, העלפען זייא נאך פערגעסען אן גאטט. אין דער ברכת התורה בעטען מיר אויך גאטט אז מיר אונ אונזערע קינדער זאללען קאננען אונ לערנען דיא תורה אונ אין דערזעלבער צייט קומט ערט אונז גאר ניט אויב אונזערע קינדער וועללען האבען אפילו עטוואס א ידיעה אין דער תורה אדער ניט. וויא קאננען מיר נאך האבען אזא העזה געגען גאטט ב"ה צו בעטען אויף אזא נאך וואס מיר טהוען בידים פונקט פארקעהרט!... דיא אללע פסוקים אונ מאמרים וואס מיר האבען ביז יעטצט געבראכט, זיינען גענוג צו בעווייזען, וויא גרויס עס איז דיא עבירה פון דעם פאטער, וואס נעהמט ניט לערנען זיינע קינדער תורה, כל זמן ער איז נאך יונג אונ עס איז נאך דא צייט. דיא הארץ פון יעדען אידען ווערדט צוגאנגען קוקענדיג אין וואס פאר א צושטאנד עס געפינט זיך יעטצט אונזער גאנצע אידישקייט, אונ וואס וועט נאך ווייטער זיין? ווען מיר וועללען ח"ו ניט וועהן איינפלאנצען ביי אונזערע קינדער אמת'ע ליעבע אונ טרייהייט צו אונזער גלויבען בכלל אונ צו אללע מצוות התורה בפרט קאננען מיר, ווער ווייס וואו, פערקריכען. אונ וואס וועללען מיר אנטווערען גאטט ב"ה בעת מיר וועללען דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר דעם? וויא וועללען מיר עיזען דיא אויגען פאר אונזערע זיידעס, וועלכע האבען פאר דער תורה אזעלכע שרעקליכע צרות זיך אויסגעליטען, פון דעסטוועגען אינגען

הקודמים כמה גזרות ושמדות עבור קיום התורה ומ"מ לא החרשלו מלהחזיק בניהם לתורת ה' ועבודתו כל הימים וגם במה נצטדק לפני כסא כבודו ית' כשישאלו לנו ע"ז. עורו נא אבות רחמנים וחוסו על בניכם ואל תמסרו אותן בנפשכם לסכנת אבדון ח"ו ואשר הם בעצמן בילדותן לא יוכלו לבחור להם דרך הטוב ועיניהם נשואות רק לאבותיהם שידריכום בדרך הטוב והישר לאשרם וטובתם כל הימים. ע"כ והתחזקו להתיעץ בנפשכם ומאודכם להדריכם בדרך התורה והמצוה ותזכו אותם לחיים בעוה"ז ובכל טוב בעוה"ב וכמשה"כ הנ"ל ויצונו ה' וגו' לטוב לנו כל הימים לחיותנו כהיום הזה:

ויש

זיינען זייא ניט נאכלאססיג געווארען אין קיין מצוה חלילה, אונ האבען געזעהן מיט קראפטען מדריך זיין זייערע קינדער אויך אין דעמזעלבען וועג, אין וועלכען זייא זיינען געגאנגען? דענקט נאר ליעבע עלטערן, אייערע קינדערלאך אין דער יוגענד זיינען דאך גאר וויא דיא קליינע שעפסעלאך וואס ווייסען גאר פאר זיך קיין וועג ניט, זייערע אויגען קוקען נאר אויף זייערע ערבארמהערציגע עלטערן זייא זאלען זייא פיהרען אין דיא ריכטיגע וועג צוא זייער גליק, הייסט האט איהר קיין רחמנות ניט אראבצופיהרען זייא פון דיא גראדע אידישע וועג, אונ צוא פיהרען זייא אין דיא גרויסע זומפען וואס זייא ווערען אין לעבענסגע־פאהר? *) האט אלזא רחמנות אויף זיך אונ אויף אייערע קינדער בארמהערציגע עלטערן אונ לאזט זיך ניט איינרעדען פון יצר הרע וואס איז דעם מענשענס בלוטיגער שונא אונגליקליך מאכען איהם עוויג מיט זיינע פוסטע גליקען וואס ער שטעלט פאר אונ פערי־היטעט אייערע קינדער פון עוויגען געפאהר אונ היטעט זיך פון דער גרויסער שטראף וואס איהר וועט האבען אויף יענער וועלט פאר דעם, וואס איהר האט זייא ניט געפיהרט אויף דער רעכטער וועג אונ זייא זיינען דורך אייך נכשל געווארען אין דיא גראבסטע יסורים. וועהט אייערע קינדער זאלען זיין אידען אונ זייא זאללען לערנען דיא היילינע תורה שבכתב ושבעל פה דאס איז דער היילינער תלמוד מיט פסוקים, אונ שטארקט זיך, איינצופלאנצען אין זייא יראת שמים זייא זאללען מקיים זיין דיא מצוות התורה, ובזכות זה וועט איהר זוכה זיין צוא האבען דיא וועלט אינ יענע וועלט אזוי ווי עס שטעהט ויצונו ה' לעשות וגו' לטוב לנו וגו':

אנדערע

*) נאך דארף א מענש בעטראכטען איין רעכענונג, צום ביישפיל וויא וואלט געוועזען אז זיין קינד וואלט למשל פון א קראנקהייט ווערען „שטום", אנווערען דעם כח הדבור, וויא וואלט ער זיך סטארען צוא אויסהיילען איהם אונ ווען ער וואללט הארען אז עס געפינט זיך איין דאקטאר וואס האט אמיטטעל ער זאלל קאנגען צוריק רעדען דוכט זיך אז ער וואלט לויפען מיט אללע קראפטען אונ ניט שאלעווען קיין קאסטען באטעווען זיין ליעבע קינד וואס זיין צער איז דאך אומנאטירליך, איין עביגער אונגליקליכער. נוא, ליעבע ברידער! אללע ווייסען אז דיא וועלט איז ניט קיין עביגע, דיא עביגקייט פון מענשען איז דארטען אין עולם העליון, וואס טהוט דער נפש דארטען? וואס טהוען אללע מילליאנען היילינע נשמות פון פאריגע דורות וואס זיינען דארטען טויזענדער יאהר, דארטען איז גיטא קיין היזיגע געשעפטען גאר ניט, נור וואס? ווייסען מיר פון גמרות אונ מדרשים, אז אללע פערנעהמען זיך דארטען נור מיט דיא היילינע תורה, עס ווערדט ענטדעקט טאג טעגליך דיא חכמות התורה וואס האט גאר קיין גרונד אונ קיין סוף ניט, וויא דוד המלך זאגט, לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד, צוא אללעם איז דא אסוף נאר צוא דער תורה ניט, ווייל זיא איז גאטטליך, אלזא קאנן זיא זיין גענוג אויף עביג צוא פערנעהמען זיך מיט איהר. דאס דארף מען אויך וויסען אז קיין נייע תורה קאנן דארטען דער מענש ניט קריגען וויא עס שטעהט לא בשמים היא, דיא תורה איז אויף דער ערד געגעבען געווארען. נור פון דיזעלבע וואס דער מענש האט געלערנט אין עולם הזה ווערדט דארטען איהם ענטדעקט וואס מעהרער אונ וואס גראסטער דיא וואונדערבארע חכמות מיט סודות וואס געפינען זיך אין יעדער פרשה אין יעדער מסכת, אדער משנה וואס ער האט געלערנט. למשל אז איינער האט אללעס געלערנט אויסער איין מסכת אדער איין סדר משניות, וועט איהם דיא מסכת אדער דיא משניות פעהלען עביג, דענן קיין נייע קאנן דארטען ניט צוקומען, נור דיזעלבע זיינע. אונ אזוי זעהט מען ביימליך אין אמדרש פ' תבא, שמוכח שם כי אם יחבר לאדם ידיעת פרשיות התורה בנגלה בעוה"ז

לא

# פרק יז

**בו יבואר ענין הסתת היצר בזה, וביטולו.**

**ויש אנשים שהיצר מטעה אותם מצד אחר להסיר הבנים מתורה מפני שצריך להרגילו אומנות** כדי שיהיה לו ממה להתפרנס ולחיות. **והנה בעצם** ענין למוד אומנות לבנים פליגי בזה תנאי בגמרא דיש סוברין דצריך האב ללמד לבנו תורה וגם ללמדו אומנות [וה"ה אם מלמדו שידע לסחור כ"כ בשלטי הגבורים] והתנא ר' נהוראי אמר מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד לבני אלא תורה בלבד שכל אומנות שבעולם עומדות לו לאדם בעת ילדותו ולעת

וקנתו

## פרק יז.

אנדערע לאזען זיך איינרעדען פון יצר הרע מיט אזעלכע רייד: "מען מוז דאם קינד לערנען עפעס א טאלאנט, כדי ער זאלל האבען פון וואנעט צוא לעבען. היינט וויא אזוי קאנן מען איהם נאך פארנעהמען מיט לערנען א דין אדער א פרק משניות?" אין דעם לאזען א קינד לערנען א טאלאנט איז איינגעטליך דא א מחלוקת אין דער גמרא: אנדערע זאגען, אז מען דארף א קינד לערנען תורה צוגלייך מיט א טאלאנט (אדער געשאפט), ר' נהוראי וויעדער זאגט איך קוק ניט אויף קיין אומנות אין דיזער וועלט אונ לאז בעססער מיין קינד לערנען תורה. ווען אללע טאלאנטען זיינען דעם מענשען אשטיטצע נור אין

דיא

לא יבין את הסודות הנפלאות אשר יגלה הקב"ה לעתיד הנמצאות בפרשיות התורה ולתכלית זו נתנה התורה בעוה"ז כדי שידעו אח"כ סודותיה לעתיד עי"ש. היינט נאמיר פארשטעהן, דער מענש וואם איז לעהר, אונ-וויססענד אין גאנצען פון תורה, ער וויים קיין מקרא, קיין משניות, גמרא בודאי ניט, פון וואגען וועט ער קריגען דארטען תורה? ווען אפילו ער וועט שאן זיין איין ארדענטליכער מענש, היטען דיא מצות התורה אונ ער וועט שאן זיצען אין גן עדן — וואם דאם איז אויך גאנץ שווערליך. אונוויססענדיג תורה קאנן קיין עהרליכער איד ניט זיין — אבער ער וועט דאך זיצען וויא אשטוממער, א ווארט ניט קאנגען אוםרעדען, אללע וועללען זיך מפלפל זיין אונ קוויקען זיך מיט דיא גאטטליכע חכמה אונ ער וועט מוזען שווייגען וכיר געפינגען דאם אין גמרא דייטליך, ביא יהודה'ן, אז פאר אזיגד פון חרם איז איהם פארגעססען געווארען זיין תורה אונ ער האט ניט פארשטאנען וואם דיא בני ישיבה של מעלה ריידען, ביז משה רבינו האט מתפלל געוועזען פון זיינעטוועגען עם זאלל זיך אומקעהרען צוא איהם זיין תורה), נוא, קאנן מען דען פארשטעללען זיין ביטטערע לאגע, זיין שרעקליכען פערדרום זיצען וויא א שטוממער ניט איין טאג אונ ניט צוויא, נאר יאהר יאהרליך אביג שווייגען וויא א שטוממער רעדען קיין אנדערע שמועסען איז דאך ניט דא דארטען, וויפיעל וועט דער מענש צארענען דאנן אויף זיך וואם ער האט קיין תורה ניט געלערנט, וויפיעל וועט דער מענש פארדרום האבען אויף זיין פאטער וואם האט איהם קיין תורה ניט געלערנט, וואם האט פון איהם צוגענומען אזא טהייערע לעבהאפט, גאטטליכע עביגע פערגעניגען נחת רוח, אונ אבייגעבראכט איהם אין אזא שרעקליכע לאגע עביגע שאנדע, עביגע יסורים אונ צוליעב וואם? צוליעב פוסטע נארישע פערגעניגען וואם ער האט איהם וועלט פערשאפען. פון דעם געדאנק אללין דארף דוכט זיך דעם מענשען האריך צורייסען ווערען אויף דער פאטער וואם האט נאר אמענשליכען זינגען דארף אויף קיין נארישע גליקען ניט קוקען, עט ער דארפען זיין בייך וועט ער זיין, נאר דאם איינציגע פריהער פאר אללעם זעהן זיין קינד זאל ניט בלייבען אונוויססענד פון תורה, איהם וועניגסטען קלאהר מאכען אין חומש אונ משניות דיא דינים נאטהיגע אויב גמרא אויך איז געווים גוט, אונ דאםעלבע דער מיטטלער מענש ווען ער איז אונוויססענד פון תורה דארף ער פאר זיך אויך זארגען אונ זעהן אין זיינע יאהרען קריגען מיט אללע מיטטלען אונ מעגליכקייטען יגיעת התורה, לערנען חומש, חיי אדם, משניות, גמרא, דינים, דינגען ארבין, אדער געהן צוא א חברת ער זאלל ניט האבען קיין עביגע שאנדע אין דער עביגע וועלט, אונ דאנן וועט דאך זיין פארפאללען, ער וועט זיך ניט קאנגען בעססער מאכען. "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת", ווער עם האט אנגעגרייט פון ערב שבת, דאם טייטש מען אויף דער וועלט וועט ער עססען שבת אין יענע וועלט. אבער ווער וואם האט

גיט

וקנתו מת מוטל ברעב אבל תורה עומדת לו לאדם בילדותו ובעת זקנתו כשהוא חלש שנאמר וכו' ומ"מ גם זה שמלמד לבנו אומנות צריך לכו"ע ללמדו מתחלה וגם בעת שהוא פנוי ממלאכתו תורה ויראת שמים דאל"ה ימצא במלאכתו גופא כמה ענינים מאיסור גזל וגם עוד תקלות רבות ופרצת הדת לגמרי ח"ו ובפרט בימינו שידוע שאם לא יהיה קבוע בנפשו מנעוריו ידיעת התורה ושמירת המצות מצוי מאד שיחלל אח"כ שבת במלאכות גמורות שיש עליהן חיוב סקילה, ואפילו בלימוד התורה שידוע שהיא מגני מן היסורין ומצלי מן החטא אמרו כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה וגוררת עון כ"ש בלמוד המלאכה בלא תורה בודאי גוררת עונות הרבה וגם פרצות הדת בכללו ח"ו. וזהו ואפילו אם מוסרו לאומנות או להשתכר כשהוא בן י"ג וי"ד וכ"ש אם מוסרו לזה בעודו נער קטן שאיננו יודע מדת התורה עדיין כלל בודאי עון גדול הוא שנעשה מורגל מנערותו לילך שובב בדרכי לבו ואחר מראות עיניו ונעשה לו כהיתר כל האיסורים שבתורה ואפילו לחלל את השבת בפרהסיא ועוד כמה איסורי תורה ואפילו אם יוכיחנו אביו אח"כ לא ישמע לו כלל כי ישיבו לא ארוני אתה כעת כי אני משתכר לעצמי, ולא יחשוב האדם מה פשעי ומה חטאתי כשלא ישמע לי אח"כ, כי כבר כתב הגר"א באגרתו הקדושה
עלים

די יונגע יאהרען און אויף דער עלטער (בעת ער קאנן ניט ארבייטען) שטארבט ער פון הונגער, אבער די תורה בלייבט דעם מענשען אויף דער עלטער אויך א שטיטצע, ווי עס שטעהט וכו'. נור אז מען לערנט א קינד אפילו א פאלאנט מוז מען איהם לערנען תורה פריהער, אויך בעת ער איז פריי פון דער ארבייט, זאנסט קאנן ער אפילו ביי דער ארבייט עובר זיין גרויסע עבירות, ווי למשל אויף דעם „לא תגזול" (דו זאלסט ניט בערויבען דעם צווייטען) און דערגלייכען. בפרט נאך היינטיגע צייטען, ווענן דער בעל מלאכה האט ניט קיין שטיקעל ידיעה אין די יסודות האמונה (די גרונדלעהרען, די פונדאמענטען פון דער אמונה) און קיין יראת שמים, קאנן ער לייכט נכשל ווערען אין די גראסטע איסורים, ווי חילול שבת, און ווערט טהון אזעלכע ארבייטען אום שבת, פאר וועלכע עס קוממט סקילה. ווענן די גמרא זאגט, אז „יעדער מענש, וואס לערנט נור תורה און האט ניט קיין פאלאנט, ווערט זיין תורה אויך ניט האבען קיין קיום און זי ווערט איהם ברינגען צו עבירות" (ווייל ער ווערט מוזען פערלאנגען פרעמדע, ניט האבענדיג קיין אייגענע), ווענן ביי דער תורה זאגט אזוי די גמרא, האטש די תורה בעשיטצט דעם מענשען פון יסורים און פערהיט איהם פון א חטא, ווי עס איז ידוע, היינט ווי דארף שוין זיין ביי דעם מענשען, וואס קאנן נור א פאלאנט און תורה גאר ניט, אזעלכען דארף דאך געוויס זיין אונוויססענהייט ברינגען צו די גראסטע עבירות און זאגאר צו אויסטהון זיך פון דער גאנצער אמונה חס ושלום. דאנן וועט שוין ניט העלפען אפילו דעם פאטערס מוסר'ן, דענן ער וועט איהם אנטווערען: „דו האסט מיר יעטצט ניט צו זאגען קיין דעה, איך פערדיען אליין מיין ברויט און בין זעלבסט-שטאנדיג און פערשטעה אליין וואס צו טהון", אויף דעם וועלען אנדערע פאטערס אנטווערען: וואס
בין

ניט אנגעגעבען וואס וועט ער עססען? שבת קריגט מען גאר ניט וואס צו קויפען. דאס אללעס זאל ניט קיין געבראנקען, נור אללעס ריכטיגע און געוויססע ווארטער וואס וועט געוויס טרעפען יערען. און אין אמת זאגען מיר דאס אללע טאג אין אהבה רבה והאר עינינו בתורתך וכו' דו זאלסט אונז ערלייכטען די אויגען אין דיין תורה און באהעפטען אונזער הארץ אין דיינע מצות און פאראייניגען אונזערע הערצער צו דיענען און פורכט האבען דיין היילגען נאמען כדי מיר זאללען ניט פערשאמט ווערען אויף עביג, דאס הייסט דורך ניט וויססען די תורה אדער דורך נאכלאססיגקייט פון די מצוות און אויך דורך ווייניג ליעבע און פורכט פאר גאטט ב"ה, וועט מען האבען עביג שאנדע ווי מיר האבען פריהער געזעגט, און די בייזע ווענדט זיך אן די ערשטע, דורך לערנען קוממט מען צו קיום המצוות, ווי עס שטעהט וזכרתם ועשיתם, זכירה מביאה לידי עשיה, אויך אהבה (ליעבע) צו הקב"ה איז נור דורך תורה, ווי אין ספרי שטעהט ביצר אדם אהב הקב"ה וכו'. און פארקעהרט אז מיר וועלען זיך שטארקען מיט אונזערע קינדער אין די דרייא זאכען וועלען מיר האבען עביגע פערגעניגען נחת רוח כבוד וגדולה אויף עביג:

עלים לתרופה שאף אם ידריך האב תמיד את בניו במוסר ולא יקבלום אוי לאותה בושה והצער והבזיון בעוה"ב וכ"ש בזה שהאב עצמו גרם בהנהגתו הרעה [שהסירו מן התורה בימי ילדותו והרגילו לילך שובב בדרך לבו ולהתחבר עם פועלי און] להטותו מדרך החיים לדרך המות כמה מהעונש והבזיון והכלמה יגיע לו לבסוף מזה וכל עון ועון שיעשה הבן יהיה גם לו למזכרת עון [ורמז לזה מה שכתוב בהאזינו וירא ה' וינאץ מכעס בניו ובנותיו] וכמו גבי ארוסה שזינתה שנסקלה על פתח בית אביה לומר ארור שזה ילד' ארור שזה גדל כמו שאחז"ל. ולפי שידוע ענין היצר שהוא מעורר תמיד להאדם לחשוב ולדאוג שיתרושש אם יחזיק את בניו על שולחנו בימי נערותן כדי ללמדו תורה לכן הקדים לנו התנא צרי לזה ואמר הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה היינו שיעריך ההפסד שיש לו בעוה"ז מהמצוה כנגד עוצם השכר הרוחני הנצחי שיהיה לו בעולם העליון ואם היצה"ר מזמין לו לעשות איזה עבירה בשביל שום הנאה יעריך קטנות שכר שיהית לו מהעברה בעוה"ז על זמן מועט נגד העונש הגדול והצער הנצחי שיהיה לו אח"כ ובפרט שנאמת בודאי לא יהיה לו הפסד ע"ז כי הקב"ה שהוא זן ומפרנס לכל בודאי לא יגרע מזונו בשביל שהוא מחזיק את בניו לתורה ואדרבה יצליחהו הקב"ה עבור זה כמו שאמרו חז"ל כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין שנאמר וכו'. והנה כדי שיתחזק האדם להתגבר על יצרו המסית אותו להטות בנו מדרך התורה והיראה ואך להשתכר מעות יעריך לנגד עיניו השכר הגדול הנצחי שיגיע לאדם ע"י בניו כשהולכים בדרך ה' ולהיפך גודל הבזיון והכלמה בשסרים מדרך ה' ואז ירף ממנו

---

בין איך שולדיג, וואס ער וועט מיר שפעטער ניט פאלגען? דאס איז אבער קיין תירוץ ניט, דער ווילנא'ר גאון שרייבט אין זיין „עלים לתרופה": ווען דער פאטער איז אפילו מדריך זיין זוהן אין דעם דרך הישר, און ער געהט פארט אראב פון וועג, האט דער פאטער פון דעם זעהר פיעל צער און חרפה אויף יענער וועלט". בפרט אז ער אליין איז שולדיג אין דעם זוהנ'ס שלעכטע אויפפיהרונג, מיט דעם וואס ער האט איהם פון קינדהייט אן ניט געגעבען לערנען תורה און געלאזט איהם מתחבר זיין זיך מיט צולאזענע קינדער — וויא גרויס וועט זיין זיין שטראף, זיין חרפה אויף יענער וועלט! יעדע עבירה, וואס דער זוהן וועט דא טוהן, וועט דעם פאטער אויך זיין א מזכרת עון (ערינערונג אן זיינע זינדען), פונקט וויא ביי איין אשת איש וואס איז מזנה, איז דער דין אז זיא מוז פערשטייניגט ווערען פאר'ן פאטערס שטוב צוא זאגען דערמיט: פערפלוכט איז דער וואס ער האט געבארען אזא קינד, פערפלוכט איז דער וואס האט אזא ערצויגען, וויא דיא גמרא זאגט. און ווייל עס איז בעקאנט, וויא דער יצר הרע בעמיהט זיך איינצושמועסען דעם מענשען אז ער קאנן זיין קינד ניט געבען עססען אין דער יוגענד. ווער רעדט נאך דינגען פאר איהם א רבין, דעריבער זאגט אונז דער תנא (אין פרקי אבות): דוא זאלסט פערגלייכען דעם שאדען, וואס דוא האסט, מהוצעדיג דיא מצוה, אנטקעגען איהר שכר (אויף יענער וועלט), און דעם שכר (דעם נוצען) וואס דיא עבירה ברינגט דיר — אנטקעגען איהר שאדען (דיא שטראף, וואס דוא וועסט פאר איהר האבען אויף יענער וועלט). און וואס וואטשעט דער שטיקעל קארפערליכער (מאטעריעללער) שאדען, וואס מיר האבען צוליעב דער מצוה אויף דער וועלט, אנטקעגען דעם גייסטיגען און עביגען לאהן, וואס מיר וועלען דערפאר האבען אויף יענער וועלט. וואס וואטשעט דיא שטיקעל הנאה, וואס מיר האבען פון דער עבירה, אנטקעגען דיא שרעקליכע עביגע יסורים, וואס מיר וועלען פאר איהר האבען אויף יענער וועלט! בפרט נאך, אז מען וועט פון דעם, וואס מען לאזט דיא קינדער לערנען תורה אין דער יוגענד, ניט האבען קיין ברעקל שאדען. גאטט, וואס ער גיבט יעדע בריה אויף דער וועלט איהר לעבענס-מיטטעל, וועט געוויס ניט פערגעסען אן דעם מענשען, וואס האלט אוים זיינע קינדער, כדי זיא זאללען קאנגען לערנען; אדרבה, ער וועט נאך מעהר הצלחה האבען אין זיין געשעפט, וויא דיא גמרא זאגט: דער וואס איז זיך עוסק בתורה (דיזעלבע ווענן ער לאזט זיינע קינדער לערנען) איז איהם מצליח זיינע עסקים. מען דארף זיך פארשטעלען וואס פאר א גרויסען שכר דער מענש וועט האבען, ווענן דיא קינדער געהען בדרך הישר און פערקעהרט, וואס פאר א גרויסע שטראף, וואס פאר א חרפה מען וועט האבען, ווענן דיא קינדער געהען אראב פון דער גלייכער וועג. אז מען וועט זיך דעם געדאנקען

סמנו היצר, דז״ל הזוה״ק פרשת בחקותי פתח ואמר בן יכבד אב ועבד אדוניו בן יכבד אב כמה דאמור כבד את אביך ואת אמך ואוקמוהו במיכלא ומשתיא ובכולא האי בחייו דאתחייב ביה בתר דמית אי תימא פטור מניה הוא לאו הכי דאע״ג דמית איתחייב ביקריה יתיר דכתיב כבד את אביך דאי ההוא ברא אזיל באורח תקלה ודאי מבזה לאבוי הוא ודאי עביד ליה קלנא ואי דהוא ברא אזיל באורח מישור ותיקן עובדוי ודאי אוקיר לאבוי אוקיר ליה בהאי עלמא גבי בני נשא אוקיר ליה בההוא עלמא גבי קב״ה וקב״ה חיים עליה ואותיב ליה בכורסייא דיקריה ברם זכאין אינון צדיקיא דזכאן לבנין קדישין לגזעין קדישין עלייהו איתקרי כל רואיהם יכירו כי הם זרע ברך ה׳ עכ״ל. ולהיפך אם יסור הבן מדרך ה׳ וימות אח״כ אפילו אם כבר זכה אביו במעשיו לישב בגן עדן ג״כ יגיע לו מסנו צער גדול כי יטלוהו מג״ע ויוליכוהו לגיהנם למען יראה ביסורי בנו כמו שאחז״ל והביא הגר״א דבר זה במשלי (קפיטל כ״ט) על הפסוק יסר בנך ויניחך ויתן מעדנים לנפשך וז״ל כאשר הבן וכו׳ ועוד יניחך מן הגיהנם ויתן מעדנים לנפשך בג״ע כמו מעשה דר״ע שלמד תורה עם בן רשע והצילו מן הגיהנם ועוד שהביאו לג״ע ועוד יסר וגו׳ כי אפילו צדיק אם יש לו בן רשע אזי נוטלין אותו מג״ע לגיהנם למען יראה יסורי בנו וזהו יסר בנך ויניחך במקומך וגם הוא יתן וגו׳ עכ״ל וזהו מדה במדה דהחת שהוא הניח לו לילך בדרכיו הרעים כדי שישתבר בזת חסורי העולם להתענג בו וזה גרם לו שהולך שובב בדרך לבו ונפל בחטאים עצומים לכן נגזר עליו שכאשר בנו יקבל העונשין עבורם יעמוד ויראה אותם בעיניו. ומי יוכל לשער גודל הצער והדאגה שיגיע לו לאדם ע״ז כי אפילו אם כואב לבנו איזה אבר קטן ומתאנח מגודל הכאב ג״כ מדרך טבע האב להצטער מזה ובפרט כשיראה אדם שמיסרין את בנו ביסורים קשים ומרים זה תולש ידו מעל גופו וזה תולש רגלו [וכידוע שכל אחד מהמשחיתים נבראו מהעבירה גופא באותו אבר שחטא בה כגון אם עבר איזה עבירה בידיו נברא כח המשחית להשחית את ידו וכן ברגלו ובכל האברים] ולבסוף מפילין אותו לאש והוא צועק ונוהם בקול מר אוי ואבוי כמה יתמרמר אביו אז ויבכה מנהמת לבו ולא יהיה לאל ידו להושיעו

---

פארשטעללען, װעט דער יצר הרע אבטרעטען פון מענשען. װענן דער זוהן געהט אין אשלעכטע װעג, שטעהט אין זוהר, טהוט ער דעם פאטער אן די גראסטע שאנדע, אונ פערקעהרט, װענן ער געהט אין דער רעכטער װעג, פערשאפט ער דעם פאטער פיעל כבוד געגען די מענשען אויף דער װעלט אונ געגען גאטט ב״ה אויף יענער װעלט, אונ גאטט ער־בארעמט זיך איבער איהם אונ זעטצט איהם אויף א טהייערען שטוהל. װיא גליקליך זיינען די צדיקים, װאס זיינען זוכה צוא האבען היילינע קינדער, אויף זיא געהט דער פסוק: כל רואיהם יכירו וכו׳ (יעדער װאס זעהט זיא, דערקאנט, אז זיא זיינען קינדער װאס גאטט האט זיא געבענטשט). פערקעהרט, אז די קינדער זיינען זינדיג, איז װענן דער פאטער האט אפילו זוכה געװען, דורך זיינע מעשים טובים, צוא זיצען אין גן עדן, װעט מען איהם אויך נעהמען פון גן עדן אונ אװעק פיהרען אין גיהנום, כדי ער זאלל זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען די יסורים װאס זיין זוהן האט, װיא די גמרא זאגט אונ װיא דער גאון ברייננט אין משלי אויף דעם פסוק: יסר בנך וכו׳. שטראף (מוסר) דיין זוהן, װעט ער דיך בעפרייען (פון גיהנום) אונ װעט דיר פערשאפען פערגניגען (אין גן עדן). א צװייטער פירוש איז: „שטראף דיין זוהן, װעט ער דיך „לאזען" אויפ׳ן ארט אין גן עדן אונ מען װעט דיך ניט פיהרען אין גיהנום צוא צייגען דיר װיא מען בעשטראפט דארטען דיין זוהן וכו׳. אונ דאס װעט זיין בעצאהלט מדה כנגד מדה (ריכטיג װיא מען האט פערדינט): ער האט דעם זוהן געלאזט געהן אין דער שלעכטער װעג אונ לעבען א גוטען טאג, װאס דאדורך איז ער נכשל געװארען אין די גראסטע עבירות, דערפאר װעט ער מוזען זעהן װיא ער װעט בעשטראפט װערען פאר דיזעלבע עבירות, אונ װיפיעל צער װעט דער פאטער פון דעם האבען! אז א פאטער זעהט א קינד ליידט אפילו אויף א פינגער האט ער שוין פון דעם עגמת נפש, בפרט, אז ער װעט דעם זוהן זעהן ליידען די גראסטע יסורים, דער רייסט איהם די האנד ארויס אונ דער די פוס (װען מיט יעדער עבירה װאס מען טהוט בעשאפט מען זיך א מלאך חבלה, װעלכער רעכענט זיך אין גיהנום אב מיט׳ן מענשען אן דעמזעלבען אבר, מיט װעלכען ער האט געטהון די עבירה) אונ צום סוף װארפט מען איהם אריין אין פייער אונ ער שרייט אונ יאמ־

להושיעו מזת מאומה, וגם בעוה"ז גרם זה החטא שמסלק את בניו מתורה לקצר ימיו וימי בניו וכדאיתא בספרי על הפסוק ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם מכאן אמרו כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מדבר עמו לשה"ק ומלמדו תורה ואם אינו מדבר עמו לשה"ק ואינו מלמדו תורה ראוי לו כאלו קוברו שנאמר ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם וגו' למען ירבו ימיכם וימי בניכם אם למדתם אותם את בניכם ירבו ימיכם וימי בניכם וא"ל יקצרו ימיכם וימי בניכם שכך ד"ת נדרשים מכלל לאו אתה שומע הן ומכלל הן לאו (ואין כונת הספרי דוקא על קטנים גמורים אלא כ"ז שהוא תחת רשות אביו מוטל עליו ללמדו תורה דאשו קטנים כתיב בקרא). והנה כשיתבונן האדם בכל אלה בודאי לא ישגיח האב על הנהגת איזה אנשי המדינה (שאינם משגיחים כלל על בניהם להדריכם בדרך ה') ויבחר לעצמו את דרך החיים להחזיק בניו לתורת ה' שהיא החיים האמיתי כמו שכתוב עץ חיים היא למחזיקים בה והאוכל מפירותיו חי לעולם וכמו שתקנו לנו חז"ל בנוסח הגרכה וחיי עולם נטע בתוכנו ואז יזכה לחיות חיי הנצח הוא וזרעו כמו שכתוב ויתן מעדנים לנפשך וכמו שמפורש בתורה ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך והוא כלול עוה"ז ועוה"ב כי גם בעוה"ז ע"י שמחזיק בניו לתורה יזכה לאריכות ימים הוא ובניו וכדאיתא בספרי הנ"ל:

# פרק יח.

## בו יבואר מצות התיסדות בתי ת"ת והתמנות מו"צ לישראל.

והנה עד כאן דברנו בענין מצות לימודי התורת שמוזו"יב

---

טערט מיט שרעקליכע קולות. אז עס געהמט פיין הארצען. וויא שרעקליך וועט דאס דער צער פון פאטער זיין, צוזעהענדיג דאס אללעס מיט דיא אייגענע אויגען און ניט קאנענדיג העלפען! און דער הויפט סיבה פון קינד'ס אראב פון דרך הישר איז דאך פון ווייניג לערנען תורה דענן דיא תורה פיהרט דעם מענשען אין דיא גלייכע וועג. דיא עבירה פון ניט לאזען דיא קינדער לערנען תורה ברייננט דער-צו, אז ער און דיא קינדער זאללען אויף דער וועלט אויך בעשטראפט ווערען מיט קצור ימים (פערקירצונג פון דיא יאהרען), וויא עס שטעהט אין ספרי אויפ'ן פסוק: ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם, בעת דאס קינד פאנגט אן רעדען מוז דער פאטער מיט איהם רעדען לשון קודש און לערנען איהם תורה. אז ניט — איז גלייך וויא ער וואללט איהם בעגראבען, וויא עס שטעהט: ולמדתם אותם את בניכם וכו', ווענן איהר וועט זייא (דיא דברי התורה) לערנען מיט אייערע קינדער צוא רעדען אין זייא וכו', דאנן וועללען זיך מעהרען אייערע און אייערע קינדערס יאהרען (למען ירבו ימיכם וכו'), וויא עס ווערט ווייטער אויסגעפיהרט. פון דעם פערשטעהט מען, אז ווען מען וועט ניט לערנען מיט דיא קינדער קיין תורה וועללען דיא אייגענע און דיא קינדערשע יאהרען פערקירצט ווערען. נאטירליך מיינט מען ניט דוקא גאנץ קליינע קינדער, אין פסוק שטעהט אויך סתם: קינדער, און דער חוב צוא לערנען תורה דיא קינדער איז געגען גראססערע קינדער אויך, כל זמן זייא זייגען נאך אונטער'ן פאטער'ס רשות. אז דער פאטער וועט דיא אללע זאכען גוט בעטראכטען, וועט ער געוויס ניט קוקען אויף דיא פיהרונג פון דיא נארישע אידען, וואס לאזען זייערע קינדער גאר ניט לערנען תורה, און וועט זייגע קינדער מדריך זיין אין דער רעכטער וועג, דיא וועג פון לעבען, וויא עס שטעהט: עץ חיים היא למחזיקים בה (זיא (דיא תורה) איז א בוים פון לעבען פאר דיא, וואס האלטען זיך אן איהר און דיא וואס שטיטצען איהר (וואס זעהען זיא זאלל האבען א קיום) זייגען גליקליך), און וויא מיר זאגען אין דער ברכת התורה: וחיי עולם נטע בתוכנו (ער — גאט — האט אין אונז איינגעפלאנצט מיט דער תורה, זיין עוויגען לעבען). און ניט צוא דיא חיים הנצחיים (עוויגען לעבען) אליין איז מען זוכה דורך דער מצוה פון לערנען דיא קינדער תורה. מען איז אויף דער וועלט אויך זוכה דורך איהר צוא מאריך ימים זיין אין נחת און גליק, וויא מיר האבען פריהער אויפגעוויזען פון פיעל פסוקים און מאמרי חז"ל:

## פרק יח.

יעטצט וועללען מיר רעדען וועגען דער גרויסער פפליכט (חיוב) וואס עס ליעגט אויף יעדע אידישע געמיינדע (קהלה) צוא זעהן עס זאלל בייא וויא

שמחוייב כל אב להשתדל ללמד תורה לבניו ועתה נדבר עוד קצת בענין גודל החיוב על כל קהלה מישראל להושיב מלמדי תינוקות ללמד תורה לילדי ישראל וכדאיתא ביו"ד סימן רמ"ה ס"ז מושיבין מלמדי תינוקות בכל עיר ועיר וכל עיר שאין בה מלמד תינוקות מחרימין אנשי העיר עד שיושיבו מלמדי תינוקות וכו' שאין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא וגרסינן בשבת קי"ט לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו בה תינוקות של בית רבן שנאמר שפוך על עולל בחוץ מה טעם שפוך משום דעולל בחוץ והטעם בכל זה שזה גורם שתשתכח תורה מישראל שאם אין גדיים אין תישים ומזה נלמוד דכ"ש בזמנינו ובפרט במדינות הרחוקות שקרן התורה בעו"ה ירדה עד לעפר ועמודי הדת נתרופפו כמה צריך להחזיק שלא תתמוטט לגמרי ח"ו ובעו"ה אנו רואין בעינינו שכמה ילדים שהיו יכולים להיות יודעי התורה ועובדי השם ומפני שלא נמצאו להם בילדותן בית ת"ת נשארים בורים וע"ה גמורים והרבה מהם יוצאים לתרבות רעה ג"כ אוי לעינים שכך רואות שנמצאו במדינות הרחוקות קהלות גדולות של ישראל שלא נמצא אצלם אף ת"ת אחד ללמד תורת ה' לילדי ישראל [ואף המקומות שקובעין ללמד להם מעט ד"ת הוא רק לטפל בעלמא עד שנבלע מעט לימוד ההוא ביתר הלימודים החיצונים שלומדים אותם וישארו כל הילדים אף בלא ידיעת המקרא וכ"ש משנה וגמרא) ואין איש שם על לב למצוא מזור ותרף לזה שלא תפוג תורה ח"ו ומה נדבר ומה נצטדק לפני כסא כבודו יתברך כשיתבע ממנו לעתיר עלבונה של תורה והעיקר תלוי בהאנשים החשובים אשר בעיר אשר בידם לחזק ולתקן הדבר כמו שאחז"ל על הפסוק חטאת הקהל הוא וסמיך ליה אשר נשיא יחטא להורות לנו שמה שהקהל חוטאין החטא הוא על החשוב כי הוא נתפס בעונם במה שלא ראה לתקן את הדבר אך מ"מ עתידין הכל ליתן את הדין דחטאת הקהל הוא וכל איש שנגע יראת ה' בלבו יראה להשתדל בענין זה

של

---

זייא זיין מלמדים צוא לערנען מיט אידישע קינדער. אין יורה דעה שטעהט, אז דיא געמיינדע, וואס האט ניט קיין מלמד דארף מען איהר אריינגעהמען אין חרם ביז זיא זעטצט בייא זיך א מלמד, דענן דיא גאנצע וועלט האט א קיום נור דורך דעם זכות פון דיא קליינע קינדער'ס לערנען. וואס זייער מויל איז נאך ריין פון זינד. ירושלים איז חרוב געווארען, שטעהט אין דער גמרא, נור ווייל זייא האבען צושטערט דיא חדרים פון קליינע קינדער. דיא סבה, וואס דער ענין שטעהט אזוי הויך, איז, ווייל דורך דעם, וואס דיא קינדער לערנען ניט, קאנן דיא גאנצע תורה חלילה פערגעסען ווערען בייא אידען, דענן אז זייא וועלען גיט לערנען קליינערהייט, וועלען זייא גרויסערהייט געווים ניט לערנען, אונ אזוי וואקסט אויס א דור, וואס ווייס ניט פון אידישקייט דאס מינדעסטע. בפרט היינטיגע צייטען, אונ נאך אין דיא ווייטע מדינות, וואו דער מצב התורה שטעהט גאנץ ניעדעריג דארף מען דאך געווים זעהן זיא זאלל גיט אונטער־געהן אין גאנצען. מיר זעהען, בעונותינו הרבים, וויא קינדער, וואס וואלטען פאהיג געוועזען צום לערנען אונ וואס וואלטען קאנגען זיין כשר'ע אידען בלייבען אמת'ע עמי הארצים, אונ פיעל פון זייא געהען גאר אראב פון וועג, אונ דאס קוטקט אללעס, ווייל אין פיעל אויסלאנדישע אידישע געמיינדען זאגאר אין גאנץ גרויסע, געפינען זיך נים קיין תלמוד תורה'ס, וואו אידישע קינדער וואללטען קאנגען לערנען תורה, אונ אין דיא שולען, וואו מען לערנט יא תורה, איז דער למוד אויך נור א טפל אונ דער עיקר לערנען איז שפראכען אונ אנדערע קאנטניסע, אונ אזוי בלייבען דיא קינדער אונוויסענד אפילו אין מקרא (תנ"ך), ווער רעדט משנה גמרא – זייגען זייא גאר פרעמד, אונ קיינער זוכט גאר ניט קיין מיטטעל צוא אזא צושטאנד. וואס וועללען מיר אנטווארטען גאטט ב"ה אז עס וועט קוממען דיא צייט אבצו־געבען פאר איהם דין וחשבון? דיא גאנצע שולד ליעגט דא אויף דיא פני העדה, דיא חשובים אין דער געמיינדע, וואס קאנגען עפעס אויפטהון, וויא דיא גמרא זאגט, אז דעריבער שטעהט: חטאת הקהל הוא (דאס איז דיא זינד פון דעם גאנצען קהל) אונ דערבייא שטעהט: אשר נשיא יחטא (וואגן דער פירשט, דער גרויסער מענש, זינדיגט), כדי צוא בעווייזען, אז אין דיא זינד פון דעם קהל איז דער הויפט־שולדיגער – דער נשיא, דער חשובער מענש, וואס ער האט נים געזעהן פערריכטען דיא זאך; גע־ציימענס עס זאלל גים קוממען צוא דער עבירה. פון דעסטוועגען וועללען אללע מיטגליעדער פון דער

געמיינדע

של התיסדות ת"ת לילדי ישראל (והלימוד יהיה העיקר מקרא משנה וגמרא כפי יכולת הנערים והרב יהיה ירא אלהים וכמו שנהגו אבותינו ויוכלו להתיעץ שלא יהיה נגד חוקי המדינה וכבר נעשה בתי ת"ת כאלו גם בחוץ למדינה) למען כבוד ה' ותורתו הקדושה שנתחלל עתה בעונותינו ואז אין קץ יהיה לשכרו שהוא גרם שלא תשתכח תורה מישראל וכדמצינו בגמרא שאמר רבי על ר' חייא כמה גדולים מעשי חייא עבור שהשתדל בתחבולות בימיו שלא תשתכח התורה מישראל. וזכותם גדול מאד לעתיד ועליהם אמר הכתוב והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו. וזכות המצוה הזאת גדול מאד שע"י יש לישראל קיום בין האומות כמו שאחז"ל על הפסוק הקול קול יעקב וגו' שבזמן שקולו של יעקב מצפצף בבתי כנסיות ובתי מדרשות אין הידים שולטות בהם וכו' וכעין זה איתא ג"כ בזוה"ק על הפסוק אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן וגו' וז"ל בפ' בלק אם לא תדעי לך לאתקפא גרמך בגלותא ולאתקפא חילא לאגנא על בנך צאי לך לאתקפא בעקבי הצאן אינון תינוקות דבית רבן דאולפי תורה וכו':

ועתה נדבר אודות עוד ענין נחוץ מאד שחייבין כל עיר ועיר שיש שם קיבוץ מישראל לשכור להם רב שיורה להם מצות התורה ומשפטיה איך להתנהג ולא יהיו כעורים המגששים באפלה, ועיין בתשובת חתם סופר (חלק או"ח סי' כ"ו) דכל אנשי העיר מחויבים ליתן לזה ואין אחד יכול לומר איני צריך לרב ומ"צ דמ"מ צריך לישא בעול עם הצבור דומיא דכל אנשי העיר מחויבים ליתן על המקוה עי"ש. וכדי שידע האדם גודל החיוב שיש בענין זה אעתיק לך מה דאיתא בשו"ע או"ח סימן נ"ג והדין הזה נודע מתשובת הרא"ש וז"ל השו"ע צבור שצריכין לשכור רב ושליח צבור ואין בידם כדי שכר שניהם אם הוא רב מובהק [שהוא ירא אלהים] וגדול בתורה ובקי בהוראה הוא קודם והטעם דאע"ג דיחסר להם עי"ז

---

געמיינדע אויך הארפען אמוניטשאיען (פאראנטווערען זיך) פאר אזא עבירה, וויא ניט האבען ביא זיך אין שטאדט קיין תלמוד תורה, און יעדער איד, וואס האט נאטט אין הארצען, איז מחויב צוא סטארען זיך מ'זו זאלל מאכען א תלמוד תורה אין שטאדט. דער עיקר לערנען מוז דארטען זיין תנ"ך, משניות און גמרא, אויך דארף מען זעהן, דער רבי זאלל זיין א ירא שמים (אזעלכע תלמוד תורה'ס זיינען שוין גענג' ריכדעט געווארען אין פיעל אויסלאנדישע שטאדט). דער מענש וואס סטארעט זיך אין דעם און איז מביא גורם דיא תורה זאלל ניט פערגעסען ווערען ביא אידען, וועט פאר דעם האבען זעהר פיעל שכר, וויא מיר געפינען אין דער גמרא, אז רבי האט געזאגט אויף רבי חייא'ן: וויא גרויס זיינען חייא'ס מעשים מיט דעם וואס ער האט זיך זיין גאנצען לעבען בע־מיהט, דיא תורה זאלל ביא אידען ניט פערגעסען ווערען. דיא מעשים פון ר' חייא ווערדט דארטען ערצאהלט וואס עס איז געוועזן נור אין דעם צוועק מאכען מיטטלען פאר קליינע קינדער זאללען לערנען תורה. דער מענש איז פון דיא מצדיקי הרבים, וואס אויף זייא זאגט דער פסוק, אז זייא וועללען שיינען וויא דיא שטערען. דער וואס איז מזכה הרבים, שטעהט אין דער גמרא, קומט דורך איהם קיין זינד ניט. בזכות פון דער מצוה האבען אידען א קיום צווישען דיא אומות העולם, וויא דיא גמרא זאגט אויפ'ן פסוק: הקול קול יעקב וכו' — כל זמן יעקב'ס קול הערט זיך אין דיא שולען און דיא בתי מדרשים קאנגען "עשו'ס הענד" ניט האבען איבער איהם קיין שליטה. הערנעלטיגער געבאנקען שטעהט אויך אין זוהר מיט אנדערע ווארטער, אז אידען אין גלות בארפען זיך שטארקען, נור אין דעם ענין לערנען תורה מיט דיא קינדער. נעהמט ברידער דיא הייד אין זינען און טהוט אין דעם, אז וואהל וועט זיין אייער חלק. יעטצט וועללען מיר רעדען נאך וועגען איין אנדער זעהר וויכטיגען ענין: יעדע שטאדט וואו עס איז דא א קבוץ פון אידען, מוז זיך נעהמען א רב, כדי דיא מיטגליעדער פון דער געמיינדע זאללען האבען ביא וועמען צוא פרעגען א דין. דער חתם סופר זאגט, אז יעדער איד איז מחויב צוא געבען צושטייער אויף צוא נעהמען א רב, פונקט וויא יעדער איד איז פערפפליכטעט צוא געבען צושטייער אויף א מקוה. עס שטעהט אין שולחן ערוך, אז ווען א געמיינדע (א קהלה) דארף האבען א רב און א חזן און בידע צוזאמען קאנגען זייא ניט אויסהאלטען, איז אויב עס מאכט זיך זייא א רב א למדן און א ירא שמים איז ער געווים בילכער ווייל פון וואו רב טעללען וויא

עי"ז מצות תפלה שלא יהיה להם מי שיוציאם ידי חובתם זה שיהיה רב ומ"ץ שיודיע להם תורת ה' ומשפטיה עדיף מן התפלה כן איתא בתשובה שם [אם לא שהרב ההוא שרוצין לשכור אינו בקי בהוראה אז הש"ץ קורם מטעם כיון דבלא"ה לא יוכל להורות לעם איך שיתנהגו ע"פ חוקי התורה ש"ץ קודם שיוציאם עכ"פ ידי חובתם בתפלה] ומזה יתבונן האדם גודל החיוב על כל עיר לשכור להם רב ומו"צ כדי שיורה להם מצות התורה ומשפטיה ואפילו אם עי"ז ידחה אצלם עניני תפלה שלא יהיו יכולים לשכור ש"ץ שיוציאם ידי חובתם בקדיש וקדושה וברכו החיוב הזה הוא קודם . וזהו תוכחת מגולה להעיירות הנמצאות בארצות רחוקות שאין להם רב ומ"ץ בעירם ועון גדול הוא שאף שלוקחין להם שו"ב עכ"ז הלא צריכין לאיש מו"צ שיורה להם דיני שבת ויו"ט והלכות פסח החמורה ודיני טבילת מקוה וכל פרטי הלכות נדה ושאר דיני תורתנו הקדושה אשר יעשה אותם האדם וחי בהם [אם לא שהשו"ב שלהם הוא למדן גדול וירא אלהים ובקי בחדרי התורה ויש לו סמיכה על הוראות מהגדולים המפורסמים דמדינה]

וכ"ש שיש ששוכרין להם ש"ץ מפורסם למנגן גדול בעד הון רב לשנה שינגן להם בקול נעים ובלהקת משוררים ובשיעור הון כזה היו יכולין ליקח להם רב מופלג וגם ש"ץ שיהיה יוכל לעבור לפני והתיבה בשבת ויו"ט ור"ה ויוהכ"פ כאשר במדינותינו ובודאי היה מתקבל עבור זה הפלתם למרום משא"כ: עתה שהתמנות הש"ץ הוא שלא לשם שמים ע"ז נאמר נתנה עלי בקולה ע"כ שנאתיה וסוף דבר הוא שעי"ז הולכת העיר מדחי לדחי שאין להם מורה ומנהיג בדרכי ה' ובאים עי"ז לידי חילול שבת ויו"ט ואכילת חשש חמץ ח"ו ושארי מאכלות אסורות ומי יודע עוד כמה איסורים מחייבי כריתות ר"ל . ואם העיר היא גדולה אין להסתפק במו"צ אחד לכל העיר דעי"ז באו כמה מכשולים כי אין אחד יכול לפקח על כל עניני הדת שבעיר גדולה וגם מחמת מרחק המקום מתעצלי' משרתי הבית לילך לישאל איזה שאלה של או"ח אלא מן הדין צריכין לקחת כמה מו"צ לפי ערך העיר . והנה בסוג האיש מו"צ שיקחו מובן והדבר שכיון שהרב הוא המדריך את העם ומודה להם דרכי ה' צריך שיהיה הוא בעצמו איש ירא אלהים

וגם

---

זייא קאנגען וויסען א דין , אונ דאס איז וויכטיגער פון דער מצוה פון תפלה (דאווגען), וואס זייא וועללען ניט קאנגען מקיים זיין אהן א חזן) . זעהט מען , אז ווען אפילו צוליעב'ן רב וועט מען מוזען אויסקומען אהן א חזן אונ ממילא וועט מען ניט קאנגען הארען קיין „ברכו" , קיין „קדושה" אונ „קדיש" , פון דעסטוועגען איז דער רב בילכער , ווענן ער קאנן פסקנען א דין אונ לערנען זיין געמיינדע דיא וועג פון דער תורה . פון דעם זעהט מען וויא גרויס עס איז דיא עבירה פון דיא קליינע קהלות אין דיא ווייטע לאנדער וואס נעהמען ניט קיין רב . מיט א שוחט אליין זיינען זייא ניט יוצא . בייא וועמען וועללען זייא פראגען א שאלה אין אזעלכע גרויסע איסורים וויא חלול שבת , חמץ בפסח , דיא דינים פון א נדה אונ אנדערע מצוות התורה ? סיידען אז דער שוחט איז צוגלייך א גרויסער למדן אונ א מוסמך להוראה פון בעוואוסטע רבנים . אנדערע בעגעהען זיך אין דער היגזיכט נאך ארגער : א חזן נעהמען זייא זיך א בערידהמטען , א גוטען מנגן מיט א גרויסען קאהר כדי צוא האבען פערגניגען פון זינגען , וואהרענד פאר דיזעלבע געלד , וואס עס קאסט אב א חזן , האבען זייא געקאנגט דאקאושען

אי א רב א מופלג אי א גוטען בעל תפלה , אדער א געוואהנליכען חזן וואס זיין תפלה וואללט אויך אנ-גענומען געוועזן אין הימעל אונ אפשר נאך גוער פון דער תפלה פון דעם בערידהמטען חזן . אויף דער קהלה , וואס נעהמט זיך א חזן נור כדי צוא האבען פערגניגען פון זיין שאנע שטימע געהט דער פסוק : נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה (זיא האט אויף מיר אויפגעהויבען איהר קול , דעריבער האב איך איהר פיינד) . א געמיינדע , וואס האט ניט קיין רב , איז עלול (פאהיג) נכשל צוא ווערען אין דיא גראסטע איסורים , וויא חילול שבת , חשש חמץ בפסח , עסען טרפות אונ דערגלייכען . אז דיא געמיינדע איז א גרויסע , איז איין מו"ץ וועניג , ווייל איינער קאנן ניט אכטונג געבען אויף אללעס , וואס עס פאדערט דעם רב'ס השגחה , אויך פוילט זיך אמאל דער משרת אדער דיא דיענסט-מאדעל געהן פרעגען א שאלה , ווענן דער רב וואהנט ווייט . יעדע געמיינדע מוז האבען איהרע מורה הוראה'ס טעדליג נאך איהר גרויסקייט גאך . עס איז זעלבסט פערשטאנדליך , אז פאר א מורה דרך (א וועגוויזער) אונ א מנהיג פון דער געמיינדע , וויא דער רב איז בייא אונז אנגן ,

מוז

גם בקי בכל דיני איסור והיתר כדי שינהג את קהלתו ע"פ דרכי התורה והמצוה . והנה כל אלה הדברים שכתבנו בפרק זה הן מעניני התיסדות ת"ת וישיבות והן בעניני הקמת מו"צ לעדת ה' הן מעיקרי עמודי הדת ואשרי להאנשים המשתדלים בזה בזמנינו בכל קהלות ישראל ובפרט במדינו' הרחוקות שנתרשלו בזה מאד וכבר ירד בעו"ת מצב הדת עי"ז ועי"ז וכיו"ב אמר הכתיב (תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך *) וזכות הרבים יהיה תלוי בם :

# פרק יט

## בו יבואר דין אם מוכרח לעבור על איזה דבר מן התורה [יו"ד סימן קנ"ז וחב"א] :

א) באהבת ה' אותנו וחפץ לזכותנו בתורה ומע"ט לעולם

*) וביאור הכתיב אחז"ל במסכת ברכות בסופו דבשחפרו תורתך הוא עת לעשות לה', והכוונה דבזמן שנמצאו חרבות ספרי התורות אז צריכין להתחזק אנשים חרדים לדבר ה' לעשות עצות ותחבולות שלא יתחלל עוד כבוד ה' בארץ ובעת ההיא נמצא לפני כל אחד ואחד לפעול ענינים קדושים יקרים מפז ובדמיון חבערה גדולה שנפלה באוצר המלך שכל איש ואיש הבא להציל מוצא כסף וזהב ופנינים ואבני חפץ אשר בעת אחרת אינו מצוי כלל למצוא דברים באלה . כך הוא בעת הזאת בעו"ת שנמצא חורבנות רבות בתורת הקדושה שהיא אוצר מלך מלכי המלכים הקב"ה ע"י מניעות ת"ת וישיבות ומורים לעדת ה' . וכל איש החכם יורז בעת הזאת להציל כל מה שבכחו וימצא כל אחד לפניו ענינים קדושים היקרים מפז ויזכה לכמה וכמה נפשות מישראל לעולם הנצח ואשרי חלקו .

---

מוז מען געהמען נור אזעלכען , וואס איז מיט איין ארח'ן פרומם אונ וואס איז קלאהר אין אללע דינים פון איסור והיתר , כדי ער זאלל קאנגען פיהרען זיין געמיינדע בדרך התורה והמצוה . אונ – "וועגן רבי האט ניט געלערנט – פון וואנענט קאנן חייא זיין תלמיד) וויסען ז"ל" דאס אללעס וואס מיר האבען דא געשריעבען , סאיי מכח דעם אפעגען ישיבות אונ תלמוד תורה'ס אונ סאיי מכח דעם געהמען רבנים אין די אידישע קהלות – דאס אללעס איז פון די עקרי הדת אונ אז וואהל איז די מענשען , וואס טהוען אין דעם אין אללע אידישע געמיינדען בפרט נאך אין די ווייטע לאנדער , וואו מען איז בעונותינו הרבים , זעהר נאכלאססיג אין די ענינים , זייער זכות איז זעהר גרויס אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט , אונ אויף דעם שטעהט אין פסוק עת לעשות לה' הפרו תורתך *) (תהלים קי"ט) .

### פרק יט.

ווייל גאטט ליעבט אונז זעהר אונ חילול אונז מזכה זיין , דורך תורה אונ מעשים טובים צו יענער וועלט

*) די גמרא פארטייטשט די כוונה פון פסוק : עת לעשות לה' הפרו תורתך , אין דער צייט ווען "הפרו תורתך" וואס די תורה ווערט פארשטערט ביי פיעל מענשען דאנן איז "עת לעשות לה'" דאס הייסט דאנן איז די רעכטע צייט אויפצוטהון פון גאטט'ס כ"ה כבוד וועגען , דאנן ליעגט מעהרער דער חוב אויף עהרליכע אידען צו שטארקען זיך אונ שטארקען דעם צווייטען צו דעם איבערשטענס דיענסט אונ דאנן איז טאקי פאראן צו טהון פאר יעדען , יעדער קאנן געפינען גרויסע ענינים וואס אויפצוטהון . דאס איז געגליכען וויא אין א צייט פון א שריפה , א פייער-שאדען , ווען עס ברענט די גרויסע מאגאזינען פון נאלד אונ דימאנטען דאנן איז דער קלענסטער מענש קאנן מיט זיין ביסעל וואססער אונ מיהע ראטעווען א פאר מעגען פון מיליאנען . אזוי די צייט , קאנן מען זאגען , אז עס ברענט בעונותינו הרבים דער קאניגליכער פארמעגען , די תורה הקדושה וואס זיא איז דער אוצר פון מלך מלכי המלכים הקב"ה (וויא עס שטעהט : יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה) אונ אויך ברענען נפשות פון ליעבע אידען וואס זיינען אויך די עם סגולה דער אוצר פון הקב"ה וויא עס שטעהט וכו' . איז די צייט פאראן פאר יעדען וואס צו טהון , איין אידען ראטעווען איז אויך גלייך וויא א גאנצע וועלט , וויא די גמרא זאגט "כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא" בפרט מיט די גלאזונגע זאכען מאכען חברות פון תורה , תלמוד תורה'ס פאר קליינע קינדער , מיט בחורים , אונ אויפגעהטען פרומע רבנים מנהיגים וואס דאס איז א חיזוק צום גאנצען דת צו טויזענדער מענשען , אז וואהל איז זייער חלק פון די וואס שטארקען זיך אין דעם . אויף זייא געדט געווים דער פסוק "ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" די וואס ברייגען ארבים צו אזכות , אין אידישקייט וועללען שיינען עביג וויא די שטערען פון הימעל :

לעולם הבא הזהירנו על בריאותנו להיות מקוימים לפניו חנוף חזק ובריא לעבדו בעולם הזה שנאמר ושמרתם את חקותי וחי בהם וקבלו חז"ל שנתנו המצות לחיות בהם ולא שימות בהם ולכן כל האיסורים שבתורה נדחים מפני סכנת נפשות בגווני דנבאר לקמן חוץ מע"ז וג"ע וש"ד דעל אלו אם רוצים לאנסו שיעבור על אחד מהן מחוייב למסור עצמו למיתה ולא לעבור וע"ז נאמר בתורה ונקדשתי בתוך בני ישראל וח"ו העובר ולא מסר נפשו ביטל עשה זו וגם עבר על ל"ת ולא תחללו את שם קדשי עונשו גדול מאד. וג' מיני מסירות נפש הוא. א) ע"ז. ג"ע. ש"ד. אפילו בצינעא ואפילו אם המציק לו בזה מכוין להנאת עצמו ולא להעבירו על דת מחוייב למסור עצמו למיתה. ודע לפי מה שידוע דעל אביזרייהו דג' עבירות ג"כ מחוייב למסור נפשו והיינו בגון לכבר ולרבץ לפני העבורת גילולים או להדליק נרות לפניה שעל כל אלו יש ל"ת בתורה כדאיתא ברמב"ם ע"כ היכא שנזדמן שאיש ישראל שרוי בבית הע"ג בימי חגיהם ישמר בזה. גם צריך לדעת שלומר לפני עו"ג שגם הוא עובר גלולים במותם גם זה הוא בכלל ע"ג שבזה מראה שהוא מורה לדתם וכופר בעיקר שמחוייב ישראל למסור נפשו ע"ז במבואר ביו"ד סי' קנ"ח ועיין במה שכתבנו לעיל אודות זה. וכמה יתבייש האדם מעצמו כשנשמתו תעל'ה למעלה ויראה את בבוד הדר אלהינו בורא שמים וארץ שיש לו כמה אלפי רבבות כתות של מלאכי השרת שעומדים תמיד לפני כבודו יתברך כמאמר הכתוב אלף אלפים ישמשוניה ורבו רבבן קדמוהי יקומון וכולם דולים וזעים מפניו ועושים באימה וביראה רצון קונם איך פעל בעצמו לכפור בכבודו ולהיות מודה לע"ג. ודע עוד דהעלו הפוסקים דאפילו אם אונסין אותו לעבור על אחת מכל העבירות שבתורה אם אומרים לו עשה להראות

---

וועלט האט ער אונז אנגעזאגט, מיר זאללען היטען אונזער געזונד, כדי מיר זאללען איהם קאנגען דיענען וויא עס דארף צוא זיין, וויא עס שטעהט: ושמרתם לנפשותיכם, איהר זאללט היטען אייערע נפשות (אייער לעבען), ושמרתם את חקותי וחי בהם, איהר זאללט היטען מיינע געזעטצען און איהר זאללט לעבען דורך (אדער מיט) זייא, וואס אויף דעם זאגט דיא גמרא, אז דיא מצוות זיינען אונז געגעבען כדי מיר זאללען לעבען און ניט שטארבען דורך זייא. דעריבער וואו עס האלט ביא סכנת נפשות (לעבענס-געפאהר) ווערען אללע איסורים נדחה (זייא פערליערען זייער בעדייטונג) און מען מאג עובר זיין אויף זייא, אויף דעם ארט וויא מיר וועללען ווייטער ערקלארען, חוץ דיא דרייא עבירות: עבודה זרה (געטצענדיענסט), גלוי עריות (מזנה זיין מיט איין אשת איש און דיא איבעריגע פרויען וואס מען טאר מיט זייא ניט לעבען וויא עס ווערדט אויסגערעכענט אין דער תורה) און שפיכת דמים (בלוט פערגיעסען, הרג'נען א מענשען). צוליעב דיא דרייא עבירות מוז מען זיך האטש מוסר נפש זיין (לאזען זיך הרג'נען) ווענן מען נאטה צוא עובר זיין זייא, אבי ניט נאכגעבען. דער וואס איז ח"ו יא עובר, האט ער מבטל געמאכט דיא מצות עשה: ונקדשתי בתוך בני ישראל (איך זאלל געהייליגט ווערען צווישען אידען) אויך דיא מצות לא תעשה: ולא תחללו את שם קדשי (איהר זאללט ניט ענטהייליגען מיין הייליגען נאמען), און זיין עונש איז זעהר גרויס. עס קאנן געמאלט זיין דרייערליי ארטען מסירת נפש. א) אויף עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכת דמים, אפילו ווענן מען נאטה דערצוא שטיללערהייט ניט בפרהסיא, אפילו דער וואס נאטה דערצוא מיינט נור זיין אייגענעם נוטצען, מוז מען זיך מוסר נפש זיין. אפילו אויף אזעלכע זאכען, וואס זייגען פערבונדען מיט דיא דרייא עבירות, וויא, למשל, זיך קניען פאר'ן געטץ, אנ-צינדען פאר איהם אליכט, און דער גלייכען, וואס אויף דעם אללעם איז דא א לא תעשה, וויא דער רמב"ם זאגט. דעריבער אז עס קוממט אוים צוא נאכטיגען ביא א געטצענדיענער מוז מען זיך זעהר היטען פון דעם, אפילו זאגען מיט'ן מויל אז ער איז אויך א געטצענדיענער וויא זייא איז אויך גלייך וויא מען דיענט געטצען, ווייל מיט דעם איז גלייך וויא מען וואללט מודה געוועזען אין זייער גאטט. און פאר דעם מוז מען זיך מוסר נפש זיין (זעה וואס מיר האבען וועגען דעם פריהער געשריבען). און וויא ווערט זיך דער מענש שאמען פאר זיך אליין, אז ער וועט זעהן נאכ'ן טוידט, וויא טויזענדטער מלאכים שטעהען פאר גאטט פערציטטערטע און ערפיללען יעדען וואונש זיינעם מיט עהרפורכט, און ער האט געפועלט ביא זיך צוא לייקענען אין גאטט'ס גרויס-קייט און מודה זיין אין דעם געטצענדיענסט. ווענן מען

להראות שאין תורת משה אמת או שהציווי היה רק לזמן מה וכבר נתבטלה שחייב למסור נפשו ע"ז בכל גווני דהרי הוא בעו"ג [פ"ת יו"ד וגליון רש"א בשם ריטב"א ורדב"ז]. ב) על שאר מצות שבתורה אם הוא בצנעא א"צ ליהרג ומותר לו לעבור אבל אם הוא בפרהסיא שיודעין בו עשרה ישראלים וגם הכוונה להעביר על דתו ולא להנאתו חייב ג"כ ליהרג ולא לעבור. ומ"מ אפילו בצינעא ואפילו אם המציק מכוין להנאת עצמו מחוייב האדם ליתן כל אשר לו ולא לעבור על לאו דאורייתא וזהו מה שכתבה לנו התורה ואהבת את ה' אלהיך וגו' ובכל מאדך בכל ממונך אבל לקיים מ"ע אינו מחוייב לפזר רק חומש

נכסיו ובעו"ה יש אנשים שחימוד ממון מעבירם על לאוין דאורייתא כגון מה שאוכלין עם העו"ג את מאכלי האיסור כדי שימצאו עבור זה חן בעיניהם ויקנו מהם סחורתם וכמה גרועים הם והאנשים האלו ופושעים בנפשותם דהלא אפילו אם היה הנכרי כופת אותו ומיסרו ביסורים קשים [כ"ז שאינו נוגע לפקוח נפש ממש] וגם היה לוקח כל אשר לו אם לא יתרצה אליו לאכול מאכלי איסור שלו ואפילו אם היה בידו כמה אלפים רו"כ מחוייב לקבל על עצמו היסורים וגם ליתן לו כל אשר לו ולהשאר עני ואביון ולא לעבור על רצונו של הקב"ה וזה הלא לא כפה אותו כלל ורק בשביל איזה גרגרי כסף שיתוסף לו בכיסו
ע"י

מען נאָטה אֲפִילוּ צוא טהון עפּעס איין עֲבֵירָה מיט דיא ווערטער: טהוא דאָס אונ דאָס, כְּדֵי צוא בּעווייזען מיט דעם, אַז דיא תּוֹרָה איז ניט אֱמֶת אָדער אַז דער צִוּוּי איז געוועזען נור אויף אַ קורצע צייט אונ איז שוין בָּטֵל געוואָרען — אויף דעם מוז מען זיך אויך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין, ווייל דאָס איז גְלייך ווי מען דינט דעם געטץ, ווִיא עס שטעהט אין יוֹרֶה דֵעָה *): ב) אויף דיא איבּעריגע מִצְוֹת הַתּוֹרָה דאַרף מען זיך ניט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין אַז עס איז בִּצְנְעָא, אין דער שטיל; אָבּער בְּפַרְהֶסְיָא, אַז צעהן אידען ווייסען פון דעם אונ דיא כַּוָּנָה איז ניט צוליעב עפּעס אַ נוּצען, נור איינפאַך: בּריינגען איהם צוא איין עֲבֵירָה — דאַנן מוז מען זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין. אָבּער וואו עס האַלט בּייא פערליערען מעהר ניט ווִיא דעם פערמאָגען, אַ שטעלע אָדער וואָס פאַר אַ בּעשעפטיגונג עס איז, דאַנן מוז מען יעדענפאַללס אַלעס אוועקגעבּען וואָס ער האָט צוליעב וואָס פאַר אַ לאו עס איז, אונ אויף דעם שטעהט אין דער תּוֹרָה: וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ (דוּא זאָללסט

ליעבּען גאָטט מיט דיין גאַנצער זעעלע, מיט גאָר דיין געלד, ווִיא דיא גְמָרָא ערקלאַהרט דעם „וּבְכָל מְאֹדֶךָ"). דאָס איז אַללעס גערעדט, וואו מען נאָטה צוא טהון אַזאַך וואָס מען טאָר ניט עַל פִּי דִין (עוֹבֵר זיין אויף אַ לָאו), אָבּער צוליעב מְקַיֵּים זיין אַ מִצְוָה (צוליעב איין „עֲשֵׂה") דאַרף מען מעהר ווִיא אַ פינפטעל פון דעם פערמאָגען ניט אויסגעבּען. עס זיינען דא פיעל אידען, בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, וואָס צוליעב דער מְטַבֵּעַ זיינען זייא עוֹבֵר פיעל לָאוין מִן הַתּוֹרָה, זייא עססען, לְמָשָׁל, טְרֵפוֹת מיט דעם עכּו"ם, כְּדֵי זייא זאָללען בּייא איהם האָבּען חֵן אונ ער זאָלל זייא געבּען צוא לאָזען. דיא לייט מערקען גאָר ניט, וואָס פאַר אַ גרויסע עֲבֵירָה זייא טהוען! ווען דער עכּו"ם וואָללט זייא אֲפִילוּ הערצוא געצוואונגען דורך דיא גראָבּסטע יִסּוּרִים (סיידען עס איז אין דעם דא איין אֱמֶתֶע סַכָּנַת נְפָשׁוֹת), ווען ער וואָללט אֲפִילוּ צוגענומען זיין גאַנצעס פערמאָגען, ווען ער ווערט ניט עססען טְרֵפוֹת — דאַנן איז מען אויך מְחוּיָּב אַריבּערצוטראַגען אַללעס אונ ניט עוֹבֵר זיין אַזא גרויסע עֲבֵירָה, אונ
דער

*) דער מענש מיט פערשטאַנד ווערדט גאָר ניט אַראָבּגעפאַללען אונ ניט טרויעריג ווען איהם קוממט פאַר אַ מִצְוָה פון „קִידּוּשׁ הַשֵּׁם", ווייל ער ווייס אַז זיין לעבּען איז אין בּעשאַפער'ס האַנד שטענדיג, אונ אַז ער גיבּט אַוועק זיין לעבּען פאַר דעם היילִיגען נאָמען פון גאָטט ב"ה, ווערט ער געוויס געפינען זיין שָׂכָר בּייא איהם עביג. דער וועלטליכער לעבּען איז דאָך זא ווִיא זא ניט קיין עביגער, אונ וואָס ער וועט דאָרטען געפינען בּייא גאָטט ב"ה איז דאָך גאָר ניט אויסצורעכענען אונ ניט מֶשַׁעֵר צוא זיין. פאַרקעהרט, דיא גרויסע פאַרשטענדיגע מענשען ווען עס איז זייא דאָס פאָרגעקוממען, האָבּען זייא דיא מִצְוָה מְקַיֵּים געוועזען מיט גרויס פרייד אונ מיט גרויס ליעבּע צוא גאָטט ב"ה, אַז זייא האָבּען דאָס זוֹכֶה געוועזען צוא אַזא גרויסע זאַך אוועקצוגעבּען דעם לעבּען צוליעב דעם כְּבוֹד פון בּוֹרֵא עוֹלָם, דעם בּעשאַפער פון הימעל אונ ערד. דאָס אַלליין איז בּייא זייא טהייערער געוועזען ווִיא דער גראָבּסטער שָׂכָר:

ע"י הפדיון הפקיד את התורה והמצות הנתונה לנו מאת הקב"ה וחוטא נורא הוא בזה . והנה כ"ז הוא שייך אפילו אם היה עובר רק איסור אחר ובפרט שע"פ אמת באכילת סעודה אחת שאוכל עם העו"ג מצוי שיעבור כמה וכמה איסורים חמורים כמו טרפות וחלב ודם שיש בהן כרת שנכרת נפשו מארץ החיים וגם על כל בזית ובזית עובר בלאו בפני עצמו אשר בםה עונשים ויסורי גיהנם יסבול על כל לאו ולאו וינהום באחריתו ככלות בשרו ושארו על כל העבירות שעשה בעוה"ז אבל אין מי שיועיל לו אז וכמו שנאמר ונהמת באחריתך ככלות בשרך ושארך וגו' . והנה אלו האנשים גופא לו ראו קרוביהם ומכיריהם מהעיירות שנסעו משם שאוכלים יחד במסיבה עם העו"ג טרפות או בשר חזיר בודאי היו מתביישים תיכף ופורשים מזה אך שחושבים בנפשם מי רואנו ומי יודענו בבית העו"ג , אבל לא יתבוננו כי עיני ה' משוטטות בכל הארץ והוא עתיד לגלות נבלותם וחרפתם לעיני הכל בעוה"ז ובפרט בעוה"ב וכמו שאמר הכתוב אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאם ה' הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה' ואחז"ל אל תקרי אֶראנו אלא אַראנו וכבר צווח ע"ז הנביא ואמר הוי המעמיקים מה' לסתיר עצה והיה במחשך מעשיהם ואמרו מי רואנו ומי יודענו וגו' וכתיב בקהלת סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור וגו' ואיתא שם בתרגום על זה סוף פתגם דאתעבד בעלמא בצינעא כולא עתיד לאיתפרסמא ולאישתמעא לכל בני אנשא בגין כך ית מימרא דה' הוי דחיל וית פיקורי הוי נטיר דלא למיחב בסיתרא ואין תחוב הוי זהיר למיתב [והיינו לעשות תשובה] ארום כדין חזי למיהוי אורח כל אנש עכ"ד . ג) וכ"ז שלא בשעת השמד אבל בשעה שגוזרין עובדי כוכבים גזירת שמד חייב כל אחד מישראל למסור נפשו להריגה אפילו בצינעא ואפילו אם אותו הדבר אינו לאו ולא עשה רק מנהג שנהגו בו ישראל ונגד שלשה מסירות נפש אלו אנו אומרין בכל יום בפרשה ראשונה דק"ש ואהבת את ה' אלהיך וגו' ובכל נפשך ובפרשה שניה שני פעמים נפשכם הרי שלשה פעמים לרמז על ג' מיני מסירות נפש אלו שחייב כל אחד מישראל לקדש שמו של הקב"ה למסור נפשו כשיזדמן לו :

מה

---

דער איז מפקיר די גאַנצע תורה צוליעב רעם שטיקעל פדיון, וואס ער וועט האָבען ! איז דאס ניט אַ שרעקליכע עולה ? און בפרט מיט'ן עססען טרפות איז מען ניט איין איסור עובר , דאָ קוממט פאַר דער איסור טרפה , איסור חלב , דם (בלוט) , וואס פאַר די ביידע עבירות קוממט כרת , און פאַר יעדען כזית איז אַ בעזונדער עבירה . וויפיעל שרעקליכע יסורים וועט מען זיך אָלוּא . פאַר איין מאל עססען אפילו , מוזען אויסליידען אין גיהנום ! מען וועט שוין דאנן חרטה האָבען , אָבער עס וועט זיין צוא שפּאט . די לייכטזיניגע מענשען וואללטען זיך אין דערהיים געווים געשאמט עססען טרפות , נור אין דער פרעמד טראַכטען זיא זיך : ווער קאנן אונז דאָ , און ווער קיים אונז ? אָבער דאס פערגעססען זייא אַ פּנים , אַז גאָטט זעהט אומעטום . אם יסתר איש במסתרים, לא אראנו נאם ה' אַז אַ מענש וועט זיך פערבאָרגען אין אַ פערבאָרגענעם אָרט, וועלל איך איהם דענן ניט זעהן ? זאָגט גאָטט , איך בין דאָך פולל אין הימעל און אויף דער ערד . אויף דעם וואָרט „אראנו" (איך וועלל איהם זעהן) זאָגט די גמרא , אַז מען דאַרף איהם פערשטעהן גלייך ווי עס וואללט גע־שטאַנען „אַראַנו" (איך וועלל איהם ווייזען) , דאס הייסט : איך וועלל ווייזען אַללעמען זיין זינד , וואס ער האָט געטהון . הוי , המעמיקים מה' וכו', וועה , שרייט דער נביא , די וואס בעמיהען זיך צוא פער־באָרגען פון גאָטט זייער ראַטה און טהוען אַללעס אין דער פינסטער און טראַכטען : ווער זעהט אונז , ווער קאנן אונז וכו' . אַזוי שטעהט אויך אין סוף קהלת : סוף דבר הכל נשמע וכו' , מיט איין וואָרט , אַללעס האָרט מען : פאַר גאָטט האָב מורא , און זיינע געבאָטען היטט ! וואס דער תרגום זאָגט אויף דעם אַזוי : די זאַך וואס ווערדט געטהון אויף דער וועלט אין דער שטילל וועט בעקאַנט ווערען צווישען אַללע מענשען , דעריבער דאַרפסט דוא זיך שטאַרקען צוא פורכט האָבען פאַר גאָטט ב"ה און זיינע מצוות היטען דוא זאללסט ניט זיין צוא שאַנדע וכו' . ג) דאס איז אַללעס גערעדט אין אַ געוואָהנליכע צייט , אָבער בעת די גאָטצענדיענער גיבען ארויס אויף אידען גזרות צוא איבערשמד'ן זייא , דאנן איז יעדער איד מחויב מוסר נפש זיין זיך אפילו אויף אַ אידישען מנהג . אַנטקעגען די דרייערליי אַרטען פון מסירת נפש שטעהט אין קריאת שמע דריי מאל דערמאָהנט

ויש

כ) מה שכתבנו דמחויב למסור נפשו על העריות לאו דוקא על הבעילה לבד אלא אפילו על חיבוק ונישוק של כל העריות או נכרית או נדה אפ"ה הדין דיהרג ואל יעבור דכל דבר שהוא אסור משום ע"ז וג"ע וש"ד אפילו אין בו מיתה אלא לאו בעלמא מחוייב למסור עצמו למיתה ובכל זה הוא עובר בלאו דלא תקרבו לגלות ערוה שדברים אלו מביא לידי גילוי עריה . ומזה ימלאו רתת ופחד הפושעים בנפשותם ומזנים עם נדות ועריות ונכריות ועוברים ברצון נפשם על עבירה חמורה כזה שהדין דצריך ליהרג ולא לעבור אפילו אם רוצים לאנסו . וגם חייב כרת על איסור זה אפילו אם הזונה היא פנויה כמו שמבואר ביו"ד בסימן קס"ג דאין חילוק בין פנויה לנשואה לענין איסור נדה כי כל הבא על הנדה חייב כרת ומבואר שם דכל הפנויות שלנו הם בחזקת נדות . ודעתנו להאריך קצת בגורל עון איסור זה ולהראות לפני הכל את גודל עונשו כדי שלא יתפתה האדם ח"ו ליצרו המסיתו בענין זה בהיותו שוהה כמה שנים בלי אשה וביותר במקומות הפרוצים בעריות אולי יראה בעיניו ולבבו יבין ושב ורפא לו :

# פרק כ

## בו יבואר גודל גנות העריות וגודל עונשו .

ואל יתמה הקורא על המחבר הזה על מה הוא מאריך כ"כ בעון החמור הזה אשר הוא מפורסם לכל ישראל בקטן כגדול כי מאריכותו נראה ח"ו שהוא חושד לכלל ישראל בזה , אף אנו נאמר לו כי לא כן הדבר ובעין זה נמצא כתוב בתורתנו הקדושה בפ' נצבים בעת שכרת משה רבינו בשם ה' ברית עם ישראל ואמר אתם נצבים היום כלכם וגו' ובא להזהירם מאד על עון ע"ז החמור נזהר מזה ג"כ שלא יעלה בלבם איך הוא חושד ח"ו לכלל אומה הישראלית אוהבי ה' אלהי השמים והארץ וכמו שאמר בעצמו בסוף פרשת תבוא ולא נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה ופירש"י שם שביום הזה ראה והבין מהם שרצונם מאד מעתה להדבק בהקב"ה ובתורתו ועל אותו היום אמר היום הזה נהיית לעם לה' אלהיך וגו' וא"כ איך עלה בלבו ח"ו

---

דער ווארט „נפש", צוא בעווייזען, אז דער איד איז מחויב צוא מקדש השם זיין אונ מוסר נפש זיין זיך ווען עם קוממט איהם פאר , אין דיא אללע דרייא ארטען . מיט דער עבירה פון עריות , וואס מען דארף זיך לאפיר מוסר נפש זיין , מיינט מען ניט דווקא לעבען מיט איין אשת איש , א נדה אונ דערגלייכען — אפילו האלזען אונ קושען אזעלכע דארף מען זיך אויך מוסר נפש זיין אונ אין דעם איז מען אויך עובר אויפ'ן לאו לא תקרבו לגלות ערוה , ווייל דאס קאנן ברייננען צוא גלוי ערוה (לעבען מיט אזעלכע וויא מיט א ווייב). היינט וויא דארפען זייא ניט פארציטערט ווערען דיא זינדיגע מענשען וואס ברענגען זיך צוא זנות מיט נדות אדער עריות וואס אפילו מען נאטה דארף א איד לאזען זיך הרג'נען אונ ניט טהון דאס , בפרט זייא טהוען דאס מיט גוטען ווילען . ווען איז צוא זייא , ווען איז צוא זייערע יאהרען . אויף דעם איסור איז מען דאך מחויב כרת זאגאר ווען דיא זונה איז אונפערהייראטעט , וויא עס שטעהט אין יורה דעה , אז דער וואס לעבט מיט א נדה איז מחויב כרת , ווען זיא איז אפילו אונפערהייראטעט , אונ אונזערע אונפערהייראטעטע פרויענצימער זיינען געוועהנליך נדות אויך . היינט וויא לאזט מען זיך אזוי איינרעדען פון יצר הרע צוא אריינברענגען זיך אין אזא שרעקליכע שטראף פון כרת ! אונ וייל עס געפינען זיך מענשען וואס לאזען זיך איינרעדען פון דעם יצר הרע אז זייא קוממט אוים צוא זיין עטליכע יאהר נוויט פון דער פרויא , וועללען מיר דעם איסור א ביסעל מעהר ארומרעדען פיללייכט וועלען אונזערע ברידער ניט זיין אומזיסט אונ וועללען אבהאלטען זעטען פון דער עבירה .

## פרק כ.

דער לעזער דארף זיך ניט וואונדערן אויף דעם מחבר פון דעם ספר , וואס ער רעדט אזוי פיעל וועגען דער גרויסער עבירה , וועלכע איז בעקאנט יעדען אידען פון קליין ביז גרוים , פון דער אריכות קאנן מען מיינען , אז ער איז חושד דעם כלל ישראל חס ושלום , אז ער ווערדט נכשל אין דער עבירה . אויף דעם קאננען מיר אנטווערען אויף דעם זעלבען ארט , וויא משה רבינו האט געוואונט צוא אידען , בעת ער האט זייא מזהיר געווען אויף דער עבירה פון עבודה זרה . ער האט זייא אויך חס

ושלום

ח"ו באותו מאמר תו לחשדם עוד שיחפצו לסור מאחרי המקום ולעבוד אלהים אחרים אשר הוא הבל וריק הלא זו הפרשה אתם נצבים מחובר לענין של מעלה כדמוכח בקרא שקאי על מה שכתוב בתחלה ויקרא משה אל כל ישראל ויאמר אליהם וגו'. לכך הקדים שתי תשובות לזה ואמר אחד כי אתם ידעתם את אשר ישבנו בארץ מצרים ואת אשר עברנו בקרב הגוים וגו' ותראו את שקוציהם וגו' פן יש בכם איש או אשה וגו' והכונה כי כל דבר הבל אף אם יתמה בפעם הראשון על המתפתה אחריו וברעיוניו נחשב המתפתה לשוטה גמור עבור זה אם האדם מורגל בו לראותו זמן רב ובפרט אם עושהו הוא רב ומושל עליו לא יהיה זה שוב בעיניו לפלא ולתמהון כ"כ כמו בפעם הראשון שראה דבר זה לכך אמר בי מצד שישבנו במצרים זה זמן רב וגם עברנו בקרב הגוים והורגלתם לראות הרבה דבר ההבל הזה. שנית שאינני חושד לכל האומה הישראלית רק פן יש בכם איש או אשה וגו'. ואף אנו נאמר בענינגו כי איש הישראלי בזמן שהוא בעירו אצל שאר חביריו ישראל אין צריך להרבות מוסר בזה אבל כשהוא הולך זמן רב בין הרבה כתות אנשים ויש מהם שטופי זמה ובפרט כשהוא רווק בימי בחרותו פן יש מי אשר יפתה לבו ח"ו לילך אחר חברת הרשעים ויתיר לנפשו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך לכך אנו צריכין להעריך את גודל העון וגודל העונש שיש עבור זה בזה ובבא ואח"כ נערוך לפני הקורא את גודל השכר של איש הישראלי השומר עצמו מזה בעוה"ב וגם בעוה"ז:

ואען ואומר. כמה גדול חומר העון שנפלו מישראל כ"ד אלף בשטים והסיבה היה ע"י עון זנות. ואין לך שבט מישראל שלא העמיד מלך או שבט חוץ משבט שמעון שלא העמיד מלך ולא שופט בשביל החטא שעשה זמרי בשטים עם המדינית ללמדך כמה קשה הזנות כיצד עתניאל משבט יהודה אהוד משבט בנימין דבורה וברק מהר אפרים ומקדש נפתלי גדעון משבט מנשה ואבימלך בנו אחריו תולע בן פואה משבט יששכר יאיר משבט מנשה וכן יפתח מיושבי גלעד אבצן מבית לחם יהודה אלון משבט זבולון עבדון בן הלל משבט אפרים שמעון משבט דן עלי ושמואל משבט לוי מבנימין יצאו מלכים ומיהודה ומאפרים ומנשה ירבעם ויהוא בן נמשי אבל שמעון לא העמיד מלך ולא שופט בשביל הזנות של זמרי וכן המדה הזאת נוהגת בכל איש ואיש שמגרע בזה לכל דורותיו הבאים אחריו כדלקמן. ולא עוד אלא כל מי שהוא להוט אחר בולמוס של עריות סוף שהוא מאבד את נפשו ומורדה מחיי עולם הבא שנאמר

---

ושלום ניט חושד געוועןי, אז זייא וועללען דיענען עבודה זרה. בפרט נאך דאמאלס בעת ער האט זייא געמאכט צום פאלק, פון דעסטוועגען האט ער זייא וועגען דעם מזהיר געוועןי (אנגעזאגט): ערשטענס — כי אתם ידעתם וכו' איהר ווייסט דאך — האט ער זייא געזאגט — וואס מיר זיינען געוועןי אין מצרים אונ וואס מיר זיינען דורכגעגאנגען דורך די פעלקער וכו' אונ איהר האט געזעהן זייערע אונווירדיגקייטען (גאטצענדיענסט), דאס הייסט: וויבאלד אז איהר זיידט שוין א ביסעל צוגעוואהנט צוא נעהן אזעלכע זאכען, וועט דאס בייא אייך שוין ניט אויסקוקען אזוי שרעקליך, אונ צווייטענס — פן יש בכם איש או אשה וכו' — פיעלייכט געפינט זיך צווישען אייך א מאנגספערזאן אדער א פרויענצימער — דאס הייסט: איך בין אללעמען ניט חושד, אבער איין אויסנאהמע קאנן זיך דאך געפינען צווישען אייך. אזוי זאגען מיר אויך: דעם אידען, וואס זיטצט אין דערהיים, צווישען זיינע אייגענע, בעקאנטע אונ פערוואנדטע, דעם דארפען מיר קיין מוסר ניט זאגען אין דעם ארט, אבער בעת מען איז אין דער פרעמד, אין א ווייטען געגענד, וואו עס געפינען זיך פערשיעדענע סארטען מענשען, בפרט נאך דער אונפערהייראטעטער, אזעלכער קאנן דאך אמאל נכשל ווערען אין דער עבירה, דעריבער וועללען מיר פריהער ארויסברענגען וויא גרויס עס איז די שטראף פאר דער עבירה אונ נאכהער — וואס פאר א גרויסען שכר עס וועט האבען דער מענש, וואס איז אין דעם זהירות.

אין דער מדבר, אין דעם ארט „שטים", זיינען פון אידען געפאללען, וויא עס שטעהט אין חומש, פיער-אונצוואנציג טויזענד מאנן פאר דער עבירה פון זנות (ווייל זייא האבען מזנה געוועזען מיט די בנות מואב). אללע שבטים האבען ארויסגעגעבען פון זיך א קאניג אדער א שופט בייא אידען, דער שבט „שמעון" אליין — ניט, צוליעבען חטא וואס זמרי האט געטהאן מיט דער מדינית, כדי צוא בעווייזען מיט דעם וויא גרויס עס איז די עבירה פון זנות. אזוי איז אויך

שנאמר נואף אשה חסר לב משחית נפשו הוא יעשנה. קשה עונשן של עריות שכך אחז"ל כ"ז שיש פרוצין בעריות השכינה מסתלקת מביניהן שנאמר ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. ולא די שהוא מאבד בעון זה לעצמו אלא שעי"ז נלקים גם הטובים כמו שאחז"ל כל מקום שאתה מוצא זנות אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים. דבר קשה היא הזנות ושנאוי מאד בעיני המקום ומגרע בזה לכל דורותיו הבאין אחריו כענין שנאמר בגדה יהודה ותועבה נעשתה בישראל ובירושלים כי חלל יהודה את קדש ה' אשר אהב וגו' ואחז"ל (סנהדרין דף פ"ב) בגדה יהודה זו ע"א וכן הוא אומר בלכם בגדתם בי בית ישראל וגו' ותועבה נעשתה בישראל ובירושלי' זו משכב זכור וכן הוא אומר ואת זכר לא תשכב משכבי אשה תועבה היא כי חלל יהודה את קדש ה' זו זונה וכן הוא אומר לא יהיה קדש וגו' ובעל בת אל נכר זו הנכרית וכתיב בתריה יכרת ה' לאיש אשר יעשנה ער ועונה באהלי יעקב ומגיש מנחה לה' צבאות אם ת"ח הוא לא יהיה לו ער בתלמידים ואם כ"ג הוא לא יהיה לו בן מגיש מנחה לה'. ובעון זה אמרו ג"כ (ביומא פ"ז) אוי להם לרשעים לא דיין שמחייבין עצמן אלא שמחייבין גם לבניהם ולבני בניהם וכו' עי"ש:

עוד אמרו חז"ל על הכל הקב"ה מוותר (ר"ל שכובש אפו שלא להביא כליה לעולם) חוץ מן הזמה ממות דכתיב ויראו בני האלהים את בנות האדם כי טבת הנה ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו וכתיב וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ ויאמר ה' אמחה את האדם. שנו חכמים באגדה הנואף והנואפת עוברין על עשרת הדברות. על אנכי כיצד שכל מי שהוא בא על הערוה כאילו כופר בהקב"ה שנאמר כחשו בה' ויאמרו לא הוא ולא תבא עלינו רעה. לא יהיה לך אלהים אחרים על פני כי אנכי ה' אלהיך אל קנא שני פעמים שהוא מקנא להקב"ה ולבעלה וכן הוא אומר כי מנחת קנאות שהן שתי קנאות. לא תשא נואף עם האשה ונשבע לשקר. כבד את אביך שהולד הנולד מן הערוה מכבד מ' שאינו אביו ומכה ומקלל למי שהוא אביו בסבור שאינו אביו. לא תרצח שהנואף נכנס על מנת שאם יתפס להרוג או ליהרג. לא תנאף שהרי הוא נואף. לא

ותגנוב

---

די שטראף פון יעדען איינציגען מענשען, וואס ער איז ניט זוכה צוא האבען גוטע קינדער אונ ענינקליך וויא ווייטער שטעהט. דער מענש, וואס איז איבער-געגעבען צוא דער עבירה, פיהרט ער צום סוף איבער זיין נפש אונ דערנוייטערט איהר פון עולם הבא, וויא עס שטעהט אין משלי: נואף אשה חסר לב ומשחית נפשו הוא יעשנה (דער וואס איז מזנה מיט א פרויא איז א מענש אהן פערשטאנד — אהן א הארץ — אונ דער וואס טהוט עס פערדארבט זיין אייגענעם נפש). כל זמן עס זייגען דא (ביא אידען) מענשען וואס זייגען איבערגעגעבען צוא זנות — זאגט דיא גמרא — וויכט פון זיא דיא שכינה, וויא עס שטעהט וכו' — נאך מעהר: דיא פרומע ליידען אויך צוליעב דעם, וויא דיא גמרא זאגט, אונ מען האט צוליעב דער עבירה שלעכטע קינדער, שטעהט אין דער גמרא אין א פאאר ארטער. אויף דעם פסוק: בגדה יהודה וכו', זאגט דיא גמרא, אז מיט דיא ווארטער „בגדה יהודה" — יהודה איז געווארען טריילאז, זיא האט געפאלשט — מיינט מען: יהודה האט געדיענט עבודה זרה. „ותועבה נעשתה בישראל" — ביא ישראל איז געטהון געווארען אונווירדיגעם, שאנדי-ליכעם — מיט דעם מיינט מען „משכב זכור". „כי חלל יהודה את קדש ה'" — יהודה האט ענטהייליגט דיא הייליגקייט פון גאטט — מיט דעם מיינט מען: יהודה האט מזנה געווען, „ובעל בת אל נכר" — ער האט געלעבט מיט דער טאכטער פון א פרעמדען גאטט — דאמיט מיינט מען: א עובדת אלילים, אונ אויף דיא אללע פערברעכען ווערדט אויבענגעפיהרט: דער מענש, וואס ווערט דאס טהון וועט ער גיט זוכה זיין צוא האבען, אויב ער איז א תלמיד חכם — א זוהן א תלמיד חכם, וויא דיא גמרא ערקלאהרט, אויב ער איז א כהן גדול — א זוהן, וואס זאלל מקריב זיין א קרבן מנחה צוא גאטט. וועה דיא רשעים — זאגט דיא גמרא אין איין אנדער ארט — וואס גיט גענוג, וואס זייא מאכען זיך שולדיג, מאכען זייא זייערע קינדער אונ ענינקליך אויך שולדיג. פיעל נאכען לאוט גאטט דאס זייניגע אריבער, שטעהט אין דער גמרא, (דאס הייסט: ער האלט זיך איין ניט צוא פערדארבען דיא וועלט) חוץ זנות וויא עס שטעהט וכו'. דער נואף אונ דיא נואפת (דיא זונה), זאגט א אגדה, קאנגען אמאל עובר זיין אויף אללע עשרת הדברות צוגליך. אונ ער ציינט

דארפען

תגנוב כמו מים גנובים ימתקו וגו'. לא תענה ברעך עד שקר שהוא נואף עם אשת חבירו והיא אומרת לבעלה ממך אני מעוברת. לא תחמוד אשת רעך וגו' שכל מי שהוא חומד אשת חבירו ונואפה חומד כל ממון של חבירו כיצד שהוא נואף עמה והולך והיא יולדת ממנו וסבר בעלה שהוא בנו בא להפטר מן העולם עושה דייתיקי ומורישו בכל אשר לו ואינו יודע שאינו ממנו ונמצא חומד כל אשר לחבירו. זכור את יום השבת כיצד שהרבה פעמים כהן יש לו כהנת ישראל נכנס עליה והיא יולדת מישראל וסבור שהוא בנו של כהן ועומד אותו התינוק וגדל ומשמש בבהמ"ק בשבת ואינו אלא ישראל ונמצא חילל השבת. ומעשה ברשע אחד שחמד אשת שכנו שהיא היתה יפת תואר וטובת שכל ודבר עמה פעמים רבות והיתת ממאנת לו לפי שא"א היתה פ"א הלך בעלה למקום אחד ועש"ק היה עמד אותו רשע וחתר את הבית בליל שבת ואנסה ושכב עמה ואח"כ הרגה כדי שלא תזעק ותגיד את קלונו וגנב כל מה שבבית והלך לו. הרי עבר על זכור את יום השבת ועל לא תנאף ולא תרצח ולא תגנוב ולא תחמוד למחר באו השכנים וראו את המחתרת נכנסו לבית ומצאו את האשה שהיא נהרגת אמרו מי עשה זאת לא עשה אלא פלוני שכנו קראוהו ואמרו לו למה עשית זאת אמר להן אני נשבע לכם שלא עשיתי נכנס לבהכ"נ ונשבע להן ועבר על לא תשא מה עשה שכר את העדים של שקר ויעידו על אחד משכניה הרעים שהוא עשה ועבר על לא תענה וגו' פשפשו את הדבר ויודע שהוא עשה כל המעשה ונתיירא שלא יהרגוהו וברח לו ועבר על כבד את אביך ואת אמך הרי שעבר על עשרת הדברות מי גרם לו על שחמד את העריות ללמדך שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה, וכן כל העריות עונשן חמור עד מאד שכן אחר כולן כתיב ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם והזהיר גם ע"י נביאיו כמו דכתיב כי חלל יהודה את קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר וכתיב בתריה יכרת ה' לאיש אשר יעשנה וגו'. ודע שיש עוד סיבה גדולה המביא לאדם שיהיה לו הפקר איסור עריות והוא ע"י נבול פה כי ידוע שע"י מדת הבושה יש על האדם יראת השם שירא מלחטוא וזו המדה נקבע באומה הישראלית במעמד הר סיני שירד ה' אז בענן כבודו

---

דאַרטען פאַרדאָרבענע וויא עס קומט פאַר אַללע עשרת הדברות. עס האָט אַמאָל געטראָפען אַזאַ געשיכטע, ערצאהלט דיזעלבע אגדה: איינער אַ רשע האָט געוואָרפען איין אויג אויף דער שאָנער און קלוגער פרויא פון זיין שכן. אָבער גאָר זיין מיה, איבער־צורעדען איהר, האָט איהם ניט געהאָלפען: די פרויא איז געבליבען אָרענטליך און טריי צו איהר מאַנן. איינמאָל — דאָס איז געוועזען פרייטאָג צו נאַכט — אַז דער מאַנן פון דער שאָנער פרויא איז געוועזען פערריייזט, האָט זיך דער שכן אַריינגעגנבֿ'ט אין שטוב דורך אַ לאָך, וואָס ער האָט געמאַכט אונטער'ן וואַנד, האָט די פרוי פערגעוואַלטיגט, און נאָכ־הער האָט ער איהר געהרג'ט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, זיא זאָלל איהם ניט אַרויסגעבען, און האָט די שטוב בעגנבֿ'ט און איז אַוועק. אויף מאָרגען זיינען אויפגעלאָפען די שכנים און עס איז ביי אַללעמען געבליבען, אַז דאָס איז דעם שכן'ס אַרבייט. יענער האָט אָבער געשוואָרען, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. ער האָט זאָגאָר געדונגען עדות, וואָס האָבען עדות געזאָגט אויף איין אַנדערער שכן, אַז ער איז דער עושה הנבלה, די נאָך איז אונטערזוכט געוואָרען און עס איז דערגאַנגען גע־וואָרען אויף בעשטימט, אַז דאָס האָט ער געטהון און ניט קיין אַנדערער, אָבער דער פערברעכער האָט נאָך אויסגעפייעט צו ענטלויפען. דא האָט די עבירה פון זנות געבראַכט אַ מענשען צו עובר זיין אויף אַללע עשרת הדברות (צעהן געבאָטען): ער האָט מחלל שבת געוועזען, מזנה געוועזען — וואָס מיט דעם האָט ער שוין עובר געוועזען אויפ'ן ערשטען געבאָט: אנכי ה' אלהיך וויא מיר האָבען אויבען געזאָגט. — דאַנן האָט ער געהרג'ט אַ מענשען, געגנבֿ'ט, געלוסט דאָס וואָס געהערט צו אַ פרעמדען. דאַנן האָט ער געשוואָרען פאַלש, געשטעללט פאַלשע „עדות", אַם ענדע, אַז ער איז ענטלאָפען, האָט ער געלאָזען זיין פאָטער און מוטער אָהן שטיצע. פאַר דעם איסור עריות קוממט כרת, וויא עס שטעהט: ונכרתו הנפשות וכו' און וויא עס שטעהט אין דעם פסוק פון די נביאים, וואָס מיר האָבען ערשט געבראַכט. עס איז נאָך אַ סבה דאָ, צוליעב וועלכער דער איסור עריות ווערד הפקר ביי אַנדערע, דאָס איז נבול פה (רעדען מיאוס'ע רעד). ווען פיעל האַלט געוועהנליך די בושה

כבודו ונגלה אליהם פנים בפנים וכמה דכתיב ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו ואחז"ל זו הבושה שכל המתבייש לא במהרה הוא חוטא וע"כ כשהיצה"ר רוצה להחטיאו מרגילו מתחלה באיסור ניבול פה כדי שיסולק מעליו מדת הבושה וגם ממילא עי"ז גופא מגרה יצה"ר בנפשיה ונקל לו להחטיאו אח"כ. והנה העון הזה גופא אפי' אם לא היה בא עי"ז לאיסור עריות ג"כ עון פלילי הוא שמטמא ומתעב עי"ז את נשמתו ואמרינן בגמ' [שבת ל"ב] כל המנבל פיו אפילו נחתם עליו גזר דין של שבעים שנה לטובה הופכין עליו לרעה ח"ו ובעון זה בחורי ישראל מתים וצרות רבות וגזירות קשות מתחדשות עי"ש. וגם ידוע מה דאיתא בספרים שע"י עון זה שמטמא ומתעב את כח הדיבור שלו כל דיבוריו שמדבר אח"כ בדברי קדושה כגון ק"ש ותפלה ואיזה ברכה הכל הוא הולך לטמיון שאין מתקבלין למעלה באוצר מלכו של עולם כלל אם לא שעשה תשובה דזה דומה לאחד שהביא דורון למלך בבלי מאום שבודאי משליכין לו הכל על

פניו וענוש יענש כן הוא בזה כל המצות הם דורונות להקב"ה ומכל כלים הנבחרים שיש לו לאדם הוא הפה שבו כח הדיבור שעי"ז נבדל האדם מן הבהמה וכשהאדם מטמא ומתעב פיו בדברי נבלות ואח"כ הוא מביא דורון בפיו לה' שמברך אותו בפיו ומהלל שמו אין זה מברך אלא מנאץ. והנה אצל נערים ונערות שעושין בפאבריקין יש מהן שמצוי אצלם בעו"ה חטא של נבול פה מאד ועי"ז ממילא באים אח"כ לכמה עונות וע"כ האב שרוצה לרחם על בנו ובתו יראה להתרחק מאד מלמסור אותם לשם אם יודע שיש שם חטא זה כי דרך האדם ללמוד במעשיו מאנשים שהוא רגיל עמהם ואח"כ ממילא באים לקלקולים רבים. וכל מי שיש לו מוח בקדקדו יראה לשמור פיו ולשונו שלא להתגאל בדיבורים המתועבים ואז אשרי לו בזה ובבא. וז"ל ספר מעלת המדות בני השמרו עצמכם מן העריות מפני שנפש האדם מתפתה אחריהן וכל מי שהוא מתפתה אחריהן סופו נגמרד מן העוה"ב מפני שהוא מן המצות החמורות

שנתורה

---

אב דעם מענשען פון איין עבירה. דיא מדה איז ביא אידען איינגעפלאנצט געווארען בעת קבלת התורה, וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק: ובעבור תהיה יראתו על פניכם, אז דערמיט מיינט מען דיא בושה, דענן דער וואס האט בושה זינדיגט ניט אזוי לייכט. וואס טוהט דער יצר הרע? ער בעמיהט זיך, דיא ערשטע זאך אראבצונעהמען פון מענשען דיא מדת הבושה אונ צוא דעם צוועק געוואהנט ער איהם איין רעדען נבול פה, אונ דאנן איז איהם שוין לייכט צוא ברייגגען איהם צו א גרעסערע עבירה. דיא עבירה פון נבול פה אליין איז איינגענטליך אויך זעהר גרוים, ווענן עס קוממט דאדורך אפילו ניט צום איסור עריות, ווייל ער איז מטמא מיט דעם זיין נשמה. כל המנבל את פיו, דער וואס רעדט נבול פה, זאגט דיא גמרא, איז אפילו ווענן עס איז איבער איהם בעשטיממט געווארען א גוטער גזר דין, אנדערט מען איהם אום אויף שלעכט. פאר דער זינד שטארבען דיא אידישע יונגע לייט אונ עס קוממען אויף אידען פיעל צרות אונ שווערע גזירות. אויך איז ידוע פון דיא ספרים, אז דורך דעם וואס דער מענש פעראונרייניגט זיין מויל מיט מיאוסע רייד ווערען ניט אנגענוממען אויפ'ן הימעל אללע היילינע ווערטער, וויא קרושה, ק"ש,

ברכו, וואס ער זאגט, סיידען אז ער טוהט תשובה ווייל עס קוממט אוים וויא איינער ברייננט דעם קאניג א פרעזאנט אין א שמוטציגע כלי, אנשטאט ער קריגט א שטראף. דיא מצות זיינען אויך מתנות צוא גאטט אונ דיא שאנסטע כלי, אין וועלכע דער מענש ברייננט איהם א טהייל פון דיא מתנות, איז דער מויל, אונ דא קוממט דער מענש אונ בעשמוציגט אזא טהייערע כלי, אונ ברייננט נאך דאנן גאטט א מתנה. דער חטא פון נבול פה איז איבערהויפט פערברייטעט צווישען דיא פאבריק-ארבייטער אונ ארבייטערינגען, דארום דארפען דיא עלטערן דיא פארשטאנדיגע וועלכע זיינען גוטע פריינד דיא קינדער מיט איין אמת מיט אללע קראפטען זעהן ניט לאזען דיא קינדער ארבייטען אין דיא פאבריקען, דען יעדע עבירה איז נור שווער דעם ערשטען דעם צווייטען מאל, דאנן געהט זיא שוין שנעלל, אונ דאס גלייבען נור ביא אזא מלאכה וואס קאמפאנירען זיך צוזאמען בחורים ובתולות דארף אטאטע זיין קינד ניט אבגעבען. אין דעם ספר מעלת המדות שטעהט בזו הלשון: היטעט זיך קינדער פון עריות (זנות), ווייל דער מענש לאזט זיך אין דעם לייכט איינרעדען פון יצר

הרע

**שבתורה תדע** שכן הוא שהתורה ריבתה על העריות שמירה לפניהן ושמירה לאחריהן לומר שיהא אדם נזהר ונשמר מהן ביותר, שמירה לפניהן דכתיב ושמרתם את חקותי ואת משפטי, שמירה לאחריהן דכתיב ושמרתם אתם את חקותי ואת משפטי ולא תעשו מכל התועבות האלה האזרח והגר הגר בתוככם, שתי שמירות הללו שמירה לאיש ושמירה לאשה שמירה מאשתו (ר"ל כשהוא נדה) ושמירה מאשה אחרת. שמירה בעינים ושמירה בלב. שמירה בשפתים ושמירה במעשה. שמתוך שאדם נותן לבו להסתכל באשה הרי לבו מתאוה לה והוא כרוך אחריה ומתוך שהאדם מרבה שיחה עמה ושחוק וקלות ראש סוף שהוא בא לידי הרגל עבירה לפיכך ריבתה עליה התורה שמירות הרבה ומהו ושמרתם את חקותי עשו משמרת למשמרתי כגון שניות לעריות שהן מדברי סופרים ואחז"ל שלא תאמר כל מי שנואף בגופו בלבד נקרא נואף שאפילו הנואף בעיניו שנאמר ועין נואף שמרה נשף וגו' וכן הוא אומר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם הרי כבר למדנו שכל מי שהר העבירה בלבו ובעיניו נקרא זונה ואחז"ל אל תרבה שיחה עם האשה שסופך בא לידי נאוף וכל הצופה בנשים סופו שהוא בא לידי עבירה. בני בואו וראו כמה האשה זונה קשה שהיא מרה מן המות כענין שנאמר ומוצא אני מר ממות את האשה אשר היא מצודים וחרמים לבה אסורים ידיה מצודים בעוה"ז וחרמים לעוה"ב. צאו וראו מה שכתוב באשה המנאפת שתופסת את האדם בחלקת לשונה ורכות שפתיה כענין שנאמר כי נפת תטופנה שפתי זרה וחלק משמן חכה אלו שפתי זונה שהן מתוקין כנופת להטעות את הבריות מה כתיב בתריה ואחריתה מרה כלענה חדה כחרב פיות שכפי ערבותה של עבירה תהיה אח"כ מרירותה ולא עוד אלא שמביאתו לידי מיתה שנאמר כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה ואחז"ל באגדה מאי דכתיב ואחריתה וגו' חדה כחרב פיות מה החרב הזה אוכלת משני צדדיה כך הזונה מאבדת חייו של האדם מן העוה"ז ומן העוה"ב וכן הוא אומר רגליה יורדות מות היינו בעוה"ז שאול צעדיה יתמכו לעולם הבא, אבל כל מי שבא דבר עבירה לידו ופירש ממנה מאהבת השם לא מפני יראת אנשים זוכה ועולה לגדולה תדע שכן הוא שלא עלה יוסף לגדולה אלא בשביל שפירש מן אשת פוטיפר ונדבר בזה לקמן מגודל שכרו:

כמו:

---

הרע, און צום סוף פערליערט מען דורך דעם חלק לעולם הבא וכו'. און היטען מוז מען זיך מיט די אויגען וויא מיט'ן הארצען, מיט די ליפפען וויא במעשה. אז מען קוקט אויף א פרויענ־ציממער קריגט מען צוא איהר חשק און פון רעדען מיט איהר און לאכען און שפאס מאכען קוממט מען צום סוף צוא איין עבירה בפועל. מען דארף ניט מיינען אז א נואף הייסט נור דער וואס איז מזנה מיט'ן קארפער, ניין, אפילו דער וואס איז מזנה מיט די אויגען הייסט אויך א נואף. עס איז א מפורש'ער פסוק: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם. דוא זאלסט ניט רעדען פיעל מיט א פרויענציממער, זאגט די גמרא, ווייל דאס וועט דיר אם ענדע ברייגנען צו נאוף און דער וואס קוקט פיעל אויף ווייבער וועט אם ענדע קוממען צו איין עבירה. ומוצא אני את האשה וכו', און איך געפינן די פרוי, שטעהט אין קהלת, ערגער פון טוידט וכו'. כי נפת תטופנה שפתי זרה וכו', דענן פון די ליפפען פון דער פרעמדע (פרוי) טריפפט זיסיגקייט, און איהר גוממען (איהר מויל) איז גלאטטער וויא בוימעל. ואחריתה, און איהר סוף — ווערדט אויסגעפיהרט ווייטער — צום סוף ווערדט זיא ביטטער וויא ווערמוטה און שארף וויא א שווערדט דאס הייסט: וויא גרויס עס איז די זיסקייט אין אנפאנג, אזוי גרויס איז די ביטטערקייט צום סוף אז מען האט די עבירה שוין אבגעטהון. די עבירה ברייגנט דעם מענשען אויך צום טוידט, וויא עס שטעהט כי רבים חללים הפי'. דענן זיא האט פיעל מענשען געווארפען (געטאדט) און איהרע הרוגים זייגען זעהר פיעל. אויפ'ן פסוק חדה כחרב פיות (זיא איז שארף וויא דער צווייזייטיגער שווערדט) זאגט די גמרא: אזוי וויא דער שווערדט טאדט פון צווייא זייטען אזוי טאדט די זונה דעם מענשען אויך פון צווייא זייטען: אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. אזוי שטעהט אויך: רגליה יורדות מות (איהרע פיסס געהען צום טוידט) דאס הייסט: אויף דער וועלט, און „שאול צעדיה יתמוכו" (איהרע טריטט לעהנען זיך אן אן דעם גיהנום) — אויף יענער וועלט. אבער דער וואס איהם איז פאר־געקוממען אנא עבירה און ער האט זיך פון איהר

אבגעהיט

# פרק כא

## עוד מענין זה.

כמה יש לו לאדם להיות זהיר מזה החטא החמור כי אמרו חז"ל (בירושלמי פ"א דפאה) שהוא אחד מד' דברים שנפרעין מן האדם ע"ז בעוה"ז והקרן קיימת לו לעוה"ב כי הוא נדון ע"ז בעניות ודלות ושאר מיני יסורין כמו שאחז"ל כל מי שהוא להוט אחר הזונות לסוף שהוא מבקש ככר לחם בביתו ואינו מוצא שנאמר כי בעד אשה זונה עד ככר לחם ואחז"ל כל הממרק עצמו לדבר עבירה פצעים וחבורות יוצאות בו שנאמר חבורות פצע תמרוק ברע ולא עוד אלא שלוקה בהדרוקן שנא' ומכות חדרי בטן. ובפרט אחר מיתתו כמה יקשה עונש העבירה זו כמו שאחז"ל שכל מי שהוא להוט אחר העבירה גורם לעצמו שהגטל ממנו הוד שכינה ומלאכי חבלה מושלין עליו ודנין אותו באכזריות ממה שנאמר ושנותיך לאכזרי, ונהמת באחריתו בכלות שארו ובשרו על כל העבירות שעשה בעוה"ז אבל אין מי יועיל לו אז וכמו שנאמר ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך וגו' ואמרת איך שנאתי מוסר ובעצמו יתודה לבסוף על כל העונות שעשה בעוה"ז. כמו שאחז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה מלמד שהרשע מתודה כשם שהמצורע מתודה ואומר אני פלוני בן פלוני עברתי עבירה פלונית במקום פלוני ביום פלוני בפני פלוני במעמד פלוני ופלוני. וגם מצדיקים עליהם אז את דינם ואומרים לפניו רבש"ע יפה דנת יפה זכית יפה חייבת יפה תקנת גיהנם לרשעים וג"ע לצדיקים (והכוונה שאז רואה האדם בעצמו גודל הקלקול והחורבן שפעל למעלה בעולמות הקדושים ע"י מעשיו הרעים והגביר בזה מאד את כח הקליפות והחיצונים ע"כ הוא מצדיק הדין על עצמו). כמה גדול עונש הגיהנם שאחז"ל שבעה מיני אש יש בגיהנם יש בה גחלים כהרים ויש בה גחלים כגבעות

ויש

---

אבגעהיט, איז ער דערפאר עולה לגדולה. אונ פאר דעם זכות איז יוסף אויך נתגדל געווארען אין מצרים, וויא מיר וועלען שפעטער ארומרעדען:

### פרק כא

וויא ווייט מען דארף זיך היטען פון דער עבירה זעהט מען פון דעם וואס דיא גמרא זאגט, אז זיא איז איינע פון דיא פיער עבירות, פאר וועלכע מען רעכענט זיך אב מיט'ן מענשען אויף דער וועלט, אונ דער קרן, דער עיקר שטראף, בלייבט נאך אויף יענער וועלט. דער וואס איז איבערגעגעבען צוא דער עבירה, זאגט דיא גמרא, וועט צום סוף ניט האבען קיין ברוידט אין שטוב, וויא עס שטעהט וכו'. דער נואף, זאגט דיא גמרא אין איין אנדער ארט, ווערדט אויך בעשטראפט מיט פערשיעדענע וואונדען אונ קראנקהייטען, וויא עס שטעהט וכו'. דער וואס איז איבערגעגעבען צוא דיא עבירה, זאגט ווייטער דיא גמרא, נעהמט פון איהם אראב דיא פראכט פון דער שכינה אונ עס הערשען איבער איהם נאכ'ן טויט מלאכי חבלה, וועלכע משפט'ן איהם זעהר מארדעריש. ונהמת באחריתך וכו', שטעהט אין משלי, אונ דוא וועסט קלאגען (תרמת האבען) אין דיין ענדע, אז דיין לייב וועט פערדארבען ווערען וכו' אונ דוא וועסט צוא זיך זאגען: וויא אזוי האב איך דאס געקאנט פיינד האבען מוסר וכו'. מען וועט זיך אויף יענער וועלט אליין מתודה זיין אויף דיא עבירות, וואס מען האט געטהון, וויא דיא גמרא זאגט, אז דער רשע איז זיך מתודה אונ זאגט: איך, דער אונ דער, האב געטהון דיא אונ דיא עבירה אויף דעם אונ דעם ארט אין דעם אונ דעם טאג, פאר דעם אונ דעם אין דיא אויגען. אויך איז דער מענש דאן אויף זיך מצדיק הדין (רעכטפערטיגט דעם משפט) אונ ער זאגט: רבש"ע, גוט האסט דוא געמשפט, גוט האסט דוא געטהון מיט דעם, וואס דוא האסט יענעם פריי געשפראכען אונ דעם האסט דוא פערארטהיילט, גוט האסט דוא געטהון מיט דעם וואס דוא האסט איינגעפיהרט דעם גיהנום פאר דיא רשעים אונ דעם גן עדן פאר דיא צדיקים. דיא כוונה פון דעם מאמר איז: דער מענש אז ער וועט נאך דעם אליין איינזעהן וויא גרויס עס איז געוועזען דער חורבן, וואס ער האט מיט זיין זינדיגען אנגעמאכט אין דיא עולמות העליונים, וועט ער פארשטעהן זיין גרויסען פארברעכונג אונ דארום וועט ער אויך זיך מצדיק הדין זיין. אין דעם גיהנום, זאגט דיא גמרא, איז דארטען דא פיעל סארטען פייער: אנדערע קאהלען זיינען גרויס וויא דיא בארג, אנדערע

וויא

**ויש בה נחלים** כים המלח ויש בה כאבנים גדולות ויש בה נהרות של זפת ושל גפרית מושכין ורותחין וכשנגזר דין ח"ו על הרשע לירד לגיהנם הוא מוריד דמעות כמעין של שיתין. ואיתא בתנא דבי אליהו הרשעים הגמורים הרי הם בתוך הגיהנם כציר ומוריים בתוך הקדרה מה הקדרה זו כיון שנותנין בתוכה ציר או מוריים מיד היא נחה אף הגיהנם כיון שנותנין בה פושעי ישראל מיד היא נחה כיצד כשהיא מתרגשת אומר לה הקב"ה למה ועל מה את מתרגשת אומרת לפניו רבש"ע תן לי אלו המכירין בה (ר"ל אלו רשעי ישראל שמכירין את התורה) ועוברין עליה והקב"ה משיא לגיהנם בדברים ואומר לה שמא אין לך מקום לפושעי ישראל באותה שעה אמרה גיהנם לפניו רבש"ע והלא נשבעת לי להרחיב אותי שנאמר לכן הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבלי חק וגו' ואין לכן אלא שבועה שנאמר לכן נשבעתי לבית עלי ומה ת"ל (ישעיה ה') וירד הדרה והמונה אלו שעוברין עבירה בחדרי חדרים במקום הטמון ואומרים מי רואנו ומי יודענו שנא' (ישעיה כ"ט) והיה במחשך מעשיהם ואמרו מי רואנו ומי יודענו ואומר (תהלים צ"ד) ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב ואומר (יחזקאל י"ח) הראית בן אדם אשר זקני בית ישראל עושים בחשך וגו' כי אומרים אין ה' רואה אותנו עזב ה' את הארץ. ברוך המקום ברוך הוא שאין לפניו משוא פנים כשם שהם עוברים עבירות בחדרי חדרים ובמסתרים ובמקום חשך וטמון כך הקב"ה יחפש עונותיהם מתוך אורות ונרות שנא' (צפניה א') בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות ופקדתי על כל האנשים הקופאים על שמריהם האומרים בלבבם לא ייטיב ה' ולא ירע לכך נאמר הדרה ר"ל שהנפש החוטאת עושה העבירה במקום סתר כדי שתשאר לעיני הבריות הדרה עליה במקדם אבל הקב"ה שהוא גדול העצה ורב העליליה מסבב שיתפרסם חטאה לבסוף לעיני הכל כמו דבר המתחפש באישון לילה ע"י נרות ועי"ז ירד הדרה מעליה וזהו שכתוב וירד הדרה וכעין זה אחז"ל על הפסוק אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה' הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה' אל תקרא אראנו אלא אַראנו כיצד וכו' נאף אדם אשה בסתר הקב"ה מצייר צורת הולד בצורת הנואף כדי שידעו הכל את הנואף וכן כה"ג כמה סיבובים עד שיתפרסם לבסוף

---

וויא דיא הינלען (קליינע בארגליך), אנדערע וויא דער ים המלח, אנדערע וויא גרויסע שטיינער. וויעדער זיינען דארטען דא טייכען פעך און שוועבעל און אז עס ווערדט אויפ'ן רשע נגזר צו גיהן אין גיהנום פערגיעסט ער טייבען טרעהרען. דער תנא דבי אליהו זאגט: דיא רשעים גמורים זיינען אין גיהנום וויא עססיג אין דעם קאכענדיגען טאפ: וויא מען לענט זייא אין גיהנום אריין ווערדט ער גלייך בערוהיגט. וואס קאכסט דוא אזוי? פרעגט גאטט דעם גיהנום. דער גיהנום זאגט צו גאטט: גיב מיר דיא מענשען וואס קאנען דיא תורה און זיינען אויף איהר עובר. דאנן פראבירט זיך גאטט אבשלאגען דעם גיהנום און ער זאגט איהם: פיעללייכט האסט דוא גראדע יעטצט קיין ארט ניט פאר דיא פושעי ישראל, אויף דעם אנטווערט דער גיהנום: רבונו של עולם: דוא האסט דאך מיר פערשפראכען צו פערגראססערן, וויא עס שטעהט וכו'. מיט'ן פסוק „וירד הדרה שאונה והמונה" מיינט מען דיא וואס טהוען דיא עבירה בחדרי חדרים און טראכטען: ווער ועט אונז דא זעהן? דאס הייסט: וירד הדרה – און עס וועט אראב (אין גיהנום) איהר שאנקייט – דיא וואס בעמיהען זיך צו פערשאנערן זייערע מעשים פאר דער וועלט, וואהרענד זייא זינדיגען אין דער שטילל. און אזוי שטעהט אין נאך פסוקים והיה במחשך מעשיהם זייא טהוען דיא עבירות אין דער פינסטער (פערבארגענערהייט) און זייא זאגען ווער זעהט אונז ווער ווייס אונז, אבער וואס מהוט גאטט ב"ה ער ענטדעקט זייערע זינד פאר דער וועלט אללע זאללען זעהן. דאס איז אויך דיא כוונה פון דעם פסוק: בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות (אין יענער צייט וועלל איך דורכזוכען ירושלים מיט ליכט) איך וועלל ארויסווייזען פאר דער גאנצער וועלט זייערע זינד, וואס זייא טהוען אין דער שטילל, מיינענדיג אז קיינער זעהט ניט. אזויא זאגט אויך דיא גמרא אויפ'ן פסוק: אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו, ווען א מענש איז אין פערבארגענעם מזנה מיט א פרוי מאכט גאטט דאס קינד זאלל געראטהען זיין אין פאטער און אזוי ווייסען אללע ווער דער נואף איז, אדער נאך מיט אנדערע מיטטלען זאלל בעוואוסט ווערען. דער ווארט אראנו (איך זעה איהם) איז גלייך וויא עס וואללט שטעהן אַראנו איך מאך דיא וועלט זאלל

ועוע

לבסוף עונו לעין הכל ובפרט בעוה"ב שם בודאי מתפרסם רעתו לעין הכל כידוע שמן העבירה שעשה בעוה"ז נבראת כח הטומאה בתמונה זו ממש וקשורה בו ואינה נפרדת ממנו בכל מקום שהנפש הולכת שם בעוה"ב עד עת יקבל עונשו כמו שאחז"ל שכל העובר עבירה בעוה"ז מלפפתו והולכת לפניו וכו' ר"א אומר אף קשורה בו ככלב שנאמר ולא שמע אליה וגו' לשכב אצלה בעוה"ז להיות עמה לעוה"ב וכמה תגדל בלמתו ע"ז אין לשער ואין להעריך השם ישמרנו. ר"א הדרה אל תקרי הדרה אלא חזרה שחוזרין על העבירות ועושין אותן כמה פעמים לכך נאמר הדרה. מאי המונה אלו שהולכין המונים המונים חמשה חמשה ועשרה עשרה וגונבים וגוזלים ומזנים זה בפני זה ואין להם בושה לא ממליא של מעלה ולא ממליא של מטה וכו' לכך נאמר המונה (ר"ל הדרה קאי על אלו שעושין העבירה ביחידי בסתר כסבורין שעי"ז לא ירד הדרן מעליהן ובא הכתוב והודיע שלבסוף ירד הדרן, והמונה קאי על אלו שעושין העבירה זה בפני זה בהמון ואין להם בושה כלל כל אלו ירדו לשאול עבור זה). ועונשן לבסוף הוא ג"כ כעין זה שנשרפין כ"א בפני חבירו וע"י סיועת חבירו כמו העבירה שמסתמא עשה כ"א ע"י הסתר חבירו שהחזיק את ידו לזה וכדאיתא בה"גרב"א זוטא פי"ז א"ר יוחנן בן זכאי פ"א הייתי מהלך בדרך ומצאתי אדם אחד שהוא היה מלקט עצים ודברתי עמו ולא החזיר לי דבר ואח"כ היה בא אלי וא"ל רבי מת אני ולא חי ואמרתי לו אם מת אתה עצים הללו למה לך אמר לי רבי האזין מה שאומר לך דבר אחד כשהייתי חי אני וחבירי היינו עוסקין בעבירה בפלטרין שלי וכשבאנו לכאן גזרו עלינו גזר דין של שריפה כשאני מלקט עצים שורפין את חבירי וכשהוא מלקט עצים אז שורפין אותי וכו' [והעתקתי כל המאמר לעיל בסוף פמ"ו]. ואחז"ל המחטיא לאדם קשה מן ההורגו שההורגו הורגו בעוה"ז והמחטיאו הורגו בעוה"ז ובעוה"ב לכך מצרים אע"פ שהשליכו זכוריהם ליאור נאמר עליהם לא תתעב מצרי כי גר וכו' אבל עמון ומואב על ששכרו עלינו את בלעם בן בעור והוא סיבב ע"י עצותיו הרעות לזנות ולכמה עונות לכך נזהרנו עליהן לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם. וצא ולמד מנחש הקדמוני שהחטיא את חוה ונתקלל

---

נען. אויף דער וועלט ווערדט די עבירה געוויס איבעראלל בעקאנט, ווייל דער כח הטומאה, דער מלאך רע, וואס ווערדט בעשאפען דורך דער עבירה, האט דיזעלבע געשטאלט וויא די נואפת, אונ ער טרעט ניט אב פון דער נשמה ביז זיא ווערדט בעשטראפט, וויא די גמרא זאגט, זיא איז אנגעבונדען אן איהם וויא א הונד. מען קאנן זיך פארשטעללען וויפיעל שאנדע מען וועט פון דעם האבען. מיט וואָרט "והמונה" מיינט מען די וואס טהוען די עבירה קאמפאניעס־ווייז (המון הייסט: א מאסע, א קאמפאניע) אונ האבען גאר קיין בושה ניט פאר גאט ניט פאר לייטען. זייער שטראף איז גראסער מיט דעם וואס מען ברענט זיא איינער פאר'ן צווייטען אין די אויגען אונ דורכ'ן צווייטענס הילף, ווייל טהוענדיג די עבירה האבען זיא זיך געוויס איינער דעם צווייטען ערמוטערט אונ געהאלפען, וויא עס שטעהט אין תדב"א זוטא: ר' יוחנן בן זכאי זאגט, איינמאל בין איך געגאנגען אין וועג. האב איך געטראפען איינעם קלויבענדיג האלץ. איך האב מיט איהם אנגעפאנגען צוא רעדען. האט ער מיר ניט געאנטווערט. נאכהער איז ער געקומען צוא מיר אונ האט מיר געזאגט: רבי איך בין א מת. אויב דוא בינבט א מת, האב איך איהם געפראגט, וואס דארפסט דוא דיא האלץ: בעת איך האב געלעבט, האט ער מיר געאנטווערט, האב איך מיט מיין חבר געטהון איין עבירה ביי מיר אין שטוב, אונ אז מיר זיינען געקומען אהער האט מען איבער אונז גזר געווען, מיר זאללען פערברענט ווערען; פאר'ן חבר מוז איך קלויבען האלץ צום פערברענען, אונ פאר מיר קלויבט ער (דעם מאמר האבען מיר שוין אויבען אין קאפיטעל מ"ו געבראכט). דער מענש וואס ברייננט דעם צווייטען צוא איין עבירה, זאגט די גמרא, איז ערגער נאך וויא ער וואללט איהם געהרג'ט, דענן הרג'נען הרג'ט מען גור אויף דער וועלט, אונ מיט איין עבירה פערשפיעלט מען ביידע וועלטען. דעריבער שטעהט אויף די מצרים, וואס זיא האבען אידישע קינדער געווארפען אין טייך אריין: לא תתעב מצרי (דוא זאללסט דעם מצרי ניט פער־אכטען), אבער אויף עמון אונ מואב וואס זיי האבען געדונגען בלעם'ן ער זאלל אראבפיהרען זיי אירען פון וועג, ברייננען זייא צוא זנות, אויף זיי שטעהט:

כא

ונתקלל עמה . ע"כ השומר נפשו ישמור א"ע לעולם שלא לסבב לחבירו שום חטא ועון ואדרבה יזרזהו להשמר מכל חטא ויהיה טוב לו בזה ובבא :

# פרק כב

## בו יבואר כמה צריך האדם להתגבר תמיד על יצרו שלא ליתן לו שום פתח ולברוח מחברת אנשי רשע. גם יבואר בו שבודאי הקב"ה יסייעהו להאדם ולא יתייאש האדם את עצמו :

אמרו חז"ל (ברכות ה') אמר ר' לוי לעולם ירגיז אדם יצ"ט על יצה"ר שנאמר רגזו ואל תחטאו . והכונה שבאמת יש באדם מלחמה פנימית והם שני כחות המתהפכים אחד מושכו לטוב והוא היצ"ט ויאחר לרע והוא היצה"ר והמלחמה הזאת היא תמידית בכל יום מימי חייו שבכל יום היצה"ר מתגבר על האדם בתחבולות שונות ומבקש להחטיאו בעונות החמורין כדי שיהיה יכול אח"כ לקטרגו וליטול נשמתו ואפילו למי שהוא בחזקת כשר וצדיק כמו שאחז"ל ארשב"ל יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו שנא' ה' לא יעזבנו בידו ואם הוא מתבונן שהאדם לא יצייתו לו בשום אופן לחטוא במזיד הוא מפיל על האדם עצלות מלהתבונן על דרכיו ועי"ז נלכד בשוגג בכמה עונות ועי"ז יש לו אח"כ פתח להחטיאו במזיד ג"כ כמו שאחז"ל (תנחומא פ' ויקרא) כל העושה עבירה בשוגג נפתח לו פתח שיחטא אפילו במזיד וכו' לפיכך אם חטא בשוגג אין סימן יפה לו עי"ש וזהו שאמר הכתוב צופה רשע לצדיק כמו הצופה העומד בגובה העיר הוא צופה ומביט בכל רגע כן היצה"ר אין מעלים עין מן האדם בכל היום פן יהיה יוכל להחטיאו באיזה אופן אם בשוגג ואם במזיד אם

בקום

לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם (דוא זאללסט קיינמאל ניט זוכען זייער פריעדען אונ זייער טובה) . דער נחש הקדמוני, דערפאר וואס ער האט חוה'ן געבראכט צוא איין עבירה, איז אליין אויך פערשאלטען געווארען צוגלייך מיט איהר (על גחונך תלך — אויפ'ן בויך זאללסט דוא קריעכען אונ זא ווייטער) דעריבער מוז זיך יעדער מענש היטען ניט צוא ברייננען דעם צווייטען צוא א חטא, אדרבה, מען מוז דעם צווייטען נאך מזרז זיין, ער זאלל זיך אבהיטען פון איין עבירה, אונ דערפאר וועט מען האבען א זכות פאר גאטט ב"ה עביג :

## פרק כב.

ר' לוי האט געזאגט, שטעהט אין דער גמרא, דער מענש דארף שטאנדיג דעם יצר הרע איבער-שרעקען, מאכען ציטטערן דורכ'ן יצר טוב, וויא עס שטעהט : רגזו ואל תחטאו (ציטטערט אונ זינדיגט ניט). דיא כונה איז : אין מענשען זיינען דא צוויא פערשיעדענע כחות, איינער טרייבט איהם שטאנדיג צוא טהון גוטטעס — דאס איז דער יצר טוב ; דער אנדערער, פערקעהרט, צוא טהון שלעכטעס, דאס איז דער יצר הרע. דיא מלחמה איז ווערר א פייערדיגע : דער יצר הרע ווענדעט אן אללערליי מיטטלען צוא פערפיהרען דעם מענשען אונ צונעהמען אם ענדע זיין נשמה, וויא רשב"ל זאגט : דער יצר הרע שטארקט זיך איבער'ן מענשען יעדען טאג, אונ וויל איהם טויטען, אונ ווען גאטט וואללט דעם מענשען ניט געהאלפען וואללט ער איהם אליין ניט קאננען בייקוממען, וויא עס שטעהט וכו'. אונ אז ער זעהט, אז דער מענש פאלגט איהם ניט אונ זינדיגט ניט במזיד, מיט א כיוון — וואס טהוט ער דאנן ? ער ווארפט אויף דעם מענשען ארויף א פוילקייט אונ נאכלאססיגקייט, וואס דאדורך טראפפט, אז ער ווערדט נכשל אין פיעל עבירות בשוגג, אונגערן, אונ דאנן האט ער שוין איין אויסזיכט צוא ברייננען איהם צוא איין עבירה במזיד, וויא עס שטעהט אין א מדרש : דער וואס טהוט איין עבירה אונגערן, אפפענט זיך פאר איהם א טהיר (ער שטעהט אויף א דרך) צו זינדיגען אויך מיט א כוון וכו'. דאס זאגט דער פסוק : צופה רשע לצדיק וכו', דער רשע — דער יצר הרע — איז צום צדיק וויא דער סאלדאט, וואס שטעהט אויף קאראאול, וואס נעהמט קיין אויג ניט אראב פון זיין אומגעבונג (וואס ארום איהם), אזוי נעהמט דער יצר הרע אויך ניט אראב קיין אויג פון מענשען אונ בעמיהט זיך מיט אללע מיטטלען צוא ברייננען איהם צוא איין עבירה, צוא ער זאלל איהר טהון בשוגג צוא במזיד, צוא דורכ'ן טהון איין עבירה צו דורכן

ניוו

בקום ועשה עבירה או להעלים עין מקיום מצות התורה ומלמודה ע"כ צריך האדם לעשות בהפכו להרגיז בתמידות היצ"ט עליו וזהו שאמר ר' לוי לעולם ירגיז אדם יצ"ט וכו' שנאמר רגזו ואל תחטאו ר"ל שבזה שבתמידות ירגיזו עליו ממילא יהיה נשמר אפילו מעבירה בשוגג שנקרא חטא וכ"ש שלא בא למזיד וכשיהיה האדם רק משים עין ע"ז ממילא לא יוכל היצה"ר להחטיאו . ולא יפחוד האדם מריבוי כחות היצה"ר אפילו עם עצמו חיילו כי מעט מן האור דוחה הרבה מן החשך כי באמת כאשר יתבונן האדם רק מעט בגודל שכר המצוה שאין לה ערך ותכלית כמו שאחז"ל יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העוה"ז ולהיפך גודל היסורין והכלמו' שיסבול זמן רב בעולם העליון עבור הנאת העבירה של שעה קלה בעוה"ז וככר כתב הרמב"ן ששעה אחת בגיהנם קשה מיסורי איוב כל ימיו כשיתבונן רק מעט באלו הענינים ממילא יברח מן העבירה כבורח מן האש וגם כבר אחז"ל הבא לטהר מסייעין אותו וכמו שאמר הכתוב צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו ה' לא יעזבנו בידו וכבר אמר לנו הכתוב ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע ובחרת בחיים מזה נשמע שרשות נתונה ביד כל אחד להיטיב מעלליו וליישר פעולותיו ולבחור דרך החיים והטוב . ואיתא בספרי פ' האזינו אל אמונה ואין עול שלא ברא בני אדם להיות רשעים אלא צדיקים (פי' אפילו אם תראה אדם שהוטבע בו כחות רעות הרע שהוטבע בו ג"כ בנפשו כח טוב כנגדו שיהיה יוכל להתגבר על יצרו דאל"ה יש ח"ו עול בחוקו יתברך על העונש שמענישם אח"כ) וכן הוא אומר אשר עשה האלהים את האדם
ישר

---

גיט טהון קיין מצוה, נים לערנען תורה. אט דארום כוו דער מענש זיך שטעללען אנטגעגען איהם מיט זיין יצר טוב אונ דארף אויך ניט אראבגעהמען קיין אויג פון זיינע אללע פיהרונגען דער יצר הרע זאלל איהם נים אבנארען, אונ ממילא וועט ער זיין אבגעהיט פון א שוגג אויך, צוא א מזיד וועט ער געוויס נים קומען. דאס איז דיא כונה פון דעם מאמר וואס מיר האבען געבראכט אין אנפאנג פון דעם קאפיטעל מען זאל מאכען ציטטערן דעם יצר הרע דורכ'ן יצר טוב דאס הייסט מען זאל נים גאכלאססיג זיין נור גום אכטונג געבען אונ אנשריען אויף דעם יצר הרע דאנן וועט מען צוא זינד נים קומען אפילו אין איין קליינע עבירה אונ צוא א גרויסע בודאי ניט. מורא האבען פאר דיא שטארקייט פון דעם יצר הרע איז ניטא וואס, דענן עטוואס ליכטיגקייט פערטרייבט א סך פינסטערנים. אונ אין דער אמת'ן: ווען דער מענש זאלל נאר בעטראכטען, וויא גרויס עס איז דער שכר פון דער מצוה, איין אויגענבליק עולם הבא, זאגט דיא גמרא, איז בעססער פון דעם גאנצען לעבען אונ אללע פערגעניגען וואס קאנן נאך זיין אויף דער וועלט, ווען ער זאלל נור בעטראכטען וויא גרויס עס וועט זיין דיא שטראף פון דער עבירה, איין אויגענבליק אין גיהנום, זאגט דער רמב"ן, איז ערגער פון איוב'ס יסורים צוזאמען — וועגן דער מענש זאלל דאס נור בעטראכטען וועט ער אנטלויפען פון דער עבירה וויא פאר פייער. הבא לטהר — זאגט דיא גמרא — דער וואס וויל ריינינגען זיך (פרומם זיין) העלפט מען איהם (פון הימעל), אונ וויא עס שטעהט: צופה רשע לצדיק וכו' ד' לא יעזבנו בידו (דער יצה"ר וויל טארטען דעם מענשען אבער גאטט פערלאזט איהם — דעם מענשען — גיט). ראה נתתי לפניך היום, זעה איך האב דיר היינט געגעבען, שטעהט אין דער תורה, דעם לעבען (דיא וועג, וואס פיהרט צום לעבען) אונ דאס גוטמוטעס, דעם טוידט אונ דאס שלעכטעס, אונ דוא קאנסט (אדער זאללסט) אויסקלויבען דעם לעבען. מען זעהט, אז וועגן דער מענש וויל, קאנן ער געהן בדרך הישר, גיט קוקענדיג אויפ'ן יצר הרע. אין ספרי פ' האזינו שטעהט אויפ'ן פסוק: אל אמונה ואין עול — גאטט האט דעם מענשען גיט בעשאפפען, ער זאלל זיין א רשע נור א צדיק, דאס הייסט: ער האט אין איהם אריינגעזעצט, אנטגעגען דעם כח, וואס רעדט איהם צוא צום זינדיגען, אויך א כח, וואס האלט איהם אב פון איין עבירה, דענן נאנקסט וואללט דאך גאטט ב"ה געטהון אונרעכט דעם מענשען, צוא פערלאנגען פון איהם ער זאלל גוט אונ פרומם זיין, נאחדעם ער האט איהם בעשאפפען מיט אזא כח, וואס צווינגט איהם צום זינדיגען. גאטט איז אזא, וויא דער פסוק זאגט, איין אל אמונה ואין עול, א גאטט פון טריע אונ אהן אונרעכט, אשר עשה האלהים את האדם ישר וכו' גאטט האט דעם
מענשען

גאנץ זעהר אין כעס. אפט ווערט מען דורך דעם ניט חתונה האבען שטארק קראנק, איז מען אויך עובר אויפ'ן: ושמרתם לנפשותיכם (איהר זאללט היטען אייערע נפשות. אייער לעבען). אויך ברייננט עס דעם מענשען צו הרהורים אונ ממילא קוממט ער צו דער גרויסער עבירה פון הוצאת זרע לבטלה, וויא מיר האבען פריהער געבראכט. די עבירה האט אויך געבראכט דעם מבול אויף דער וועלט. צוליעב דער עבירה איז אויך געשטארבען יהודה'ס א זוהן, אונ אפט שטארבען צוליעב דעם די קליינע קינדער ביי דעם וואס טוט דאס. זעהר אפט איז די סבה וואס מען האט ניט חתונה אין דער ציים, ווייל מען האט מורא, אז מען וועט ניט קאנגען געבען א ווייב ברויט — דאס איז אבער זעהר א פאלשער רעכענונג. מען דארף האבען בטחון אין גאטט, וואס גיבט אלע בריאים זייער לעבענסמיטטעל. אז ער וועט אויסהעלפען, בפרט אז מען איז מקיים זיינע א מצוה. דער פאטער מוז זעהן, עס זאלל זיך ניט פערשפעטיגען דאס הייראטען פון זיינע זיהן אונ טאכטער כדי זיי זאללען ניט קוממען צו אין עבירה. דער וואס מאכט זיינע קינדער חתונה אין דער ציים, — זאגט די גמרא — אויף איהם געהט דער פסוק: וידעת כי שלום אהלך ופקדת את נוך ולא תחטא (אונ דוא וועסט וויססען, אז אין דיין געצעלט איז פריעדען אונ דוא וועסט בעזוכען דיין וואהנונג אונ וועסט ניט זינדיגען). ב) אמאל, איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען, אז איינער פלעגט געהן אין גאס אונ בעגעגענען א פרויא וואס זיא איז איהם געוועזען געפאללען אונ ער איהר, פלעגט ער מיט איהר זיין אונ זיא פלעגט שוין ווערען איין אשת איש. אבער וויא די תורה איז אונז געגעבען געוואָרען אונ גאטט האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות, פון דאמאלס אן מוז מען א פרוי פריהער מקדש זיין פאר עדות וויא עס שטעהט אין דער תורה: כי יקח וכו'. די קדושין אהן עדות, וועגן ביידע זיינען אפילו מודה אין דעם, האט קיין קראפט ניט. ג) פאר מתן תורה אז איינער פלעגט אין גאס טרעפפען א פרוי, איז, אז זיא פלעגט וואללען, פלעגט ער איהר בעצאהלען אונ זיין מיט איהם אויפ'ן מיטטען וועג אונ זיך אוועקגעהן. אזעלכע רופט די תורה אן קדשה (זונה), אבער די תורה האט עס פערבאטען, וויא עס שטעהט: לא תהיה קדשה מבנות ישראל (עס זאלל ניט זיין קיין זונה פון אידישע טאכטער), דעריבער אז איינער איז מיט א פרויא לשם זנות, אהן קדושין, אפילו זיא איז א

בלא קידושין אפילו היא ישראלית וקטנה שלא ראתה נדה מימיה או שטבלה לאחר נדתה לוקה מן התורה לפי שבעל קדשה (רמב"ם שם) ואצ"ל שאם היא נדה שחייב כרת ואצ"ל כותית שקנאין פוגעין בו אם הוא בפרהסיא ואפילו בצנעא ענשו מפורש יכרת ה' לאיש אשר יעשנה וגו' ועון זה יש בו הפסד שאין בכל העריות שבנו הבא מן הנכרית אינו בנו ונמצא הוליד בן לעבודת כוכבים ומחלל את קרושתו כמש"כ כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר (אל נכר גימטריא אש כי הוא אש עד אבדון תאכל בת אל נכר עם ז' אותיותיהם גימטריא ותשי כי תשכח ממנו כל המצות כמשה"כ זנות וגו' יקח לב. והסר אש מן קדש נשאר עגל כי הבן הוא עגל וזהו כי חלל, ר"ל החליף) ועיין כ"ז בפוסקים שהאריכו בדינים אלו:

ד) ולפיכך לאחר שנהגה התורה אינו יכול לקיים מצות פריה ורביה עד שישא אשה בחופה וקידושין בפני עדים ומצוה גדולה היא מאד שאין מוכרין ס"ת אלא ללמוד תורה או לישא אשה. כ"ז כתוב בחכמת אדם מה שהעתיק מן הפוסקים. ובעו"ת כהיום

---

אידישע, אפילו א גאנץ יונגע, וואס זיא קאנן נאך ניט זיין קיין נדה אדער זיא איז געוועזן אין טבילה קוממט איהם מלקות על פי דין, ווייל ער איז געוועזן מיט א זונה. ווענן זיא איז א נדה קוממט פאר דעם כרת. ווענן זיא איז א עובדת גלולים איז "קנאין פוגעין בו" ווענן דאס קוממט פאר בפרהסיא (אפפענטליך), נור ווענן אפילו אין דער שטילל איז ער אויך חייב כרת, וויא עס שטעהט וכו'. אין דער עבירה — זיין מיט א עובדת גלולים — איז דא נאך א פעהלער: דאס קינד וואס ווערדט געבארען בלייבט דאך א גאטצענדיענער. אונ דאמיט איז מען מחלל (מען ענטהייליגט) דיא אייגענע קדושה, וויא עס שטעהט: כי חלל יהודה וכו' (יהודה האט ענטהייליגט דיא הייליגקייט גאטטעס מיט דעם, וואס ער האט געליעבט אונ איז געוועזן מיט דער טאכטער פון א פרעמדען גאטט). ד) דעריבער קאנן מען ניט מקיים זיין דיא מצוה פון פריה ורביה (מעהרען זיך, האבען קינדער), סיידען דורך חתונה בחופה וקידושין, נאך אידישען געזעטץ. וויא גרויס דיא מצוה איז *), זעהט מען פון דעם דין, אז מען טאר

*) דיא מצוה פון פריה ורביה, חתונה האבען, איז חל אויף מענשען צוא אכטצעהן יאהר ביז צוואנציג דאנן איז דיא צייט, אונ אז עס געהט אוועק צוואנציג יאהר אונ ער נעהמט קיין פרויא ניט איז דער אויבערשטער זעהר אין כעס אונ ער שילט איהם דערפאר (אזוי שטעהט אין גמרא קידושין דף ל'). אין דעם ניט געהמען קיין פרויא אין דער צייט וויא דער דין איז, איז ניט נור וואס ער איז ניט מקיים דיא מצוה, ער קוממט דורך דעם צוא פיעל עבירות: נבול פה, הרהורים, הוצאת זרע לבטלה חלילה, וואס דאס איז שרעקליכע עבירות וואס אז דער מענש וועט געבען א קוק דיא מאמרים פון חז"ל אין גמרא אונ אין זוה"ק וואס ווערדט געערדט וועגען דעם וועט ער פארציטטערט ווערען פון גרויס פורכט, אונ עס איז גאר קיין ערך אונ קיין שיעור ניט צוא דיא עבירות וואס קלויבען זיך אויף בייא יונגע לייט מאנס־פערזאהנען אדער מאדליך וועלכע פארזאמען לאנג אונפערהייראטעט, פיעל נבול פה, פיעל הרהורים, פריצות אונ נאך אזויגע עבירות וואס ווערדט אויפגעטהון טאג טאגליך וואס דיא הויפט סבה פון דעם איז נור דער לאנג ווארטען מיט דעם חתונה האבען וויא דער דין איז. אויך קוממט דורך דעם צוא קראנקהייטען אונ נאך אנדערע צרות. זייער אנטוואורט איז בעוואוסט זייא מוזען זוכען פריהער א צוועק צום לעבענסמיטטעל— דאס איז אבער נאר פון דעם אונפערזיכערונג אן גאטט ב"ה וואס ער שפייזט דיא גאנצע וועלט. דענן וויא האבען געלעבט אונזערע עלטערן וואס האבען חתונה געהאט גאר יונג, האבען זייא דען ניט רוהיגער אונ בעססער געלעבט זייער לעבען וויא מיר היינט?! מיר האבען אין דעם שלעכטען פיהרונג פעדערער ארומגערעדט אין איין אנדער ארט (קונטרס דבר בעתו לספר מחנה ישראל). אז וואהל איז דיא מענשען וואס פארזיכערן זיך אן גאטט ב"ה אונ פיהרען זיך אין אללע ענינים וויא דער רצון פון גאטט ב"ת אין זיין הייליגע תורה, וואס זייא מאכען זיך מיט דעם גליקליך אין ביידע וועלטען, אונ אז וואהל איז דיא עלטערן וואס שטארקען זיך אין דעם חתונה מאכען דיא קינדער צוא דיא צייט סמוך לפרקן. דיא גמרא זאגט אז אויף זייא געהט דער פסוק וידעת כי שלום אהלך (דיין הויז וועט זיין פריער אהן עבירות) וכו'.

בהיום התחילו בארצות רחוקות איזה רשעי ישראל לפרוץ פרצות בישראל הפרו חוק התורה ואין נושאין נשים בכלל כדת משה וישראל אלא הולך לבית הזוגות או שפוגע אשה בשוק כפי הגאות לו בעיניו הזונים נכרית או ישראלית ונכנס עמה בערכאות של עו"ג ועושין ביניהם קאנטראקט על איזה שנים אוי לעינים שכך רואות אוי לאזנים שכך שומעות שכך עלתה בימינו. והנה לא מיבעיא אם היתה עו"ג כבר ידוע מעשה דפינחס הכתוב בתורה ויותר גרוע ממנה הרבה שהתם לא היתה בקביעות והכא הוא ממש חיתון של אישות בקביעות על כמה שנים וגם מוליד בן לע"ג וכנ"ל. וכבר מלא גודל עון זה בתנ"ך בכמה מקומות וביותר בעזרא [קאפיטל ט"ת] שהתמרמר מאד על עון של חיתון עם העו"ג וכתוב שם שעל עון זה אנף ה' בנו עד לכלה לאין שארית ופלטה עי"ש בקרא וגם מה יהיה לבסוף מהבנים הנולדים לו מן הנכרית עובדת כוכבים אוי ואבוי יהיה לנפשו ולכל הנולדים ממנו באופן זה וגם ממילא מובן כיון שאשתו היא עובדת כוכבים ממילא כל מאכליו הוא מנבלות וטריפות ובשר חזיר ויין האסור וכל הדברים המתועבים וגם מה יהיה מכל השבתות ויו"ט שלו הכלל הוא מלא מעונות ופשעים מכל שעה שהוא חי על פני האדמה ועל הכל יצטרך לתת דין וחשבון לפני מלך הכבוד אלא אפי' אם לקח אשה ישראלית באופן המגונה והמבוער הזה ג"כ מסתעף כמה עונות ופשעים גדולים עי"ז כי מלבד שהוא מבטל עשה בידים שצונו הש"י מקבלת התורה והלאה לישא אשה ע"י חופה וקידושין כדת משה וישראל והוא פורש מדרכי הצבור ובירר דרך רשע לעצמו לילך בנימוסי העו"ג לבד כל זה אשה מרשעת כזו בודאי אינה טובלת לנדותה וחייב כרת על כל ביאה וביאה (ולא יחשוב ברכת שלום לנפשו לומר כבר חוייבתי כרת מביאה ראשונה שבאתי עליה ואין נ"מ כשאעבור עוד הפעם ע"ז לא כן אחי כי מכל פעם ופעם נברא משחית אחר להשחית את נפשו ואיתא במדרש שהקב"ה נוהן נהו לרשעים לקבל יסוריהם על כל עבירה ועבירה) ומי יוכל לשער גודל היסורין והבזיונות שיסבול בעולם הגמול על כל פעם ופעם שהוא עובר על עבירה חמורה כזו שהדין בזה ליהרג ולא לעבור אפילו אם היו כופין אותו לזה דהלא נדה מכלל עריות הוא והכא הוא עובר בשאט נפש למלאות תאותו ועיין לקמן בסוף הלכות נדה מה שכתבנו שם בגודל עונש הבא על אשתו

---

גאר ניט פערקויפען קיין ספר תורה סיידען צום צוועק צו לערנען תורה אדער חתונה צו האבען. אין אויסלאנד געפינען זיך יעצט, בעוונותינו הרבים, איינצעלנע רשעים וואס האבען גאר ניט חתונה נאכ'ן אידישען דת און – אדער זייא געהען צייטענוויז אין דיא בתי זונות אדער – זייא לעבען מיט פרויען – מיט אידישע אדער אנדערע, דאס איז שוין ביי זייא ניט קיין גרויסע נפקא מינה – מיט א קאנטראקט, דאס הייסט: זייא שרייבען זיך אב מיט דיא פרויען, אז זייא פעראייניגען זיך אויף א געוויסע צייט – אויף עטליכע יאהר געוועהנליך – און נאך דעם פערלויף פון דער צייט איז אוים שותפות. וועה אונז, וואס מיר מוזען זעהן מיט אונזערע אויגען אזעלכע שרעקליכע עבירות. ווען דיא פרויא איז א עובדת גלולים איז דאך דיא עבירה געוויס אונגעהייער גרויס, וויא מיר זעהען פון דער מעשה פון זמרי בן סלוא אין דער מדבר. און דא איז נאך פיעל ערגער, וייל דא איז אויף שטאנדיג. וועגען דער עבירה ווערט אויך גערעדט אין פיעל ערטער פון תנ"ך, בעזאנדערס אין עזרא, וועלכער ערגערט זיך זעהר שטארק אויף דעם חתון זיין זיך מיט גאמצענדיענער, וואס פאר דער עבירה איז גאטט אויף אונז געווארען אין כעס צו פערניכטען אונז. און וואס וועט זיין פון דיא קינדער? זייא וועלען דאך געוויס זיין עובדי גלולים. חוץ דעם, אז דיא פרויא איז א עובדת גלולים ממילא איז דאך דיא קיך שוין אויך א טרפה, אויך נייט מען שוין ניט פון שבת און יום טוב, און אזוי פערדיענט מען יעדען אויגענבליק איין נייע עבירה. נור ניט דווקא א עובדת גלולים – א אידישע פרויא אז מען נעהמט אויף אזא ארט קוממט פון דעם אויך ארוים פיעל גרויסע עבירות, דענן חוץ, וואס מען איז בידים מבטל דיא מצוה צו נעהמען א ווייב כדת משה וישראל, חוץ דעם נעהמט אזא פרויא געוויס ניט אין מקוה און מען איז חייב כרת פאר יעדען מאל זיין מיט איהר. היינט וויא גרוס וועט זיין דיא שאנדע, דיא יסורים, וואס מען וועט האבען אויף יענער וועלט פאר דעם, וואס מען האט אזוי אפט עובר געוועזן אזא גרויסע עבירה, וואס מען דארף זיך פאר איהר מוסר נפש זיין ווענן מען טאללט דערצו געצוואונגען געוועזן. דיא

אשתו נדה וכ"ש בזו שהיא נדה וגם מופקרת. והנה בגמרא איתא א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל העושה מצוה אחת בעוה"ז מקדמתו והולכת לפניו לעוה"ב שנאמר והלך לפניך צדקך וכל העובר עבירה בעוה"ז מלפפתו והולכת לפניו וכו' ר' אלעזר אומר קשורה בו ככלב וכו' וכתב שם רבינו המהרש"א ענין נפלא ויקר והוכן דבריו דיש לדקדק מה שאמרו אצל מצוה מקדמתו וכו' ואצל עבירה מלפפתו אמנם הנה נודע כי מכל מעשה מצוה נברא מלאך רוחני קדוש והמלאכי' הללו הם תמיד מליצי יושר עבורו והם כבנים אצל אביהם כי הוא בראם בפועל כפיו או ע"י פיו בתורה ובתפלה וכן רחמנא ליצלן בעבירה נולדו מלאכים מקטרגים מחבלים והם נוקמים ממנו לעתיד בכל מיני צער ויגון ע"ד מהרסיך ומחריביך ממך יצאו וגו'. והנה נראה דרך העולם כשמוליכין את איש אחד לחתונה או לסעודה אין צריך המוליכו לאחוז בידו בחזקה ולתפשו דבטוח הוא דבודאי ילך אחריו ולא ישמט כלל ממנו כי מי פתי לא ירצה לילך למקום סעודה לאכול ולשתות ולשמוח אבל אם מוליכין את אחד לגרדום להרגו שם צריך המוליכו לאחוז אותו בידו בחזקה וללפפתו שלא ישמט מלילך אחריו כי ירא פן יברח ממנו. כן הוא במעשה המצות כשהאדם הוא זכאי והולך בדרך הישר לפני ה' יתברך כל ימי חייו ומה שפגם וקלקל היקן ושב בתשובה בעודו בחייו אזי כשנפטר ובא לעוה"ב באים לקראתו כמה כתות נשמות צדיקים וכמה מחנות מלאכי השרת ובפרט אותם שהוא בראם במעשה ידיו ע"י התורה והמצות ובאים לקראתו בקול מצהלים בקול ששון וקול שמחה בשירים ותשבחות ומרקדים לפניו ומוליכים אותו לג"ע בקולי קולות של הלול ושמחה ומכריזים לפניו פנו מקום לצדיק פלוני בן פלוני שבא עתה כך וכך מעשיו אשר עשה כך וכך תורתו ותפלתו שסיגל בעודו בחיים ועושין לו כבוד גדול שאין לבאר ע"כ אמר אצל צדיק לשון מקדמתו כי הם אינם צריכים לאחוז בידיו ולהוליכו בחזקה כי בטוחים הם שלא יברח מהם כי מי לא ירצה לרוץ למקום עונג כזה עין לא ראתה ע"כ הם מקדימים והולכים לפניו רק להראותו הדרך שילך בה אחריהם אבל אם האדם אינו זכאי ועשה עבירות כל ימיו אזי כשנפטר באים כמה מלאכי חבלה ובפרט אותם שבראם בעונותיו המרים שדים ולילין והם לבושים שחורים ומתעטפים שחורים ובאים עליו בקול יללה ובכי וצעקה ומכריזים עליו אוי לפלוני בן פלוני שיצא מן העולם ריקם מזכיות ריקם ממעש"ט ומפרסמים מעשיו הרעים בעולמות העליונים וחשך משחור תארו וכו' ומוליכין אותו לגיהנם בחרפות ובזיונות וא"כ לא יחמוד כלל

למקום

---

דיא גמרא זאגט: כל העושה מצוה אחת וכו' דער וואס טהוט איין מצוה אויף דער וועלט געהט זיא איהם ארויס ענטגעגען אויף יענער וועלט אונ געהט איהם פאראויס, וויא עס שטעהט וכו', דער וואס טהוט וויעדער איין עבירה, נעהמט זיא איהם אן אונ געהט הינטער איהם וכו'. ר' אליעזר זאגט, אז זיא איז אן איהם געבונדען וויא אהונד וכו'. דער מהרש"א ערקלערט דיא גמרא אזוי: אייגענטליך איז דער מאמר הגמרא אונפערשטאנדליך: וואס הייסט דיא מצוה געהט דעם מענשען פאראויס, וואהרענד דיא עבירה געהט איהם פון הינטען. דיא מעשה איז אבער גאנץ איינפאך: אז מען פיהרט א חתן צוא דער חופה — זעהען מיר — דארף מען איהם נית צו־האלטען פעסט, וייל מאן קאנן זיכער זיין, אז ער מעט אליין געהן זעהר גערן, מען דארף איהם אלזא נית צוהאלטען אונ מען קאנן געהן פאראויס; פערקעהרט, אז מען פיהרט א מארדער צוא דער תליה, מוז מען איהם שוין בינדען אונ פעסט צו־האלטען, ער זאלל נית ענטלויפען. דער מענש, וואס איז אויף דער וועלט געגאנגען בדרך הישר, אונ ווען ער האט זיך אין וואס עס איז בענארישט, האט ער תשובה געטהון, אזעלכען, אז ער שטארבט, געהען ארויס טויזענדער מלאכים ענטגעגען, איבער־הויפט דיא וואס זיינען בעשאפען געווארען דורך זיינע מצות, אונ זייא פיהרען איהם מיט גרויס פאראד אין גן עדן. דאס מיינט דיא גמרא מיט דעם, וואס זיא זאגט, אז דיא מצוה געהט דעם מענשען פאראויס, דאס הייסט: דיא מלאכים, וואס ווערען בעשאפען פון דיא מצות, געהען איהם פאראויס אונ פיהרען איהם מיט פאראד אין גן עדן פונקט וויא מען פיהרט דעם חתן צוא דער חופה. פון דיא עבירות וויעדער ווערען בעשאפען מלאכי חבלה, אונ זייא האלטען שוין דעם מענשען פעסט צוא אונ געהען איהם נאך, בעת זייא פיהרען איהם אין גיהנם, כדי ער זאלל נית אנטלויפען, פונקט וויא דיא תלינים היטען גוט דעם מארדער, ער זאלל זיך נית ארויסרייסען פון

זייערע

למקום כזה כי יודע בבירור שלא יאכל שם בשר ודגים וא"כ אולי יברח מהם ולזה אמר מלפפתו שאוחזים אותו בחזקה ומוליכים אותו לגיהנם. והנה כאשר האדם יתבונן במאמר הזה יאחזנו רעד מלעבור עוד על איסור זה כי הלא לעתיד תהיה התמונה של המופקרת קשורה בו ככלב בכל מקום שילך ואז יבושה כלמה פניו לעין הכל כי הכל ידעו את גודל רשעתו רחמנא ליצלן מהאי בושתא ויזכנו לישב בג"ע העליון בין הצדיקים׃

# פרק כו

בו יבואר דין מלבושי שעטנז [מלוקט מיו"ד הלכות שעטנז ומהג"א] וגם יבואר בו דיני הקפת פאת הראש והזקן [מרמב"ם ויו"ד סימן קפ"א והאחרונים]:

ועתה נדבר קצת מענין איסורי שעטנז. א) כתיב בתורה לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדו וקבלו חז"ל דלא נקרא צמר אלא צמר רחלים ושל איל שהם הכבשים אבל צמר גמלים שקורין (קעמעל האר) או של ארנבת שקורין (האזין האר) וכן של שאר בהמה וחיה לא נקרא צמר ולכן כל מיני צמר חוץ משל כבשים מותר עם הצמר ועם הפשתן אבל של כבשים אסור עם הפשתן וכן קנבוס (שקורין קאנאפ-לעם) וכן צמר גפן (שקורין באוויל) מותר אפילו בצמר רחלים. ב) אין לכלאים שיעור שאפילו חוט כל שהוא של צמר בבגד גדול של פשתן או איפכא אסור ללובשו אפילו מצדו השני אע"פ שהצד שבו הכלאים נגרר ע"ג הקרקע ואפילו נאבד החוט ולא ידענו מקומו לא שייך בו ביטול ואסור. ג) המחבר יחד בגד צמר עם בגד פשתן אפילו כשתפרם בחוט של משי וכן התופר בגד צמר בחוט של פשתן או איפכא או שקשרן יחד בקשר של קיימא כל זה אסור משום שעטנז מדאורייתא. ד) כל רגע שמשהה האדם על עצמו כלאים עובר בלאו ע"כ תיכף כשנודע לו שהוא לבוש כלאים חייב לפושטו. גם אסור להלביש את חבירו או לכסתו בכלאים משום ולפני
עור

---

נייערע האנד. אז מען זאלל גוט בעטראכטען דיא גמרא, דארף מען ווערען א פערציטטערטער, ווענן עס קוממט אפילו נור ארויף א געדאנקען וועגען איין עבירה. עס איז שרעקליך דער געדאנק, אז דיא געשטאלט פון דער זונה וועט צוא מיר צוגעבונדען זיין וויא א הונד (ווי ר' אליעזר זאגט אין דער גמרא וואס מיר האבען געבראכט) אונ אללע וועללען וויססען וואס פאר א גרויסער בעל עבירה איך בין געווען. דער געדאנק אליין דארף אונז אבהאלטען פון דער גרויסער עבירה. אויך איז. דיא זאך אין כלל פון פורש מדרכי צבור דאס הייסט ער זונדערט זיך אב פון אידישע וועגען וואס אויף זייא זאגט דיא גמרא אז עס איז גאר קיין ברעג ניט צוא זייערע יסורים אויף יענער וועלט.

## פרק כו

יעטצט וועללען מיר א ביסעל רעדען וועגען דעם איסור פון שעטנז. אין דער תורה שטעהט:

דוא זאללסט ניט טראגען שעטנז: וואלל אונ פלאקס צוזאמען, אונ דיא חז"ל האבען בקבלה, אז "וואלל" הייסט נור: שאפסענוואלל, אבער אנדערע קארטען וואלל וויא קאמעל- אונ האזען וואלל אדער פון אנדערע חיות מאג מען טראגען צוזאמען מיט פלאקס. קאנאפלעם אונ באוויל מעג מען אויך טראגען אפילו מיט שאפסען וואלל. ב) דער איסור איז ווענן אין פלאקסענעם בגד איז אין גאנצען איין פאדימעל וואלל אדער פערקעהרט אין איין וואללענעם איין פאדים פלאקס ווענן דער פאדימעל איז אפילו פון דעם אנדערן זייט, ווענן יענער ארט, וואו דיא שעטנז איז, שלעפט זיך אפילו אין דער ערד, ווענן דער פאדימעל איז אפילו פערלארען אין גאנצען בגד, אזוי אז מען ווייס ניט, וואו ער געפינט זיך דארטען — אין דיא אללע אופנים בלייבט דער איסור פון טראגען שעטנז. ג) מען טאר אפילו ניט צוזאמפנאהען א פלאקסקלייד מיט א וואללענעם קלייד, ווענן אפילו דער פאדים, מיט וועלכען מען נאהט זיי צוזויף, איז א זיידענער. דיזעלבע טאר מען ניט נאהען א וואללענעם בגד מיט א פלאקספאדים אונ פערקעהרט, אפילו פעסט פערבינדען א וואללקלייד מיט א פלאקס-קלייר אונ טראגען אזוי טאר מען אויך ניט. אויף דיא אללע זאכען איז דא איין איסור מן התורה. ד) יעדען אויגענבליק, וואס מען טראגט אויף זיך שעטנז, איז מען עובר א לאו, דעריבער מוז מען אויסטהון דעם בגד גלייך וויא מען דערנעהט, אז אין איהם איז דא שעטנז. אויך טאר מען ניט אנ-קליידען אדער צודעקען דעם צווייטען מיט שעטנז,
וויל

עור לא תתן מכשול. ה) מדכתיב לא תלבש שעטנז ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך קבלו חז"ל דאינו אסור מן התורה אלא לבישה או העלאה וכסוי אע"פ שאינו לובש אך הגוף נהנה ממנו אבל להציע תחתיו מותר מן התורה אבל מדרבנן אסור להציע תחתיו ואפי' עשר מצעות זה ע"ג זה וכלאים תחתיה אסור. ו) הלוקח בלי צמר מעכו"ם צריך לבדוק יפה יפה שמא הם תפורין בפשתן וצריך להתיר כל התפירות ואפילו העכו"ם אומר שתפרן בקנבוס או משי אינו נאמן ואסור לומר לעכו"ם לתפור לו בגדים אא"כ נותן לו חוטי קנבוס או משי ויזהירנו שיבדוק אח"כ אם לא החליף ואז יענש ע"פ נמוסיהם ויגירא מזה (כ"כ בח"א) וי"א דיכול לבדוק בי של פשתן כבה מהר ושל קנבוס הולך ושורף ושל משי נכרך וי"א סימן אחר שכאשר ימשוך החוט כמין שערות ארוכות הוא קנבוס ויש אומרים דאיז מועיל שום בדיקה:

ועתה נתחיל בעזרת הש"י לבאר דיני הקפת פאת הראש והזקן. אסור להעביר שער הזקן ולא אסרה התורה אלא בתער שנאמר ולא תשחית את פאת זקנך דבר שהוא משחית וזהו תער. והמעבירו בתער עובר בחמשה לאוין שיש בו ה' פאות אבל במספריים מותר אפילו כעין תער דהיינו סמוך לבשרו ומ"מ נזהרין כשמסתפרין במספרים שיעשה הגילוח בהחלק העליון מן המספרים ולא בתחתון שאם יעשה בתחתון לבד הוי בתער. וכ"ז מצד הדין אבל באמת נכון ליזהר אפילו במספרים כי כתבו המקובלים שבזה עוקר צינורות הקדושה מלמעלה:

ב) פאות הזקן הם חמשה ורבו בו הדעות. לפיכך ירא שמים יצא את כולם ולא יעביר תער על זקנו כלל ואפי' על שפה העליונה או תחת הגרון:

ג) ועל פאות הראש יש ג"כ לאו בתורה והוא מה שכתוב לא תקיפו פאת ראשכם וי"א דפאות הראש אסור מן התורה אפילו במספרים כעין תער דהיינו סמוך לבשרו. ושיעור הפאה מכנגד שער שעל פדחתו ועד למטה מן האוזן מקום שהלחי התחתון

---

ווייל מען ברייננט דאדורך יענעם צוא איין עבירה. ה) ווייל עס שטעהט אין דער תורה: "דוא זאללסט ניט אנטהון קיין שעטנז", אויך: "א קלייד פון שעטנז זאלל אויף דיר ניט ארויף", האבען דיא חז"ל בקבלה, אז דוקא אנטהון אויף זיך, אדער צודעקען זיך מיט שעטנז טאר מען ניט מן התורה אבער אונטער'ן זיך מאג מען אונטערבעטען א בגד שעטנז. אבער מדרבנן (ווערליג וויא דיא רבנן, דיא חכמי התלמוד האבען איינגעפיהרט) טאר מען אפילו ניט אונטערבעטען קיין שעטנז, ווען עס ליגען אפילו איבער דעם בגד פון שעטנז — אנדערע בגדים. ה) אז מען קויפט א וואללענעם בגד ביא א עובד גלולים מוז מען גוט אונטערזוכען, אויב ער איז ניט גענאהט געווארן מיט פלאקס, דאנן מוז מען אבטרענען אללע נאהט. ווענן דער עובד גלולים זאגט, אז עס איז גענאהט מיט זייד, איז ער ניט בעגלויבט. בעשטעללען ביא א עובד גלולים איין ארבייט — צוא נאהען א בגד — טאר מען ניט, סיידען אז מען גיבט איהם זיידענע פאדים צום נאהען, און דאנן מוז מען איהם אויך אנזאגען, אז אויב ער וועט ניט נאהען מיט דיא פאדים וואס מען גיבט איהם, וועט מען איהם קלאגען אין סוד. דאנן וועט ער מורא האבען. עס זיינען דא דעות, וואס זאגען אז מען קאנן דערקאננען מיט וואס פאר א פאדים עס איז גענאהט געווארען, און זייא גיבען איבער זאנאר סימנים אויף דעם, אבער נאך אנדערע מיינונגען, איז אונמעגליך צוא דערקאננען.

יעטצט וועללען מיר א ביסעל רעדען וועגען דיא דינים פון גאלען א בארד. דיא עבירה איז דוקא אויפ'ן גאלען, אבער אראבשערען דיא בארד אין גאנצען עס זאלל זיין אזוי וויא געגאלט מעג מען, נור מען דארף זיך היטען, מען זאלל שערען מיט דעם אויבערשטען טהייל פון דער שערר דענן מיט דער אונטערשטער איז עס גלייך וויא גאלען. דאס איז אללעס על פי דין, אבער על פי הקבלה טאר מען אפילו שערען דיא האאר פון בארד אויך ניט. ב) אין פסוק שטעהט: לא תשחית את פאת זקנך (דוא זאללסט ניט פערדארבען דעם ברעג (פאה) פון דיין בארד) און פאות פון בארד גיבט עס פינף. וועלכע דיא תורה מיינט — אין דעם זיינען דא פערשיעדענע דעות, דארום טאר מען קיינע ניט גאלען, אפילו אונטערן האלז, אפילו דיא וואנסעם. ג) אויף דיא פאות פון קאפ איז אויך דא א לאו מן התורה, אז מען טאר זייא ניט אראבנעהמען אין גאנצען. פאה פון קאפ הייסט ביז אונטערן אויער, דעם ארט וואו עס הויבט זיך אן דער

התחתון יוצא ומתפרד שם וכל רוחב מקום זה לא תגע בו יד מצד שהוא בכלל פאות הראש ומשם ולמטה מתחלת פאת הזקן, ובעו"ה מצוי שמעבירין את הפאות עד סמוך לבשרן ממש ואין משיירין כלל ויש בזה חשש דאורייתא והיה להם לשייר עכ"פ קצת מן הקצת וביותר מזה יש מהבחורים שבעת שהספר מספר ראשו הוא מגלח לו השער שאצל אזנו לצד הפנים והוא מחמת שמוטעין שחושבין שפאת הראש נקרא רק מה שאנו קורין פאה ולא כן הוא כאשר כתבנו והוא לאו גמור דאורייתא לד"ה וגם זה הלאו הוא אפילו על הניקף וכנ"ל וע"כ אפי' אם המספר הוא עו"ג יש לישראל להזהירו שלא יגע בו כלל במקום ההוא. וגם במרחץ מותר להפסיק את המספר שלא יגלח במקום ההוא אם יהיו דבריו נשמעין לו וכמבואר בא"ח סימן פ"ד דכדי לאפרושי מאיסורא מותר אפילו במרחץ ע"ש:

ד) אחד המקיף פאת הראש ואחד הניקף ואחד המשחית פאת הזקן או הנשחת חייבין אלא שהניקף כיון שאין עושה מעשה אינו לוקה אא"כ מטה ראשו או זקנו אליו להקיפו אבל איסורא איכא אע"פ שאינו מסייע כלל לפיכך אסור להיות ניקף ונשחת אפילו ע"י עו"ג ואפילו אינו מסייע כלל כגון שאינו מטה את עצמו אליו כלל. ומוזהר ישראל להקיף את פאת ראש העו"ג ולהשחית פאת זקנו כיון שאינו מוזהר העו"ג בזה כלל:

ה) והנה לפי מה שביארנו שיש כמה איסורי תורה בהשחתת פאת הראש והזקן מה מאד צריך האיש הישראלי ליזהר בזה ואפילו אם נזדמן במקום שהופקר איסור זה אצל פתאים וקלי הדעת והם מלעיגים עליו עבור זה אין לו לחוש לזה כלל וכבר אחז"ל מוטב לו לאדם להקרא שוטה כל ימיו ואל יהי רשע שעה אחת לפני המקום וכ"ש בזה העון החמור שהוא עובר תמיד כשמגלח על חמשה לאוין ואפילו אם אינו יהודי מגלחו ואם הוא מגלח את עצמו עובר עוד בחמשה לאוין שהלאו דלא תשחית קאי על המשחית ועל הנשחת [כדאיתא ברמב"ם ובתוספתא] כמה יש לו להיות זהיר בזה. ובעו"ה יש כמה אנשים המתגוררים בארצות הרחוקות שהופקר אצלם איסור זה ואינם מתבוננים כי בנפשם הוא כי במשך איזה שבועות יתרבו עליו כמה מאות עבירות ומכל

---

יער אונטערשטער באק. היינטיגע צייטען איז בעוונותינו הרבים, איינגעפיהרט געווארען ביא פיעל אידען, אראבצונעהמען דיא פאות אין גאנצען, ניט איבערלאזענדיג אפילו עטוואס, אונ דאס טאר מען ניט. אנדערע בחורים לאזען זיך אבגאלען דיא האאר וואס ביין אויער צום געניקט צוא, וויל זיא מיינען, אז פאה הייסט נור דאס וואס מיר רופען פאה, דאס איז אבער א טעות, וויא מיר האבען ערקלאהרט, אונ דאס איז איין אמת'ער לאו מן התורה וועלכער ליעגט אי אויף דעם שערער אי אויף דעם געשערטען, אונ אז דער שערער איז א עו"ג, מוז מען איהם אנזאגען, ער זאלל דעם ארט ניט אנריהרען. אין מרחץ מאג מען אויך אבהאלטען דעם שערער, ער זאלל דא ניט טשעפען (אבוואהל מען רעדט דברי תורה אין מרחץ) ווענן ער וועט נור פאלגען גאטירליך. ד) דיא עבירה פון אבגאלען דיא באָרד אונ פון דעם אראבנעהמען דיא פאות ליעגט סאי אויף דעם וואס מהוט עס סאי אויף דעם וואס לאזט עס זיך טהון, אבער מלקות קוממט נור דעם, וואס מהוט דיא עבירה בידים, אונ דער וואס לאזט זיך אראבנעהמען דעם באָרד אונ פאות קוממט מלקות נור אז ער האט צוא דעם צוועק אויסגעשטעלט דיא קאפ אדער דיא באָרד. נור איין איסור איז דא אין אללע אופנים, ווענן מען העלפט אפילו גאר ניט דערצוא אונ, ווענן דיער ראזירער אדער דער שערער איז אפילו א עו"ג. א איד מאג אבגאלען א עו"ג דעם באָרד אונ אראבנעהמען דיא פאות. ה) וויא מען זעהט, איז אין דעם אבגאלען דיא באָרד אונ אראבנעהמען דיא פאות פאראן א סך איסורים, אונ וויא דארף מען זיך שוין היטען אין דעם אונ ניט קוקען אויף דיא לייכטזיניגע וואס לאכען פון דעם אב. עס איז פיעל בעסער דעם מענשען — זאגט דיא גמרא — צוא הייסען א שוטה זיין גאנץ לעבען, איידער זיין איין אויגענבליק א רשע אין דיא אויגען פון גאטט. בפרט ביא דער עבירה, וואס מיט יעדען מאל איז מען עובר אויף פינף לאוין ווענן עס ראזירט איהם אפילו ניט קיין איד. וועז מען ראזירט זיך אליין איז מען עובר אויף צעהן לאוין! איבערהויפט איז דיא עבירה פערשפרייט צווישען דיא עמיגראנטען, וועלכע פערגעסען דערביא, אז אין א משך פון עטליכע וואכען קלויבט זיך ביא זיא אויף עטליכע הונדערט עבירות. פון

**ומכל** עבירה נעשה מקטרג אחר ובבוא יום הדין יעמדו כולם עליו לעורר דין במחלות וביסורי הגוף או שאר מיני צרות ר"ל לבד עונשו השמור לעתיד בגיהנם עבור כל לאו שעבר בעוה"ז. ועון זה גרע משארי עונות שמראה בפרהסיא לעיני הכל שאינו ירא מפני ה' ואינו חושש על רצונו ובודאי מי שמורד במלך ונושא אות לעיני הכל על המרידה גרע הרבה יותר ממי שמורד בצינעא כן ממש הדבר הזה הלא הוא מרידה בפרהסיא נגד ה' ותורתו:

ו) **ודע** דאפילו אם ע"י עיכוב הגילוח יגיע לו הפסד גדול בממונו ג"כ דינא הכי כמו שנפסק ביו"ר בסימן קנ"ז דעל לאו שבתורה צריך ליתן כל אשר לו ולא לעבור עליו. ואם אינו יכול לכוף את יצרו בשלימות או במקום הדחק שנזדמן בין ריקים ופוחזים שעושין לו כמה נגישות עבור זה עכ"פ טוב לו להקטינו במספרים שבזה אין עובר בלאו ולא לגלחו בהער אפילו ע"י עו"ג ובנ"ל. ואם עצה זו אינו יכול לעשות יראה להשיג את הזאלב הידוע שמטבעו לשרוף את השער באותו מקום [ומחוייב להשתדל בכל זה בדי שלא יבוא לעבור על הלאו דגילוח] אך יזהר שאחר המשיחה לא יסיר את השער בסכין כ"א בקיסם של עץ וכדומה:

# פרק כז

## בו יבואר ענין מאכלות אסורות.

א) **הנה** איסורי מאכלות אסורות בין איסור דם בין איסור חלב בין איסור גיד הנשה בין איסור נבלות וטרפות בין איסור בשר בחלב וכ"ש איסור חזיר ושאר מינים טמאים ידועים בדרך כלל לכל איש ישראל כקטן כגדול. ומאד צריך ליזהר בזה ולא יועיל בזה כל האיצטדקאות שהיצר מתעה בזה כי כשהאדם עובר על זה הוא רשע מן התורה ופסול לעדות ולשבועה כי על כל כזית וכזית של איסור יש לאו בפני עצמו והאלהים יביא את האדם במשפט על הכל וגם בעוה"ז לא ינקה האדם לבסוף ע"ז וכאשר נבאר בסמוך. ומה שכתבנו שיעור כזית הוא רק לענין חיוב מלקות דהיה חייב ל"ט מלקות בב"ר על כל כזית וכהיום שאין לנו רשות לזה אעפ"כ בודאי

---

פון וועלכע עס ווערען בעשאפען הונדערטער מלאכי חבלה, וועלכע וועלען איהם פייניגען און אנטהון די גראסטע יסורים בעת עס וועט קוממען דער יום הדין. דער מענש וואס איז א מורד במלכות בפרהסיא, אפפענטליך, איז זיין פערברעכען געוויס גראססער, פון דעם וואס איז א מורד אין דער שטילל, אונ אזוי איז די עבירה פון אבגאלען דעם בארד אסך גראססער פון פיעל אנדערע עבירות, וויל ויא איז בפרהסיא: יעדער זעהט, אז דער מענש האט קיין מורא ניט פאר גאטט. צוליעב א לאו פון דער תורה – איז דער דין – מוז מען חאטש דעם גאנצען פערמאגען אוועקגעבען נור ניט עובר זיין אויף איהם. דארום דארף מען ניט קוקען, ווענן מען וועט דאדורך, דורכ'ן ניט ראזירען דעם בארד, אפילו האבען א שאדען אין געלד. ווענן מען קאנן דעם יצר הרע פארט ניט בייקוממען אין גאנצען, אדער מען איז צווישען שארלאטאנעס, וואס טהוען אן כל מיני נגישות צוליעב דעם ניט ראזירען דעם בארד, דארף מען ווענינגסטענס אראב־גענעהמען מיט א שערר. וואס איז קלענער דער עון אבער ניט מיט א ראזירמעססער. אויב דאס איז אויך אונמעגליך דארף מען קריגען דעם בעוואוסטען זאלב, וואס נעהמט אראב די האאר אין גאנצען, נור נאכ'ן ארומשמיערען דעם בארד מיט'ן זאלב זאלל מען די האאר ניט אראבנעהמען מיט א מעססער. וויל דאנן וועט עס אויך הייסען גאלען.

# פרק כז

א) די איסורים פון מאכלים אסורים – דער איסור פון עססען בלוט, חלב, גיד הנשה, טרפות, מילכיגס מיט פליישיגס, בפרט נאך דער איסור פון עססען חזיר און אנדערע פערבאטענע חיות – די איסורים זיינען יעדען אידען בעקאנט. מען דארף אין דעם זעהר פארזיכטיג זיין און עס העלפט דא ניט קיין ענטשולדיגונג. דער וואס עסט מאכלים אסורים איז ער איין אמת'ער רשע מן התורה און איז פסול לעדות ולשבועה. דער לאו איז אויף יעדען "כזית" בעזונדער און די שטראף פאר דעם איז זעהר גרויס אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט. דער שעור "כזית" וואס מיר האבען דערמאהנט איז דאס נור ענטגעגען מלקות – אמאל

פלעגט

בודאי יקבל לבסוף הכאות גדולות יותר מזה בב"ד של מעלה אבל לענין איסור אין צריך שיעור כלל דאפילו טעימת משהו מן האיסור הוא ג"כ אסור מן התורה ואפילו רק לטעום מן המרק של האיסור ג"כ הוא איסור תורה וכדאיתא בגמרא ושו"ע :

ב) וידעתי את טענת היצר שהעו"ג לא יקרבוהו ליתן לו פריון כשהוא מתגורד בכפרים אם יראוהו שהוא מובדל מהם ולא יאכל עמהם . וזהו טענת הבל דהלא נפסק ביו"ד סימן קנ"ז דאפילו היכא שכופין אותו שיעבור על לאו מחוייב ליתן כל אשר לו ולהשאר עני ואביון ולא לעבור על לאו דאורייתא' ואף שעי"ז יהיו כל אנשי ביתו ג"כ עטופים ברעב ועאכ"ו בזה שאין אדם כופהו רק שלא יקרבוהו א"כ חמדת הממון מעבירו על דת התורה בודאי בכלל רשע הוא והוא נקרא בפי חז"ל בשם מומר אוכל נבילות לתיאבון . וגם זהו טעות בעצם דהלא יכול להשתמט ולומר להם שכעת אינו רוצה לאכול או שהוא מתענה היום [או שהוא חולה במעיו והרופאים אמרו לו שקשה לו אכילת בשר] וכה"ג איזה תירוצים ולא יהיה להם שנאה עליו ואכילתו שהוא צריך לאכול לחם וכדומה טוב יותר שיאכל בדרך שלא בפניהם ותמיד כשבא אצל א"י יהיה כבר שבע כדי שלא יהיה להם פלא עליו על שאינו משתתף עמהם באכילתם . ואפילו אם רואה שתירוצו אינו מתקבל לפניהם ואין נותנים לו פריון עבור זה ג"כ לא יפול לבו עליו וידע כי כ"ז נסיון לו מן השמים שמנסים אותו כדי שיודע בחותיו הפנימיות אם הוא מהרהר אחר הנהגתו ית' ואם יעמוד בנסיון יהיה לע"ל לנס ותפארת וכענין שנאמר במן ויענך וירעבך ויאכילך את המן אשר לא ידעת וגו' למען ענותך לנסותך לדעת את אשר בלבבך וגו' ופירש בזוהר הקדוש דהאי לנסותך הוא להגביה אותך על הכל כמו נס וגם בעוה"ז בודאי הש"י הנותן לחם לכל בשר בודאי יזמין לו פרנסתו ממקום אחר :

גם

---

פלעגט מען קריגען ביין אונ דרייסיג מלקות (שמיצין) דורך דעם בית דין, פאר יעדען כזית ; — היינטיגע צייטען, וואס מיר האבען קיין רעכט צוא שלאגען מלקות, וועט מען אויף יענער וועלט געוויס אבגעבען מיט פראצענט, אבער ענטזאגען דעם איסור איז גענוג אפילו צוא פערזוכען עטוואס פון דיא פעטע באטענע שפייזען, האט מען שוין איין עבירה, אפילו פון דיא זופפ, אין וועלכער עס ווערדט געקאכט טרפות, טאר מען אויך ניט פערזוכען . ב) מיר האבען שוין אויבען (ביא גאלען דעם בארד) געבראכט דעם דין, אז מען דארף ניט קוקען אויף קיין שאדען אין געלד, וואס מען קאנן האבען צוליעב דעם אבהיטען זיך אין איין עבירה מן התורה . ביא טרפות עססען איז אלזא אויך קיין תירוץ ניט , וואס מען וועט , למשל , ניט לאזען פון דעם עו"ג , אז מען וועט מיט איהם ניט עססען צוזאממען . אזעלכער וואס עסט טרפות צוליעב דער מטבע , איז געוויס א רשע גמור אונ דיא גמרא רופט איהם אן : מומר, וואס עסט טרפות פון גרוס תאוה , דענן עפ"י דין מען זאל ביא אים אפילו זיין גאנצען פארמעגען צוגעהמען , אונ ער זאלל דארפען מיט זייגע קינדער בעטלען א שטיקעל ברויט צוא ערנאהרען זיך טאר ער ניט עובר זיין אויף איין איסור תורה אפילו איין מאל . חוץ דעם קאנן מען דאך קריגען פאר'ן עו"ג א תירוץ : אז מען איז זאטט אדער מען האט היינט א תענית אדער מען איז ניט געזונד אויפ'ן מאגען אונ דארום האט מען מורא צוא עססען פלייש . מען קאנן אבעססען , וואס מען האט ביא זיך , אונטערוועגענס אדער אן א זייט , כדי דעם עו"ג זאלל עס ניט וואונדערן , וואס מען עסט מיט איהם ניט , אונ וועגן מען האט דאדורך — דורכ'ן ניט עססען מיט'ן עו"ג — ווירקליך שאדען , דארף מען זיך נער מאהנען , אז דאס איז נור א נסיון פון גאטט צוא זעהן אויב ער איז מיט איין אמת'ן פרומם אונ גלויבט אין דער השגחה פרטית אונ זיין שטארק אין בטחון אז הש"ת וועט איהם זיין בעדארפניש געבען בהיתר , אונ וועגן ער וועט ביישטעהן ביא דעם נסיון, וועט ער זעהר געריהמט ווערען אויף יענער וועלט אונ גאטט ב"ה וועט איהם צושיקען זיין פרנסה פון איין אנדער ארט . וויא דער זוהר זאגט אויפ'ן פסוק : ויענך וירעיבך וכו' „אונ ער — גאטט — האט דיך געפייניגט אונ געלאזט הונגערן וכו' כדי צוא פייניגען דיר אונ צוא פרובירען דיר (לנסותך) צוא וויססען וואס ביא דיר אין הארצען מהוט זיך", אויף דעם ווארט „לנסותך" זאגט דער זוהר , אז דאס מיינט מען : צוא דערהויבען דיך איבער אנדערע מיט דעם וואס ער איז ביינעשטאנען ביא דעם נסיון („לנסותך" וועט אלזא זיין פון דעם

לשון

ג) גם אל יתפתה האדם כיצרו שזה נוגע לו לסכנת נפשות כשהוא נושא משא עליו והולך בין הכפרים כמה ימים ולא יאכל בשר שזהו טעות מצדי צדדים אחד כי אפילו אם היה נוגע לו לסכנת נפשות היה צריך לו לשקול במאזני שכלו ולעיין הרבה את כל כזית וכזית שהוא אוכל אם הוא מוכרח לזה כמו שאנו מעיינים לענין אכילת חולה ביוה"כ דמה לי איסור כרת מה לי איסור לאו ואם די לו להמלט מסכנת נפשות ע"י כזית אחד והוא אוכל עוד הוא רשע מן התורה ופסול לעדות ולשבועה [ועוד הלא אין אדם כופה אותו שישא משאות כדי שיבוא לידי סכנה ויוכרח לאכול בשר כ"א רצון העצמי שרוצה להשהכר ולא להיות עני וזהו אין בכלל סכנת נפשות ומוטב לו לאדם להיות עני שבעניים וגורף ביבין ובזוי שבאנשים ולא לאכול מאכלות אסורות ולהיות לנצח רשע לפני המקום] ועוד שזהו טעות מעיקרו שאינו נוגע כלל לפיקוח נפש דהלא אנו רואין בעינינו שיש הרבה עניים ומרי נפש והיושבין בבית האסורין שאין להם רק לחם ומים וגם זה ע"פ הדחק ואעפ"כ חיים זמן רב ולא תאמר לפי שהיושב בבית האסורים יושב על מקומו משא"כ בזה שהוא עמל ויגע זה אינו כידוע שהאדם העמל ויגע באיזה ענין העמל הועיל יותר לבריאות הגוף ממנוחה וכמו שהראה זה בעניים הנושאים משאות בעירות גופא שבטבען בריאין הרבה יותר מאנשים עשירים אשר מאכלן הרבה יותר בטוב משלהן והכל הוא מחמת זה גופא שהוא עמל הרבה בעבודה וכמו שאמר קהלת מתוקת שנת העובד וגו' ולבד זה ג"ב לא מיקרי זה מן התורה בשם פיקוח נפש כיון שאין מגיע זה למיתה ממש רק שכחותיו נחלשו ע"י המשאות [וכדאיתא כעין זה בט"ז או"ח סימן שר"מ סק"א עי"ש]. הכלל אומר לך באלו הענינים שלא יועיל שום טצדקי בעולם שיהיה מותר לו לאכול מאכלות אסורות ורק שהיצה"ר מטעה את האדם פעם ראשונה ושניה בזה לומר שהוא אנום ומרשה לו לטעום המרק של התבשיל האסור וכיון שהוא מרגילו בזה הוא מורידו עוד מדרגה שאולה ומרשה לו לטעום קצת מן הבשר בטענה של שטות שאומר לו בין כך ובין כך נטמאת אכול למלא

את

---

לשון „גם" – אפאהן, א פלאנגע) אונ זיין לעבענס· מיטטעל וועט ער אויך געוויס קריגען בהיתר. ג) אנדערע שמועסען זיך איין, אז עס ליעגט אין דעם א סכנת נפשות, ווענן מען געהט ארום טאג-לאנג ארום דיא דארפער מיט א גרויסען פאק אויף דיא פלייצעס אונ דערביא עסט מען ניט קיין פלייש. אונ צוליעב א סכנה מאג מען דאך עובר זיין אויף גראססערע מצוות אויך, דאס איז אבער א גאנץ פאלשער רעכענונג. ערשטענס, ווען דאס איז אפילו א פקוח נפשות מוז מען דאך גוט בעדענקען זיך ביא יעדען ביססען, אויב מען מוז איהם עססען אדער מען קאנן אויס· קוממען אהן איהם, פונקט וויא ביי'ן עססען יום כפור, וואס עס איז ערלויבט ביא א חולה סכנת נפשות דארף מען דאך משער זיין וויפיעל ער מוז עססען וויא עס שטעהט אין דיא פוסקים, אונ ווענן מען עסט איין איבעריגען ביססען איז מען שוין א רשע מן התורה אונ מען איז פסול לעדות ולשבועה. צווייטענס הייסט עס דאך ניט פקוח נפשות, וויבאלד, אז קיינער נאטה איהם ניט ארומצוגעהן מיט'ן פאק אויף דיא פלייצעס אונ ער טהוט עס דאך פריוויללינ ווייל ער וויל וואס מעהר פערדיענען – איז עס דאך טויזענד מאלל בעססער צוא זיין איין ארעם-מאנן אונ צוא טהון דיא ניעדריגסטע ארבייטען, וויא עססען טרפות אונ ווערען דערמיט א רשע גמור נעגען גאטט. דריטטענס, וואו שטעהט עס, אז אהן פלייש קאנן מען ניט לעבען? פערקעהרט, מיר זעהען פראסטע מענשען, וואס ארבייטען זעהר פיעל, אונ דאך קוממט איך זייער מויל ניט אריין קיין ביססען פלייש דיא גאנצע וואך, פון דעסטוועגען זעהען זייא אויס בעססער אונ זייא זיינען פיעל געזינדטער פון דיא רייכע, וואס עססען פלייש יעדען טאג. ארעס· טאנטען עססען יאהרענלאנג קיין פלייש ניט, אונ זיינען געזונד. חוץ דעם, הייסט פקוח נפש נור אין דעם אופן, אז ווענן מען טהוט אדער מען טהוט ניט דיא אונ דיא זאך קוממט גלייך אן דער טוידט, דאנן דארף מען טהון דיא עבירה אונ בלייבען לעבען, אבער דא ווערדט דער מענש האכסטענס שוואך אין געזונד, אונ פון שטארבען דאדורך איז נאך גאנץ ווייט. אין דער אמת'ן איז דא גאר קיין תירוץ ניטא, דאס איז נאר מעשה יצר הרע: ער קוממט אונ רעדט איין דעם מענשען, אז אין א גאמה טאג ער פערזוכען חאטש א ביסעל טרפה'נע זופ. אז ער האט שוין פערזוכט דיא זופ, זאגט ער איהם: אז דוא עסט שוין יא חזיר, טא האב ווענינסטענס א

הנאה

את נפשך [ובאמת הוא טעות דכי משום שאכל שום יחזור ויאכל שום ויהא ריחו נודף יותר והלא כתיב אל תרשע הרבה פן תמות בלא עתך וגם האיסור הוא חמור עוד הרבה יותר] עד שהוא מרגילו בזה פעם ראשונה ושניה ונעשה לו הדבר כהיתר וכמו שאחז"ל עבר אדם עבירה ושנה בה נעשה לו כהיתר:

ר) ובעבור שאני יודע שנעשה זה האיסור כהפקר בארצות הרחוקות בעיני איזה אנשים ההמונים המתנודדים בעו"ה לכן מוכרח אנכי להרחיב קצת הענין ולהעתיק לפני הקורא את גודל האיסור שיש במאכלות האסורות ואח"כ נעתיק את גודל העונש שיש עבור זה להנפש ולהגוף ואח"כ גודל השכר שיהיה למי שנזהר מזה. כי הנה ידוע דבהמה הנשחטת בסכין שאינו בדוק כדין התורה היא נבלה גמורה ויש על כל כזית וכזית לאו בפני עצמו משום נבלה ואם היא נטרפת קודם מיתתה כמנהגם שמכין אותה במוח יש עליה לאו משום איסור טרפה שהיא נקובת המוח אפילו אם היו שוחטין אותה אח"כ וכ"ש אם מתה מעצמה אח"כ אפשר שחל ע"ז עוד איסור נבלה ג"כ [וצ"ע בהפוסקים אם יש ע"ז עתה שני לאוין או לא] וגם מצוי ג"כ דהמפקיר את נפשו לאכול נבלות וטרפות אוכל מן הבא בידו ואפילו אם יזדמן בתוך זה איסור חלב ג"כ לא יקפיד ע"ז ועל איסור חלב יש לאו וכרת כמו שמפורש בתורה ועל ענין כרת ידוע כל הדווים שנכרתת נפשו ממקור החיים העליונים ואם החלב הוא מבהמת נבלה וטרפה חייב ע"ז משום נבלה וטרפה ומשום חלב כמפורש ברמב"ם [פ"ז ממאכלות אסורות] שהוא לוקה משום שני האיסורין ועיין ביו"ד סימן ס"ד שיש הרבה דינים באיסורי חלב ומי שרגיל לאכול עם העו"ג במאכלם בודאי בהמשך הזמן בא לידו אחד מן המינים שחייב עליהן כרת. וגם אפילו יהיה בקי בדיני איסור חלב ויודע שהיה בכל כחו נזהר מהן עכ"פ אוכל החוטים שצריך לנקרן משום חלב וגם מצוי שאוכל האחוריים שיש בהן גיד הנשה וכל זה מלבד איסור דם ראה כמה איסורים חמורים יכול לעבור כשהוא אוכל עם העו"ג בסעודה אחת וכ"ש ח"ו מי שהורגל בזה בודאי יש לו כמה מאות לאוין של נבילות וטריפות ושל חלב ושל גיד הנשה וכן לפעמים ג"כ של חזיר וגופו מתפטם מאיסור ובהמשך זמן אוכל ג"כ מיני דגים

טמאים

---

הנאה און עסס צוא זאטט – (וואס דאס איז אייגענטליך זעהר פאלש: מיר האבען שוין געזאגט, אז מיט יעדען טראפען זופ, מיט יעדען ביסען פלייש, פערדינט מען א נייע עבירה, און וואס מעהר מען עסט אלזא, איז אלעס מעהר עבירות און דיא עבירה פון פלייש אליין איז גראסער פון דיא זופ), און אזוי רעדט ער איהם איין מאל און א צווייטען מאל, ביז דאס ווערדט שוין גרינג אין זיינע אויגען און ער הארט שוין גאר אויף צוא פיהלען, אז דאס איז איין עבירה: ר) ווייל מיר ווייסען, אז זעהר פיעל פון אונזערע אידען, איבערהויפט פון פראסטען גאראד, אז זייא זייגען אין דיא ווייטע לאנדער, עססען זייא טרפות גאר אהן געוויסענסביססע, גלייך וויא דא וואלט גאר קיין עבירה גיט געוועזען – דארום מוזען מיר דיא זאך א ביסעל ברייטער ארומרעדען. א בהמה, וואס ווערדט געשחטען מיט א מעססער וואס איז גיט בדוק (אונטערזוכט, אויב ער איז שארף און אהן א פגימה), איז זיא איין אמת'ע נבלה, און פאר יעדען כזית האט מען א בעזונדער לאו. ווען זיא איז פאר'ן טויטט געווארען א טרפה (א צעריסענע, דאס הייסט: אז זיא האט געטראגען רויזן אַ חיה אדער א מענשען א געפאהרליכע ראניע, וויא עס איז איינגעפיהרט ביי א עו"ג, למשל, אז מען הרג'ט דיא בהמה דורך בעטייבונג – פלאטשען דעם מוח –), דאנן איז דא איין איסור טרפה, ווענן מען האט איהר אפילו נאכהער, נאך דער בעטייבונג, אויך געשחטען. – ווענן זיא איז פון זיך אליין געשטארבען, קאנן זיין, אז דא איז דא דער איסור נבלה אויך. אויך קאנן זעהר געמאלט זיין אז אסטענדיג טרפות קוממט אום צוא עססען אויך חלב, און פאר דעם קוממט כרת, דאס הייסט: דיא נשמה ווערדט אויסגעשלאססען פון דעם לעבען אויפ'ן הימעל און אויב דיא חלב איז פון א נבלה אדער א טרפה, האט מען אויף זיך אויך דיא עבירה פון עססען נבלה און טרפה. איבערהויפט זייגען דא פיעל אופנים פון חלב עססען, וואס עס קוממט פאר זייא כרת, ווענן מען איז אפילו גענים אין דיא דינים פון דעם איסור חלב, קאנן מען עססען דיא פאדים, וואס עס געפינט זיך אין זייא חלב, אויך טרעפט אז מען עסט דעם הינטערטהייל (וואדיק) וואו עס געפינט זיך דער גיד הנשה, חוץ דעם איסור פון בלוט עססען, וואס מען איז אויף איהם געווים

שובר

טמאים וכל מיני שקצים ורמשים אוי לו ואוי לנפשו שכל אלו הדברים מטמאין להנפש כמפורש בתורה אל תטמאו בכל אלה [ויקרא י"ח כ"ד] וכאשר נבאר לקמן ואפילו אם אוכל רק התבשיל שנתבשל בקדרה עם אחד מאלו הדברים ג"כ אסור מן התורה משום טעם כעיקר פידוע ואפילו אם לא ביילו בה עתה בשר כלל הלא ידוע שמטילין בה עכ"פ שמנונית של חזיר או חלב ושמנונית של נבלה וטרפה ושאר מינים האסורים. ואפי' אם אירע במקרה שלא הטילו עתה בהתבשיל שמנונית כלל עכ"פ אסור התבשיל משום הקדרה גופא אם בישל בזה המעל"ע גופא דבר איסור בהקדרה ע"ב השומר נפשו ישמור עצמו ממאכלות האסורות ויהיה טוב לו בזה ובבא וכאשר נבאר לקמן בפרק שלשים (אך אם הוא שוכב בבית החולים [באלניצע] של עו"ג ואמרו לו הרופאים שהוא מוכרח לאכול בכל יום קצת בשר או עכ"פ תבשיל של בשר ואם לאו הוא בסכנה ואין לו מי שיבשל לו בלתי זה התבשיל המצוי שם עכ"פ יראה להקטין את האיסור דהיינו שלא יאכל את האיסור גופא רק המרק או התבשיל בלבד]. ודע עוד דכשם שאסור לאכול בעצמו דבר איסור כך אסור לו להושיט לחבירו ישראל שום דבר איסור או לסייעו לשום דבר שאסור לו לעשות ועובר בזה על ולפני עור לא תתן מכשול. ואפילו לקטן אסור להושיט דבר איסור מן התורה מדכתיב בשרצים לא תאכלום וקרא יתירא הוא שם וקבלו חז"ל דר"ל לא תאכילום לקטנים וה"ה בשאר דבר איסור וכדאיתא בגמרא [יבמות קי"ד]:

# פרק כח

## בו יבואר גודל העונש של מאכלות האסורות.

כתיב בהאזינו כי מגפן סדום גפנם ומשדמות עמורה ענבמו ענבי רוש אשכלות מרורות למו חמת תנינים יינם וראש פתנים אכזר הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי לי נקם ושלם לעת תמוט רגלם וגו'. וביאור הכתוב נראה ע"פ מה שהביאו הספרים בביאור דברי הנביא מי אל כמוך נושא עון וגו' היינו דכשהאדם חוטא תיכף נברא משחית לחבל אותו ואם הקב"ה היה מניחו היה תיכף יורד למטה ומעניש להאדם שהיה תובע ממנו מזון כיון שנברא על ידו אבל הקב"ה ברוב חסדו כביכול נושא עון וטומנו וחותמו באוצרותיו ומפרנסו שם כי הכל צריכים להשפעה וממתין לאדם עד יום מותו פן יחזור בו בתשובה

---

עובר. דאנן עסט מען מיט דער צייט אויך חזיר, אונרייניגע (פערבאטענע) פישען אונ אללערליי שקצים אונ רמשים, אט אזוי קאנגען זיך אויפקלויבען הונדערטער, זאנאר טויזענדטער לאוין, מיט וועלכע מען פעראונרייניגט דיא נשמה. דיא זופ פון א מאכל אסור איז אויך אסור, ווענן עס איז אפילו געקאכט ניט מיט דיא פלייש גופא נור מיט דיא שמאלץ, ווענן דעם מאל איז אין דיא זופ קיין שמאלץ ניט געווען, איז ווענן עס איז אין דעם מעת לעת געקאכט געווארען אין דעם טאפ טרפות, טאר מען שוין דיא זופ ניט עססען. דער וואס וויל היטען זיין נשמה זאלל ניט פארפלעקט ווערען אויף עוויג, מוז זיך זעהן היטען פון מאכלים אסורים מיט אללע מעגליכקייט אונ דערפאר וועט מען האבען דיא וועלט אונ יענע וועלט. ווענן מען איז קראנק אונ מען ליעגט אין א קריסטליכע באלניצע (שפיטאל) וואו מען קאנן קיין כשרה עססענס ניט קריגען, אונ עססען פלייש מוז מען צוליעב'ן געזונד, מוז מען זעהן האטש עססען דיא זופ אליין, אונ ניט דיא פלייש). דאס מוז מען אויך וויססען: אזוי וויא מען טאר אליין ניט עססען קיינע פערבאטענע שפייז, אזוי טאר מען יענעם אויך ניט געבען אדער בריינגען דערצו, אפילו א קינד טאר מען אויך ניט. אויף דעם איז דא א בעזונדער איסור מן התורה:

### פרק כח

עס איז ידוע, אז מיט יעדער עבירה, וואס דער מענש טהוט ווערדט בעשאפען א מלאך חבלה, וואס בעשטראפט איהם פאר דער עבירה וויא עס שטעהט אין פרק: עשה עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד. נור בעת דער מענש לעבט לאזט ניט גאטט ב"ה דעם מלאך חבלה אברעכענען זיך מיט'ן מענשען, טאמער טהוט ער תשובה, נאר ערשט נאכ'ן טויט בעפרייט ער איהם, צוא טהון דאס זייניגע. ווענן עס קלויבט זיך אבער ביי'ן מענשען אויף א סך עבירות צוזאממען, קאנן געמאלט זיין, אז ער שטארבט פאר דער צייט, כדי דיא מלאכי חבלה זאללען זיך מיט איהם אברעכענען. דאס אללעס

שטעהט

בתשובה [וזהו שאה"כ מי אל כמוך נושא עון שלא במדת בו"ד שלא די שאין מעניש להמורד אלא גם מפרנס להנושה בו כדי שלא יזיקהו] אבל סוף כל סוף אם אין עושה תשובה והאדם מוכרח למות מיד פותח הקב"ה אוצרותיו כי לא לעולם יזון אותם ותיכף יוצאים המשחיתים שנבראו מהעבירות וכל אחד מענישו באותו אבר שחטא בו ואמרתי שכל זה רמוז בתורה בפסוק הנ"ל כי מגפן סדום גפנם וגו' והוא מליצה יפה דהיינו כשם שהאדם כשעושה מצוה נוטע עבורו בג"ע איזה נטיעה יפה בעץ החיים [והוא משל להתענוגים הרוחנים] כדי שיתענג אח"כ בבואו שמה כן ממש כשעושה עבירה ניטע עבורו בגיהנם אילן מר שיין פירותיו הם ארסיים כארס תנינים וחמת פתנים ובבואו שמה הוא מוכרח לשתות ולמצות שמריהם והוא הכל משל לעונש המר והנמהר אשר הוא מקבל ע"י משחיתיו. ועתה נבאר הכתוב כי מגפן סדום גפנם ומשדמות עמורה וכו' היינו כשהאדם עולה בדעתו ומהרהר לעשות העבירה תיכף ניטע גפן עבורו בסדום דהיינו מקום הגפרית והמלח [והוא מרמז על הגיהנם] ור"ל שהותחל להבראות עבורו מקום מוכן לפורעניות ואח"כ כשמתחיל לעשות העביר' גופא נגמר האשכולות המרים מן הגפן וכשגומר העבר' נבחנו האשכולות ונעשה היין המר שהוא כולו ארס כחמת תנינים וזהו שאמר אשכלות מרורות למו *) חמת תנינים יינם וראש פתנים אכזר. וכ"ז רמז לבריאת המשחיתים שנגמרו בשלימות לאחר גמר העברה והם מוכנים ומזומנים תיכף לחבלו ולהשחיתו בכל כחותם ושמא יאמר האדם א"כ איה הם הלא אנו רואין עושי עבירות מדי יום ויום ואין שטן ואין פגע רע, לזה משיב הכתוב הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי שאני טומנם וחותמם באוצרותי ואיני מניחם לצאת לחבל פן יחזור האדם בתשובה [ומה שכפל הכתוב כמוס עמדי חתום באוצרותי הוא כי יש שני מיני משחיתים שאחד גרוע מחבירו שאחד מועיל לו הטמנה מה שנטמן באיזה מקום שלא יראה את האדם ויזיקו והשני אכזריות שלו גדולה כ"כ שצריך דוקא לחתמו ולסגרו באיזה אוצר המוכן לזה. וזהו מדוקדק בלשון הכתוב חמת תנינים יינם וראש פתנים אכזר כנגד שני מיני משחיתים אלו ולכן מסיים הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי כל אחד לפי ענינו] ושמא תאמר עוד א"כ טוב הדבר שאנו נמלא כל תאות לבנו והמשחיתים לא יפגעו בנו לזה אמר הכתוב לי נקם ושלם לעת תמוט רגלם דהיינו בעת שימוטו רגלי האדם והוא בעת פרידת הנפש תיכף נפתח סגור האוצרות והם מוכנים לקבל נקם מאתו ושמא יאמר האדם מתי יהיה דבר זה רק אחר מאה שנה לזה אמר הכתוב כי קרוב יום אידם וחש עתידות למו כי באמת לא ידע האדם את עתו כי פעמים רבות יסובב ע"י עונות העצומים נקרב עת מיתתו וכמו שאמר הכתוב אל תרשע הרבה פן תמות בלא עתך ולזה אמר וחש עתידות דהיינו דבר הרע העתיד להיות בסוף כמה שנים הוא מחיש לבוא לפני זמנו ע"י מעשים רעים. היוצא מדברינו שמכל עברה ועברה נברא כח המשחית שיענשוהו אח"כ וכמו שכתוב תיסרך רעתך ומשובותיך תוכיחוך וגו' והיינו שהרעה גופא היא המיסרת אותו וכעין זה אחז"ל כל העובר עברה אחת בעוה"ז מלפפתו ומוליכתו ליום הדין ומה שדקדקו בלשון אחת להורות לנו דאפילו יש לו רק עבירת אחת שעשה בעודו בחייו ולא עשה תשובה מ"מ היא נדבקת בו ואינה נפרדת ממנו עד שמוליכתו למקום הדין וכ"ש אם יש לו כמה וכמה עונות בוראי כולם הם המקיפין אותו ומוליכין אותו לבית המשפט. ועתה נבוא לענינגו האיש שהרגיל נפשו למאכלות האסורות כמה מאות לאוין דאורייתא עבר ע"ז ומכל עבירה נברא משחית אחד שממתין רק עד שימוט רגלו ואח"כ יקבל העונש על ידו וא"כ כמה מאות מלאכי חבלה לבושין שחורים ומתעטפים שחורים יהיו רצין אחריו ומלפפין אותו להוליכו לגיהנם מקום החשך והמר ושם ישפטו אותו ומי יוכל לשער גודל היסורין והצרות שיסבול אפילו על לאו אחד

*) ומה שאמר בלשון למו וכן בסוף הפסוק וחש עתידות למו להורות לנו דמלאכים רעים הנעשים מהעבירות גשלחו אח"כ לענוש רק את החוטא שנבראו על ידו ולא לחוטא אחר וע"ז מרמז ג"כ הנביא במה שאמר תיסרך רעתך.

געשטעלט אין די פסוקים פון פרשת האזינו. נוא אז פון יעדער עבירה ווערט געשאפען א מלאך רע, הייסט וויפיעל מלאכים רעים געשאפט זיך שוין דער מענש דורך זיין עסען טרפות, וואס מיט יעדען ביסען פערדיענט מען א בעזונדער עבירה; אונ די טויזענדטער מלאכים ווארטען נור אויף דעם אויגענבליק, וואס ער וועט שטארבען, אונ דאן טהוען זייא איהם אן די שרעקליכסטע יסורים

אונ

ויזהר ועאכ"ו על כמה מאות לאוין וחייבי כריתות שעבר בימי חייו ע"י המאכלות האסורות ואז ינהום באחריתו ויתמה על נפשו איה היה שכלי איך שנאתי תמיד המוסר שהיו מיסרין אותי בני עמי [וכמו שכתוב במשלי ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך ואמרת איך שנאתי מוסר] לומר זכור את כוראך הלא תצטרך לבוא אליו לסוף ימיך ואיך תשא פניך אליו ולא עוד אלא שהעזתי כמה פעמים נגד פניהם וחרפתים וגדפתים וחשבתי שהם שוטים ואני הוא החכם והמשכיל עתה ראה חכמתך והשכלתך שחפרת בור עמוק לנפשך, ויתודה בעצמו אז על עונותיו כמו שאחז"ל [בעירובין כ"ב] וגם איתא שם שמצדיק הדין עליו בראותו את גודל הקלקולי' שפעל למעל' בעולמו' הקדושים וגם ריבוי הקליפות והחיצונים שנתרבו ונתגברו על ידו אבל' מי יועיל לו אז כי אין תשובה אלא מחיים כידוע כמה צריך ליזהר ממאכלות האסורות שמלבד שהוא עברה גדולה עוד הוא משקץ את נפשו בזה וכדכתיב בקרא [קדשים כ' כ"ד] והבדלתם בין הבהמה הטהורה לטמאה ובין העוף הטמא לטהור וגו' וכדפירש"י שם [והוא בתו"כ] שכונת התורה על בהמה שלא נשחטה וכן עוף שלא נשחט כהלכה וע"ז מסיים קרא ולא תשקצו את נפשותיכם וגו' והייתם לי קדשים כי קדוש אני ה'. והעבירה מטמטמת לבו של אדם כדאי' בגמ' (יומ' לט) תנא דבי ר' ישמעאל עברה מטמטמת לבו של אדם שנאמר ולא תטמאו בהם ונטמתם בם אל תקרי ונטמאתם אלא ונטמטם. וגם ע"י שהוא מתחיל להמשיך על עצמו רוח הטומאה ע"י מאכלות האסורות מטמאין אותו מלמעלה ג"כ כדאית' בגמ' (שם) ת"ר ולא תטמאו בהם ונטמתם בם אדם מטמא עצמו מעט מטמאין אותו הרבה מלמטה מטמאין אותו מלמעלה בעוה"ז מטמאין אותו לעוה"ב. וז"ל הזוה"ק פרשת שמיני תא חזי כל מאן דאכיל מאכלי דאסירי אתדבק בסטרא אחרא וגעיל נפשיה וגרמיה ורוח מסאב שריא עליה ואחזי גרמיה דלית ליה חולקא באלהא עלאה ולא אתי מסטריה ולא אתדבק ביה ואיפוק הכי מהאי עלמא אחידן ביה כל אינון דאחידן בסטר דמסאבא ומסאבין ליה ודיינין ליה כבר נש דאיהו געלא דמריה געלא בהאי עלמא וגעלא בעלמא דאתי ועל דא כתיב ונטמתם בם בלא א' דלא אשתכח אסוותא לגיעוליה ולא נפיק מסאבותי' לעלמין ווי לון ווי לנפשייהו דלא יתדבקון בצרורא דחיי לעלמין דהא איסתאבו ווי לגרמייהו עלייהו כתיב כי תולעתם לא תמות וגו' והיו דראון לכל בשר מאי דראון סרחונא מאן גרם ליה ההוא סטר דאתדבק ביה וכו' ר' יוסי פתח ואמר כל עמל האדם לפיהו וגו' האי קרא בשעתא דדיינין ליה לבר נש בההוא עלמא כתיב כל ההוא דינא וכל מאי דסביל בההוא עלמא ונקמין מניה נקמתא דעלמא לפיהו בגין פיהו דלא
נטר

---

און צרות און לאזען איהם קיין מינוט ניט רוה. וויא וועט מען זיך דאנן רייסען דיא האאר פון קאפ, וואס מען האט אמאל, אויף דעם עולם השקר, אזויא פיעל נאכגעגעבען דעם יצר הרע, און לא די וואס מען האט אליין אזוי פיעל געזינדיגט, האט מען נאך אבגעלאכט פון דיא פרומע אידען און גערופען זייא „שוטים", האלטענדיג זיך אליין פאר קלוג און פערשטאנדיג. וואס האב איך אויסגעפיהרט מיט מיין חכמה און השכלה? וועט מען זיך פראגען. אויסגעגראבען זיך אליין א גרוב! יא, מען וועט דאנן שוין חרטה האבען, מען וועט אויף זיך מצדיק הדין זיין, אבער עס וועט שוין זיין צוא שפעט! תשובה קאנן נור זיין בעת מען לעבט, וויא עס איז ידוע. מיר האבען שוין געזאגט, אז חוץ דער עבירה פעראונרייניגט מען מיט דיא מאכלים אסורים דעם נפש אויך, וויא עס שטעהט אין דער עבירה והבדלתם וכו' „און איהר זאלט אונטערשיידען צווישען דיא ריינע בהמה (דיא וואס איז געשחטען געווארען כדת משה, וויא רש"י ערקלעהרט) און דיא אונריינע וכו'" און אויף דעם פיהרט דער פסוק אויס: ולא תשקצו את נפשותיכם, „און איהר זאלט אייערע זעלען ניט פעראונרייניגען וכו' און דאנן וועט איהר זיין הייליג דענן איך גאטט בין הייליג". דיא גמרא זאגט, אז דיא עבירה מאכט דעם מענשען פערגראבט זיין הארץ. דורך דעם פעראונרייניגען זיך מיט מאכלים אסורים, ווערדט ער פון הימעל אויך פעראונרייניגט, וויא דיא גמרא זאגט אין איין אנדער ארט. אין זוהר שטעהט אזוי: דער וואס עסט מאכלים אסורים ווערדט ער בעהעפט אן דיא סטרא אחרא (דיא טומאה) און ער בעשמוטצט זיין זעלע מיט זיין קערפער און עס רוהט אויף איהם איין אונריינע גייסט וכו' וכו'. אויפ'ן פסוק „כל עמל האדם לפיהו" זאגט דער זוהר אזויא: דער פסוק געהט אויף דער צייט, וואס מען משפט דעם מענשען אויף יענער
וועלט

גטר ליה וסאיב ליה לנפשיה ולא אתדבק בסטרא דחיי בסטרא דימינא. וגם הנפש לא תמלא לא תשתלם דינהא לעלם ולעלמי עלמין. ר"א לא המלא לא תשתלם לסלק' לאהרהא לעלמין בגין דהא אסתאבת ואתדבקת בסטרא אחרא. ר' יצחק אמר כל מאן דאיסתאב בהו כאלו פלח לעבודת אלילים דאיהו תועבת ה' וכתיב לא תאכל כל תועבה מאן דפלח לע"ג נפיק מסטרא דחיי נפיק מרשותא קדישא ועייל ברשותא אחרא ולא עוד אלא דאיסתאב בהאי עלמא ובעלמא דאתי וכו'. ואיתא במדרש שוחר טוב כל המחליט עצמו לעבירה אין לו מחילה עולמית [ר"ל אף בעת שיתגברו רחמי ה' על העולם מ"מ לא ימחלו לו מטעם שהפקיר את רצונו של הקב"ה לגמרי ונעשה חלוט לעבירה זו] גם גופו מתפטם מאיסור ובהמשך הזמן נעשה גופו מלא משקצים ורמשים ונבילה וטריפה ומה יכול להיות לבסוף מגוף טמא כזה כי אפילו אם יהיו לו זכותים גדולים משארי מצות ומע"ט והם ימליצו טוב בעדו שיקום לעת התחיה עם שאר מתי ישראל [אחר כל היסורים והעונשים שתקבל הנפש בגיהנם] אין לשער ולערוך גודל צרת הנפש שיהיה לו לאדם לבסוף עי"ז דהלא ידוע דכשנתקלקל לו לאדם בפנימיותו כגון שנתהפך באיזה מקום בגידיו הדם לליחות מוכרח הרופא לעשות (אפעראציאן) לחתוך במקום זה ולשאוב הליחה משם ואח"כ יוכל לחזור ולהרפא ראל"ה עלול להתקלקל הדם יותר ויותר עד שימות וכן אם נתהוה לו כזה בשני מקומות או בשלשה מוכרח לסבול עוד יסורים שיחתכו בשנים ושלשה המקומות לשאוב הליחה משם אבל אם ח"ו יתפשט הליחה בידיו וברגליו ובגופו בכמה מקומות מוכרח למות דכי יחתכו כל גופו וכאשר יחתכוהו האם יוכל לסבול כ"כ יסורין. ועתה נתבונן בענינגו הלא ידוע מסה"ק דלפיכך אמר הקב"ה לאדם כי ביום אכלך ממנו מות תמות משום דע"י האכילה של עץ הדעת טוב ורע נתערב בו כח הרע שלא יוכל להאיר עליו אור ה' שיחיה אותו לנצח ומוכרח למות שע"י יסורי הקבר יתעכל כח הרע הטמון בתוכו ויתפרש ממנו ויזדכך החומר כדי שאח"כ בשיקום בעת התחיה יוכל להאיר עליו אור ה' ויחייהו לנצח והוא דוגמא ממש כמו שמוכרח לפרוש הליחה מאת האדם החי כדי שישאר בחיותו. ועתה נתבונן בענינגו האיש אשר מילא גופו בחייו מנבלות וטרפות והוא ימות לבסוף אפילו אם נאמר שיזכה לתחיה [אחר שיקבל את גמול עונותיו בגיהנם] הלא עכ"פ יצטרך עוד תיקון איום [אפעראציאן נוראה] שיצטרך להתעכל חלק עפר הרע הטמון בכל אבר ואבר שבגופו ובכל קרום דק שנמצאו בו. [כי הלא כשאדם אוכל נתפשט כח המאכל בכל אבר ואבר מכף רגלו ועד ראשו ואפי' על קרומי העין וכדומה] כדי שיזדככו וישארו רק

החלק

---

וועלט. „אללעס וואס דער מענש לײדט" אויף יענער וועלט איז נור „צוליעב'ן מויל", צוליעב דיא עבירות, וואס ער האט געטהון מיט'ן מויל (וואס ער האט געגעססען טרפות) וכו'. דער וואס פעראונרײניגט זיך מיט טרפות — זאגט דער זוהר ווייטער — איז גלייך וויא ער וואלט געדיענט עבודה זרה, וויא עס שטעהט וכו'. דער וואס גיבט זיך איבער צוא איין עבירה — שטעהט אין א מדרש — איז מען איהם קיינמאל ניט מוחל. חוץ דיא אללע זאכען, דער מענש וואס עסט טרפות, ווערדט זיין גאנצער גוף אנגעשטאפט מיט דיא אללע פאסקודסטוועס, און בייא אזא אונרייניגעם גוף וועללען ניט העלפען דיא גראסטע זכיות בעת תחית המתים, שוין ניט רעדענדיג פון דיא יסורים וואס מען וועט האבען אין גיהנם, און ווען דיא מצוות וועללען איבערוואגען דיא עבירות און מען וועט זוכה זיין אויפצושטעהן פון קבר צוגלייך מיט אללע אידען — קאנן מען זיך פארשטעללען, וואס פאר א גרויסע שמערצען מען וועט האבען, אז מען וועט נעהמען אין יעדען אבר בעזונדער אפזונדערן דעם טהייל פלייש און בלוט און ביינער, וואס איז געווארען פון דיא טרפות, און פון איבעריגע אסורים. וואס פאר א גרויסע יסורים מען וועט דאנן האבען קאנן מען פערשטעהן, ווען מען וועט זיך פארשטעללען א מענשען, וואס זיין בלוט איז אין איין ארט פערגיפטעט געווארען און דיא פערגיפטונג האט זיך פערשפרייט איבער פיעל אברים פון קארפער, אזוי אז מען מוז איהם מאכען אין דיא אללע אברים איין אפעראציע — וואס פאר א שרעקליכע יסורים ער וועט דאדורך האבען! אפט קאנן מען אזוי פיעל יסורים גאר ניט אריבערטראגען, בייא דעם אוכל טרפות וועט דיא אפעראציע מוזען געמאכט ווערען איבער יעדען אבר, יעדעם הייטעלע בעזונדער, ווענן דער עססען ווערדט דאך פערשפרייט איבער'ן גאנצען קארפער, (וויא עס איז ידוע) ביז דער גוף וועט ווערען

ריין

החלק העפר הנעשה מכשרות ויוכל לקום בעת התחיה ולזכות עם עם ישראל יחד וכמה יסורין יסבול מזה עד שיתעכל כל חלקי הרע הטמון בכל חלקי הגוף מכף רגלו ועד ראשו וינהום כאחריתו על כל זה. גם ע"י מאכלות האסורות מסתלק הצלם אלהים מן האדם כדאיתא בזוה"ק פרשת משפטים בסופו ועלול לבוא כמה מאורעות על האדם כמו שאחז"ל על הפסוק ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי אם אתם מובדלים מן העמים עו"ג הרי אתם שלי וא"ל הרי אתם של נבוכדנצר וחבריו דאף שבעת שהוא מתרצה להתערב עם העובדי כוכבים בכל עניניהם נראין כאוהבין אותו אבל כל זה הוא רק בההתחלה אבל בהמשך הזמן נסבב לו על ידם גופא רעות רבות וצרות עליו כי הקב"ה מסלק את שמירתו ממנו עבור זה וכבר צווח הכתוב ואמר אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר אבל האיש השומר עצמו ממאכלות האסורות אף בעת דחקו נושא על עצמו הצלם אלהים וניצול ממאורעות רעות וזה שהועיל לדניאל חנניה מישאל ועזריה [שנזהרו מפת בג המלך ומיין משתיו] להנצל מיד נבוכדנצר *) וכדאיתא בזוה"ק פרשת משפטים תנא במאי זכו דניאל חנניה מישאל ועזריה דאישתזיבו מאינון נסיוני אלא בגין דלא איסתאבו במיכליהון וכו' כד רמו יתיה לגובא דאריוותא אישתלים בצולמא דמאריה ולא שני צולמא לצולמא אחרא ועל דא דחלו אריוותא מניה ולא חבלוהו וכו' הא חזי מה כתיב ולמקצת ימים עשרה נראה מראיהן טוב מכל הילדים האוכלים את פת בג המלך נראה מראיהן טוב דצולמא דמאריהון לא אעדיאו מנהון ומאחרני אעדיאת מאן גרם האי בגין דלא איתגעלו בגיעולי מיכליהון וזכאה חולקיהון דישראל דכתיב בם ואנשי קדש תהיון לי:

גם

*) ודע דמה דכתיב בקרא וישם דניאל על לבו אשר לא יתגאל בפת בג וגו' היינו בדברים שהם מותרין מן התורה כגון סתם יינם ושמנם של עובדי כוכבים וכן פת כג היינו פת או ליפתן כדמוכח שם כע"ז (ל"ו ע"א) בגמרא (לפי מה שכתבו תוס') דביין נסך גמור או שאר איסורים אין שום רבותא בדניאל דכולי עלמא נמי מוזהרין ע"ז וכנ"ל.

---

ריין און פאהיג אויפצושטעהן בעת תחית המתים. איז דענן דא א שיעור און איין ערך צוא דיא יסורים, וואס מען וועט צוליעב דעם האבען? צוליעב עססען טרפות געהט אויך אראב פון מענשען דער צלם אלהים, וויא דער זוהר זאגט. אויך ווערדט ער עלול, עס זאללען אויף איהם קומען דיא גראססטע צרות, וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק: ואבדיל אתכם" וכו': ניירט איהר אבגעזונדערט פון דיא פעלקער, דאנן ניירט איהר מיינע (און איך היט אייך אב פון אללע צרות), ווענן ניט — זייערט איהר נבוכדנצרים און זיינע לייט, דאס הייסט דיזעלבע עו"ג וואס ווייזען זיך, חוכמ זיך, צוא אייך פריינדליך, און וואס איהר ניירט זיך מתחבר מיט זייא, דיזעלבע וועללען אייך נאכהער אנטהון דיא גראססטע צרות, דענן גאטט ב"ה וועט פון אייך אראבנעהמען זיין שוטץ, און "אז גאטט היט ניט איין דיא שטאדט איז אומזיסט דיא מיה פון דעם שומר" (א פסוק אין תהלים) אבער דער מענש וואס היט זיך אב פון טרפות אפילו אין א נאמה, טראגט ער אויף זיך דעם צלם אלהים און ווערדט נצול פון אללע צרות. פאר דעם זכות זיינען חנניה מישאל ועזריה נצול געווארען פון דעם גרויסען פייער וויא עס שטעהט אין זוהר: פאר וועלכען זכות זיינען דניאל חנניה מישאל ועזריה גערעטעט געווארען פון נבוכדנצר'ס האנד? ווייל זייא האבען זיך ניט בעשמוטצט מיט זייערע עססענס וכו' און אז מען האט איהם (דניאל'ן) אריינגעווארפען אין דעם לייבען-גרוב זיינען דיא לייבען געווארען פער־ציטטערטע (פאר דעם צלם אלהים, וואס איז אויף איהם געלעגען צוליעב דעם וואס ער האט ניט גע־געסען טרפות) און זייא האבען איהם ניט געשעדיגט. און זייער אויסזעהן — שטעהט אין פסוק — איז שענער געוועזען פון דיא איבעריגע קינדער אין דעם קעניגליכען דוואַרעץ (האטש זיי האבען מעהר וויא געמיזע ניט געגעססען), פאר וואס? ווייל צוליעבן ניט עססען טרפות איז אויף זייא געבליעבען דער צלם אלהים, אלזא דארף א מענש זייער פיעל אכטונג געבען ער זאלל ניט נכשל ווערען אין דיא אסורים וואס זיינען מטמא זיין נפש און נעהמען אראב דעם צלם אלהים:

דורכ'ן

# פרק כט

## כ׳ יבואר גודל השכר של השומר עצמו ממאכלות האסורות.

גם ע״י השמירה ממאכלות האסורות ממשיך על עצמו קדושה מלמעלה כמו דכתיב (ויקרא כ׳ כ״ד) ולא תשקצו את נפשותיכם וגו׳ והייתם לי קדשים כי קדוש אני ה׳ וגם נאמר בפרשת ראה לא תאכלו כל נבלה וגו׳ כי עם קדוש אתה לה׳ אלהיך ובך בחר ה׳ וגו׳ ואחז״ל (יומא ל״ט) ת״ר והתקדשתם והייתם קדשים אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה מלמטה מקדשין אותו מלמעלה בעוה״ז מקדשין אותו לעוה״ב, וגם עבור כל עת שנזדמן לידו דבר איסור ומונע את עצמו מלעשות האיסור חושבין לו מן השמים כאלו עשה מצות עשה דאורייתא בפועל ממש וכמו שאחז״ל ישב אדם ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כאלו עשה מצוה גם עבור התגברותו על יצרו בעת שהוא רואה להאיסור והוא רעב ומתאוה לו והוא מתאפק מחמת רצון הש״י נקרא בשם גבור כי זו היא הגבורה האמיתית כמו דאיתא באבות איזהו גבור הכובש את יצרו. ועתיד להיות אור הקב״ה עבור זה עטרה בראשו לעתיד לבא כי עבור אחד מחמשה דברים נעשית העטרה ומתגבר על יצרו הוא אחד מהן כמו שאחז״ל (מגילה ט״ו) עתיד הקב״ה להיות עטרה בראש כל צדיק וצדיק שנאמר ביום ההוא יהיה ה׳ צבאות לעטרת צבי וגו׳ לשאר עמו למי שמשים עצמו כשיריים וליושב על המשפט זה הדן דין אמת ולגבורה זה המתגבר על יצרו משיבי מלחמה שנושאין ונותנין במלחמתה של תורה שערה אלו תלמידי חכמים שמשכימין ומעריבין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. גם זוכה עבור זה להראות בין חבורה של צדיקים לעתיד לבוא כשיעשה להם הקב״ה הסעודה גדולה בג״ע כדאיתא במדרש ויקרא פ״י אריסמון (פי׳ סעודה גדולה) עתיד הקב״ה לעשות לעבדיו הצדיקים לע״ל וכל מי שלא אכל נבילות בעוה״ז זוכה לראותו וכו׳. גם זוכה עבור השמירה ממאכלות האסורות לחיי הנצח בעולם הנצח וכמו שהאריך בזה בזוהר הק׳ פרשת שמיני. הנך רואה מכל זה את גודל השכר שיש לאדם עבור זה ע״כ מה מאד צריך הישראלי להתחזק תמיד שלא להתגאל במאכלות האסורות לו ועבור זה יהיה ה׳ אתו וירומם קרנו למעלה בזה ובבא:

והנה לפי מה שביארנו את גודל האיסור של מאכלות המגואלים יתבונן כל איש כמה צריך ליתן לבו תמיד לזה ולא יכשל ח״ו. ואפילו אם נזדמן בין הרבה חברים רעים שמורגלין באיסור זה והם מחרפין ומגדפין אותו ומחזיקים אותו בעיני הבל לשוטה ופתי עבור זה אעפ״כ אל ישים לבו לזה וידע כי עבור זה שסבל בזיונות עבור מצותיו של הקב״ה יגדל שכרו בשביל

---

### פרק כט

**דורכ׳ן** אבהיטען זיך פון טרפות עסען ציהט מען אויף זיך ארויף א הייליגקייט פון הימעל, ווי מען זעהט פון פיעל פסוקים אונ ווי די גמרא זאגט. יעדען מאל, וואס עס קוממט פאר צו טהון איין עבירה, אונ מען טהוט איהר ניט, איז גלייך ווי ווען מען וואלט פערדיענט א מצוה. אויך ווערדט מען דערפאר, וואס מען האלט זיך איין ניט צו טהון די עבירה - אנגערופען גבור, ווי עס שטעהט אין פרק: א גבור הייסט דער וואס בעצווינגט זיין יצר הרע (וואס האלט זיך איין פון דער עבירה). אונ דערפאר וועט די ליבטיגקייט גאטטעס ב״ה שיינען אויף זיין קאפ אונ וועט איהם זיין ווי א קרוין, ווי די גמרא זאגט אין מגילה. אויך וועט מען זוכה זיין, צו זעהן די גרויסע סעודה, וואס גאטט וועט מאכען פאר די צדיקים אין גן עדן, ווי דער מדרש זאגט. אויך איז מען דערפאר זוכה צו לעבען דעם עוויגען לעבען אין דער אמת׳ער וועלט. מען זעהט ווי גרויס עס איז דער שכר פאר׳ן זיין אבגע־היט פון טרפות, דעריבער דארף זיך יעדער שטארקען אין דער זאך אונ ניט מטמא זיין (פעראונרייניגען) זיך מיט מאכלים אסורים. מען דארף זיך אין דעם מתחזק זיין ווען מען האט אפילו לייכטזיניגע אונ אויסגע־לאסענע חברים, וואס מאכען פון איהם חוזק אונ האלטען איהם פאר א נארר דערפאר וו ע עסט ניט קיין טרפות. עס איז דאך בעוואוסט וואס די גמרא זאגט או א מענשען אין גלייבער מען זאלל איהם האלטען דעם גאנצען לעבען פאר איין שוטה איידער זיין א רשע איין רגע פאר גאטט ב״ה. מען דארף וויסען, אז וואס מעהר חרפה מען האט דערפאר וואס מען האט מקיים געוועזן די מצוה, איז אלליין גראסער

בשביל זה יזהר ויותר לבסוף וכה"ג איתא בירושלמי דפאה פרק בתרא לענין גבאי צדקה וז"ל ר' אלעזר הוי פרנס חד זמן נחית לביתיה א"ל מאי עבדיתון א"ל אתא חד סיעה ואכלין ושתין וצלין עלך א"ל ליכא אגר טב נחית זמן תניין א"ל מאי עבדיתון א"ל אתא חד סיעה חורי (אחרה) ואכלין ושתין ואקלונך (ביזו אותך) א"ל כדון איכא אגר טב . וכן כה"ג בענינינו ובכל מצוה ומצוה יהיה השלום גמולה לפי ערך הצער שהשיגו ע"י קיומה . וכה"ג מצינו בתורה לענין קרבן שכתוב ונפש כי תקריב קרבן מנחה וגו' שאחז"ל שאמר הקב"ה מי דרכו להתנדב מנחת סלת עני מעלה אני עליו כאלו הקריב נפשו . והכל הוא מטעם כי הקב"ה מביט על קיום המצוה באיזה אופן קיימה אם מתוך הריוח או מתוך דחק ועוני או שאר מיני בזיון וכל שיתגדל הצער בעת קיומה יתגדל הריוח בעת השלומה וכמאמר הכתוב הזורעים בדמעה ברנה יקצורו . והנה כל מה שהארכנו בענין הרחקה מנבלה וטרפה צריך לדעת דאיסור נבלה האסור בתורה הוא לאו דוקא אם מתה מאליה ה"ה אם נשחטה אך שהיה בסכין פגום או שאר דברים המעכבים בשחיטה [כמבואר ביו"ד סי' כ"ג החמשה דברים המעכבים בשחיטה] ה"ז נבלה גמורה מן התורה [וכן טרפה האסור בתורה הוא לאו דוקא אם נטרפה בשדה ע"י זאב וכדומה אלא כל שיש לה איזה מחלה שעי"ז לא תחיה בסוף ה"ז בכלל טרפה ואפילו אם נשחטה כראוי ה"ז אסורה מן התורה ועל ידי איזה מחלה שהיתה חוזרת ובריאה או שהמות לגבוף הכל נתבאר בגמרא שהיא התורה שבע"פ שקבל משה מסיני] וע"כ טבח שאינו יודע הלכות שחיטה אסור לאכול משחיטתו כמבואר ביו"ד סימן כ"ג ס"א וכן אפילו אם ידע הלכות שחיטה ושחט בסכין בדוק בדין אך שהאיש הזה הוא אוכל בעצמו נבלות ואינו חושש על השחיטה או שהוא מומר מחלל שבת בפרהסיא כל אלו שחיטתו אסורה מן התורה . וכן אם הוא קל שמזלזל במצות ומלעיג בדברי חכמים אין לאכול משחיטתו ואם הזמינו אותו לאכול אצל אדם אחד והוא יודע שאותו האדם קונה בשר משוחט שאינו הגון כזה וכנ"ל צריך להרחק מלאכול בשר שם ועל ענין זה וכיוצא בזה נאמר ושמת סכין בלועך אם בעל נפש אתה. והנה בעו"ה לפי הנשמע מצוי בעת הזה במדינות הרחוקות שוחטים שאינם יודעים הלכות שחיטה או שארי פסולים שמן הדין אסור לאכול

---

דער שכר פאר איהר . דער ירושלמי ערצעהלט אמעשה פון ר' אלעזר'ן וויא א קאמפאניע מענשען , וואס האבען בייא איהם אבגעגעססען אונ אבגעטרונקען , האבען איהם נאכהער בערעדט אונ בעליידיגט , אונ ער האט עס אנגענומען פאר גוט מיט דיא ווארטער ; דערפאר וועלל איך האבען מעהר שכר . אזוי געפינען מיר אויך ענטגעגען א קרבן . דיא קליינע מנחה (געשענק , א מין קרבן) , וואס דער ארעם-מאנן בריינגט , איז בייא גאט אין דיא אויגען אזוי אנגענומען גלייך וויא דער בריינגער וואללט זיין אייגענעם לעבען מקריב געוועזען פאר גאט , וויא דיא גמרא זאגט אויפ'ן פסוק : ונפש כי תקריב קרבן מנחה. פאר וואס ? ווייל גאטט קוקט אללעס אין וואס פאר איין אופן מען איז מקיים דיא מצוה , וויא זיא קוסמט אן , לייכט אדער שוועער , מיט כבוד אדער מיט בזיונות , אונ נאך דעם גיבט ער דעם שכר אויף דיא עבינע וועלט . דער איסור נבלה - דארף מען וויססען - איז ניט דוקא אז דיא בהמה איז געפגרט , נור אפילו ווענן זיא איז געקוילעט געווארען מיט א מעססער וואס האט געהאט א פגימה (א שערבעל) אדער ווענן עס איז ניט אבגעהיט געוואָרען דיא איבעריגע זאכען , וואס דיא שחיטה פארדערט , וויא עס איז אויסגערעכענט אין יורה דעה . דער איסור טרפה איז אויך ניט דוקא , ווענן דיא בהמה איז פערצוקט (צערריססען) געווארען דורך א חיה , נור יעדע בהמה וואס האט עפעס א קראנקהייט , דורך וועלכע זיא וועט מוזען פגר'ן פריהער אדער שפאטער , הייסט א טרפה , ווענן זיא איז אפילו געשחטען געווארען על פי דין , דעריבער טאר מען ניט עססען פון דער שחיטה פון אזא שוחט , וואס ווייס ניט גוט דיא דינים פון שחיטה , דאס גלייכען טאר מען ניט עססען פון דער שחיטה פון אזא מענשען , וואס עססט אליין טרפות , חאטש ער ווייס גוט דיא דיני שחיטה אונ קוילעט על פי דין . דער מענש וואס איז א מחלל שבת בפרהסיא , אדער וואס איז מזלזל אין אנדערע מצוות אונ לאכט פון דיא בעלי התלמוד - פון אזעלכענס שחיטה טאר מען אויך ניט עססען . היינטיגע צייטען געפינען זיך אין דיא ווייטע מקומות , בעונותינו הרבים , אזעלכע שוחטים , וואס ווייסען ניט דיא דיני שחיטה וויא עס דארף צוא זיין , אדער וואס האבען אנדערע פסולין , וואס מען טאר צוליעב זייא ניט עססען פון זייער

שוחטת

לאכול משחיטתן וע"כ כל עדה שיש בהם אנשים החרדים לדבר ה' עליהם להשגיח ע"ז הרבה שלא יקבלו לשוחטים כ"א אנשים יראים וכשרים ושיש בידם עדות מרבנים מובהקים. וגם מצוה למי שיכולת בידו למנות משגיחים בבית המטבחים שמוכרים שם הבשר שיהיה הכל מתנהג באופן הכשר כי רבה המכשלה בזה מאד בעו"ה ומי שהוא בעל נפש מצוה שילמוד ביו"ד או בחכמת אדם הלכות שחיטה וידע איך להתנהג בענינים כאלו:

עתה נבוא לבאר בעז"ה דינים אחרים מעניני איסור והיתר כדי שידע האדם איך להתנהג עפ"ד:

# פרק ל

## הלכות מאכלות האסורות.

### בו יבואר איזה ענינים מאיסורי חלב ודם וגיד הנשה.

כתיב בתורה כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו כי כל אוכל חלב ונכרתה וכל שאר בהמות טהורות נכללין תחת סוג ג' מינים אלו והאוכל חלב נבילה וטריפה חייב משום חלב ומשום נבילה וטריפה דאיסור נבילה חל על איסור חלב ע"י כולל שכולל האיסור נבילה גם את הבשר ולכן חל האיסור זה גם על החלב אבל שאר מינים כגון החיות אין בהם משום איסור חלב. וכוי חלבו אסור מספק דשמא הוא בהמה. ואיסור גיד הנשה נוהג בין בבהמה ובין בחיה ונוהג בין בירך ימין ובין בירך שמאל ואיסור דם נוהג בין בבהמה וחיה ובין בעוף בכולן חייב עליו כרת במזיד ובשוגג חייב חטאת. והנה לבאר פה פרטי הדינים אלו אי אפשר כי מלבד החלב גופא שחייב עליו כרת והם החלב שעל הקרב ושעל הכסלים ושעל הכליות ובכלל זה חלב שעל המסס ובית הכוסות שהוא בכלל חלב שעל הקרב וכן קרום שעל הטחול במקום עביו עוד יש כמה חלבים שהם אסורים מן התורה והוא חלב שעל הקיבה ושעל הדקין [מקום שמתחילין לצאת מן הקיבה עד לערך אמה שם צריך לגרור חלבו שעליו וי"א שהוא המעי שיוצא בו הרעי שהוא סוף המעיים שם צריך גרירה כערך אמה ויש להחמיר בשניהם] וכן יש עוד כמה קרומים וחוטים שהם אסורין משום חלב וכן יש כמה

קרומים

---

שחיטה, אונ דארום וועלען גאנצע געמיינדעס נכשל אין די שרעקליכע איסורים פון נבלה אונ טרפה אונ אנדערע. מיר זיינען דעריבער מעורר די אידישע געמיינדעס (קהלות), זיא זאללען זעהר שטרענג אכטונג געבען ווייל שוחטים זאללען האבען קבלה פון רבנים מובהקים אונ זאללען זיין כשרה אידען זיא זאללען זיך ניט אנעסען מיט נבלה וטריפה חלילה. אויך איז א מצוה צוא שטעללען אין די יאטקעס משגיחים, וואס זאללען זעהן עס זאל זיך אללעס פיהרען על פי דין, דענן אין דעם איז מען, בעוה"ר, זעהר נאכלאססיג. דער פרומער איד מוז זעהן לערנען אליין אין יורה דעה אדער אין חכמת אדם די דינים פון שחיטה, כדי ער זאל וויססען וויא צוא נוהג זיין זיך אין די זאכען. יעטצט וועללען מיר ארומרעדען עטליכע דינים פון איסור והיתר, כדי יעדער זאל וויססען וויא צוא פיהרען זיך אין די ענינים:

#### פרק ל

אין דער תורה שטעהט: כל חלב שור וגו׳ יעדען חלב פון איין אקס אדער א שאפס אדער א ציעג זאללט איהר ניט עססען, דענן דער וואס עסט חלב קומט איהם דערפאר כרת. אין די דרייא מינים (אקס, שאפס אונ ציעג) ווערען איינגעשלאססען (נכלל) אללע בהמות וואס מען מאג עססען זייער פלייש. אבער ביא חיות אדער פאגליך איז גיטא קיין איסור חלב. אז מען עסט די חלב פון א נבלה אדער טרפה האט מען א דאפפעלטע עבירה: די עבירה פון חלב אונ די עבירה פון נבלה אדער טרפה, וואס די עבירה איז חל אויף די חלב אויך. דער איסור גיד הנשה איז נוהג סאי ביא א בהמה סאי ביא א חיה סאי ביי דעם רעכטען זייט סאי ביא דעם לינקען, דער איסור פון בלוט איז אויך נוהג סאי ביא א בהמה אונ א חיה אונ סאי ביא איין עוף. אונ פאר דעם איסור פון בלוט אדער חלב קוממט כרת, ווען מען עסט במזיד (מיט כונה), אונ אז מען עסט בשוגג (אונגערן) איז מען חייב א חטאת. די חלב געפינט זיך אין דער בהמה אין פיעל ערטער, אין די איינגעוויייד, אויף די פלאנקען אונ אויף די נירען, אונ אויפ'ן המסס ובית הכוסות דאס איז די צעפצעכע, אויפ'ן מילץ געפינט זיך אויך חלב, אויך אויפ'ן קאגען אונ די

קישקעס

קרומים וחוטים שאסורין משום דם וכן בענין איסור גיד הנשה יש כמה פרטי דינים שא"א לבארם פה והם הלכות רחבות ביו"ד סימן ס"ד וס"ה וכמעט א"א לידע להכיר כל הפרטים על בוריים אם לא מי שהוא בקי ורגיל במלאכת הניקור וע"כ נהגו בכל ישראל שאין כל אחד ואחד מנקר בפני עצמו אלא אין הבשר יוצא מיד הטבח עד שינקרנו אדם בקי ורגיל בזה ומזומן לכך ומאד מאד הזהירו חכמים את המנקר שיהיה זהיר במלאכתו כדי שלא יכשיל את ישראל באיסור חלב ודם וגיד הנשה והחמירו עליו ואמרו דמי שדרכו לנקר בשר ונמצא אחריו חוט או קרום מזהירין אותו שלא יזלזל באיסורין ואם נמצא אחריו חלב אם הוא כשעורה מעבירין אותו ואם נמצא אחריו כזית ואפילו בהרבה מקומות מכין אותו מכת מרדות ומעבירין אותו וחזרתו לכשרותו ותשובתו הכל לפי ראות עיני הדיין אם עבר בשוגג או במזיד [יו"ד סי' ס"ד] . וכדי להראות לכל את חומר הענין הזה נעתיק את דברי הגאון הקדמון בעל אור זרוע בהלכות גיד הנשה סימן תמ"ח (ומקצת דבריו יבואו* הובא בהגהת אשר"י ובב"י ובד"מ ביו"ד סימן ס"ד בסופו) וז"ל שם הלכך הלכה למעשה כשעורה במקום אחד מעברינן ליה ולא מלקינן ליה נמצא אחריו כזית אפילו בב' וג' מקומות מלקינן ליה וכ"ש דמעברינן ליה עד שיקבל עליו דין שמים ויתקן עותתו ע"פ ת"ח שבעירו ונראה שיש להכריז בבית הכנסת שני וחמישי ושני פלוני הטבח העבירוהו מאומנותו מפני שנמצא אחריו חלב כשעורה ויהיה חדש ימים שלא יתעסק באומנותו ולאחר חדש ימים יבוא אצל ת"ח שבעירו או בעיר הסמוך לעירו ויאמר כך וכך עשיתי וחטאתי והנה אני על הראשונות ויתנו לו הדין לפי ראות עיניהם ואח"כ יכריזו בביהכ"נ פלוני הטבח שהעברנו אותו מפני שנמצא אחריו חלב כשעורה כבר תהא ונתחרט לפני תלמידי חכמים על המעשה הרע שבא לידו וקיבל עליו כמו שצוו עליו ת"ח ומכאן והלאה החזירוהו לאומנותו והרי הוא נאמן לסמוך עליו כבראשונה וקודם שישמעו הכרזה זו בביהכ"נ אין לסמוך עליו ואסור לקנות ממנו בשר.

*אבל אם היה מוכר טריפות בחזקת כשרות או שהיה

---

קיינעם איז אויך דא חלב, אויך געפינט זיך אדערען און הויטען וואס זיינען אסור אייניגע פון זיי צוליעב חלב אין זיי, אייניגע צוליעב דם וואס אין זיי איז דא אויך איז פאראן אדערען וואס איז אסור צוליעב גיד הנשה און מען דארף זיין זעהר געהיט אין די אללע זאכען:

ארומרעדען דא די אללע דינים בפרטות איז אוני מאגליך, ווייל אויף יעדען איסור בעזונדער געפינען זיך אין יורה דעה פיעל דינים, און ניט יעדער קאן זיי פערשטעהן. מיר וועללען דא נור קורץ זאגען, אז עס איז איינגעפיהרט ביי יעדען, די פלייש זאלל ניט ארויס פון קצב'ם (פון שוחט'ס) האנד, וואו מען זאלל עס פריהער ניט מנקר זיין נוט ארומנעהמען די אללע הייטליך און פאדים, וואס זיינען פערבאטען צוא עסען צוליעב חלב אדער בלוט אדער גיד הנשה), און דער מנקר מוז זיין א איד א געניטער און ערפאהרענער אין די זאכען, כדי ער זאלל ניט ברייגגען אידען צוא אזעלכע גרויסע עבירות. מען מוז אויך דעם אזוי שטרענג אכטינג געבען, אז ווען עס בלייבט איין קליין הייטעלע, וואס איז פערבאטען, מוז מען דעם מנקר שוין אנזאגען ער זאלל זיך בעסער היטען אין זיין ארבייט און ווען עס בלייבט אשטיקעל חלב די גרויס ווי א גערשט מוז מען דעם נאכלאססיגען מנקר ענטזאגען פון זיין שטעללע. עס ווענדט זיך אללעס ווי דער דיין זעהט איין, אויב דאס איז געטהון געווארען בכוונה אדער ניט. דיזעלבע איז דער דין ענטקעגען קצב. דער "אור זרוע" זאגט ענטגעגען דעם אזוי: מען מוז אויסרופען דריי מאל אין בית המדרש, אז דעם און דעם קצב האט מען ענזאגט פון זיין בעשעפטיגונג, ווייל מען האט ביי איהם אין די פלייש געפונען חלב אין די גרויס פון א גערשט, און דערפאר האט מען איהם געקנסט, אז א חודש צייט זאלל ער ניט פערקויפען קיין כשר'ע פלייש, און נאכ'ן חודש מוז דער קצב קומען צום רב און מתודה זיין זיך פאר איהם, אז ער האט אזוי און אזוי געטהון און נעהמען אויף זיך, אז ער וועט עס קיין צווייטען מאל ניט טהון, און דער רב דארף דאן פסקנען, ווי ער זעהט איין. דאן ערשט דארף מען ווידער אויסרופען אין בית המדרש, אז מען מאג ביי איהם ווידער קויפען כשר'ע פלייש, זאגט טאר מען ביי איהם ניט קויפען. דאס איז אלץ גערעדט, אז ער האט דאס געטהון מיט א כיוון, ווען ער האט אבער פערקויפט טרפה פלייש פאר כשר'ע און חלב פאר שמאלץ ניט

יוּבענדיג

שהיה מוכר חלבים בחזקת שומן יש לו דין אחר כי בכאן הקלנו עליו מפני שעשה שלא בידיעתו אלא שפשע שלא דקדק היטב אבל התם שבמזיד מחמרינן עליו מפי כההיא דפרק עד כמה בבכורות [ב"ט ע"ב] דההוא טבחא דהוה חשוד לזבוני הרבא דאטמא בחילוף של כנתא וכו' וקנסיה רבא עד שיעשה דין המפורש בפרק זה בורר דההוא טבחא דנפקא טריפתא מתותי ידיה ומסיק שם רבא דתקנתיה כדרב אידי בר אבין דאמר החשוד בטריפות אין לו תקנה עד שילך למקום שאין מכירין אותו ויחזיר אבדה מתחת ידו בדברי חשוב או שיוציא טרפה מת"י בדבר חשוב משלו וכן הלכה וכבר היה מעשה וכו' הלכך המוכר טריפות בחזקת כשרות וחלב בחזקת שומן צריך לקבל דין מפי ת"ח ואע"פ שיעשה הדין לא סמכינן עליה לאכשורי עד שיעשה כדרב אידי כדפרישית. והרי שהיה מוכר טריפות בחזקת כשרות או שהיה מוכר חלבים בחזקת שומן ומת קודם שעשה תשובה אסור להתעסק בקבורתו ולא עוד אלא אפי' כלבים אוכלין את בשרו ולוקקין את דמו אסור להבריח הכלבים מעליו כההיא דמסכת תרומות בירושלמי בפרק האשה מעשה בטבח בציפורי שהיה מאכיל לישראל נבלות וטרפות פ"א שתה יין בע"ש ועלה לגג ונפל ומת והיו

הכלבים מלקקין את דמו אתו שאלו לר' חנינא מהו מרמיתיה מן קרמיהון [לסלקם מלפניהם] א"ל כתיב ובשר בשדה טרפה לא תאכלו לכלב תשליכון אותו וזה היה גוזל כלבים ומאכיל לישראל ארפינון [הנח להם] דמן דידהון אכלין הא למדת שאפילו כלבים אוכלין את בשרו אין להבריחן מעליו וכל שכן שלא להתעסק בקבורתו וה"מ שלא עשה תשובה אבל עשה תשובה אין לך דבר שעומד בפני בעל תשובה כדאמר בירושלמי ספ"ק דפאה הרי שהיה אדם רשע גמור כל ימיו ובסוף עשה תשובה אעפ"כ הקב"ה מקבלו וכו' עי"ש עכ"ל האו"ז הנ"ל. ומכל זה נוכל ללמוד חומר העון מי שמכשיל לישראל באלו האיסורים ובעו"ה יש בארצות רחוקות קצבים בורים שאינם יודעים כלל חומר העון של איסור חלב וגיד הנשה וסוברים שהוא רק מנהג טוב של ישראל וחמור אצלם איסור נבלה וטרפה מאיסור חלב וכמו שראיתי במכתב עתי אחד שכתב שנתקבצו הרבה קצבים לעורר אודות מכירת החלב לבני ישראל שאסר עליהם הרב דשם ואמרו שהיא גזרה שאין יכולין לעמוד בה ואם יחמירו בזה יהיו מוכרחים להסגיר לגמרי בתי מטבחיים של בשר כשר ויוכרחו בני ישראל לאכול בשר נבלה נטרפה אוי ואבוי לבורים וריקים כאלו שלדעתם המקולקלה

---

וויסענדיג, אז דאס איז טרפה אדער חלב — דאנן קוממט איהם שוין ניט אזא שטראף. דער וואס טהוט עס מיט א כיוון אונ איז געשטארבען אהן תשובה, דאנן טאר מען זיך ניט עוסק זיין מיט זיין קבורה אונ ווען הינד עסען אפילו זיין פלייש אונ טרינקען זיין בלוט, טאר מען דיא הינד ניט אוועקטרייבען, וויא עס שטעהט אין ירושלמי: א קצב אין דער שטאדט צפורי פלעגט פערקויפען טרפה פלייש פאר כשרע. איין מאל — דאס איז געווען פרייטאג — איז ער א שכור'ער ארויף אויפ'ן דאך פון זיין שטוב אונ איז אראבגעפאללען אונ גע'הרגט געווארען, האבען הינד געלעקט זיין בלוט, אז מען האט געפרעגט ר' חנינה'ן אויב מען זאלל דיא הינד אוועקטרייבען, האט ער געאנטווארט: ניין: עס שטעהט אין דער תורה אז דיא טרפה פלייש זאלל מען אוועקווארפען פאר הינד, הייסט אז דער קצב האט דיא טרפות ניט געגעבען דיא הינד, נור פערקויפט אידען, האט ער דערמיט געגזלט דיא הינד, אונ זייא מאגען יעטצט פון איהם איינמאהנען דאס וואס זייא האט געקוממט על פי דין.

דאס איז אללעס גערעדט, אז ער האט קיין תשובה ניט געטהון אבער דעם בעל תשובה איז מען מוחל דיא גראססטע עבירות. ביז אהער פון דעם אור זרוע. פון דעם אללעס זעהט מען וואס פאר א גרויסע עבירה עס איז צוא ברייגגען אידען עובר צוא זיין אזעלכע עבירות. אין דיא ווייטע מקומות געפינען זיך, בעונותינו הרבים, אזעלכע קצבים, וואס ווייסען גאר ניט וויא גרויס עס איז דער איסור פון חלב אונ גיד הנשה אונ מיינען, אז דאס איז נור א מנהג אונ דער איסור טרפה איז בייא זייא א סך גראססער, וויא מיר האבען געליעזען אין א צייטונג, אז אין איין שטאדט זיינען צונויפגעקוממען דיא קצבים צוא זעהן מבטל זיין דעם איסור חלב, ווייל דאס איז פאר זייא שווער צוא ערטראגען, אונ ווען מען וועט זייא ניט מתיר זיין צוא פערקויפען דיא פלייש מיט דיא חלב, וועללען זייא זייערע יאטקעס גאר מוזען צומאכען אונ דיא אידישע איינוואהנער פון דער שטאדט וועללען מוזען עססען טרפות. עס איז כמעט אונגלויבליך עס זאללען זיך בייא אידען געפינען אזעלכע בורים, וואס זאללען

המקולקלת חמור עליהם איסור נבלה וטרפה מאיסור חלב וסוברים שהוא רק גזרה שגזר רבן עליהן ואדרבה חלב מפורש בתורה שעל חלב יש כרת ועל בשר נבלה טרפה אינו בכרת רק בלאו והיה חייב ע"ז מלקות ארבעים. אוי ואבוי לאחב"י הנדחים במקומות כאלו ומתגאלים בבשר פיגול של קצבים בורים וריקים כאלו. וע"כ הירא לדבר ה' לא יאכל בשר במקומות כאלו עד שידע בבירור שניקרו אותם היטב מחלב ודם כדין ואם הוא בשר אחורים אם ניקר אותם המנקר כדין מגיד הנשה:

# פרק לא

## בו יבואר איזה דינים הנחוצים למעשה.

ועתה נתחיל לבאר קצת מדינים המצויים תמיד והתחלה נבאר קצת דיני מליחה:

א) **אסור** לבשל בשר בלי מליחה שכשיבשל יפרוש הדם ע"י הבישול לחוץ ואז יחזור ויבלע בתוכו אבל כשימלחנו מתחלה יפלוט הדם על ידי המליחה לחוץ:

ב) **אסור** למלוח הבשר עד שידיחנה מתחלה יפה יפה כדי שעי"ז יוסר הדם בעין שיש עליה ועוד כדי שיתרכך הבשר להוציא הדם וגם להעביר הלכלוך שעליו שלא יעכב מלהוציא דם. ולכתחלה יזהר מקודם המליחה לשרות הבשר במים ערך חצי שעה ולהדיחה ולשפשפה יפה יפה במי השריה [וצריך לדקדק בזה ביותר במקומות שנראה בו דם וכ"ש דם שנצרר ע"י מכה וכן בחלל העופות מבפנים ובמקום בית השחיטה שבכל זה צריך לדקדק לשפשף היטב] ולצורך גדול שאין לו פנאי לשרות חצי שעה כגון לצורך חולה או שהביאו לו הבשר בע"ש סמוך לערב ידיחנה היטב היטב במים וישפשף היטב ויחזור וידיח במים שניים עד שישאר המים לבן. ואחר הדחה ושריה ימתין מעט שיטפטף המים קודם המליחה כדי שלא ימס המלח במים דאז לא יוציא דם אבל לא ימתין עד שיתנגב לגמרי דאז לא ימס המלח ולא יוציא דם. הכלי ששורין בה הבשר נוהגין שלא להשתמש בה אפילו בצונן ואפילו לאחר שהודחה במים:

ג) יזהר שלא ישרה הבשר מעל"ע במים ובדיעבד אם יש ששים במים נגד החתיכה החתיכה מותר לצלי עכ"פ ואם אין ששים במים נגד החתיכה אסור

---

ניט וויסען אזא בעקאנטען דין – א מפורש'ן פסוק אין דער תורה –, אז פאר חלב עססען קוממט כרת, וואהרענד פאר טרפות איז מען נור עובר א לאו אונ אמאל פלעגט פאר דעם קוממען נור מלקות. וועה די אידען, וואס וואהנען אין אזעלכע לאנדער, וואו עס קאננען זיך געפינען אזעלכע קצבים גראבע יונגען. וויא קאנן מען זיך שוין אויף אזעלכע לייט פערלאזען אין אזעלכע גרויסע איסורים? מען דארף אלזא גוט אכטונג געבען, די פלייש וואס מען עסט זאלל פריהער גוט אויסגערייניגט ווערען פון די חלב, אונ די זאדיג'ס – פון „גיד הנשה", אונ אז מען נייס עס ניט אויף בעשטימטמט זאלל מען די פלייש ניט עססען.

## פרק לא

א) מען טאר ניט קאכען קיין פלייש, וואו מען זאלצט עס פריהער ניט, כדי עס זאלל ארויס די בלוט אין גאנצען. ב) מען טאר ניט זאלצען די פלייש, וואו מען זאלל עס פריהער ניט גוט אבשווענקען מיט וואססער. אויך מוז מען די פלייש פאר'ן זאלצען לאזען וייקען אין וואססער א האלבע שעה איין ערך, דאנן מוז מען עס גוט אבשווענקען אונ ארומוואשען (בעזאנדערס אין די ערטער וואו מען זעהט בלוט, בפרט נאך ווען דאס בלוט איז געווארען דורך א וואונד, דיזעלבע ביי עופות ארום דעם ארט, וואו עס איז געקוילעט געווארען). ווען עס איז א גרוים היילענים, למשל פאר א חולה אדער פרייטאג פאר נאכט איז גענוג גוט ארומצוואשען אונ אבשווענקען איינמאל אונ א צווייטען מאל ביז די וואססער, מיט וועלכע מען שווענקט די פלייש, בלייבט קלאר. נאך דעם וייקען אונ שווענקען מוז מען עטוואס ווארטען ביז עס קאפעט אב דאס וואסער, כדי די זאלץ זאלל ניט צוגעהן אין די וואסער, וואס דאנן ווערט די זאלץ ניט ארויסנעהמען דאס בלוט. ביז די פלייש ווערט זיך אין גאנצען אבטריקענען דארף מען ניט ווארטען, ווייל דאנן ווערט די זאלץ ניט העלפען. דעם ווייקשאף גיטצט מען ניט אין שטוב געוואהנליך אפילו ווען ער איז גוט אויסגעשווענקט געווארען מיט וואססער. ג) מען דארף זיך היטען ניט צוא לאזען ווייקען די פלייש א גאנצען מעת לעת אונ ווען די וואססער איז זעכציג מאל אזוי די גרוים וויא די פלייש

אסור אפילו לצלי ואין חילוק בין אם היה הבשר מלוכלך בדמים מקודם או לא :

ו) בשר שנמלח בלא הדחה מתחלה בין שלא הודח כלל או שהודח הדחה מועטת שלא כדין הדחה צריך שאלה ע"ז :

ה) אם אחד שהדיח וחתך החתיכה לשנים או שהסיר טלפי הרגלים צריך לחזור ולהדיחו שע"י דחיקת הסכין פולט דם וכן אם מלח בשר וקודם ששהא שיעור מליחה חתך החתיכה לשנים צריך לחזור ולהדיח אותו מקום ולחזור ולמלחו אבל אם אחר ששהא שיעור מליחה חתך א"צ לחזור ולמלחו שהרי כבר פלט כל דמו :

ו) בשר שנקרש מחמת הקור אסור למלחה עד שיתרכך כמו שהיתה מתחלה ואם צריך לשבת או לאורחים ואין לו שהות להמתין עד שיפשר מחמת עצמו מותר להניחו בכלי שני ומוב ליזהר שלא יהיה חם כ"כ שהיד סולדת בו. ובלבד שיזהר שלא יערה עליו רותחין מכלי ראשון דעירוי מבשל כדי קליפה ואז אינו יוצא הדם ע"י מליחה. ואם הונח בשר שלא נמלח אצל התנור שהוא חם הבשר מותר רק לצלי ולא לקדרה :

ז) לא ימלח במלח דק כקמח שאינו מפליט יפה את הדם ולא במלח גס ביותר שנופלת מעל הבשר ואם אין לו אלא מלח דק כקמח מותר ואם הוא גס ידיקנו :

ח) יפזר עליו מלח שלא ישאר בו מקום בלי מלח ומולח משני צדדים. ועופות ושאר דברים החלולים צריך למלוח גם מבפנים ולכן יש ליזהר שיקרע העופות מצד אחד כולו או רובו ולא כמו שנוהגין מקצת נשים לעשות רק נקב קטן להוציא הבני מעיים שאינם יכולים למלוח יפה מבפנים ובדיעבד אם לא מלח משני צדדים אם הוא עדיין תוך שתים עשרה שעות דאז עדיין פולט ציר יחזור וימלחנו ואמרי' כשם שפולט ציר כך יפלוט דם ואם הוא לאחר י"ב שעות צריך לשאול שאלה :

ט) שיעור שהייה במלח המנהג להשהותה שיעור שעה ואין לשנות אך לצורך שבת שהשעה דחוקה לו או מפני כבוד אורחים נכבדים שהוא בחול ונחפז לזה או בשביל חולה יש לסמוך להקל בשוהא שיעור כ"ד מינוטין :

לאחר

---

פלייש מאג מען בדיעבד (אז די זאך איז שוין אפגעמהון) בראטען, ווענן ניט – טאר מען בראטען אויך ניט, סאי די פלייש איז פעשמוצט געוועזן מיט בלוט סאי ניט. ד) פלייש וואס מען האט געזאלצען, אבער פריהער ניט אויסגעשווענקט וויא עס דארף צו זיין, מוז מען פראגען א שאלה אין דעם. ה) אויב נאכן אפשווענקען האט מען צושניטען די שטיק פלייש אויף צווייא טהייל אדער מען האט אראבגענומען די נאגעל פון די פיס, מוז מען נאך איינמאל אבשווענקען די פלייש, דיזעלבע אז מען האט די פלייש צושניטען בעפאר זיא האט זיך גוט אויסגעזאלצט – דאנן מוז מען נאך איינמאל אבשווענקען אונ אויסזאלצען יענעם ארט. ו) פערפרארענע פלייש טאר מען ניט זאלצען ביז זיא ווערדט ווייך וויא פריהער. ווענן מען האט עס נאטהיג אויף שבת אדער פאר גאסט אונ מען האט קיין צייט צוא ווארטען ביז עס וועט פון זיך אבגעהן, מאג מען די פלייש אריינלעגען אין ווארעמע וואסער אין א כלי שני, אבער די וואסער דארף ניט זיין זודיגע. מען מוז זיך היטען, ניט ארויפצוגיסען אויף די פלייש גאנץ זודיגע וואסער, פון א כלי וואס האט זיך דארטען געקאכט, דענן דאנן קאכט זיך אב די הויט פון די פלייש, אונ די בלוט קאנן שוין ניט ארויס דורכן זאלצען. ווענן מען האט געלעגט אונגעזאלצענע פלייש ביי דעם ווארעמען אויוען מאג מען די פלייש נאר בראטען אבער ניט קאכען. ז) זאלצען טאר מען ניט מיט גאנץ דינע זאלץ אונ ניט מיט גאנץ דיקע, נור באין ברירה מאג מען מיט דינע אויך. אונ צוא דיקע, קאנן מען צושטויסען. ח) מען דארף זאלצען פון ביידע זייטען אונ עס זאלל קיין ליידיגער ארט ניט בלייבען. עופות אונ אנדערע אברים, וואס האבען אין זיך א חלול, דארף מען פון אינווייניג אויך זאלצען. דעריבער מוז מען די עופות פערצאנדערייסען אין גאנצען אדער דעם גראסטען טהייל, אונ ניט וויא אנדערע פרויען מאכען געוועהנליך נור א קליינע לאכ'ל ארויסצונעהמען די קישקעס, דענן פון אינווענדיג קאנן מען דאנן ניט גוט זאלצען. אונ בדיעבד אז מען האט ניט געזאלצען פון ביידע זייטען, איז אויב עס איז נאך ניט אוועק צוועלף שעה דארף מען נאך איין מאל זאלצען, נאך צוועלף שעה דארף מען פראגען א שאלה. ט) געוועהנליך מוז זיך די פלייש זאלצען א גאנצע שעה, נור לכבוד שבת, ווענן די צייט איז קורץ אדער צוליעב שאנע גאסט, אז מען מוז דעם עססען

לאחר שיעור מליחה ינפץ מעליו המלח וידיחנו עכ"פ שני פעמים או שיתן מים בכלי ויניח הבשר בתוכו וידיחנו שלשה פעמים. וצריך ליזהר שלא יתן הבשר בכלי קודם שנותן לתוכו מים דהוי כמולח בכלי שאין מנוקב. ומ"מ בדיעבד אין לחוש לזה אם חזר ונטל אותו מתוכו תיכף קודם שנראה ציר בכלי אע"פ שנמצא קצת מוהל:

יא) המלח שמלחו בו פ"א אסור למלוח בו פעם שניה שכבר נחלש כחו ואם מלח ועדיין לא נתבשל ידיחנו ויחזור וימלחנו ואם עבר ובישל מקודם צריך שאלה:

יב) המולח עוף או דופן שלמה שיש לו תוך ובית קבול נכון להפוך צד החלל למטה כדי שיוכל הדם והציר לזוב:

יג) אין מולחין אלא בכלי מנוקב או ע"ג קשין וקסמין או על דף ויניח בשפוע קצת כדי שיזוב שם הציר ולא יתעכב ודוקא שאין בו גומות אבל אם יש בו גומות שמתקבץ שם הציר לא יועיל אפילו אם מעמידו בשיפוע ולכן צריך למחות בנשים שמולחות על כסאות ועל חתיכות עצים ועל דפין המזומנים להם ויש בהם גומות:

יד) עוברי דרכים שמולחין בשר וכורכים אותו בבגד אסור אפילו בדיעבד דהנקבים סתומים וא"א לדם לצאת:

טו) אין להניח בשר קודם מליחה בכלים שאינם מיוחדים לכך כי רבים מקילין להניח גם באותו כלי לפעמים ירקות או פירות וכיוצא בו דברים שדרכן לאכול בלא הדחה והדם נסרך בהם:

טז) ראוי ליזהר שלא להניח בשר קודם שנמלח על דף ושולחן שמניחים שם לפעמים מלח דהוי כנמלח בלי הדחה:

יז) אין מולחין הבשר קודם שיסירו החוטין והקרומים האסורים משום דם ומשום חלב וכ"ש במקום שצריך ניקור מן החלב גופא כגון הקיבה והטחול:

יח) בשר ששהא ג' ימים מעל"ע בלי מליחה נתייבש דמו בתוכו ואינו יוצא עוד ע"י מליחה אפילו אם יתנוהו מתחלה בפושרין ולכן אסור לאכלו מבושל אלא צלי על האש דהאש שואב הדם ומולחין אותו

עססען מאכען פארטיג ניבער, אדער צוליעב א חולה — דאנן קאנן מען זאלצען מעהר ניט ווי פיער און צוואנ-ציג מינוט. י) נאכ'ן זאלצען דארף מען אראבטרייסלען די זאלץ און אבשווענקען די פלייש וועניגסטענס צווייא מאל אדער אריינלעגען אין א כלי און ארויס-גיעסען דארויף וואסער דרייא מאל. נור די פלייש מוז מען אריינלעגען אין כלי ערשט אז מען האט שוין דארין אריינגעגאססען וואסער, נור בדיעבד, לאחר המעשה, מאכט ניט אויס, ווענן מען האט נור גלייך צוריק ארויסגענומען. יא) מיט די זאלץ, וואס מען האט שוין איינמאל געזאלצען, טאר מען קיין צווייטען מאל ניט זאלצען, ווייל עס איז שוין ארויס זיין גאנצע קראפט, ווענן מען האט יא געזאלצען מוז מען אבי-שווענקען און א צווייטען מאל זאלצען, האט מען שוין אבער די פלייש אויסגעקאכט מוז מען פרעגען א שאלה. יב) זאלצענדיג איין עוף אדער א שטיק פלייש, וואס האט א חלול (א לאך) דארף מען דעם זייט, וואו דער חלול איז, אומקעהרען אראב, כדי די בלוט זאלל קאנגען אויסרינגען. יג) זאלצען דארף מען אין א דורכגעלאכערטע כלי אדער אויף שפאנדליך אדער אויף א ברעטט, אבער די ברעטט מוז מען לעגען אין דער קריכם עטוואס, כדי די בלוט זאלל קאנגען ארויסרינגען. די ברעטט מוז אויך זיין אהן גריבלעך. דעריבער איז ניט רעכט צוא זאלצען אויף א שטוהל אדער אויף א שייטעל האלץ, וויא אנדערע ווייבער טהוען. יד) אויף א בגד זאלצען, וויא אנדערע רייזענדער טהוען, טאר מען אויך ניט. טו) פלייש פאר'ן זאלצען מוז מען האלטען נור אין די כלים, וואס זיינען דערצוא בעשטימט דענן אז מען האלט אין אין איין אנדער כלי קאנן אמאל פארקומען מען זאל דארטען אריינלעגען פירות און נאך אזעלכע עססענ-זאכען וואס מען עסט ניט אבשווענקענדיג זייא און עס קאנן זיך אנקלעבען אן זייא בלוט. טז) אויף איין ארט, וואו מען האלט אפט זאלץ, טאר מען אונ-געזאלצענע פלייש אויך ניט לעגען. יז) פאר'ן זאלצען מוז מען אראבנעהמען די הייטליך און די „פאדים", וועלכע מען טאר ניט עססען צוליעב די בלוט אדער די חלב וואס אין זייא, בפרט אין דעם ארט, וואו מען דארף אויסריינינגען (מנקר זיין) פון די חלב גופא, וויא דער מאגען און דער מילץ. יח) פלייש וואס איז דרייא טאג געלעגען אונגעזאלצען, העלפט שוין קיין זאלצען ניט אפילו ווענן מען זאלל עס פריהער אריינ-לעגען אין הייסע וואססער. אזעלכע פלייש קאנן מען נור בראטען ווענן דער פייער ציהט דאנן ארויס דאס בלוט

אותו קודם הצלי כמו שאר בשר לצלי שנתבאר דינו לקמן בסימן ל"ב אות י"ג ואף לאחר הצליה אין להקל לבשלו ובדיעבד כשבישלו אחר שצלאו אין לאסור אך אם מלחו כדין אחר הצליה מתירין כמה אחרונים לבשלו אח"כ. ואם שרו אותו במים תוך הג' ימים יכול לשהותו עוד. ספק אם נמלח תוך שלשה ימים או לאחר ג' ימים מותר וכן ספק אימת נשחט הבהמה סמכינן הבהמה על חזקת חיים כל שעה שנוכל ואמרינן עכשיו נשחטה ומותר:

# פרק לב

## בו יבואר ביצד מולחין הראש והרגלים ואברים פנימים.

א) הראש אסור למלחו כשהוא שלם אלא צריך לחתכו לשנים ולהסיר המוח ולקרוע הקרום ולמלחן בפני עצמן וגם הראש ימלח בפנים ובחוץ והמליחה שמבחוץ מותר למלות ע"ג השער דאין השער מעכב מלפלוט דם:

ב) עצם הקולית וכן כל שאר עצמות שיש בהם מוח כ"ז שהם מחוברין עם הבשר מולחין הבשר כדין ומועיל גם לעצם ולמוח שבו ואם כבר נפרד מן הבשר לא ימלחנו לכתחלה עם שאר הבשר אלא ימלח העצם בפני עצמו:

ג) רגלי הבהמה שיש להם טלפים אין הדם יוצא דרך הטלפים ולכן צריך לחתוך מעט למטה ויניח מקום החתך למטה וימלח. ואין השער שעל הרגל מעכב מלפלוט הדם:

ד) הלב מתקבץ הדם בתוכו בשעת שחיטה לפיכך לא מהני ליה מליחה אלא אם כן קורעו להוציא דמו שבתוכו ואח"כ ימלחנו ולאחר קריעה ומליחה נוהגין היתר אפילו לבשלו. ויש ליזהר שלא לאכול לב בהמה ועוף כי הוא קשה לשכחה:

ה) מלח את הלב ולא קרעו קורעו קודם בישולו ומוציא דמו ומדיחו ומותר אבל אם בשלו בלי קריעה אף שנמלח מתחלה אסור דנתבשל עם הדם שבתוכו ויש בזה כמה פרטים ומבואר ביו"ד סי' ע"ב:

הריאה

---

בלוט), אבער פאר'ן בראטען מוז מען די פלייש זאלצען. וויא יעדעס פלייש צום בראטען, וויא עס ווערדט ערקלערט ווייטער (אין דעם פרק ל"ב אות י"ג), אפילו נאכ'ן בראטען טאר מען עס ניט קאכען, אבער בדיעבד, אז מען האט געקאכט נאכ'ן בראטען מאג מען עססען. ווענן מען האט נאכ'ן בראטען געזאלצען די פלייש על פי דין מאג מען לכתחלה אויך קאכען. ווענן דאס פלייש האט זיך אין די דריי טעג געווייקט אין וואססער, מאג מען עס נאך לאנגער האלטען אונגעזאלצען. ווענן עס איז א ספק, אויב דאס פלייש איז געזאלצען געווארען אין דריי טאג נאך דעם קוילען אדער נאך די דרייא טאג, מאג מען עס עססען. דיזעלבע אז עס איז א ספק ווענן די בהמה איז געקוילעט געווארען, שטעללט מען אויף דער חזקה, אז זיא איז ערשט געקוילעט געווארען אונ מען מאג דאס פלייש געברויכען:

## פרק לב

א) דיא קאפ טאר מען ניט זאלצען ווענן זיא איז גאנץ נור מען מוז איהר צושניידען אויף דיא העלפט אונ ארויסנעהמען דיא מארך אונ אראבררייסען דיא הויט אונ דאנן זאלצען יעדע בעזונדער, דיא קאפ דארף מען אויך זאלצען פון אינעווענינג אונ פון דרויסען. פון אויסווענינג מאג מען זאלצען איבער דיא האאר, ווייל דיא האאר שטערט ניט דיא בלוט זאלל ארויסגעצויגען ווערען. ב) דיא ביינער, וואס אין זייא איז דא מארך, ווענן זייא זיינען צוזאממען מיט דיא פלייש, זאלצט מען זייא צוזאממען, ווענן ניט — מוז מען דיא ביינער בעזונדער זאלצען. ג) דורך דיא קאפיטעס געהט דאס בלוט ניט ארויס, דאריבער מוז מען אונטען עטוואס אויפשניידען אונ מיט דעם צושניטענעם ארט לעגען אראב אונ דאנן זאלצען. דיא האאר וואס אויפ'ן פוס שטערט ניט ארויס־צולאזען דאס בלוט. ד) דער הארץ העלפט ניט קיין זאלצען סיידען אז מען רייסט זיא פריהער אויף אונ מען לאזט ארויס דאס בלוט, וואס קלויבט זיך דארט אויף בעת דער שחיטה. נאך דעם אויפרייסען אונ זאלצען מאג מען עס קאכען אויך, מען דארף זיך אבער בעססער היטען גאר ניט צוא עססען דיא הארץ פון א בהמה אונ איין עוף, ווייל דאס שאדט צום זכרון. ה) האט מען אבער געזאלצען דיא הארץ ניט אויפרייסענדיג איהר פריהער, מוז מען עס אויפרייסען פאר'ן קאכען, ארויסלאזען דאס בלוט אונ אויסשווענקען עס גוט, אבער אז מען האט דאס הארץ געקאכט פאר'ן אויפ־רייסען טאר מען עס ניט עססען, ווייל דאס בלוט

דאס

ו) הריאה מדינא אין צריך לחתוך אותה כלל קודם מליחה דלא תהא אלא חתיכת בשר עבה אלא דנוהגין לקרעה ולפתוח הקנוקנות הגדולים שבה ובדיעבד אם לא פתחה ובשלוה כך מותר לאכלה:

ז) הכבד יש בו ריבוי דם לפיכך אין לו תקנה לבשלו ע"י מליחה ואפילו בדיעבד אסור אלא קורעו שתי וערב ומניח חתוכו למטה או ליטול ולחתוך הגידין והקנוקנות באותו צד שהסרה תלויה בו וחותך מעט מבשר הכבד עמהן דאפשר לדם לצאת דרך אותו הנקב ומדיחין אותו ומולחין אותו מעט כשהוא מונח על האש לצלוהו ואחר הצליה ידיח אותו משום דם הדבק בו אפילו רוצה לאכלו כך צלי וצריך לצלות עד שיהא ראוי לאכילה דהיינו חצי צלייהו ואז מותר לבשלו ואם לא הדיח אחר הצלייה ובשלו כך מותר. יש ליזהר מלצלות הכבד ע"ג קרקע התנור אף שהוא חם מאד דיש מגדולי האחרונים שמטריפין בזה אפילו בדיעבד אלא הצליה צריך להיות דוקא ע"ג גחלים לוחשות וכן מה שנוהגין קצת נשים שכורכין הכבד בנייר לצלותו כדי שלא יתלכלך באפר יש ליזהר מזה דהרבה אחרונים מחמירין וסוברין דאפילו בדיעבד אסור דהא א"א לדם לזוב והוי כנצלה הכבד בכלי דאסור:

ח) הטחול אע"פ שגם היא נראית שכולו דם ככבד מ"מ דינה כבשר ממש:

ט) הכליות וכן ביצי זכר אפילו לאחר שניקרו אותן כדין נהוג שלא לבשלן אלא לצלותן משום שיש בהן ריבוי דם ובדיעבד אין לחוש ומכל שכן שמותר למלוח אותן עם שאר בשר אחר שניקרו כדין:

י) הכחל (פירוש דדי בהמה) אסור למלחו עם בשר ונוהגין שלא לבשל הכחל כלל אלא צולין אותו ע"ג גחלים וקודם הצליה צריך לקרעו שתי וערב וטחין אותו בכותל כדי שיצא החלב ולאחר שנצלה מותר לחתכו בסכין של בשר אע"פ שהוא רותח וכן להניחו בכלי של בשר. ולצלות הכחל בכלי אסור דכל שבכלי מקרי בשול:

הקיבה

האט זיך אויך איינגעקאכט, אין יורה דעה ווערט וועגען דעם ענין ארומגערעדט בפרטות. ו) דעם לונגען דארף מען על פי דין ניט אויפשניידען פאר'ן זאלצען, פון דעסטוועגען איז מען זיך נוהג אויפצושניידען איהם אונ אויפצואפפעגען די גרויסע זילעס (די קנוקנות) פון בלוט. בדיעבד לאחר המעשה, אז מען האט ניט אויפגעשניטטענערהייט אויסגעקאכט מאג מען איהם עססען. ז) דעם לעבער מוז מען אויך אויפשניידען אין דער לאנג אונ אין דער ברייט אונ אוועקלעגען דעם אויפגעשניטטענעם ארט אראב בעת דעם זאלצען אדער אפפעגען די אדערען אונ די (קנוקנות) זילעס אין דעם זייט וואו די גאלל האנגט אונ עטוואס איינשניידען דעם לעבער גופא, כדי די בלוט זאלל האבען דורך וואנען ארויסצוגעהן. דאנן דארף מען דעם לעבער גוט אויסשווענקען אונ בעזאלצען אביסעל בעת ער ליעגט אויף די קאהלען צום בראטען, נאכ'ן בראטען דארף מען איהם ווידער אבשווענקען, ווענן מען וויללס איהם אפילו עססען אזוי געבראטען. בראטען מוז ער זיך ווענינגסטענס די האלפט צייט, וואס אבבראטען דארף געדויערן, אזוי פיעל מען זאלל איהם קאנגען עססען, ערשט דאנן מאג מען איהם קאכען. האט מען דעם לעבער אויסגעקאכט ניט בראטענדיג איהם פריהער, מאר מען איהם גיט עססען אפילו בדיעבד. האט מען פערגעססען אויסצושווענקען איהם נאכ בראטען, מאג מען איהם עססען בדיעבד. בראטען דעם לעבער מוז מען דורכאויס אויף ברענענדיגע קאהלען, אבער אויפ'ן הוילען אויוען, וויא היים ער זאלל זיין טאר מען ניט. אנדערע פוסקים זאגען, אז אין דעם אופן טאר מען דעם לעבער אפילו בדיעבד ניט עססען. איינוויקלען דעם לעבער אין פאפיער צום בראטען, וויא אנדערע ווייבער טהוען, טאר מען אויך ניט. ח) מיט דעם מילץ דארף מען זיך נוהג זיין וויא מיט געוואהנליכע פלייש, ניט וויא מיט דעם לעבער. ט) די ניערען וויא די ביצים פון דעם זכר איז מען זיך נוהג ניט צוא קאכען נור צוא בראטען, אפילו אז מען האט זייא מנקר געוועזען על פי דין. נור בדיעבר, לאחר המעשה, מאכט ניט אויס. זאלצען זייא צוזאמטען מיט די איבעריגע פלייש. נאכ'ן מנקר זיין זייא, מאג מען געוויס. י) די אייטער טאר מען ניט זאלצען צוגלייך מיט די פלייש. מען איז זיך נוהג די אייטער נור צוא בראטען אויף קאהלען. נור פאר'ן בראטען – צושניידען זיא אין דער לאנג אונ אין דער ברייט אונ אבקלאפען אן וואנד אדער אן א כלי, כדי די מילך זאלל ארויסגעהן. נאכ'ן בראטען מאג מען זיא שניידען מיט א פליישיגען מעססער, ווען זיא איז אפילו ווריג, אויך מאג מען זיא

ארייגלעגען

יא) הקיבה של עגלים אע"פ שנמצא בו חלב אין לו דין כחל כלל ולאחר שהוסר חלבו והדיחו מותר למלחו עם בשר:

יב) ביצים הנמצאים בעופות בין שלא נגמר אלא החלמון או שנגמר' כולה אפי' הקליפ' הקש' צריכין הדחה ומליחה ויזהר למלחן לבדן או למעלה מן הבשר שלא יגעו בבשר אבל אם מלחן עם בשר או למטה מהבשר דאז נוטף עליהן ציר מהבשר אסורים ואפילו אם נגמר החלמון לבדו דהא עינינו רואות שאין להם לא דם ולא ציר וא"כ אין להם מה לפלוט ומילא בלעי מציר האסור. כל שומן אפילו של עופות דינו כשאר בשר לענין מליחה והדחה:

יג) מי שאין לו מלח או שרוצה לאכול מהר מותר לצלות הבשר בלי מליחה שהאש שואב הדם. והמנהג להדיחו תחלה מן הדם בעין שעליו ולמלחו קצת כאשר נתחב בשפוד וצולהו מיד קודם שתתמלא המלח דם ולאחר הצליה ידיחנו ג"פ ונהגו לכתחלה שלא להפוך השפוד תמיד כדי שיזוב הדם בטוב ובדיעבד אין לחוש אפילו הפכו כל שעת צלייתו. ואסור ליתן כלי תחת הצלי לקבל השמנונית הנוטף עד שיהיה נצלה חצי צלייתו היינו שיתייבש מבחוץ דאז כבר פסק כל הדם ומה שיוצא אח"כ הוא מוהל. ומותר לאכול את הצלי אע"פ שיש בו מראה אודם הרבה דלאחר שצלאו חצי צלייתו אינו דם כלל כ"א מוהל הבשר. ולכתחלה יזהר שלא להשהות הצלי על השפוד לאחר שהוסר מן האש דכל זמן שהוא על האש אמרינן כל מה שבולע הבשר מן השפוד חוזר ופולט דכבולעו כך פולטו משא"כ לאחר שהוסר מן האש שאז אינו פולט שוב בולע הבשר מן השפוד הנבלע בו ומ"מ בדיעבד אין לאסור הצלי והשפוד:

יד) מותר למשוח הצלי בשעת צלייתו בשומן ומי פירות דאין זה מעכב לפלוט דם אבל אסור למשוח בעיסה אפי' בלילתו רכה מאד וכן אסור למשות בביצים שהם נקרשים ומעכבים הדם מלצאת:

טו) לכתחלה אסור לצלות בשר שנמלח עם בשר שלא נמלח דכיון דכבר נמלח א"כ אין טרוד להפליט דם ובולע מזה שלא נמלח ובדיעבר מותר ומותר :מלוח הרבה חתיכות זה על גב זה ואפילו

---

אַריינלעגען אין אַ פֿליישיגע כּלי. בּראָטען דעם אייטער אין אַ כּלי טאָר מען ניט, ווייל אין אַ כּלי הייסט עס קאָכען. יא) דער מאָגען פון קאַלבּער האָט ניט דעם דין פון אייטער, אונ דאָס מען געפינט אין איהם מילך, דאַרף מען איהם נור גוט אויסשווענקען פון די מילך אונ דאַנן מעג מען איהם זאַלצען צוגלייך מיט די פלייש. יב) אייער, וואָס מען געפינט אין עופות, סיי נור די גאָלדיל איז פאַרטיג סיי די גאַנצע איי איז פאַרטיג, מוז מען זייא אַלץ אויס־שווענקען אונ זאַלצען. נור זאַלצען מוז מען זייא בּעזונדער אָדער איבּער די פלייש לעגען. אָבּער אונטער די פלייש אָדער צוזאַמען מיט די פלייש טאָר מען זייא ניט לייגען, וועגן די גאָלדיל אַליין איז אַפילו פאַרטיג. שמאַלץ, אַפילו פון עופות דאַרף מען בּשרען וויא פלייש. יג) בּראָטען פלייש (אויף קאָהלען) אָדער אין לופטען אויף אַ שפּיז מאָג מען אַפילו ניט זאַלצענדיג עס פריהער, באַמעדליך נור אין דעם פאַלל אַז עס איז געראָדע קיין זאַלץ ניטאָ אָדער מען היילט זיך עכּסען. אָבּער דאַנן דאַרף מען דאָס פלייש פריהער אָבּשווענקען פון די בּלוט אונ אַ ביסעל בּעזאַלצען אונ גלייך לעגען בּראָטען, איידער די זאַלץ ציהט אין בּלוט, נאָכן בּראָטען דאַרף מען וויעדער דרייא מאָל אָבּשווענקען. לכתחלה דאַרף מען דעם שפּיז, אויף וועלכען דער בּראָטען האַנגט ניט קעהרען אַלע ווייל, נור בּדיעבד, לאחר המעשה, מאַכט ניט אויס. מען טאָר ניט אונטערשטעללען קיין כּלי אונטער׳ן בּראָטען, עס זאָלל דאַרין אַריין די פֿאַטס, סיידען ערשט אַז עס איז שוין האַלב אָבּגעבּראָטען, דאָס הייסט אַז פון אויסווענדיג אין די פלייש שוין טרוקען, וואָס דאַמאָלס איז שוין די בּלוט אַרויס אין גאַנצען. לכתחלה דאַרף מען זיך היטען, אַז וויא מען נעהמט דעם בּראָטען אַרויס פון פייער, זאָל מען גלייך אַרויסנעהמען דעם שפּיז פון בּראָטען. בּדיעבד מאָג מען פון דעסטוועגען עסען דעם בּראָטען וועגן מען האָט זיך אַפילו ניט געהיט צוא טהון אַזוי. יד) מען מאָג דעם בּראָטען בּעשמירען מיט שמאַלץ אונ דערגלייבען בּעת דעם בּראָטען, אָבער מיט טייג אונ מיט אייער טאָר מען איהם ניט בּעשמירען, ווייל אַז זייא ווערען פערהאַרטעוועט קאָנן דאָס בּלוט ניט אַרויס. טו) לכתחלה טאָר מען ניט בּראָטען געזאַלצענע מיט אונגעזאַלצענע פלייש. אָבער בּדיעבד מאָג מען זייא עסען. איינינע שטיקער פלייש איינע אויף די אַנדערע מאָג מען זאַלצען, אַפילו איינע נאָך די אַנדערע. אויך מאָג מען זאַלצען

אבסענפלייש

ואפילו בזה אחר זה ומותר למלוח בשר שור עם בשר גדיים וטלאים או עופות :

# פרק לג

## בו יבואר עוד כמה דינים אחדים מענין מאכלות אסורות ושארי איסורים.

א) אסור לבשל בשר בחלב וה"ה בחסאה דחד דינא אית לה ועבירה גדולה היא וחייב ע"ז מלקות מן התורה ואין נ"מ בין אם דעתו לאכלם אח"כ או שמבשלם בשביל עובד כוכבים כי עצם הבישול הוא איסור תורה וע"כ אסור מן התורה לחתות אש החת קדרת של עובד כוכבים שמבשל בה בשר וחלב ואפילו אם אין מבשל בה עתה רק בשר אם היא בת יומא מחלב וכן להיפך וכן אסור להגים את הקדרה של עו"ג שמבשל בה בשר וחלב דכל זה הוא בכלל בישול וכ"ש אם מבשל בשר וחלב בשביל ישראל המופקר לאיסור זה ונותן לו דעובר עוד על לאו דאורייתא של לפני עור לא תתן מכשול מלבד מה שעובר על איסור בישול :

ב) וה"ה אם נתבשל כבר הבשר וחלב או נצלו ביחד בין בשוגג בין במזיד אסור לאכול מן התורה הבשר או החלב דכל אחד כלול משניהם ואפילו ליהנות מהם אסור מן התורה ולפיכך בשר וחלב שנאסר ע"י בישול צריך לזרוק לבית הכסא ואסור ליתנו לעובד כוכבים ואפילו לכלב אסור אבל הקדירה אף שאסור שוב לבשל בה מכל מקום מותר להשתמש בה פירות ודברים יבשים ולהחם בו מים לחוף ראשו דבזה אינו נהנה מן האיסור :

ג) ודע עוד דאף בשר עוף אסור לבשל בחלב ליתנו לישראל משום לפני עור וכן אם עבר ובישל אסור מן הדין לאכלו. ובדיני איסור אכילה שוה בכל דבר לבשר בהמה :

ד) שני אנשים המכירים זה את זה אסורים לאכול על שלחן אחד זה בשר וזה חלב אם לא שאוכל כל אחד על מפה בפני עצמו [או שיניחו דבר המפסיק ביניהם משום היכר ואפי' פת או כלי עם משקין הוי היכר אם אינן אוכלין ושותין מאותו פת ומאותו כלי דאל"ב לא הוי היכר וכן כל דבר שאין

---

אכסענפלייש צוגלייך מיט ציגעני־ און שאפסענפלייש און עופות :

## פרק לג

א) מען טאר ניט קאכען פלייש מיט מילך אדער מיט פוטער. פאר דער גרויסע עבירה קוממט מן התורה – מלקות. עס איז קיין אונטערשייד ניט אויב מען וויל זייא עססען בעזונדער אדער מען קאכט עס פאר א עו"ג, דענן דער איסור ליעגט אפילו אויפ'ן קאכען, ניט נור אויפ'ן עססען. דעריבער טאר מען ניט אפילו אונטערלעגען פייער אונטער א טאפ וואס א עו"ג קאכט, ווען עס קאכט זיך דארטען פליישיגס מיט מילכיגס. ווען עס האט זיך אין דעם טאפ אין פערלויף פון א מעת לעת געקאכט פליישיגס און יעצט קאכט זיך דארין מילכיגס אדער פערקעהרט, איז גלייך וויא עס וואלט זיך יעטצט געקאכט מילכיגס מיט פליישיגס צוזאמען. אויך טאר מען ניט אויסמישען דעם טאפ פון א עו"ג, אין וועלכען עס קאכט זיך בשר וחלב, בפרט קאכען פאר א אידען א מופקר פליישיגס מיט מילכיגס – דאס טאר מען געוויס ניט, דענן חוץ דיא עבירה פון קאכען בשר בחלב איז מען אויך עובר דעם לאו פון „לפני עור לא תתן מכשול" (פאר א בלינדען – דאס הייסט: פאר דעם וואס ווייס ניט וואס פאר איין עבירה ער טהוט, אדער וואס ווייס און טהוט אויף להכעיס – זאללסט דוא ניט לעגען קיין שטרויכלונג – זאללסט איהם ניט העלפען אין זיין זינדיגען). ב) לאחר המעשה טאר מען גיט עססען ניט דיא פליישיגס גיט דיא מילכיגס, אפילו הנאה האבען פון דעם טאר מען אויך ניט, און מען מוז זייא ארויסווארפען אין מיסטקאסטען. אפילו א עו"ג, אפילו א הונד טאר מען זייא אויך גיט געבען. אין דעם טאפ, וואו עס האט זיך געקאכט בשר בחלב, טאר מען שוין מעהר ניט קאכען, אבער פירות און אנדערע טרוקענע זאכען מאג מען אין איהם האלטען. אויך אויפקאכען וואססער צום וואשען זיך מאג מען. ג) דער איסור בשר בחלב געהט אויף דיא פלייש פון איין עוף אויך, און עס איז קיין אונטערשיעד גיטא צווישען עוף און אנדערע מיני פליישען. ד) צווייא בעקאננטע מענשען טארען ניט עססען אויף איין טיש פליישיגס און מילכיגס. סיידען אז יעדער עסט אויף א בעזונדער טישטוך. עס איז רעכט, מען זאלל צווישען לעגען וואס עס איז, צום סימן. מען מאג לעגען

שאין רגיל להניחו ביום על השלחן כגון מנורה הוי היכר] וכ"ש אם אוכל בפני עצמו חלב ודעתו לאכול אח"כ בשר או שאוכל עם ב"ב שצריך ליזהר שלא יעמידו על שלחן אחד חלב ובשר ביחד בלי היכר. גם צריך ליזהר שלא יאכלו מפת אחד ולא ישתו מכום אחד שהמאכל נדבק בהם ויבואו לידי איסור וכן צריכין ליחד כלי של מלח לכל אחד כי לפעמים ממבילין מאכלם במלח וזה אסור אפי' באינן מכירין זה את זה:

ה) כבר ידוע לכל מנהג כל ישראל כהפוסקים שסוברין שאחר שאכל בשר או תבשיל של בשר שאף שכבר בירך בהמ"ז אסור לאכול אחריו מאכלי חלב קודם שעברו שש שעות מעת גמר האכילה והמקיל בזה עובר משום אל תטוש תורת אמך ואם מצא אח"כ בשר בין שיניו צריך להסירו וא"צ להמתין עוד אך צריך קינוח והדחת הפה וכדלקמיה. ושומן של בשר או אפילו של עופות דינם כבשר אך אם אין בשר ואין שומן בתבשיל רק שנתבשל בקדרה של בשר מותר לאכול אחריו גבינה אפי' לא הודחה הקדרה יפה. ואם אכל גבינה א"צ להמתין ומותר לאכול אחריו בשר ובלבד שיעיין היטב בידיו שלא יהא שום דבר מהגבינה נדבק בהם [ובלילה שאינו יכול לעיין היטב צריך לרחצם במים דוקא] וגם צריך הדחה וקינוח. קינוח הוא שילעוס פת ויקנח בו פיו יפה והדחה הוא שידיח פיו במים או בשאר משקין ואין קפידא אם מקדים הקינוח או ההדחה:

ו) בד"א בגבינה רכה אבל בגבינה קשה דהיינו שהיא ישנה ששה חדשים או שהיא מתולעת צריך להמתין אחריה שש שעות כמו בחלב אחר בשר. כתב בספר חכמת אדם דלצורך חולה קצת יש להקל לאחר שאכל בשר שיברך בהמ"ז וימתין כשיעור שעה ויחטט שיניו ומותר לאכול חלב:

ז) האוכל גבינה רכה וחמאה ורוצה לאכול אח"כ בשר צריך לבער מן השלחן שיורי פת שאכל עם הגבינה ואסור לאכול גבינה על מפה שאכל בשר וכן להיפך וכ"ש שאסור לחתוך גבינה אפילו

---

לעגען אויך אַ שטיק ברוידט אָדער שטעלען אַ פלאש משקה, אָבער נור אַזעלכע וואס מען דארף ווייא יעטצט ניט עסען אונ טרינקען. איבערהויפט אין יעדע זאך, וואס מען איז ניט געוואהנט צוא שטעלען בייא טאג אויפ'ן טיש, וויא אַ לייכטער, איז אַ גוטער סימן. ווען מען האלט אַליין ביי'ן עסען פליישיגס נאך דיא מילכיגס מוז מען זיך געוויס היטען ניט שטעלען דיא פליישיגס מיט דיא מילכיגס צוגלייך אויף דעמזעלבען טיש, אָהן אַ סימן. אויך דארף מען זיך היטען ניט צוא עסען מילכיגס אונ פליישיגס מיט דיזעלבע ברוידט, ניט פארטרינקען פון דעמזעלבען גלאז, אונ ניט טונקען אין איין סאלניצע, פון דעם (טונקען פון איין סאלניצע) דארף מען זיך היטען, ווען דיא ביידע — וואס עסען בייא איין טיש מילכיגס אונ פליישיגס — זיינען אפילו אונבעקאנט.

ה) עס איז ידוע דער מנהג ניט צוא עסען מילכיגס נאך פליישיגס סיידען אין זעקס שעה ארום נאכ'ן עסען, האט מען נאך זעקס שעה פארט געפונען שטיקלעך פלייש צווישען דיא צאהנער, דארף מען ארויסנעהמען דאס פלייש אונ גוט אויסשווענקען דעם מויל אונ דאנן עסען דיא מילכיגס. שמאלץ, אפילו פון עופות, האט דעם דין פון פלייש. ווען דיא טאפ איז נור געקאכט געווארען אין א פליישיגען טאפ, אָהן פלייש אונ אָהן שמאלץ, מאג מען גלייך עסען קאז, ווען דער טאפ איז אפילו ניט גוט אויסגעשווענקט. נאך קאז מאג מען גלייך עסען פלייש, נור מען מוז זעהן, עס זאלל ניט בלייבען אויף דיא האנד קיין בראקלאך קאז (אין דער פינסטער אז מען קאנן עס געוויא ניט זעהן, מוז מען דיא האנד גוט ארומוואשען). אויך דארף מען צוקייען א שטיקעל ברוידט אונ אויסווישען דערמיט דעם מויל גוט פון אינעווייניג, אויך דארף מען דעם מויל אויסשווענקען מיט וואסער, (דאסזעלבע איז נאך מילך אָדער וואס נור מילכיג'ס ברויך מען עסען א שטיק'ל ברוידט אונ אויסשווענקען דעם מויל אז מען וויל פלייש עסען).

ו) דאס איז אַלעס גערעדט בייא ווייכע קאז, אָבער בייא הארטע, אַזעלכע וואס איז אַלט זעקס חדשים אָדער איז ווארעמדיג, גאך אַזא מין קאז מוז מען ווארטען גאנצע זעקס שעה מיט'ן עסען פליישיגס, פונקט וויא נאך אַ פליישיגען עסען. אין חכמת אדם שטעהט, אז אַ קראנקער טאג עסען מילכיגס נאך פליישיגס באלד אין א שעה ארום נאכ'ן עסען, אָבער ערשט אז מען ריינגט גוט אויס דיא צאהנער פון דיא פלייש-בראקליך. ז) אז מען עסט ווייכע קאז, פוטער אונ דערגלייכען אונ גלייך נאך דעם ווילט מען עסען פליישיגס, מוז מען אַברוימען פון טיש דיא בראקלאך

אפילו צוננת בסכין של בשר וכן להיפך. ומנהג כל ישראל להיות להם סכינים מיוחדים לבשר וחלב ותמנהג לרשום של חלב. ולחתוך הלחם בסכין של בשר מותר אף אם רוצה לאכול חלב עם הלחם אך בתנאי שיקנחנו מתחלה יפה שלא יהא שום שמנונית דבוק בו:

## ועתה נבאר איזה דינים מכלאי בהמה.

א) אסור לעשות מלאכה בשני מינים כגון לחרוש ולמשוך בקרון היושבים בה בני אדם או למשוך עגלה לבדה או אבן ואפילו אם הם רק קשורים יחד בחבל א' אסור שהרי נושאים החבל והמנהיגם אפילו בקול לוקה ולכן צריך ליזהר שלא לקשור ביחד אפילו שני מיני עופות שלא יברחו שהרי נושאים החבל והא דכתיב לא תחרש בשור ובחמור ל"ד אלא ה"ה בלא חרישה וכן ב' מינים אפי' עופות אסור לקשור בחבל שקשור בסוס שום עוף או כלב:

ב) עגלה הנמשכת במין אחד לא יקשור מין אחר בחבל לא בצדדים ולא מאחוריו:

ג) עגלה שמושכין אותה כלאים אסור לישב בה אע"פ שלא הנהיג שישיבתו נורמת להם שימשכו העגלה:

ד) נכרי המנהיג בכלאים מותר לדבר עמו ולא חיישינן שמא ילכו הבהמות משום קולו דהוי דבר שאינו מכוין אבל אם משא של ישראל על העגלה לא ילך הישראל סמוך להעגלה דשמא יצעק על הבהמות שילכו במהרה ואז הוא מנהיג כלאים וגם אסור לומר לנכרי שיקשור כלאים בעגלה וכ"ש כשנצרך הישראל לקשור בהמות בעגלה של ישראל להוציאו ממקום שנכבש שם בטיט ושלג דאסור לומר לו אבל יכול לשכור אותו סתם להוציא העגלה ובלבד שלא יעמוד הישראל שם ופשיטא שלא יגעור על הבהמות וצריך להזהיר הסוחרים ע"ז כי ראיתי שנכשלין בזה:

ה) לא אסרה הורה אלא שני מיני ב"ח אבל אדם ובהמה

---

בראקלאך ברוירט, מיט וועלכע מען האט געגעסען דיא מילכיגס. אויף דעם טישטוך וואס מען האט געגעסען פלייש טאר מען ניט עססען קיין קאז אונ פערקעהרט. מיט א פליישיגען מעססער טאר מען ניט שניידען קיין קאז, אפילו קאלטען, דיזעלבע פער־קעהרט: מיט א מילכיגען — פליישיגס. עס איז א מנהג ביא אידען צוא האבען בעזונדערע מעססערס פליישיגע אונ מילכיגע, אויף דיא מילכיגע מאכט מען א סימן, ברוידט מאג מען שניידען מיט א פליישיגען מעססער אויך, ווען מען וויל אפילו מיט'ן ברוידט עססען מילכיגס, נור דער מעססער מוז זיין גוט אבגעווישט.

## דינים פון כלאי בהמה.

מען טאר ניט איינשפאנען צוזאממען צוויא מינים, וויא, למשל, א פערד מיט איין אקס, סאי צוא פיהרען מענשען, סאי צוא פיהרען א משא אונ סאי צום אקער'ן. אפילו צובינדען זייא איינער אן צווייטען מיט א שטריקעל טאר מען אויך ניט דענן זייא טראגען דאך דאס שטריקעל. דיזעלבע טאר מען ניט צוזאממענבינדען מיט א שטריקעל צוויירליי מינים עופות. ב) אפילו אן וואגען, וואס ווערדט געפיהרט דורך איין מין טאר מען ניט אנבינדען א צווייטען מין, אפילו פון א זייט אדער פון הינטען.

ג) אין דעם וואגען, וואס ווערדט געפיהרט דורך צוויא מינים (כלאים) דהיינו א עו"ג פיהרט זייא, טאר מען ניט זיטצען, האטש מען טרייבט אליין ניט אן דיא חיות וואס פיהרען דעם וואגען. ד) אז א עו"ג טרייבט א וואגען, וואס ווערדט געפיהרט דורך צוויא בעזונדערע מינים, מאג מען מיט איהם רעדען, אונ ווענן דיא חיות געהען אפילו שנעללער צוליעב זיין קול, מאכט ניט אוים, ווייל ער טהוט עס דאך ניט מיט א כיוון. ווענן אין וואגען ליעגט אבער זיינע (דעם אידענס) א משא, טאר ער ניט געהן פון נאהענטען טאמער פערגעסט ער אונ טרייבט אן דיא פערד. הייסען דעם עו"ג, ער זאלל איינשפאנען דעם וואגען מיט כלאים טאר מען אויך ניט, בפרט אז מען דארף איינשפאנען בעלי חיים אין א וואגען, וואס איז אריינגעקראכען אין בלאטע אדער שנעע, כדי ארויס־צוציהען איהם פון דארטען, דאנן טאר מען געוויס ניט הייסען דעם עו"ג איינשפאנען מיט כלאים, אבער מען קאנן איהם דינגען סתם אויף ארויסצוציהען דעם וואגען, דער איד טאר אבער דערביא ניט שטעהן. אנשרייען דאנן אויף דיא פערד מיט אקסען למשל, טאר מען געוויס ניט. מען מוז דיא סוחרים אויף דעם מאכען אויפמערקזאם, ווייל זייא היטען זיך ניט בארין. ה) דער איסור איז נור איינצושפאנען

בעלי

ובהמה מותר לחרוש וכל מלאכה דדוקא שור וחמור יחדו אסור אבל אדם ושור מותר :

# פרק לד

## בפרק הזה יבואר ענין התשובה.

והנה לפי מה שהערכנו בחבור הזה לפני הקורא בגודל עונש העבירות ובפרט בעונש העריות ובעונש מאכלות אסורות וחלול שבת וכדומה אם חטא אדם אל יתייאש ויאמר כבר אבד סברי והוחלתי מה' ונדחיתי מחיי העוה"ב אל יאמר אדם כן אלא ישתדל לעשות תשובה וישוב לפני בוראו ויכנע לפניו ויתחרט על עונותיו והקב"ה ימחול לו על כל עונותיו שכן מצינו באנשי נינוה שעלתה רעתם לפני המקום ונחתם גזר דינם לרעה וכיון ששבו בתשובה שלמה לפני הבורא קרע גזר דינם ומחל להם בענין שנאמר וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה ומן החמס אשר בכפיהם וינחם ה' וגו' ואחז"ל באגדת כי הנה רחקיך יאבדו וגו' כלומר מי שמתרחק מן הקב"ה מעשות התשובה יאבד מן העולם ואני קרבת אלהים לי טוב שכל מי שמתקרב לאל אשרי וטוב לו. ומה היא התשובה ובאיזה ענין ישוב האדם לפני בוראו להכנע אחרי שידע האדם שחטא ויודע גנות מעשיו וחרפתם יהא מתגבר על יצרו ונלחם עמו וישתדל להכניע תאותו ולהכריח נפשו להסירה מתאות הבהמיות והבלי העוה"ז ויהשוב בעצמו מתיקו' העבירה שהיא לפי שעה כנגד מרירותה ואבדן נפשו מחיי העוה"ב ויתמיד לחשוב בעצמו על העבירות שעשה ויהיו נגד עיניו תמיד כענין שנאמר כי פשעי אני אדע וגו' ויהיה ירא מבוראו ויבוש ממנו ויחשוב בעצמו נגד מי המרה בעונותיו. ויתחרט על עונותיו ולא ישנה עליהם ויבקש מחילה מאת הבורא כל ימי חייו כדי שיקבלנו ויטחול לו על כל עונותיו. וצריך לו

---

בעלי חיים פון בעזונדערע מינים אבער א מענש מיט א בעל חי מאג טהון צוזאמען יעדע ארבייט :

## פרק לד

וועדליג וויא מיר האבען אין דעם ספר ארומגערעדט, וויא גרויס עס איז דער שטראף פון אללע עבירות בכלל אונ פאר דיא עבירות: זנות, מאכלות אסורות, חלול שבת, אונ דער גלייכען — בפרט, קאנן זיך דער בעל חטא טראכטען, אללעס איז שוין פערפאללען איך בין אזוי ווייט פערקראכען, אז איך קאנן שוין צוריק ניט האפען, איך האב שוין סאי וויא סאי פערשפיעלט מיין חלק לעולם הבא, אונ דעריבער קאנן איך ווייטער זינדיגען. ניין, מען טאר זיך אזויא ניט טראכטען. אזעלכע רייד קאנן נור דער יצר הרע זאגען דעם מענשען. מען מוז תשובה טהון, חרטה האבען אויף אללע אבגעטהונע עבירות אונ געהמען אויף זיך מיט איין אמת, מיט א פעסטען ווילען, ניט צוא טהון דיזעלבע עבירות ווייטער. דאנן וועט גאטט ב"ה מוחל זיין. אזוי זעהען מיר ביי דיא איינוואהנער פון נינוה, וואס זייער זינדיגקייט איז געוועזען געוואלדיג אונ עס איז שוין אויף זייא נגזר געווארען דיא שטאדט זאלל חרוב ווערען וויא סדום, דא האבען זייא געטהון תשובה אונ גאטט האט זייא מוחל געווען. דיא חז"ל זאגען אויף א פסוק פון תנ"ך אזוי: דער וואס איז זיך מתרחק פון תשובה טהון וועט ער זיין א פערלארענער פון דער וועלט, דער וואס איז זיך אבער מתקרב צוא גאטט — אז וואהל וועט איהם זיין. אין וואס בעשטעהט דיא תשובה? אז דער מענש נעהמט איין זיין זינד, מוז ער זיך שטארקען איבער'ן יצר הרע אונ בעמיהען זיך צוא בעהערשען זיין תאוה אונ אבהיטען זיך פון דיא קערפערליכע תאוות אונ דיא הבלי העולם הזה, ער דארף פערגלייכען דיא זיסקייט פון דער עבירה, וואס ער פיהלט נור א קורצע צייט, ענטגעגען דיא עביגע ביטטערקייט, וואס ער וועט האבען צוליעב איהר אויף יענער וועלט. אויך דארף ער שטאנדיג האבען אין זינען דיא עבירות וואס ער האט געטהון, וויא דוד המלך האט געזאגט: כי פשעי אני אדע וכו' (מיינע זינד וויים איך א. ז. וו.). ער דארף מורא האבען פאר דעם בורא אונ שאמען זיך פאר איהם אונ טראכטען שטאנדיג: ענטגעגען וועמען האב איך דאס געזינדיגט! ענטגעגען דעם שאפפער פון הימעל אונ ערד, אונ פון אללע בריאים, וואס אויף זייא, וואס איהם האב איך צוא פערדאנקען מיין לעבען יעדען אויגענבליק, אונ טראכטענדיג אזוי מוז מען זיין פעסט ענטשלאססען, ניט צוא טהון דיזעלבע עבירה א צווייטען מאל. ערשט דאנן קאנן מען זיכער זיין, אז גאטט ב"ה וועט מוחל זיין. דער בעל תשובה מוז נאטירליך וויססען אויף בעשטימט

לו לבעל תשובה לידע גנות מעשיו וחרפתם על תביהור כי אם יסתפק לו בהם א"א להתחרט עליהם חרטה גדולה ונמורה וכן צריך שיתברר אצלו מתחלה שאם לא ישוב בתשובה שלמה מחטאיו לפני המקום שבודאי הקב"ה יפרע ממנו על מעשיו הרעים. ועוד צריך לו לידע שהקב"ה מבין ויודע כל מעשיו נסתריו ונגליו וכל מעשיו נכתבין ונחתמין בספר ואין דבר נעלם ממנו ואין שכחה לפני כסא כבודו כענין שנאמר וביד כל אדם יחתום לדעת כל אנשי מעשהו ואם השב בתשובה לא יתן לבו לזה אי אפשר לו לשוב בהשובה לפני בוראו וצריך לו לבעל תשובה להתחזק בעצמו ולמנוע מן העבירות אשר היה רגיל בהן ויסכים לסור מהם לגמרי בכל לבו ובכל נפשו ואל יחזור עליהן בלל שנאמר קרעו לבבכם ואל בגדיכם ושובו אל ה' אלהיכם כי חנון ורחום הוא ובתשובה יהיה האדם אהוב לבוראו תחת אשר היה הקב"ה שונאו בלכתו אחר תאות לבו ומראה עיניו ואחר יצרו הרע שכן מצינו שהרשעים הם שנואי המקום כענין שנאמר ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו. גדולה תשובה שמתוך חשיבותה קדמה לבריאת העולם שנאמר בטרם הרים יולדו וגו' וכתיב בתריה תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם. ולא עוד אלא שמגעת עד כסא הכבוד שנאמר שובה ישראל עד ה' אלהיך ואחז"ל באגדה גדול כחה של התשובה שכיון שאדם מהרהר בלבו לעשות תשובה מיד היא עולה למעלה ולא תאמר עד י' מילין או עד כ' מילין או ק' מילין אלא עד מהלך ת"ק שנה ולא עד הרקיע הראשון ולא עד השני אלא עד שהיא עולה ועומדת לפני כסא הכבוד שנאמר עד ה' אלהיך. ולא עוד אלא שהתשובה מקרבת הגאולה שכן אחז"ל מתוך ה' דברים ישראל נגאלין מתוך צרה ומתוך קץ ומתוך תשובה ומתוך רחמים ומתוך זכות אבות. מתוך צרה דכתיב בצר לך ומצאוך ומתוך קץ דכתיב באחרית הימים ומתוך תשובה דכתיב ושבת עד ה' אלהיך ומתוך רחמים דכתיב כי אל רחום ה' אלהיך וגו' ובזכות האבות דכתיב ולא ישכח את ברית אבותיך והתשובה גורמת לרחמים ולזכות האבות שנא' ושבת עד ה' אלהיך ומיד כי אל רחום ה' אלהיך וגו' ולא ישכח את ברית אבותיך וגו'. בא וראה במה חביבה התשובה לפני המקום שאם יעשה האדם תשובה הקב"ה

---

בעשטימט, וויא גרויס דיא עבירה איז, וואס ער האט געטהון און וויא גרויס דיא שאנדע איז פון דעם, דענן ווען בייא איהם איז נאך דא א שטיקעל ספק, קאנן דאך שוין ממילא דיא חרטה ניט זיין מיט'ן גאנצען הארצען און דיא תשובה איז קיין תשובה ניט. אויך מוז ער פריהער וויססען אויף געוויס, אז ווענן ער טהוט ניט תשובה מיט איין אמת, וועט זיך גאטט ב"ה מיט איהם אברעכענען. דאס דארף ער אויך וויססען, אז גאטט פערשטעהט און ווייס אללע זיינע אפפענע און פערבארגענע מעשים, און קיין זאך איז פון איהם פערבארגען און קיין זאך פערגעסט ער ניט, דענן אללעס, וואס דער מענש טהוט, ווערדט אויפ'ן הימעל פערשריעבען און פערחתמט. ווענן מען בעטראכט דאס אללעס ניט גוט, קאנן וויעדער דיא תשובה ניט זיין קיין תשובה שלמה, דיא תשובה מוז זיין פון גאנץ טיעפען הארצען ניט פון יוצא וועגען. קרעו לבבכם – זאגט דער נביא – צעררייסט אייערע הערצער און ניט אייערע קליידער, און קעהרט זיך אום צוא גאטט, דענן ער איז א גנאדיגער און א בעל רחמנות. דורך תשובה ווערדט דער מענש בעליעבט בייא זיין בורא, אנשטאטט וואס ער איז איהם געוועזן א שונא דערפאר וואס ער האט נאכגעגעבען זיינע תאוות. וויא וויכטיג דער ענין פון תשובה איז זעהט מען פון דעם, וואס זיא ווערדט גערעכענט פאר דעם בריאת העולם (דיא שאפפונג פון דער וועלט), וויא עס שטעהט בטרם הרים יולדו ותחולל ארץ וגו' איידער דיא וועלט איז געגרונדעט געווארען האט שוין תשובה בעשאפפען פאר'ן מענשען. נאך מעהר: זיא, דיא תשובה, קוממט צוא ביז צום כסא הכבוד, ביז צוא גאטט ב"ה אליין, וויא דיא גמרא זאגט אין איין ארט: וויא דער מענש הויבט נור אן צוא טראכטען וועגען טהון תשובה געהט זיא גלייך ארויף אין דער הויך דורך אללע וועלטען ביז זיא שטעללט זיך פאר דעם כסא הכבוד, וויא עס שטעהט וכו'. תשובה איז אויך מקרב דיא גאולה, וויא דיא גמרא זאגט: צוליעב פינף זאכען וועללען אידען אויסגעלאזט ווערען פון גלות: צוליעב זייערע גרויסע צרות, צוליעב'ן "קץ" וואס וועט קוממען, דער "קץ", דער סוף פון גלות, צוליעב תשובה, צוליעב רחמנות (וואס גאטט וועט אויף זייא האבען) און צוליעב זייער זכות אבות, וויא עס שטעהט וכו'. וויא ווייט דיא תשובה איז בעליעבט בייא גאטט ב"ה זעהט מען פון דעם וואס גאטט איז מכבל

הקב"ה מקבלו ומבטל דבריו בשבילו צא ולמד ממה שכתוב בתורה כי יקח איש אשה ובעלה והיה אם לא תמצא חן בעיניו כי מצא בה ערות דבר וכתב לה ספר כריתות וגו' לא יוכל בעלה וגו' אבל הקב"ה אינו כן אע"פ שעזבו אותו ועבדו לאחר ובודאי הוטמאו מ"מ אמר להן הקב"ה ע"י ירמיהו הנביא עשו תשובה ובאו אלי ואני אקבל אתכם שכן כתיב בירמיה לאמר הן ישלח איש את אשתו וגו' הישוב אליה עוד הלא חנוף תחנף הארץ ההיא ואת זנית רעים רבים ושוב אלי נאם ה' בואו ואני אקבל אתכם בתשובה ולא עוד אלא שהקב"ה נשבע לקבל שבים שנאמר חי אני נאם ה' אם אחפץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה. גדולה היא התשובה שאפי' היה רשע גמור כל ימיו ועשה תשובה שלמה בסוף ימיו אין הקב"ה מזכיר לו כלום מעונותיו שעשה בתחלה שנאמר ולא תזכרנה הראשונות ולא תעלינה על לב. ולא עוד אלא שהתשובה גדולה יותר מן הקרבנות שנאמר הנה שמוע מזבח טוב. **אוי להם לרשעים** שמתים בלי תשובה שמאבדים שכרם ותקותם מחיי העוה"ב שהמלאכים המסורים לו לאדם בעוה"ז כותבים לו לאדם בכל יום ויום את מעשיו והכל צפוי לפני המקום והכל חתום אם יצדיק האדם כותבין צדקתו ואם ירשיע כותבין לו רשעתו לפיכך כשבא הצדיק ליפטר מן העולם המלאכים מקדימין ומקלסין לפניו יבוא שלום ינוח על משכבו ואם מת אדם רשע שלא עשה תשובה הקב"ה אומר לו תפח רוחך כמה קראתי לך שתעשה תשובה ולא עשית ועיני רשעים תכלינה ומנוס אבד מנהם וגו' אמרו הפקחין הואיל וכך הוא תיקון לשבים לכו ונשובה אל ה' כי הוא טרף וירפאנו יך ויחבשנו. אחז"ל ה"ד תשובה כגון שבא דבר עבירה לידו בפעם ראשונה ושניה באותו הפרק ובאותה אשה שנכשל בה כבר ובאותו מקום והיה יכול לעבור עבירה שמה ופירש ולא עבר הרי זה בעל תשובה גמור וכן אם גנב או אנס מאחרים והחזירו
שלא

---

מבטל זיינע רייד, זיין גזרה, צוליעב דעם בעל תשובה. נעדוט וואס עס שטעהט אין ירמיה: הן ישלח איש את אשתו — ווען איינער גט זיין ווייב און זיא האט חתונה מיט איין אנדערען — קאנן איהר דער ערשטער מאנן צוריקנעהמען? ניין, דאס קאנן נור טרעפפען אין א גאנץ זעלטענע לאנד. און דוא (בת ציון) האטש דוא האסט געלעבט מיט פיעל פריינד (דוא האסט געזינדיגט פיעל גאטצען) פון דעסטוועגען קעהר זיך אום צוא מיר, האט גאט געזאגט". גאט ב"ה האט זאגאר געשווארען, צוצונעהמען דיא וואס טהוען תשובה, וויא עס שטעהט: איך שוואר אייך, זאגט גאט, בייא מיין (עביגען) לעבען, אז איך וויל ניט דעם רשע'ס טויט, איך וויל נור ער זאלל אפקערען פון זיין שלעכטע וועג, דאנן וועט ער בלייבען לעבען. אפילו דער וואס איז דעם גאנצען לעבען געוועזען א רשע און האט אין זיינע לעצטע יאהרען געטהון תשובה, דערמאהנט מען איהם ניט זיינע אמאליגע עבירות, וויא עס שטעהט געשריעבען וכו'. תשובה איז וויכטיגער נאך פון קרבנות, וויא עס שטעהט וכו'. וועה איז דיא רשעים, וואס שטארבען אהן תשובה, דענן זייא פערליערען באדורך זייער גאנצע עולם הבא. דיא מלאכים פערשרייבען יעדען טאג דעם מענשענס מעשים, אזוי, אז גאטט זיעט און קוקט און וועהט אללעס וואס דער מענש טהוט אין זיין לעבען און יעדען טאג ווערדט פערשריעבען און פערחתמט. און אז דער צדיק שטארבט געהען ארויס דיא מלאכים און לויבען און דיהכען איהם און רופען אוים: „זאלל ער קוממען בשלום און זאלל זיך לעגען רוהען אויף זיין געלעגער". שטארבט וויעדער דער רשע, וואס האט ניט געטהון תשובה, מאכט איהם גאטט פאר־וויררפע: ווי איז דיר, וואס האסטו ניט געטהון תשובה? אבוואהל איך האב דאך שטאנדיג גערופען און דער־מאהנט דערצו! דעם רשע'ס לאגע איז דאמאלס שרעק־ליך. דיא קלוגע, דערמאהנענדיג זיך אן דעם לעבענ־דיגערהייט, זאגען: קוממט מיר וועללען אונז אומ־קעהרען צוא גאטט, דענן ער האט אונז געפלאגט און אויסגעהיילט, געשלאגען און ארומגעבונדען אונזערע וואונדען. וואס הייסט תשובה — ערקלאהרט דיא גמרא אזוי: ווען עס קוממט איינעם אוים צוא טהון איינגע מאל דיזעלבע עבירה וועלכע ער האט שוין איינמאל געטהון, אויפ'ן זעלבען ארט, מיט דערזעלבע פרויענ־ציממער (אדער דאס גלייכען), און אין דערזעלבער צייט וויא צום ערשטען מאל, און חאטש ער האט דיא עבירה געקאנגט טהון, פון דעסטוועגען האט ער איהר ניט געטהון, אט אזעלכער הייסט איין אמת'ר בעל תשובה, דעסטגלייכען אז ער האט בייא יענעם
וואס

שלא מרוממת יראת האדם אלא מיראת השם הרי זה בעל תשובה גמור וכן אם הכה את חבירו ואונהו בדברים ישתדל לפייסו עד שיתרצה ואם אינו מתרצה לו ירבה עליו רעים כענין שנאמר עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעך. כללו של דבר בכל ענין שקלקל עד עתה יראה לתקנם בכל כחו וישתדל האדם לעשות התשובה קודם ביאת הצרות והפגעים רעים כי אם ישוב האדם לבוראו אחר ביאת הצרות והפגעים רעים אינה תשובה שלמה ולא יקבל הש"י תשובתו לענין שישוב למדרגתו הראשונה שהיה קודם החטא אע"פ שהוא ארך אפים ומלא רחמים אמנם התשובה שלמה הוא כשהאדם יודע בעצמו שחטא לבוראו ויתחרט חרטה גמורה ויעזוב דרכי חטאיו ולא ישנה עליהן ויבקש עליהן מחילה לפני בוראו ולא ימתין עד שיתחילו לענשו עבור זה מלמעלה. גם יזהר האדם מאד מן הדברים הנועלים דלתי התשובה ואלו הן. מי שמסכים בלבו לעשות העבירה ולא נכשל בה במקרה אבל מסכים לעשות העבירה ומחזר אחריה לעשותה בכל יכלתו עד שבאה לידו והסתמיד עליה ומתאחר מהניחה ומי שאומר אחטא ואשוב בין כך ובין כך משלים תאותו הבהמיות וטבור לרמות את יצרו ע"ז אמרו חז"ל האומר אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה ע"כ אם הרגיש בנפשו שחטא לפני ה' באיזו עבירה אפילו היא קלה שבקלות יזהר מאד שלא להתמיד עליה. ההתמדה על העבירה מורה על חילול השם ועל ביזוי מצותיו וביטול דבריו והוא הנקרא מזיד ועליו נאמר והנפש אשר תעשה ביד רמה וגו' ולא עוד אלא שההתמדה על העבירה אפי' היא קטנה הולכת ומתגדלת בהתמידו עליה כמו שאחז"ל יצה"ר בתחלה דומה לחוט של בוכיא ולבסוף דומה לעבות העגלה שנאמר הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה. ואמר חכם אחד אין קטנה שבעבירות עם ההתמדה ולא גדולה בהם עם בקשת המחילה

כלומר

---

וואס געגנבט אונ האט דיא זאך אבגעגעבען צוריק ניט אוים פורכט פאר מענשען (פאר שטראף) נור אוים גאטטעס פורכט, אזעלכער הייסט אויך איין אמת'ר בעל תשובה. ווענ ער האט יענעם געשלאגען אדער בעליידיגט, דארף ער איהם זעהן איבערבעטען, וויל יענער איהם אבער בשום אופן ניט מוחל זיין, דארף מען פראבירען אנשטעללען נוטע פריינד, זייא זאללען איהם בעוועגען דערצוא. מיט איין ווארט: וואס מען האט ביז אהער פערפעהלט, מוז מען זעהן פערריכטען. תשובה דארף מען טהון איידער עס קומטען אן דיא צרות אלס שטראף פאר דיא עבירות, דענן נאכהער קאנן שוין דיא תשובה ניט זיין קיין פאלנע (פאלקאממענע), דאס הייסט, דער מענש קאנן זיך דאנן ניט צוריקקעהרען צוא דערזעלבע הויכע מדרגה, אויף וועלכע ער איז געשטאנען פאר'ן חטא, חאטש גאטט, מיט זיין גרויס רחמנות אונ לאנגמוטה (ארך אפים), נעהמט דיא תשובה אן, ערשט דאנן איז דיא תשובה א פאללקאממענע, ווענן דער מענש זעהט זיך ארום בייצייטענס, האט מיט איין אמת חרטה אויף זיין זינדיגען אונ נעהמט אויף זיך ניט צוא טהון דיזעלבע עבירה א צווייטען מאל, אונ בעט רחמים ביא גאטט ב"ה, ער זאלל איהם מוחל זיין זיינע עבירות ניט ווארטענ־דיג ביז ער פאנגט אן צוא בעשטראפט ווערען פאר דיא עבירות. נור מען דארף זיך היטען פון דיא זאכען, וואס פערשליסען דיא טהירען פון תשובה: תשובה איז גרינג צוא טהון נור אין דעם אופן, ווענן מען האט דיא עבירה געטהון צופאלליג, במקרה, אבער ניט מיט א קלאהרען אויסרעכענונג אונ נאכ־יאגענדיג זיך נאך איהר מיט אללע קראפטען דאנן איז דיא תשובה ניט לייכט. אויך קאנן דיא תשובה ניט לייכט העלפען, ווענן מען וויעדערהאלט דיזעלבע עבירה פיעל מאל אונ מען פערבלייבט ביא איהר לאנג. דער וואס טראכט זיך: איך וועלל דערווייל זינדיגען, אונ שפעטער וועל איך תשובה טהון — אויף אזעלכען זאגט דיא גמרא, אז גאטט טאכט ער זאלל ניט אוספעען צוא טהון תשובה פאר'ן לעבען. דער האלטען זיך לאנג ביא דערזעלבער עבירה איז א חלול השם, דענן מיט דעם בעוויזט מען, אז מען פעראכטעט גאטטעס געבאט אונ מען איז מבטל זיינע בייד, וואס אויף אזעלכען געהט דער פסוק: והנפש אשר תעשה ביד רמה וכו' (אונ דער וואס וועט עס טהון אפען אונ מיט א כוון וועט פארשניטען ווערען פון ביידע וועלטען), פערשטעהט מען שוין אז זיין תשובה איז ניט לייכט. חוץ דעם איז, אז מען האלט זיך לאנג ביי דערזעלבער עבירה, וויא קליין זיא זאלל ניט זיין, ווערדט זיא וואס ווייטער גראססער, וויא דיא גמרא זאגט: דעם מענשענס יצר הרע איז אין אנפאנג גליך וויא א דינער פאדים אונ צום סוף —

וויא

בזומר אם עבר אדם אפי׳ הקטנה שבעבירות ומתמיד עליה אינה נחשבת קטנה אלא גדולה ואפילו אם עבר אדם גדולה שבעבירות ומבקש עליה בכל לבו ומתחרט עליה ושב לפני המקום אינה נחשבת גדולה אלא קטנה והקב״ה מוחל עליה. וצריך לו לבעל תשובה שיתודה על עונותיו וירבו בעיניו פשעיו ויגדלו חטאתיו בלבו כענין שנא׳ כי רבו פשעינו נגדך וגו׳ וצריך לו לפרש כפיו לפני המקום על העבירות שעשה שנאמר אנא חטא העם הזה חטאה גדולה ויעשו להם אלהי זהב. ואלהים ברחמיו ישיבנו בתשובה שלמה לפניו למען חסדיו הרבים אמן:

# פרק לה

## בפרק הזה יבואר עוד דברים שצריך לו לבעל תשובה ליזהר בהן.

והנה מלבד העיקר הראשון של התשובה שכתבנו למעלה שהיא החרטה גדולה על העבר והקבלה בכל לבו ובכל נפשו על להבא להזהר עוד מזה החטא. עוד נכתוב בפרק הזה איזה דברים שצריך לו לבעל תשובה ליזהר בהן שבזה יהיה תשובת שלמה וינקה מעונותיו ולא תזכרנה לו עוד. כתבו הספרים שעיקר גדול הוא בתשובה שיתבונן בנפשו גודל חסדי ה׳ אשר עשה עמו מעודו ועד עתה בכל עניניו ולעומת זה יערוך רוב העונות והחטאים שגמל לו להקב״ה. גם צריך לו לבעל תשובה לילך בהכנעה ובשפלות לפני המקום ולפני הבריות שאם היה רגיל בקומה זקופה ישפיל עצמו ויכניע ויסתכל למטה במקום שנברא ממנו ועתיד לחזור שם בסופו כענין שנאמר כי עפר אתה ואל עפר תשוב וכן אם היה רגיל ללבוש מלבושים נאים ותכשיטים נאים והדורים ישנה מלבושיו ותכשיטיו כדי שישבור לבו לאביו שבשמים. וכן אם היה רגיל בתפנוקים ובמעדנים ובמאכלים ערבים יפחות מהן ויסגף עצמו בתענית מפני שהתענית משבר לב האדם למקום ומכניע את יצרו. (אך באמת ענין התענית שכתבו הספרים בחלקי תקוני התשובה תלוי בכל איש ואיש לפי כחו ולפחות בבכל ער״ח אם לא יזיק לו התענית ועכ״פ מחויב

---

וויא גראבע שטריק, וויא עס שטעהט וכו׳. א געוויסער חכם האט אזוי געזאגט: די קלענסטע עבירה איז גרויס, ווען מען וויעדערהאלט איהר אפט, די גראסטע וויעדער איז קליין, ווען מען בעט אויף איהר גלייך גאט, ער זאל מוחל זיין (מען טהוט תשובה). דער בעל תשובה מוז זיך, בעת ער איז זיך מתודה פאר גאט ב״ה, פארשטעללען זיינע עבירות נאך גראסער וויא זיא זיינען, וויא עס שטעהט וכו׳ (ווען וויא ריכטיג קאנן גאר א מענש ניט בעגרייפען דעם שאדען וואס ער מאכט אן מיט די קלענסטע עבירה). אויך מוז ער אויסרעכענען מיט׳ן מויל די עבירות וואס ער האט געטהון און וואס ער טהוט אויף זיי תשובה, וויא משה רבינו האט געזאגט בעת ער האט מתפלל געווען צו גאטט, ער זאלל זיי מוחל זיין די עבירה פון דעם דיענען די גאלדענע קאלב (אין דער מדבר): אנא, איך בעט דיר, דיעזעס פאלק האט א גרויסע זינד בעגאנגען, ער האט זיך געמאכט א גאלדענעם קאלב צום גאטט. און השי״ת מיט זיין רחמנות זאלל אונז ברייינגען דערצוא מיר זאללען זיך צוריקקעהרען צוא איהם בתשובה שלימה:

פרק לה

דער עיקר איז ביא תשובה — חוץ די זאכען וואס מיר האבען פריהער אויסגערעכענט — מען זאלל גוט בעטראכטען, וויא גרויס עס זיינען די חסדים, וואס גאטט ב״ה האט מיט איהם געטהון אין זיין גאנצען לעבען, און וויא גרויס עס זיינען אנטקעגען די עבירות וואס מען האט געטהון געגען גאטט ב״ה פאר זיינע חסדים. דער בעל תשובה מוז אויך ארומגעהן מיט הכנעה און דעמוטה, סאי געגען גאטט און סאי געגען לייטען: ער מוז געהן די קאפ אראבגעלאזען, קוקענדיג אויף די ערד, פון וועלכע ער קומט ארויס און וואוהין ער וועט זיך צוריקקעהרען אם ענדע, וויא עס שטעהט: כי עפר אתה — דענן דוא ביסט ערד און אין דער ערד וועסט דוא זיך צוריקקעהרען. איז מען געוואהנט צוא געהן שאן געקליידעט און מיט ציערונגען, מוז מען זיך קליידען איינפאכער און אראבנעהמען פון זיך די ציערונגען, כדי די הארץ זאלל מעהר צוברעכען זיין פאר גאטט. אויך אז מען איז געוואהנט צוא עסען גוט און פיעל, דארף מען עסען ערגער און וועניגער, מען דארף זאגאר אפט פאסטען, דענן דער תענית צוברעכט דעם מענשען די הארץ און אונטערדריקט זיין יצר הרע. דער פאסטען וועגדט זיך איינגענטליך אן דער געזונדהייט און וויא וייט מען קאנן עס אריבערטראגען,

ווייניגסטענס

מחויב להרחיק את עצמו מחברת מרעים ותפנוקיהם) . וכן אם היה רגיל להכות אנשים בכעסו ירגיל עצמו שאף אם חרפו אותו אחרים כל היום שיסבול מהם ולא יתנקם. גם צריך לו לבעל תשובה למחול לכל אדם שחטא וסרח לו כדי שימחול לו הקב"ה על כל עונותיו כענין שנא' נושא עון ועובר על פשע למי נושא עון למי שעובר על פשע. גם צריך לו לבעל תשובה לפרוש עצמו ולהזהר מכל מה שהזהיר הבורא עליהן ולהתרחק בתכלית ההרחקה ובפרט מדברים שנכשל בהן כבר גם צריך לו לפרוש עצמו מן הדברים המסופקין אם אסורין או מותרין כדי שלא יתקרב אל האיסור כלל . וצריך לו למנוע עצמו מן העבירות מאהבת השם ומיראתו ולא מיראת בני אדם ולא כדי שלא יבא לידי בושה וגנות בפני הבריות כ"א הכל מאהבת הבורא ומיראתו והעושה תשובה מפני אהבת הש"י דהיינו שמתבונן בנפשו גדולת הקב"ה ורוממותו אשר הוא עד אין חקר ועד אין תכלית וכבודו מלא השמים והארץ כמו שאמר הכתוב אם יסתר איש במסתרים וגו' הלא את השמים ואת הארץ אני מלא וגו' ומתמיה על נפשו איך בא לידי שטות כזה ומחליט בנפשו על להבא להזהר בכל כחותיו מזה החטא עבור זה נעשים לו העונות כזכיות כמו שאמרו חכמינו ז"ל ביומא (דף פ"ו) . וכשם שצריך לו לבעל תשובה למנוע עצמו מן העבירות כן צריך לו להשתדל ולעסוק במצות כענין שנאמר סור מרע ועשה טוב ובפרט באותן אברים שהמרה בהן רצון הש"י יהדר לקיים בהן מצות ה' כענין שאחז"ל צדיקים באותו דבר שחוטאין בו מתרצין כגון אם חטא בפיו והכניס דלטוריא בין איש לרעהו יהדר בפיו לעשות שלום בין איש לרעהו . ידיו שחללו שבת יהיו עוסקות מכאן ולהבא לכבד שבת בכל מה שיכול . אם היו ידיו עוסקות בגזל יהיו עוסקות בצדקה וחסד (מלבד מצות השבה שמוכרח לקיים ראשית הכל) . הקדים רגליו לעבירה יקדים רגליו לבית הכנסת ולבית המדרש ולשאר

---

װעניגסטענס ערב ראש חדש דארף מען זעהן פאסטען, אונ װענן ניט פאסטען, דארף מען זיך חאטש דערװייטערן פון קאמפאניע אונ פון איבעריגע פערגניגונגען. מען דארף זיך אויך געװאהנען, ניט צוא בעליידיגען דעם צװייטען, װענן יענער האט עס אפילו פערדיענט. אויך דארף דער בעל תשובה יעדען מענשען מוחל זיין װאס פאר א פערברעכען ער האט געגען איהם געטהון, אונ דאנן װעט גאטט ב"ה איהם מוחל זיין, װיא עס שטעהט: נושא עון ועובר על פשע – ער פערצייהט דיא זינד (װעמען?) דעם װאס איז (דעם אנדערן) מוחל זיין זינד (געגען איהם). דער בעל תשובה דארף זיך היטען ניט נור פון דיא עבירות, װאס ער טהוט אויף זייא תשובה, נור אויך פון אללע אנדערע עבירות, פון דיא קלענסטע ביז דיא גראסטע, אויך פון דיא זאכען, װאס איז א ספק, אויב מען מאג אדער מען טאר זייא ניט טהון. נאך א זאך: דערװייטערן זיך פון דיא עבירות מוז מען נור אוים ליעבע צוא גאטט ב"ה אונ אוים גאטטעספורכט, ניט אוים פורכט פאר מענשען אונ װיילע מען שאמט זיך פאר לייטען. זעהר הויך איז דיא מדרגה פון דעם װאס טהוט תשובה נור אוים ליעבע צוא גאטט ב"ה אונ װייל ער זעהט זיין גאנצע גרויסקייט אונ ערהאבענהייט, װאס דיא גאנצע װעלט, דיא הימעל אונ דיא ערד, איז מיט זייא פולל, אונ װאס האט קיין שיעור אונ קיין ע[illegible]ך ניט. אז מען בעטראכט עס אללעס גוט מוז מען זיך װאונ־דערן אויף זיך אליין, װיא האט מען דאס בייא זיך געקאנט פועל'ן צוא טהון א זאך, װאס איז ניט לרצון דעם גרויסען, שטארקען אונ פירכטערליכען גאטט, אונ צוליעב װאס? צוליעב א קליינע קארפערליכע הנאה, כדי צוא בעפריעדיגען א ניעדעריגע בהמה'שע תאוה! אונ דאנן אז מען בעשליסט זיך פעסט צוא היטען זיך װייטער מיט אללע קראפטען צוא טהון אזא נארישקייט דאנן װערדט זיין תשובה אנגענומען, אונ בזכות זה װייזען דיא עבירות פערװאנדעלט פאר זכיות, װיא דיא גמרא זאגט (אין יומא). אויך, אזוי װיא דער בעל תשובה דארף זיך היטען פון עבירות, אזוי מוז ער זעהן טהון װאס מעהר מצוות, איבער־הויפט מיט דיא אברים, מיט װעלכע מען האט געטהון דיא עבירות. װענן מען האט, למשל, געזינדיגט מיטן מויל דורך מלשינות אדער אנמאכען מחלוקת צווישען מענשען, מוז מען זיך בעמיהען מאכען שלום צווישען לייטען, דיא האנד װאס האבען מחלל שבת געװען, דארפען װאס מעהר פערעהרען דעם היילינגען טאג, האט מען געזינדיגט מיט גזילה, דארפען די־זעלבע האנד, װאס האבען יענעם בעגזלט, טהון א סך צדקה (חוץ װאס מען מוז אבגעבען דאס געגזל'טע), איז מען געלאפען צוא טהון איין עבירה, דארף מען יעטצט לויפען אין בית מדרש דאװנען אונ לערנען,

אונ

ולשאר מצות ה׳ וכן כל כי האי גוונא:

והעיקר שבכולם שיראה הבעל תשובה להוסיף בלמוד התורה בכל מה שיוכל במקרא או במשנה ואם אינו בן תורה עכ״פ יראה להוסיף אומץ במדת הצדקה והחסד ואפילו אין לו משלו יראה לזרז חבירו לצדקה וחסד ולהחיות העניים שכל זה מועיל לו לאדם להאריך ימיו ושנותיו ולכפר על עונותיו כדכתיב בחסד ואמת יכופר עון ואיתא במדרש רבה פרשת קדושים אם נכשל אדם בעבירה ונתחייב מיתה לשמים מה יעשה ויחיה אם היה למוד לקרות דף אחד יקרא שנים ואם היה למוד לשנות פרק אחד ישנה שנים ואם אינו למוד לקרות ולשנות מה יעשה ילך ויעשה גבאי לצדקה והוא חי שאלו נאמר עץ חיים לעמלים בה לא היה תקומה אלא עץ חיים למחזיקים בה כמ״ש בצל החכמה בצל הכסף. ר״ל מי שמחזיק בדרך התורה שהרבה ממצותיה באים רק לעורר הטוב והחסד בין איש לרעהו ועל ידי זה מתעורר החסד למעלה כדאיתא בזוהר הקדוש גם מדרכי התשובה הגמורה שימעטו בעיניו כל המצות וכל הזכיות וכל החסדים שעשה ויחשוב בלבו שלא עשה בטיפה מן הים לפי חיובו בהן ואם באין עליו יסורים וחלאים יקבל מאהבה ויצדיק עליו את הדין ויחשוב בעצמו שלא נגבה חובותיו אחד מאלף והרבה יותר מאלו היו ראויין לבוא עליו לפי רוב עונותיו אך רחמי ה׳ וחסדיו גברו עליו וכדאיתא במ״ר וידעת היום והשבות אל לבבך אר״מ אמר הקב״ה אתה ולבך יודעין מעשים שעשית ויסורין שהבאתי עליך שלא כנגד מעשיך הבאתי עליך יסורין. ויהיה שמח בזה יותר מימי השלוה שהיה לו עד עתה כדאיתא במדרש תנחומא צריך האדם להיות שמח ביסורין יותר מן הטובה שאפי׳ אדם בטובה כל ימיו לא נמחלו לו העבירות שבידו ובמה נמחל לו ביסורין ר״א אומר מוסר ה׳ בני

---

און אזוי מיט אללע אנדערע עבירות. דער בעל תשובה מוז איבערהויפט וואס מעהר לערנען תורה, וואס מען קאנן נור, צוא פסוק צוא משניות צוא גמרא, דער גאנץ פראסטער מענש דארף וועניגסטענס זעהן געבען וואס מעהר צדקה, און ווענן מען קאנן ניט אליין געבען, דארף מען האטש זיין איין עסקן צוטרייבען דעם צווייטען צוא דער מצוה, דענן צוליעב דער מצוה פון צדקה איז דער מענש מאריך ימים און עס ווערדט איהם פערגעבען די עבירות וויא עס שטעהט געשריעבען: בחסד ואמת יכופר עון — דורך (טהון) חסד און דורך לערנען תורה וואס רופט זיך אמת ווערדט פערגעבען די זינד. איבערהויפט דארף מען זעהן שטיטצען פיעל די לומדי התורה. אין מדרש שטעהט אזויא: ווענן איינער איז נכשל געווארען מיט איין עבירה און האט פערדיענט געגען גאט מיתה (טוידט) דאס הייסט ער האט געטהון אזא עבירה, וואס קומט פאר איהר כרת — וואס זאלל ער טהון כדי ער זאלל בלייבען לעבען? איז ער געוואהנט געוועזען אבצולערנען איין בלאט פסוק אדער איין פרק משניות, זאלל ער פון יעטצט אן אבלערנען צווייא. קאנן ער אבער ניט לערנען — וואס זאלל ער דאנן טהון? זאלל ער זיך אריינלעגען אין דער מצוה פון צדקה און בפרט צוא מחזיק תורה זיין. דאנן וועט ער בלייבען לעבען, וויא עס שטעהט: עץ חיים היא למחזיקים בה — זיא (דיא תורה) איז א בוים פון לעבען פאר דיא וואס שטיטצען איהר וואס פון דעם זעהט מען, אז אפילו דיא וואס לערנען אליין ניט, מעהר ניט וואס זייא שטיטצען, זייא זייגען מחזיק דיא לומדי התורה, וועללען בזכות זה אויך זוכה זיין צוא לעבען לאנג). דער וואס טהוט תשובה מיט איין אמת, מוז בייא איהם זייגע אייגענע מצוות וואס ער האט געטהון און זייגע זכיות וואס ער האט — גאנץ קליין אויסקומען. עס דארף בייא איהם זכאמשען וויא א טראפען פון ים, ענטגעגען דעם וואס ער איז מחויב צו טהון. און ווענן עס קומען אויף איהם יסורים און צרות מוז ער דאס מקבל זיין באהבה, אנגעהמען פאר גוט, און טראכטען, אז דאס איז קיין טויזענדטהייל ניט פון די יסורים וואס קומט איהם פאר זייגע עבירות, און אז ער האט צוא פערדאנקען נור דעם גרויסען חסד פון דעם רבונו של עולם, וואס ער ווערדט ניט שטרענגער בעשטראפט. וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק וידעת היום וכו׳ — דוא (מענש) ווייסט גאנץ גוט דיא (שלעכטע) מעשים וואס דוא האסט געטהון און אז דיא יסורים וואס איך האב אויף דיר געבראכט איז ניט נאך דייגע מעשים. מיט דיא יסורים דארף מען זיך נאך מעהר פרייען וויא מיט דיא גוטעס וואס מען האט געהאט. וויא עס שטעהט אין א מדרש: דער מענש דארף זיך מיט זייגע צרות מעהר פרייען וויא מיט זיין גליק, דען בעת דער מענש האט גוט, איז מען איהם זייגע עבירות ניט מוחל, וואנן איז מען איהם מוחל? אז ער האט יסורים. אויף דעם פסוק: מוסר ה׳ בני אל תמאס וכו׳ — דיא שטראף

גאמטעם

**בני אל תמאס** ואל תקוץ בתוכחתו כי את אשר יאהב ה' יוכיח וכאב את בן ירצה מי גרם לבן לרצות לאב זה יסורין עיי"ש עוד. ובטוח יהיה הבעל תשובה שבודאי הקב"ה יסייענו במעשה עבודתו ויפתח לפניו הדרך הטובה והישרה לעבודתו כענין שנאמר טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך וכן הוא אומר. קרוב ה' לכל קוראיו ואומר ובקשתם משם את ה' אלהיך ומצאת כי תדרשנו וגו' ואחז"ל הבא ליטהר מסייעין אותו. ואלהים ברחמיו ישיבנו בתשובה שלמה לפניו למען חסדיו הרבים אמן:

# פרק לו

## בו יבואר גודל חיוב שמירת שבת.

**שבת** קדש הוא האות הגדול והברית שנתן הקב"ה לישראל למען ידעו כי ששת ימים עשה ה' כל מה שברא בשמים ובארץ ושבת ביום השביע והוא יסוד האמונה לידע שהעולם הוא מחודש וכיון שברא הכל הוא אדון על הכל ואנחנו עבדיו ומחויבים לעשות רצונו ולעבדו בכל גופינו ונשמותינו וממוננו כי הכל שלו. והזהירה התורה על שמירת השבת י"ב פעמים, ואחז"ל כל המשמר את השבת כאלו מקיים כל התורה וכל המחלל את השבת כאלו כפר בכל התורה כולה. ונוכל להסביר זה בפשיטות על פי מה שבארנו את הפסוק ושמרו בני ישראל את השבת וגו' ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם כי ששת ימים וגו' דלהכי קרא הכתוב שבת בשם אות להורות לנו על גודל ענינו. והוא, לאחד מבעלי המלאכה והמסחר שמציב על ביתו מבחוץ איזה אות (הנקרא בל"א שילט) לציין לפני הכל ענין מלאכתו ומסחרו. והנה כל זמן שהאות נצב על הבית מבחוץ מורה לנו שהבעל מלאכה הזה הוא דר עדיין בדירה

הזו

---

גאטטעס זאללסט דוא, מיין זאהן, ניט פעראכטען, אונ זאלל דיר ניט דערעסען זיין עונש, דענן גאטט שטראפט דעם וואס ער ליעבט, אונ וויא דער פאטער זיין זוהן, אזוי לאזט זיך גאטט ב"ה איבערבעטטען געגען מענשען. — אויף דעם פסוק זאגט ר"א אזוי: דורך וואס לאזט זיך דער פאטער איבערבעטטען צוא זיין (צולאזענעם) זוהן? דורך יסורים (דאס הייסט, נאך דעם אז ער בעשטראפט איהם פאר זיינע צולאזענקייט), דאנן קריגט ער ליעבע צוא איהם. מיט דיא מענשען, דיא קינדער פון השי"ת, בעגעהט זיך דער רבונו של עולם אויך אזויא. דער בעל תשובה קאנן זיכער זיין, אז גאטט וועט איהם געוויס העלפען אין זיין הייליגען ענטשלוס (צו טהון תשובה) אונ וועט איהם ווייזען דיא רעכטע וועג מיט וועלכע ער וועט קאננען ערגרייכען זיין צוועק, וויא עס שטעהט געשריעבען: גאטט ב"ה איז א גוטער אונ רעכטפארטיג, דעריבער ווייזט ער דיא זינדיגע דיא רעכטע וועג פון זיין תורה. קרוב ה' — גאטט ב"ה איז נאהנט — שטעהט אין איין אנדער ארט — צו אללע וואס רופען איהם. הבא ליטהר מסייעין לו — דער וואס הויבט אן צו מאכען זיך ריין (פון זיינע עבירות) העלפט מען איהם (מן השמים) — זאגט דיא גמרא. זאלל אונז גאטט ב"ה געבען דעם גוטען ווילען אונ העלפען מיט זיין גרויס גנאדע, צוא טהון תשובה מיט איין אמת אונ מיט'ן גאנצען הארצען. אמן:

## פרק לו

**דער שבת** — דאס איז איינער פון דיא גלאוונע פונדאמענטען, אויף וועלכע אונזער אמונה איז געבויעט. דער שבת איז אונז געגעבען געווארען, כדי מיר זאללען זיך דערמאהנען, אז גאטט ב"ה האט אין זעקס טאג בעשאפפען דיא הימעל אונ דיא ערד אונ אללע ברואים וואס אויף זייא אונ אין זייא. אונ אז מיר וועללען זיך דערמאהנען אן דעם, וועללען מיר זיך ממילא אריינגעהמען אין זינגען, אז וויבאלד ער איז דער בורא, דער שאפפער, פון דער גאנצער וועלט, איז ער דאך דער הערר פון דער גאנצער בריאה אונ מיר זיינען זיינע קנעכט, אונ דארום זיינען מיר מחויב צו טהון זיין רצון אונ דיענען איהם מיט אונזער גוף, מיט אונזער נשמה אונ מיט אונזער געלד, דענן אללעס איז זיינע. צוועלף מאל, גאנצע צוועלף מאל, האט אונז דיא תורה אנגעזאגט, מיר זאללען היטטען דעם שבת. פון דעם אליין קאנן מען שוין זעהן וויא וויכטיג עס איז דיא מצוה. דער וואס היטעט אב דעם שבת — זאגען דיא חז"ל — איז גלייך וויא ער וואללט דיא גאנצע תורה מקיים געוועזען, דער וואס איז וויעדער מחלל דעם שבת — וויא ער וואללט אין דער גאנצער תורה געלייקענט. דעם מאמר פון דער גמרא קאנן מען גאנץ איינפאך ערקלאהרען. אין חומש שטעהט: **ושמרו בני ישראל את השבת** — אונ דיא אידען **זאללען**

**היטטען**

גזו אף אם לפעמים נסע לדרך על איזה ימים מ"מ עדיין לא עקר דירתו מהבית הזה מכל וכל משא"כ בשניטל האות מבחוץ לקבעו במקום אחר מוכח דהבעל מלאכה הזה כבר עיקר דירתו מכל וכל מהבית הזה ואינו מצוי כלל . כן הוא ממש בענין שבת כי הוא אות המעיד שהש"י ברא את העולם בששה ימים ונח ביום השביעי והוא ג"כ אות על האיש הישראלי הנושא את גם התפארת הזה על עצמו (ר"ל השומר שבת ומקיימו) שהוא מאמין בהקב"ה שהוא בורא העולם ומחדשו וממילא הוא אדון על הכל ואנחנו מחוייבים לעשות רצונו בכל נפשנו ומאדנו כי הכל שלו וע"י האמנתו בה' באמת הוא משרה בתוך לבבו קדושת ה' וכמו שכתוב כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם לדעת כי אני ה' מקדשכם וע"ז ג"כ רמז הכתוב ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם בתוכם ממש וכמו שפירשו המפרשים וע"כ אף אם אירע שעבר על איזה מן המצות עכ"ז האות הזה נצב להעיד על האיש הזה כי עדיין הוא דר בדירתו הראשונה ר"ל שאיש ישראלי הוא כמקדם שקדושת ה' בתוך לבבו לא כן אם ח"ו הוא מחלל את השבת בזה הוא מסלק האות מעל עצמו ומראה שבפנימיות לבבו כבר אינו דר איש ישראל המאמין בהש"י וכבר הוסר מקדש ה' מתוך לבבו וע"כ אמרו כל המחלל את השבת באלו כפר בכל התורה כולה :

**וראה** את חומר העון שיש באיסור שבת דהלא ידוע שיש כמה חלקי העונשים על העונות . יש ענינים

---

היטעען דעם שבת . . . דענן ער - דער שבת - איז צווישען מיר אונ דיא אידען איין „עוויגער צייכען , אז אין זעקס טאג האט גאטט געמאכט דיא הימעל אונ דיא ערד אונ אין דעם זיעבענטען טאג האט ער גערוהט . דער שבת הייסט אלזא איין „עוויגער צייכען" צווישען אידען אונ גאטט ב"ה , אדער מיט אנדערע ווארטער : א שילד , וואס בעצייכענט דעם אידישען פאלק אז ער איז דער עם הנבחר (דאס אויסגעקלי-בענע פאלק) , דער איינציגער וואס גלויבט , אז גאטט ב"ה איז אליין דער בורא פון דער גאנצער וועלט אונ אז ער איז דער הערר פון אללעם אונ מיר זייגען ממילא מחויב צו פאלגען איהם אין יעדער זאך . היינט לאזען מיר זעהן , וואס איז דיא בעדייטונג פון דעם שילד ? דער שילד בעוויזט אונז , אז צו דעם אונ דעם סוחר , אדער צו דעם אונ דעם בעל מלאכה , גע-הערט דער אונ דער געשעפט אדער דיא אונ דיא מייסטערסקאיא . כל זמן עס האנגט אלזא דער שילד איבער'ן געשאפט אדער איבער דיא מייסטערסקאיא , ווייסען מיר אז דער סוחר אדער דער בעל מלאכה האלט נאך דא זיין געשאפט אדער מייסטערסקאיא . אונ וועגן ער פאהרט אפילו אוועק אויף א קורצע צייט . הייסט עס נאך ניט אז ער איז פון דאנען ארויס, דענן ער וועט דאך קירצליך צוריקקומען . קוים אבער איז דער שילד אראבגענומען , איז עס א בעוויז , אז דער סוחר אדער דער בעל מלאכה האט זיך צוריבערגעקליבען אנדערשוואו . אט אזוי איז מיט אונזער שילד , מיט דעם שבת ! מיר האבען שוין איבער דערקלערט , אז מיט'ן היילינען שבת בעווייזען מיר . אז מיר גלויבען אין גאטט אונ מיר דארפען אונ זייגען בערייט צוא דיענען איהם מיט'ן גאנצען הארצען . דורך דעם קומט אויף אונז ארויף א בעזונ-דער קדושה , וויא עס שטעהט מפורש ביי דער מצוה פון שמירת שבת : „. . . דענן איך גאטט מאך אייך היילינ" , אונ וויא עס שטעהט אין איין אנדער ארט : ועשו לי מקדש וכו' — אונ זייא (דיא אידען) זאללען מיר מאכען צו בית המקדש אונ איך וועל רוהען אין (אדער : צווישען) זייא , דאס הייסט : אין זייא גופא , אין זייערע הערצער . נור כל זמן דער שילד האנגט , כל זמן דער איד היטט דעם שבת , הייסט עס , אז ער געפינט זיך נאך אין דעם ארט , דאס הייסט אז ער איז נאך א איד , אונ וועגן ער פאהרט אפילו אוועק פון דאנען אויף א קורצע צייט , דאס הייסט : וועגן ער טהוט אמאל איין עבירה — ארויס פון דער דירה קיינט אללעמען איז ער דאך נאך ניט , מען קאנן זיין זיכער , אז ער וועט זיך פריהער אדער שפעטער צוריקקעהרען , אבער וויא דער שילד ווערדט אראבגענומען , דאס הייסט : וויא דער איד האלט אויף צו היטען דעם שבת , דאנן געהט ער דאך פון זיך אראב דעם שילד פון זיין אידישקייט , דעם סימן , וואס גאטט האט איהם געגעבען צום צייכען , אז ער גלויבט אין איהם אונ אין זיין תורה אונ עס ווערדט פון איהם אראבגענוממען זיין גאנצע קדושה . אט דעריבער שטעהט , אז דער וואס איז מחלל שבת , איז גלייך וויא ער וואללט ניט געגלויבט אין דער גאנצער תורה . וויא גרויס עס איז דיא עבירה פון חלול שבת ווערט מען אויך פון דעם : עס איז ידוע ,

ענינים שכשאדם עובר עליהן הוא רק איסור עשה בלבד. חמור מזה העונות שיש עליהן איסור לאו. וחמור מזה העונות שיש עליהן מיתה בידי שמים. וחמור מזה העונות שיש עליהן חיוב כרת. חמור מזה העונות שיש עליהן חיוב מיתה בידי אדם והוא מיתת חנק. חמור מזה העונות שיש עליהן חיוב מיתת הרג בסייף. חמור מזה אותן שיש עליהן מיתת שריפה. חמור מכולן עונות שיש עליהן חיוב סקילה ועל שבת הלא ידוע שהמחלל אותה הוא חייב סקילה החמורה שבמיתות. וראה עוד את חומר העון של איסור שבת הלא בכל העונות לבד מעבודת כוכבים ומזלות קי"ל דאם הוא מומר ח"ו לאחד מהן אינו מומר לכל התורה כולה ואילו באיסור שבת קיי"ל בשו"ע או"ח סימן שפ"ח ס"ג דמי שהופקר אצלו איסור שבת ועובר עליו כמה פעמים בפרהסיא הוא מומר לכל התורה ודינו כעובד כוכבים ממש ואם הוא דר עם ישראל ברשות אחד צריך לשכור ממנו הרשות כמו אם הוא דר עם העו"ג ואם שחט אף שאחר עומד עליו ורואה ששחט כדין אפ"ה שחיטתו נבילה גמורה מטעם דהוא אינו בר זביחה כלל כדאיתא בפוסקים וטעם לכל זה הוא דהמחלל את השבת כופר במעשה בראשית *) כמו עובד כוכבים וע"כ גם עונש מחלל שבת הוא בסקילה כעובד כוכבים וכשהוא בלי התראה הוא עכ"פ בכרת. מכל זה יראה האדם את גודל ענין שבת ואיתא בם"ר פרשת בשלח א"ר אלעזר בר אבינא מצינו בתורה ובנביאים וכתובים ששקולה שבת כנגד כל המצות. בתורה מנין שבשעה ששבח משה לומר להם מצות שבת אמר לו הקב"ה עד אנה מאנתם לשמור מצותי וגו' מה כתיב אחריו ראו כי ה' נתן לכם השבת ובנביאים מנין שנאמר וימרו בי בית ישראל במדבר בחקותי לא הלכו מה כתיב אחריו ואת שבתותי חללו. בכתובים מנין שנאמר

*) וז"ל הרמב"ם פ"ל מהלכות שבת. השבת ועבודת כוכבים כל אחת משתיהן שקולה כנגד שאר כל מצות התורה והשבת הוא האות שבין הקב"ה ובינינו לעולם לפיכך כל העובר על שאר המצות הרי הוא בכלל רשעי ישראל אבל המחלל שבת בפרהסיא הרי הוא כעובד עבודת כוכבים ושניהם כעובדי כוכבים לכל דבריהם וכו' עי"ש.

---

אז דיא שטראף פאר דיא עבירות צוטהיילט זיך אין פיעל ארטען. עס זיינען דא אזעלכע עבירות, וואס דער וואס טהוט זייא איז נור עובר אויף איין „עשה". דאס הייסט: ער טהוט ניט דיא מצוה, וואס מען דארף טהון. גראססער פון דיא עבירות זיינען דיא, וואס אז מען טהוט זייא איז מען שוין עובר אויף א „לאו", דאס הייסט: מען טהוט אזא זאך, אויף וועלכער עס שטעהט אין דער תורה, מען זאלל עס ניט טהון. נאך גראססער זיינען דיא עבירות, פאר וועלכע עס קוממט מיתה בידי שמים (טוידט דורך גאטטעס האנד). גראססער פון דיא, זיינען דיא עבירות, פאר וועלכע עס קוממט כרת, וואס דיא נשמה ווערדט אבגעשניטען פון איהר לעבהאפט. דיא עבירות וואס קוממט פאר זייא דער טוידט (דורך מענשליכע האנד)', זייגען נאך גראסער, אונ צווישען דיא געפינען זיך וויעדער פיער ערליי ארטען, איינע גראססער פון דיא אנדערע: דערשטיקונג, קאפפען, פערברענונג אונ פערשטיינונג. דיא פערשטיינונג (סקילה)' איז אלזא דיא גראססטע שטראף, וואס איז נור מאגליך פאר איין עבירה. אונ פאר חלול שבת קוממט פערשטיינונג (סקילה). נאך מעהר זעהט מען פון דעם ארויס, וויא גרויס עס איז דיא עבירה פון חלול שבת: דער דין איז, אז דער וואס איז א מופקר צוא וואס עס איז פאר איין עבירה – אחוץ געטצענ־דיענסט – הייסט ער דערמיט נאך ניט קיין מופקר צוא דער גאנצער תורה, בייא חלול שבת איז אבער אנדערש: דער וואס בייא איהם איז דער איסור געווארען הפקר אונ האט איהם געטהון פיעל מאל בפרהסיא, אפפענטליך, איז ער על פי דין גלייך וויא א געטצענדיענער אין אללע זאכען, א[illegible] מען ניט, למשל, עססען פון זיין שחיטה אונ דער־גלייכען. דיא אורזאכע דערפון איז, וויל דער וואס איז מחלל שבת איז גלייך וויא ער לייקענט אין דיא מעשה בראשית (דיא שאפפונג פון דער וועלט דורך איין איינציגען גאטט), וויא מיר האבען פריהער ערקלאהרט, אלזא גלייך וויא ער וואללט דיענען דעם געטץ. אום דערזעלבער אורזאכע איז דיא שטראף פאר חלול שבת - סקילה (שטייניגונג), גלייך וויא פאר געטצענדיענסט. דאס איז ווען מען האט איהם פריהער מתרה געווען, ווען ניט – קוממט כרת. אין מדרש שטעהט אזויא: מיר געפינען אין דער תורה, בייא דיא נביאים אונ אין „כתובים" (דער טהייל פון תנ"ך, וואס איז געשריבען געווארען מיט רוה"ק דורך דוד המלך אונ שלמה המלך. עזרא

נחמיה

שנאמר ועל הר סיני ירדת ודברת עמהם מה כתיב אחריו ואת שבת קדשך להם הודעת אמר הקב"ה לישראל אם תזכו לשמור שבת מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצות שבתורה ואם חללתם אותו מעלה אני עליכם כאלו חללתם כל המצות וכן הוא אומר שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע.
בעת שאדם שומר את השבה גוזר גזירה והקב"ה מקיימה שנאמר אם תשיב משבת רגלך מה כתיב אחריו אז תתענג על ה' כמת דתימא והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך ולא עוד אלא כל מה שאתה אוכל אינו אלא מן הפירות אבל הקרן קיימת לו לעוה"ב שנאמר והאכלתיך נחלת יעקב אביך כי פי ה' דבר. וזכות שמירת שבת כהלכה מועיל למחול לו על כל עונותיו כמ"ש בגמרא כל המשמר שבת כהלכתו אפילו חטא כדור אנוש מוחלין לו שנאמר אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שומר שבת מחללו אל תקרא מחללו אלא מחול לו;

ע"כ מה מאד צריך האדם להתחזק בכל כחותיו בענין שמירת שבת כהלכ' ובעו"ה כהיום ימצאו אנשים חוטאים בנפשותם שהופקר בעיניהם איסור שבת ואוי לנו שכך עלתה ביטינו לראות אנשי רשע באלה ואף דאפשר שגם בדורות הראשונים היו נמצאים אנשים שהיו יוצאים חוץ לשיטה אבל שם היו יודעים הכל שאנשים באלו בכלל מומרים הם והיו ישראל פורשין עצמן מהם ולא היו לטדין מהם אבל כהיום בעו"ה נתקלקל הדבר באיזה מקומו' כ"כ עד שחושבים איזה אנשים שגם הם בכלל נחלת ה' העם אשר בחר לחלקו אלא שחסר להם מצוה אחת וממילא גם ע"ז שאר אנשים לטדין מדרכיהם הרעים ובאמת טעות גדול הוא כי הרמ"ח מצות שבתורה שהטיל הש"י על האדם לזכרם ולשמרם הוא נגד הרמ"ח אברים שבאדם וכי היכי דבהאברים נמצא אברים שונים
יש

---

נחמיה וכו'). אז שבת וואגט איבער אללע מצוות פון דער תורה וכו'. גאטט האט געזאגט צוא דיא אידען: ווען איהר וועט זוכה זיין אפצוהיטען דעם שבת, וועט דאס ביא מיר גלייך זיין, וויא איהר וואלט היטען אללע מצוות התורה, וועט איהר אבער דעם שבת מחלל זיין, וועט עס ביא מיר גלייך זיין וויא איהר וואלט מחלל געווען אללע מצוות און אזוי שטעהט אויך: שומר שבת מחללו וכו' – דער וואס היטט דעם שבת, ניט צו ענטהייליגען איהם, (איז גלייך וויא) ער היטט זיין האנד ניט צו טהון קיין שלעכטעס. בעת דער איד היטט דעם שבת אב, איז גאטט ב"ה ממלא זיין רצון אין אללעם, וויא עס שטעהט געשריעבען וכו'. נאך מעהר: דער שכר וואס מען האט אויף דער וועלט פאר'ן היטען דעם שבת איז נור פון דיא פראצענט (דיא פירות), אבער דער קרן בלייבט צוא יענער וועלט, וויא עס שטעהט וכו'. דער זכות פון שמירת שבת שטעהט דעם מענשען אויך ביא, מען זאלל איהם מוחל זיין אללע זיינע עבירות, וויא דיא גמרא זאגט: דער וואס היטט אב דעם שבת וויא עס דארף צו זיין, איז ווען ער איז אפילו אזוי זינדיג וויא דער דור פון אנוש, איז מען איהם אויך מוחל, וויא עס שטעהט וכו'. פון דעם אללעם וואס מיר האבען ערשט גערעדט, זעהט מען וויא ווייט דער איד דארף זיך מתחזק זיין מיט אללע קראפטען, אפצוהיטען דעם שבת וויא עס דארף צו זיין. אבער היינטיגע צייטען געפינען זיך ביא אונז בעונותינו הרבים זעהר פיעל וואס דער איסור שבת איז ביא זייא גאר געווארען הפקר. אז אך און וועה וואס מיר האבען דערלעבט צו זעהן מיט אונזערע אויגען אזעלכע מעשים ביא אידען! עס איז מעגליך, אז אמאל האבען זיך אויך געפונען אזעלכע מענשען וואס זיינען ארויס פון אידישע וועג, אבער דאמאלס פלעגען וועניגסטענס אללע וויסען, אז דיא לייט זיינען גלייך ווי אמתע מומרים, און מען פלעגט ניט שטעהן אין זייערע ד' אמות און מען פלעגט זיך פון זייא ניט אבלערנען. היינט איז אבער געקוממען אזוי ווייט, אז אנדערע מיינען אז דיא מחללי שבת זיינען אויך אידען גלייך מיט אללע אידען, טעהר ניט, וואס זייא פעהלט איין מצוה, און דאדורך לערנט מען זיך ממילא פון זייא אב און מען טהוט זייא נאך. דאס איז אבער א גרויסער טעות, ניט נאר איין מצוה פעהלט אים נור ער נעהמט אראב מיט דעם זיין גאנצע אידישקייט, און אין פיעל דינים ווערדט ער גערעכענט מיט דעם וויא א עו"ג ממש וויא עס שטעהט אין שו"ע און וויא מיר האבען אויבען געשריעבען. דענן עס איז ידוע, אז דיא רמ"ח (248) מצוות התורה זיינען ענטגעגען רמ"ח אברים (צוויאהונדערט אכט און פערציג גליעדער וואס דער מענש האט, און פונקט אזוי וויא צווישען דיא גליעדער געפינען זיך אזעלכע, וואס דער גאנצער
לעבן

יש שאין הנשמה תלויה בהם כמו היד והרגל וכדומה דאף אם יחסרו אף שהחסרון הוא רב מאד מאד אעפ"כ הוא נקרא רק בשם בעל מום ויש שעל ידי חסרונו אינו יכול לחיות ע"פ הטבע כגון שהותז ראשו או שנקרע לבו ששם הוא מקור החיים כן הוא ג"כ בעניני מצות הש"י שעליהן ג"כ כתיב אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ונאמר כי הוא חייך ואורך ימיך ועוד פסוקים רבים כהנה המורים לנו כי עיקר חיי הנפש לעוה"ב תלוי בקיום התורה. יש מצות שאפילו אם פשע האדם ועבר עליהם הוא נקרא לעוה"ב רק בשם בעל מום [וגם זה גנאי גדול הוא לנצח דידוע מה שכתב הרח"ו בשער הקדושה וכן הגר"א במשלי דהחבלה ימצא לנצח בנפשו באותו האבר שפשע בו על רצון הש"י ונמצא דאם לא הניח תפילין אף אם יקיים כל המצות ע"כ יחסר לו היד ונמצא כשיקום לעת התחיה כל ישראל יעמדו חיים וקיימים בכל אבריהם והוא יחסר לו היד השמאלי הזה לנצח דבזכות מצות התורה שהאדם מקיים באבריו הם זוכים לחיות לעתיד חיי עולם וכמו שאנו אומרים וחיי עולם נטע בתוכנו וכיון שעבר בשאט נפש על המצוה הזו אין לו מי שיחיינה וכמה יתמרמר האדם ע"ז שהכל ידעו את גודל הסרחו בה' במצות תפילין וכן כה"ג אם חסר לו שאר אברים ע"י ש"ד שקלקל וכמו שתרגם בקהלת סוף דבר הכל נשמע דהיינו שלבסוף הכל יתפרסם לעיני הכל וע"כ את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם ור"ל שמהרמ"ח מ"ע ושס"ה לאוין שנשמר האדם בימי חייו יבנה לעתיד כל האדם ונמצא כשיקום ויחסר לו איזה אבר או שנתקלקל לו איזה גיד מגידיו יתבוננו הכל איזה מ"ע או איזה לאו עבר בשאט נפש וכמה קלון וכלמה יסבול ע"ז לנצח] ויש ענינים שהם נגד הראש והלב שהם עיקר חיות נפש הקדוש' כמו אמונה בה' ובתורתו ועגין

ועגין

---

לעבען ווענדט זיך אן זיי, וויא, למשל, דיא קאפ, דיא הארץ, אונ אזעלכע, וואס מען קאנן אהן זייא אויך לעבען, מעהר ניט וואס מען הייסט דאנן א קאליעקע, וויא למשל, דיא האנד, דיא פיס, — פונקט אזוי איז מיט דיא מצוות: עס זיינען דא אזעלכע מצוות, וואס אז מען איז אויף זייא עובר פערליערט מען אויף יענער וועלט אונ בעת תחית המתים — נור יענעם אבר, מיט וועלכען מען האט ניט געטהון דיא מצוה, אונ מען בלייבט נור א בעל מום, וואס דאס אליין איז אייגענטליך שוין אויך א גרויסער עונש, א קליינינקייט דיא חרפה, וואס מען וועט דערפון האבען אויף יענער וועלט אונ בעת תחית המתים: פאר'ן ניט לעגען קיין תפלין, למשל, האטיש מען האט אללע אנדערע מצוות מקיים געוועזן, וועט מען אויפשטעהן בעת תחית המתים אהן דער לינקער האנד, וואהרענד אללע אידען וועללען אויפשטעהן געזונד אונ מיט אללע אברים, אזוי אז יעדער וועט וויססען, אז דער אונ דער האט אויף דער וועלט ניט מקיים געוועזן אזא גרויסע מצוה וויא תפלין לעגען, וויא אזוי דאס וועט אזוי זיין – דאס קאנן מען גאנץ איינפאך ערקלאהרען: דער עוויגער לעבען אויף יענער וועלט אונ דיא תחית המתים וועט דער מענש האבען נור בזכות דעם, וואס ער האט מקיים געוועזן דיא מצוות התורה, וועלכע זיינען דיא קוואללע פון לעבען, וויא מיר זעהען פון פיל פסוקים,

יעדער אבר וועט ציעהען זיין כח החיים (זיין לעבענס-קראפט) פון יענער מצוה וועלכע מען האט געטהון מיט דעם אבר, דיא פוס וועט אלזא בעלעבט ווערען צוליעב דער מצוה פון צדקה, וואס מען איז געלאפען טהון, דיא לינקע האנד צוליעב דער מצוה פון תפילין-לעגען אונ אזוי ווייטער, ווען מען האט אבער ניט געלעגט קיין תפלין פערליערט דאך שוין דיא האנד איהר לעבענסקראפט אונ דער מענש בלייבט שוין א קאליעקע אויף דער האנד, היינט וויא וועט מען זיך שוין מוזען שעמען, וויא וועט מען זיך מאכען פארווירפע, וואס מען האט ניט מקיים געוועזן דיא אונ דיא מצוה! דאס איז אויך דיא כונה פון דעם פסוק אין קהלת: סוף דבר הכל נשמע וכו׳, אללעס וועט בעקאנט ווערען צום סוף (אויפ'ן עולם האמת) דעריבער האב מורא פאר גאט אונ היט זיינע געבאטען, דענן דאס איז דער גאנצער מענש, דאס הייסט דורך דיא מצוות ווערדט געבוים דער מענש: ווענן דער מענש איז ניט מקיים קיין מצוה וועט איהם דאך פעהלען דער אבר, וואס ענטגעגען דער מצוה, אונ אללע וועללען אלזא וויססען, אז ער האט דיא אונ דיא מצוה פערפעהלט, אונ ווייל „צום סוף וועט אללעס בעקאנט ווערען", דעריבער – האב מורא פאר גאט אונ היט אב זיינע מצוות, דענן צוליעב דעם זכות וועט דאך דער מענש זוכה זיין צום עוויגען לעבען). דאס איז אללעס גערעדט, אז מען טהוט

אזא

ועניין שמירת שבת דהוא ג"כ יסוד האמונה דאם יחסר לו עניינים ההם כבר נסתלק כל עיקר החיות מנפשו הקדושה וכשהוא חי בעוה"ז הוא חי רק בנפש הבהמית שלו ולא יהיה לו במה להקים בעת התחיה. וכשנחקור על סיבת הדבר ע"י מה הופקר העון הנורא הזה נמצא כי רבות הנה. יש שהיצר מטעה אותו שאין עליו איסור שאם ישבות ביום השבת הלא יחסר לו פרנסת היום הזה ובמה יחיה את בני ביתו וטעות גדול הוא מכמה פנים וכאשר ביארנו למעלה דאפי' מי שהוא עשיר וא' כופה אותו שיעשה מלאכה ביום השבת. ובאם לא ישמע לו יכהו באכזריות וגם יקח ממנו כל ממונו וישאר בעירום וחוסר כל הוא וכל אנשי ביתו ויצטרכו לחזור על הפתחים אעפ"ב מחויב להתרצות לזה כ"ז שאין הדבר נוגע לו לסכנת מות ממש ועאכ"ו בזה שאין אחד כופהו כלל רק מעצמו רוצה לחוש לזה בודאי הוא דבר שאין בו ממש כלל וכלל ובפרט שהוא טעות מעיקרו. דהנה ידוע הוא דבזכות שבת באה ברכ' לתוך עסקו ופרנסתו של האדם ונתמלא לו מה שהיה צריך לעמול ביום השבת וכדכתיב ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו וכן כתיב ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך וביום השביעי וגו' ופירשו המפרשים דר"ל שתדע שאם תשמור שבת יהית בזכות זה בחששת ימים עשוים כל המלאכות וכמו שהיה המעשה באמת שדתן ואבירם יצאו ביום השבת ללקוט כדי להכין על מחר ולא האמינו שע"י שמירת שבת ממלאכה לא יחסר להם מזון וגער השי"ת

אַזאַ עבירה, צוליעב וועלכער מען ווערדט נור אַ בעל מום. עס זיינען אָבער דאָ אַזעלכע מצוות, וואָס אַז מען איז אויך זייא עובר פערשפּיעלט מען דעם גאַנצען לעבען אויף יענער וועלט. ווייל זייא זיינען אַנטגעגען דיא קאָפּ אָדער דיא האַרץ, אונ אַזוי וויא אין אונזער צייטליכען לעבען קאָן מען אָהן אַ קאָפּ אָדער אָהן אַ האַרץ קיין אויגענבליק ניט לעבען, ווייל אין זייא ליעגט דער גאַנצער מקור החיים (לעבענס־קוואַללע), פּונקט אַזוי איז מיט דעם עוויגען לעבען: האָט מען געזינדיגט מיט'ן קאָפּ אָדער מיט'ן האַרצען אונ פערלאָרען אַלזאָ דעם כח החיים, דיא לעבענסקראַפט, וואָס ליעגט אין זייא, וועט מען שוין אויף יענער וועלט קיין אויגענבליק ניט קאָנגען לעבען. דיא אמונה אין גאָט אונ שמירת שבת — דיא ביידע גרויסע עניינים, וואָס זיינען פערבונדען איינער מיט'ן צווייטען, וויא מיר האָבען שוין ערקלערט, זייער אָרט איז אויך דיא קאָפּ אונ דיא האַרץ, האָט מען זייא ניט אָבגעהיט, פערליערט מען דערמיט דעם גאַנצען עוויגען לעבען אויף יענער וועלט אונ צוא תחית המתים, אונ אויף דער וועלט בלייבט מען אויך נור ביי דער "נפש הבהמיות", דאָס הייסט: מען לעבט נור וויא דיא בהמה, וואָס מיט איהר פּגר'ן ווערד פון איהר אַ סוף, ניט האָבענדיג אין זיך קיין קראַפט צוא לעבען דעם עוויגען לעבען אויף יענער וועלט. אַז מיר וועללען גוט בעטראַכטען וועללען מיר איינזעהן, אַז עס זיינען דאָ פיעל אורזאַכען, צוליעב וועלכע דיא גרויסע אונ שרעקליכע עבירה פון חלול שבת איז ביי דער וועלט געוואָרען אַזוי הפקר: אָפּט שמועסט אַיין דער יצר הרע, אַז עס איז גאַר קיין עבירה ניט צו אַרבייטען שבת, דענן אַז מען וועט ניט אַרבייטען וועט מען ניט האָבען וואָס צו געבען עסען דיא ווייב אונ קינדער, דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות, ערשטענס, ווען ער איז אַפילו אַ גביר אונ מען נאָטה איהם צו אַרבייטען שבת, מטראַשענדיג איהם אַז ווענן ער אַרבייט ניט, וועט מען איהם שלאָגען צום טויט אונ מען וועט ביי איהם צונעהמען זיין גאַנצען פערמאָגען אונ ער מיט דיא ווייב אונ קינדער וועלען מוזען אָנטהון אַ טאָרבע אונ געהן איבער דיא הייזער, — אַפילו דאַנן טאָר מען בשום אופן ניט אַרבייטען, סיידען אַז עס איז דאָ אין דעם אַיין אמת'ע לעבענסגעפאַהר, בפרט אַז דאָ צווינגט איהם קיינער ניט. צווייטענס איז דאָך ידוע, אַז בזכות פון אָבגעהיטען שבת, קוממט אַריין אַ ברכה אין דער אַרבייט אונ מען פערדיענט אין מיטוואָך אַזוי פיעל, מען זאָלל ניט דאַרפען אַרבייטען שבת, וויא דיא מפרשים ערקלאָהרען דעם פסוק ששת ימים תעבוד וכו' זעקס טאָג זאָללסט דוא אַרבייטען אונ אָבטהון גאַר דיינע אַרבייט אונ אויפ'ן זיבענטען טאָג זאָללסט דוא רוהען. דיא כוונה איז, אַז ווענן דוא וועסט דעם זיבענטען טאָג רוהען, דאַנן וועסט דוא אין דיא זעקס טאָג אויספעיען אָבצוטהון גאַר דיין אַרבייט וואָס דוא האָסט נאָטהיג צום לעבענסמיטטעל אונ דוא וועסט ניט דאַרפען אַרבייטען שבת. אַזוי זעהט מען אויך פון דער מעשה מיט דתן אונ אבירם, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען (בעת דיא אידען זיינען אַמאָל געווען אין דער מדבר) קלויבען מן אום שבת, כדי אָנצוגרייטען אויף

באַרגען

הש"י ע"ז ואמר עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורותי ראו כי ה' נתן לכם השבת ע"כ הוא נותן לכם ביום הששי לחם יומים ור"ל הלא תוכלו לראות שה' הוא שנתן השבת וממנו לא תצא שום רעה ואדרבה היא טובה לנו שננוח ונשבות מיגיענו ביום השביעי ובזכות שבת באה ברכה ביום הששי למלאות השפעת היום הזה והנה צוה הש"י למלאות צנצנת המן למשמרת לדורותיכם למען יראו את הלחם אשר האכלתי אתכם במדבר וגו' והנה המן הוא הוראה לדורות שנלמוד תורה ונשמור יום השבת כראוי ולא נשאל איך נחיה שהקב"ה מזמין לעושי רצונו פרנסה ושולח ברכה בעסקיהם כמו שפרנס לדור המדבר ארבעים שנה אף שלא ירד פ"א מן בימי השבת ובכל ימות החול לא ירד כ"א בצמצום אעפ"כ בכל ע"ש היה יורד כפול כדי להכין להם על יום השבת וממנו ידעו ישראל לנצח שהקב"ה מזמין להם בימי החול על שבת. גם צריך האדם לידע שאלו המעות שהרויח בזמן האיסור לא די שיכלו לבסוף אלא יכלו גם את ממונו הכשר שיש לו וכאשר נבאר לקמן בארוכה ויש שהיצר מטעה אותם בדרך בלל לומר שעל אלו הימים מועטים שבדעתו להתגורר באמעריקא ושארי ארצות רחוקות א"א להתנהג בדת יהודי בשמירת שבת וכיו"ב כראוי כשאחזור למקום משכן אבותי שם אשוב לדת האמתי וכמה מוטעין הם אלו האנשים היתכן שימרוד העבד במלכו במקום שכל עסקי המדינה מתנהגין ע"פ רצונו לבד והוא המושל על הכל והעבד הזה

---

מארגען, ניט גלויבענדיג, אז בזכות זייער אפהיטען דעם שבת וועט זייא גאטט ב"ה צושיקען זייער לעבענסמיטטעל. דעריבער האט גאטט אויף זייא גע־צארענט אונ געזאגט: ביז וויא לאנג וועט איהר ניט וואללען היטען מיינע געבאטען אונ מיינע לעהרען, דענן גאטט האט אייך דאך געגעבען דעם שבת (אונ ער מיינט דאך דערמיט נור אייער טובה, כדי איהר זאללט רוהען פון אייער ארבייט אין דעם היילינען טאג) דעריבער גיבט ער אייך פרייטאג ברוידט (מן) אויף צווייא טאג. דאנן האט גאטט גע־הייסען משה'ן אנפיללען א קריגעל מן, דאס זאלל בלייבען צום בעווייז פאר דיא שפאטערע דורות. כדי זייא זאללען זעהן – ווערדט ערקלעהרט אין דער תורה – דעם ברוידט וואס אידען האבען געגעססען ארויסגעהענדיג פון מצרים. אין דעם ליעגט אבער נאך א כונה: דערמאהנענדיג זיך אן דעם מן, זעהען מיר. אז מיר דארפען ניט זארגען, פון וואנעט מיר וועללען ציעהען אונזער לעבענסמיטטעל אויף דעם שבת'דיגען טאג, ניט ארבייטענדיג אין איהם. דענן אז ווענן מיר וועללען טהון דעם רצון פון גאטט אונ וועללען היטען דעם שבת. דאנן וועט ער אונז צו־שיקען פרנסה אונ מיר וועללען אין מיטטען וואך פערדיענען אויף שבת אויך, פונקט וויא ער האט דעם דור המדבר פערציג יאהר נאכאיינאנד מפרנס געוועזען מיט מן, אונ חאטש שבת איז ניט געגאנגען קיין מן אונ אין מיטטען וואך איז אויך געגאנגען ניט איבעריגע, און דעסטוועגען האט זייא שבת ניט גע־פעהלט, וייל פרייטאג איז געגאנגען צווייא מאל אזוי פיעל וויא געוואהנליך אונ דערצוא האט נאך געטראפען א נס, אז עס איז ניט כלה געווארען דאס וואס זייא האבען געלאזען פון פרייטאג אויף שבת, אונ געבליעבען מיט'ן זעלבען טעם וריח. דאס דארף מען אויך וויססען, אז דאס געלד וואס מען פער־דיענט אום שבת, וויא איבערהויפט דורך יעדע עבירה, איז ניט נור וואס האט אליין קיין קיום ניט – צוליעב איהר, האט דיא כשר פערדיענטע געלד אויך קיין קיום ניט, וויא מיר וועללען ווייטער ערקלעהרען באריכות. אנדערע רעדט דער יצר הרע איין צוא מחלל זיין דעם שבת, מיט אזא דרך: זייענדיג אין דער פרעמד, אין דיא ווייטע מקומות, קאנן איך דאך סאי וויא סאי ניט אפהיטען אונזער תורה בכלל אונ דעם שבת בפרט, אט אז איך וועלל קומען אהיים וועל איך זיך צוריק פיהרען אידיש ווי געוועזן! זייא פארגעססען אבער אז דעם איסור כרת וואס זייא וועללען בעקוממען בלייבט דאך זייא אויף עביג, זייער נשמה ווערדט אבגעשניטען חלילה פון חיי נצח וואס פאר איין מאל חלול שבת איז אויך גאנץ שווער מתקן זיין, בפרט פאר צעהנדליגע מאל, אונ דאס גלייכען אנדערע עבירות. אויסער דעם איז דער גאנצער געדאנק א נייער איינפאלל פון דעם יצר הרע, כדי ארונטערצופיהרען דעם מענשען פון וועג. דאס קוממט אוים פונקט וויא א קנעכט וואס זיין הערר, דער קאניג, קאנן איהם אין יעדען אויגענבליק ארונטער־נעהמען דיא קאפ, אדער וועניגסטענס ניט געבען איהם זיין לעבענסמיטטעל אונ לאזען שטארבען פון הונגער, וויא אזא קנעכט איז מורד אין זיין הערר

און

הזה ג"כ אין לו שום מכיר וגואל שם לפרנסו ולהחיותו מבלעדי אדונו הלא אין זה כ"א רוע לב ופושע ומורד כן הדבר הזה הלא מלא כל הארץ כבודו ואף באמעריקא ואפריקא ובדומה וכמו דכתיב אם אסק שמים שם אתה וגו' אם אשכנה באחרית ים גם שם ידך תאחזני וגו' ואיך מלא לב האדם לעבור בפני האדון על רצונו (ובפרט שהתורה רמזה לנו לענין שבת בהדיא שנוהגת בכל מושבות ובדכתיב לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת וה"ה שארי מלאכות) וביותר מזה כאשר יתבונן האדם מי נתן לו גם חיות לכל רמ"ח אבריו ומי נתן לו הדעת גם שם אשר בלתי הדעת כבהמה נחשב ומי מזמין לו שם פרנסה הלא ה' הוא אשר הוא מחיה את כולם והוא הנותן דעת והוא נותן לחם לכל בשר הכוה גמול **על כל** מפעלו הטוב ואלו יאמר האדון לעבדו קנין בכספו **אני** מרשה לך שבל הימים תעבור לעצמך והעבדני **רק** יום אחד בשבוע ואף בשביל יום זה אתן לך מתנה טובה כמה מאהבה היה גיתוסף בלב העבד לרבו בשביל זה ואף בעניננו הלא עבדים היינו לפרעה במצרים ועשינו בכל יום בחומר ולבנים והוציאנו השי"ת משם ברוב חמלתו ולקחנו לעבדים לו והרשנו שבכל יום מששת ימי המעשה נוכל לעשו' כל מלאכתנו אך ביום השבת לא נעשה שום פעולה לכבודו ורק גראה לקדש את היום הזה ולזכור כי ששת ימים עשה ה' את השמים והארץ ושבת ביום השביעי וםמילא כאשר נתבונן כי הוא אדון על הכל והוא מחיה אותנו בחסדו

---

אונ געהמט אונ אנטלויפט אין איין אנדער שטאדט אין דיזעלבע מדינה. טראכטענדיג זיך, אז דא קאנן ער זיין א פרייע פויגעלע. אזעלכע משוגעים געפינען זיך ניט, אנטלויפען קאנן מען נור אין איין אנדער מדינה, וואס געהערט אונטער איין אנדער קאניג, אבער וואוהין קאנן מען אנטלויפען פון גאטט? זיין הערשאפט פערשפרייט זיך איבער דער גאנצער וועלט, אונ וואוהין מען זאלל ניט קוממען, אין אמעריקא אדער אין אפריקא, אין אויסטראליען אדער ארגענטינא — אומעטום איז ער דא, פון איהם קאנן מען זיך ניט פערבארגען. אם אסק שמים וכו' — זאגט דער משורר — זאלל איך ארויפקריעכען אויפ'ן הימעל — דארטען בינסט דוא דא. זאלל איך אוועק אין עק ים (ווי אמעריקא) — דארטען וועט מיך דיין האנד אויך אנגעהמען וכו'. היינט מיט וואס פאר איין רעכענונג קאנן זיך דער מענש ענטזאגען ווידער־שפעניגען גאטטעס ב"ה פארזאג ווייל ער איז אין איין אנדער לאנד. וואס פאר איין אונטערשיעד קאנן שוין זיין, צוא מען איז אין דער היים, אין רוסס־לאנד, צו אין אמעריקא? (בפרט נאך, אז ביי שבת שטעהט מפורש: איהר זאללט ניט אנצינדען קיין פייער אין אללע אייערע זיטצונגען, דאס גלייכע איז ענטהאלטען אנדערע ארבייטען אויך). אונ ווענן מען זאלל דיא זאך גוט בעטראכטען דארף א מענש מיט פארשטאנד זיך דאך פרעגען: ווער האט מיר געגעבען דאס לעבען, ווער גיבט מיר דעם פער־שטאנד, דיא נשמה, איך זאלל ניט גלייך זיין ווי א בהמה, ווער גיבט מיר פרנסה דא וואו איך בין? דאך אללעס גאטט! אונזער לעבען איז אין זיין האנד, ער האט אונז געגעבען א נשמה, וועלכע איז א טהייל פון איהם אליין (חלק אלוה ממעל), ער שיקט אונז אויך צוא אונזער ברויט. נוא, בעדאנקען מיר איהם דאס אזוי פאר דיא גוטעס וואס ער האט מיט אונז געטהון אונ טהוט צו יעדער צייט, אין יעדען אויגענבליק? ווענן דער הערר זאגט צוא זיין קנעכט: דוא קאנסט זיך דיא גאנצע וואך ארבייטען פאר זיך אליין, נור איין טאג אין וואך, פערלאנג איך, דוא זאלסט בעשטיממען אויף מיין ארבייט, אונ פאר דעם איינציגען טאג וועלל איך דיר אויך גוט בעלאה־נען — וויא גליקליך וואללט זיך דער קנעכט געשאטצט, וויא ליעב וואללט ער געקראגען זיין הערען פאר אזא זאך, וויא וואללט ער זיך בעמיהט צוא פאלגען איהם! מיר זיינען אויך געוועזען קנעכט ביי פרעה'ן אין מצרים, וואו מיר האבען דיא שווערסטע ארבייט געטהון, אבער גאטט האט אונז פון דארט ארויס־גענוממען מיט זיין גרויס רחמנות אונ האט אונז געמאכט פאר זייגע קנעכט, דערביי האט ער אונז אבער אויך ערלויבט, צוא ארבייטען דיא גאנצע וואך פאר זיך, נור איין טאג אין וואך, דעם שבת, זאללען מיר בעשטיממען פאר איהם אונ היילינ האלטען, צום זכר, אז אין דיא זעקס טאג האט ער בעשאפפען דיא הימעל אונ דיא ערד אונ אויפ'ן זיעבענטען טאג האט ער גערוהט (אונ דער צוועק פון דעם זכר איז, וויא מיר האבען שוין געזאגט, אז מיר זאללען בעטראכטען, אז גאטט איז דער שאפפער פון אללעס אויף דער וועלט אונ ער איז אויך אונזער מפרנס.

ראגן

בחסדו נראה לאהבה אותו בלבבנו ונפשנו ואחר כל זה עבור זה היום גופא ג"כ יתן לנו שכר מרובה לעוה"ב [וכמו שאחז"ל א"ל הקב"ה למשה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל לך והודיעם והוא מרמז על המתן שכר כמו שאמרו בגמרא (שבת י"א) ובודאי באוצרותיו של הקב"ה נמצאי דברים נחמדים מאד כי לפי ערך כל מלך כן אוצרותיו וכיון שהקב"ה משבח אותו הדבר ואומר מתנה טובה יש לי בבית גנזי מסתמא השכר גדול בלי גבול] כמה אנו צריכין לשמור דבריו ברוב חבה וליתן לו רוב תודה ע"ז. ויש שהיצר מפתה אותו לעבור רק על איחור מקח וממכר ביום השבת ואינם יודעים כי גם זה עון פלילי שנזכר בפירוש בכתבי קדש לאיסור והוא בנחמיה [י"נ] וגם זה העון מביא עוד לכמה עונות של מלאכות גמורות שבא הדבר לידי הוצאה בשבת וגם לפעמים לידי כתיבה ומחיקה וגם לידי איסור מחתך ועוד לכמה אבות מלאכות בהמשך הזמן מלבד שזה העון גופא הוא איסור חמור מאד שמחלל שבת כפרהסיא לעיני הכל גם חילול השם גדול לפני ישראל ולפני עו"ג שאומרים שגם בעיני ישראל לא נחשב תורתם למאומה ועליהם הכתוב אומר ביחזקאל [ל"ו] ויבוא אל הגוים אשר באו שם ויחללו את שם קדשי באמור להם עם ה' אלה וגו' וסוף דבר הוא שעבור ענינים כאלו מטעימים לאדם גם שכר פירותיו בעוה"ז [מלבד עונשו הנורא לעוה"ב וכדלקמיה] שיבוא עליו דליקה או שאר ענין הפסד פתאומי ע"י בזה וכיוצא בזה ויכלו בפעם אחת את ממונו וכמו שאחז"ל אין הדליקה מצויה אלא במקום שיש בו חילול שבת שנאמר ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא וגו' והצתי אש בשעריה וגו' ועוד אחז"ל [גיטין ל"ז] בתלת מילי נחתי בע"ב מנכסייהו וחד מינייהו דסייר נכסייהו

---

דאנן וועללען מיר איהם ליעבען מיט'ן גאנצען הארצען) אונ צודעם גיבט ער אונז נאך פאר דעם ניט ארבייטען שבת אונ פאלגען זיינע געבאט זעהר פיעל שכר אויף יענער וועלט - וויא דאנקבאר דארפען מיר שוין זיין געגען איהם, וויא ליעב דארף אונז שוין זיין פערלאנג, וויא גליקליך דארפען מיר זיך שוין שאטצען צו ערפיללען זיין רצון! וויא גרויס דער שכר איז פאר'ן היטטען דעם שבת, זעהט מען פון דער גמרא: מתנה טובה — א גוטעס געשאנק — האט גאטט געזאגט צו משה'ן - האב איך צווישען מיינע אוצרות (שאטצע) מיט'ן נאמען „שבת", אונ איך וויל איהר געבען אידען, געה אונ לאז דאס זייא וויססען. מיט דער „מתנה טובה" מיינט מען דעם שכר, וואס מען וועט האבען אויף יענער וועלט פאר'ן היטטען שבת. מען קאנן דאס פארשטעהן אז זיא איז אזא בעריהמטע זאך וואס גאטט ב"ה אליין ריהמט איהר אונ רופט איהר „מתנה טובה" אונ זיא איז בעהאלטען אין זיינע אוצרות, איז דאך ניט פארצושטעללען, וויא גרויס עס וועט זיין דער שכר פאר דער מצוה (פון היטטען שבת)! אנדערע שמועסט דער יצר הרע איין כעהר ניט וויא צו האנדלען אום שבת, אונ זייא ווייססען גיט, אז דאס איז אויך א מפורש'ער איסור (נחמיה י"ג), חוץ דעם בריינגט דיא עבירה צוא פיעל אנדערע, וויא, למשל, טראגען, שרייבען, מעקען, אפשנייטען סחורה אום שבת אונ דערגלייכען אנדערע מלאכות. דיא עבירה איז נאך גראססער פון אנדערע מיט דעם, וואס זיא ווערדט געמהון בפרהסיא (אפפענטליך), פאר אללעמען אין דיא אויגען, וואס דורך דעם געהט ארויס א גרויסער חלול השם פאר אידען וויא פאר עו"ג, וועלכע לאכען אב פון דער גאנצער אידישער אמונה, נעהענדיג אז אידען אליין האלטען ניט פון איהר. אויף דיא לייט האט שוין יחזקאל הנביא געזאגט: אונ זייא האבען ענטהייליגט (פערשוואכט) מיין היילינען נאמען (צווישען דיא פאלקער), דערמיט וואס מען זאגט אויף זייא: אט זעהט דאס פאלק גאטטעס וכו'. אונ דער רבונו של עולם ווארט ניט מיט דער שטראף פאר דיא גרויסע עבירה (חלול שבת) ביז נאך'ן טוידט, ער רעכענט זיך אב נאך אויף דער וועלט. אויך קומט פאר דעם א פלוצלונגען שאדען וואס מען פערליערט דעם גאנצען פארמאג מיט איין מאל. א שריפה טרעפט אפט — זאגט דיא גמרא— נור אין דעם ארט, וואו מען איז מחלל שבת, וויא עס שטעהט געשריעבען: ואם לא תשמעו אלי -- ווענן איהר פאלגט מיר ניט צוא היילינען דעם שבת'דיגען טאג אונ ניט צוא טראגען אין איהם קיין משא וכו' דאנן וועל איך אנצינדען א פייער אין איהרע טהויערען וכו'. צוליעב דרייא זאכען — זאגט דיא גמרא אין איין אנדער ארט — פערליערען בעלי בתים זייערע גיטער אונ איינע פון דיא דרייא איז, וואס זייא בעקוקען זייערע גיטער שבת, וואס מיט דעם איז

מען

נכסייהו בשבתא דקעבר בזה על ממצוא חפצך ודבר דבר וק"ו על איסור מקח וממכר שהוא איסור חמור מאד בודאי יתמוטטו נכסיו לבסוף ע"ז ויאבד עשרו בענין רע. ודע דעל עונות כאלו שמחלל שם שמים בפני הכל הוא חמור משאר חייבי כריתות ומיתות ב"ד שעליהם אם עשה תשובה וגם באו עליו יסורין נתמרק מעונו מכל וכל אבל על עון שנתחלל שם שמים אין כח בתשובה ויסורין למרק העון אלא כולן תולין ומיתה מטרקת שנאמר ונגלה באזני אמר ה' צבאות אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון [יומא פ"ו] וכ"ז אם עשה תשובה אבל אם לא עשה תשובה מי יודע לשער את גודל עונשו הנורא לעוה"ב כי הלא מכל פעם שעבר על איסור זה נברא עבורו משחית אחד לחבל את נפשו וכמה פעמים עבר ע"ז ביום אחד ולפעמים יצוייר שע"י פעם אחד של מו"מ בא לידי כתיבה ומחיקה ומחתך והוצאה וכמה אבות מלאכות ומכל איסור ואיסור נברא מכאוב אחר להכאיב את נפשו [וכדכתיב רבים מכאובים לרשע] ואם יתנהג ככה ח"ו כמה שבועות כמה מאות איסורים יעבור ע"ז ומי יוכל לשער כמה יסורים יסבול בגיהנם עבור איסור אחד של חילול שבת ועאכו"כ כשהחליט עצמו לעבירה זו לעבור עליה כמה שבועות זה אחר זה. ויש עוד אנשים ששומרים עצמם מכל איסורי שבת כדין אך שמתחילים לשמור את השבת זמן הרבה אחר ששקע היום וחושבין בנפשם ברכת שלום כיון ששמר את יום השבת של מחר וגם אלו טוען טעות גדול וחוטאים בנפשותם דמאי נ"מ אם אחד ישתה סם המות כל היום כולו או ישתה את כוס התרעלה הזה באיזה רגעים אחדים הלא גם בזה יכרית את נפשו מארץ החיים, כן הדבר הזה הלא קדושת שבת מתחלת תיכף משנגמר יום הששי [וכדכתיב ויהי ערב ויהי בקר יום הששי ויכלו השמים והארץ וכל צבאם ויכל

---

מען עובר אויף דעם פסוק „ממצוא חפצך ודבר דבר"— דוא זאללסט זיך היטען „ניט צוא פערנעהמען זיך מיט דיינע אייגענע אינטערעססען אונ ניט צוא רעדען קיין ווארט" (וואס איז אנגעלאנגט דיינע געשעפטען), איז דאך פאר דער עבירה פון האנדלען אום שבת ועט מען געוויס פערליערען דעם פערמאגען. דאס דארף מען אויך וויסען: דיא עבירה פון חלול השם איז נאך גראססער אפילו פון דיא עבירות, וואס פאר זייא קומט כרת אונ זאגאר מיתת בית דין (טוידט דורך בית דין), דענן אויף דיא עבירות העלפט דאך ווענינ־סטענס תשובה, דורך יסורים אונ צרות וואס מען האט ווערדט מען אויך אויסגעריינגט פון זייא, אבער צוא דער עבירה (פון חלול שם שמים) העלפט ניט קיין תשובה אונ ניט קיין יסורים אונ צרות, נור דער טוידט אליין איז מכפר דיא עבירה (אויב מען האט תשובה געטהון), וויא עס שטעהט געשריבען: ונגלה באזני — „אונ עס איז מיר אזויא ענטדעקט געווארען: גאטט האט געזאגט: איך שווער אייך, אז דיא זינד וועט אייך ניט פערגעבען ווערען, וואו איהר וועט ניט שטארבען". דער טוידט העלפט אויך נור אין דעם אופן, אז מען טהוט פריהער תשובה, ואנסט קאנן מען זיך גאר ניט פארשטעללען דיא שטראף, וואס מען וועט דערפאר האבען אויף יענער וועלט. יעדעס מאל, וואס מען האט עובר געווען אויף דעם איסור, ווערדט געשאפען, וויא מיר האבען שוין איינינע מאל ערקלעהרט, א מלאך רע. היינט וויפיעל מלאכים רעים געשאפט מען זיך, ווענן מען האנדעלט, לדשל, א גאנצען טאג אונ מען ווערדט נאך דערצוא נכשל אין דיא עבירות פון שרייבען מעקען, שניידען, טראגען אונ דערגלייכען. עס קאנגען זיך אזוי אויפקלויבען הונדערטער א טאג, אין איין איינציגען שבת. דערבאהנענדיג זיך, וויא גרוים עס איז איבערהויפט דיא שטראף פאר איין עבירה, קאנן מען זיך שוין פארשטעללען, וויא גרוים עס וועט זיין דיא שטראף פאר דער עבירה פון האנדלען אום שבת דורך וועלכע עס קאנגען זיך אויפקלויבען איבער'ן טאג הונדערטער עבירות פון כרת, אונ וויא שרעקליך עס וועט שוין זיין דער שטראף פון דעם מענשען, וואס האנדעלט אום שבת יאהרענלאנג! אנדערע ווידער היטען טאקי אב דעם שבת'דיגען טאג אבער זייא נעהמען איהם צוא שפאט, פרייטאג צוא נאכט, טראכטענדיג זיך: עס איז פאר אונז גענוג, אז מיר היטען אב דעם שבת'דיגען טאג, וואצוא נאך פרייטאג צוא נאכט? דאס איז אבער אויך א גרויסער טעות. וואס איז דער אונטערשייד צוא מען געהמט איין דיא גיפט בישליכוויז, איבער'ן גאנצען טאג, צו מען נעהמט עס איין אין איינינע מינוטען, צוא אזוי צוא אזויא מוז מען דאך שטארבען. אין דער תורה שטעהט מפורש אז דער שבת הויבט זיך אן גלייך מיט דעם סוף פון פרייטאג אונ מלאכה קאנן מוען

**ויכל** אלהים ביום השביעי היינו בתחלת כניסת היום **וע"ז** כתיב ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו **וגו'** וכתיב עוד זכור את יום השבת לקדשו ששת **ימים** תעבוד וגו' וביום השביעי שבת לה' אלהיך כי ששת ימים וגו' הרי מוכח בהדיא מהכתוב כי השבת מתחלת מעת ששבת הקב"ה ממלאכתו מלבד מה שמפורסם בכל הש"ס דיום השבת מתחיל תיכף משנגמר יום הששי] וכשיעשה מלאכה אפילו רק ברגע ראשונה שנכנס קדושת השבת כבר נתחייב כרת מן התורה ואם הוא עושה בין השמשות הוא חייב באשם תלוי ואפילו אם הוא אינו עושה מלאכה בעצמו רק שמשרתיו הישראלים עושים מלאכה גם הוא ענוש יענש

---

מען טהון נור ביז פאר זונן פארגעהען און נאך דעם איז ספק שבת, און ווען מען ארבייט אפילו איין מינוט אין שבת אריין, קומט שוין פאר דעם כרת*) מן התורה, און אז מען ארבייט בין השמשות (אין דער דאמערונגסשטונדע, אין דער צייט, וואס צווי־שען זונענאונטערגאנג ביז דער איינענטליכער נאכט פערדיענט מען דערמיט אזא עבירה, פאר וועלכע עס פלעגט אמאל קומען איין „אשם תלוי" (א קרבן וואס מען איז מקריב צו פארגעבען א צווייפעלהאפטע עבירה), און ווען מען טהוט אפילו אליין ניט די ארבייט

---

*) א מענש זאלל זיך נור בעדאכטען וואס כרת איז, איז סיידען ער זאלל גאר קיין דעת ניט האבען דאנן קאנן ער זיך לאזען איינרעדען פון יצר הרע צו טהון א מלאכה אום שבת (אדער דאסגלייכען עובר זיין דעם איסור נדה אדער חמץ בפסח, עססען יום כיפור, חלב, דם, וואס פאר דאס אללעם קומט כרת), דאס ערשטע קאנן ער טאקי שטארבען פאר דער צייט, דאס איז כרת אויף דער וועלט, וויא די גמרא זאגט, אויך קאנגען חלילה זיינע קינדער צושטארבען, דענן ביי כרת שטעהט „עררירי", ער בלייבט אהן קינדער, און אפילו מען זעהט ניט דעם שטראף באלד, אבער עס קאנן דאך נאך זיין, דער אויבערשטער איז „מאריך אף" ער ערלאנגערט זיין כעס, אבער „גבי דיליה" ער מאהנט אויף זיינע (סיידען גאר די גרויסע אפיקורסים וואס מען גיבט זיי אוועק זייער גאנצען שכר פאר ביסעל מצוות וואס זיי טהוען אויף דער וועלט, און זיי איז אויך ביז א צייט: פתאום יבא אידם, פלוצלונג קומט זייער בראך. מען זעהט דאס אללע צייטען). נו וויא קאנן דאס א מענש מיט פערשטאנד אריינברענגען זיך און די קינדער אין אזא לעבענסגעפאהר, וויא האט א פאטער קיין רחמנות ניט אויף אייגענע קינדערלעך אז זיי זאללען אומשולדיגע פון דער וועלט ניט אוועקגעהן פאר זיין זינד, און ער וועט אויך בלייבען אפילו אהן א קדיש נאך איהם. נו, דאס איז פון די שטראף פון דער וועלט וואס דאס זעהט מען אויך. פיעל גראססער איז דער עונש פון דעם כרת אויף יענער וועלט, וואס זיין נפש ווערדט אבגעשניטען פון איהר קוואללע פון דעם עוויגען לעבען „חיים הנצחיים", דער שטראף איז פיעל ערגער פאר די גראססטע יסורים פון גיהנם וואס אללע יסורים איז דאך ניט עביג, מען ליידט אפ אבער מען קומט דאך נאך דעם צום „אושר נצחי", אבער ביי כרת איז ער דאך פערלארען עביג חלילה, היינט וויא דארף שוין דער מענש ערווי־טערען זיך פון אזוינע עבירות, ווען דעם מענשען זאלל דאס נוגע זיין אין טויזענדמער אז ער קאנן גליקליך ווערען, און פארקעהרט אז אהן חלול שבת, למשל, דארף ער זיין איין ארם־מאנן דעם גאנצען לעבען, דארף ער ניט קריגען אין אזא אונגליק פאר זיך און קינדער, אין די וועלט, און יענער וועלט. און בעונותינו הרבים זעהען מיר וויא דער יצר הרע שטארקט זיך די צייטען זעהר שטריינג און ציהט אריין פיעל מענשען אין עבירות פון כרת וויא נדה, און איבערהויפט חלול שבת וואס ער רעדט אים איין אז מיט דעם ווערדט ער רייך, און אהן דעם דארף ער זיין איין ארם־מאנן, ער פיהרט אריין דעם מענשען אזוי וויא די בהמה צו דער שחיטה וויזענדיג איהר די ביסעל היי! זיי פערגעססען גאר אז דער מענש לעבט ניט עביג. מי גבר יחיה ולא יראה מות, וואסער מענש לעבט און קומט ניט צום טויט, און דאנן וועט דאך אללע זיינע וועלטליכע פערגעניגען איבערגעהן, און ער וועט דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר אללעם. וועה איז צו די מענשען וואס בייטען אום איין „עולם עומד", איין עביגע וועלט, וואס האט קיין ברעג און קיין סוף ניט, אויף איין „עולם עובר", א פארגאנגענע וועלט, וואס פליהט אוועק וויא איין אויגענבליק אז מען זעהט זיך גאר ניט ארום!

יענש עבור זה שבלתו לא היו עושים מלאכה זו ונמצא שהוא עובר בלאו גמור דלפני עור לא תתן מכשול וגם הוא בזה חוטא ומחטיא את הרבים שחבירו יואה שחנותו פתוחה [ובה"ג כשעושה שארי דברים שאסור לעשות בשבת] והוא עושה ג"כ ככה ועל הכל יצטרך ליהן דין וחשבון לעתיד וסיבה על הכל הוא מפני חסרון ידיעת התורה שאינו יודע האיסור של שבת כאשר הוא ע"פ התורה. ולכן נבוא להעתיק

בפרק

---

אַרבּייט, מעהר ניט, וואס מען בּריינגט דיא אַרבּייטער, דיא דיענער, דערצוא, איז דיא עבירה אויך גרויס *), דענן מען איז דאנן עובר אויף דעם "לאו": לִפְנֵי עִוֵּר וכו' — פאר דעם בּלינדען — דעם אונוויסּסענדען אָדער אונשולדיגען — זאָללסט דוא ניט לעגען קיין שטרויכלונג — (דוא זאָללסט איהם ניט בּריינגען דערצוא, ער זאָלל מוזען טהון דיא עבירה). חוץ דעם בּריינגט מען דערמיט אַנדערע אויך צוא דערזעלבּער עבירה, דענן אַז יענער זעהט אַז זיין קראם, לְמָשָׁל, איז אָפען שבת, טהוט ער אויך נאָך, אונ פאר אַללעם וועט מען דאַרפען אָבּגעבּען רעכענונג אויף יענער וועלט. אונ ווייל מיר ווייסען, אַז פיעל מענשען ווערען נכשל אין דער עבירה פון חילול שבת, ווייל זייא ווייסען ניט דיא דינים פון שבת, דעריבּער ווערלען

מיר

---

*) אין דעם הינזיכט וואס דיא קינדער אָדער דיא בּעדיענער זייגען מחלל שבת, איז דיא שולד נאָך גראָססער אויף זייער פאָטער אונ מוטטער אָדער בּעלי בּתים, זייא וועללען דאַרפען אַטוועצייען פאר דעם וויא דיא גמרא זאָגט: מי שֶׁיֵּשׁ לו לִמְחוֹת וכו', דער מענש וואס קאנן אָבּהאַלטען זייגע שטובּיגע פון איין עבירה, אונ האַלט ניט אָבּ, ווערדט ער געשטראָפט דורך זייא, אונ נאָך מעהרער איז דער וואונדער גרויס אויף דעם פאָטער אונ מוטטער וואס גיבּט אָפט אַז זייא זייגען ערענטליכע מענשען אונ גלויבּען אַללעם וואס אונזערע חכמי ישראל זאָגען, בּפרט דאס וואס שטעהט מפורש אין דער תורה, ווען זייא וואָלטען זעהן וויא איין מענש נעהמט איין פּיסטאָלעט אונ וויל שיססען זייער קינד, וויא וואָלטען זייא ניט אָנפאַללען אויף יענעם, זייא וואָלטען, דוכט זיך, יענעם צוררייסען אַ לעבּעדיגען. מטייטש! רוצח, וואס האָסטו צוא אונזער קינד?! נוא, ליעבּע עלטער'ן! וועל איך אייך פרעגען וואו איז אייער ערבּארמקייט? איהר בּריינגט דאָך אַריין אייער קינד מיט דיא אייגענע האַנד אין איין געשעפט אָדער אַ מייסטערסקאַיא וואס אַז ער וועט דאַרפען מחלל שבת זיין אפילו איין קליינע צייט דהיינו דער געשעפט אָדער דיא מייסטערסקאַיא ווערדט פארמאַכט איין קליינע צייט אין שבת נעהמט איהר דאָך אַליין דעם פּיסטאָלעט צו טוידטען אייער קינד בּעגן ער האט דאָך שוין אויף זיך דעם שטראָף פון כרת, וויא עס שטעהט מפורש אין דער תורה הקדושה וואס דאס איז טויזענד מאָל ערגער וויא דער טוידט, דענן דאס איז דאָך איין עוויגער טוידט, וויא מיר האָבּען אויבּען געבּראַכט, אונ דאס בּאַלאַנגט איהם צום לעבּען פון דער וועלט. אויך וואס ער קאנן חלילה שטאַרבּען פאר דער צייט וויא עס איז בּעוואוסט, (דיא גמרא זאָגט שוין: קָשֶׁה הַמַּחֲטִיא אֶת חֲבֵירוֹ יוֹתֵר מֵהַהוֹרְגוֹ, מאַכען זינדיגען דעם צווייטען איז ערגער וויא ער וואָללט איהם הרג'נען), נוא וויא טהוען דאס עלטערן אַזא זאַך, מיט אייגענע האַנד בּריינגען זייער אייגענע קינד צום טוידט אין בּיידע וועלטען? וואס דער גראָססטער שונא וואָללט דאס ניט טהון אַזא זאַך, זייא דוכט זיך זייא טהוען אים גוטעס ער קריעגט דאַרטען אַ פעטע שטיקעל פלייש, עס איז דאָך אָבּער מיט ניכט בּעשטימט. אונ דער גאַנצער רעכנונג פון גליקען, וואס עס דוכט זיך, אַז בּייא דעם געשאַפט וועט דער קינד זיין רייך, איז אויך אַ טעות, דיא גמרא זאָגט שוין לא עֲנִיוּת מִן הָאוּמָנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמָנוּת, ניט אָרעמקייט אונ ניט רייכקייט ווענדט זיך אָן דיא אַרט מלאכה, עס ווענדט זיך נור אָן גאָטט ב"ה וויא ער בּעשערט דעם מזל, דארום בּרויך מען דעם קינד אויסקלויבּען אַ כשר'ה אַרבּייט אונ בּעטען גאָטט ב"ה ער זאָלל איהם געבּען הַצְלָחָה.— אַלזאָ ליעבּע געטרייע עלטערן האט רחמנות אויף אייערע ליעבּע קינדערלאך אונ טהוט דאס ניט אין קיין פאַל, פאר קיין געלד — בּריינגט אַריין אייערע קינדער נור צווישען אידישע ערענטליכע מענשען, ער זאָלל קאָנען היטען שבת אונ אַנדערע מצות התורה — וועט איהר זוכה זיין זעהן אויף זייא פיעל גוטעס אויף דער וועלט אונ כבוד וגדולה אין יענע וועלט. —

בפרק ל"ט מספר זכרו תורת משה כל העקרי אבות מלאכות ותולדותיהן כדי שידע האדם האסור והמותר בענין זה:

והנה כדי לידע כל הלכות שבת בשלימותה צריך שילמוד ההלכה מתוך השו"ע ומפרשיה או לכל הפחות מספר חיי אדם אך באשר שבזכרו תורת משה לקט עקרי הכללים מהלכה זו למעשה ודבר נחוץ הוא מאד לאנשים הטרודים שאין להם שהות ללמוד כל פרטי ההלכות וע"כ העתקתי דבריו שידעו הכל עכ"פ הקיצור:

# פרק לז

## יו יבואר דיני הכנת שבת בע"ש וכמה צריך להקדים בזה ומדיני פיסוק מלאכה בע"ש וגם דיני קידוש (מא"ח סימן ר"נ ורע"ג ס"א שם ומח"א כלל א' וכלל ה' ו'):

א) צונו הקב"ה לכבד את השבת ולענגו כמה דכתיב וקראת לשבת עונג לקדוש ה' מכובד ואמרינן בגמרא כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו שנאמר והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך. ומצוה להשכים בע"ש בבקר להכין צרכי שבת כדכתיב והיה ביום הששי והכינו משמע תיכף כשיהיה יום הששי והכינו. ואם הוא יודע שבע"ש לא יהיה לו פנאי להתעסק להכין צרכי שית מחמת איזה אונס ואין לו אדם אחר שיטרח בעבורו מחיב להקדים את עצמו מכאמצע שבוע להכין איזה דבר לכבוד שבת כדכתיב זכור את יום השבת ור"ל להיות זוכר תמיד השבת כדי לקדשו ולעננו:

ב) אלו הנוהגין לאכול פת פלטר של נכרי בחול מ"מ יש ליזהר לכתחלה שבשבת יאכל דוקא של ישראל ואם הוא עומד באיזה מקום שאין להשיג פת ישראל מותר לאכול אפילו בשבת פת של נכרי. וכ"ז דוקא בפת דהקילו בהן משום חיי נפש אבל שאר איסורים אין להתירם שלא במקום סכנה:

ג) יזהר כל אדם עכ"פ להכין צרכי שבת איזה שעות מבעוד יום שלא יבוא ח"ו לידי חילול שבת וכ"ש בימים הקצרים צריך האדם להיות עיניו ולבו ע"ז ובאבת צריך כל אדם לפרוש ממלאכה עכ"פ איזה

---

מיר דא ברייגגען דיא נאטהינסטע דינים בקיצור וויא עס איז אויפגעקליעבען געווארען אין דעם ספר זכרו תורת משה. נור מיר מוזען דערביי אויפמערקזאם מאכען דיא לעזער, אז דער וואס האט צייט אונ קאנן לשון קודש, מוז דיא דינים פון שבת לערנען אין שולחן ערוך אדער וועניגסטענס אין חיי אדם, וואו זייא ווערען ארומגערעדט בפרטות, אונ אז מיר ברייגגען דא דיא גאנץ נאטהיגע דינים אונ בקיצור גדול צום נוטצען פון דיא וואס קאנגען זיך ניט פער־נעהמען מיט'ן שולחן ערוך אדער חיי אדם, פון וועלכער אורזאכע עס איז:

## פרק לז

א) גאטט ב"ה האט אונז בעפאהלען, צו פער־עהרען דעם שבת אונ צוא פערשאפפען אונז אין דעם טאג פערגעניגען פון עססען טרינקען לכבוד שבת, וויא עס שטעהט: אונ דוא זאללסט דעם שבת אנרופען (דוא זאללסט איהם בעשטימטען צוא) פערגניגען, אונ דעם געהייליגטען פון גאטט זאללסט דוא פערעהרען. אונ דיא גמרא זאגט: דער וואס פערשאפפט זיך אין דעם שבת פערגניגען פון גאטטעס וועגען גיבט מען איהם (מן השמים) אללע זיינע וואונשע, וויא עס שטעהט געשריעבען וכו'. עס איז א מצוה אנצוהויבען מאכען שבת פרייטאג אין דער פריה, וויא עס שטעהט „אין דעם זעקסטען טאג זאללען זייא אנברייטען" וכו'. ווייזט אוים, אז מען דארף נעהמען אנגרייטען אויף שבת נאך פרייטאג פריה. ווענן מען וייס אז פרייטאג וועט מען דערצוא קיין צייט ניט האבען, מוז מען נאך אין מיטטען וואך אנפאנגען צוצוגרייטען דאס נאטהיגע לכבוד שבת, וויא עס שטעהט: זכור את יום השבת לקדשו — געדענק — שטענדיג — דעם שבת'דיגען טאג צוא הייליגען". ב) דיא וואס זייגען געוואהנט צו עססען עכום'שע געבעקס אדער ברוידט דיא גאנ־צע וואך, דארפען לכתחלה היטטען צו עססען שבת דורכאוים אידישע, קריעגט מען ניט קיין אידישע, מאג מען עכום'שע אויך עססען. דאס איז אללעס גערעדט בייא ברוידט, אבער אנדערע פערבאטענע שפייזען טאר מען לכבוד שבת אויך ניט עססען עכום'שע, סיידען בייא א סכנה. ג) יעדערער מוז זיך היטטען צוא מאכען פארטיג דעם שבת בעציי־טענס, וועניגסטענס א פאאר שטונדען פאר נאכט. כדי

איזה זמן מועט קודם שתשקע החמה [שקיעה נקרא שעה שנתכסה גלגל החמה מעינינו] כי צריך להוסיף מעט מחול על הקודש בין בכניסתו ובין ביציאתו ולכמה פוסקים הוא מצות עשה מן התורה וילפינן מדכתיב ביוה"כ ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש וגו' תשבתו שבתכם ואמרינן וכי בט' מתענין וכו' אלא שצריך להוסיף מחול על הקודש ומדכתיב תשבתו שבתכם ילפינן בכל מקום שנאמר שבות כמו בשבת ויו"ט צריך להוסיף וזמן תוספת זה הוא קודם בהש"מ והעושה מלאכה בתוספת שבת הוא בעשה והעושה בין השמשות חייב באשם תלוי שאז הוא ספק לילה ואפילו אם הוא מסופק אם כבר הגיע ביהש"מ אסור ובזמן מועט מאד יכשל ח"ו ולכן יהיה כל אחד נזהר מאד שלא יכנס ח"ו בספק איסור כרת וע"כ ימהר לקבל שבת בכל מה דאפשר ומכ"ש בימים הקצרים שפתאום תשקע החמה ויוצאין הכוכבים נמצא שחילל שבת, וע"כ נכון לאדם שישתדל בעצמו לסייע לאנשי ביתו בע"ש סמוך לחשיכה במה דאפשר כדי שלא יבואו לחילול שבת ועכ"פ יזהר מלעשות מלאכה אחר ששקעה החמה כי אז הוא מתחיל זמן בין השמשות לדעת כמה גדולי ראשונים [עיין בשו"ע סימן רס"א בבה"ל שם]:

ד) ועתה נבאר דיני קידוש בשבת ודיני סעודת שבת. מ"ע מן התורה לקדש את השבת מדכתיב זכור את יום השבת לקדשו ר"ל זכרהו זכירת שבת שהוא יום קדוש ומ"מ בקידוש שאמר בתפלה יצא וקידוש על היין או על הפת ובמקום סעודה אינו אלא מדרבנן ועיקר הקידוש בלילה בכניסת השבת ואם לא קידש בלילה בין בשוגג בין במזיד מקדש והולך כל הלילה וכל היום מלבד ויכלו שאינו אומר אלא דוקא כשמקדש בלילה שאז היה תכלית מעשה שמים וארץ:

ה) קידוש הוא על היין או על הפת ואפילו אם יש לו יין שרף או שכר והוא חמר מדינה באותו מקום אפ"ה יותר טוב לקדש בלילה על יין או פת כי י"א דאין לקדש על שום משקה חוץ מיין ע"כ בלילה

---

כדי מען זאלל ניט חס וחלילה מחלל שבת זיין, איבער־הויפט מוז מען אויף דעם קוקען אין דיא קליינע טאג. דיא ארבייט מוז מען איינקלעגען וועניגסטענס א קורצע צייט פאר זונענאונטערגאנג (שקיעת החמה), ווענן דער דין איז אז מען דארף צוגעבען פון דיא וואכעדיגע צייט צוא דיא היילינגע (להוסיף מחול על הקודש), סאי בייא דעם אנפאנג פון שבת אונ סאי ביי'ן סוף, דאס הייסט, מען דארף אנגעהמען דעם שבת מיט א ווייליע פאר דער צייט אונ ענדיגען איהם א ווייליע נאך דער צייט. עס איז א סברא, אז דאס איז זאגאר א מצוה מן התורה. דיא צוגעגעבענע צייט דארף זיך אנפאנגען פאר בין השמשות, (בין השמשות רופט זיך נאך זונענאונטערגאנג, איידער עס ווערט נאכט) אונ ווען מען ארבייט אין דער צייט איז מען עובר אויף איין „מצות עשה", ארבייט מען בין השמשות קוממט פאר דעם איין „אשם תלוי" (ערקלאהרט אין סוף פון דעם פאריגען קאפיטעל). אז מען איז אין ספק, אויב עס איז שוין אנגעקוממען דער זמן בין השמשות טאר מען שוין אויך ניט ארבייטען. נאנסט קאנן מען לייכט קוממען צוא חלול שבת, בפרט אין דיא קורצע טאג, וואס דיא זונן נעהמט מיט אמאל אונטער אונ עס ווייזען זיך פלוצלונג דיא שטערען. דעריבער דארף זיך יעדער היטען ניט קוממען וחלילה אפילו צוא א ספק איסור כרת אונ מען דארף אנגעהמען דעם שבת וואס פריהער, שפעטסטענס גלייך נאך זונענאונטערגאנג, וואס דאמאלס הויבט זיך אן דיא צייט פון בין השמשות נאך דער מיינונג פון פיעל אלטע פוסקים. דאנן דארף מען געוויס היטען זיך קיין מלאכה ניט טהון. ד) אין דער תורה שטעהט: זכור את יום השבת לקדשו (דערמאהן דעם שבת צוא היליגען איהם), עס איז אלזא א מצוה מן התורה צוא דער־מאהנען בייטליך דיא היילינקייט פון דעם שבת. נור מען איז יוצא מיט דעם קידוש וואס מען זאגט אין מעריב. מאכען קידוש איבער וויין אדער איבער דיא חלה אונ אויף דעם ארט וואו מען עסט — דאס איז מעהר ניט וויא מדרבנן, פון דיא חכמים. דיא רעכטע צייט פון קידוש איז פרייטאג צוא נאכט, ביי'ן אנפאנג פון שבת, ווען מען האט אבער ניט געמאכט קיין קידוש פרייטאג צוא נאכט, האט מען צייט א גאנצען שבת, נור דאנן זאגט מען ניט „ויכלו", וואס דיא צייט פון דעם איז נור גלייך אין אנפאנג שבת. ה) קידוש דארף מען מאכען איבער וויין אדער איבער חלה, ווענן מען האט אפילו בראנפען אדער ביער, פון דעסטוועגען איז מעהר מצוה צוא מאכען קידוש איבער וויין אדער חלה. עס איז

אסברא

בלילה דעיקר הקדוש הוא מדאורייתא יש להחמיר בזה. ומותר לקדש אפילו על כזית פת אם אין לו יותר ואפילו אם אין לו פת של ישראל רק פת של א"י אפ"ה יכול לקדש עליו:

ו) הכוס של קידוש צריך להחזיק רביעית. וצריך לשתות ממנו כמלא לוגמיו דהיינו רוב רביעית. גם בשחרית צריך לקדש על כוס של רביעית ומצוה מן המובחר לקדש על היין גם בשחרית ואם חביב לו יין שרף יזהר שיהיה הכוס מחזיק רביעית וישתה מלא לוגמיו ואם אין לו יין ושאר משקין יכול לקדש על הפת גם בשחרית אף דליכא היכרא כ"כ כי אין מברך על הפת רק ברכת המוציא אפ"ה שרי ואפילו אין לו פת אין צריך להמתין אם רחוק לאכול:

ז) קידוש של יום אינו חל עד אחר שהתפלל שחרית שהרי קודם שהתפלל אסור לאכול ולכן מותר לשתות מים וכיוצא בזה קודם שחרית בלי קידוש אבל קודם מוסף אסור לטעום קודם שיקדש ומותר לקדש ולשתות כוס יין או שאר משקין ולאכול מיני מזונות ואפילו טעם פת רק שלא יסעוד סעודה ואם הוא חלש מותר אף לאכול סעודה קודם מוסף וזמן מוסף כל היום בשעת הדחק:

ח) קידוש בין ביום ובין בלילה אינו אלא במקום שהוא סועד אח"כ ואפילו לא יסעוד אח"כ אלא כזית ממיני מזונות לבד סגי וכ"ש אם יש לו כזית פת שיכול לברך עליו המוציא ובהמ"ז ואם אין לו בלל מה לסעוד אח"כ לא פת ולא מיני מזון צריך לשתות הכוס יין של רביעית כולו שיהיה חייב עליו ברכה אחרונה דאז מקרי ע"ז גופא קידוש במקום סעודה אבל פידות לא. מהני וכן שכר או יי"ש אע"ג שמקדשין עליו לא מקרי סעודה וי"א דאפילו פירות מהני ויש לסמוך ע"ז בשחרית אם חלש לבו קצת:

ט) הסעודה צריך לאכול תיכף אחר הקידוש או שיהיה עכ"פ דעתו בשעת הקידוש לאכול

---

א סברא, אז פרייטאג צוא נאכט טאר מען איבער־הויפט אויף קיין משקה ניט מאכען קידוש חוץ ויין, אונ אויב ניט ויין איז חלה, אבער אנדערע משקה ניט. מען מאג פאר א נאטה מאכען קידוש חאטש איבער איין כזית ברוידט, חאטש איבער עבומ'שע. ו) דיא קידוש גלאז'ל מוז האלטען א רביעית (א קוואטיר"ל) אונ מען מוז אויסטרינקען דיא גראססערע העלפט. שבת אין דער פריה מוז מען אויך מאכען קידוש איבער א גלאז'ל וואס האלט א רביעית, אונ א מצוה איז צוא מאכען בעססער איבער וויין קידוש אפילו שבת פריה. ווען מען ליעבט בעכסער בראנפען דארף מען זעהן, וועניגסטענס, דיא גלאזיל זאלל האלטען א רביעית. נאטירליך אז מען האט ניט קיין וויין אדער בראנפען מאג מען אין דער פריה אויך מאכען קידוש, אדער אייגענטליך: „המוציא", איבער חלה. ווענן מען האט קיין חלה אויך ניט מאג מען אזויא אויך עססען מיטטאג ווענן עס איז געאיילט. ז) דיא צייט פון קידוש, שבת אין דער פריה, הויבט זיך אן נאך שחרית, דעריבער מאג מען פאר קידוש טרינקען טהע אונ דערגלייבען. נאך שחרית וויעדער טאר מען קיין זאך ניט געהמען אין מויל וואו מען מאכט ניט קידוש. פאר מוסף מאג מען מאכען קידוש אונ טרינקען א גלאזול וויין אונ אנדערע געטראנקע, צובייסען וואס עס איז אונ זאגאר עססען א שטיקעל חלה אדער ברוידט, אבער קיין פאלנעם מיטטאג טאר מען ניט עססען פאר מוסף, סיידען אז מען איז שוואך אין געזונד. מוסף מאג מען פאר א נאטה דאווענען דעם גאנצען טאג. ח) קידוש מוז מען מאכען נור אויף דעמזעלבען ארט וואו מ׳ן עסט נאכהער. ווענן מען עסט נאכ'ן קידוש חאטש איין כזית פון אזעלכעס, וואס מען מאכט אויף דעם מזונות, איז אויך גענוג, בפרט נאך אז מען עסט א כזית ברוידט וואס מען קאנן דארויף מאכען „המוציא" אונ דאנן בענטשען. ווענן מען האט אבער ניט, וואס צוצובייסען נאכ'ן קידוש, מוז מען וועניגסטענס אויסטרינקען דעם גאנצען רביעית וויין, כדי מען זאלל קאננען מאכען דיא לאנגע ברכה אחרונה. מיט צובייסען פירות נאכ'ן קידוש קאנן מען ניט יוצא זיין. מיט טרינקען ביער אדער בראנפען, אויף וועלכע מען מאג דאך מאכען קידוש, קאנן מען אויך ניט יוצא זיין אנשטאטט עססען. מיט פירות איז א סברא אז מען קאנן יא יוצא זיין אונ אזוי קאנן מען זיך נוהג זיין, אז מען מאכט קידוש נאך שחרית, ווענן מען האט עטוואס א שוואכעס הארץ אונ ער האט קיין מזונות ניט. ט) עססען מוז מען גלייך נאך קידוש, וועניגסטענס מוז מען בעת קידוש האבען בדעה צוא עססען גלייך, אונ דאנן, ווענן עס האט זיך אפילו געמאכט אז מען האט ניט געגעססען

לאכול לאלתר כאן ואפילו אם אירעו אח"כ איזה אונס שהוצרך לשהות איזה זמן מ"מ כיון שלא יצא בינתים אין צריך לחזור ולקדש אבל אם אין דעתו לאכול מיד אלא שדעתו להפסיק בדברים אחרים וגם הפסיק אפילו לא יצא ממקומו ואכל במקום שקידש מ"מ צריך לחזור ולקדש אבל אם היה דעתו לאכול בבית אחר ונמלך ואכל במקומו יצא:

י) אם קידש בפנה זו ונמלך לאכול בפנה אחרת באותו חדר אפילו הוא גדול הרבה אין צריך לחזור ולקדש. ואם היה בדעתו לאכול בחדר אחר שבאותו בית מהני אבל מבית לבית אחר לגמרי לא מהני אפילו היה דעתו וצריך לחזור ולקדש שם אם לא שאכל במקום ראשון קצת כדלקמן:

יא) אסור לטעום כלום קודם שיקדש אפילו מים ואפילו אם התחיל מבעוד יום צריך להפסיק ומי שהוא תאב לאכול יכול להקדים בליל שבת להתפלל מפלג המנחה ואילך ומותר לקדש ולאכול מבעוד יום דכיון דמצוה להוסיף מחול על הקודש נחשב בלילה אך יראה לחזור ולקרות קריאת שמע כשיגיע זמנה:

יב) אם התחיל לאכול מבעוד יום נכון שיאכל עכ"פ כזית משחשכה כדי שיהיו כל השלש סעודות בשבת עצמה כדכתיב אכלוהו היום ומ"מ אם א"א לו יכול לגמור הסעודה מבעוד יום כיון דחשבינן ללילה. אם רוצה לקבל שבת מבעוד יום ולקדש ולאכול ואח"כ להתפלל ערבית בלילה ג"כ רשאי:

יג) אם שכח לקדש בלילה עד לאחר שבירך ברכת המוציא אם עדיין לא טעם המוציא יקדש על הפת דהיינו שאומר ברכת אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו וגומר וא"צ לחזור ולברך המוציא (ואם יש לו לחם משנה יביא ג"כ הלחם משנה ולא מקרי הפסק ע"י ההבאה) ולא יקדש אז על היין אף אם הוא

---

געגעסען גלייך, קוים איז מען דערווייל ניט ארויס געגאנגען פון שטוב דארף מען קיין צווייטען מאל ניט מאכען קידוש, האט מען אבער בעת קידוש ניט געהאט בדעה צוא עססען גלייך נור פארגעהמען זיך מיט אנדערע זאכען, אונ מען האט זיך טאקי נאך קידוש פערנומען מיט אנדערע זאכען, דאנן איז אפילו ווענן מען עסט אויף דעם ארט וואו מען האט געמאכט קידוש, מוז מען א צווייטען מאל מאכען קידוש. ווענן מען האט אבער פריהער בעת קידוש, געהאט בדעה צו עססען אין איין אנדער שטוב אונ דאנן האט מען חרטה געהאט אונ געגעססען אויפ'ן זעלבען ארט, איז מען יוצא מיט דעם קידוש. י) ווענן מען האט בדעה געהאט בעת דעם קידוש צוא עססען אין דעם ווינקעל פון חדר אונ מען עסט אין איין אנדער ווינקעל, וויא גרויס דער חדר זאלל זיין, דארף מען קיין צווייטען מאל ניט מאכען קידוש. גאר אין איין אנדער צימער עססען מאג מען נור אין דעם אופן, אז מען האט עס געהאט בדעה בעת קידוש. אז מען עסט אין א גאנץ אנדער שטוב מוז מען נאך אמאל מאכען קידוש, ווענן מען האט אפילו בעת קידוש געהאט בדעה צוא עססען דארטען, סיידען אז מען האט גלייך נאך קידוש עטוואס צוגעביסען אויפ'ן זעלבען ארט וואו מען האט געמאכט קידוש), דאנן מאג מען עססען אנדערש וואו. יא) פאר קידוש טאר מען גאר גישט נעהמען אין מויל, אפילו וואססער אויך ניט, אונ ווענן מען האט אפילו אנגעפאנגען עססען פאר נאכט מוז מען עס אוועקווארפען. ווילל מען שטארק עססען קאנן מען אבדאווענען מעריב בעצייטענס נאך איידער די שטערען ווייזען זיך, אונ דאנן מאכען קידוש אונ עססען, נור מען דארף זעהן לייענען נאך אמאל קריאת שמע, בעת עס קוממט דיא צייט. יב) ווענן מען האט אנגעפאנגען עססען בעת עס איז נאך ליכטיג געווען, דארף מען זעהן חאטש איין כזית עססען בעת עס איז שוין פינסטער, כדי עס זאלל ניט פעהלען צוא דער צאהל פון דריא מאהלצייטען, וואס עס איז א מצוה צוא עססען שבת. ווענן דאס איז אוממעגליך, מאג מען דעם גאנצען מאהלצייט ענדיגען בעת עס איז נאך ליכטיג, דאס מאג מען אויך: מקבל שבת זיין בעת עס איז נאך טאג, דאנן קידוש מאכען אונ אבעססען. אונ נאכהער מעריב דאווענען. יג) ווענן מען האט פערגעססען מאכען קידוש פרייטאג צוא נאכט אונ מען האט זיך דערמאהנט ערשט נאכדעם אז מען האט געמאכט המוציא, איז אויב מען האט נאך דעם ביססען ניט גענוממען אין מויל, דארף מען מאכען קידוש איבער דיא חלה, דאס הייסט מען מאכט דיא ברכה אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו וכו', אונ נאך אמאל מאכען המוציא דארף מען ניט, (אונ אויב מען האט "לחם משנה" – א צווייטע חלה –

דארף

לסמוך לצאת במיני מזונות. ואם אין לו עכ"פ יאכל פירות אבל כל אחד צריך לדחוק עצמו לכתחלה לאכול עכ"פ כזית פת ואמרינן בגמ' כל המקיים ג' סעודות בשבת נצול משלש פורעניות מחבלו של משיח ומדינה של גיהנם וממלחמת גוג ומגוג (חבלי לשון חבלי לידה והוא ניצול מהחבלים שיהיו אז ויזכה ליום בואו) ומייתי על כל זה ראיה מקראי:

ראיתי לנחוץ להעתיק כאן שני פרקים מספרי שם עולם

# פרק לח

## בו יבואר גודל החיוב של למוד התורה ביום השבת.

אחז"ל שהתורה שאלה להשי"י כשישראל יכנסו לארץ זה רץ לזיתו וזה רץ לכרמו אני מה תהא עלי השיב לה שבת יהיה בן זוגך. וכעין זה איתא נ"כ בירושלמי לא ניתנו שבתות ויו"ט לישראל אלא כדי לעסוק בהם בתורה. והענין הוא מפני שבכל ימות החול הם טרודים במלאכתם ומסחרם ואין להם פנאי לעסוק בה בקביעות ובשבת הם פנוים ממלאכה ויכולים לעסוק בה כראוי ומשום זה איתא בגמרא [גיטין ל"ז] בהלת מילי נחתי בע"ב מנכסייהו וחד מינייהו דקבעי סעודתא בשבתא בעידן בי מדרשא [היינו בשעה שדורשין בבית המדרש ד"ת ברבים אחר השינה כנהוג בזמננו] אלא יקדים אותה או יאחר אותה. וזה תוכחת מגול' לאותן האנשים שמטיילין בעת ההיא בשוקים ורחובות כי אפילו סעודת שבת שהיא מצוה אסור אז מפני ביטול תורה וכ"ש לטייל ולהרבות אז בשיחה בטלה שאסור. והנה הכתוב אומר בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך. והכוונה שבכל פעולותיו שעושה בעסקיו ובעניניו יכוין שרוצה
להשתכר

---

פריהער איז מען נים יוצא. דער וואס קאנן צוא שלש סעודות נים עססען קיין ביססען ברוידט, איז פאר א נאטה קאנן מען יוצא זיין מיט „מזונות", האט מען דאס אויך נים, איז רעכט חאטש פירות, אבער לכתחלה מוז מען זעהן עססען על כל פנים א כזית ברוידט. דער וואס היט אב צוא עססען שבת דיא דרייא מאהלצייטען – שטעהט אין דער גמרא -- וועט ער ניצול ווערען פון דרייא מיני צרות: פון דיא יסורים וואס מען וועט האבען בעת משיחס צייט, פון גיהנום אונ פון דער מלחמה פון גוג אונ מגוג, ווי עס שטעהט געשריעבען וכו'. –

## פרק לח

דיא תורה האט געפרעגט דעם רבונו של עולם – ערצאהלט דיא גמרא – בעת דיא אידען וועללען אריין אין זייער לאנד אונ יעדער וועט זיין פערנומען מיט זיין ארבייט, דער וועט לויפען צוא זיינע אליווענבוימער (זיתים) אונ דער צוא זיינע וויינגארטנער – וואס וועט דאנן מיט מיר זיין (דאס הייסט ווער וועט זיך דאנן פערנעהמען מיט דער תורה)? האט איהר גאטט געאנטווערט: דיין בן זוג וועט זיין דער שבת (דאס הייסט מיט דיר וועללען זיך דיא אידען פערנעהמען שבת). אזוי שטעהט אויך אין ירושלמי: שבת אונ יום טוב זיינען אידען געגעבען געווארען נור כדי זיא זאללען זיך דאנן פערנעהמען מיט לערנען תורה. דיא כונה איז, ווייל דיא גאנצע וואך איז דאך יעדער פערטהון אין זיין ארבייט אדער געשעפט אונ האט קיין צייט נים צו לערנען בקביעות, אבער שבת האט דאך יעדער צייט אונ קאנן לערנען וויא עס דארף צוא זיין. צוליעב דרייא זאכען – זאגט דיא גמרא – פערליערען מענשען זייער פערמעגען אונ איינע פון דיא דרייא איז וואס מען עסט שבת גראדע אין דער צייט פון בית המדרש, דאס הייסט: בעת אין בית מדרש ווערדט געזאגט פאר'ן עולם דברי תורה (וויא ביי אונז שבת ביים טאג). פון דעם קאנגען זיך ארויסנעהמען א מוסר דיא וואס שפאצירען אין יענער צייט ארום, ווען מען טאר אין דער צייט אפילו נים עססען, וואס דער עססען שבת איז דאך א מצוה, טאר מען דאך דאנן שפאצירען אונ רעדען פוסטע רייד געוויס נים *). אין פסוק שטעהט: בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחתיך „אין אללע דיינע וועגען וויים איהם" (גאטט, דאס הייסט: אין אללע דיינע געשעפטען האב א כונה גאטט), אז דוא סטארעסט זיך צוא
פערדיענען

*) בעונותינו הרבים איז ביא דעם יונגען נאראד געווארען דער שבת נאר פאר אפערגעניגען מאג צוא ערפילל' דעם יצר הרע'ס ווונש, פארברייגען דעם טאג מיט געזעללשאפט אין דברים בטלים
לצנות

לסמוך לצאת במיני מזונות. ואם אין לו עכ"פ יאכל פירות אבל כל אחד צריך לדחוק עצמו לכתחלה לאכול עכ"פ כזית פת ואמרינן בגמ' כל המקיים ג' סעודות בשבת נצול משלש פורעניות מחבלו של משיח ומדינה של גיהנם וממלחמת גוג ומגוג (חבלי לשון חבלי לידה והוא ניצול מהחבלים שיהיו או ויזכה ליום בואו) ומייתי על כל זה ראיה מקראי ;

יראיתי לנחוץ להעתיק כאן שני פרקים מספרי שם עולם

# פרק לח

## בו יבואר גודל החיוב של למוד התורה ביום השבת.

אחז"ל שהתורה שאלה להש"י כשישראל יכנסו לארץ זה רץ לזיתו וזה רץ לכרמו אני מה תהא עלי השיב לה שבת יהיה בן זוגך. וכעין זה איתא ג"כ בירושלמי לא ניתנו שבתות ויו"ט לישראל אלא כדי לעסוק בהם בתורה. והענין הוא מפני שבל ימות החול הם טרודים במלאכתם ומסחרם ואין להם פנאי לעסוק בה בקביעות ובשבת הם פנוים ממלאכה ויכולים לעסוק בה כראוי ומשום זה איתא בגמרא [גיטין ל"ו] בהלת מילי נתהי בע"ב מנכסיהו וחד מינייהו דקבעי סעודתא בשבתא בעידן בי מדרשא [היינו בשעה שדורשין בבית המדרש ד"ת ברבים אחר השינה כנהוג בזמננו] אלא יקדים אותה או יאחר אותה. וזה תוכחת מגול' לאותן האנשים שמטיילין בעת ההיא בשוקים ורחובות כי אפילו סעודת שבת שהיא מצוה אסור אז מפני ביטול תורה ובו"ש לטייל ולהרבות אז בשיחה בטלה שאסור. והנה הכתוב אומר בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך. והכוונה שבכל פעולותיו שעושה בעסקיו ובעניניו יכוין שרוצה לזהשתכר

---

פריהער איז מען ניט יוצא. דער וואס קאנן צוא שלש סעודות ניט עססען קיין ביסלען ברוידט, אין פאר א נאטה קאנן מען יוצא זיין מיט „מזונות", האט מען דאס אויך ניט, איז רעכט חאטש פירות, אבער לכתחלה מוז מען זעהן עססען על כל פנים א כזית ברוידט. דער וואס היטט אב צוא עססען שבת די דרייא מאהלצייטען — שטעהט אין דער גמרא -- וועט ער ניצול ווערען פון דרייא מיני צרות: פון די יסורים וואס מען וועט האבען בעת משיחס צייט, פון גיהנום אונ פון דער מלחמה פון גוג אונ מגוג, ווי עס שטעהט געשריבען וכו'. —

## פרק לח

דיא תורה האט געפרעגט דעם רבונו של עולם — ערצאהלט די גמרא — בעת דיא אידען וועללען אריין אין זייער לאנד אונ יעדער וועט זיין פערנומען מיט זיין ארבייט, דער וועט לויפען צוא זיינע אליווענבוימער (זיתים) אונ דער צוא זיינע ווייני גארטענער — וואס וועט דאן מיט מיר זיין (דאס הייסט ווער וועט זיך דאן פערנעהמען מיט דער תורה)? האט איהר גאטט געאנטווערט: דיין בן זוג וועט זיין דער שבת (דאס הייסט מיט דיר וועללען זיך דיא אידען פערנעהמען שבת). אזוי שטעהט אויך אין ירושלמי: שבת אונ יום טוב זיינען אידען גע־געבען געווארען נור כדי זייא זאללען זיך דאנן פער־נעהמען מיט לערנען תורה. דיא כוונה איז, ווייל דיא גאנצע וואך איז דאך יעדער פערטהון אין זיין ארבייט אדער געשעפט אונ האט קיין צייט ניט צו לערנען בקביעות, אבער שבת האט דאך יעדער צייט אונ קאנן לערנען ווי עס דארף צוא זיין. צוליעב דרייא זאכען — זאגט דיא גמרא — פערליערען מענשען זייער פערמעגען אונ איינע פון דיא דרייא איז וואס מען עססט שבת גראדע אין דער צייט פון בית המדרש, דאס הייסט: בעת אין בית מדרש ווערדט געזאגט פאר'ן עולם דברי תורה ווי ביי אונז שבת ביי טאג). פון דעם קאנען זיך אראבנעהמען א מוסר דיא וואס שפאצירען אין יענער צייט ארום, ווען מען טאר אין דער צייט אפילו ניט עססען, וואס דער עססען שבת איז דאך א מצוה, טאר מען דאך דאנן שפאצירען אונ רעדען פוסטע רייד געווים ניט *). אין פסוק שטעהט: בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחותיך „אין אללע דיינע וועגען ווייס איהם" (גאטט, דאס הייסט: אין אללע דיינע געשאפטען האב א כוונת גאטט), אז דוא סטארעסט זיך צוא פערדיענע,

---

*) בעונותינו הרבים איז ביא דעם יונגען נאראד געווארען דער שבת נאר פאר אפערגעניגען מאג צוא ערפילל' דעם יצר הרע'ס וואונש, פארברייגען דעם טאג מיט געזעללשאפט אין דברים בטלים לצנות

להשתכר כדי שיהיה לו כמה לחיות ויוכל לעבור השי"ת בלימוד התורה ובקיום המצות. וממילא חושב לו השי"ת לכל דרכיו שהם ישרים ותמימים ומקבל שכר עבור כולם. וכל זה דוקא אם בעת שנשאר לו פנאי ללימוד או ביום שבת שהוא בוראי בטל ממלאכתו הוא רץ ללימוד התורה לא כן אם אפילו בעת שנשאר לו פנאי הוא עוסק בטיול ובדברים בטלים אז לא די שהוא מפסיד אלו השעות גופא אלא הוא כמפסיד כל פעולותיו של כל ימות השבוע, והרי דבר זה דומה למי שבנה חצר גדול והוציא עליה עשרים אלף רו"כ

עד
למלחן לצורך אותה סעודה אבל לא לצורך סעודה אחרת: ג) אבל צנון וה"ה בצלים וקטניות ואוגערקעס שהמלח מועיל להם אסור לפזר עליהם מלח רק שיטבול כל חתיכה וחתיכה ויאכל וכ"ש דאסור לפזר מלח על פולין וקטניות אפילו לאכלן לאלתר וכ"ש דאסור לכבוש כל מיני ירקות או פירות אפילו בלי מלח רק במים לבד: ד) אסור למלוח בשר או דג כדי שיקלוט המלח אפילו במקום הפסד: ה) אסור להדיח בשר שלא נמלח ומתיירא שיעבור זמן ג' ימים ובה"מ ע"י נכרי מותר: ו) מותר לעשות מין טיבול שקורין מאוריע שעושין מחתיכות צנון ובצלים שכיון שנותנין לתוכו תיכף שמן וחומץ מחליש כח המלח: ז) אסור לשפוך שכר או יין לכלי שיש בו חומץ כדי שגם הוא יתחמץ: כללו של דבר כל דבר שהמלח מועיל אסור דדמי קצת לעבוד:

**הממחק** א) הממחק דהיינו המעביר שער או צמר מעל העור עד שמחליק העור או הממשפשף אפילו בידו על העור המתוח על העמודים שקורין ראם כמו שהסופרין עושין לעשות קלף או כמו שהבורסקין עושין בכל זה חייב משום ממחק וכן הקולף מן העור ולפיכך אין מגרדין בסכין ואפילו בצפרניו מנעל בין חדש בין ישן שקולף העור אבל מותר לקנחו בקורה או בחרס הסוכן שאין בו משום איסור טלטול והברזל שלפני בהכ"נ אם אין לו חוד אלא שהוא עב בראשו מותר לקנח בו: ב) אסור לשפשף המנעלים בשבת בידו או ע"י בגד ליצחצחו ופשיטא ע"י משיחה שקורין שוהוואקס דהוי ממרח והממרח בשעוה ובכל דבר הנמרח כגון זפות וחלב וכיוצא בו על רטיה או על כלי או על כל דבר חייב ולכן אסור למרח רטיה אם לא לחולה שיש בו סכנה אבל באוכלין לא שייך ממחק ולכן מותר למרח חמאה או פירות על לחם: ג) הממרט שיער מן הנוצה כדי שתהיה הקנה חלק בלא שער חייב משום ממחק: ד) מותר לשפשף כלים עם חול ובלבד שלא יותן בו מים אבל לא כלי כסף עם ווין שטיין ולא במלח שכן דרך האומנים לעשות:

---

אויף דעם מאל עסען. ג) דאס איז אלץ גערעדט נעגען פלייש. קיש געקאכטע אייער און דער גלייכען וואס די זאלץ ניצט זיי ניט. אבער ציבעלע, רעטטאך אוגערקעס. וואס די זאלץ איז זיי ניטצליך טהאר מען ניט בעשיטטען מיט זאלץ, און מען דארף טונקען יעדע שטיקעל בעזונדער. בעשיטען באב און ארבעס מיט זאלץ טהאר מען געווים ניט אפילו ווען מען שבאכט ניי גלייך עססען. איינפרעססען גרינע אדער פירות. אפילו אהן זאלץ נור אין וואסער אליין. דאס טהאר מען בכלאי ניט. איינזאלצען פלייש אדער פיש עס זאלל איינגעהעמען דיא זאלץ טהאר מען ניט, מען קען זיך דערביי אפילו האבען ווער ווייסט פיעל שאדען. ה) איינגעזאלצענעם פלייש טהאר מען ניט אב שווענקען דורך א נכרי מאג מען. ו) מען מאג מאכען א געוויסע געריכט, גם בעשטעהט פון רעטטיך און ציבעלע, אבער נור אין דעם אופן צו מען לעגט דארין גלייך צביין בוימעל. אדער עססיג וואס דאס שוואכט אב די קראפט פון די זאלץ. ז) ביער אדער וויין מאג מען אריינגיעסען אין א כלי אין וועלכע עס איז דא עסיג כדי זיי זאללען אויך איינגעזייערט ווערען. מיט איין ווארט, יעדע זאך וואס דיא זאלץ איז צוא דעם ניטצליך טהאר מען עס ניט זאלצען ווייל דא איז א ביסעל גלייך צו אויסארבייטען:

ממחק אבגלעטין. א) מען טהאר ניט אבצייבען אדער אבקראצען האר אדער וואלל פון א שטיק פעלל, אפילו מיטן האנד פון דיא פעלל וואס איז אנגעצויגען אן די רישען. ווי דיא סופרים טהוען, צוא מאכין פון דעם פארמעט. אדער וויא ביי דיא גערבער. מען טהאר אויך ניט מיט א מעסער אדער מיט דיא נעגיל אבצייבין די בלאטע פון א שוך באי אנייעם מאי איין צלטען. אבער מיט א שטיקעל האלץ אדער מיט א שערבעל (וואס מען מאג האלטען אום שבת) אדער איבער דעם אייזען, וואס איז אביינגעשלאגען אין בית המדרש ביים אריינגאנג. ווען ער איז נור ניט שארף. מיט דיא אלע זאכען מאג מען יע אבצייבין דיא בלאטע פון א שוך. ב) מען טהאר ניט פוצען דיא קאמאשען מיטן האנד אדער מיט א טוך. בפרט נאך מיט שוה וואקס. בעשמירען מיט וואקס, פעך, חלב און דעקט גלייכען א וואונד אדער א כלי טהאר מען ניט סיידען א געפאהרליכן חולה. אין עססענווארג מאג מען שמירען מיט פוטער. זאפט און דערגלייכען. ג) מען טהאר ניט ארויסרייסען די האר פון א פעדער. עס זאל בלייבען גלאטט, אהן האר. ד) מען מאג שייערן כלים מיט זאמד, אבער אהן וואסער, זילבערנע כלים מיט ווינשטיין אדער מיט זאלץ טהאר מען ניט:

**המשרטט** דהיינו כשרוצין לחתוך עור או נייר או שארי דברים משרטט תחלה כדי שיכוין חיתוכו וכן נייר או קלף או כל דבר כדי לכתוב עליו אפילו רק שתי אותיות חייב בין ששרטט בצבע או בצפרניו או בכל דבר חייב משום משרטט:

**המחתך** לאו דוקא בעור אלא בכל דבר שמקפיד על חיתוכו לעשות במדה ואפילו קיסם לחצוץ שיניו נקרא מחתך וחייב. ולכן אם ח"ו מאנסים כותים לאדם שימכור סחורה וכיוצא צריך ליזהר שלא יחתוך מן הסחורה כיון שהוא מקפיד על המדה אלא יעשה ע"י הכותים אבל באוכלין אפילו באוכלי בהמה כגון קש ותבן אין בו משום מחתך ולכן מותר לחתוך מן הקש כדי לחצוץ בו שיניו אבל אם מחתך כדי לסתום בו פי הבית וכיוצא בו חייב:

**הכותב** א) הכותב בדיו או בכל דבר המתקיים ע"ג קלף או נייר או על כל דבר המתקיים אפי' לא כתב רק שתי אותיות וי"א אפילו לא רשם רק שתי רשימות כדרך שהמציירים רושמים חייב ולרוב הפוסקים אפילו לא כתב שתי אותיות בכתב שבותבין ס"ת אלא אפילו בכל כתב ולשון חייב ולכן אין להקל לכתוב ע"י א"י אלא לצורך גדול מאד: ב) אסור לכתוב שום אות או ציור שבעולם ואפילו במשקין על השולחן או על הלחלוחית שעל הזכוכית ש[ל] חלונות או בחול ואפילו לעשות בצפרניו רשימה על הנייר אסור וכ"ש לעשות רשימה על פנקס של שעות דאסור: ג) כל מה שאסור לכתוב אסור ג"כ למחוק ולכן צוקער גיבעקס או עוגות שנכתב עליו ע"י צבע או שיש עליו ציור בצבע אסור לשברה אבל ציורים או אותיות שנעשה ברפוס בלא צבע מותר: ד) ואם נטף שעוה על אותיות אסור לסלקו: ה) אסור לשבור חותם שיש בו אותיות ואפילו לומר לעובד כוכבים אסור וכשמביאין אגרת חתום לא מיבעיא דאסור לומר לשבור החותם אלא אפילו לומר לו שיקרע הנייר סביב החותם אסור אלא יאמר לו הלא אין אני יכול

---

**משרטט** אנגייכען דאס הייסט אנצייכענען אויף א פעלל אדער פאפיער אונ דעסט גלייכען דעם ארט, וואו מען וויל נאכהער צוא שניידען כדי מען זאלל קאנגען צושניידען ריכטיג. אדער ליניירען א פאפיער צו שרייבען דארויף. אפילו נור צוויי בוכשטאבען איז מען חייב, סאי מיט פארב, סאי מיט די נעגעל. אדער מיט איין אנדער זאך:

**מחתך** צו שניידען. אונטער דעם איסור פערשטעהט מען. שניידען יעדע זאך, וואס מען זעהט עס זאל זיין געשניטען מיט א מאס. אפילו ארום שניידען א דינגע האלצעל אויף אויס צוטאכען דיא ציין טהאר מען אויך ניט. ווען מען גייט אזוי דעם ידען, צוא פערקויפען אום שבת טוך דארף מען וועניגסטענס זעהען דער גוי זאלל אבשניידען. אין עסענווארג אפילו בא עסענס פון א בהמה, ווי שטרויה דמשל, מאג מען שניידען, אבער נור אויף אזא זאך, וויא אויף אויס צומאכען די צאהן אונ דעסט גלייכען, אבער אויף אנאנדער נוץ דהיינו צוא צומאכען א פאס אונ דער גלייכען. טהאר מען ניט אונ ער איז חייב:

**הכותב** שרייבען. א) שרייבען מיט טינט אדער מיט איין אנדער זאך, וואס האלט זיך נור אויף פאפיער. פארמעט אוב אויף יעדע זאך, וואס האלט זיך מעהר אדער וועניגער. אפילו נור צוויי בוכשטאבען איז מען חייב, עס איז דא א סברא, אז אפילו נור צוויא שטריכען מאכען. טהאר מען ניט מן התורה, נאך דיא מייסטען פוסקים איז גיט נור שרייבען אין דעם כתב, אין וועלכען דיא ספרי תורה ווערט געשריבען (אותיות מרובעות), נור אפילו אין יעדען כתב. טהאר מען ניט שרייבען, אונ מען איז חייב. ווען עס איז אגרויסע נויט קאן מען זיך מיקל זיין צו לאזען אנכרי שרייבען. ב) מען טהאר ניט מדבר זיין מאכען קיין ציור בילד אונ קיין אות אפילו מיט א געטראנק אויפן טיש. אדער אויף די פייכטינקייט פון דיא פענסטער גלאז, אדער אין זאמד, אדער מיט דיא נאגעל אויף פאפיער אויף א בוך פון וועלכם טהאר מען געווים ניט. ג) דאס וואס מען טהאר ניט שרייבען טהאר מען מעקען אויך ניט, בארום טהאר מען ניט צערברעכען צוקער געבעקס, אדר קוכען נום אויף זיי איז וואס אנגעשריבען אדער אויסגעמאלט מיט א פארב, אבער אזעלכע בילדער אדער בוכשטאבען, וואס זיינען אויס געגאסען געווארען אין א פארם וועלכער האט דיא געשטאלט פון א בוכשטאב אדער א בילד) אהן פארב מאג מען צוברעכען. ד) מען טהאר ניט אראבנעהמען קיין טראפען וואקס פון איין אות א בוכשטאב. ה) מען טהאר ניט צוברעכען א פעטשאט מיט בוכשטאבען, אפילו הייסען א גוי טהאר מען אויך ניט. פון א פערזיעגעלטען בריף טהאר מען ניט נור הייסען דעם גוי צוברעכען די ניעגעל.

אפילו

לקרות וממילא יבין וגם זה ברוחק כי בעו"ה הרבה חילול שבת יוצאין מזה דבלא"ה אסור לקרות אגרת שכתוב בה עניני מו"מ ועניני מלחמות ואפילו לעיין בכתב בלא קריאה אסור אא"כ אינו יודע מה כתוב בו וגם אז אינו מותר רק לעיין בו: ו) אסור לעסוק בשום משא ומתן בין לקנות או למכור לשכור ולהשכיר בשבת שמא יכתוב וכן אסור לקנות קנין בשבת אפילו אגב סודר שקורין קבלת קנין: ז) אסור לצחוק שום צחוק שדרך לכתוב שמא יכתוב ולהרויח הכל אסור:

**הבונה והסותר והמכה בפטיש** א) הבונה או סותר בנין קבוע חייב ולכן גזרו חכמים ואסרו אפי' בנין עראי דהיינו לתלות סדין או להעמיד פאראוואן אם המחיצה ההיא בא להתיר איזה דבר שיהיה אסור בלא זה כגון מי שאין לו סוכה רק שעושה מסדינים וכיוצא בו אסור דאם כורך במשיחה מלמעלה ומלמטה עושה מחיצה ואם אינו כורך גם מלמטה באופן שאינו יכול לעמוד ברוח מצויה אינה מחיצה כלל ואינה מועילה כלום לסוכה. וכן אסור לתלות וילון בפני הפתח או החלון אם כורך מלמטה ומלמעלת אבל אם אינו כורך מלמטה מותר דזה לא מיקרי מחיצה כלל דכל שאינו יכול לעמוד בפני הרוח מצויה אינה מחיצה כלל ואינה מועילה כלום: ב) אם יש חלון או חור בכותל מותר לסתום אותו בדבר שאין דרך לבטלו שם כגון בבגד אבל בדבר שדרך לבטל ולהניח שם אסור דהוי כמוסיף על הבנין: ג) נגר שנועלין כמו שעושין חור בכותל אצל הדלת ותוחבין שם חתיכת עץ אם לא הכינו לכך מע"ש ע"י מעשה אסור אפי' לטלטל מטעם מוקצה ואם הכינו לכך ונועל בו תמיד אפ"ה יש להסתפק דאפשר דאפ"ה אסור אא"כ קשור בדלת ואם הוא כלי גמור נועלין בו אפילו אינו קשור: ד) חלונות ודלתות הבית אפילו אם תלוים על צירים שקורין זאוויעסקעם הנוטלם או מחזירם חייב משום בונה או סותר ואפילו ע"י א"י אסור וכ"ש החלונות הקבועים בבית בלי צירים

---

אפילו הייסען צובייסען דעם קאנווערט טהאר מען אויך ניט. מען דארף נור זאגען דעם נכרי: איך קען דאך ניט לעזען. אונ ער וועט שוין ממילא פערשטעהן וואס מען מיינט. אונ דאס איז אויך ערלויבט פאר א נויטה. ווארום א חוץ אללע מעשיות טהאר מען שבת ניט לעזען א געשאפטס בריף. נייעס וועגען מלחמות אונ דעסט גלייכען. אפילו קוקען אין אזא בריף אונ ניט לעזען אויפין קול. טהאר מען אויך ניט. סיידען אז מען ווייס ניט פאראויס וואס דארטען שטעהט. ו) מען טהאר שבת ניט האנדלען. ניט קויפען. ניט פער קויפען. ניט דינגען. ניט פער דינגען. טאמער וועט פון דעם קומען צושרייבען. מקבל קנין זיין אום שבת טהאר מען אויך ניט. ז) מען טהאר ניט שפיעלען אזא שפיעל וואס פאדערט צוא פער שרייבען. אין געלד טהאר מען קיין שפיעל ניט שפיעלען:

**בונה וסותר ומכה בפטיש** בויען. צוא ווארפען. אונ קלאפען מיטען האמער. א) בויען אדער צווארפען א געביידע טהאר מען ניט אום שבת. אונ דיא חכמי התלמוד האבען פערבאטען אפילו אויפהאנגען א לייליך אדער שטעללען א פאראוואן אנשטאטט א וואנד. אבער דאס איז נור אין דעם פאלל פארבאטען. ווען מיט דער מחיצה (וואנד) מאכט מען אזא מין בנין וואס אזוי וואלט מען עס ניט טהארען מאכען אום שבת. ווען מען מאכט למשל א סוכה פון לייליכער. איז אויב מען ווינדט די לייליכער צוא פון אונטען אונ פון אויבען. דאן איז די סוכה א כשר'ע אבער עס הייסט געמאכט א מחיצה אונ מען טהאר עס ניט. בינדט מען אבער ניט צוא פון אונטען אויך אזוי. אז עס קאן זיך ניט האלטען אפילו פאר א געוועהנטליכע ווינדעל. הייסט עס אפילו קיין מחיצה ניט אונ עס איז ערלויבט צוא טאהן אום שבת. אבער קיין סוכה איז דאך ניט. מיט א פאר האנג וואס האנגט אויף איבער א טיהר אדער אויף א פענסטער איז אויך אזוי דער דין. ווען פון אונטען בינדט מען ניט צו מאג מען. בינדט מען פון אונטען אויך צו טהאר מען ניט. ב) א שטיקעל האלצעל וואס ווערט אריינגערוקט אין דער לאך. וואס זיין דער וואנד ביי די טהיר. איז אויב מען האט עס ניט אנגעגרייט צו דעם צוועק פון ערב שבת. טאר מען עס אפילו ניט האלטען צוליעב מוקצה (זעה ווייטער). אז מען האט עס פון פריהער אנגעגרייט איז אויך א סברא. אז מען טהאר אויך ניט ניטצען. סיידען אז דאס איז אנגעבונדען אין טהיר. ווען דאס איז אין אמת'ע כלי מאג מען עס געברויכען ווען עס איז אפילו ניט אנגעבונדען. ד) פענסטער אדער טהירען וואס האנגען אויף זאוועסעס טהאר מען ניט אראונטערעמען אונ ניט ארויפהאנגען אפילו דורך א נכרי. בקנ"ש נאך

אזעלכע

דחייב: ה) החופר גומא בין בקרקע או אפילו בעפר וחול התלושין או באשפה אם צריך למקום הגומא ה"ז חייב משום בונה ולכן המטמינים מעות או סחורה כשמפחדין שלא יגזלו מהם חייב שהרי צריך לגומא: ו) ואם יש גומא בבית ומלאו עפר הוי בונה ולכן אסור לכבד הבית שמא ישוה גומות ואפילו מרוצף בקרשים או אבנים דלא פלוג רבנן אלא יכבד ע"י שינוי בכנף אווז או בבגד או ע"י א"י: ז) רקק ע"ג קרקע לא ישפשף ברגליו הרוק שמא ישוה גומות אבל מותר לדרוס על הרוק ובלבד שלא ישפשף: ח) חצר שנתקלקל במי גשמים אסור ליתן שם דבר המבטלו כגון חול ואפר דהוי כמוסיף על הבנין אבל אם אין כונתו לתקן החצר רק ליפותו או לכסות דבר מאוס מותר: ט) העושה נקב בבית או בשאר בנין חייב ואסור לעשות נקב חדש בחבית וכן אסור לסותמו אפילו בקש ותבן אבל ע"י א"י

מותר אבל בטיט וזפת ושעוה וכיוצא בו וממרחו זהו מלאכה מן התורה ואסור אפילו ע"י א"י: י) אסור לעשות אהל בשבת לפיכך אסור לפרוס וילון שקורין פירהאנג אם הוא מקיף מג' צדדי המטה וגם למעלה וכן אסור לפרוס הסדין על עגלה או על עריסה של קטן אם לא שהוא כבר פרוס מע"ש אפילו רק טפח אזי מותר דהוי תוספת אהל עראי וכן אותן התיבות שיש להם כיסוי שמושכין אותן שקורין שופלאד אסור למשוך כולו ואם משך אסור להחזירו וכן הטיש-קעסטיל מן השולחן אם משך כולו מן השלחן אסור להחזירו: יא) ובסעודות גדולות שמניחין דפים על חביות כשצריכין שולחנות יזהר שיניח הצד הפתוח מהחביות למטה על הארץ: יב) אסור להחזיק בידו דעחיל או פאראסאניק להציל מן הגשמים או מן החמה שהרי עושה אהל ולכן יש אוסרים ג"ב ללבוש קאפעלוש בשבת: יג) אין בנין וסתירה בכלים לפיכך

---

אזעלכע פענסטער אדער טהירען וואס זיינען צוא געשלאסען מיט נאגעל אהן זאוויעסעס. ה) אויסגראבען א גריבעל אין דער ערד אדער אין זאמד וואס ליעגט אין א גלי אונ רעמגלייכען. איז אויב מען דארף האבען די גריבעל (ניט די ערד וואס מען גראבט ארויס) ווי צו באהאלטען דארטען למשל געלד אדער חפצים פאר גנבים איז חייב. אונ ווען ער דארף נור די ערד איז ער ניט חייב אבער מען טאר ניט אויף קיין פאלל. ו) אנפילען א גריבעל מיט ערד טאר מען אויך ניט. דעריבער שטאר מען ניט קעהרען די שטוב. ווען עס איז אין שטוב אפילו דיא אפארלאגע פון ברעטער אדער שטיינער. מען קען קעהרען א שטוב אום שבת נור מיט א שנוי (א פערענדערונג, אנדערש ווי מען קעהרט א גאנצע וואך) דהיינו מיט גאנזענע פעדערן, מיט א טוך אדער דורך א נכרי. ז) ווען מען האט אנגעשפייט אויף דער ערד טאר מען ניט אבווישען די שפייעכץ מיטן פוס. טאמער גלייבט מען דער מיט אוים א גריבעל, אבער טרעטען אויף די שפייעכץ טאר מען. נור ניט אבווישען. ח) אויף א הויף וואס איז געוואָרען אונגלייך דורך א רעגען, טאר מען שבת ניט אנשיטען ערד אדער זאמד, אבער ווען מען מיינט נור אויספוצען דעם הויף אדער צו דעקען וואס עס איז מאג מען. ט) מען טאר ניט מאכען קיין לאך אין א געבידע. אין א פאס מאכען א נייע לאך טאר מען ניט, צו דעקען

א לאך טאר מען אויך ניט אפילו מיט היי אדער שטרויה, דורך א נכרי מאג מען יע. מיט לעהם פעך וואקס אונ דעסגלייכען טאר מען ניט פערשמירן א לאך אפילו דורך א נכרי, וייל דאס איז איין איסור מן התורה. י) מען טאר ניט מאכען קיין אוהל (געצעלט) דעריבער טאר מען ניט אויפהאנגען א פארהאנג אויף א בעטטעל ווען ער געהט די בעטעל ארום פון דריי זייטען אונ פון אויבען. אויך טאר מען ניט אויס שפרייטען א ליילך איבער א וואגען אדער איבער א וויג. סיידען ווען עס איז שוין פון ערב שבת אן פערשפרייט, אפילו איין טפח (פויסט) דיא לאנג. דאן מאג מען שוין פערשפרייטען אין גאנצען. א שופלאד טאר מען ניט ארויסציהען אין גאנצען. אונ אז מען האט ארויסגערוקט, טאר מען ניט צוריק אריינרוקען אזוי איז אויך דער דין מיט א טישקאסטיל: ווען מען האט איהר ארויסגערוקט טאר מען איהר ניט צוריק אריינרוקען. יא) אויף א גרויסע סעודה, אז מען לעגט אן ברעטער אויף פעסער אנשטאט טישען דארף מען נעהן שטעללען די פאסער מיט דיא לאכער אראב. יב) מען טאר ניט אויף אפפענען א שירם ווארום דערמיט מאכט מען דאך איין אוהל. יג) ביי כלים קאן ניט געצאלט זיין בויען אונ צוּוארפען. בארום מאג מען אבדייקען א שטריקעל אויף וועלכע עס האנגט א טהיל פון א כלי. אויב מען קאן דיא שטריקעל ניט אבבינדען.

אבער

דלת של כלים שקשור בחבל אם אין יכול להתירו מותר לחתכו אבל העושה כלי גמור או שנשבר וצריך אומן להחזירו ולתקנו חייב משום בונה ואם התיבה גדולה לפי השיעור אמה על אמה ברום ג' אמות דינו כבנין ממש ואין דינו ככלי : יד) מפתח של כלים שנאבד אסור לשבור הצירים או המנעול דהוי סותר וכ"ש דאסור לקבוע צירים או מנעול בכלי אפילו ע"י א"י דהוי מלאכה דאורייתא תיקון כלי ואם יצא הדלת מן הציר אסור להחזיר שמא יתקע : טו) כלים של פרקים שנעשה לפתחם ע"י שרויף כיון שעשוי לכך לפתחו ולסותמו תמיד מותר אבל שאינו עשוי לפרקו תמיד אע"פ שנעשה ע"י שרויפין אסור לפרקו או להחזירו ולכן אסור לטלטל מנורה שקורין הייננ לייכטער אפילו לא הדליק בו בשבת כיון שדרכו להתפרק שמא יתפרק ויחזירנו : טז) ספסל שנשמט אחד מרגליו וראוי להחזירו אסור להחזירו ואסור לסמכו על ספסל אחר שמא יתקע אא"כ שהיה ככר כך מע"ש מסומך כיון דלא תקע מע"ש לא גזרינן אבל אם נשבר הרגל או נאבד לא גזרינן שמא יעשה רגל אחר ולכן מותר לסמכו על ספסל אחר ולכן מותר להניח ג"כ דפים שהכינם מע"ש על ספסלים ובלבד שלא יעמידם על חתיכת עצים שהרי הם מוקצים : יז) אסור להכנים רצועות במנעלים או במכנסים חדשים או אפילו בישנים אם הנקב צר ויש בו טורח להכניסם דהוי תיקון כלי : יח) התוקע עץ בעץ בין שתקע במסמר או בעץ שקורין גיקלינעוועט חייב והמכנים יד לקרדום וכיוצא בו חייב ואפילו בדבר מאכל שייך בנין כגון שעושה גבינות או מדבק פירות ומכוין לעשותם ארוך או מרובה חייב : יט) מי שיש לו מכה מותר לפתחה כדי שתצא הליחה אבל אם פתחה כדי שתשאר כך פתיח שיצא הליחה כמו שעושין הרופאים חייב שהרי עשה פתח . אסור לקלוע השערות בשבת דהוי כבנין וכן אסור לסתור הקליעות : כ) מחט שנתעקמה או שאר כלי אסור להשוותה וכן סכין שנפגם אסור להשחיז דהוי תיקון כלי : כא) אסור לעשות פתילה שקורין צעפיל מן כורית או חלב

---

אבער מאכען א כלי אדער פערריכטען א צובראכענע . דאס טהאר מען נאטירליך ניט . ווען דיא קאסטען האלט אבער איין איל די לאנג , איין איל די ברייט אונ דרייא איילען די הויך . אזוי האט זי א דין פון איין אמתן בנין אונ ניט פון א כלי . יד) א כלי וואס מען פערליערט איהר שליסעל טהאר מען ניט צייברעכען דעם שלאס אדער דיא זאוויעסעס . אריינשטעלען א נייעם שלאס אדער נייע זאוויעכסעס טהאר מען געוויעס ניט , אפילו דורך א נכרי . ווען די טהיר האט זיך אראבגערוקט פון די זאוויעססעס , טהאר מען ניט ארויפשטעללען . טו) כלים וואס נעהמען זיך פערנאנדער אונ ווערען אויפגעשטעללט דורך א שרויף מאג מען אבשרויפען אונ פערשרויפען נור אין דעם אופן , אז זיי ווערען שטאנדינג פערנאנדערגענומען , ווען מען דארף עס אבער ניט שטאנדיג פערנאנדערנעהמען , וויא ביי א האנגלייכטער למשל וואס מען נעהמט איהם פער נאנדער גאנץ זעלטען , טהאר מען עס ניט פערשרויפען אונ ניט אב שרויפען , אונ דארום טהאר מען א האנגלייכטער ניט האלטען אום שבת . ווען מען האט איהם אפילו ניט גענוצט שבת . טז) ווען עס איז פון א באנק ארויסגעפאללען א פוס טהאר מען צוריק ניט אריינשטעללען שבת . אנשפארען די באנק אן איין אנדערע טהאר מען אויך ניט טאמער האט מען אונ מען שטעללט אביין די פוס , סיידען אז עס איז געוועזען אנגעשפארט פון פרייטאג אן , ווען די פוס איז צובראכען אדער איז פערלארען געגאנגען מאג מען די באנק אנשפארען אן איין אנדערע , אויך מאג מען אויסלעגען ברעטער אויף באנק צום זיטצען אבער אויף שטיינליך האלץ טהאר מען ניט . יז) מען טהאר ניט צביינציעהען שנירליך אין נייע שיך אדער הויזען אדער אפילו אין אלטע ווען דיא לאכליך זיינען קליין אונ עס איז ניט לייכט אריינצוציעהען . יח) מען טהאר ניט אריינשלאגען א פלאקיל אין א האלץ מיט א משוואק אדער אהן משוואק א קלין) אויך טהאר מען ניט אריינשטעללען א הענדיל אין א האק אונ דעסגלייכען . אין איין עכסענווארג קאן אויך געמאכט זיין בויען ווי למשל , מאכען קעז אין א געוויסע פארם . פיערקאנטיג אדר לאנג אונ דעסגלייכען , איז ער חייב . מען מאג עפענין א מכה אבער אפעפענין כדי זי זאל בלייבין אזוי אפען . ביז די ליחה ווערט ארויס אין גאנצען . וויא דיא פעלדשערס טוהען . דאס טהאר מען שוין ניט ווייל דם איז גלייך וויא מען מאכט א טהיר . פלעכטען אונ אבפלעכטען דיא האר טהאר מען ניט אום שבת . כ) מען טהאר ניט אויסגלייכען איין אויסגעקרימטע שטעקנאדעל אונ דעסגלייכען , אויך טהאר מען ניט אנשארפען א טעמפען מעסער . כא) מען טהאר ניט מאכען פאר

שחותכין אותו לפי מדתו או מכל דבר לחולה שאין בו סכנה דהוי תקון מנא: כב) כל השמעת קול של כלי שיר אסור שמא יתקן כלי שיר ולכן אין מטפחין יד על יד ולא מרקדין הכל מהאי טעמא: כג) כל גמר מלאכה בין בכלים ובין בכל דבר נקרא מכה בפטיש ולכן הנוטל מן הבגד החוטין התלויין בו או הקיסמין הנארגין בו בלא כוונה אם מתכוין ליפות הבגד חייב: כד) המוציא חוטין שהחייט תופר בבגד לפי שעה לחבר החתיכות שקורין שטריגעווע חייב: כה) כל דבר שא"א להשתמש בו בלא תיקון זה אסור לעשות התקון שהרי מתקן מנא. ע"כ אסור להטביל כלים חדשים בשבת אא"כ ראוי למלאות בו מים כגון קדרה וצלוחית ימלא מים מן הבאר ועלתה לו טבילה או יתנגה במתנה לנכרי ויחזור וישאלנה ממנו ומ"מ אם א"א בכל זה מותר לטבול: כו) אסור ליטול קיסם לחצוץ בו שיניו ואם קטמו בסכין חייב דהוי תיקון כלי אבל קש וכיוצא בו שהוא מאכל בהמה אין בו משום תיקון כלי ומותר לקטמו אפילו בסכין:

כז) אסור להדיח כלי מאכל לאחר שאכלו סעודת שלישית אבל בערבית ושחרית מותר שהרי זה לצורך שבת ובלי שתיה מותר להדיח כל היום דאין קביעות לשתיה ומ"מ בשבולת שועל או חול ועפר אסור להדיח:

המכבה והמבעיר: א) אפילו כל שהו חייב וכשיש דליקה ח"ו ויש לחוש אפילו חששא רחוקה שיהיה עי"ז סכנת נפשות כגון חולה או תינוק או ישן מותר לכבות אבל כשהדליקה ביום ואין בזה משום סכנת נפשות בשום אופן אסור לכבות: ולענין הצלה מה שבבית י"א דיכול להציל כל דבר ודאי לא שרית ליה אתי לכבויה לפי שארם בהול על ממונו ויכול להציל אפילו מעות ושארי דברים המוקצים ואפילו שאר איסורי דרבנן ודוקא אשתו ובניו שהם בהולים הרבה אבל שאר בני אדם שאינם בהולים כ"כ מותרים להציל בשלו כל דבר מוקצה אבל שאר איסור דרבנן יש להסתפק ויש מחמירין בזה ועיין בח"א ובזכרו תורת משה ולכו"ע אין מותר לו לעבור בשביל הצלת ממון רק על איסור דרבנן אבל לחלל

---

א נים געפאהרליכען חולה א צעפיל פון זייף אדער חלב. כב) לאזען הערען א קול פון איין מוזיקאלישען אינסטרומענט (כלי שיר) טאר מען נים. מען טאר אויך נים פאטשען א האנד אן א האנד אדער טאנצען. כג) אונטער „קלאפען מיטן האממער" פערשטעהט מען יעדעס ענדיגען א מלאכה. דארום טאר מען נים ארויסציעהען פון א בגד דיא איבעריגע פאדים, וואס דער שניידער האט געלאזען. אונ דעם ליקען, וועו די כוונה מיט דעם איז, צו מאכען דעם בגד שאנער. כד) אויך טאר מען נים ארויס ציהען די סטריגאוואניע פון א בגד. כה) יעדע אויסבעסערונג אין א חפץ, וואס אהן איהר קאנן מען דעם חפץ נים געברויכען, טאר מען נים טהאן אום שבת. דעריבער טאר מען שבת נים טובל זיין נייע כלים. סיידען אז מען קאן אין זייא אן געהמען וואסער. ווי א טאפף לבשל. באן קאן מען אריינלאזען די כלים אין ברונען אונ א נעהמען אין זייא וואסער. אונ דער מיט איז מען שוין יוצא די טבילה. אבער מען קאן דיא כלים אוועק שענקען א נכרי, ער זאל זייא טובל זיין. אונ באן נעהמען פון איהם צוריק. פאר א נויטה מאג מען פון דעסט וועגען טובל זיין. כו) אויסשניידען א האלצעל צוא קאליפען די צאהן טאר מען נים. אשטרויה מאג מען אפילו מיט א מעסער אב שניצען צוא דעם צוועק.

כח) אויסשווענקען וום מען ניצט צום עססען מאג מען ביז „שלש סעודות" נאך „שלש סעודות" טאר מען שוין נים. א כלי וואס צום טרינקען מאג מען א גאנצען טאג, אבער מיט זאמד אונ דעסגלייכען טאר מען נים ריינגען קיין כלים:

המכבה והמבעיר אן צינדען אונ אויס לאשען.

א) אז עס מאכט זיך ביא נאכט א פאזשאר אונ עס איז דא א רינקע, עס זאל נים דורכין פאזשאר קוממען צוא סכנת נפשות, ווען אין שטוב איז למשל דא א חולה, א קינד אדער א שלאפענדער, מאג מען איינלאשען. אבער אז דער פאזשאר איז ביי טאג אונ עס קאן נים קוממען צו סכנת נפשות טאר מען נים איינלאשען. וועגען באטעווען איז דא א מחלוקת הפוסקים גאנז אנדערע מאג מען א חוץ באטעווען. אפילו מוקצה זאגען, אפילו אנעלכע זאכען וואס איז אויף דעם דא זיין איסור מדרבנן, אבער ווער מאג דאס אלץ? נור זעלבין אונ דיא אייגענע ווייב אונ קינדער. פרעמדע קאגען נור אנגיהרען א מוקצה־זאך, אבער עובר זיין אויף איין איסור מדרבנן איז א צווייפעל אויב זייא מאגען, אנדערע פוסקים ווייעדער זאגען. אז אפילו אנריהרען זיך ביין באטאוועון אן מוקצה טהארען (פרעמדע) אויך נים. יעדענפאללם טהאר מען נים צו ליעב באטאוועון מבלל

שבת בשום מלאכה דאוריתא בשביל ההצלה כגון לחפרן בקרקע וכל כי האי גוונא אסור: ב) מותר לקרוא לנכרים ולומר להם כל המכבה אינו מפסיד שכרו ואפילו הנכרים המושכרים אצלו מותר לזהניחם לכבות אבל קטן ויודע דניחא לאביו אסור להניח לכבות: ג) נר דולק או ניצוצות שנפלו על השולחן מותר לנער השולחן רק שלא יכוין לכבות ואם אפשר ע"י נכרי לא יעשה ישראל אבל נר שמן אסור לנערו שהרי מכבה: ד) אסור לפתוח דלת או חלון נגד נר דולק שהוא קרוב להם שמא יכבנו רוח ואפילו אין רוח כלל דפתיחת דלת גורם רוח כידוע אבל מותר לסגור דלת או חלון דבזה אינו מכבה ומבעיר ופשיטא דאסור לפתוח דלת או חלון כשמדורה של עצים קרוב להם אפילו אין שם אלא רוח מצויה דהרוח מבעיר המדורה וגזרינן שמא יפתח פתח ברוח שאינה מצויה ואז יבעיר בודאי: ה) אסור לסתום פי התנור כשיש אש בתוכו מפני שמכבה וכן אסור לפתחו מפני שמבעיר: ו) אסור לקרות או לעיין איזה דבר בפני הנר של שמן ואפילו הנר גבוה מאד שמא יטה ובפני נרות של שעוה וחלב העולם נוהגין היתר אבל בלאמפ של חלב נ"ל דאסור דיש לחוש בוראי שמא יטה:

**המוציא.** ד' רשויות לשבת: רשות הרבים. רה"י. כרמלית. מקום פטור: א) איזהו ר"ה מקום שהוא רחב ט"ז אמה על ט"ז אמות כשווקים שבעיירות ואפילו יש חומה לעיר אם השערים מכוונים זה כנגד זה ואין הדלתות ננעלות בלילה ואז כל המבואות הפתוחין לשוק זה כלם נקראים ר"ה אף על פי שמתקצרים אח"כ וכן הדרכים שעוברים בהן מעיר לעיר ורחבן ט"ז אמה. ואויר ר"ה אינו רק עד י' טפחים אבל למעלה מי' טפחים הוי מקום פטור אבל אם נעץ קנה בארץ ובראשו כלי שגבוהו י' טפחים ורחב ד' טפחים אעפ"י שתחתיו ר"ה מ"מ הכלי הוא רה"י וי"א דבזמן הזה אין לנו ר"ה דבעינן דוקא דומיא דדגלי מדבר שהיו ששים רבוא בוקעין בו: ב) ואיזהו רה"י כל דבר שגבוה מן הארץ עשרה טפחים ורחב ארבעה טפחים על ארבעה טפחים אפילו

---

שבת זיין אין אזא זאך, וואס איז מן התורה פערבאטען. ב) מען מאג רופען א נכרי אונ זאגען איהם. פארען פערלאשען וועט מען בעצאהלען, א קינד טהאר מען ניט לאזען פערלאשען א ליכט אדער א לאמפ. ווען ער פערשטעהט נור, אז דיא עלטערען פערלאנגען דס. ג) אז עס איז ארונטערגעפאללען א ברענענדיגע ליכט אויפין טיש אדער פונקען מאג מען ארונטערוואַרפען פון טיש צינבויגענדיג איהם, אבער מען טהאר ניט האבען דערביי א כונה צו פערלאשען, אויב מען קאן עס דורך א נכרי דארף עס א איד ניט טהאן, אבער א לאמפיל פון בוימעל (אדער קערבאסין) טהאר מען ניט אראב וואַרפען ווייל דער מיט פערלאשט מען דאך איהם. ד) מען טהאר ניט אפפענען א טהיר אדער א פענסטער אנטקעגען א ברענדיגע ליכט, ווייל דער ווינד קאן עס פערלאשען ווען עס איז קיין ווינד ניט אין דרויסען טהאר מען אויך ניט, ווייל עס קאן פערלאשען ווערען דורך דעם ווינטעל, וואס ווערט דורכען אפפענען: בפרט אז אנטקעגען טהיר אדער פענסטער ברענט א גאנצער פייער, דאן טהאר מען געוויעס ניט, ווייל דער ווינד בלאזט פערנאנדער דעם פייער. צומאכען א טהיר אדער א פענסטער מאג מען ווייל מיט דעם צומאכען פאר לעשט מען דעם פייער אונ מיטין אפפענען בלאזט דאך אויף דער פייער ה) צומאכען אדער אפפענען נעם אויבען בשעת איינוועניג איז דא פייער טהאר מען ניט. ו) פאר א בוימעל לעמפעל (אדער קערעסין) טהאר מען קיין זאך ניט לייענען אונ ניט איינקוקען אפילו וואס ווען דער לאמפעל שטעהט אפילו גאנץ הויך. טאמער פערגעסט מען אונ מען מאכט דעם פייער קלענער אדער גרעסער. פאר וועקסענע אונ חלב־ליכט איז מען זיך מתיר צו לערנען:

**המוציא** א רויס טראגען. ארויס טראגען פון שטוב אדער פון הויף וואס איז א רשות היחיד אין גאס וואס איז א רשות הרבים, אדער פערקעהרט פון גאס אין שטוב, איז חייב מן התורה, אונ עס איז פאראן תנאים אין דעם ווען רופט זיך ר"ה וואס איז חייב מן התורה, אונ ווען רופט מען מיט אנדערע געסען וואס איז מער ניט מדרבנן, די אלע דינים איז פיעל ארויס צו רעדען וואס דאס איז ניט אין שפראַכען אלס צו ערקלערען. אונ מען דארף דאס לערנען אין שולחן ערוך אדער אין חיי אדם. דער כלל פאר דעם וואס ווייסט ניט אז נור וואו ניט געמאכט קיין עירוב טאר מען ניט טראגען אונ ווען קאנען מאכען איין עירוב אונ וויא מען קאן מאכען געוועהנליך איז דאס געהער א מורה הוראה ניט אללע קאנען דאס מאכען ע"פ דין. ב) אין דער גאסס וואו עס איז קיין עירוב ניט דא אונ עס שטעהט דארטין א ברונען מיט וואסער

הוא כלי כגון עגלה וכיוצא בו הוי רה"י וכן תל או קורה ברה"ר גבוה י"ט ורחב ד"ט אע"ג דלמטה הוא ר"ה למעלה הוי רה"י וכן בור שהוא עמוק י"ט ורחב ד"ט הוי הבור רה"י, וכן דבר שמוקף מחיצות גבוהות י' טפחים וביניהן ד' טפחים על ד"ט ה"ז רה"י ואפילו ע"ג המחיצות אע"ג שהמחיצה עצמה אין בה רחב ד"ט ואויר רה"י עולה עד לרקיע: ג) איזהו כרמלית מקום שאינו הילוך לרבים כגון הימים והנהרות והיערות אם אין דרך רבים עוברת בתוכה ודבר המוקף מחיצות ד' על ד' ואין בגובה המחיצות י"ט וגומא שאינה עמוקה י"ט וכלי המחובר לקרקע או עמוד או תל ברה"ר והם גבוהים יותר מג' טפחים ופחות מי"ט והם רחבים ד"ט. ואויר כרמלית אינו רק עד י"ט אבל מי"ט ולמעלה דינו במקום פטור ובימים ובנהרות מודדין משפת המים ולמעלה ולא מקרקעות המים: ד) מקום פטור הוא דבר שאין בו ד"ט אורך על ד"ט רוחב וגבוה יותר מג"ט אפילו עד לרקיע וכן חריץ שהוא רחב בפחות מד"ט על ד"ט ועמוק יותר מג"ט. כללו של דבר דה"ר הוא מקום מעבר לרבים ורחב ט"ז אמה ודוקא עד י"ט הוי אויר רה"ר אבל למעלה מי"ט ה"ז אויר מקום פטור. ורה"י הוא דוקא דבר שגבהו י"ט לפחות והוא רוחב ד' על ד' לפחות ואז נקרא רה"י אפילו עד לרקיע. וכרמלית הוא ג"כ רחב לפחות מד"ט על ד"ט רק שאין גובהה י"ט וגובהה לא פחות מג"ט. ואויר כרמלית אינו רק עד י"ט כמו אויר ר"ה דאינו עולה יותר מי"ט. ומקום פטור הוא דוקא כשאינו רחב ד"ט על ד"ט ואז בין שהוא גבוה עד לרקיע או שאינו גבוה רק ג"ט הוי מקום פטור אבל בפחות מג"ט בטל לגבי קרקע. ואינו נקרא מקום פטור אא"כ עומד ברה"ר אבל כשהוא בכרמלית או בין רה"י או בין רה"ר לכרמלית כיון שגם כרמלית אינו רשות חשוב מה"ת לפיכך אמרינן מצא מין את מינו ובטל לגבי כרמלית ודינו ממש בכרמלית:

ה) המוציא מרשות היחיד לרה"ר או מכניס מרה"ר לרה"י בין ע"י הליכה או שהושיט או שורק חייב. ולכרמלית פטור אבל אסור ולמקום פטור מותר לכתחלה: ו) בור ברה"ר עמוק י"ט ורחב ד"ט נמצא הבור הוא רה"י אסור להוציא הדלי עם מים לרה"ר ואפילו אם יש מחיצה לבור שהוא גבוה י"ט. ונכון ליזהר שלא יעמוד הדלי על המחיצה אע"ג דהמחיצה הוא רה"י וא"כ עדיין עומד ברה"י. דחיישינן שמא יוציא אותו לחוץ דהוא רה"ר אם לא במקום צורך גדול אבל אם אין לה מחיצה גבוה י"ט אסור דנמצא מוציא מרה"י לרה"ר. וכן עגלה שעומד ברה"ר והוא גבוה י' ברוחב ד"ט כמו הבריקעס בלא הגלגלים הוי רה"ר גמור ואסור להוציא ממנו לרה"ר וכן להושיט וכן אפילו להכניס ראשו לתוך העגלה ולשתות שם יין שרף או שאר דבר יש ליזהר כמו בבור דלעיל: ז) יש מקומות שלפני הבתים עושין גגין על פתח חנותם ועומד על עמודים שקורין פיר לייב אסור להוציא מן הבתים לתחת הגגין וכן להכניס משם לבתים אא"כ יעשה תיקון שיעמדו קנים גם לצד הבתים מג' צדדים ויהיה לזה צורת הפתח ואם הוא לפני ב' בתים צריכים גם עירובי חצירות: ח) אסקופה שלפני הבתים אם גבוהים י' ורחב ד' דינן כרה"י ומותר להוציא מן הבית לתוכו אבל לא ממנו לרה"ר אבל אם אינה גבוהה י"ט ורחב ד' הוי כרמלית ואסור להוציא מן הבית לתוכו וכן ממנו לבית וכן ממנו לרה"ר או מרה"ר לתוכו אסור ואפילו באסקופה שעומד בין המזוזות של הפתח אסור ולכן צריך ליזהר כשהבית נעול והנכרי מביא המפתח שיפתח הנכרי את הפתח: ואם המפתח מונח בפנים אסור להכניס ידו ולהוציא המפתח לחוץ: ט) הגאנקעס הסמוכים לקרעמעס אסור להכניס ולהוציא רק ע"פ תלמיד חכם והיודע לעשות צורת הפתח כדין וכן אסור ליטול ידיו מהמים העומד שם על הקורה שתחת הגאנעק שבין רה"ר

---

וואס איז די טיף צעהן טפחים אונ ברייט פיער טפחים טהאר מען פון איהר ניט שעפען וואסער אונ ארויס טראגען דעם עמער אויסער דעם חלל פון ברונען וואריום דם הייסט ער טראגט פון רשות היחיד אין רשות הרבים דעסגלייכען אז עס שטייט אפילו אטאגען וואס איז די הויך צעהן טפחים שטעהט אין א רשות הרבים טאר מען פון איהם ניט אראבנעמען קיין זאך וואס ליגט דארטען. ג) עס איז דא ערטער וואס מען מאכט פארין שטוב א דעכיל וואס שטעהט אויף פיער קלאפעס (עמודים) קאן אויך אמאל זיין א איסור ארויס טראגען פון שטוב צוא וויסען די קלאפעס. סיידען מען זאלל צוא רעכט מאכען ווי דער דין אונ מען בארף ואס פרעגען א שאלה. ד) אפילו אויף דעם גאנעק וואס פארען שטוב אדער אפילו אויפען שוועל פון שטוב וואס צום גאסס אויב ניי זענען גיט הויך צעהן טפחים טאר מען ניט ארויס טראגען פון שטוב דארטען אדער

והגאנעק אם לא ע״פ ת״ח היודע להתקן כדין. ועיין בחיבור חיי אדם כלל נ״ג סימן י״ג: י) היה עומד בביתו ובידו חפץ ונתגלגל מידו וקצה השני עדיין בידו אם נפל עד פחות מי״ט לארץ ומונח שם על איזה דבר אסור להחזירו גזרה שמא יפול כולו ולא יהיה אגודו בידו ואז הוא מונח ברה״ר אבל אם לא נח אלא תלוי באויר מותר להחזירו: יא) לא יעמוד ברה״י וישתין ברה״ר וכן להיפך וכן לא ירוק. וכן לא ילך ברה״ר או מרה״י לרה״ר ורוקו בפיו אם כבר תלשו והפכו בפיו ממקום למקום: יב) המעביר ד׳ אמות ברה״ר חייב ובכרמלית אסור מדרבנן אבל פחות מד״מ מותר: יג) אחד המוציא מרה״י לרה״ר או המכניס או מעביר ד׳ אמות ברה״ר אינו חייב עד שיעשה עקירה והנחה דהיינו שיעקור מרה״י ויניח ברה״ר או שיתן ביד אחד העומד שם אבל אם עשה עקירה ולא הניח כגון שעקר כלי והושיט לרה״ר וזה שעומד בחוץ לקח מידו אינו חייב אבל עכ״פ אסור מדרבנן ולכן מה שמקילין להביא דבר מאכל או כיוצא בו ע״י נכרי צריך ליזהר שלא יתן הכלי ליד הנכרי דאז עושה עקירה אלא יקח הנכרי מן השלחן וכיוצא בו וכן כשמביא נכרי איזה דבר לא יקח אותו הישראל מידו דאז עושה הישראל הנחה אלא יניחנה הנכרי על השלחן כדי שיעשה הנכרי הנחה. ולכן במקום שאסור לטלטל ומלין תינוק בבהכ״נ צריכין ליזהר שנכרי יוציא התינוק מן הבית ולא יתנו התינוק לידו אלא הנכרי יקח מעצמו ויוציא לחוץ ואז יניח הנכרי ליד ישראלית ואז יתן אחד לחבירו וחבירו לחבירו ובלבד שיזהרו שלא ישא א׳ את התינוק ד׳ אמות דהוי מעביר ד׳ אמות ברה״ר אלא דוקא בפחות פחות מד׳ אמות וכשיגיע סמוך לבהכ״נ יחזור העו״ג ויקח התינוק מיד הישראל אבל לא יתן הישראל לידו והעו״ג יכניס התינוק לבהכ״נ ויניח על הספסל ואזי יקח הישראל וכן בשעה שמחזירו. וכן כשעו״ג מביא אגרת או כל דבר יזהר הישראל שלא יקח מידו אלא יניחנו העו״ג על השולחן:

יד) עוד יש רשות אחד הנקרא קרפף שלא הוקף לדירה כגון המחיצות שלא נעשו לדור בתוכו אלא לשמור מה שבתוכן כגון ההיקף שעושין סביב השדות והגנות ואם יש בהיקף זה אורך יותר מבית סאתים שהוא ע׳ אמה וב׳ שלישים על רוחב ע׳ אמה וב׳ שלישים ואפילו אינו מרובע דינו ככרמלית ואסור להוציא ממנה לרה״י ולרה״ר ואסור לטלטל בתוכו אלא בד׳ אמות כיון דגדול כ״כ מיחלף ברה״ר ולפיכך הכפרים שבמדינות פרייסען אע״ג שעושין מחיצות מב׳ צדדין וכמו פתחים לשער אסור לטלטל בתוכו דלא הוקף לדירה. ואם הוא רק בית סאתים וב״ש בפחות אע״ג שלא הוקף לדירה מותר לטלטל בכולו ומ״מ אסור להוציא כלי בית לתוכו אפילו כששניהם של אדם אחד אע״ג דבחצר מותר זה גרע מחצר ודוקא כלים ששבתו בבית אסור אבל כלים ששבתו בחצר מותר לטלטל בקרפף זה וכן להיפך דמ״מ שוה בזה לחצר דגם חצר אין תשמישו כ״כ בקבוע:

טו) ולפיכך מי שיש לו גן סמוך לביתו אם נטועין בו אילנות והוא מוקף לדירה דינו כחצר ממש דמטלטלין ממנו לבית ומבית לגן דאילנות אין מבטלין דירה שכן דרך בני אדם ללון בין אילנות אבל אם יש בו זרעים וירקות אפילו זרע בחצר דינו כקרפף דזרעים מבטלין דירה ואסור להוציא מן הבית בתוכן וכן להיפך (ועיין דינים אלו שמבוארים היטב בחיבור חיי אדם כלל נ״א): טז) קיי״ל אדם הי נושא את

---

פערקערט. דיא גאנקעס וואס לעבען דיא קרעצמעס מאכען ווי מען זאלל מאגען טראגען דער דארטין שטוב באריך מען פרעגען ביי צמורה הוראה. ה) מען טאר ניט משתין זיין אין ארשות הרבים ווען דער מענש שטעהט אין רשות היחיד אין שטוב אדער אין הויף אונ דעסגלייכען פאר קעהרט דאס זעלבע שפייען פון רשות הרבים אין רשות היחיד וכו׳. ו) אפילו ניט ארויס טראגען פון איין רשות אין אנדערן נור טראגען אין רשות הרבים גופא פיער איילן איז מען חייב אונ דר וואו עס איז קיין עירוב ניט דא טאר מען ניט טראגען. ז) מן התורה איז מען ניט חייב ביז מען זאלל מאכען איין עקירה מיט איין הנחה, דאס הייסט מען זאלל פון איין רשות אויפהעבען דעם חפץ וואס מען טראגט אין דעם אנדערן רשות אוועק לעגען אדער אפילו אין רשות הרבים גופא אויף הייבען, אונ סוף פיער איילן אוועק לעגען נור מדרבנן איז אלס אסור אפילו איינער זאלל אויף הייבען אונ דער אנדערער זאלל אוועק לעגען. דערום אז מען ברויך וואס א נכרי געבען זאלל מען ניט געבען אין האנט ער זאלל ארויס טראגען נור לעגען אויפין טיש ער זאלל אליין נעמען. אונ דאס זעלבע אז א נכרי ברענגט א בריעף זאלל ער לעגען אויפין טיש אונ ניט קאן

דער

עצמו ולפיכך המוציא אדם חי מרה"י לרה"ר פטור אע"ג שלבוש במלבושים דהם בטלים לגבי האדם מ"מ זה דוקא באדם גדול שיכול לילך אבל קטן שאינו יכול לילך או גדול אלא שהוא חולה או כפות חייב ולפיכך אסור לשאת קטן ברה"ר אלא אם הוא גדול כ"כ שהוא הולך ברגליו מותר לאחוז אותו בידו והוא ילך ולא גזרינן שמא יגביה אותו ודוקא אדם חי נושא את עצמו אבל בהמה או עוף חייב ׃ יז) שבת והוציא איזה דבר בשבת אם הוא במקום המשתמר אסור להביאו לביתו ואם מתיירא שלא יגנבו אם אפשר ע"י עו"ג יאמר לעו"ג שיביאנו ואם א"א אזי מותר לטלטל בפחות פחות מד"א וכמו שכתבתי לעיל סי' י"ג ועכ"פ אסור להכניסו לבית שהרי מבגים מרה"ר לרה"י ׃ יח) היה בדרך ויש לו מעות בכיסו אם יכול להפקידן או להצניען אסור להחזיקן בכיסו אפי' במקום דמותר לטלטל ואפילו שירצה לישב בביתו תמיד שהרי הם מוקצה ואם א"א יתפרנו בבגדו ובמקום שאין עירוב צריך ליזהר שישב כל השבת בביתו אך אם מתיירא שאם ע"י שישב בביתו כל היום יכירו שיש לו מעות ויגזלו ממנו מותר לצאת לחוץ דכיון שהם תפורין בבגדו אין בו איסור הוצאה מן התורה דאין דרך להוציא כך ובמקום סכנה מותר ׃ יט) אסור לשאת זייגער שהרי אינו מלבוש כלל והמוציא חייב ואסור לצאת עם שפאקולין שקורין ברילין ואפילו בשמגיחים על החוטם ואפילו אם הם בכסף. והנשים צריכות ליזהר שלא לצאת במוך שנותנים באותו מקום להציל שלא תטוף מדם נדה אלא כשהוא דרך מלבוש. וכשהגשמים יורדים אסור ליתן פאטשיילע על ראשיהם להציל מגשמים אא"כ מתעטפים בו בדרך עיטוף. וכן מה שהאנשים נותנים פאטשיילע על הכובע בעת ירידת גשמים אסור דמה שהוא רק להציל מטינוף הוי משא ׃ כ) החיגר או שא"א לו לילך כלל בלא מקל מותר לילך במקל אבל אם אינו רק להשען עליו אסור שמא יעבירנו ד' אמות ברה"ר ואפילו במקום שיש עירוב אם לא צריך הרבה אסור משום דהוי דרך חול ׃ כא) מי שיש לו מכה מותר לצאת עם הרטיה וגם עם הסמרטוטין המונחים עליו דבטילין לרטיה שלא יפול אבל אסור

---

דער איד גענומען איהם. טז) מען טאר ניט שבת ארויס טראגען פון שטוב אין גאס וואס קיין עירוב איז ניט דא אין יעניגער גאס קיין גלי, עססענווארג אונ דערגלייכען, אפילו א קינד וואס קאן אליין ניט גיהן, אבער קען אדער א געבונדענעם מענשען טאר מען ניט טראגען. א חיה א גרויסען אונ געזונדען מענשען וואס קען אליין גיין מאג מען טראגען, אבער א בהמה א חיה אדער איין עוף מאטש זיי קאנען גיהן אליין. פון דעסטוועגען טאר מען זיי ניט טראגען. יז) ווען מען האט פערגעסען אונ וואס ארויס געטראגען געפינט זיך דאס אין אזעלכען ארט טאר מען עס ניט צוריק ברענגען אהיים. ווען ניט קאנן מען עס לאזען ברענגען דורך א נכרי. ווען דאס איז אויך אונ מעגליך. קענן מען עס טראגען, אבער נור אויף אזא ארט: איינער טראגט ווייניגער פון פיער איילען. דאן ניט ער די זאך איבער איין אנדערן. אונ טראגט אויך ווייניגער פון פיער איילען אונ אזוי ווייטער, אבער אין שטוב טאר מען יעדענפאללס ניט אריינטראגען די זאך. יח) אז מען איז אונטערוועגענס אונ מען האט ביי זיך געלד, קאן מען די געלד וואו בעהאלטען טאר מען עס ביי זיך ניט האלטען בשום אופן ווען ניט קען מען די געלד איינזאמען ערב שבת גאטירליך אין בגד. אבער וואו עס ניט דא קיין עירוב דארף מען זעהען זיטצען דעם גאנצען טאג אין שטוב. ווען דער שטוב זיטצען איז פערבונדען מיט א סכנה, מען זאלל ניט מערקען. אז ער האט געלד ביי זיך אונ ניט בעראבען איהם. מאג מען ארויס אין גאס נארום וויא באלד אז דיא געלד איז איינגענאהט אין בגד הייסט עס מן התורה ניט גיטראגען. יט) מען טאר ניט טראגען א זייגער אויך ניט ברילען, אפילו אויפן נאז. פרויען דארפען זיך היטען ניט טראגען די וואטע. וואס זייא לעגען אריין אין א געוויסען ארט, אבצוהאלטען די דם נדה סידען אז דיא וואטע איז געמאכט געווארען ווי א מין מלבוש (קלייד). מען טאר ניט ארויפלעגען א טוך אויפען קאפ. עס זאל ניט צוקומען דער רעגען. סידען ארום וויקלען זיך דער מיט. אויפען היטעל ארויפלעגען א טוך כדי ניט בעשמוטצען דיא היטעל טאר מען אויך ניט. כ) מען טאר ניט געהען מיט א שטעקיל. אפילו דא וואו עס איז דא איין עירוב דער קאליגער נים אהן א שטעקיל איז איהם גאר אונמעגליך צו געהען מעג יע. כא) דער וואס האט א וואונד מאג געהען אין גאס מיטען באנדאזש אדער קאמפרעס אדער פלאסטער. אבער א טוך טאר מען ניט ארומבינדען ארום דער וואונד

און

לכרוך על הרטיה דבר חשוב כגון פאטשיילע וכיוצא בו דזה לא בטיל גבי רטיה: כב) מותר לצאת בטלית כדרך עיטוף אבל שלא בדרך עיטוף אסור: כג) במקום שנוהגין לילך באונטער גארטיל להתנאות אין למחות בידם אבל אסור לכרוך פאטשיילע על החגורה ולקשור שהרי נראה שמערים להוציא אלא או יכרכנו על המכנסים או תחת הזופיצא בענין שיהיה בגד מפסיק בין הפאטשיילע ובין החגורה והכורכים על הצואר שנראה לכל שכונתו רק להוציא אסור אלא יכרוך על הצואר כמו האלזטוך בדרך לבישה: כד) כשיש לו ציצית פסולה בטלית או בבגד אסור לצאת בו שאפילו הציצית הנשארים חשובים משא כיון שדעתו להשלים ולעשות ציצית כשרים וכן כל דבר שדעתו להשלים כגון אם נפסק הרצועות שקורין קאסניק מצד אחד של הבגד וכן קרס אפילו של ברזל מצד אחד כיון שדעתו להשלים הרי זה שנשאר הוי משאוי ואם הם דברים חשובים כגון קאסניק של משי או קרס של כסף כיון שהוא דבר חשוב לא בטל לגבי הבגד ולכן אפילו אין דעתו להשלים אסור: כה) כל דבוי המחובר לבגד ה"ז בטל בבגד. ולכן מותר לצאת בכיסין התפורים בבגד וכן בקאפטור שתלוי באפענציג שמכסת על ראשו בשעת הגשמים ודוקא דבר שדרכו בכך אבל אסור לתפור פאטשיילע בבגדו ולצאת בו דידוע דבזה"ז אין דרך בכך ולא בטל לבגד ואפילו לתפרו בחגורה לא מהני אם יהיה תלוי בצדו אא"כ קושרו בקשר של קיימא מערב שבת או תופר וחוגר בו דהוי כחגורה ארוכה:

**מדין שביתת בהמתו**: א) כשם שמצווה האדם שלא לעשות מלאכה כך מצווה על שביתת בהמתו כדכתיב למען ינוח שורך כו' לפיכך אסור להניח לבהמתו שתוציא איזה משא ואפילו מה שהוא על גופה אם אינה לשמירתה אבל מה שצריך לשמירתה זה הוי כמלבושה אבל מה שהוא לשמירה יתירה אסור ולכן מותר הסוס לצאת ברסן שקורין צוים או בסלייקעם שעל צוארן שזה צריך לסוס להפכו אם ימרוד אבל בשניהם אסור דהוי נטירותא יתירה אבל

---

אונ גיהן אזוי אין גאס. כב) א טלית מאג מען טראגען בעדעקענזיכדיג דערמיט, אבער אין האנד טהאר מען איהם ניט טראגען. כג) דא וואו עס איז א מנהג צוא טראגען אין אונטערגארטיל מאג מען עס שבת אויך טראגען, אבער ארומבינדען זיך מיט א פאטשיילע אויפען גארטל טהאר מען ניט. וויא דען? מען וויקעלט זי ארום איבער די הויזען, אדער אונטער דער זופיצא, אנטהאן דיא טיכול אויפען האלז מאג מען נור אויף דעם אופן. מען זאלל זיא אנטהאן וויא מען טהוט א טיכעל געוואהנליך אהן. עס זאלל ניט זיין קאנטיג אז מען טהוט עס צוליעבן טראגען. ארום בינדין ארום האנד אדער ארום פוס טאר מען געוויעס ניט. כד) האט מען אין טלית אדער אין ארבע כנפות א פסולע ציצה טהאר מען דעם גאנצען טלית אדער ארבע כנפות ניט טראגען, דעסגלייכען אז עס רייסט זיך אב אין זייט פון בגד א קאסניק אדער העקעל אונ ער רעכענט נאך שבת איין צוא נייען האט דער אנדער קאסניק א דין פון א משא אונ מען טהאר דעם בגד ניט טראגען אז דער געבליבענער קאסניק אדער העקעל זענען ווערטהפאללע, ווי למשל פון זייד אונ זילבער רופט זיך אלע מאל א משא ווען אפילו ער רעכינט זאל בלייבען אזוי. כה) יעדער זאך, וואס איז פערבונדען מיטען בגד וויא למשל א קאפשאן אונ דעם גלייכען, מאג מען טראגען, אבער דווקא אזא זאך, וואס ווערט געטראגען צוא זאמען מיטען בגד, אבער אזא זאך וואס מען טראגט עס געוועהנליך גיט צו זאמען געגאהטער הייט וויא א פאטשיילע למשל טהאר מען ניט טראגען אפילו אנבינדען אן גארטעל זאל ווערען דער גארטעל לייגער. טהאר מען אויך ניט. סיידען אז עס איז צוגעבינדען ע"ב שבת אן גאנץ פעסט דאן הייסט דאס ווי אלאנגער גארטעל:

**דינים וועגען דעם רוהען פון דער בהמה שבת.** א) אזוי וויא דער איד טהאר ניט טהאן קיין ארבייט שבת. אזוי טהאר ער ניט לאזען זיין בהמה ארבייטען שבת, ווי עס שטעהט. למען ינוח שורך וחמורך וכו' כדי עס זאלל רוהען ביין אקס אונ דיין עזעל אונ זא נייטער, דעריבער טהאר מען ניט לאזען דיא בהמה (אונטער וועלכע מען פערשטעהט אין לשון קודש ניט נור א קוה נור אויך אללע חיות, אונ דא מיינט מען נאטירליך ניר אללע הויזטהירען. ווי אפערד אקעמעל חיות ביתיות) טראגען א משא, אפילו דאס וואס זיא טראגט געוואהנליך אויף זיך סיידען דאס וואס זי מוז נאטהווענדיג טראגען פון זיכערהייט וועגען, זי זאל ניט אנטלויפען, דער פערד מאג בארום טראגען א צוים אדער סלייקס אויפען האלז אבער ביידע צו זאמען ניט. א שה אדער איין אקס טהארען ניט ארויס געהען

פרה או שור לא תצא בחבל שבצוארה לפי שאינה צריכה שימור אבל עגלים מותרים לפי שהם מורדים בקל: ב) האוכף שקורין זאטיל וכן חאמעט אסור ליתן עליו אפילו בחצר משום מראית עין שיחשדו שרוצה לרכוב עליו או ליתן עליו משא וכן אסור לצאת בזוג שקשור ברסן ואפילו בחצר דמשמיע קול אא"כ פקק העינבל. ומותר למשוך הסוס בחבל שברסן רק שאם היה ארוך יכרוך אותו סביב הצואר כדי שלא יצא מידו טפח שנראה שנושא החבל. כללו ש"ד כל דבר שהוא לשמירה שלא יברח בין סוס או שאר בעלי חיים ובין עוף מותר אבל מה שאינו לשמירה אלא לנוי או משום סימן כמו שעושין לתרנגולים או מה שקושרין בפי העגל והעזים כדי שלא תניק אסור לצאת בו. ואם משרתו נכרי רוכב בשבת על הבהמה להשקותה א"צ למחות שהחי נושא את עצמו אבל אם נותן בגדו עליו או שאר דבר אסור: ג) מותר למסור בהמתו לרועה אעפ"י שמוליך אותה חוץ לתחום אבל אסור לומר לו שיוליכנה חוץ לתחום ואם מוליך שוורים למקום אחר אם מוסר לו בע"ש מותר אבל בשבת אסור כיון שיודע בודאי שיוליכנה חוץ לתחום: ד) אסור להשאיל או להשכיר בהמתו לעו"ג אם יודע שיעשה בה מלאכה בשבת אא"כ מתנה עמו שיחזירנה קודם שבת ואם העו"ג אינו מחזיר לו והוא אנוס יפקירנה אפילו בינו לבין עצמו ואם הישראל שכר בהמה מעו"ג מצווה ג"כ על שביתתו דשכירות ספק אם קונה לו אבל מותר לחזור להשכירה לעו"ג ממ"נ אבל אם שכר עו"ג עם בהמות שיוליך סחורתו למקום פלוני והעו"ג חייב במזונותם ובאחריותם אינו מצווה כלל וכבר כתבנו לעיל דין מי שהחשיך לו בדרך בדינים השייכים מע"ש: ה) אע"ג דלארם אסור לעשות רפואה בשבת כדלקמן אבל לבהמה מותר כיון דאינו בזול כ"כ לא גזרינן שמא ישחוק ולכן מותר להעמידנה במים ולסוך מכתה בשמן וכן מותר להקיז דם ע"י עו"ג אם היא חולה אבל אם היא בריאה רק כדי שתאכל בטוב שקורין פראווען אסור: ו) אסור ליתן

---

מיט א שטריקעל אויפען האלז, ווייל זיא אנטלויפען ניט, אבער קאלבער מאג מען. ב) מיט דעם זאטעל אדער דעם האמעט טאר מען ניט אנטהאן דעם פערד. טאמער וועלען לייט חושד זיין אז מען וויל זיך זעטצען אויפען פערד רייטען אדער ארויפלעגען א משא, מיט א גלעקיל טאר מען אויך ניט גיהען, סיידען מען פערשטאפט איהם פון אינוועניג. ציעהען דעם פערד פארן שטריקעל וואס פון צוים מאג מען. נור אויב די שטריקעל איז לאנג, באדארף מען איהר ארום וויקלען דעם פערד אויפען האלז, כדי עס זאלל זיך פון האנד ביז זעהען ניט מעהר פון א טפח (אפוימט). מיט איין ווארט: די זאך וואס די חיה טראגט פון זיכערהייט וועגען זיא זאלל ניט אנטלויפען מאג זי טראגען אום שבת ווען אבער פון שאנקייט וועגען אדער צוא ליעב א סימן, טאר זי ניט. דער זעלבער דין איז מיט עופות אויך. ווען מען האלט א קנעכט א נכרי, באדארף מען איהם ניט שטארען פיהרען דעם פערד אנטגעגען חוץ ער רייט אויף איהם, אבער ארויפלעגען זיין גער אדער איין אנדער זאך טאר מען ניט. ג) מען מאג איבער געבען די בהמה צו א פאסטוך ווען מען וויים, אפילו אז ער טרייבט איהר ווייטער פון א תחום שבת, אבער זאגען איהם, ער זאל איהר טרייבען ווייטער ווי א תחום שבת טאר מען ניט. לאזען פיהרען אקסען אין איין אנדער שטאדט מאג מען נור אין דעם אופן אז מען גיט זיי איבער ערב שבת. ד) פערדינגען אדער פערדינגען א בהמה א נכרי ווען מען ווייסט אז דער נכרי וועט מיט איהר ארבייטען אום שבת טאר מען ניט נור אין דעם פאלל, אז מען רעדט לכתחלה אום. ער זאלל ביז שבת די בהמה אבגעבען מאג מען און ווען דער נכרי קערט איהר באן ניט אום, מוז מען דיא בהמה אין הארצען מפקיר זיין. אז א איד דינגט א בהמה ביי א נכרי, איז ער אויך מחויב צו זעהען דיא בהמה זאל ניט ארבייטען שבת. אבער פערדינגען איין אנדער נכרי מאג מען שוין באן אפילו ערב שבת. ווען מען קומט אבער געדונגען א פוהר ביי א נכרי מיט דעם תנאי דער נכרי אליין זאלל פיהרען זיין (דעם יודענס) סחורה און ער אליין זאלל דיא פערד קארמענען און היטען. באן קאן זיך דער נכרי נאטירליך טהאן מיט זיינע פערד וואס ער וויל. ה) מאכען פאר א מענשען א רפואה אום שבת טאר מען ניט. סיידען וואו עס איז א סכנה וויא מיר האבען אויבען געזאגט. אבער פאר א בהמה מאג מען יע. זאלל קיין שאדין ניט זיין. אום שמירען איהר א וואונד אדער לאזען בלוט דורך א נכרי און דעסגלייכען. אבער אלץ נור פאר א קראנקע בהמה. פאר א געזונדע בהמה מער ניט כדי זי זאלל בעססער עססען, טהאר מען ניט טהאן אנגעבע מיטלען

סים ע"נ סובין ומורסנין דכיון דלאו בר גיבול הוא י"א ה"ה כף כשנתן המים חייב כדלעיל במלאכת לש אם לא כשעת הדחק מותר ע"י עו"ג אבל ע"י ישראל אסור ואם א"א ע"י עו"נ אם כבר נתן מים מע"ש אזי מותר להוליך בכף או מקל שאינו מוקצה ויוליכנה שתי וערב ויערה מכלי אל כלי עד שיתערב אבל לגבל בשבת הוא מלאכה מה"ת כדלעיל במלאכת לש: ז) אסור לחתוך הבן דק דק שקורין סיעצקא ואפילו ע"י עו"ג אסור דהוי כטוחן ומ"מ אם עשה מותר ליתן לבהמה ומותר להעמיד בהמה על עשבים מחוברים שתאכל דלא אסרה תורה רק שלא לעשות מלאכה בבהמה מפני שיש לה צער אבל זה אדרבא נייח הוא לה אבל אם קצר עו"ג עשבים בשבת אסור להעמיד בהמה ע"ג העשבים ממש שתאכל דגזרינן שמא יטול בידו ויתן לה נמצא שמלטל מוקצה אבל מותר לעמוד בפניה שלא תוכל לנטות ותלך לשם והאכל ממילא וכן מותר לומר לעו"ג שיתן העשבים שקצר לבהמה ואם קצר בשביל ישראל אם הבהמה יכולה לילך לשם ולאכול מותר לומר לו שיתן לבהמתו אם אין לה מה לאכול ובשעת הדחק שאין לבהמה שום דבר לאכול מותר לומר לעו"ג לקצור עשבים משום צער בעלי חיים וכן מותר לומר לנכרי לחלוב בהמתו משום צער בע"ח רק שהחלב אסור לטלטל בו ביום משום מוקצה וכן להמרות האווזות שאינן יכולים לאכול מעצמם אי ליכא עו"ג או קטן והכל משום צער בע"ח ולכן אינו מותר רק פעם אחד ביום: ח) אם נפלה לגומא שבחצר מותר להוציאה אפילו ע"י ישראל דאין כאן אלא איסור מוקצה אבל אם הגומא כרה"ר מותר ע"י עו"ג: ט) אם נותן שבולת שועל או שאר מיני דגן לבהמה לא ימדוד במדה אלא משער באומד דעתו וצריך ליזהר מאד שאם נוטל בכברה שלא יכבור שיפול המוץ דהוא מלאכה דאורייתא מרקד אבל בשאינו מכבר בכונה אעפ"י שנוטל בכברה והמוץ נופל דרך נקבי הכברה כיון שאין מתכוין לבך מותר כדלעיל במלאכת מרקד:

---

סיבטלען . ו) ארויפגיסען וואסער אויף קלייען אדער קינקענע טהאר מען ניט דאס איז מלאכה דאורייתא ביידען פאר א נויט אונ דורך א נכרי בדוקא ווען דורך א נכרי איז אונמעגליך איז אויב מען האט אריין געגאסען וואסער ערב שבת מאג מען דיא האנד אדער א שטעקעל וואס איז ניט מוקצה פיהרען אין דר כלי אונ דער לאנג אונ אין דער ברייט אונ איבער גיעסען עס אין א צווייטער כלי אונ אין אדריטטע. ביז עס מישט זיך אויס ווען ניט אזוי איז עס גלייך וויא קנעטען , אונ דאס איז דאך איין איסור מן התורה. ז) מען טהאר ניט אנשניידען שעצקע אפילו דורך א נכרי אבער אז מען האט שוין אנגעשניטען מאג מען דאס געבען דער בהמה צום עססען , מען מאג שטעללען די בהמה איבער גראז וואס וואקסט אויפען פעלד, זיא זאלל עססען אבער ווען א נכרי האט דיא גראז אראבגעשניטען אום שבת, וואס באן ווערט דאך די גראז מוקצה אונ מען טהאר זיך אן איהר ניט אנדריהען . באן טהאר מען ניט שטעללען די בהמה גלייך איבער די גראז נור מען מאג שטעהן געבען איהר, זיא זאל זיך ניט האבען וואו אבצוקערען אונ זאלל עססען דיא גראז, היטען דעם נכרי. ער זאלל געבען דער בהמה דיא אבגעשניטענע גראז מאג מען. ווען דער נכרי האט עס געשניטען פארין אידען , זיא אויב די בהמה קאן דארטען אליין געהען אונ עססען מאג מען איהם זאגען ער זאלל געבען דער בהמה . ווען זיא האט ניט וואס צו עססען פאר א נויטה נאג מען זאגאר הייסען דעם נכרי שניידען לכתחלה פאר דער בהמה , צוליעב צער בעלי־חיים הייסען א נכרי מעלקען די בהמה מאג מען , אבער די מילך טהאר מען שבת ניט האלטען צוא ליעב מוקצה. אויך מאג מען אליין שטאפען דיא גאנז וואס עססען ניט אליין, אויב עס איז ניטא א נכרי אדער א קינד וואס זאלל דאס טהאן , אבער נור איין מאל אין טאג אונ עס זאל ניט זיין קיין אנדערע איסורים וואס שטייהט אין דיא מלאכה פון צידה . ח) אז א בהמה פאללט אריין אין אגרוב אין הויף מאג מען איהר אליין ארויס נעהמען , אבער אין א גרוב אין גאס וואס איז קיין עירוב ניטא. טהאר מען אליין ניט ארויס נעהמען . פיירען דורך א נכרי . ט) מעסטען דיא עססינס וואס מען גיט דער בהמה טהאר מען ניט. ווען מען נעהמט דיא עססענס אין א זיפ דארף מען זיך היטען ניט א זיפ טהאן אז עס זאלל ארויס פאללען דיא קלייען ווייל דאס איז איין איסור מן התורה . אבער ווען עס פאללט אליין ארויס קלייען ניט זיפפענדיג אונ אהן כונה מאכט ניט אויס :

פארן

# פרק מ

## בו יבואר דיני איסור חמץ ודיני אפיית המצה.

*) וענין כרת הוא כי ידוע שבעון זה הוא וזרעו נכרתין שמת גם הוא כשהוא בן חמשים ואם עשה עבירה זו כשהוא זקן אל יחשוב בנפשו שלום יהיה לי כי כבר זקנתי אחר שלא נפטר עדיין מכרת דיוניי בראיתא במו"ק. ועוד כי ידוע שכל איש ישראל בשווכה שתשוב נשמתו אצל אלהינו שבשמים כדכתיב והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה מקום משכנה הוא למעלה בשמי מרומים אצל כסא כבודו יתברך בדאיתא בשבת דף קנ"ג ומתענגות שם מזיו הדר שכינתו ית', ושם הוא מקור ההוד והשמחה והתענגות כמו שנאמר הוד והדר לפניו עוז וחדוה במקומו ועל זה נאמר במקרא והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה' אלהיך והיינו

נפשו מארץ החיים לגמרי ואפילו אם יכפוהו עובדי גילולים לזה צריך למסור נפשו ולא לעבור ע"ז שהוא שקול כמו ע"ז והנה מחמת גודל פרסומו בין האומה היה דבר זה לפלא ולתמהון אם היינו מעתיקים לפני הקורא גודל איסורה וכמו שאין צריך להזהיר לכל אחד שלא יחתוך את ראשו. אכן עתה בעו"ה שנפזרנו בארצות רחוקות כמו אפריקא וכדומה ושם הם מדינות שכולם עובדי כוכבים ואין מצויים שם ישראל כ"א מעט מן המעט ונשכח דת התורה לגמרי שיש שאינן יודעין אפילו קרוא מקרא כהוגן ומחמת זה כששומע מאיזה ישראלים מענין טבילה חושב שהוא רק מנהג של יהדות בעלמא ומפני זה בעו"ה החלו איזה אנשים קלי הדעת ובורים לפרוץ פרצה בענין הטבילה לגמרי שנשותיהן אינן טובלות כלל לנדותן לכן אנו צריכין להאריך בגודל העון הזה כדי להזהיר להעם מהחטא הנורא הזה. ראשון לכל צריך האדם לידע שכל העונשים שנאמרים בתורה ובנביאים ובכתובים וכן בדברי חכמינו ז"ל על מי שעובר על איסור עריות והעתקנו קצת מהם לעיל הוא ג"כ על מי שעובר על איסור נדה [דהיינו כל זמן שלא טבלה אשתו במקוה כשרה כדין אפילו רחצה בכל מימות שבעולם נדה גמורה היא ע"פ התורה וחייבין שניהן כרת עבור זה] כי היא נאמרה בתורה בכלל שאר עריות וחייב עליה כרת ג"כ כמו על שאר העריות וכמו דכתיב בהדיא בפרשה וכנ"ל. והעובר ע"ז בזדון לבו הוא רשע גמור ופסול לעדות ולשבועה ונקרא בשם פושע בגופו עבור זה ודינו פסוק בר"ה דף י"ח דמי שיש לו רוב עונות ונמצא בתוך העונות גם עון זה דעריות הוא נידון בגיהנם י"ב חודש ואח"כ גופו כלה ונשמתו נשרפת והרוח מפוזרת לאפרו תחת כפות רגלי הצדיקים. ומי יוכל לשער גודל היסורין והצרות שיסבלו שניהם בגיהנם אפילו על פעם אחד שעוברין על

---

איז אַייבִּיג נִיט זוֹכֶה צוּ קוּמֶען זַיין נֶפֶשׁ אִין הִימֶעל אויף דֶעם אָרְט וואוּ אַלֶע יוּדִישֶׁע נְשָׁמוֹת. זַיין גֶעבִּין הקב"ה אִין גַן עֵדֶן אֶלָא עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גִיטְרִיבְּן חוּץ לְמַחֲנֶה צוּ וִויסְן אַלֶע מַזִיקִים אִין גֵיהִנָם. אֲפִילוּ אַז עו"ג זָאלְן גֵייטִין אַ יוּדֶען עֶר זָאל טוּעֶן דָאס אִיז עֶר מְחוּיָב זִיךְ צוּ לָאזְן הַרְגֶענֶען אוּנ נִיט טוּעֶן דִיא עֲבֵירָה וָוארוּם דָאס אִיז גְלֵייךְ וִויא עֲבוֹדָה זָרָה דִינֶען. אוּנ מֵחֲמַת דָאס אִיז זֵייעֶר מְפוּרְסָם צוּ וִוישְׁן יוּדֶען דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִיא עֲבֵירָה וֶוער עֶס אִיז מִיט זַיין פְּרוּי אָן טְבִילָה, דֶעריבֶּער הָאבּ אִיךְ אַרוּם דֶעם נִיט גִידַארְפְט רֵיידִין אַקוּרַאט וִויא אֵיינֶער דַארְף דֶעם אַנְדֶערְן נִיט פַאר זָאגֶען עֶר זָאל זִיךְ זַיין קָאפּ נִיט אָפּ שְׁנַיידֶען. נוּר אִיצְטֶער בעו"ה אַז מִיר יוּדִין זַיינֶען צוּ שְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אִין אַלֶע עֶקִין פוּן דֶער וֶועלְט צוּ וִוישְׁן דִיא הֵיידִין אוּנ דָארְטִין אִיז פַארַאן גָאר וֵוייגִיג יוּדִין אוּנ זַיינֶען זֵייעֶר פַאר פְּרַאכְטֶעט זַייא מֵיינֶען דָאס אִיז מֶער נִיט וִויא אַ יוּדִישֶׁער מִנְהָג אוּנ זַייא וֵוייסִין גָאר נִיט אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַרְבֶּע עֲבֵירָה, דֶעריבֶּער וֶוערְט בַּייא זַייא רֶעכְט אַז זַייא וואהנֶען אִין אֵיין שְׁטָאט וָואס אִיז אִין אִיר נִיטָא קֵיין מִקְוֶה אוּנ זַייא לֶעבֶּען מִיט זַייעֶרֶע וַוייבֶּער אָן טְבִילָה דֶעריבֶּער זַיינֶען מִיר מְחוּיָב מוֹדִיעַ צוּ זַיין דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִיא עֲבֵירָה כְּדֵי זַייא זָאלִין זִיךְ הִיטִין פוּן דִיא עֲבֵירָה אוּנ זַייא זַיינֶען מְחוּיָב זִיךְ צוּ שְׁטַארְקִין אוּנ מַאכִין דָארְטִין אֵיין מִקְוֶה אוּנ אוֹיבּ עֶס אִיז נִיט מִיגְלַאךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן זַיינֶען זַייא מְחוּיָב פוּן דֶער שְׁטָאט אַרוֹיס צוּ גֵיין. פְרִיעֶר דַארְף מֶען וִויסִין אַז אַלֶע עוֹנָשִׁים וָואס וֶוערִין דֶער מָאנְט אִין דֶער תּוֹרָה אויף עֲרָיוֹת אִיז נִדָה אוֹיךְ אִין כְּלַל [אַיין נִדָה וֶוערְט אָן גִירוּפִין כָּל זְמַן זִיא אִיז זִיךְ נִיט טוֹבֵל אִין אֵיין מִקְוֶה כְּשֵׁרָה כְּדִין אֲפִילוּ זִיא קֶען זִיךְ וַואשֶׁען מִיט אַלֶע וַואסֶערִין פוּן דֶער וֶועלְט אִיז זִיא אֵיין אֶמֶת'ע נִדָה אוּנ בֵּיידֶע זַיינֶען מְחוּיָב דֶעם עוֹנֶשׁ כָּרֵת] אוּנ דֶער וָואס אִיז אויף דֶעם עוֹבֵר בְּמֵזִיד אִיז עֶר אֵיין רָשָׁע גָמוּר אוּנ עֶר אִיז פָּסוּל לְעֵדוּת וְלִשְׁבוּעָה אוּנ עֶר וֶוערְט אָן גִירוּפִין אֵיין פּוֹשֵׁעַ בְּגוּפוֹ אוּנ זַיין דִין אִיז אָפּ גִיפַּאסְקֶעט אוֹיבּ עֶר הָאט מֶער עֲוֹנוֹת וִויא מִצְוֹת אוּנ אִין דִיא עֲבֵירוֹת גִיפִינְט זִיךְ דֶער מִין עָוֹן אוֹיךְ אִיז עֶר גִיקְוִישְׁפָּט אִין גֵיהִנָם צְוָועלְף חֳדָשִׁים אוּנ דֶער נָאךְ וֶוערְט דֶער גוּף פַאר לֶענְט אוּנ זַיין נְשָׁמָה וֶוערְט פַאר בְּרֶענְט. אוּנ וֶוער קֶען מְשַׁעֵר זַיין דִיא יְסוּרִין וָואס זַייא וֶועלֶען בֵּיידֶע

---

והיינו ששם נדבק נפשו בה' שהוא מקור החיים לכל חי וחי לנצח ברוב עוז וחדוה, וזהו לכל כלל ישראל שהולכים בדרך התורה אבל מי שסר מה' ועובר במזיד על עון שמתחייב עליו כרת נכרת נפשו ממקור החיים וכמו ענף מן האילן שכל זמן שהוא מחובר להאילן ילכו כל היניקות מן האילן גם בכל ענפיו, אבל כשנכרת ממנו תיכף הוא מתחיל להתייבש והוא כלה ונפסד, כן הוא הנפש כשנפסק ממקור שרשו נפסק החיות שלו, יתבונן הארם במה גדול עונש הזה ויותר מכל יסורים שבעולם.

**על איסור זה** ובכ"ש אם הופקר ח"ו בעיניהם עון זה החמור לעבור עליו כמה פעמים. וגם הרבה פעמים גורם העון הזה שתמות בעת שתשב על המשבר כמו דאיתא במשנה [שבת פ' ב"מ] על ג' דברים נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות בנדה ובחלה ובהדלקת הנר. וגם העון הזה גורם כמה פעמים שימותו בניהם ואפילו אם הוא רואה שבניו קיימים לא יחשוב ברכת שלום לעצמו כי איננו יודע מה יהיה בסוף ימי חייו. וגם הבנים אשר יולדו לו עי"ז יהיו בודאי רשעים גמורים כי הם מבני תשע מדות שאחת מהתשע הוא בני נדה שעליהם אמר הכתוב וברותי מכם המורדים והפושעים בי כמו שאחז"ל. וכמה יצטער עי"ז לע"ל כי לא די שהוא בעצמו קלקל כל ימי חייו הביא עוד רשעים בעולם למרוד בה' ובתורתו כל ימי חייהם ויהיה פעולתם הרעה גם לו למזכרת עון לנצח. לך נא ראה מה דאיתא בזוה"ק פרשת שמות תלתא אינון דדחיין שכינתא מעלמא וגרמין דדיורה דקודשא בריך הוא לא הוי בעלמא ובני נשא צווחין ולא אשתמע קליהון. ואלין אינון.

מאן דשכיב בנדה בגין דלית מסאבו תקיף בעלמא בר מסאבו דנדה. מסאבו דנדה קשיא מכל מסאבו דעלמא. איסתאב איהו וכל דמקרבין בהדיה יסתאבון עמיה. בכל אתר דאזלין אתדחיא שכינתא מקמייהו. ולא עוד אלא דגרים מרעין בישין על גרמיה ועל ההוא זרעא דיוליד דכיון דיקרב ב"נ לגבי נדה ההוא מסאבא דליג עלוי וישתאר בכל שייפין דליה. זרעא דיוליד בההוא שעתא משכין עליה רוח מסאבו וכל יומוי יהו במסאבו דהא בניינא ויסודא דליה איהו במסאבו רב ותקיף מכל מסאבין דעלמא דמיד דקריב ב"נ לגבי נדה ההוא מסאבו דליג עלוי דכתיב ותהי נדתה עליו עי"ש עוד. ועי"כ כל אשר בשם ישראל יכונה יחוס ע' עצמו ועל כל דורותיו הבאים אחריו שלא יכלו בעונותיו ויתחזק על יצרו שלא לעבור על איסור המר הזה ויהיה טוב לו בזה ובבא:

**והנה** לפ"ז צריך ליזהר מאד שלא לדור עם אשתו בעיר שאין שם מקוה כשרה ואפילו מי שתלוי בו טפלי ועיקר פרנסתו לפי מראית עיניו הוא תלוי רק במקום הזה לא יחליף עולם עומד לעד לעולם
בעולם

---

בידע ליידין אין גיהנם אפילו פאר איין מאל עובר זיין דעם איסור און בפרט אז זיי האבין זיך אזוי גיפירט כמה מאל ח"ו. גם כמה מאל איז דער עון גורם אז דיא אשה זאל שטארבין בשעת זיא האט אקינד. גם כמה מאל איז דער עון גורם אז דיא קינדער זייערע שטארבין דער פאר. און אפילו אז ער זעהט אז זיינע קינדער לעבין לאז ער ניט זיין ביי זיך אתקיף וארום ער ווייסט נאך ניט וואס דער סוף וועט זיין פון זיין לעבין טאמר וועלין זייא נאך שטארבין ח"ו סוף זיין לעבין. גם דיא קינדער וואס ווערין גיבארין פון איין אשה נדה זיינען גווים רשעים און מורדים ופושעים וויא דיא גמרא זאגט אז אויף זייא זאגט דער פסוק וברותי מכם המורדים והפושעים בי איז דער טייטש גאט זאגט לעתיד לבוא וועל איך אפ קלויבין פון אייך דיא פשעים און וויא פיל וועט דער מעניש האבין צער אויף אייביג אז ער האט גיבראכט רשעים אויף דער וועלט לא די וואס ער אליין האט גיטוען אזוי פיל עבירות וועט ער נאך האבין אייביגע דאגות און צער פון זייא וויא זייא וואלגערין זיך אין גיהנם צווישין אלע מזיקים און איהם וועט מען צו פירין ער זאל דער ביא שטיין בשעת מיא איז זויא מעניש וויא דער גאנ

בריינגט אין משלי קאפיטל כ"ט. גיב אכטינג וואס שטייט אין היליגין זוהר איינע פון דיא דרייא וואס זיינען דוחה דיא שכינה פון דער וועלט און דורך דעם אז מענשין שרייען און מיא הערט נים צו זייער קול איז איינע פון זייא איז דער וואס איז מיט איין אשה נדה עס איז ניטא אזוי אשטארקע טומאה אויף דער וועלט וויא דיא טומאה פון איין נדה ער ווערט טמא און ווער עס גינעהנט צו איהם ווערט אויך טמא וואו זייא גייען אנטלויפט דיא שכינה פון זייא און נאך מער ער איז גורם שלעכטע קריינקהייטין אויף זיך און אויף דיא קינדער וואס ער וועט האבין. דאס קינד וואס וועט דער פון גיבארין ווערין ציהט מען אויף איהם ארויף ארוח הטומאה זינד ער וועט לעבין האט ער אויף זיך דיא טומאה ווארום זיין ניבייא איז דאך גיוועזן דורך טומאה וואס זיא איז שטארקער פאר אלע טומאות פון דער וועלט. על כן דער וואס איז איוד זאל אויף זיך רחמנות האבען און אויף זיינע דורות זאלין נים קאלע ווערין איבער זיינע עבירות און ער זאל נים וואהנען מיט זיין פרוי אין איין שטאט וואס עס איז ניטא איין כשרה מקוה און ער זאל האבין איין בטחון אויף גאט אז ער וועט איהם שפייזין אנדערש וואו אויך:

בעולם עובר כי בודאי כשידור בקביעות עם אשתו במקום הזה בהמשך הימים יבוא לידי מכשול איסור כרת ר"ל וישים בבחונו בה' שלא יעזבהו גם שם:

**פרק מג** בו יבואר שאל ידור במקום שאין ישראל מצויין.

**והנה** לפי מה שנתבאר בפרקים שעברו גודל החיוב לאיש הישראלי לשמור את דברי התורה ובזה תלוי כל אשרו והצלחתו בזה ובבא נשכיל לדעת איך צריך האדם ליזהר מהמכשולים המפריעים אותו מלכת בדרך התורה. והנה הגורם הגדול שיכול לגרום להאדם שיסור מדרך התורה הוא בשדר בארצות הרחוקות במקום שאין שם כנסיה של ישראל כי מחמת רוב הרגלו והשתקעותו שם יתרפה לקיים מצות התורה מתחלה מחמת אונס קל דהיינו שחושש שילעגו עליו ואח"כ נעשה לו הדבר בהיתר וגם בהמשך הזמן יבוא לידי מאכלות אסורות *), וגם להכשל באיסור נדה כמה פעמים באשר שבודאי אין שם מקוה כדין התורה והמה מהעבירות החמורות שיש עליהן חיוב כרת דבשדר בין ישראלים אף בשמתגבר ח"ו יצרו עליו הוא מונע את עצמו מפני הבושה מחבריו

*) ואל יפלא בעיני האדם איך נמצא כזה באיש ישראל שהורגל מעודו בשמירת הדת בכל הפרטים למעול בנפשו לעבור בשאט נפש על איסורין חמורים שמלפנים היה מזדעזע לראות לאנשים ישראלים כשעוברין אף בדברים קלים מאלה, אכן כן הוא טבע האדם שהכל לפי רוב ההרגל שע"י יתהפך מן הקצה אל הקצה. משל למה הדבר דומה לאיש אחד שהיה עסקו כל ימי חייו בחנות של בושם ואח"כ החליף עסקו בבורסקי ובאשר לא הורגל מעודו בריח הרע היה לו הדבר מאד למשא ובכל שעה היה רוצה להסתלק מזה אך ברבות הימים באשר הורגל בזה אינו מרגיש כלל בריח הרע וכאלו נולד בורסקי, וכן הוא באיש הזה שמעודו לא הורגל לראות פרצות הדת כאלה וע"כ בתחלת בבואו למדינות ההם משתומם לראות המראה הנורא הזה, אמנם באשר יתעכב שם ובפרט כשישב רק בין העובדי גילולים שם, מעט מעט גם הוא נמשך אחריהם במעשיהם ודעותיהם עד שבהמשך הזמן ירד ממדרגתו לגמרי ויתהפך לאיש אחר וכאלו לא היה מעולם במצב אחר.

---

**פרק מב** ווערליג ווי מיר תאבען אין די פריהערדיגע קאפיטלען ארומגערעדט ווס פאר אגרויסע פליכט (חיוב) עס ליגט אויפן אידען אבצוהיטען אללע מצות התורה אונ וויא אן דעם ווענדט זיך זיין גאנצער גליק אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט פערשטעהט מען שוין אליין ווי וויט מען דארף זיך היטען פון אללע זאכען. וואס קאנען דעם יודען שטארען אין דעם קיום התורה והמצוה. פון דיא אללע שטרויכלונגען וואס ליגען אויף דער היילינער וועג איינעם פון דיא גראסטע שטארונגען וואס פיהרען היינטיגע צייטען דעם יודען אראב פון דעם דרך התורה איז געוויס דער וואוהנען אין דיא ווייטע מקומות וואו עס זיינען קיין אידישע געמיינדעם (קהלות) גאר ניטא אדער עס געפינען זיך עטליכע יודען צושפרייט איבערן שטאדט לעבענדיג צווישען גוים פאנגט מען אן צו ווערן קאלט אונ נאכלאססיג אין ענייני האמונה בלומרשט פאר גויט. מען זאלל ניט אבלאכען פון איהם אונ ביסליכווייז געוואוהנט מען זיך שוין איין אין די עבירות אזוי איין געוואוהנט אז מען פיהלט שוין גאר ניט. אז דאס זייגען עבירות אונ מען טהוט זיי גאר אהן ישוב הדעת אין הארצי גלאפען גלייך ווי מען וואללט זייא געמאגט טהאן. עס קומט אפט אזוי ווייט אז עס ווערט רעכט צוא עססען טרפות אונ טהאן נאך גרעססערע זאכען אונ עס איז גאר קיין גרויסער חדוש ניט. וויא אזוי דער יוד וואס אין דער היים האט ער זיך געפיהרט גאנץ יודעשלאך. אונ זעהענדיג אידען עססען טרפות למשל איז ער געווארען אפארציטערטער ווי אזוי דערזעלבער פרוממער יוד קאן זיך אין דער פרעמד אזוי אומענדערן דער הרגל דיא געוואוהנהייט מאכט עס אן. אמענש וואס הט זיין גאנצען לעבען געהאנדעלט מיט פארפומע למשל אז עס קומט איהם אוים צוא ווערען אגארבער. איז איהם די ערשטע צייט זעהר שווער צוא ערטראגען דעם פאסקודנעם ריח פון דער גארבעריי. אבער ביסליכווייז געוואוהנט ער זיך צודעם צוא אונ ער הארט שוין גאר אויף צוא פיהלען דעם עיפוש. אט אזוי איז מיט דעם זארט אידען דיא ערשטע צייט פאללט עס זייא אפשר שווער צו זינדיגען. אבער מיט דער צייט הארען זיי שוין גאר אויף צו מערקען אז דאס אונ דאס איז איין עבירה. זיטצענדיג אין היים ביי זיך אין שטאדטיל קאן אמאל דער יצר הרע אויך איינרעדען צו טהאן איין עבירה. אבער דארטען שעמט מען זיך פאר אפאטער פאר אקרוב אבעקאנטען אונ מען האלט זיך איין צו טהאן דיא עבירה אונ אז צעהן מאל

מחכריו הישראלים סלעכור על דברי התורה וכמו שאמר ר' יוחנן בן זכאי לתלמידיו יהי רצון שיהיה מורא שמים עליכם כמורא כשר ודם דכשאדם עוכר עבירה אומר הלואי שלא יראני אדם משא"כ כשדר שם בין העו"ג ואין לו ממי להתבייש כלל ואדרכא דכשהולך בדרכי התורה ונבדל מדרכם מביישין אותו יותר א"כ כודאי יתגבר יצרו עליו מעט מעט עד שיופקר אצלו כל התורה ח"ו ועל כגון זה אחז"ל אל תאמין בעצמך וכו' ואף אם יפתהו יצרו דלא יזיק לו זאת לקיום התורה מפני שנתגדל מנעוריו כדת ישראל ונשתרש בלבבו התורה והמצוה מילדותו ולא יסור ממנו עד זקנה ושיבה אבל לבניו כודאי לא יוכל להדריכם ולחנכם שם לשמור התורה מאחר שמתגדלין מילדותן עם בני עו"ג ואינם רואים כלל ילדי ישראל בודאי יהיו קרובים ברעותיהם ומעשיהם לילדי הנכרים וכשיתגדלו ויתגבר יצרם עליהם למלאות תאותם יעברו תיכף איסורין חמורין שבתורה ובשמעם פעמים שמלעיגים מהם שהם ישראלים יכפרו ח"ו לגמרי בתורת ישראל וע"כ האיש הנלבב יתרחק מזה מאד שלא לדור רק במקום שיש כנסיה של ישראל. וראה נא איך הזהירה לנו התורה הרבה בעת שהכניסנו הקב"ה לארץ ישראל שלא נשאיר בקרבנו את הע"ג כדי שלא נסור אחריהם אנו ובנינו כדכתיב לא ישבו בארצך פן יחטיאו אתך לי ועוד ביו"ב הזהיר על זה בכמה מקומות בתורה וזה היה באמת סיבה הראשונה שסרנו אח"כ מדרך ה' מפני שלא קיימנו את הצווי שנצטווינו

---

מאל טהוט מען ניט די עבירה פון יוצא וועגן. קאן זיין אז דעם עלפטען מאל וועט מען זיך שוין פון איהר היטען טאקי ניט צו זינדיגען אין אמת פון יראת שמים. מתוך שלא לשמה בא לשמה. אין דער פרעמד אבער איז מען אפרייע פייגעלע מען האט ניט פאר וועמען צוא שעממען זיך פערקעהרט עס קוממט אמאל גאר אוים צו לעבען צווישען אזעלכע. צו יודען צו גוים. וואס בייא זיי אין די אויגען איז גאר אחרפה צו היטען יודישקייט. ר' יוחנן בן זכאי האט געזאגט צו זיינע תלמידים — דערצייל די גמרא — „הלואי וואלט איהר פאר גאט אזוי מורא געהאט ווי איהר האט מורא פאר לייטען" אסך מענשען האלטען זיך אב פון עבירות נור צוליעב דעם וואס זייא האבען מורא טאמער וועט מען זיי בערעדען אונ דערסנלייכען ניט פון גרוים יראת שמים. אבער וויא מיר האבען געזאגט מתוך שלא לשמה בא לשמה. אבער דיא חרפה געהט שוין אויך אראב — איז דען אחידוש וואס מענשען אנדערען זיך אזוי אום. אז עס ווערט מיט דער צייט אלץ הפקר?! אנדערע טראבטען זיך. איך בין דאך ערצויגען פרום אונ האב פון קינדהייט אן אבגעהיט יודישקייט וועט מיר דארט די פרייהייט גאר ניט שאדען אונ איך וועל בלייבען איוד אפילו צווישען גוים. דאס איז אבער אגאנץ פאלשע געדאנקען: ערשטענס קאן קיין מענש אפילו דער פרימסטער ניט איינטרויען אזו ווייט אין זיך אונ זיכער זיין אז ער וועט קיין מאל ניט נכשל ווערן אין איין עבירה בשעת ער לעבט צווישען גוים אדער צווישע יודען וואס זיינען ניט בעסער פון גוים (אל תאמין בעצמך עד יום מותך) אונ צווייטענס דארף מען ניט פערגעסען אן קינדער, זיי ערציעהן זיך צווישען גוישע קינדער אונ טהוען זיי נאטירליך אלץ נאך. ווער רעדט יודישע מנהגים זעהען זיי כמעט אין איין אויג ניט אן. אזעלכע קינדער העלפט וועלטען אפילו די מוסר וואס דער פאטער זאגט זיי אין די יודישע אופפיהרונג ווייל זיי זעהן אונ הערען ארום זיך דאך פונקט דעם היפוך פון דעם וואס זיי זעהען אונ הערען ביי זיך אין שטוב אזעלכי קינדער מיט אזא מין ערציהונג אז זיי ווערען עלטער אונ עס שטארקט זיך ביי זיי די תאוה — וואס פאר אווערטה קאן דאן בייא זיי האבען אלאו אין איסור כרת?! וואס קאן זיי דאן אבהאלטען פון אין עבירה?! אזעלכע קינדער קאנען מיט דער צייט גאר קוממען חלילה צוא אפיקורסות אונ נאך צוא וואס ארגערעס. דעריבער דארף דער מענש וואס וויל אליין בלייבען איוד אונ מאכען קינדער פאר יודען זעהען לעבען נור אין איין ארט וואו עס איז דא איודישע געמיינדע. מען זעהט ווי פיהעל מאל דיא תורה אט אנגעזאגט אירען ביי זייער אריינגעהען אין ארץ ישראל זיי זאללען ניט לאזען לעבען צווישען זיך די גאטסטצנ-דיענר כדי זיי זאללען ניט זיטצען אין דיין לאנד פן יחטיאו אותך לי — טאממער וועלען זיי דיך מאכען זינדיג אונ דאס איז דאך אייגענטליך די גלאווניע סבה וואס זיי זיינען נאכהער אראב פון דעם דרך הישר וואס זיי האבען ניט מקיים געווען די גרויסע מצוה ווי מען זעהט פון פיעהל ערטער אין תנך ווען אמאל בשעת אידען זיינען געווען בעלי בתים אין זייער לאנד

בשעת

שנצטוינו ע"ז מפני הגבורות וכמו שכתוב בשופטים קפיטל ג' ע"ש ובמלכים וד"ה בכל דברי הנביאים הראשונים, הרי שגם בדורות הראשונים שהיו ישראל בארצם ארץ הקדושה והיו להם נביאים קדושי ה' ובית הבחירה והיו ישראל במעמדם וכהנים ולוים בעבודתם אעפ"כ גרם להם התקרבותם להעו"ג שסרו מדרך ה' עד שלבסוף נחרבה ארצם ובית קדשם בעונותיהם ונגלו לבין האומות וכ"ש עתה שהננו כולנו פזורים בין הגוים בכל קצוי תבל כשמתקבצים על כל פנים במקום אחד בתוך כנסיה של ישראל ויש בהם אנשים החרדים לדבר ה' יש עדיין בכחם להתחזק בעצות והתחבולות שלא יתערבו זרעם בהעו"ג וכמו שעשו אבותינו במצרים כדאיתא בתנד"א שנתקבצו ישראל יחד במצרים וכרתו ברית שלא יניחו ברית אברהם יצחק ויעקב ולעבוד לאביהן שבשמים לבדו ושלא לשנות שמותם ולשונם ומלבושם והכל כדי שיבדלו זרעם מזרע המצרים ודבר זה גרם להם שיגאלו כמשאחז"ל בשביל ג' דברים נגאלו ישראל שלא שינו את שמם ולשונם ומלבושם וגם בדורותינו אלה כנסיה של ישראל החרדים לדבר ה' בידם להתחזק בעצות כאלו לחנך בניהם בדרך התורה, אבל אם הוא דר יחידי בארצות רחוקות רחוק מישוב ישראל בודאי יגרום בזה לבניו שלבסוף יסורו לגמרי מדרך ה' ולא יהיה לאל ידו להשיבם:

והנה זה ידוע מה שאחז"ל כל האומר הקב"ה וותרן הוא יוותרו חייו שאף שהקב"ה הוא מאריך אף לכל מ"מ לבסוף כשלא יעשה האדם תשובה ענוש יענש ואינו מוותר אף על עון קל וכדכתיב הצור תמים

---

בשעת דער בית המקדש איז נאך געשטאנען און די גאטליכע נביאים וואס האבען מיט זייער פייערדיגער — הייליגע שפראכע געקאנט אנצינדען אפילו די אייזקאלטע הערצער פון רעסטוועגען — האט די התקרבות מיט די גאטצענדיענער געקאנט אראפפיהרען זייער פאטער לאנד מיטן בית המקדש און זיינען פערטריבען געווארען אין גלות (ביי דעם חורבן בית ראשון) — היינט וואס מיר זיינען צוזייט און צושפרייט אין דער גאנצער וועלט צווישען אלערליי פעלקער וואס מיר האבען קיין לאנד קיין בית המקדש און קיין נביאים וואס זאלען אונז צובינדען צו אונזער הייליגער אמונה און איינעם מיטן צווייטען אזוי פעסט. היינט איז דאך שוין גאר קיין וואונדער ניט וואס אונזער לעבען צווישען גאטצענ־דיענער אין געוויסע לאנדער איז גאנץ אפט גורם מיר זאלען פערגעסען אן אונזער גאט און אונזער תורה און געמאכט אין אלץ די אומות העולם. אין די לענדער וואו אידען זיינען דא פיעל און זייא לעבען אין גרויסע און קליינע געמיינדען (קהלות) קען די יודישקייט נאך האבען א שטיקעל קיום. אביסעל איז גורם דיא בושה איינער פארן צווייטען אביסעל דאס וואס עס איז דא אויף וועמען צו קוקען און פון וועמען אראבצונעהמען זיך אמוסר צווישען אסך אידען געפינען זיך דאך געוואוהנליך יראים ושלמים. אויך די עטליכע פרומע אידען וואס געפינען זיך. קאנען אויך זוכען עצות צו פערשטארקען צווישען דעם עולם די אמונה און צו פערברייטען די ידיעת התורה כדי דער יונגער דור זאל זיך ניט אויסמישען צווישען די גוים. אזוי האבען אויך אונזערע זיידעס געטאהן אמאל אין מצרים. זייא האבען זיך צוזאממענגעקליבען און פעראייניגט מיטן צוועק צוגעדענקען דעם בונד וואס גאט האט געשלאסען מיט אברהם יצחק און יעקב. צו דינען זייער איינציגען גאט און ניט צו אנדערען זייער שפראכע. זייערע נאמען און זייער קליידונג. כדי זייא זאלען זיך ניט אויסמישען צווישען דיא גאטצענדיענערישע אגיפטיאנער (מצרים) וואס פאר דעם זכות זיינען די. ווי די גמרא זאגט. אויסגעלייזט געווארען פון מצרים. היינטיגע צייטען קאנען דיא גדולי ישראל אויך טהאן אזעלכע מיטלען כדי צוא פערשטארקען דיא יודישקייט צווישען עולם. אבער דאס איז נור מעגליך וויא מיר האבען געזאגט אין א גרויסע אדער א קליינע קהלה. אבער וואס קאנען אבהאלטען דעם יודען וואס לעבט איינער אליין צווישען גוים. ער זאל זייא ניט נאכמאכען אין אלץ פריהער בלומערשט פון נויט און דאן פון געוואוהנהייט פון וועמען זאל ער זאללען זיינע קינדער זיך אראבנעהמען אמוסר און ווער זאל זיי מעורר זיין צו זיין אידען? און מען דארף זיך ניט איינשמועסען. אז גאט וועט מוחל זיין און וועט ניט בעשטראפען. ענטשולדיגענדיג דעם מענשען מיט דעם וואס דיא ביטערע פרנסה האט איהם פערטריבען אין איין עק וועלט און ער איז ניט מיט אביין געווארען דאס וואס

תמים פעלו כי כל דרכיו משפט וגו׳ וא״כ בניו שסרו מדרך ה׳ ופרקו מעליהם עול התורה והמצוה בודאי יסבלו הרבה יסורים עבור זה לבסוף ובפרט אם עוברים על עונות שחייבים עליהן כרת או מיתה בידי שמים בודאי לא ינקו מדינה של גיהנם ויקבלו גם עונשים קשים בעוה״ז [וכידוע מהרבה פסוקים בתנ״ך שאף שהרשע מצליח בתחלה מ״מ לבסוף אחרית רשעים נכרתה] וע״כ לפלא לי על אותן האנשים המתאכזרים על בניהם ומוליכים אותם למקום ציה ושממה כזה דהלא אם אחר יפגע בבנו אפילו שלא במתכוין מפיו לפידים יהלוכו עליו וכ״ש אם יזיק לו בכונה ונפל ע״ז למשכב אף שנתרפא יפרסמהו לאיש אכזרי בעיני הכל עבור זה ויגקוט עליו בלבו עבור זה נצח והוא בעצמו מסבב כל הצרות על בניו ואפשר שימותו ג״כ (וכידוע שעונות החמורין מסבב לפעמים לאדם גם מיתה בעוה״ז וכמו שכתוב בקהלת אל תרשע הרבה פן תמות בלא עתך) ולא יחום עליהם כלל ואדרבה דרך מדתו תיכף כשנזדמן לו איזה ריוח בארצות רחוקות אף שאין שם יהודים כלל הוא מזרז לבניו שהגיחם בביתו שיבואו גם המה אליו אף שיודע שבהמשך הזמן בודאי יסורו מדרך ה׳ אין זה כ״א שהיצה״ר מסמא את עיניו ומשים לפניו כל הבורות והפחתים לעמק שוה :

הנה הארכנו בכל זה כדי שיתבונן האדם כמה צריך להתרחק ממקומות אלו ואם בא שם מחמת אונסו יזרז עצמו לברוח משם למקום ישוב ישראל ששומעים לדבר התורה וחלילה לו להשתקע שם ולקחת אצלו בניו וב״ב ג״כ לשם, וגם כשאינו דר בין העו״ג יתאמץ בכל נפשו לבחור לו ולב״כ משכן בכנסיה כשרה המתנהגים בדרך ה׳ *) שאפילו אם הוא ידור

*) ובעין זה כתב הרמב״ם באגרת תימן בזמנו שהיה או זמן כפיה מישמעאלים בעניני הדת וז״ל שם והעצה שאני יועץ

וואס ער איז. מען דארף וויסען. אז ווען מען טהוט קיין תשובה וועט מען סוף כל סוף הארט בע־שטראפט ווערען פאר די אייגענע עבירות און פאר דיא עבירות פון די קינדער אחוץ דעם וואס דיא קינדער וועלען בעזונדער בעשטראפט ווערען פאר זייערע עבירות. בפרט נאך אז זיי טהוען אזעלכע עבירות פאר וועלכע עס קומט כרת און נאך גרעסערע שטראפען. גאטט שאנקט ניט קיין עבירה— זאגט די גמרא (כל האומר הקדוש ב״ה וותרן וכו׳) ער ווארט נאר אב טאמער וועט דער זינדיגער טהון תשובה. און אז ניט — בעשטראפט ער שטרענג אויף יענער וועלט און אויף דער וועלט אויך. הצור — דער מאכטיגער גאט — תמים פעלו — זיין ווערק (טהואונג) איז ריכטיג און פאללקאממען — כי כל דרכיו משפט— דען אללע זיינע וועגען (זיין פיהרונג) צייכענען זיך אויס דורך רעכט (שירת האזינו) נאך דעם וואס מיר האבען דא ארומגערעדט איז עס דען ניט איין גרויסער חדוש. וואס עס געפינען זיך אזעלכע אידען וואס קאנען זיין אזעלכע אכזרים געגען זייערע אייגענע קינדער און ברייגגען אויף זיי בידים די שרעקליכסטע צרות און יסורים — וואס זיי וועללען האבען פאר זייערע עבירות— און אמאל זאגאר דעם טוידט ? (ווי קהלת זאגט : אל תרשע הרבה — זינדיג ניט פיעל — פן תמות בלא עתך — טאמער שטארבסטו (דער פאר) פאר אציים) עס איז אזוי ווייט געקומען בעונותינו הרבים אז ווי מען הערט און צוא פערדיענען ערגעץ און אין עק וועלט וואו מען זעהט קיין אידען ניט אן שרייבט מען שוין גלייך צו די קינדער זיי זאללען אויך קוממען חאטש מען ווייס כמעט געוויס אז זיי וועלען דארט ניט בלייבען אידען. דער יצר הרע פערבלענדט אזוי די אויגען אז מען זעהט ניט אין וואס פאר אטיפער גרוב מען ווארפט אליין אריין מיט די האנד די אייגענע קינדער. מיר האבען אין דעם מאריך געוועזען. כדי מען זאלל זעהען ווי ווייט דער יוד דארף זיך היטען צו לעבען אין אזעלכע ערטער. וואו עס זיינען קיין אידען נאר ניטא אדער גאנץ וועניג. און אז ווען דער נויט האט אהין פערווארפען. דארף מען זעהען וואס פריהער ארויסחאפען זיך פון דארטען. ווער רעדט געהמען נאך צו זיך קינדער. — דאס טהאר מען געוויס ניט. וואוהנען צווישען אידען. וואס האבען זיך אויסגעטאהן

*) דער רמב״ם אין זיין ספר „אגרת תימן" שרייבט אזוי : און מיין עצה איז אז מען זאלל אוועק פון דעם געגענד דאס מיינט ער מאראקקא, וואו דיא מחמדנער האבען דאמאלס רודף געוועזען אידען און געצוואונגען צו שמדען

ידור בין ישראלים אך שהם פורקי עול התורה ג"כ סכנה גדולה הוא לו ולבניו. ובעו"ה אנו רואין שהיצה"ר מתגבר בנו לעשות מהיפוך להיפוך והוא שבשהזמן דחוק לו במדינתנו והולך לארצות רחוקות במקום ש"ש שם

לנפשי והדעת שאני רוצה בה לי ולאוהבי ולכל מבקש ממני עצה, שיצא מאלה המקומות וילך למקום שהוא יכול להעמיד דתו ולקיים תורתו בלא אונס ולא יפתר ויעזוב ביתו ובניו וכל אשר לו כי דת ה' שהנחיל אותנו גדולה וחיובה קודם לכל המקרים הבזויים בעיני המשכילים שהם אינם עומדים ויראת ה' היא שעומדת, ולא עוד אלא אפילו היו שתי מדינות מישראל ואחת טובה יותר טובה במעשיהם ובמנהגותיהם ויותר מדקדקת ונבגעים למצות מן האחרת שחייב ירא ה' לצאת מאותה שמעשיה אינם כ"כ מכוונים לאותה מדינה טובה, וכבר הזהירונו רז"ל אל ידור אדם במדינה שאין בה עשרה חסידים והביאו ראיה ע"ז מסדום דכתיב (בראשית יח יב) אולי ימצאון שם עשרה ויאמר לא אשחית בעבור העשרה. וכל זה כשיהיו שתי מדינות ישראל אבל אם היה המקום מן העו"ג, ישראל העומד שם על אחת כמה וכמה שהוא חייב לצאת מאותו מקום וללכת למקום טוב וישתדל לעשות ואע"פ שמפיל עצמו בסכנה עד שינצל מן המקום הרע שאינו יכול להעמיד דתו כראוי וילך עד שיגיע למקום טוב, וכבר פורש ע"י הנביאים שכל הדר בין הכופרים שהוא כמותם (ש"א כו יט) כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר וגו', הנה שקול דירתו בין העו"ג כאלו עובד אלהים אחרים. וכן חייבו החסידים ויראי השם שימאסו הרע ועושיו, וכן אמר דוד ע"ה (תהלים קלט כא) הלא משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט וגם אמר שם (קיט סג) חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך, וכן מצינו באברהם אבינו ע"ה שמאס משפחתו ומקומו וברח לנפשו להנצל מדעת הכופרים. וכל זה אפילו אם לא יכופו אותו הכופרים לעשות מעשיהם שצריך האדם לצאת מביניהם, אבל בשכופין אותו לעבור על אחת מן המצות אסור לעמוד באותו מקום אלא יצא ויניח כל אשר לו וילך ביום ובלילה עד שימצא מקום שיהא יכול להעמיד דתו והעולם גדול ורחב. והתנצלות מי שטוען בענין ביתו ובניו אינו טענה לפי האמת את לא פדה יפדה איש לא יתן לאלהים כפרו עכ"ל.

פון דער גאַנצער יודישער אמונה. איז געמיינליך אַמאָל נאָך ערגער ווי צווישען גוים. מען דאַרף זעהען לעבען אין אַכשרע יודישע קהלה וואָס פיהרט זיך נאָך מיט דיא מצות התורה. אַז מען זיצט — שוין אין אַזאַ קהלה און עס מאַכט זיך די צייט ניט אַזוי גוט חאָטש עס איז דא פון וואַנט צו לעבען דאַן געהמען און אַוועק לאָזען

שמאַרען זיך) אין אַזאַ אָרט וואו מען קען אונגעשטערט און אָהן שרעק אַבהיטען יודישקייט, מען דאַרף זאָגאַר ניט קוקען אויף ווייב און קינד — דען די יודישקייט איז בילבער פון אַלץ אויף דער וועלט. נאָך מעהר: ווען עס וואָלטען אַפילו געווען צוויי יודישע מדינות און איינע פון זיי וואָלט געוועהן פרימער פון דער אַנדערער, וואָלט דער גאָטעס פורכטיגער מענש אויך דאַרפען אַוועק פון דער ניט גאַנץ פרומער מדינה אין די פרימערע „מען טאָר ניט וואוינען אין אַ מדינה, וואו עס געפינען זיך ניט חאָטש צעהן פרומע" זאָגט די גמרא. בפרט אַז מען וואוינט צווישען גאָטצעגדיענער, דאַן דאַרף מען געווים ניט קוקען אויף קיין זאַך, אַפילו ווען דער אַוועק פאָהרען פון דעם לאַנד וואו מען לעבט איז פערבונדען מיט לעבענס געפאַהר, וואָרום דער וואָס וואוינט צווישען אָזעלכע, וואָס גלייבען ניט אין גאָט, איז גלייך צו זיי, ווי מיר זעהען פון דעם פסוק אין שמואל א': כי גרשוני היום — דען זיי האָבען מיך היינט אַרויסגעטריבען — איך זאָלל זיך ניט קאָנען אויפהאַלטען — בנחלת ה' — אין דעם ערבטהייל גאָטעס (אין ארץ ישראל) — לאמר — גלייך ווי זיי וואָלטען מיר דערמיט געזאָגט: לך עבד אלהים אחרים — געה דיען אַנדערע געטער, דער פרומער מענש איז מחויב צו פערהאַסען די זינד מיט די זינדיגע, ווי דוד המלך האָט געזאָגט: הלא משנאך ה' אשנא — די וואָס האַסען דיך, גאָטט, האַס איך אויך. ובתקוממיך אתקוטט, — און מיט די וואָס בונטעווען זיך געגען דיר, קריעג איך זיך, חבר אני — איך בין אַ פריינד — לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך — צו אַללע די וואָס האָבען פאַר דיר מורא און היטען דיינע געפעלען, מיר זעהען, אַז אברהם אבינו האָט אויך אַוועק געוואָרפען זיין פאַמיליע און זיין געבורטס אָרט און איז אַנטלאָפען פון די וואָס גלייבען ניט אין דעם איינציגען גאָטט. דאָס איז גערעדט אַפילו ווען מען צווינגט ניט נאָכצוטהאָן די גאָטצענדיענער און זייערע מנהגים, ווען מען ציינט אָבער עובר צו זיין אויף איין איסור מן התורה טאָר מען ניט בלייבען אין דעם לאַנד. די וועלט איז גענוג גרויס. וואָס מען קאָן ניט לאָזען ווייב און קינד גאָר אָהן אַ בעשיטצער, דאָס איז אַ פאַלשער תירוץ, „אח לא פדה יפדה איש" — אַ ברודער קאָן דעם מענשען ניט אויסלייזען פון דער שטראַף פאַר זיין עבירה — „לא יתן לאלהים כפרו" — ער קען ניט געבען גאָטט די לאָזע געלד:

שם עכ"פ משכן ישראל להרויח להחיות נפשו ונפש ב"ב והקב"ה מזמין לו שם פרנסתו בריוח ואח"כ כשמזדמן איזה זמן שאין פרנסה מצויה כ"כ אף שיש לו עדיין חיי הסיפוק מ"מ ירחיק נדוד עוד לתור לו מקום אחר שיוכל להרויח לחיות חיי נועם ותענוגי הזמן אף ששם לא יוכל לקיים מצות התורה כלל ומה נענה ליום הדין ויום התוכחה כשהקב"ה יביא אותנו במשפט על כל זה שהשלכנו דברי תורה מפני חמדת הממון, ואשרי לאדם המתחזק לדור במקום שיוכל לקיים דברי התורה ובוטח בה' שיזמין לו פרנסתו במקום הזה ובודאי יהיה לו עבור זה למגן ומחסה וכמו שאחז"ל כל התולה בטחונו בהקב"ה הרי הוא לו מחסה בעוה"ז ובעוה"ב שנאמר וכו':

# פרק מג

## בו יבואר קצת מקדושת תורתנו ותרמית האנשים הפושעים החוטאים ומחטיאים את הרבים בדבריהם הנפתלים.

אחז"ל באבות בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, וענין ברוז הזה להודיע שעל זה ידוו כל הדוויים כי אין אנו מתנהגין עמה לפי גודל ערכה שהיא יסוד הבריאה ושרש כל המציאות מקור החכמה והתבונה שבשבילה נברא כל העולם כמו שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי ואחז"ל שאין שום נברא בעולם לא מלאך ולא שרף שהגיע לדעת אף מצוה אחת עד תכליתה ורק אלהים הבין דרכה וגו' וכן אמר דהמע"ה לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד ואמרו שהעידון הגדול מכל העידונין שיהיה לע"ל הוא במה שיתגלה אז צפונת חכמת התורה שלא נתגלה עוד בעולם וערך קדושתה נודע לכל באי עולם בעת נתינתה בהר חורב שירד הקב"ה

---

זיך נאך ווייטער. ערגעץ אין איין עק וועלט. וואו עס איז ניטא קיין זכר פון אידען וואס איז? מען זאלל קאנען בעסער פערדיענען און לעבען אגוטען טאג— אזא פיהרונג איז גאר ניט צו פערצייהען וואס קאנגען אזעלכע מענשען ענטפערען גאט בשעת זיי וועללען אויף אלץ אבגעבען רעכענונג ווען זייא פערברייגען דיא יודישקייט און מאכען קינדער פאר גוים ניט צוליעב ברוידט. נור צוליעב לוקסוס זאכען. צוליעב אזעלכע זאכען און פערגניגונגען. וואס מען קאן אהן זיי אויך אויסקומען. וואס מען איז אהן זייא אפשר נאך פיעל געזינטער. פיעל גליקליכער אויף דער וועלט אויך. שוין ניט רעדענדיג וועגען יענער וועלט? אז וואוהל איז דעם אידען. וואס זעהט בלייבען וואוהנען נור צווישען אידען און וואס פערלאזט זיך אויף גאט. אז ער וועט איהם צושיקען זיין ברוידט וואו ער איז. „דער וואס האט בטחון אין גאטט — זאגט די גמרא— בעשיטצט איהם גאטט אויף דער וועלט און אויף יענער וועללט. —

פרק מג אין פרק שטעהט. בכל יום ויום בת קול יוצאת וכו' — יעדען טאג געהט ארוים אבת קול (אגאטליכע שטיממע) פון דעם בארג חורב און רופט אוים דיא ווערטער. וועה דיא לייט וואס דיא תורה ווערט דורך זיי בעליידיגט! די בונה פון דעם מאמר איז אגאנץ טיפער. דיא תורה איז דער פונדאמענט פון דער גאנצער בריאה (שאפפונג) און דיא קוועללע פון דער חכמה. צוליעב איהר איז די גאנצע וועלט בעשאפפען געווארען. ווי עס שטעהט געשריעבען. אם לא בריתי — ווען ניט מיין בונד (דיא תורה) חוקות שמים וארץ לא שמתי — וואלט איך ניט געמאכט די געזעטצען פון הימעל און ערד (איך וואלט ניט בעשאפפען דיא וועלט) אויך זאגט דיא גמרא. „קיינער אפילו איין מלאך. פערשטעהט ניט גרונדליך אפילו איין מצוה פון דער תורה— אחוץ גאטט אליין" לכל תכלית ראיתי קץ — זאגט דוד המלך — יעדע זאך. האב איך געזעהען. האט איין ענדע — רחבה מצותך מאד — אבער דיין געבאט איז זעהער ברייט (גאר אהן איין ענדע) דער האכסטער גייסטיגער פערגניגען. וואס מען וועט האבען בשעת משיח וועט קומען וועט בעשטעהן אין דעם וויא עס שטעהט אין פיעל ערטער. וואס עס וועלען דאן ענטדעקט ווערען די סודות התורה. און די גאנצע טיעפע חכמה וואס ליעגט אין איהר. איהר גאנצע היילינקייט וועלען בעקאנט ווערען פאר דער גאנצער וועלט. פונקט ווי אין דער צייט וואס זיא איז געגעבען געווארען אויפען בארג חורב (סיני) בשעת גאטט איז אליין אראב צו יודען אין זיין היילינער „מרכבה" (רייטוואגען) מיטען גרויסן

הקב"ה בכבודו ובעצמו על הר סיני בקולות וברקים ללמד לעמו תורה ומצות שרעשו שמים וארץ מקול ה' התוצב להבות אש ומלאכי צבאות ירודין ידודון וגו' וירד אז במרכבתו הקדושה על ההר ההוא כמו דכתיב רכב אלהים רבותים אלפי שנאן אדני בם סיני בקדש ופתח אז כל השבעה רקיעים ובנגדו פתח כל התהומות· וראו כל ישראל שהוא אלהים יחיר בשמים ממעל ועל הארץ מתחת ועל זו העת נאמר בקרא אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו ובאותו המעמד הקדוש שראו אז את אור פני ה' כמה דכתיב פנים בפנים רבר ה' עמכם היתה השגתם גדולה כ"כ בתוה"ק עד שהשיגו כי היא מקור החיים לכל הבריאה וכמו שתקנו מסדרי התפלה לומר כי באור פניך נתת לנו ה' אלהינו תורת חיים ולכן יוצאת הבת קול מהר חורב דלפי רוב ערך קדושתה שנתגלה בעת נתינתה בהר חורב כל באי עולם אין יוצאין ידי חובתן במה שהם מחויבין לכבודה שאף אם היתה בשמים או מעבר לים היה צריך לבקש עצות ותחבולות להורידה ולהביאה אלינו למען נלמוד אותה לשמרה ולקיימה וכמו שנאמר לא בשמים היא לאמר מי יעלה לנו השמימה ויקחה לנו וישמיענו אותה ונעשנה ולא מעבר לים היא וגו' כי קרוב אליך וגו' וכ"ש עתה שקרובה היא אלינו היה צריך כל איש לפנות כל מחשבותיו להשגת דרכיה ולקיים מצותיה ואזהרותיה ובאשר שאין עושין כן והרבה אנשים אין פונים אליה כלל עלבון גדול הוא להתורה הק' שירדה משמי שמים לארץ לקרוצי חומר ואין משגיחין עליה. ומכבוד התורה הוא לכבד ולהוקיר את כל עוסקיה ודורשיה ושומרי מצותיה מפני שמתדבקין בקדושתה וכמו שאחז"ל [מכות כד] על יהושפט מלך יהודה שהיה מקיים מה שכתוב ואת יראי ה' יכבד וכשהיה רואה ת"ח היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו וקורא לו אבי אבי רבי רבי מרי מרי ובזה זוכה האדם לשכון בהר ה' כמו שנאמר מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך וגו'.

---

גרויסין שטיממע פון שופר. אין דער בעגלייטונג פון מיליאנען מלאכים. אפגענריג אללע זיעבען הימלען אונ אללע אבגרונדען כדי אידען זאללען זעהען. אז עס איז קיין אנדער גאט ניטא אחוץ איהם — וואס דאמאלס זעהענדיג גאטס כבוד אונ הערענדיג זיינע רייד איז זייער השגה (פאססונגסקראפט) געווען אזוי הויך. אז זיי האבען בעגריפען אז די תורה איז די לעבענסקוועללע פון דער גאנצער בריאה אונ אז איהר היילינקייט אונ טיעפזיננינקייט איז גאר אהן אשעור אונ אהן איין ערך. אט דאס איז דיא כונה פון דעם מאמר אין פרק וואס מיר האבען געבראכט אין אנפאנג קאפיטעל. ווערליג נאך דער גרויסער היילינקייט פון דער תורה. וויא זיא האט זיך ארויס געוויזען בשעת זיא איז אונז געגעבען געווארען אויפן בארג סיני. איז וויפעל מען זאלל זיך ניט סטארען אבהיטען. אונ פערעהרען איהר האט קיין אנדער וואונש בא אמענשין ניט גידארפט זיין גור וויססען אונ היטען דיא תורה עס איז אלס ווענינ. עס האט קיין זאך ניט געדארפט זיין צוא שווער לערנען די תורה אונ אבי — אבהיטען זי אז זי וואלט זיין אין עק וועלט מען וואלט דארפען פארן איבער ימים אונ טייבען איהר צוקריענען צוא לערנען איהר אונ מקיים זיין אירע געזעצין האט אויך ניט גידארפט שווער זיין ובפרט וויא אין פסוק שטעהט לא בשמים היא וגו'. היינט אז עס געפינען זיך אזעלכע מענשען וואס פערשטעהען ניט צו פערנעהמען זיך מיט איר אונ ווילין זיך גאר ניט קערין צוא איהר אונ שאטצען איהר ניט — קאן שוין געבען אגראססערע שאנדע אבילייריגונג פר מלאכים וום האבען איר גיבעטין מען זאל איר זייא אב געבען. אונ די מענשליך וואס זיינען געקנאטין פון ליים מיט ערד שאטצין איר ניט? דאס רופט דער בת קול אוים אללע טאג אונ גערארע פון דעם ארט וום אויף איהם איז אמאל געגעבען געווארען איהר גאנצער היילינקייט אונ גרויסקייט — ווערה איז דיא מענשעו פון די שאנדע פון דער תורה. דער מענש וואס פערעהרט דיא תורה. דארף נאטירליך אכטען אויך די וואס לערנען איהר אונ היטען איהרע געבאטען. אויף יהושפט מלך יהודה זאגט די גמרא. אז ער פלעגט מקיים זיין דעם פסוק ואת יראי ה' יכבד — די גאטטעספורכטיגע עהרט ער — אונ אז ער פלעגט דערזעהן א תלמיד חכם פלעגט ער זיך שנעללען פון זיין קעניגליכע שטול אונ פלעגט איהם האלזען אונ קוססען אונ פלעגט איהם רופען. פאטער. רבי. העררר. פאר דעם וועט מען זוכה זיין צוא זעהען אונ אויפהאלטען זיך אין בית המקדש אז עס וועט קוממען די צייט ווי עס שטעהט אין תהלים. מי יגור באהלך — ווער

וועט

תנ״ר ואת יראי ה׳ יכבד ואחז״ל שם דאף באחת מהן זוכה לזה. וענין כבוד הזה הוא מ״ע דוהדרת פני זקן שקאי על ת״ח כמו שפירשו חז״ל. וראה עד כמה גדול כבודם של ת״ח בעיני המקום דגרסינן בב״ק (דף מא) שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה דהוא לרבות וכשהגיע לאת ה׳ אלהיך תירא פירש דלא מצא מה לרבות שמחוייבין ליראה אותם וגם שיתדמה ליראת המקום דמכל צבא השמים אין אנו מצווין ליראה מהם כלל ורק מה׳ לבדו עד שבא ר״ע ודרש את ה׳ אלהיך תירא לרבות ת״ח דמהם צונו הקב״ה ליראה ולכבד אותם דהוקש כבודם לכבוד המקום מפני שיש עליהם קדושת התורה וכן בפסוק ואהבת את ה׳ אלהיך כתב את לרבות ת״ח לענין אהבה וכן אמרו בספרי על הפסוק ובו תדבק ביצד אדם דבוק בשכינה אלא זה המתדבק בת״ח [כגון שמשיא לו בתו ומהנהו בנכסיו] מעלה עליו הכתוב כאלו דבק בשכינה וכ״ז הוא מפני שנפשם נתדבקה בקדושת התורה שהיא אצולה מהקב״ה ולכן המתדבק בם כאלו מתדבק במקום וחייבין בכבודם כבכבוד התורה עצמה ולכן אחז״ל דת״ח שמת כס״ת שנשרף וכן אמרו דהמבזה ת״ח אין לו חלק לעולם הבא כאלו מבזה התורה עצמה, ובעו״ה הוקל אצל הרבה אנשים בדור הזה כבוד התורה שאין משתדלין בלימודה וקיומה וגם כבוד ת״ח ויראי ה׳ הוקל בעיניהם ואין מתבוננים כלל לחשוב שהם עמודי עולם כמו שנאמר כי לה׳ מצוקי ארץ וישת עליהם תבל ואיתא בתנד״א מצוקי ארץ אלו הצדיקים שבזכותם העולם קיים שאלמלא הם היה העולם חרב וכל זה מפני שהם נתדבקו בתורת ה׳ שהיא חיי עולם. וביותר נתחלל בדור הזה אצל הרבה אנשים כבוד התורה ולומדיה ושומרי מצותיה מפני שנמצאו אנשים פורקי עול שלא די להם

---

װעט װאוהנען אין דיין געצעלט (אין בית המקדש) מי ישכון בהר קדשך — װער װעט רוהען אויף דיין הייליגען בארג? ... ואת יראי ה׳ יכבד — די װאס עהרען די גאטטעספורכטיגע מענשען. איינענטליך איז דאס א מצוה מן התורה. אפצוגעבען כבוד דעם תלמיד חכם (והדרת פני זקן און אונטער „זקן" פערשטעהט מען דא א תלמיד חכם װי די גמרא זאגט) נאך מעהר. רבי עקיבא האט געזאגט. אז מיט דעם פסוק. „את ה׳ אלהיך תירא" דו זאללסט מורא האבען פאר דיין גאטט. — מיט דעם װארט „את" מיינט מען אז מען דארף פאר׳ן תלמיד חכם אויך אזו מורא האבען װיא פאר גאטט ב״ה — פאר קיין מלאך און אללע צבא השמים איז קיין מצוה ניט מורא צו האבען נור פאר גאטט ב״ה אליין און פאר׳ן תלמיד חכם דארף מען מורא האבען נאך מער װיא פאר איהם אליין מיט דעם פסוק. ואהבת את ה׳ אלהיך — און דו זאלסט ליעבען דיין גאטט — מיינט מען אויך מיטין װארט „את" אז מען דארף דעם תלמיד חכם אויך אזוי ליעבען װי גאטט. דער ספרי זאגט אויף דעם פסוק: „ובו תדבק" אין איהם — אן גאטט ב״ה — זאללסט דו זיך בעהעפטען (אנקלעבען) — װיא אזוי קאן זיך דאס דער מענש בעהעפטען אן גאטט? — פרעגט דער ספרי. נור דער װאס קלעבט זיך אן אן תלמיד חכם (אז ער גיט איהם זיין טאכטער פאר א פרוי גיט איהם פון זיין פערמאגען און דערגלייכען) איז ביי גאטט גלייך װי ער בעהעפט זיך אן איהם אליין. די כונה איז. די נשמה פון תלמיד חכם איז דאך פערבונדען מיט דער תורה. און די תורה מיט גאטט ב״ה דעריבער איז דער װאס בעהעפט זיך אן דעם תלמיד חכם איז גלייך װי ער בעהעפט זיך אן גאטט אליין. דארום זאגט די גמרא. אז א תלמיד חכם שטארבט איז גלייך. װי א ספר תורה װערט פערברענט. דער װאס בעליידיגט א תלמיד חכם — זאגט װיעדער די גמרא — פערליערט זיין חלק לעולם הבא גלייך װי ער װאלט דיא תורה בעליידיגען. היינטיגע צייטען איז בעונותינו הרבים ביי אסך מענשען דער כבוד התורה אזוי געפאללען אז זיי װילין איהר גאר ניט לערנען און אבהיטען. און ממילא האבען זייא שוין אויך פערלארען דיא אכטונג פון דעם למדן און ירא שמים פערגעססענדיג אז דיא װעלט האט א קיום נור דורכען זכות פון דיא צדיקים. װי עס שטעהט אין תנא דבי אליהו. און װען ניט זיי װאלט די װעלט חרב געװארען. און דאס איז אלס דערפאר װאס זיי בעהעפטען זיך אן דער תורה װעלכע איז די קװעללע פון לעבען פון דער גאנצער װעלט. דער כבוד התורה און צוגלייך דער כבוד פון דיא לומדים איז יעצט איבערהויפט געפאללען צוליעב די מענשען װאס האבען אראב גינומען פון זיך דעם גאנצין יאך פון יורישקייט — װאס ניט גענוג

װאס

להם שאינם מכבדין התורה ולומדיה אלא מבזים אותם וכן לכל ההולכים בדרכי התורה שהנתילום אבותיהם ומלעיגין מהם בזרון לבם במה שדוחקין עצמן ללכת במשעול צר נדר מזה וגדר מזה [והם הלאוין והעשין] כי לפניהם הדרכים רחבים אל כל מקום אשר יחפוץ לבבם ילכו ואת כל אשר ישאלו עיניהם יעשו, ואם יאמרו להם כי על כל אלה יביא האלהים במשפט משיבים הלא אנו רואין שדרכנו צלחה וגדלנו והצלחנו יותר מאנשים החרדים לדבר ה' שלא יגיע להם בחייהם שמחה ועונג כמונו ולמה נלך קדורנית לגדור עצמנו בגדרים וסייגים [ועינים להם ולא יראו מה שאמר הכתוב ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו דהיינו שמשלם להם כל גדגוד מצוה שעשו בעוה"ז כדי להאבידם מחיי עוה"ב] בדברים האלה וכאלה יפעלו בנפשם לפרוק מהם עול התורה והמצות ולבזות וללעג מכל ההולכים בדרך התורה ועוד ישתדלו להביא דברי מינות והיתול בדפוס כדי להפיצם בתוך העם אוי ואבוי להם ולהקוראים את דבריהם כי בדברי התוליהם ימשכו לבבות של אנשים פשוטים להקל במצות התורה ובכבוד לומדיה ושומריה מפני שאותם האנשים אינם מבחינים פחיתות ערכם וחושבין אותם לאנשים בעלי מדע וכ"ש להצעירים והצעירות שדעתן קלה וידיעתן בתורה מעוטה מאד נכנסו דבריהם המשוחים בשמן ומסוכים בסם רעל לתוך קרביהם להכרית נפשם מארץ החיים והאבות לא יתבוננו בזה עד כמה צריך להתחזק למנוע בניהם מלקרות ספרי לעג כאלה וכבר אחז"ל מנעו בניכם מן ההגיון וכ"ש דברי מינות וליצנות ודברי חשק שהחמירו חז"ל בעונשן מאד מאד ומריבוי

ספרי

---

וואס זיי גיעבען ניט אב קיין כבוד דיא תורה אונ דיא וואס לערנען די תורה. זיי זיינען זיי נאך מבזה אונ מאכען חוזק פון די וואס בעמיהן זיך אבצוהיטען יעדער מצוה. פון די קלענסטער ביז די גרעסטע. וואהרענד די זיינען פרייע מענשען אונ טהוען אלץ וואס זייער הארץ גלוסט. אונ ווען מען זאגט זיי. גאטט וועט פאר דעם שטרענג בעשטראפען ענטפערט ער זיי אויך: וואס קימערט אונז וואס עס וועט זיין איבער הונדערט יאהר? דערווייל איז אונז גוט. מיר האבען פערגעניגען פון דער וועלט. אונ מיר ווייסען פון אלעבען. אונ ניט די פרומע אידען וואס פערזאומערען זיך דעם לעבען מיט די מצות אונ די גדרים אונ סייגים. אונ זיי דיא וואס זאגען דאסס. פערגעססען דערביי. ערשטענס אז גאטט איז אמאריך אף. ער ווארט מיט דער שטראף לאנג טאמער וועט מען נאך טהאן תשובה אבער ער מאנט אויף זיינע. אונ צווייטענס אז מען גיט זיי אב אויף דער וועלט פאר עפעס אזכות וואס זיי האבען. כדי זיי זאלען ניט האבען יענע וועלט ווי עס שטעהט. ומשלם לשונאיו — ער (גאטט) בעצאהלט זיינע פיינד (אויף דער וועלט) אט מיט אזעלכע רייד ווארפען זיי פון זיך אראב דעם יאך פון דער תורה אונ מאכען חוזק פון אללע די וואס האלטען זיך נאך ביי יודישקייט. נאך מעהר ניט גענוג וואס זיי האבען זיך אליין אויסגעטאהן פון יודישקייט. זיי לאזען נאך דרוקען זייערע אפיקורסישע דעות אונ פערשידענע ליצנות אונ פערברייטערען די ספרים צווישען דעם עולם. אז אך אונ וועה צו זיי אונ צו זייערע לעזער! מיט אזעלכע ביכליך פיהרען זיי אראב די פראסטע איינפאכע מענשען פון דעם דרך הטוב והישר זיי מאכען אין זייערע אויגען גרינג די גאנצע תורה אונ מצות מיט דיא וואס לערנען איהר אונ האלטען פון איהר. דער פראסטער מענש האלט זיי פאר פיעל געלערנט אונ מיינט אז אלץ וואס זיי זאגען איז ריכטיג אונ קלוג. אונ ער פערשטעהט ניט ווי אונוויססענד. ווי ניעדריג זיי זיינען. זייערע גלאטטע ריידעליך וואס זיינען פולל גיפט. מאכען איין איינדרוק איבערהויפט אויף די יונגע מענשען. וואס זיינען נאך לייכט זיניג אונ האבען אגאנץ קליינע ידיעה אין דער תורה אט די עלטערן מערקען גאר ניט ווי דער געפערליכער גיפט פערברייטעט זיך ביסליכווייז איבער דעם גאנצען נפש פון זייערע קינדער. ביז זיי געהען אונטער אונ פערשפיעלען מיטן עוויגען לעבען ווען זיי וואללטען דאס געמערקט וואללטען זיי דאך זייערע קינדער בשום אופן ניט דערלאזען צו יענע אפיקורסעשע ביכליך. די חכמי התלמוד האבען שוין אנגעזאגט. מען זאלל די קינדער ניט לאזען פאר נעהמען זיך מיט „הגיון" (דענקען אויפקלארונג) בפרט נאך מיט אזעלכע ביכליך וואס זייען פולל מיט ליצנות אפיקורסות אונ ליעבעם! — די שטראף פארען לעזען אזעלכע מיני ביכליך איז זעהר שרעקליך גרויס. ווי די גמרא זאגט. אט די ביכליך האבען זעהר פיעל גורם געוועזען אז דער מצב התורה שטעהט היינטיגע צייט אזוי

גיעדעריג

ספרי עמל באלה נתחלל כבוד התורה ודורשיה וגם יסודי האמונה וקיום המצות נתרופפו אצל תרבה אנשים צעירים מדור החדש :

# פרק מד

## עוד מענין זה

**והנה** לא באתי להתוכח עם האנשים הפושעים האלה שהם חוטאין בנפשותם ופורקין מעליהן עול מלכות שמים בזדון לבם ורק באתי לעורר קצת אנשים התמימים שמתפתין אחרי דבריהן מפני שלא התבוננו בשרשי אמתת תורתנו הקדושה, ואען ואומר התבוננו אחי עד כמה נדלה טעותן של אלה האנשים הפוקרים דנחשבין כמי שבא להכחיש את אור היום הנגלה לעין כל מי שיש לו עינים לראות [לבד העודים שאין להם עינים] דהנה תורתנו הקדושה לא נתנה בסתר וכדכתיב לא מראש בסתר דברתי והכונה שהתורה לא נתנה הקב"ה בסתר שיוכל מי לטעון ולהסתפק באמתתה ח"ו אלא נתנה בגלוי ובפרסום גדול לעיני ששים רבוא אנשים שהיו כולם במעמד הקדוש והנורא וקבלו אותה כולם עליהם בלב שלם וענו בקול אחד כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע [וכמו שנבאר לקמן ברחבה] ומן הדור ההוא והלאה נשמר ונעשה כל חוקותיה ומשפטיה אצל כל כלל ישראל אף אחת מהן לא נעדרה ואף בכל עת הגלות הארוך והמר לא נחסר ולא נשתנה שום מצוה ממצות התורה בכל מקומות פזורינו בקצות תבל, ולא בא שום התרשלות אצל כלל ישראל אף באחת מהן ואף דברים שהצריכו להשיגן מאלף פרסאות כמו אתרוג ולולב לא נחסר מישראל בשום פעם ובשום מקום. וכל מצוה ומצוה ממצות התורה נלמד ונשנה בכל דור ודור מן זמן נתינתה עד היום אצל אלפים ורבבות מישראל בכל פרטיהן ודקדוקיהן בעיון גדול ונורא. [אין תיבה ואות בתורתנו הקדושה אשר לא עמלו עליה כמה אלפים ורבבות מישראל מדורות הראשונים וגם האחרונים להבינם על בורים ובולם מצאו בה חכמה ודעת כל אחד לפי שכלו ותכונתו

ואעפ"כ

---

ניעדעריג און דיא גאנצע יודישע אמונה איז אזוי ערניעדריגט געווארען אין דיא אויגען פון דער יונגער :

פרק מד נאטירלאך ווילען מיר זיך דא ניט מתוכח זיין מיט דיא פושעי ישראל וואס ניט גענוג וואס זייא זינדיגען אליין בעמיהן זיי זיך נאך אראבצופיהרען אונשולדיגע יונגע לייט פון וועג. מיר ווילין דא נאר אביסיל מעורר זיין די ארינטליכע מענשען וואס לאזין זיך איינרעדען פון יענע אפיקורסים און טוהן זיי נאך. ניט פערשטעהענדיג דיא הייליגקייט פון דער תורה און וויא אמת זיא איז. זיי ווילין מיר ערוועקין מעורר זיין זיי זאלין זיך ניט לאזין פערפיהרען און זאלין ניט פערקויפין דיא בכורה דיא יודישקייט דעם אויבינין לעבין פאר אלינזען זופפ (נזיד עדשים) דאס הייסט די הבלי עולם הזה :

והנה יענע אפיקורסים זיינען אין אונזערע אויגען גלייך מיט די, וואס ווילען אבלייקענען דיא טאגעס ליכטיגקייט וואס יעדער זעהט עס מיט דיא אויגען (אחוץ דיא וואס האבען קיין אויגען ניט — בלינדע) מראש לא בסתר דברתי פון אנפאנג אן (אז די תורה איז געגעבען געווארען) האב איך (מיט אייך) ניט גערעדט אין דער שטיל — זאגט גאט. דאס הייסט. גאט האט די תורה ניט געגעבען שטיללער הייט מען זאלל שפעטער קאנען צווייפלען אויב זי איז תורת אמת. נייין ער האט איהר געגעבען. אפפענבליך פובליטשנא. פאר זעקס הונדערט טויזענד מענשען אין די אויגען. וועלכע האבען אללע אויסגעשריען אין איין קול: נעשה ונשמע — מיר וועללען טהאן און פאלגען! קאן שוין זיין אטויזענדער ספק. אז די תורה איז אונז געגעבען געווארען פון גאטט אויפען בארג סיני?! פון דאמאלס אן האבען אללע אידען אבגעהיט אללע איהרע געזעטצע און געבאט. אפילו אין דעם לאנגען פינסטערן גלות האט מען ביי אידען קיין מצוה ניט מבטל געוועזן און עס האט קיין מאל ניט געפעהלט איין אתרוג למשל. וואס מען דארף דאס ברייננען פון גאנץ ווייט אפילו אין דיא צייטען וואס קיין אייזענבאנען אין פאראכאדען איז ניט געוועזן און עס איז אן געקוממען שרעקלאך שווער. יעדע מצוה איז דורך הונדערטטויזענדער אידען אין יעדען דור בעזונדער ערקלארט און ארומגערעדט געווארען מיט אללע פרטים. זאגאר וועגען יעדען ווארט. יעדען בוכשטאב אין דער תורה איז ביי אונז אין אללע צייטען זעהר פיעל גערעדט און געשריעבען געווארען און מען האט אין איהר געפונען אלץ נייע חכמות. יעדער נאך זיין פערשטאנד און

זיין

ואעפ"כ לא הגיעו לחשיגם עד תכליתם ונשאר שם
עוד צפונות נפלאות וכמו שהתפלל דוד ואמר גל
עיני ואביטה נפלאות מתורתך] . ולא לבד עקרי
התורה אלא גם הסייגים והתקנות שתקנו חכמים
ונביאים בדורות הראשונים כמו עירובין ונט"י ונר
חנוכה ודיני המוקצה וביו"ב נתבאר ונתפרש בפרטיהן
וחילוקיהן מחכמי הש"ס ורבותינו הבאים אחריהן
ונשמרין ונעשין אצל כל גלות ישראל ולא בא שום
התרשלות בשום דבר קל אצל כלל ישראל בכל
הגלות הארוך הזה וזה לאות על אמיתתה ונצחיותה
שניתנה מאת הקב"ה שהוא חי וקיים לעד ודבריו
ג"כ חיים וקיימים לנצח. יבואו נא הבנים בחשים
האלה ויבטלו מכלל ישראל מצוה אחת קלה הישמעו
להם . יבואו נא הבנים האלה וישאלו לאבותיהם איך
התאכזרו לכרות בשר ערלתם ולשפוך דמם כשהיו
בני שמונה ימים ועשו אותו יום משתה ושמחה ולא
חמלו על בניהם יחידיהם עוללי טפוחים שבשאר
זמנים לא עשו אכזריות כזאת ח"ו בכל כסף שבעולם
לחתוך בעצמם בשר בניהם או ישאלו אותם על שארי
מצות התורה שהנהיגו אותם שנוגע להפסד ממון
ועינוי הגוף כמו מאכלות האסורות ויוה"כ ושמירת
שבת ומועדות ושביתת חמץ וכיו"ב ועוד יתבוננו על
כמה אלפים ורבבות מישראל שמסרו נפשם להריגה
ולשרפה וכן נפש בניהם בשביל קיום התורה הן בזמן
הבית והן בכל זמן הגלות וסבלו יסורים קשים ומרים
אשר תצלנה אזנים משמוע ומי הביאם לכל זה אם
לא האמונה החזקה והברורה שקבלו מאבותיהם
ואבותיהם מאבותיהם עד דור הראשון שראו בעיניהם
הנסים

---

זין קאפ נאך פון דעסטוועגען האט מען נאך אלץ
ניט דערגאנגען אללע וואונדער וואס ליעגען אין איהר
בעהאלטען. ווי דוד המלך האט שוין מתפלל געוועזן:
גל עיני — אפפען מיר אויף דיא אויגען — ואביטה
נפלאות מתורתך — איך זאלל קאנען זעהן די וואונדער
פון דיין תורה. אונ ניט נור די עקרי התורה. דיא
הויפטלעהרען פון דער תורה. נור אפילו דיא „סייגים"
די פערבאטען וואס אונזערע גרויסע חכמים האבען
ארויס געגעבען כדי אבצוהיטען אונז פון עבירות וואס
זיינען מן התורה ווי למשל: דער עירוב. נטילת ידים
אונ דער גלייבען אפילו זיי זיינען אויך ערקלערט אין
ערלייטערט געווארען דורך די חכמי התלמוד אונ דיא
שפאטערע גרויסע מענשען אונ זיי זיינען אבגעהיט
געווארען מיט אללע זייערע איינצעלהייטען אין
אפערלויף פון מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר נאכאיינאנדער
נארך מען האבען אבעסבערן סימן אויף די עוויגקייט
אונ די ריכטיגקייט פון דער תורה. וועלכע איז אזוי
עוויג אונ אזוי אמת. ווי דער נאמט וואס האט איהר
געגעבען? זאללען קוממען אט דיא נייע חכמים אונ
פראבירען מבטל זיין אפילו די קלענסטע מצוה. דעם
קלענסטען מנהג פון אידען. וועללען זייא זעהן אויב
מען וועט זיי הערען ׳ זאללען די לייט פראגען זייערע
עלטערן. ווי אזוי האבען זיי דאס געהאט הארץ צוא
פערגיסען דיא בלוט פון זייערע איינענע ליעבע
קינדערליך אויפן אכטען טאג פון זייערע געבורט
(מילה) וואהרענד ביי איין אנדער צייט אונ ווען עס
וואללט ניט געווען קיין הייליגע מצוה. וואלטען זיי
דאך אזא זאך ניט געטאהן פאר אמיליאן? אונ זייא
האבען נאך דאס גיטאן מיט פרייד אונ גימאכט נאך
אסעודה אז זיי האבען דאס זוכה געווען. וויא אזוי
האבען זייא זיך אונטער געווארפען אונטער אנדערע
אזעלכע מצות, פון וועלכע עם ליידט אפט די קעשענע
אונ דער גוף אויך אמאל. ווי ניט עססען טרפות.
פאסטען. היטען שבת. יום כפור אונ דערגלייכען?
זאללען זיי גוט בעטראכטען: ווי אזוי האבען זיך אמאל
הונדערט טויזענדער יודען אזוי מוסר נפש געווען פאר
דער יודישקייט. ווי אזוי זיי האבען זיך געלאזט אנטאהן
די שרעקליכסטע יסורים. וואס מיר ווערען נאך עד
היום פערציטטערטע הערענדיג אונ לעזענדיג פון זיי.
ווי אזוי זיי האבען זיך געלאזט פערברענען. קאפפען
אונ ראדערן אונ אלץ פאר דער אמונה. כדי צוא
בלייבען אידען; וואהרענד זייא האבען זיך געקענט
ראטעווען מיט איין ווארט? ווי אזוי האבען זיי דאס
אלץ געקאנט אריבערטראגען וואו האבען זיי גענומען
די איבער נאטירליכע קראפט. וואס זיי האבן געמוזט
דער צו האבען? דאס אלס האבען זייא געהאט פון
דער שטארקער הייליגער אונ ריינער אמונה. וואס איז
ביי זיי געווען טיעף איינגעווארצעלט אין הארצען. די
אמונה וואס זייא האבען איבער גענומען פון זייערע
עלטערן אונ יענע ווידער פון זייערע עלטערען אונ אזוי
ווייטער ביז דעם ערשטען דור. וואס האט מיט זיינע
איינענע אויגען געזעהן די אללע גרויסע נסים. וואס
גאמט

**הנסים והנפלאות** הגדולים אשר עשה להם הקב"ה **בעת שהוציאם** ממצרים ובמדבר הגדול והנורא מקום **נחש** שרף ועקרב שהוליכם שם ארבעים שנה בעמוד **ענן** ההולך לפניהם יומם ובעמוד אש לילה להאיר **להם והמטיר** להם לחם מן השמים [בכל יום כדי מדתו וביום הששי בכפלים וביום השבת לא ירד המן כלל בכה התנהג לא שבוע אחד ולא שבועים ב"א כל הארבעים שנה עת היותם במדבר] ומים מצור החלמיש ולא נחסר מהם דבר וכן מבליעת קרח ודתן ואבירם ושארי נסים ונפלאות שנעשו להם אז כמו שנאמר בפרשת ואתחנן ופרשת עקב וכן ענין המעמד הגדול והנורא בשעת קבלת התורה שעמדו ששים רבוא אנשים [לבד מנשים ובנים פחות מעשרים וזקנים מבני ששים ומעלה וראו כולם בעיניהם המראה הגדול והנורא הקולות והלפידים וההר עשן **וקול** אלהים מדבר אליהם מלהבות אש עד שכמעט נפשם יצאה בדברו [והחיה אותם בטל של תחיה כדאיתא בשבת פרק ר"ע] וכן שמעו את דבר ה׳ אל משה רבם משה משה לך אמור להם ועל ידי זה באמת נקבע בלבם אמונתם בה׳ ובתורתו ובנבואת משה רבם וכמו שנאמר הנה אנכי בא אליך בעב הענן בעבור ישמע העם בדברי עמך וגם בך יאמינו לעולם וכתב הרמב"ם באגרתו שהבטיח הקב"ה ונכנס בערבות שכל מי שהוא מזרע ישראל יאמינו במשה ותורתו הם ובניהם ובני בניהם עד עולם וככה נתחזקה אמונתם עד שקרבו אל משה לומר קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר ה׳ אלהינו ואת תדבר אלינו א"ת כל אשר ידבר ה׳ אלהינו אליך ושמענו ועשינו ולמען לא ישכח המעמד הנורא

---

גאטט האט זייא בעוויזען בשעת יציאת מצרים אונ דאן אין דען גרויסען אונ שרעקליכען מדבר. אויף יעדען שריטט אונ טריטט. אין אפערלויף פון פערציג יאהר נאכאייננאנד פון וועלכע (נסים) עס איז גענוג צו דער מאהנען דא דעם נס מיטן מן. וואס פלעגט פאללען פון הימעל יעדען טאג בעזונדער אזוי פיעל ווי פיעל דיא יודען האבען געדארפט צום עססען. פרייטאג ווידער איז געפאללען דאפפעלט אונ שבת גאר ניט. אונ אזוי פערציג יאהר נאך איינאנד. נאך גראססער שטארקער אונ וואונדערבארער איז געוועזען דער איינדרוק וואס האט אויף זיי געמאכט דער מתן תורה: זעכס הונדערט טויזענד מאן. אחוץ ווייבער אונ מאנער אונטער צוואנציג אונ איבער זעכציג יאהר. אלזא צוזאממען עטליכע מיליאן מענשען זיינען געשטאנען ארום דעם בארג סיני ערווארטענדיג מיט בעוועגטע הערצער דיא גרויסע ערשיינונג וואס דארף זיך זייא דא באלד ווייזען. מיט אמאל האט עס אנגעפאנגען שרעקליך צו דונערן אונ צו בליטצען אונ דער בארג איז בעדעקט געווארען מיט אפינסטערן וואלקען אונ ער איז פולל געווארען מיט פייער אונ עס איז פון איהם געגאנגען אשרעקליכער רויך אונ דער בארג האט געציטטערט אונ אין רעכטען גערויש האט זיך פלוטצלינג דערהערט פון פייער די שטימע גאטטעס ב"ה: אנכי ה׳ אלהיך. איך בין דיין גאטט וואס איך האב דיר פון מצרים ארויס גינוממען (דיא ווערטער האבען זיך געוויזען אין איר יעדער אות בעזונדער ווי די חז"ל זאגען) אונ אזוי ווייטער דער גאנצער עולם איז אויסער זיך געווארען פון גרויס שרעק אונ זיי האבען זיך אנגעהאנגען צו בעטען בייא משה׳ן ער זאלל מיט זיי רעדען אונ ניט גאטט. ווארום וועללען זיי ניט אויסהאלטען. נאך דעם אללעם איז שוין גאר קיין חדוש ניט. וואס דיא אמונה האט זיך ביי יענעם דור אזו פעסט איינגעווארצעלט אין דיא הארצער אונ וואס זי איז אזוי שטארק געבליעבען ביי די שפעטיגערע דורות. וואס האבען אלץ געהערט פון זייערע עלטערן דערצאהלענדיג מיט גרויס בעגייסטערונג אונ פערוואונדערונג אונ אזוי האט גאטט געזאגט משה׳ן. הנה אנכי בא אליך בעב הענן — איך קום צוא דיר מיט דעם דיקען וואלקען. כדי דאס פאלק זאלל הערען ווי איך רעד מיט דיר אונ זאלל אין דיר גלייבען אויף עוויג. דער רמב"ם זאגט. אז גאטט האט ערב געוועזען. אז אללע יודען וואס זיינען נור גיבארען פון זרע ישראל וועללין גלייבען אין משה אונ אין זיין תורה. זיי אונ זייערע קינדער אונ ענקלאך אויף עוויג (ער נעהמט זיך דאס פון דעם פסוק וואס מיר האבען ערשט געבראכט) אונ ווייל די אמונה איז דער עיקר פון מענשענס עוויגען גליק דעם מענשען וואס דאס פעלט איז דער אומגליקליכסטער אין דער וועלט אונ דער יסוד (פאנדאמענט) פון דעם איז דער מתן תורה וואס דאן האט מען אלם מיט דיא אויגען גיזעהן אונ זאל דאס קיין מאל ניט פערגעססען ווערען ביי יודען האט זיך גאט ניט פערלאזען אויף דעם וואס

הנורא מדור אחרון לא סמך הקב"ה על אהבת האבות לבנים שבודאי יספרו דור אחר דור עזוז ה' ונפלאותיו למען לזכותם בשרשי האמונה שהיא עיקר הצלחתם בחיי הנצחי אלא צוה והזהיר מאד לזכור זאת בכל יום ולהודיע לבנינו ולבני בנינו כדכתיב השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב. וכן צוה והזהיר לזכור יציאת מצרים תמיד וכל הנסים שעשה ה' לעינינו כדכתיב בפרשיות דברים ואתחנן ובכמה מקומות בתורה ולתכלית זה צוה לנו כמה מצות מיוחדות שעיקרן לזכירת יציאת מצרים וכל הנסים שנעשו לנו או למען לא יסור הזכר ממנו לעולם כמו שביתת חמץ ואכילת מצה וישיבת סוכה ועשיית מועדות ותפלין על היד והזרוע וקדושת הבכור וגם שבת שהיא לאות על חידוש העולם ויציאת מצרים ומרוב תמידתן ופרסומן א"א בשום אופן שישכח מישראל יציאת מצרים וכל יסודי תורתנו הקדושה. וכן כתב הרמב"ן בפרשת בא וז"ל האותות והמופתים הגדולים עדים נאמנים באמונת הבורא והתורה כולה ובעבור שהקב"ה לא יעשה נסים בכל דור לעיני כל רשע ופוקר וכופר מצוה אותנו שנעשה תמיד זכרון ואות לאשר ראו עינינו ושנעתיק הדברים לבנינו ובנינו לבניהם עד דור אחרון והצריך שנכתוב כל מה שנראה אלינו באמת באותות ובמופתים על ידינו ובין עינינו וכמו שכתוב והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך וגו' כי ביד חזקה הוציאך ה' ממצרים וכן לכתוב אותו על מזוזות הבתים והשערים ושנזכיר זה בפינו בבקר ובערב וכן כיו"ב הרבה מצות זכר ליצ"מ והכל להיות לנו בכל הדורות עדות במופתים שלא ישכחו ולא יהיה פתחון פה לכופר להכחיש אמונת האלהים כי הקונה מזוזה בזוז אחד וקבעה בפתחו ונתכוין בענינה כבר הודה בחידוש העולם ובידיעת הבורא והשגחתו וגם בנבואה וגם האמין בכל פנות התורה עכ"ל, ולא לבד זכירת דור המדבר יחזק אמונתנו כי גם בכמה דורות אחריהם בימי השופטים ובימי שאול ודוד ושלמה ראו ישראל כמה פעמים את השגחת כבוד ה' בעולם וכן בימי חזקיהו ראו כל ישראל את ישועת ה' ששלח מלאך והכה במחנה אשור מאה ושמנים וחמשה אלף איש בלילה אחד כששכבו כולם

סביבות

---

די עלטערן ווילן דאס. פון גרוים ליעבע צוא דיא קינדער דער ציילען זיי דאס וואס זיי האבען געזעהן אונ געהערט פון זייערע עלטערן. ער האט נאך פיעל מאל אנגעזאגט אויף דעם. השמר לך ושמור נפשך מאד וכו' — היט זיך אונ היט דיין נפש. דיין נשמה ווייער דו זאללסט ניט פערגעסען דיין גאנצען לעבען אלץ וואס דו האסט געזעהן מיט דיא אויגען אונ דוא זאלסט בעקאנט מאכען דיינע קינדער אונ קינדס קינדער (אלץ וואס דו האסט געזעהן אין) דעם טאג וואס דו ביזט געשטאנען פאר דיין גאטט ביים בארג חורב (סיני) אזוי האט אונז גאטט ב"ה אויך געהייסען געדיינקען די יציאת מצרים אונ האט אונז זאגאר געגעבען בעזונדערע מצות. ווי מצוה פון מצה מצוה פון די סוכה. די תפילין אונ דערגלייכען. כדי מיר זאללען זיך אפט דער מאהנען אין דער יציאת מצרים. דער רמב"ן זאגט אין זיין פירוש אויף חומש אזוי: די אללע נסים. וואס גאטט ב"ה האט בעוויזען זיינען די בעסטע צייגען (עדות) אויף די ריכטיגקייט פון דער תורה. אונ ווייל ער וועט דאך ניט געהמען טייען נסים צוא יעדער צייט פאר יעדען רשע אונ אפיקורס. דערום הייסט ער אונז מאכען שטאנדיג אצייכען אויף די נסים. וואס מיר האבען געזעהן אונ אזוי ווייטער (וכו') אונ אלץ כדי מיר זאללען צו יעדער צייט האבען ריכטיגע בעווייזען אויף די אללע עקרים וואס מיר מוזען גלייבען. אונ די אפיקורסים זאללען ניט קאנען אבלייגענען אללעס. אז איינער קויפט פאר פינף קאפעקעס אמזוזה אונ שלאגט איהר צוא צום טהיר. איז ער דערמיט שוין מודה אז די וועלט איז בעשאפען געווארען דורך גאטט. ווי עס שטעהט אין בראשית אונ אז גאטט ב"ה וייס אלץ אונ גיט אכטונג אויף אלץ (השגחה פרטית) אז דיא נביאים זיינען געשיקט געוועזן פון גאטט אונ אזו מיט דיא איבעריגע עקרי התורה אונ ניט נור אין דער צייט פון דור המדבר — אין די שפאטיגערע דורות האט גאטט ב"ה אויך בעוויזען. דורך פערשיעדענע נסים. זיין השגחה פרטית. אין שופטים אין מלכים געפינט מען אסך נסים. וואס גאט האט בעוויזען יודען. פון וועלכן מיר וועללען דא דער מאהנען דעם נס. וואס עס האט זיך געטראפען פאר חזקיהו'ן ווען דער קעניג פון אשור האט בעלאגערט ירושלים מיט הונדערט

פינף

סביבות ירושלים ועוד הרבה נסים ונפלאות שנעשו עמהם ככתוב בדברי הנביאים וכן כימי מרדכי ואסתר וכן בבית שני בימי חשמונאים ובכלל כל זמן הבית הלא נגלה לעין כל תמיד כבוד ה׳ השוכן בתוכם שבאחת עשרה אמה ממקום כניסת העזרה ולפנים לצד המזבח שהיו מותרין ישראלים לעמוד שם עמדו כל הקהל בזמן הרגל שהיה מספרם אלפים ורבבות אנשים שהיה צריך לרוחב עמידתן כמה מילין ועמידתן היה צפופים ובעת השתחויה נעשה ריוח שהיו משתחוים רווחים. וכן אש השמים שהיה על המזבח תמיד ועי״ז היה נשרף כל הקרבנות כולם שעלו עליו בזמן קצר מאד כמו בזמן הרגל שהיו מקריבין קרבנות מרובים מאד מעולת ראיה שהיו מחויבין להביא כ״א וכן משלמי שמחה ומנדרים ונדבות ושאר קרבנות שנתחייבו בכל השנה והניחום עד שעת הרגל כדכתיב בפרשת ראה ובאת שמה והבאתם שמה עולותיכם וזבחיכם וגו׳ וכן כל עשרה נסים שנעשו לאבותינו בביהמ״ק לעיני הכל ומפני אמיתת כל אלה שראו אבותינו הכל עין בעין היתה התורה אצלם חיי נפשם ובחרו לנפשם למות בשמחה מלעבור על אחת מאזהרותיה בזדון מפני חמת המציק ובעת שבאו העו״ג למקדש ה׳ והיו הכהנים עומדין בעבודתן והיו הורגין אותם בחרבות וחניתות והם לא פסקו מעבודת התמיד זה נכרת ראשו ובא כהן השני וקיבל המזרק מידו תיכף וכן הרבה זה אחר זה עד שהעלו הכל על המזבח כדין וגמרו עבודת אלהים ואח״כ כשהציתו האויבים בבית קדש הקדשים

---

פינף און אכציג טויזענד מאנן און האט זיך באריהמט אז זיי וועלען צו מארגענס פארנאנדער נעמען ירושלים אויף איינציגע ציגעל. און אויך איז ארוים ביי נאכט א מלאך און האט זיי אללעמען אויסגעהרגט אין איין אויגענבליק עס זיינען נור געבליעבען זעקס מענשען וויא זאלין ערצייהלען די וואונדער פון גאטט אין דער גאנצער וועלט שפעטער אין מרדכי און אסתר׳ס צייט (פורים) און נאך שפעטער אין דער צייט פון דיא חשמונאים (נס חנוכה). אחוץ די נסים וואס מען האט געזעהן אין בית המקדש שני יעדער צייט. אז דעם אויבערשטענס כבוד רוהט דארטען. איבער הויפט יום טוב. דער פלאטץ וואס די ישראל האבען דארטען געמאגט שטעהן בשעת עבודה (אין דער עזרה) האט געהאלטען אין גאנצען עלף איילען די בבייט און ניט גאנץ פיל לאנג. און פון דעסטוועגען איז דארט געוועזען גענוג ארט פאר דיא צעהנדליג טויזענדער יודען וואס פלעגען אויפקוממען אויף יום טוב קיין ירושלים עולי רגל זיין — וואס איז געוועזען צייטען מילאנען מענשען. וויא עס שטעהט אין מדרש וואס האט גיפאדערט אפלאץ פון פיל ווערסטען און נאך אלעמען ווי זיי זיינען גישטאנען ענג און אז עס פלעגט קוממען די צייט פון כורעים פלעגט ווערן דער ארט ברייט און פלעגן יעדערער האבען זארט אוים צו ציהען דעם גאנצען קערפער אויף דיא ערד אויף כורעים פאללען. אויפען מזבח פלעגט שטענדיג ברענען פייער. וואס עס פלעגט אראב פון הימעל און פערי ברענען אין אגאנץ קורצע צייט דיא אללע קרבנות וועלכעס פלעגען זיך אויפקלייבען. איבער הויפט ימים טובים. ווערר פיעל גאר אן אשיעור. אין פרק ניינען אויסגערעכענט אוועלכע צעהן גרויסע נסים וואס יודען פלעגען וועהן אין בית המקדש. אז מען האט אלם גיזעהן מיט די אויגען דיא נסים פון גאטט ב״ה. אז ער האט גיוויזען זיין גרויסקייט און פארכטיגקייט איז ביי אונזערע עלטערן די תורה געווען דער לעבען. זיי פלעגען זיך גערן מוסר נפש זיין פאר איהר. מיט פרייד ווייל זיי האבען גיוואוסט צו וועמען זיי קוממען נאך דעם טויט — פאר וועמען זייא זענען זיך מוסר נפש פאר גאט ב״ה און פאר זיין תורה. בשעת דיא רוימער זענען אריין אין בית המקדש (ביי דעם חורבן בית שני) און זענען אנגעפאללען מיט זייערע שווערדען אויף די כהנים. וועלכע זענען געווען פערנוממען מיט דער עבודה. האבען די כהנים ניט געקוקט אויף קיין שום זאך און האבען זיך געטאהן דאס זייעריגע. און אז דער פיינד האט אכהן אראבגענוממען דיא קאפ איז צוגעלאפען איין אנדערער און האט גענוממען דעם בעקען אין האנד. גלייך וויא דא וואללט קיין שום זאך ניט פאסירט. און אז דער איז געהרגעט געווארען איז אדריטטער צו געלאפען און אזוי ווייטער ביז זייא האבען אללע קרבנות מקריב געווען על פי דין און די עבודה האט זיך געענדיגט. די מעשה איז שרעקליך ווער עס באנעהמט אזא געטליכען גייסט ווי זיי האבען גיהאט אז דיא דינסט פון בית המקדש איז ביי זיי טייהער גיוועזען ווי זייער לעבען און גיטאן די עבודה ביז די שונאים האבען זיי די קאפ אראב גינומען. אויך

ווערט

הקרשים הפילו א"ע שמנים אלף כהנים פרחי כהונה לתוך האש לשרוף יחד עם בית אלהים [כדאיתא במדרש] והועלה נפשם בלהב האש השמימה וכן כמה אלפים ורבבות מסרו אז נפשם בשביל דת אל כידוע ומפורסם בכל ספרי ד"ה וכן מסרו נפשם על קידוש השם בכל דור ודור ועתה בדור אחרון קמו בני בליעל ויתהללו לחכמים ונבונים ולא לבנות אלא להרוס ולנתוץ את עמודי התורה אשר אבותינו שפכו דמם עליה כמים והורישוה לבניהם ברמי נפשם ואין זה אלא מעזות פניהם ורוע לבם הנשחת שלבם ריק מכל חכמה ורק שקועים בתאות כל ימיהם ונטמא נפשם בחלאת הטומאה עד שהביאם להפוך אור לחשך וחשך לאור ועליהם אמר הנביא ישעיה הוי השמים חשך לאור ואור לחשך וגו' אבל חלילה וחלילה לאנשים נבונים לשמוע לדבריהם והתוליהם שמבזין התורה והמצוה. אוי להם ולנפשם שלא די להם ברשעתן אלא שמפתים לאנשים צעירים לימים להקל בכבוד התורה ודורשיה וכבר אמרו חז"ל [ר"ה י"ז] שהכופרים בתורה והחוטאים. ומחטיאים הרבים יורדין לגיהנם ונידונין בה לדורי דורות גיהנם כלה והם אינם כלים, וכל איש אשר יראת אלהים נגעה בלבבו צריך שימלא לבו חמה עליהם על שמבזין את תורת ה' וההולכים בדרכיו וגם צדין בחלקות פיהם נפשות נקיות ועליהם אמר דוד משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט תכלית שנאה שנאתים וגו' ועכ"פ צריך ליזהר שלא לילך בדרך אתם ולמנוע מנתיבתם וכאשר נבאר לקמיה בפרק הבא:

# פרק מה

## עוד מענין זה

**והנה** אף שבספרי קדמונים הרמב"ם והכוזרי ועוד ספרים הרבה האריכו יותר בחיזוק שרשי התורה אך לא חפצתי להאריך כי אצל רוב האנשים למותר הוא וכל הדברים שכתבתי נראה לפניהם כמי שבא להוכיח על מציאות השמש הנגלה לעין הכל כן נגלה ונתחזק

---

ווערט דער ציילט אין מדרש אין דער צייט וואס מען האט אונטער געצונדען דעם „קדשי קדשים" זענען אכציג טויזענד כהנים אריינגעשפרונגען אין פייער צו פערברענט ווערען צוגלייך מיטן בית המקדש. צו זייא האבען זיך נאך הונדערט טויזענדער אידען צו יענער צייט מוסר נפש געווען על קידוש השם. ווי עס ווערט בעשריעבען אין די היסטארישע ספרים. היינט וואו זענען דיא מיליאנען יודען וואס זיי זענען אין דיא שפעטיגערע דורות אום געקומען פאר זייער היילינע אמונה. אונ ערשט אין דער לעצטער צייט זענען געקומען מענשען וואס קענען גאר נישט אונ ווייסען גאר נישט וואס ליגען נור אין תאוות אונ אין אללע נארישקייטען. אונ ווילען איבער מאכען אוועלט אונ צושטערען אללע פונדאמענטען פון דער תורה. וואס אונזערע זיידעס האבען פאר איהר אזוי פיל בלוט. אונ אזוי פיל טהערען פערגאסען. וואס האבען איהר דורך געפיהרט דורך פייער אונ דורך וואסער אונ איבערגעלאזען זייערע קינדער ווי דעם טהייערסטען שאטץ. אויף אזעלכע מענשען וואס זיי האלטען זיך נאך פאר חכמים אונ פריינד פון זייער פאלק. האט ישעיה הנביא געזאגט: הוי! — וועה! השמים חשך לאור — די וואס מאכען פון פינסטערנעש ליכטיגקייט אונ פון ליכטיגקייט פינסטערנעש וכו'. אז אך אונ וועה איז די מענשען וואס לא די וואס זיי טהוען אליין כל דבר אסור מאכען זיי נאך אנדערע זאללען אראב פון וועג. די חכמי התלמוד האבען געזאגט. אז דיא וואס לייקענען אין דער תורה אונ דיא וואס זינדיגען אונ מאכען אנדערע זינדיגען וועללען האבען עוויגען גיהנם. דער גיהנם וועט זיך ענדיגין אונ צו זייער שטראף וועט קיין סוף נים זיין. יעדער ירא שמים דארף אזעלכע מענשען פערהאסען. ווי דוד המלך האט געזאגט. משנאיך ה' אשנא — דייגע פיינד האב איך פיינד... תכלית שנאה שנאתים — איך האב זיי פיינד מיטען גאנצען הארצען. ווענינסטענס דארף מען זעהען נים האבען מיט זיי קיין מגע ומשא אונ אויסמייבען זיי. ווי מיר וועלען ערקלארען אין דעם קומענדיגען קאפיטעל:

**פרק מה** מיר האלטען פאר איבעריג צו מאריך זיין פיעל וועגען די ריכטיגקייט אונ היילינקייט פון דער תורה. ווארום דאס איז דאך ביי מערסטע מענשען קלאר ווי דער טאג אזוי ווי מען דארף קיין אופקלערונג נים בעווייזען אז עס איז פאראן אזוהן וואס אלע זעהען דאך (אויסער אבלינדער) אזוי דארף מען דעם כלל ישראל נים ערקלערין דיא היילינקייט פון

דער

**ונתחזק מצות** התורה ויסודותיה וכל יעודיה ויעודי **הנביאים אצל כלל ישראל** וגם מלבד שמקובל לנו **מדור דור** אנו רואים אמיתת יעודיה בכל יום ויום **ואיך נתקיים** הבטחתו יתברך בתורתו ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם שהבטחה זו עמדה לנו בכל דור ודור ששיני אריות לא אכלונו וחמת פתנים לא שרפתנו וכל האומות שהיו בזמן ההוא כמו אשור ובבל וצור כבר כלו ונחרבו כפי הקריאה שקראו עליהם הנביאים בשם ה' ואנחנו כולנו חיים וקיימים בתורתנו ואמונתנו וכמו שאמר הכתוב כי טוב ה' לעולם חסדו ועד דור ודור אמונתו וכבר תמה ע"ז אנדריינוס קיסר שהיה אז בזמן שנחרב המקדש וישראל נתפזרו בין האומות ואמר לר' יהושע גדולה היא הכבשה שעומדת בין שבעים אריות והשיב לו ר' יהושע גדול הוא הרועה שמצילה וכ"ש **עתה שכבר** עבר ב"ה עלינו קרוב לאלפים שנה אחר שכל האומות הראשונים המושלים עלינו כבר כלו ונתבטלו ואין זכר למו ואנו ב"ה חיים וקיימים. והנה לאלה שכבר נטבעו בדעות כוזבות כבד למצוא להם תרופה [אם לא שיערה ה' עליהם רוח ממרום] שנשתבש דעתם והוכו בשגעון ועורון מלבחון האמת [ודומה ענינם למלך אדיר שבנה לו מבצר משגב חומה דלתים ובריח ובתוכו ארמונות מפוארים למושב שריו לועד יועציו למשמרת פקידיו ובראשו מגדל בנוי לתלפיות בהוד והדר למושב המלך וחלונות לו שקופים אל רחוב העיר אשר לפני שער המבצר ויהי היום ההוא ויעבור ברחוב ההוא איש אחד אשר לו תבלול בעיניו וכל הנצב ישר נדמה בעיניו כי הוא נעקש ונעקל והוא את חסרונו לא ידע ומומו לא הכיר וכהביטו על גובה המבצר וידמה בעיניו כי כתליו כפופים ונוטים לפול על הרחוב וישא את קולו לכל העומדים עליו מהרה החפזו ונוסו

מזה

---

דער תורה וואס עס איז בעוויסט אונ באשטימט בייא יעדער יודען בכלל פון קלענסטען ביז דעם גרעסטען די הייליגקייט אונ דיא אמת־קייט אונ עוויגקייט פון איהר מיט אללע מצות מיט די הבטחות וואס שטעהט אין איהר וואס אחוץ דעם וואס מיר וייסען פון אמאל. זעהען מיר דאך בחוש יעדען טאג וויא עס איז ערפיללט געווארען גאטטעס הבטחה: ... בהיותם בארץ אויביהם — בשעת זיי (די יודען) וועללען אפילו זיין אין לאנד פון זייער פיינד. וועלל איך זיי אויך ניט פער־מיאוסען אונ פעראכטען צו פערניכטען זייא. צוא צערשטערען (מבטל זיין) מיין בונד מיט זיי. ניט קוקענדיג אויף די גרויסע צרות אונ רדיפות וואס מיר האבען געהאט אין פערשיעדענע צייטען. וואס איין אנדער פאלק אויף אונזער ארט וואללט ניט אריבער־טראגען קיין טויזענדטהייל פון דעם. זעהען מיר פון דעסטוועגען געבליעבען ביי אונזער תורה אונ אונזער אמונה. אונ ווער האט דאס אונז גיהאלפען אלס אריבער טראגען אויב ניט די הבטחה פון גאט ב"ה וואהרענד. אשור. בבל. רום. אונ אנדערע הונדערטער פאלקער זענען אונטער דער צייט פערשוואונדען געווארען (ווי דער נביא האט אויף זיי פריער געזאגט אין זיין הייליגען נאמען) אדרינוס קיסר האט זיך אויף דעם שוין געוואונדערט נאך אין דער ערשטער צייט. **וואס נאכען חורבן** בית שני. ווי גרויס (ווי שטארק) איז דיא שאפס — האט ער געזאגט צו ר' יהושע בן חנניה — וואס האט אקיום צווישען זיבעציג לייבען! וויא גרויס — האט ר' יהושע געאנטפערט — איז דער פאסטוך וואס היט איהר איין! אונ פון דאמאלס אן זענען נאך איין ערך אכצעהן הונדערט יאהר פער־גאנגען אונ דער יוד איז נאך אלץ געבליעבען יוד. ווען מיר וואלטען אונזער היסטאריע פון אונזער לעבען קיין אנדערע נסים ניט געזעהן פון גאטט. אחוץ **דעם** איינציגען נס. וואס מיר לעבען נאך. מיר זענען נאך געבליעבען ביי דער אלטער תורה אונ ביי דער אלטער אמונה. וואללט מען אויך ניט געדארפט האבען אבעססערען בעווייז. אז אונזער תורה איז אתורת חיים אונ אונזער אמונה — איין הייליגע אונ איין אמתע. אונ די מענשען וואס זעהען דאס אלץ ניט או[..]רי־שטעהן דאס ניט זענען געשטראפט פון גאטט ב"ה מיט אגייסטיגע בלינדקייט. אונ עס איז פאר זיי קיין מיטטעל ניטא סיידען גאטט זאלל זייא אפפענען דיא אויגען זיי זאלען זעהען די ריכטיגקייט. זיי זענען אין אונזערע אויגען גלייך מיט יענעם קאסאקען מענשען. וואס איז אמאל פאר ביי געגאנגען פאר דעם קייזערליכען פאלאטץ איין אלטע געביידע. אבער אגאנץ פעסטע אונ וויא מיט זיינע קאסאקע אויגען האט זיך איהם אויסגעדוכט. אז דער דוואריץ שטעהט קרום אונ האלט ביין איינפאללען. האט ער אנגעפאנגען צוא שרייען

**נעוואלד**

מזה פן תדבק אתכם הרעה כי החומה נופלת, רבים ובן שלמים שחקו ממנו האם מבצר המלך הנשגב והנורא יפול חלילה. ורבים מהנבהלים והנחפזים מבלי שום עין ולב האמינו לו ונסו לקולו ויזעקו גם הם המבצר נופל וערער יתערער והחכמים אשר בעם יאזרו עוז לעצור בעם לומר אל תחפזו אל תבהלו שימו לב פקחו עין הביטו וראו הארמון על מכוננו השרים על משמרתם והיועצים על מושבם למה תניאו את לבבכם לקול הנבוך הזה אבל אלה הנבהלים ישתגעו ויתהוללו לומר איש לרעהו נגום מהרה כי החומה תתערער והשרים עוד אינם. ויהי המה עושים הנה והנה ויקם איש אחד חכם ונבון כחם על העם כחם על בוז המבצר ושריו וילבש עוז ויקרא בקול ויאמר שמעו נא דברי האין רופא פה אם אפס מזור ורטיה ויפנו אליו וישאלוהו האם רופא ירפא שבר החומה האם יחבש בצרי את פרצותיו, ויענם לא אחי הרופא ישכיל אתכם לדעת כי האיש אשר הגיע את לבבכם ביראה מבוהלת תבלול בעיניו ואת כל הישרה יעקש אכן באמת שורו נא והביטו המבצר והארמון מה חזקו יסודותיו מה עצמו אשיותיו **אבניו גזית** קורותיו ארזים ובריח ברזל לו לדור דור **יעמוד נצח** לא ימוט, והנמשל מובן מאליו כי התורה **הקדושה** היא חומה בצורה אשר בנאה המלך עליון ית' **לכבודו** [וכמאמרם ז"ל אני חומה זו תורה] והאיש אשר **הוכה** בעורון השכלי נדמה לו על החומה הזו שתפול **ח"ו** ולא תתקיים אבל האיש אשר עיני שכל לו יזעק על הנבוך הזה לומר מה ראית כי נזעקת הלא אשיותיה חזקים ובנויה לתלפיות בכל מיני חכמה ודעת וכל יעודיה נתקיימו והיא רק היא סיבת קיומנו ונשמת חיי זה אלפי שנה אין זה כ"א תבלול בעיניך וכל הישרה תעקש] וכמו שאחז"ל אין אדם עובר עברה אלא א"כ נכנס בו רוח שטות ואלו שנשתרשו בחטא כבר נשתבשה דעתם לגמרי מלבחון האמת אבל כל איש ואיש שרוצה לשמור נפשו ונפש בניו יתרחק ויברח מהם כבורח מן האש וכ"ש למנוע מלקרות ספריהם המלאים דברי חשק ולצון מן הנוהגים בדרך התורה שהם כסם המות להקורא אותם וכמו שהזהיר שהמע"ה ואמר [משלי א'] בני אל תלך בדרך אתם

מגע

---

געוואלד! אונ מאכען קולות מען זאלל אנטלויפען פון ארום דווארעץ אונ פון אינוועניג אויף איהם קוקענדיג האבען אנדערע פערביינעהענדע אויך אנגעפאנגען צו שרייען געוואלד! אין זייער גרוים שרעק אדער אונבעזאננהייט. אונ עס איז געווארען אגאנצע איינגעלאף. ביז עס זענען פון דווארעץ ארוים עטליכע גרויסע לייט אונ העהענדיג די אורזאכע פון דעם טומעל האבען זיי זיך צו לאכט אונ דאן האבען זיי זיך גענומען בערוהיגען דעם עולם. איהר זעהט דען ניט — האבען זיי געזאגט — אז דער דווארעץ איז נאך נייא אונ פעסט אונ אז אלץ איז אין איהם אין ארדענונג? עס איז אפילו איין אלטע געביידע. וואס שטעהט שוין גאנץ לאנג. זי איז אבער בעסער אונ שטארקער פון אנדערע נייע! אונ אז מען האט אנגעפאנגען נאך צוא פארשטען ווער עס האט דאס אנגעמאכט דעם גאנצען לארם. איז דערגאנגען געווארען אז דאס איז אקאסאקער מענש געוועזן. וואס די גלייכע זאך דוכט זיך איהם אוים קרום. דער נמשל איז לייכט צו פערשטעהן די תורה איז אויך איין אלטער פאלאץ. אבער זי איז נאך גאנץ פעסט אונ שטארק. גלייך ווי זיא וואלט ערשט געבוים געווארען. דער אפיקורוס — דאס איז דער קאסאקער מענש. וואס איהם דוכט זיך אוים. אז דער פאלאץ שטעהט קרום אונ האלט ביין איינפאללען. די גרויסע לייט — דאס זענען די שרי התורה. די לומדים. וואס זיי זעהען זיא נאך ריכטיג ווי זי איז. זיי זעהען. אז דער אלטער פאלאץ שטעהט נאך גאנץ פעסט. מיט זיין גאנצער פראכט אונ גלאנץ. וואס ער האט געהאט אמאל אונ קאן שטעהן ווי לאנג אונ אז יענעם דוכט זיך אוים פערקערט ווי זי איז אין דער אמתן. די גמרא האט דאס שוין געזאגט. אמענש טהוט איין עבירה נור בשעת עס פאלט אין איהם אריין אמשוגעת וואס זיין פערשטאנד איז פעראיהרט. דער מענש וואס איז אבער אגוטער פריינד זיך אונ זיינע קינדער דארף פון אזעלכע לייט אנטלויפען ווי פאר פייער אונ זעהען די קינדער זאללען זיי אויסחייכען זייערע ביכליך טהאר מען געווים ניט לעזען ווייל זיי זייען פולל מיט אללע נארישקייטען מיט אפיקורסעס אונ זיי מאכען נור חוזק פון די פרוממע יודען אויף זיי זאגט דער פסוק אין משלי: בני אל תלך בדרך אתם — מיין זוהן געה ניט אין זייערע וועגען. ווייך אוים זייערע שטעגען דען זייערע פים לויפען צו טהאן שלעכטעס. זייא איילען

ייד

מנע רגלך מנתיבתם כי רגליהם לרע ירוצו וימהרו לשפך דם [וביאורו כי כשם שהיצ"ט יש לו שלוחים היינו אנשים יראי השם המעוררים את האדם המתרשל ומזרזים אותו לעבודת הש"י כן היצה"ר יש לו שלוחים והוא אנשים חוטאים אשר מזרזם לילך לפתות את האדם לרע, ויש נ"מ בשליחותם כי שלוחי היצ"ט אינם משתדלים לעשותו בפעם אחד לאיש צדיק והסיד דהיינו שיפרוש לגמרי מן העולם ויעסוק בתורת ה' לילה ויום רק משתדלים להוליכו לאט לאט לעבודת ה' ולא כן שלוחי היצה"ר הם החוטאים הפוגעים באיזה איש לפתותו הם לא יספיקו עצמם אם יורידו אותו מדרגה אחת ממה שהוא אלא רצונם תיכף להורידו שאול מטה דהיינו שיפתוהו תיכף בחלקת לשונם לכפור ביסודי ועקרי הדת ויורידו עי"ז תיכף דמי נפשו לשאול ואבדון] וכן ביאר עניניהם [שם קפיטול ה'] כי נפת תטפנה שפתי זרה [היינו מינות ותאות כמו שפירשו חכמינו ז"ל] חלק משמן חכה ואחריתה מרה כלענה חדה כחרב פיות רגליה יורדות מות שאול צעדיה יתמוכו [והיינו שהם יורדין תיכף לגיהנם והם עמודי השאול שעליהם הוא עומד והיפך הצדיק שהוא יסוד העולם]; ועתה בנים שמעו לי ואל תסורו מאמרי פי הרחק מעליה דרכך ואל תקרב אל פתח ביתה [שהקריבה לבד גם כן מסוכנת] פן תתן לאחרים הודך ושנותיך לאכזרי [לשר של גיהנם, רש"י] פן ישבעו זרים כחך ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך ואמרת איך שנאתי מוסר הוכחת נאץ לבי [שהנמשכין אחרי מינות לא די שאינם מחזיקין טובה להמוכיחין אותן בחייהם שיסורו מדרכי שאול אלא מנאצין אותן] ולא שמעתי לקול מורי ולמלמדי לא הטיתי אזני כמעט הייתי בכל רע בתוך קהל ועדה [היינו שלא נתביישו לעשות

---

זיך צופערגיעססען בלוט. דיא כונה איז דאס. פונקט ווי דער יצר טוב האט שלוחים. פרומע יודען. וואס וועקען דעם מענשען מעורר צו זיין פרום אין יודיש. פונקט אזוי האט דער יצר הרע אויך שלוחים וואס טרייבען דעם מענשען צו זינדיגען. דיא נפקא מינה צווישעןביידע סארטען שלוחים איז וואס די שלוחים פון יצר טוב ווילען דעם מענשען ביסליכווייז צוציהען צו יודישקייט און ניט מאכען איהם מיט אמאל פאר אצדיק, ער זאלל אללע זיינע געשעפטען אוועק ווארפען און זיך זעטצען אין בית המדרש על התורה ועל העבודה. אבער די שלוחי היצר הרע וואללטען דעם מענשען וועללען מיט איין מאל מאכען פאר איין אמתען רשע. זיי רעדען דעם מענשען איין ער זאלל ווערען אכופר הכל און דורך דעם ווארפען זיי איהם מיט איין מאל אריין אין גיהנם. דאס איז די כונה פון דעם פסוק: זייערע פיס לויפען צו טאהן שלעכטעס. זיי איילען זיך וכו'. כי נופת תטופנה שפתי זרה — דען זיסיגקייט טריפפט פון די ליפפען פון דער פרעמדער די אפיקורסות ווי דיא גמרא ערקלערט) חלק משמן חכה איהר גומען איז גלאטער פון בוימעל — ואחריתה מרה כלענה — און איהר סוף איז ביטטער ווי ווערמוטה — חדה כחרב פיות — זי איז שארף ווי אצווייקאנטיגער שווערד — רגליה יורדות מות — איהרע פיס געהען אראב צום טויט — שאול צעדיה יתמוכו — די העללע — דעם גיהנם — שפארען אונטער איהרע טריטט. ועתה בנים שמעו לי — און יעצט קינדער הערט מיר צו — ואל תסורו מאמרי פי. און קעהרט זיך ניט אב פון מיינע ווארטער. הרחק מעליה דרכך — דער ווייטער פון איהר דיין וועג — ואל תקרב אל פתח ביתה — דו זאללסט צום טהיר פון איהר שטוב אפילו ניט צו געהען נאהענט פן תתן לאחרים הודך — זאנסט וועסט דו דיין גאנצע שוינקייט אוועק געבען אנדערע — ושנותיך לאכזרי — און דיינע יאהרען דעם טיראן (דעם שר של גיהנם. זאגט רש"י) פן ישבעו זרים כחך — זאנסט וועללען פרעמדע אנזעטיגן זיך מיט דיין קראפט ונהמת באחריתך — און דו וועסט יאממערן און קלאגען אין דיין סוף — בכלות שארך ובשרך — בשעת דיין לייב וועט פערדארבען ווערען — ואמרת — און דו וועסט זאגען: איך שנאתי מוסר — ווי האב איך דאס געקאנט פיינד האבען מוסר. ותוכחת און שטראפרייד — נאץ לבי — האט מיין הארץ פעראכטעט פערווארפען (ווארום דיא אפיקורסים לא די וואס זיי זענען ניט דאנקבאר די וואס מוסרן זייא — זייא פעראכטען זיי נאך) — ולא שמעתי לקול מורי. און איך האב ניט געפאלגט מיינע לעהרער — ולמלמדי לא הטיתי אזני — און צו מיינע לעהרער האב איך ניט צוגענייגט מיין אויהער — כמעט הייתי בכל רע — איך בין שיעור ניט געוועזן אין אללע שלעכטעס (געטאהן אללע עבירות) בפני קהל ועדה. פאר אללעממען אין דיא אויגן (בפרהסיא גאר אהן בושה. דיא היילינע ווארטער שלמה המלך'ס דארף

מען

לעשות רע בפרסום לעיני הכל] והעצה היעוצה לכל מי שרוצה לשמור לעצמו ובניו שלא ימשכו אחרי דעותיהם הכוזבות הוא רק ע"י לימוד התורה שע"י לימודה והתבוננות בחכמתה האלהית ורוב קדושתה יתרחק מלבבם דברי שטות ותפלות ובדמיון החשך עם האור שנר אחד ידחה הרבה מן החשך וכן איתא בתנא דבי אליהו דכיון שנכנס דברי תורה לתוך לבב אדם יוצאין דברי שטות מלבבו וכן סיבת האנשים שפקרו הוא ג"כ מפני שלבבם ריק מתורה וע"כ במה החוב גדול בדור הזה על האב ללמד לבנו תורה שבכתב ונביאים ומשנה וגמרא שבכל זה ישריש בלב בניו יסודי האמונה וירחיקם מדעות כוזבות [ורק שיבחר להם רב החרד לדבר ה' דאל"ג ח"ו יקלקלם יותר מאשר יתקנם] וכן יעץ לנו שהמע"ה שאר בהתדבקות בתורה אפשר להנצל מדעותיהם [שאך שיתרחק מהם הרבה א"א בשום פעם שלא יבא לאזניו דבר מדבריהם] וכמו שכתוב במשלי [ז] בני שמור אמרי ומצותי תצפון אתך. שמור מצותי וחיה ותורתי כאישון עיניך. קשרם על אצבעותיך כתבם על לוח לבך, אמור לחכמה אחותי את ומודע לבינה תקרא, לשמרך מאשה זרה מנכריה אמריה החליקה וגו', ואשרי האיש המתחזק עצמו ובניו לשמור את מצות התורה ולכבד ולהוקיר את ההולכים בדרכיה באמת ולמנוע עצמו ובניו מדברי תפלות המטמאין נפש הקורא אותם ויזכו לראות בזכות זה בהרמת כבוד ה' וכבוד התורה וכבוד עמו :

# פרק מו

## בו יבואר תשובת הנביא על טענת המוען ·

והנה על דברת אלו האנשים שמתברכין בלבבם שלום יהיה להם משום שדרכן צלחה ולא בא עליהם שום רעה אף כשסרו מן דרך התורה וגדלו והצליחו עוד יותר מאלה שהולכים בדרכי התורה והמצוה ונמצאו רבים מאנשים כשרים שחייהם הוא בעוני

---

מען זיך גאנץ גוט אריינגעהמען אין הארצען אונ פאלגען זיי. דער בעסטער מיטטעל איינצוהיטען זיך אונ דיא קינדער פון דיא פאלשע דעות איז נור לערנען תורה. דורכען פערטיעפען זיך אין די גאטטליכע חכמה פון דער תורה טרייבען דיא אללע גארישקייט מבילא. איין ליכט פערטרייבט אסך פינסטערניש. אונ אויב די ביוד פון די חכמי המוסר „חובת הלבבות" „שערי תשובה" אונ דאם גלייכען קום געהען אין מענשענס הארצען אריין דברי תורה. געהען פון איהם ארוים דיא פוסטע זאכען נארישקייטען שטעהט אין תנא דבי אליהו. די מענשען זענען געווארען אפיקורסים אויך נור צוליעב דעם. וואס זייער הארץ איז פוסט פון דברי תורה. ווי גרוים איז דארום די פפליכט וואס ליעגט אויף יעדען פאטער צו לאזען די קינדער לערנען תורה שבכתב (חומש) נביאים. משנה. אונ גמרא. וואס דורך דעם ווארצלען זיך אין זייער הארץ טיעף איין די יסודות האמונה אונ גרוים ליעבע צו דער תורה. אונ זיי ווערען בעשיטצט פון אללע דעות כוזבות נאטירליך מוז דער רבי זיין א ירא שמים. ואגבט מאכט מען נאך ערגער אנשטאט צוא פעררבעסען) שלמה המלך האט אויך געראטהען דאסזעלבע: בני — האט ער געזאגט אין נאמען פון דער תורה — מיין זוהן היט מיינע ווערטער אונ מיינע געבאטען בעהאלט ביי זיך. היט מיינע געבאטען. וועסט דו לעבען. אונ מיין לעהרע — ווי דיא שווארצאפפעל פון דיין אויג. בינד זיי אן אויף דיינע פינגער שרייב זיי אויף די טאפעל פון דיין הארץ צוא דער חכמה — די תורה זאג: דו ביסט מיין שוועסטער פריינד רוף אן די בינה (פערנונפט) דאן וועט זי דיך היטען פון דער שלעכטער (זינדיגער) פרוי דיא אפיקורסות — פון דער פרעמדער וואס רעדט צו דיר מיט איהרע גלאטטע רייד־עליך וכו', אז וואוהל איז דעם מענשען וואס שטארקט זיך צו היטען די מצות התורה אונ אפצוגעבען כבוד אונ צו שעטצען די וואס געהען מיט אין אמת בדרך התורה. אונ וואס היטען איין זיך אונ די קינדער פון דיא שמוטציגע ביכליך. וועלכע פאר אום ריינגען די נשמה פון זייערע לעזער די מענשען וועללען זוכה זיין צו זעהן ווי דער כבוד פון גאטט. פון דער תורה. פון דעם יודישען פאלק וועט דער העבען ווערען פאר דיא גאנצע וועלט :

פרק מו די פרייע מענשען וועלכע מיר האבען אין דיא לעצטע צוויא קאפיטלאך גערעדט בערוהיגען זייער געוויססען געוועהנליך מיט דעם געדאנק. וואס זיי איז גאנץ גיט אונ זיי לעבען גליקליך. חאטש זיי זענען אויסגעלאססען. וואהרענד עס געפינען זיך

בעויי ומרוב דחקם לא ימצאו נוחם לנפשם ויפלא בעיניהם ג"כ מדוע דרך רשעים צלחה וע"כ אמרתי להעריך לפני אלו האנשים הבוגים כי דבריהם אינם חדשים וכבר הגיד זה מראש הנביא האחרון בשם ה' ובדבריו חזק ידים רפות כי יתבוננו דרכי ה' אשר כולם בצדק ויושר אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא והוא במלאכי [קאפיטל ג'] חזקו עלי דבריכם אמר ה' ואמרתם מה נדברנו עליך אמרתם שוא עבוד אלהים ומה בצע כי שמרנו משמרתו וכי הלכנו קדורנית מפני ה' צבאות ועתה אנחנו מאשרים זדים גם נבנו עושי רשעה גם בחנו אלהים [ר"ל שהם בכוון עברו על רצון ה' ולראות אם יענשו] וימלטו והוא ממש כל דבריהם של אלו הרוצים לפרוק מעליהם עול התורה מפני שאינם רואים שכר השומרים מצותיה ועונש הסרים ממנה ואדרבה כל עושי רשעה גדלו והצליחו ובשר לנו הנביא בשם ה' כי לא הכל ח"ו ימשכו אחרי דבריהם אלא ימצאו גם אז יראי ה' באמת שיתיעצו איש עם רעהו איך להתחזק בעבודת ה' ושלא להתרשל משמירת התורה מפני המית העריצים האלה והקב"ה מקשיב לקולם וכותב בספר זכרון לפניו להודיע רוב חיבתן ביניו שמתחזקין בשמירת תורתו בעת צר בשרבו המתפרצים ממנה וכדכתיב שם אח"ז אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו [הזכיר כאן שני סוגי אנשים מעובדי ה', יראי ה' הם המתחזקים תמיד לעבדו מחמת יראה שהוא אלהי המשפט, וחושבי שמו הם העובדים אותו מאהבה מחמת שמתבוננים בקדושת שמו הנכבד והנורא ית' שבשמו הוא מחית העוה"ז והעוה"ב וכמו דאמרינן במנחות כ"ט על הפסוק כי בי"ה ה' צור עולמים שבאות יו"ד וה"א נבראו שני העולמים ומחמת זה הם חפצים תמיד להגדיל שמו יתברך בעולם וכעין שעשה א"א ע"ה] וכתב הנביא בשם ה' שכר אלו האנשים היראים שיתגלה שבחם לעיני הכל כי הם עבדי ה' עם סגולתו וגם עונש הרשעים יתגלה לכל העולם וכדכתיב שם [על אלה האנשים היראים המתיעצים יחד בחיזוק שמירת התורה] והיו לי אמר ה' צבאות ליום אשר אני עושה סגלה וחמלתי עליהם כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלהים לאשר לא עבדו כי הנה היום בא בוער כתנור וגו' וזרוהו

---

זיך אַסך פֿרומע אידען וואָס לײַדען דחקות און האָבען צרות און דאָס איז בײַ זײ אַסימן. אַז גאָטט איז מיט זײ צופֿרידען. די טַענה איז שוין אַגאַנץ אַלטע נאָך דער נביא מלאכי דערמאָהנט זיא חזקו עלי דבריכם אמר ה' — אײַערע רייד — זאָגט גאָטט — זענען צו שטאַרק געווען געגען מיר — נאמרתם: מה נדברנו עליך — וועט איר זאָגען: וואָס האָבען מיר אויף דיר גערעדט? אמרתם שוא עבוד אלהים — איהר האָט געזאָגט: אומזיסט איז דער דינען גאָטט וואָס האָבען מיר פֿון דעם וואָס מיר האָבען אָפּגעהיט זײַנע געבאָטען. וואָס מיר זענען אַרומגעגאַנגען ניעדערגעבויגען פֿאַר גאָטט? יעצט זענען מיר גליקלאַך דיא מוטהווילליגע זענען איפּגעבויט (דער העבען) געוואָרען. די זינדיגע האָבען געפּרובירט גאָטט (זײ האָבען בכיוון געזינדיגט כדי צו זעהען. אויב זײ וועללען בעשטראָפֿט ווערען) און זײ זענען טאַקי גערעטעט געוואָרען. אָט דאָס איז דיזעלבע טַענה פֿון די היינטיגע פֿרײַע מענשען וואָס וויללען אַראָב וואַרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון תורה ומצות. אויף דעם זאָגט דער נביא. אַז ניט אַללע וועללען זיך חס ושלום לאָזען אײַנרעדען פֿון אַזעלכע מענשען אַז עס וועללען זיך דאַנן געפֿינען אמתע גאָטטעספֿירכטיגע אידען אויך וואָס וועללען זיך בעראַטהען ווי צו שטאַרקען זיך אין דער דינסט פֿון גאָטט ב"ה און ניט אָבהאָנגדיג ווערען דורך די רייד פֿון די רשעים. ויקשב ה' וישמע און גאָטט ווערט עס הערען צו די רייד פֿון די גאָטטעספֿירכטיגער וואָס זײ בעראַטהען זיך ווי צו מחזק זיין אין זיין דינסט. און וועט דאָס פֿערשרייבען אין זיין ספֿר הזכרונות וכו'. והיו לי — פֿיהרט דער נביא אויס — און זײ (די גאָטטעספֿירכטיגע מענשען) וועללען צו מיר זיין אין דעם טאָג (פֿון רעכט — יום המשפּט) וואָס איך וועלל זײ מאַכען — אַטהייערע שאַטץ. און איך וועלל זיך איבער זייא ערבאַרעמען ווי אַפֿאָטער ערבאַרמט זיך איבער זיין זוהן וואָס דיענט איהם (איז איהם טרײַ) און איהר וועט דאַן ווידער זעהען (דעם אונטערשיעד) צווישען דעם צדיק און דעם רשע צווישען דעם דיענער גאָטטעס און דעם וואָס האָט איהם ניט געדיענט ניט ווי אייך דוכצאַך אַז עס איז גאָר קיין אונטערשייד ניטא דען יענער טאָג קוממט אַן ברענענדיג ווי איין אויבען וכו'. מיר וועלען דאָס ערקלערען דורך אַמשל ווי ריכטיג איז דעם

ורחה לכם יראי שמי וגו׳, ונבאר קצת תשובת הנביא עד כמה ישרים דרכי ה׳ וכמו שאמר הכתוב צדיק ה׳ בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו והוא בדרך דמיון, מלך אחד גדול שהיה לו משפחה אחת חביבה ואהובה לפניו והנחיל אותם באהבתו מדינה אחת ממבחר ארצו המלאה כל טוב ונתן אותם לשרים וממונים על כל מקומות ממשלתו והם עבדו אותו באהבה וחיבה בנפשם ומאודם אך ברבות הימים שקמו דור חדש בניהם הבאים אחריהם התחילו לבעוט במלכם עד שיצאו במרידה קשה נגדו וישלח להם שרים נכבדים להוכיחם על פניהם ולא הועיל עד ששלח להם גדודי צבאיו ויאסרם בבית האסורים ונגמר דינם למיתה ליום פלוני ופלוני כפי חוק מורדים במלכות, ויהי היום וישלח המלך אחד משריו לבית האסורים לראות מעשיהם וירא בענים ורחקם ויבוא אל המלך ויאמר ארוני המלך האין די לאנשים האלה במשפט מות החרוץ עליהם ולמה יסבלו עוד כולם יסורים קשים לחיות בלחם צר ומים לחץ ולפי מדת טובך לצוות שיתנו להם בשר ויין וכל צרכיהם בימים אחרים הקצובים להם עוד לימי חייהם. ויען המלך ויאמר צדקת בדבריך וגם אני חשבתי כן אך לא לכולם אעשה זאת, הלא ידעת כי האנשים האלה היו אהובים לי מאד מאד והשפעתי עליהם כל טובתי וגם עתה צר לי מאד על אחריתם וזכור אזכור את אבותיהם אשר עבדו אותי בכל לבבם ובכל נפשם וגם ידעתי כי אם כי כולם מרדו בי אבל לא הכל שוים באשמם יש מהם מורדים וקושרים באמת אשר ראוי לאבד שמם מן העולם ויש הרבה מהם אנשים ישרים ונאמנים אלי

---

דעם איבערשטינס הנהגה וואס ער פיהרט די וועלט ער גיט די רשעים גוטעס אונ די צדיקים צייטין ניט אזוי צום בעסטען אונ מיט דעם משל וועללען מיר פארשטיין דעם נביא׳ס רייד אויך: אגרויסער אונ שטארקער קאניג האט אמאל אוועק געגעבען אפאמיליע וועלכעם ער האט זעהר געליעבט אשיינע אונ אגעבענטשטע שטיק לאנד וואס איז פולל געוועזען מיט כל טוב. דערצו האט ער דיא מיטגליעדער פון דער פאמיליע געמאכט פאר פירשטען אונ האט זיי געגעבען די גרעסטע שטעללעס אין די איבעריגע מדינות וואס זענען געוועזען אונטער זיין הערשאפט. אצייט לאנג האט איהם די פאמיליע זעהר טריי געדיענט. זי האט זיך בעמיהט מיט אללע קרעפטען — צו ערפיללען אללע זיינע פערלאנגען אונ האט שטאנדיג געהאלטען פאר די אויגען דעם קאניגליכען וויללען. מען קאן פערשטעהן אז נאך מעהר וויא דער קאניג מיט זיין געליעבטער פאמיליע איז דיא פאמיליע מיטן קאניג צופריעדען געוועזען. עס איז אבער אויפגעשטאנען גאר אנייער דור. די קינדער פון דער פאמיליע. וועלכעם האבען מיט זייער אייגענע אויגען ניט געזעהן די־גוטעס. וואס דער קאניג האט געטאהן מיט זייערע עלטערן. האבען ביסליכווייז אנגעפאנגען צו זיין אונגעהארזאמם געגען זייער קאניג. ביז זיי זענען ענדליך ארויס געגען איהם מיט אזוי אפפענעם בונד. דער קאניג האט פריהער געשיקט זיינע גרעסטע לייט. זיי זאללען פרובירען איינשטיללען דעם בונד מיט גוטען. אבער אז זייער מיה איז געוועזען אומזיסט. האט ער ארויסגעשיקט געגען דיא בונטאוושציקעס איינגע פאלקען סאלדאטען, וועלכע האבען שטיעלל געמאכט ארדענונג אין דער מדינה אונ דיא בונטאוושציקעס האבען זייא געבראכט געפאנגען אונ מען האט זיי פערמשפט צום טוידט ווי מאטעזשניקעס, נור דער ווייל, ביז זיי וועללען געהרגעט ווערדען, האט מען זייא אריינגעזעצט אין א פעסטונג, איין מאל איז געקוממען דער קאמאנדאנט פון דער פעסטונג, וואו דיא געפאנגענע זיינען געזעסען, צום קאניג אונ האט איהם געזאגט: אדוני המלך איז דען ווענינ פאר דיר וואס דיא לייט זיינען פערמשפט געווארען צום טוידט? וואצו זאללען זייא נאך, אין דער קורצער צייט, וואס זיי האבען צוזיטצען אין פעסטונג לאזען אבקוממען? בעווייז זיי דו גרויסער קאניג. דיין גנאדע דערמאהן זיך אן זייערע עלטערן, וועלכע האבען דיר טריי געדיענט, אונ לאז זיי ווענינסטענס געבען גוט עססען אונ טרינקען. די ווערטער האבען געמאכט איין איינדרוק אויפען קאניג אונ ער האט שנעלל געפאסט איין ענטשלוס, דו ביסט גערעכט, האט ער געאנטפערט, איך האב שוין וועגען דעם געטראכט, אבער ניט געגען אללע געפאנגענע וועלל איך צייגען מיין גנאדע אין איין מאס, עס זיינען דא צווישען זיי ווי דו ווייסט, צוויי זארטען מענשען: טהיילם זיינען אמתע בונטאוושציקעס, מוטוויללינע ווילדע וואס האבען יעצט אויך קיין חרטה ניט אויפן גאנצען בונד זיי פערדיענען קיין גנאדע ניט, עס זיינען דא וויעדער

גאנץ

אלי אך מפני חברת אנשים המורדים נתפחו גם הם אחריהם אבל עתה יתחרטו ע"ז מאד ובבית האסורים יתבררו ע"י דרישה וחקירה מי המה הישרים ומי המה הפושעים ובבוא זמן המשפט להמורדים ופושעים באמת הלא משפטם חרוץ ולאלה הנאמנים לי בלבם אגדיל חסדי כי כבר קבלו עונשם ואשיבם לארצם לטובם לכבודם והם ישובו לאהבתי כי יזכרו חסדי עמהם שסלחתי לפשעיהם והוצאתים מאסוריהם ולע"ע יהיו כולם אסורים בבית הסהר ומאלה האנשים הישרים אמנע טובתי למען יתיסרו על פשעיהם ובצר להם יזכרו ימים הראשונים שחסו בצלי והשפעתי עליהם רובי טובתי ועתה בחטאיהם יושבים כלואים בבית האסורים בלחץ ובדוחק וחרדים מאימת מות ולאלה המורדים באמת אצוה שיתנו להם כפי אשר ישאלו לבבם כי די להם משפט המות ודבר המלך נעשה

ולכל האנשים ההוללים התחילו לשאת מנות לכל אחד כפי משאלות לבם ולאלה הישרים והנאנחים והנאנקים על מעשיהם לא ינתן רק כפי חק האסורים, ויהתלו בהם ההוללים מה יתן לכם עצבוניכם אשר תעצבו על אשר מרדתם בכבוד המלך הלא תראו כי בנו עוד חפץ המלך יותר מכם כי לכם לא ינתן רק לחם צר ומים לחץ ולנו יתנו כל משאלות לבנו. ויענו אותם האנשים הישרים הכזה ענג יקרא אם ינתן לכם בשר ויין ומחר אתם מעותדים למות ביסורים קשים אם באמת היה חפץ המלך בטובתכם היה מוציאכם מבית האסורים אלא שחפץ המלך כדי שתרדו אח"כ מרוב טובה לרוב יסורים ותהיה ההשפלה יותר עצום אבל אנו מרחם המלך עלינו כי הוא דרש וחקר ונודע לו מחשבותינו שאנו תמימים עמו ונקוה עוד שיוציאנו מבית האסורים וישיבנו לכבודנו וכל זמן
שאנו

---

גאנץ ארענטליכע אבער לייכטזיננינגע מענשען וואס האבען זיך נור געלאזט פערפיהרען פון יענע בונטאווי־שציקעס, אבער יעצט האבען זייא שעהן חרטה אין ווילען אום קערין זיך צו מיין טרייהייט, ווער עס געהערט צו יענער זארט אונ ווער צו די — דאס וועט זיך דערגעהן אונטער דער צייט וואס זיי וועללען זיטצען געפאנגען. יענע די ערשטע וועללען געהארגעט ווערען אונ די וועל איך בעגנעדיגען איך וועלל זיי לעבען לאזען אונ צוריקברייגען אין זייער לאנד אונ מערער ווי דו פערלאנגסט צו זייער פריהערדיגער גרויסקייט. דאן וועללען זיי מיר אויך צוריק ווערען טריי אונ איבערגעבען ווי זייערע עלטערן, זעהענדיג דעם חסד וואס איך טהו מיט זיי. דערווייל זאללען אללע זיטצען אין פעסטונג די פערפיהרטע זאללען זיטצען אויף ברויט מיט וואסער, כדי זיי זאללען זיך דערווייל ארומזעהען, וואס פאר א פעהלער זיי האבען געטאהן אונ וועללען מיט איין אמת א חרטה האבען אויף זייער לייכטזינען דערצו דארפען זיי דאך האבען א שטיקעל שטראף, וועט דאס זיין זייער שטראף, וואס זיי וועללען צו די קורצע צייט פון זייער זיטצען א ביסעל אבקוממען. דיא אמתע בונטאווש־ציקעס אבער, וואס וועללען געהרגעט ווערען — זיי ביסט דו גערעכט זיי דארף מען דערווייל געבען, וואס זייער הארץ געלוסט — זיי זיינען דאך פארט קינדער פון יענע טרייע אונ בראווע מענשען, וועלכע זיינען מיר אזוי טהייער געוועזן — אונ פאר זייער פערברעכען

איז געננג די טוידטשטראף, וואס איז אויף זיי בעשטימט, דעם קאניגס ווילען איז נאטירלאך אויסגעפיהרט געווארען. א טהייל געפאנגענע האבען געמוזט אבקומען מיט ברוידט אונ וואססער דעם אנדער טהייל וויעדער האט מען געגעבען וואס זייער הארץ געלוסט, די בעסטע עסענס אין וויינען. דאן האבען די לעצטע זיך לוסטיג געמאכט איבער די ערשטע. וואס ניטצט אייך — האבען זיי צו זיי געזאגט — אייער חרטה אונ אייער אונטערגעבונג צום קאניג, ווען איהר זייד געבליבען ביי דיזעלבע ברוידט מיט וואססער, וואהרענד אונז, וואס מיר האבען זיך ניט אונטערגעגעבען, בעקוממען די בעסטע עסענס אונ געטראנקע? איהר שוטים! האבען יענע געאנטפערט איהר זייט גרויסע נאררין שוטים שוין גיט מען דאס אייך אללעס וואס אייער הארץ גילוסט מחמת פריינדשאפט דער קעניג ליבט אייך מערער פון אונז? עס איז דאך בעוואוסט אללעמען אז איהר זייט די רעכטע בונטאווש־ציקעס געוויעס האט ער אונז ליבער פאר אייך נור מיר וועללען מיט דעם אליין אבקוממען אונזער פערזעהען מיט דעם וואס מיר ווערן געפיינט דא אין פעסטונג אונ וועללען בעפרייט ווערען נאך דעם אונ אפשר נאך צוריק גע־קעהרט ווערען אין אונזער לאנד, וואהרענד איהר זייד דאך שוין פערפאלענע אונ היינט אדער מארגען וועט מען אייך אראבנעהמען די קאפ. אט לאזט מען אייך די קורצע צייט, וואס איהר האט נאך צולעבען, גע־
גיעססען

שאנו יושבים בבית הזה אין אנו חפצים בטובות כאלה. והנמשל מובן מאליו כי הקב"ה בחר באבותינו לאהבה אותם ויבחר בזרעם אחריהם להיות לו לעם נחלה ויוציאם בכחו הגדול ממצרים וילמד אותם תורתו הקדושה חקים ומשפטים צדיקים אשר הם מקדשים ומטהרים אותנו להיות קרובים אליו ואף דעיקר שכרן של המצות הוא לעוה"ב ובנאמר אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ותרגם אונקלוס ויחי בהן בחיי עלמא שכל השומר אותם זוכה להיות דבוק בה' בעולם הנצח שהוא עידון הגדול שלא נתגלה עינינו לשום נברא וכמו שאמר הכתוב עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו מ"מ רצה הקב"ה להטעים את ישראל גם בעוה"ז מעין עוה"ב שהכניסם לאה"ק והשפיע עליהם רובי טובותיו והשכין שכינתו בתוכם כדי שיהיו

נכרים וגלויים לכל באי עולם שהם עם ה' **אשר בחר** לו לנחלה מכל העמים וכמו שאמר להם הקב"ה **קודם** מתן תורה והייתם לי סגלה מכל העמים **כי לי כל** הארץ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש וכן נאמר ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו וגו' ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים וגו' אך לא ארכו הימים ומרוב טובה שהשפיע עליהם הש"י שבחו אותו ושבו מאחריו והפרו מצותיו וחקיו ושלח להם נביאיו הקדושים יום יום להוכיחם ולא שמעו אליהם כי נמצאו מורדים בה' שהריחו אותם מעליהם עד שגרמו בחטאיהם ששלח עליהם הקב"ה מלכים עריצים ויחריבו אותם ויגרשום מארצם וישלפו עליהם חרב נוקמת לנקום מהם אך הקב"ה ברוב טובו וחסדו לא חפץ ח"ו

---

גיעססען פון דעם לעבען צום לעצטען מאל. וויא עס איז פערמשפט צום טוידט. מיר כל זמן מיר זיטצען אין געפאנגען ווילען מיר זאגאר ניט זיין בעסער פון אללע געפאנגענע. מיר ווילען דא קיין פארגעניגען דא איז ניט קיין ארט פון פערגעניגען, אבער דיא האפפענונג אויף דער גוטער גליקליכער צייט, וואס וועט אויף אונז ווידער קוממען – זי גיט אונז מוטה אונ קראפט אריבער צוטראגען די קליינע אונאנגענעהמי-ליכקייטען, וואס מיר האבען דא אין פעסטונג. זיא ערפיללט אויך אונזערע הערצער מיט פריידע, אבער וואס איז מיט אייך אזוי די שמחה? ווען איהר זאללט בעטראכטען זיך דארפט איהר דוכצאך קיין קאפ ניט האבין אט באלד קומט דאך אייער סוף. דער נמשל פון דעם קאן מען לייכט פערשטעהן. גאטט האט אונזערע זיידעס אויסגעקליבען פאר זיין היילינע פאלק, פאר דעם זכות פון אברהם יצחק ויעקב ער האט זיי בעפרייט פון דער קנעכטשאפט פון מצרים, האט זיי געגעבען א היילינע תורה מיט אזעלכע ריכטיגע געזעטצען, וואס מאכען דעם מענשען גליקליך, אונ חאטש דער רעכטער שכר פאר דעם אבהיטען דיא תורה איז בעשטימט אויף יענער וועלט – די אייבינע וועלט – דארט וועט דער מענש זוכה זיין צוא זיין נאהינט צו גאטט ב"ה, וואס דאס איז דער האכסטער זארט פערגעניגען, וועלכע מיר שטערבליכע קאנען דאס מיט אונזער קורצען שכל ניט משיג זיין (בעגרייפען) **פון דעסטוועגען האט זיא גאטט ב"ה אויף דער וועלט**

אויך געוואלט געבען פערזוכען דעם טעם פון עולם הבא, אונ האט זיי צו דעם צוועק אריינגעבראכט אין ארץ ישראל אונ געבענטשט מיט אלל דאס גוטעס, אונ האט צווישען זייא געלאזט רוהען זיין שכינה (גאטטעס היילינקייט) כדי דיא גאנצע וועלט זאלל זעהען, אז זיי זיינען דאס פאלק פון וואס גאטט האט אויסגעוואלהט צווישען אללע פאלקער, והייתם לי סגולה – אונ איהר וועט מיר זיין א טהייערער שאטץ מעהר פון אללע פאלקער, דען מיר געהערט די גאנצע וועלט אונ איהר וועט מיר זיין א קאנינרייך פון גייסטליכע אונ א היילינעם פאלק, ואמרו – אונ זיי (די פעלקער) וועלען זאגען: רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה – נור דיא גרויסע פאלק אידען איז ווירקליך קלוג אונ פערשטאנדיג, דען וואו געפינט זיך נאך א גרויסע פאלק, וואס גאטט זאלל איהם אזוי נאהענט זיין? וכו' וואו געפינט זיך נאך א גרויסע פאלק, וואס זאלל האבען אזעלכע גערעכטע געזעטצען? וכו', עס האט אבער ניט לאנג געדויערט אונ פון צופיעל גוטס האבען דיא אידען פערגעססען אן גאטט אונ האבען איהם אויפגעהערט צוא דיענען טריי, דאן האט זייא גאטט געשיקט זיינע נביאים, וועלכע האבען זייא מיט זייער פייערדיגע רייד אויפגעוויעזען זייער גאנצע זינדיקייט, פערדארבענהייט, זייער אונדאנקבארקייט געגען גאטט, אבער מען האט זיי אויך ניט געפאלגט, דאן האט גאטט געמוזט אויף זיי אנשיקען ווילדע פעלקער, דורך וועלכע **ער האט זיי שטרענג בעשטראפט פאר זייערע זינד:**

זיי

חי"ו לבלותם בין העמים וכמו שאמר הכתוב לא מאסתים ולא געלתים לכלותם וגו' ורק אלו המורדים והפושעים ימקו בעוגם אבל הישרים והתמימים המתחרטים על מעשיהם יתיסרו על חטאתיהם ובצר להם ישובו אל ה' בלב שלם וישוב לרחם עליהם וכמו שאמר הכתוב בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלהיך וגו' ושב ה' אלהיך את שבותך ודחמך אכן לאלה הרשעים אשר גם בעת הגלות יוסיפו רשע על רשעתם נותן להם הקב"ה טובה בעוה"ז כי די להם משפט הנורא העתיד לבוא עליהם בסוף ועי"ז יתוסף שכר לצדיקים שהלכו בדרך ה' ולא למדו ממעשיהם אף שלהם ניתן כל ענג ושמחה בעוה"ז וגם הרבה מהם שיש להם איזה זכותים והקב"ה לא יקפח שכר כל בריה וכן אחז"ל [בספרי] אל אמונה שמאמן את דבריו ליתן לצדיקים לעוה"ב ואין עול שאף לרשעים משלם שכר מצות קלות שעושין בעוה"ז וכן אמר הכתוב ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו וכפי מה שמפרש התרגום שם עי"ש ואנשים הנבונים יבינו זאת ואינם מתקנאים כלל בטובתן של רשעים כי יודעים שהם לרעתם ואדרבה שמחים הם ביסורים שבאים עליהם כי יודעים שסוף דבר יהיה זה לטובתם. אבל ימצאו אנשים המתמיהים ע"ז מדוע דרכם צלחה יותר מהולכי בדרך ה' באמת ותמים, והשיב ע"ז הנביא אל התמהו ע"ז כי לא בחשכת הגלות שאנו יושבין בין העקרבים [כעין פרס ומאראקא] הוא מקום הגמול לטובה כי הלא אינו אלא כבית האסורין לכלא הפשע ולהתם החטאת אבל עוד יבוא זמן שיזרח השמש ויאר היום ותראו את ההבדל בין עבדים הנאמנים להמורדים והפושעים כשיבוא אחרית המשפט ויוציא כולם מבית האסורים

שאלה

---

זיי זיינען פערטריעבען געווארען פון זייער לאנד און צושפרייט געווארען איבער דער גאנצער וועלט, אבער פערטילגען זיי אין גאנצען האט גאטט ניט געוואלט, נור עס זאל זיך אבטהיילין דא אין גלות דיא גוטע פון די שלעכטע וואס עס ווייזט זיך אויס אין דער צייט די ריכטיגקייט פון ידענם הארץ, די פערברעכער דיא אמתע בונטאווטשיקעס וויל ער טאקי זיא פאר ניכטעטען פאר זייערע זינד, אבער דיא ארינטליכערע די וואס האבען זיך נור געלאזט פערפיהרען דורך זייער לייכטזינען, און אללע וואס האבען אין גלות חרטה אויף זייערע זינד און זייער טאטעס זינד און בעטין און זיינען זיך מתודה אויף די פארברעכונג זיי וויל נאר דער אייבערשטער בעשטראפען פאר זייערע זינד, און ווארטען ביז זיי וועלען זיך צוריקקעהרען צוא איהם מיטן גאנצען הארצען, דאן וועט ער זיך איבער זיי ערבארמען. בצר לך — אז דיר וועט ווערען ענג (שלעכט), און דו וועסט זיך צוריקקעהרען צוא דיין גאטט, וועט ער דיר צוריקברייגען (אין דיין לאנד) און וועט זיך איבער דיר ערבארמען. אבער די רשעים וואס זיינען אין גלות אויך זינדיג, זיי גיט גאטט עולם הזה. דען פאר זיי איז גענוג די שרעקליכע שטראף, וואס וועט איבער זייא קוממען צום סוף, און צוליעב דעם וואס מען גיט זיי זיטעם וועלען דיא צדיקים, וואס האבען יענע גיט נאכגעטהאן האבען נאך מעהר שכר אויף יענער וועלט, א חוץ דעם גיט זייא גאטט אמאל אב שכר אויף דער וועלט פאר א זכות וואס זיי האבען, וויא עס שטעהט אין ספרי אויפ'ן פסוק „אל אמונה ואין עול"... אפילו דיא רשעים בעלויהנט ער (גאטט) אויך פאר דיא קליינע מצוות, וואס זייא טהוען אמאל און דאס איז אויך דיא כונה פון דעם פסוק: ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו — און ער (גאטט) בעצאהלט זיינע פיינד (די רשעים גלייך (אויף דער וועלט) כדי צו פערניכטען איהם (צוא יענער וועלט) דיא פערשטאנדיגע מענשען פערשטעהען עס גאנץ גוט און זיינען גאר ניט מקנא דעם „גליק" פון דיא רשעים, ווייל זיי ווייסען אז דאס איז זייער אונגליק און פרייען זיך מיט דיא אייגענע צרות, ווייל דאס איז פאר זיי לטובה, עס געפינען זיך אזעלכע וואס וואונדערן זיך דאך, וואס דיא רשעים איז בעססער פון די צדיקים זיי ענטפערט דער נביא: דאס זאלל אייך גאר גיט וואונדערן, דער ארט פון בעלויהנונג איז ניט אין פינסטערן גלות, וועלכער איז מעהר ניט ווי א טורמע, וואו מען זעצט ארייין דיא פערברעכער אבצוקוממען פאר זייערע פערברעכען; אבער עס וועט קוממען א צייט ווען עס וועט ווערען טאג, און די מהויערן פון דער טורמע וועלען זיך פריי אויפאפפענען. דאס וועט זיין, בשעת דער פראצעס וועט געענדיגט ווערען דאן וועט מען שוין זעהן די אונטערשייד פון די פארברע-כער, די וועלען, די אמתע פערברעכער די רשעים פערניכטעט ווערען און דיא צדיקים וועלען צוריק

ווערען

שאלה היראים אותו והם עבדיו הנאמנים יקח אותם הש"י לו וזהו שאמר הכתוב והיו לי אמר ה' צבאות ליום אשר אני עושה סגלה היינו בשיבוא הזמן שיתקיים הכתוב שעם ה' יהיו סגלה מכל העמים ממלכת כהנים וגוי קדוש וחמלתי עליהם כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו היינו דיוסיף לרחם עליהם שהם בניו וגם עבדו אותו באמת ובתמים ואז יראו הכל את ההבדל בין הצדיקים לרשעים וכמו שנאמר ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלהים לאשר לא עבדו הנה היום בא בוער כתנור היינו יום הדין הגדול לכל באי עולם והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא וגו' ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם והיינו מדה במדה שתחת שבזמן הגלות היו הרשעים מחרפין אותם ודורכין עליהם ברגליהם יהיו הם אח"כ אפר תחת כפות רגלי הצדיקים וכ"ז נמצא ברחז"ל [ב"מ פ"ג ע"ב] שנרמז זה בתהלים [ק"ב] תשת חשך ויהי לילה זה העוה"ז שדומה ללילה בו תרמוש כל חיתו יער אלו הרשעים שדומין לחיתו יער [שהם ירמשו ויהוללו בחשכת לילה] תזרח השמש יאספון ואל מעונתם ירבצון תזרח השמש לצדיקים ויאספון רשעים לגיהנם ואל מעונותם ירבצון שאין לך כל צדיק וצדיק שאין לו מדור לפי כבודו יצא אדם לפעלו יצאו הצדיקים לקבל שכרן ולעבודתו עדי ערב במי שהשלים עבודתו עדי ערב ובאמת כל המתבונן בכל זה לא ישים אל לבבו כלל אם השעת דחוקה לו שטוב לו הרבה יותר מאיש העשיר אם הוא ובניו סרים מדרך התורה וישמח בחלקו שנתן לו הקב"ה דעת לעבוד את ה' שהיא האושר האמיתי והנצחי שלא רבים יחכמו להבין את זאת וכמו שאמר דהע"ה

---

וועלן גאטעס קינדער ווי אמאל, דאס איז דיא כוונה פון די פסוקים וואס מיר האבען פריהער געבראכט והיו לי — אונ זיי וועלען מיר זיין (דיא צדיקים) אין יענעם טאג — וואס איך מאך, דאס איז אין סוף גלות וואס דאן וועט זיין דער יום הדין אויף דיא גאנצע וועלט פון אידען א שאטץ וויא ער האט א מאל צו געזאגט: והייתם לי סגולה, אונ איך וועל זיך (ווידער) ערבארמען איבער זיי ווי א פאטער איבער זיין טרייעם זוהן, דאן וועט איהר ווידער זעהען דעם אונטערשייד צווישען דעם צדיק אונ דעם רשע, צווישען דעם גאטעסדיענער אונ דעם, וואס האט איהם ניט געדיענט, הנה יום בא — עס קוממט א טאג (דער גרויסער אונ שרעקליכער יום הדין) וואס ברענגט ווי איין אויבען, אונ אללע זינדיגע אונ מוטהוויללינע וועלען זיין ווי שטרויה, אונ יענער אנקוממענדיגער טאג וועט זיי פערברענען, אונ צוא אייך, דיא וואס האבען מורא פאר מיר, וועט שיינען דיא זון פון גע־רעכטיגקייט אונ היילונג וכו'. אונ איך וועל צורייבען די רשעים אונ מאכען זיי צו אש אונטער אייערע פיס, דאס איז מדה במדה: דער פאר וואס די רשעים האבען אין גלות דיא צדיקים געטראטען מיט די פיס אונ געמאכט מיט בלאטע צו גלייך, דער פאר וועלען זייא ליעגען אונטער דיא צדיקים'ס פיס דאס אלץ געפינט זיך אין דער גמרא אונ איז מרומז (אנגעדייטעט) אין תהלים, תשת חשך ויהי לילה — דוא מאכסט פינסטערניס אונ עס ווערט נאכט, ערקלערט דיא גמרא, אז דאס מיינט מען די וועלט, וועלכע איז געגליכען צו נאכט בו תרמוש כל חיתו יער (אין איהם קריכען ארום אללע חיות פון וואלד) — דאס זיינען די רשעים וואס זיינען געגליכען צו חיות, דאס הייסט: אין דער נאכטפינסטערניס אין גלות, קריעכען אונ אונ לויפען די רשעים ארום אונ טהוען אלץ, וואס דיא הארץ געלוסט זיי תזרח השמש — ווי דיא זון וועט נור א שיין טאן נאך דער ענדע פון דער נאכט אונ עס וועט ווערען לעתיד לבא יאספון — וועלען זיי — די רשעים — זיך צונויפקלייבען — אין גיהנום — וכו'. דאן יצא אדם לפעלו — וועלען די מענשען — די צדיקים — ארויסגעהען צו זייער לוין (אזוי טייטשט דא די גמרא דעם ווארט „לפעלו" ווי עס שטעהט אין איין אנדער ארט „ופעלו יתן לו" זיין לוין וועט ער איהם געבען) דאס הייסט: דיא צדיקים וועלען בע־קוממען זייער שכר. ולעבודתו עדי ערב, ער וועט גיפינען פאלקאם זיין שכר וואס ער האט גידינט טריי דעם אייבערשטין, ביז זיין לעצטען טאג, דער מענש וואס וועט דאס אלץ גאנץ גוט בעטראכטען, וועט איהם גאר ניט קוממען, וואס עס געהט איהם ניט גוט, ער וועט פערשטעהן או אים איז א סך בעסער פון דעם גביר, וואס ער אונ זיינע קינדער געהען ניט בדרך התורה, אונ וועט זיך שאטצען גליקליך, וואס גאטט האט איהם געגעבען פערשטאנד, צו דיענען איהם,

וואס

רהע"ה אברך את ה' אשר יעצני וגו':

**ומה** שאמר הכתוב בין צדיק לרשע בין עובד אלהים לאשר לא עבדו פירשו חז"ל במסכת חגיגה (דף ט' ע"ב) דעבדו ולא עבדו שניהם צדיקים גמורים הם אלא אינו דומה מי ששונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה פעמים ואחד והיינו שגילה לנו הנביא דמדת הקב"ה לא כמדת בו"ד דבו"ד כשזכו אצלו הרבה אנשים ומשלם שכרם אינו יכול לבחון כ"כ עד כמה גדול זכות כל אחד ואחד אלא נותן להם שכרם בשוה אבל הקב"ה כשמשלם שכר הצדיקים ישלם כפי פעלם במדה ובמשקל כל אחד כפי מה שהוא דאף בשני צדיקים גמורים ואחד שנה פרקו מאה פעמים שלמים והשני כפעם אחד יותר יתראה זאת לעיני הכל שזה עבד אלהים יותר מזה והוא כמו דאיתא בתנד"א שכל אחד ואחד נותן לו הקב"ה לעתיד לבא מאור פנים לפי התורה שיש בו וזהו שאמר הכתוב ושבתם וראיתם וגו' דהיינו ראיה ממש שמאור פני יתראה יתרון מדרגתו לעיני הכל והוא מכוון למאמר הנ"ל אל מעונתם ירבצון כל צדיק וצדיק נותנין לו מעון לפי כבודו. וזהו שאחז"ל בסוכה [מה] המני סרי אלפי דרי דקיימי קמיה דקוב"ה והיינו דיש מדרגות רבות בין עובדי השי"ת וכולם יושבין לפניו ליהנות מזיו שכינתו אבל לא הכל ישיגו השגה אחת מאור פני ה' אלא מי שהשתדל יותר להתדבק אל ה' בחייו יהיה גם שם משורות הראשונות הדבקים בה' ונהנים מזיו שכינתו בעידון היותר נפלא ומי שלא התאמץ כ"כ בעבודתו גם שם יהיה מדרגתו למטה מזה והכל לפי ערך התקרבו לה' וקיום מצותיו בעוה"ז. וזה מרומז בפסוק במשלי (קאַפּיטל אשת חיל) נודע בשערים בעלה בשבתו עם זקני ארץ והיינו דבעל של אשת חיל שהיא התורה כמו שאחז"ל יודע כבודו לכל כשישב בשערי גן עדן (שערים המצויינים בהלכה) עם זקני ארץ הם כל הצדיקים שקנו חכמה בעוה"ז ששם ישבו כל אחד כשורה הראוי לו לפי כבודו באמת. והנה באמת לו התבוננו האנשים הנאנחים ונדחקים בעוה"ז את גודל שכר המוזמן להם לחיי העוה"ב לא דאגו

כלל

---

וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער אֶמֶתֶער אוּן עֶבִּיגֶער גְלִיק, חָאטְשׁ נִיט אַלֶע פֶערְשְׁטֶעהֶען עֶס: אוֹיף דֶעם פָּסוּק (וָואס מִיר הָאבֶּען דָא עֶרְשְׁט גֶעבְּרַאכְט): וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם וכו', בֵּין עוֹבֵד אֱלֹהִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ, זָאגְט דִי גְמָרָא, אַז דֶער עוֹבֵד אֱלֹהִים (דֶער גָאטְעֶסְדִינֶער) אוּן דֶער נִיט עוֹבֵד אֱלֹהִים, זַיינֶען בֵּיידֶע אֶמְתֶע צַדִּיקִים, מֶעהְר נִיט עֶס אִיז נִיט גְלַייךְ דֶער וָואס לֶערְנְט זַיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל צוּא דֶעם וָואס לֶערְנְט אִיהם אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מִיט אַיין מָאל, דִי כַּוָּונָה פוּן דֶעם מַאֲמָר אִיז גָאטְט כְּשֶׁעַת עֶר גִיט דֶעם צַדִּיק שְׂכַר גִיט עֶר רִיכְטִיג נָאךְ זַיין פֶערְדִינְסְט, נִיט מֶעהְר אוּן נִיט וֶוענִיגֶער, אוּן נִיט דַוְקָא פוּן רָשָׁע בִּיז דֶעם צַדִּיק וֶועט זַיין אַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד אֲפִילוּ צְווִישֶׁען צְוַויי צַדִּיקִים וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט אַיין מָאל זַיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, שְׁטֶעהְט עֶר שׁוֹין אִין אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן דֶעם אַנְדֶערֶן, וָואס הָאט מֶעהְר וִויא הוּנְדֶערְט מָאל נִיט גֶעלֶערְנְט. (חָאטְשׁ זַייא זַיינֶען בֵּיידֶע צַדִּיקִים) אוּן עֶר קְרִיעגְט שׁוֹין מֶעהְר שְׂכַר אוּן שְׁטֶעהְט אִין אַגְרֶעסֶערֶע מַדְרֵגָה, דֶערְזֶעלְבֶּער גֶעדַאנְקֶען אַז יֶעדֶער אַיינְצִיגֶער וֶוערְט קְרִיעגֶען אַבִּיזוּג דֶער לִיכְטִיגְקַייט נָאךְ זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גִילֶערְנְט, דָאס הֵייסְט פִּינְקְטְלִיךְ נָאךְ זַיין הִתְדַּבְּקוּת אָן גָאטְט ב"ה אַזוֹי וֶועט זַיין פָּנִים שַׁיינֶען מֶערֶער אָדֶער וֶוייניגֶער אַנְדֶערֶע שְׁטֶעהְט וֶועלֶען שַׁיינֶען וִוי דִי זוּהְן אַנְדֶערֶע וִויא דִיא לְבָנָה, גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ אִין תדב"א אוּן אִין אַנְדֶערֶע אָרְטֶער אִין דֶער גְמָרָא שְׁטֶעהְט אַכְצֶעהְן טוֹיזֶענְד שׁוּרוֹת פוּן צַדִּיקִים זִיטְצֶען פַאר גָאטְט, שְׁטֶעהְט אִין אַיין אָרְט דָאס הֵייסְט: עֶס זַיינֶען דָא זֶעהְר פִיעל מַדְרֵגוֹת אוּן צִדְקוֹת, אוּן יֶעדֶער צַדִּיק זִיטְצְט אִין גַן עֵדֶן נָאךְ זַיין מַדְרֵגָה נָאךְ, דֶער וָואס הָאט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֶעהְר מִתְדַּבֵּק גֶעוֶועזֶן אָן גָאטְט ב"ה זִיצְט דָארְט נֶעהֶענְטֶער צוּ אִיהם אוּן הָאט מֶעהְר הֲנָאָה פוּן דִיא לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶער שְׁכִינָה, דֶער וָואס וֶוענִיגֶער — וַוייטֶער פוּן גָאטְט ב"ה אוּן הָאט אַ קְלֶענֶערֶע הַשָּׂגָה פוּן דֶער לִיכְטִיגְקַייט גָאטְטֶעס; אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן דֶעם פָּסוּק פוּן מִשְׁלֵי, נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ בְּשִׁבְתּוֹ עִם זִקְנֵי אָרֶץ, דֶער מַאן וָואס הָאט זִיךְ בֶּיהֶעפְט אָן דֶער תּוֹרָה וֶועט בֶּעוואוּסְט וֶוערֶען אִין דִי קוֹמְפַּאנִיע צַדִּיקִים אִין גַן עֵדֶן וָואס דָארְטִין וֶועט יֶעדֶערֶער דֶער קָאנְט וֶוערֶען נָאךְ זַיין חָכְמָה אוּן צִדְקוֹת, וֶוען דִי פְרוּמֶע אִידֶען, וָואס הָאבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעהְר שְׁלֶעכְט, וָואלְטֶען זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט, וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר עֶס עֶרְוַוארְט זַייא אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָואלְטֶען זַייא גָאר נִיט גֶעבַאנְגְט, טָאלְטֶען גֶעוֶועזֶן גַאנְץ פְרֶעהְלִיךְ

און

כלל מענים ודחקם והיו ששים ושמחים לעשות רצון קונם באהבה וחיבה וכמו איש העני אשר זכה בסך כסף הגורל שהוגרל במדינה אחרת ויבוא איש אל ביתו וראהו שמח וטוב לב וישאלהו שמחת זו מה היא הלא הנך עני ואביון ובניך ערומים ויחפים ובביתך אין לחם. ויוציא לו שטר זכותו בגורל ויאמר לו דע ידידי כי ראיתי במכתבי עתים שנומר שטרי זה וכה בסך כסף מרובה והנני עשיר גדול יותר מכל העשירים שבעיר אך לא אחפוץ אנכי לפרסם זה לע"ע בעיר כי ירא אנכי פן יקראני אסון אבל נכון אנכי לנסוע לשם ולקבל את הכסף בשלמות ואיני דואג עתה כלל מעניותי ודחקי, כי עוד מעט וירוח לי מאד. כן הוא בענין עבודת הש"י שידוע מה שאחז"ל שיפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העוה"ז ולמה לא ישמח איש אשר עולמו דחוק לו כיון שהוא עובד ה' באמת ובכל מצוה ומצוה שעושה הלוא קונה לו עוה"ב שאין ערך לרוב טובתה ובפרט המצות שארם עושה בשעת דחקו נחשבין הרבה יותר וכמו שאחז"ל באבות דר"נ דמצוה א' שבא לו קיומה ע"י צער הוא חשוב כמאה שלא בצער כי לפום צערא אגרא וכל ימי חיי הבלו הלוא יעוף כצל וישבע ממפעלו הטוב בעולם הנצח ואשר שם לא ניכר שוע לפני דל אלא מי שיביא את שטר זכותו שזכה במצות הוא יקבל שכרו כפי פעלו וכמו שאחז"ל עתידה בת קול להיות מפוצצת בראשי ההרים ואומרת כל מי שפעל עם אל יבוא ויטול שכרו. וגודל שכרן של ישראל המתחזקין לעבוד ה' באמת וסובלין מפני זה חרפות וגידופין מרשעים וגם מפריצי עמנו באמת אין לשער כלל

---

אונ גליקליך, אונ וואללטען געטאהן גאטעס ווילען מיט גרויס ליעבע, אונ איבערגעבונג, פונקט וויא יענער ארם מאן וואס א בעקאנטער האט איהם איינמאל געטראפען גאנץ מונטער אונ פרעהליך, וואס איז דאס מיט דיר אזוי דיא שמחה? האט ער איהם געפרעגט, דו ביסט דאך אזא קבצן דיינע קינדערליך געהען ארום נאקעטע אונ בארפיסע אונ אין שטוב איז קיין ברעקעל ברויט ניטא, דער "ארם מאן" האט ארויסגענומען פון קעשענע א זאקסעשען צעטעל, אונ האט איהם געציינט דעם בעקאנטען, דער צעטעל — זאגט ער איהם — האט יעצט געוואונען דעם גרויסען געווינס, וויא איך האב היינט געלעזען אין ציימונג, דו זעהסט, אז איך בין ניט אומזיסט פרעהליך? אבער איך וויל נאך קיינעם ניט דערצעהלען קיין מעשות, כל זמן איך האב נאך ניט די געלד אין דער האנד, איך וועלל אלזא ניט לאנג לעבען אין אזא דחקות ערך איין מאנהייט צייט קאן דויערן ביז איך נעהם נור אב די געלד, דאן בין איך דער רייכסטער מענש אין דער שטאדט, אזוי איז מיט דעם דיענען דעם השם יתברך. "יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב — שטעהט אין פרק — עס איז בעסער איין ווייל פערגעניגען אויף יענער וועלט, מכל חיי העולם הזה — פון דעם גאנצען לעבען אויף דער וועלט, היינט ווי זאלל זיך שוין דער געדריקטער מענש ניט פרייען, "ווייבאלד אז ער דיינט גאטט ב"ה מיטן גאנצען הארצען אונ מיט יעדער מצוה פערדיענט ער אויך עולם הבא. בפרט מיט דער מצוה וואס ער טהוט אין דער שלעכטער צייט, א מצוה וואס דער טאהן איהר קוממט אן מיט צער, שטעהט אין דער גמרא, איז גלייך וויא הונדערט מצוות, וואס קוממען אן לייכט, לפום צערא אגרא — נאכן צער וואס מען האט פון דער מצוה טהאנדיג איהר) איז דער שכר פאר איהר, אונ וואס פאר א ווערט קאנגען האבען די ליידען, וואס מען טראגט אריבער אויף דעם עולם השקר, אין אונזער קורצען לעבען, אנטקעגען דיא גוטעס, דיא פערגניגונגען, וואס מיר וועלען האבען פאר אונזערע מצוות אין דעם עולם האמת, אין דעם עוויגען לעבען? דאס זגאצעט פיל ווייניגער וויא דער מאנהייט וואס דער ארימאן רעכענט זאלל דויערן זיין געווינס אב נעממען, דארט זיינען אללע מענשען גלייך, עס איז קיין אונטערשיעד ניט צווישען דעם רייכען אונ דעם ארם מאן יעדען ווערט אויס געצאהלט נאך דעם צעטטעל וואס ער וועט ברייננען פון דער וועלט: וואס מעהר מצוות, וועט דער געווינס אלץ גראסער זיין, די גמרא זאגט: עתידה בת קול להיות מפוצצת בראשי ההרים — א בת קול וועט אויסרופען גאנץ הויך, אויף די שפיצן בערג: יעדער וואס האט געארבייט פאר גאטט (וואס האט געטהון מצוות) זאלל קוממען נעהמען זיין לוין, וויא גרויס עס וועט זיין דער שכר פון דיא יודען, וואס קוקען ניט אויף דיא זלזולים פון די רשעים אונ ניט אויף דיא פוסטע קערי גענישען בייכטרוים פון דער וועלט אונ זיינען זיך מתחזק שטארקען

כלל רוב שכרן בין לימות המשיח ובין לעוה"ב וכמשחז"ל בסנהדרין צ"ז גבי נבוכדנצר הרשע שזכה למלכותו ולכבודו הגדול הוא ובנו ובן בנו הכל מפני שרץ ג' פסיעות בשביל כבודו של הקב"ה כדאיתא שם המעשה דבשעה שחלה יחזקיהו ואיתפח בנס הראהו הקב"ה אות שידעו כל העולם מזה ונתארך היום בעשר שעות יותר ונתפרסם הדבר בכל העולם וכשהגיע הדבר לברודך בלאדן מלך בבל אמר איכא גברא כי האי ולא בעינא לשדורי ליה שלמא כתבו ליה שלמא למלכא חזקיהו שלמא לקרתא דירושלם ושלמא לאלהא רבא דבירושלם ונבוכדנצר היה אז סופר המלך ולא הוי התם בההיא שעתא כי אתא אמר היכי כתביתו קריתו ליה אלהא רבא וכתביתו ליה לבסוף אמר אלא הכי כתביתו שלמא לאלהא רבא ושלמא לחזקיהו מלכא דירושלם א"ל קריינא דאגרתא איהו להוי פרוונקא רץ אחר השליח לחזור המכתב ג' פסיעות ועבור הג' פסיעות האלו שרץ לכבוד השי"ת זכה לכל הכבוד הגדול שאין הקב"ה מקפח שכר כל בריה. ומזה אנו למדין כמה יתגדל לעתיד לבא שכרן של אבותינו שהיו „רצין תמיד לעשות רצון של הקב"ה" כדאיתא שם בגמרא וגם כל ישראל שסובלין הלאות אין מספר מפני כבוד ה' אין ערך ואין שעור לגדולתם עד שכל הגדולה של ימות המשיח אין די להם אלא צפון שגרם לעולם הבא וכמו שאמרו חז"ל כל הנביאים שראו ברוח קדשם גדולתן של ישראל לא ראו אלא גדולתן בעולם הזה לימות המשיח אבל לעולם

---

(שטאַרקען זיך צוא דיענען גאָטט ב"ה מיטן גאַנצען האַרצען — דאָס איז ניט צו משער זיין. אויף נבוכדנצר הרשע דער צאהלט די גמרא, אַז דעריבער האָט ער זוכה געוועזן צו זיין אַזאַ גרויסער און שטאַרקער קאָניג, ער און זיין זוהן און זיין אייניקעל, דער פאַר וואָס ער איז געלאָפען דריי טריטט צוליעב דעם כבוד פון גאָטט ב"ה, די מעשה איז אַזוי געוועזן: בשעת חזקיהו המלך איז קראַנק געוועזן און גאָטט ב"ה האָט איהם געזונד געמאַכט בדרך נס, האָט איהם גאָטט ב"ה געוואָלט בעוויזען אויף דעם אַזאַ צייכען, וואָס דיא גאַנצע וועלט זאָלל דאַרפען וויססען. וואָס האָט ער געטאָהן? ער האָט דעם טאָג געמאַכט מיט צעהן שעה לאַנגער. אַז ברודך בלאדן דער קאָניג פון בבל האָט געהערט פון דעמזעלבען וועגען עס האָט געטראָפּען אַזאַ וואונדער, האָט ער געזאָגט: עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענש, און איך זאָלל איהם ניט שיקען קיין גערוס? שרייבט איהם — האָט ער געהייסען זיינע שרים —: פריעדען דעם קאָניג חזקיהו, פריעדען דער שטאָדט ירושלים, פריעדען דעם גרויסען גאָטט וואָס אין ירושלים. נבוכדנצר איז דאַמאָלס געוועזן דער קאָניגליכער סעקרעטאר, אָבער אין דעם אויגענבליק איז ער געוועזן אויסגעגאַנגען, אַז ער איז געקוממען, האָט ער געזאָגט: ווי האָט איהר דאָס געשריעבען? איהר רופט זייער גאָטט אַ גרויסער גאָטט, און זיין נאָמען דערמאָהנט איהר נאָר צום סוף אַזוי שרייבט: פריעדען צום גרויסען גאָטט, פריעדען צו חזקיהו דעם קאָניג פון ירושלים, האָט ער (דער קאָניג) איהם געזאָגט: דער לעזער פון דעם בריעף זאָלל אויך זיין דער שליח (קריינא דאגרתא להוי פרוונקא) (אַ געוויסער שפּריכוואָרט אין דער גמרא וואָס די כוונה פון איהם איז, אַז דער וואָס גיט די עצה, דאַרף איהר אַליין אויספיהרען) נבוכדנצר איז אַרויסגעלאָפען אומקעהרען דעם שליח (כדי איבערצושרייבען דעם בריעף) און פאַרן זכות פון דיא דריי טריטט, וואָס ער איז געלאָפען לכבוד גאָטט ב"ה האָט ער זוכה געוועזן צוא אַזאַ גרויסען כבוד, פון דעם זעהט מען ווי גרויס עס וועט שוין זיין דער שכר פון אונזערע אבות זיידעס, וואָס פלעגען שטאַנדיג לויפען טהון דעם רצון פון דעם רבונו של עולם מיט דיא גאַנצע קרעפטען, (אין פייער און אין וואַסער) פיהרט דאָרטען אוים די גמרא און דאָס זעלבע פאַרשטייט מען וויא גרויס וועט זיין דער שכר פון דיא גאַנצע יודען וואָס ליידען דחקות אַרימקייט צו ליעב דעם איבערשטענס כבוד וויל זיי ווילען די תורה היטען, און אויך פיעל אַנדערע צרות און שאַנדע וואָס זיי מוזען צוליעב דער יודישקייט מעהר פיעל אויסשטעהען, סאַי פון פרעמדע, סאַי פון אייגענע. די גאַנצע גרויסקייט וואָס זיי וועללען דער לעבען אין משיח-צייט וועט זיין צו ווענינ, צו בעצאָהלען זיי כיט דעם פאַר נאָר זייערע מצוות — דעם רעכטען שכר וועללען זיי האָבען ערשט אויף דער אויבינע וועלט (לעולם הבא). וויא דיא גמרא זאָגט: אַללע נביאים — וועלכע האָבען געזעהן ברוח הקודש דיא יודיישע גרויסקייט — האָבען נור נביאות געזאָגט וועגען די ימי המשיח, אויף דער וועלט, אָבער אויף יענער וועלט

די

לעולם הבא עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו:

## חתימת הספר

הנה אחי אחרי כל דברי הספר הזה שהערכתי לחזק ידי המתגוררים בארצות הרחוקות שלא יתרשלו שם מקיום מצות התורה מכל מקום הדרך האמיתי והיותר נכונה לכל מי שרוצה לזכות באמת לפני הקב"ה הוא שיתחזק שלא ישתקע במדינות ההם [אם לא באיש שהוא י"א ומחזק הדת לבני ישראל באיש כזה אין אנו מדברים] ואם כי מפני רוב דחקו הוצרך לנסוע שם עכ"פ כאשר יעזור לו ה' ישוב לביתו ויבטח בה' הנותן לחם לכל בשר שיפרנסו גם בביתו, ואל ישמע ליצרו שמפתהו שישב שם עד שיקבץ הון רב כי הוא מחליף עולם עומד בעולם עובר כי כל מה שיאריך ישיבתו שם עלול מאד להכשל בכמה עקרי הדת כיון שהרבה נכשלין שם בהם וכמו שכתב הרמב"ם בחבורו הלכות דעות פרק ששי וז"ל דרך בריותו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר רעיו וחבריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו לפיכך צריך האדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם ויתרחק וכו' הוא ששלמה אומר הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע ואומר אשרי האיש וגו'. וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים וכו' עי"ש ובאמת כאשר יתבונן האדם יראה כי ענין העשר שמסיתו

---

די אייביגע — עין לא ראתה אלהים זולתך וכו' קיין אויג האט נאך ניט אנגעזעהען (דעם שכר) וואס גאט וועט דארט געבען די וואס האפען צו איהם.

## נאך עטליכע ווערטער צום לעזער

נאך אלץ, וואס מיר האבען אין דעם ספר ארומגערעדט, צו מחזק זיין אונזערע ברידער, וואס לאזען זיך אוועק אין דיא ווייטע לענדער, זיי זאללען זיך ניט אבלאזען אונ אבהיטען די מצות התורה, פון דעסטוועגען, דער מענש וואס וויל יוצא זיין מיט איין אמת פאר גאטט, דארף זעהען ווי ווייט מאגליך, ניט אוועק לאזען זיך אזוי ווייט אונ בלייבען בעסער אין דער היים (סיידען דער גרויסער ירא שמים וואס קאן דארטען פיעל בייברינגען צום חזוק הדעת) בעסער לעבען איין ארימען לעבען איין אידישען איידער קריגען רייכטהום קעגין דעם רצון פון גאטט ב"ה, אונ ווען דער נויטה טרייבט פארט אין אמעריקע אדער אפריקא, וואס ער האט קיין ברירה ניט, זאלל מען וועניגסטענס זעהען וואס פריהער צוריק קעהרען זיך אהיים, וויא גאטט ב"ה העלפט נור אונ מען האט אויפגעקליבען אשטיקעל פערמאגען, מען דארף האפען צוא גאטט, דעלכער איז מפרנס א גאנצע וועלט, אז ער וועט מן הההם ניט פערלאזען אונ וועט צושיקען פרוידט, אונ ניט האַרען דעם יצר הרע וואס רעדט איין צו פערבלייבען דארט ביז מען וועט ווערען רייך, קריגען אגרויסען קאפיטאל, דאס וואס לאנגער מען האלט זיך דארטען אויף, קאן מען אלץ גיכער עובר זיין א סך גרויסע עבירות אפילו ווען ער היט זיך, אונ אין זיין גישעפט, איז ניט רא קיין עבירות אבער קוקענדיג אויפ'ן צווייטען ווי ער טהוט זיי, ווערט נאכלאסיקייט בא זיך אין פיל זאכען מיט דער צייט. דער רמב"ם שרייבט אין זיין יד החזקה עס ליעגט אין א מענשענס נאטור אנצונעהמען דיא דעות אונ די מנהגים פון זיינע חברים, אונ פיהרען זיך ווי זיינע לאנדסלייט פיהרען זיך, דעריבער דארף יעדער האבען אומגאנג נור מיט צדיקים אונ חכמים כדי ער זאלל זיך האבען פון וועמען אבצולערנען וכו'. אונ אזוי האט שלמה המלך געזאגט הולך את חכמים יחכם, — דער וואס געהט ארום מיט חכמים ווערט קלוג, אונ דער וואס קאמפאנירט זיך מיט נארען (רשעים) וועט צערברעכען ווערען (גלייך מיט זיי). אונ אז מען לעבט אין א לאנד, וואס איהרע מנהגים זייגען שלעכטע אונ איהרע איינוואוהנער געהען ניט בדרך הישר דארף מען ארויס פון דארט אונ אוועק אין אזא ארט, וואו די מענשען זייגען פרומם אונ גוט וכו'. אין דער אמתן, אז מען זאלל גוט בעטראכטען וועט מען, אז ניט דיא רייכקייט מאכט

שמסיתו יצרו לרדוף אחריו אינו מהצלחות הגדולות לבאי עולם כי יש הרבה אנשים מבע"ב אשר אינם בעלי עושר שמשיגים טובה ונחת רוח בעולמם הרבה יותר מעשירים ועיקר הצלחת העשירות הוא כמו שאמר הכתוב ברכת ה' היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה דהיינו אם קנין נכסיו הוא מברכת ה' מעשרת אותו וגם נותנת לו נחת רוח בעשרו שלא יקבל עצב עמה אבל העשירות שאינו מברכת ה' [כגון שבא לו ע"י שעבר על רצונו] נותנין לו ביחד עם עשרו גם עצב שכל מה שיגדל עשרו יתוסף גם העצבון עמו כגון מחלות ר"ל או צער מבנים או שבאין עליו גיים ולסטים ובוזין אותו וכמה תלאות העולם עד שאינו מקבל שום נחת רוח מעשרו. ומי שהוא איש נבון באמת צריך לבקש מה' שלא ינסהו בנסיון העושר אף כשהוא במדינתנו וכמו שאמר שלמה ריש ועשר אל תתן לי פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ה' [וזה אמר אפילו בזמנו שהיתה רת ישראל תקיפה בעולם ולא היה יכול האיש בפרהסיא לעבור על רצונו ית' ח"ו וגם היה נתפרסם עי"ז לבזיון ולכלמה בעולם ורק בלבו היה ח"ו מכחש בהשגחה ומה נאמר בזמנינו שאנו רואין בעינינו שיזיק זה מאד להרבה בני אדם ואם לא אליו עכ"פ לבניו בוראי יזיק] וכ"ש שלא יתמהמה בשביל עושר במדינה שהרבה מאנשיה פרוצים בדת שעלול מאד לאבד נפשו ח"ו ע"י עיכוב שם וכ"ש לנפשות בניו אם יביאם שם בוראי סכנה גמורה היא דלפי חירוע כמעט אין במציאות לחנך שם בנים בדרך התורה כפי חוב איש יהודי, ובאמת יפלא הדבר מאד איך יפעל זאת האדם בנפשו להשחית בירים נחלתו שהנחיל לו ה' הם בניו היקרים החביבים לו כנפשו להכניסם למקום סכנה כזו ולאבד גידים אחרית

---

מאכט דעם מענשען גליקליך, עס זיינען דא א סך מיטעללע מענשען, וואס זיינען פיעל גליקליכער פון די גרעסטע גבירים, דיא מעשה איז ווי עס שטעהט אין פסוק: ברכת ה' היא תעשיר — ווען מען בעקוממט דעם פערמעגען דורך די ברכה פון גאטט, מיט ערענט־ליכקייט, אונ יושר ערשט דאנן הייסט מען מיט איין אמת רייך, ולא יוסיף עצב עמה — דאנן האט מען ניט קיין זארג אונ קיממער דורך דעם פערמעגען, אבער דער פערמאגען, וואס מען קלייבט אויף ניט דורך די ברכה פון גאטט ב"ה, נור דורך גנבה אונ גזלה אדער דורך אנדערע עבירות ווי חלול שבת אונ דאס גלייכען, ברייגגט דעם מענשען א סך דאגה אונ צער אונ ער האט קיין נחת ניט אין זיין לעבען: ער איז ניט זיכער פון קראנקהייטען, פון צער פון קינדער אונ אנדערע צרות וואס קוממט פאר אויף דער וועלט, דער גאנץ פערשטאנדיגער מענש דארף בעטין גאט ב"ה ער זאל אים גאר ניט ברייגגען צום נסיון צוא זיין רייך, ווען ער איז אפילו אין אונזער געגענט, אזוי האט שלמה המלך אויך גיבעטען, „ריש ועושר" ארימקייט אונ רייכקייט — „אל תתן לי" זאלסט דו מיר ניט געבען מאמער וועל איך צו נאטט זיין (מיט געלד) אונ וועל גאר ניט גלייבין אין גאט ב"ה. אונ ווען האט דאס שלמה גיזאגט אין יענער צייט וואס דער ערגסטער מענש האט ניט גיקענט (צוא ליב פערשידענע סבות וועלכע מיר האבין שוין פריער אויס גערעכינט) צו לאזין ווערין בפרהסיא, ווארום אין יענע צייטין וואלט ער ווערין גישטראפט פון ב"ד [אונ חוץ דעם וואלט ער דאן גיוויס האבין גרויס שאנדע נאר דיא הארץ קען מען דאך ניט פאר היטין דריבער זאגט שלמה המלך ע"ה „פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ד'" דאס הייסט טאמער ח"ו אין הארצין וועל איך לייקענען אין גאטס השגחה דורך דיא געלט. וואס זאלין מיר שוין היינטיגע צייטין זאגין? מיר דוכט אז היינט וואלט שלמה ניט זאגין פן אשבע וגו' (טאמער) עס איז כמעט קרוב לודאי אז דורך דיא פולע געלט ווערט מען איבער גיפירט בפרט קינדער ווערין גיוויס צוא קאלעצעט דורך רייכקייט] ווער רעט נאך בלייבען צו ליעב רייכקייט אין אזא ארט וואס געפינען זיך נעהר פיעל אויסגעלאסענע צווישין אידין אונ וואו עס איז כמעט ניט מעגליך צו געבין די קינדער א יודישע ערציהונג — דאס טאר מען געוויס ניט, עס איז כמעט אונגלויבליג, אז א יוד וואס דיא קינדער זיינען ביא איהם גע־וואהנליך די אויג אין קאפ זאל ביי זיך פועלין ברייגגען זיינע קינדער אין אזא לאנד וואס איז זייער מאהרשיינליך אז זיי זאלין פאר געסין אן דער גאנצער יודישקייט אונ ווערין אמתע עובדי גילולים (געצין דינער) וויא קאן דאס איור ביי זיך פועלין זיין אזא אכזר געגען אייגענע פלייש אונ בלוט? א חוץ וואס מען זינדיגט מיט דעם אנטקעגען דיא אייגענע קינדער טוט מען זיך אויך ארעה דורך אזעלכע קינדער

וואס

אחרית נחמתו ותקותו בכל ימי חייו שישאר לו שם ושארית בארץ שיזכה על ידם לעוה"ב [ומי שאינו יכול לשוב לביתו מפני איזה טעם ומוכרח להביא את אשתו ועולליו אליו מ"מ לא ייעץ לבניו הגדולים שאינם סמוכין על שלחנו שיבואו גם המה לשם כי כשהם בנים גדולים שיוכלו לזון את עצמו מבלעדו בודאי טוב ונכון שישארו שם במדינתו וילכו שם בדרך ה']. והנה באמת כל איש ישר בתחלת בואו למדינות ההם יסתער לבבו בקרבו לראות פרצת הדת שנתפרץ שם אצל הרבה אנשים ומקלל יומו שגרם לו לראות זאת בעיניו וכל תקותו שיעזרו ה' לברוח משם וכ"ש עבור בניו מוסבם אצלו שחלילה וחלילה לו להביא בניו לשם שישתקעו בין העובדי כוכבים ח"ו ואך בהמשך הימים ישתנה אצלו מחשבתו לגמרי שלא די במה שהוא בעצמו אינו יוצא משם אלא יביא אצלו גם בניו ומי גרם להם זה האם מצות התורה נפחתו מערכם הלא היא עומדת לעולם ולעולמי עולמים בלי שום שינוי וגרעון ח"ו ורק מדרגת אלו האנשים נגרע במשך הזמן שנפשם נתרגלה במנהגי המדינה ונפחתה מערכה. ונשכיל זה בדרך דמיון בת מלך שנשבית ונשאת לכפרי [וכמו שהמשילו חז"ל ענין נפשו של אדם על הפסוק גם הנפש לא תמלא משל לעירוני שנשא בת מלך] שהיתה רגילה מעולם לשכון בהיכלי מלך חדרים מרווחים ומפוארים וללבוש בגדי הדר ולאכול מאכלים טובים ובריאים ובבואה בבית הכפרי בית מלא עשן צר ודחוק תחרד נפשה לצעוד על פתח ביתו וכ"ש ללבוש לבוש הכפרי או לאכול מאכליו הגסים אשר יזיק הרבה למזגה גוה שהיא בת מלך ותבחר לנפשה מות מחיים כאלה להתגאל בפתו ולישב בביתו ולהתכסות בכסותו אך ברבות הימים תתרגל בכל אלה ותשכח עשרה וכבודה ותשכון בטח בבית הכפרי ותלבש כסותו ותאכל מאכליו ונדמית.

---

וואס דערציהן זיך אין שלעכטע קאנטין קען מען שווערליך זוכה זיין צו עולם הבא וואס דאס איז דאך דער גאנצער האפענונג און טרייסט ביי איטליכען אידען אז ער וועט אמאל אזכות האבין פון זיין קינד, דער וואס קען אהיים ניט קומען צו ליעב עפעס אסיבה און מוז צו זיך געמען זיין ווייב און קינדער דארף וועניגסטענס זיין עלטערע קינדער זעלבסשטאנדיגע קינדער ניט אראפ ברייגען ווארום וויא באלד אז זיי קענען זיך אליין פערדינען זייער שטיקיל ברויט איז דאך געוויס גלייכער אז זיי זאלין בלייבין אין דער היים אין איין מדינה וואס דער גאנצער כלל גייט אין גאטס וועג — אט וויא מיר זעהן אלע דיא מעשה יעדער ארינטליכער מענש קומענדיג אין אמעריקע אפריקע ווערט צוא קאכט וועהענדיג דארטין דיא אויסגעלאסענהייט און דיא אפ גילאזענקייט פון אונזער הייליגע תורה ביי כמה מענשין פארשילט זיך דער מענש דעם לעבין זיינעם וואס ער מוז דאס צו זעהן מיט זיינע אויגין, און זיין גאנצער טרייסט איז אז גאטט וועט איהם העלפען ארויסכאפען זיך פון דארטען וואס פריהער, דיא קינדער האט ער געוויס ניט בדעה צו געמען צו זיך זיי זאלין דארטין ווערין וויא עכו"ם, נאר מיט דער צייט ענדערט ער זיך אום אין גאנצין גיט גינוג וואס ער אנטלופט ניט פון דארטין אליין נעמט ער נאך דיא קינדער צו זיך, וויא אזוי איז דאס מיט דעם שעקן געווארין אזא פערענדערונג? עס איז נאר דער הרגל (געוואנהייט) שולדיג אין דעם, וויא מיר האבין אין פאריגין קאפיטיל ערקלערט מיר וועלין דאס איצט נאך בעסער ערקלערין דורך א משל א פרינצעסין איז אמאל אין א מלחמה צייט געפאנגען געווארן און פארקויפט געווארין פאר א שקלאפין און פאר א פרוי צו אפראסטין פויער, זייער ביטער אז איר געווען דיא ערסטע צייט אידער זי האט זיך צו געוואהנט צום נייעם לעבין, זי איז אין דער היים געוואהנט געווען צום גרעסטען קאמפארט, זיא האט בעוואהנט א שענעם דוואריץ, זי איז גיגאנגען געקליידעט אין אטלעס און זייד האט גיגעסין די בעסטע עסענס און געטרונקען דיא טייערסטע געטראנק, מיט אמאל דארף זי גאר זיצען אין איין קליינעם פויער הייזיל, טראגין אויף זיך פראסטען ליינווענד, און עסין גראבען ברויט און האנדלען מיט אלע פויערים, עס האט זיך איהר אויס געדאכט אז זיא וועט אזא ביטערין לעבין ניט אויס האלטין, עס איז אבער אוועק איין יאהר א צווייטער דיא פרינצעסין האט אן גיהויבין צוא פאר געסען איהר אמאליגין לעבען און זיך ביסליכווייס צו געוואהנט צו איהר טרויעריגע לאגע, ביז זי האט גאר אויפגיהערט צו פיהלען איר גאנצע נידעריקייט. און איר עלענד, און זיא איז געווארין צו פריעדען מיט איר וואהנונג,

ונדמית בכל מעשיה והליכותיה כשאר בנות הכפרים וכאלו היתה עירונית מלידתה, כ״ה הוא בענין הנפש של האדם שאנו רואין כי״ ... אדם מצוה או למד תורה באה לנפשו שמחה וחדוה ולהיפך כשעושה עבירה אף דבשעת מעשה מתגבר עליו יצרו אבל אח״כ בא לו עצבון מזה וכמו שאחז״ל רשעים מלאים חרטות והוא מפני ששרש נפש עם ה׳ היא בשמי שמים בהיכלי מלך שכל העידון והשמחה שם היא בחכמת התורה ומאורות הגדולים הנמצאים בכל מצוה ומצוה וגם נגלה שם הקלקולים הגדולים שנעשה בכל עבירה ועבירה שעובר האדם ועד כמה יזיק לנפשו בזה בעבירה זו נעשה בעל מום בידיו או ברגליו או סומא בעיניו [כגון שקלקל בעיניו אינו יכול להביט לע״ל באור השכינה] וכיו״ב בשאר אברי הנפש כידוע ולכן בכל מצוה ומצוה שאדם עושה מקבל הנפש בשרשה העליון שמחה ותענוג וממילא שמחה גם הנפש פה שהיא חלק וענף ממנה אף שהיא לא ידעה דבר ולהיפך בעבירה בא לשרש נשמתו עצבון גדול שמכרת שם למעלה את הרעה הגדולה שגרם לה ע״ז וממילא גם פה הנפש מתעצבת ע״ז ולכן בבוא האדם למדינות שהם פרוצים בדת ועוברין על מצות התורה בפרהסיא כמו גילוח זקן וכיו״ב תרתת ותפחד וכמו אם יראה איש אנשים אכזרים שחותכין אבריו של אדם לעיניו וכ״ש כשתראה נפשו עון כריתות כמו חילול שבת ויוה״כ שעל ידם נכרת הנפש לגמרי ממקור החיים תתבהל מאד וכמו אלו היה רואה אדם כת רוצחין שרוצחין נפשות לעיניו שהיה פחדו נורא מאד אבל ברבות הימים מעט מעט תתרגל נפשו לראות זאת ומרוב ההרגל תעשה כמעשיהם והאבד הרגש קדושתה מלפנים ותשכח לגמרי עד כמה מזיקים לה אלו הדברים עד שפועל בנפשו להביא גם בניו אליו [וכ״ז נכלל במה שאחז״ל כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשה לו כהיתר] אבל הכחירה נתונה לכל וכל איש הירא והחרד לדבר ה׳ יתחזק בה׳ שיהיה בעזרו וישוב למדינתו ויחנך בניו לתורה וי״ש ואז אשרי לו בעוה״ב וגם בעוה״ז לא יעזוב ה׳ את חסידיו שומרי בריתו ופקודיו:

---

מיט איר קליידונג מיט איהרע עססען און טרינקען און גאנצען געזעהלין שאפט גלייך וויא זיא וואלט גאר געבארין ווערין אין דעם הויז, אזוי איז אויך אז א מענש לערינט תורה אדער ער טוהט א מצוה זעהן מיר אז ער איז פריילך. פערקעהרט, אז ער טהוט איין עבירה, איז לאחר המעשה ווערט ער טרויעריג, די סברא איז, ווייל דעם מענשענס נשמה שטאמט פון הימעל, וואס דער איינציגער פערגניגען און די איינציגע פרייד האט מען דארטין נור דורך דער חכמת התורה און דורך דעם גליק פון דיא היילגע מצות דעריבער אז מען טהוט א מצוה ערפרייט זיך דער מיט די נשמה זעהר שטארק און פון איין עבירה ווערט זיא טרויעריג ווייל דיא נשמה פילט דעם שמוץ דעם אומגליק וואס זיא ביקומט דורך דעם אז דער מענש קומט למשל אין דיא הייטע קאנטין און ער זעט אפענטליך וויא מיא איז עובר דיא גראסטע עברות ווערט דיא נשמה א פארציטערטע גלייך וויא איינער זעט וויא מיא שניידט דעם צווייטין אפ איברים פון קערפער ווארום דיא מצות זיינען דאך אויך אנטקעגין דעם מענטשינס איברים וויא מיר האבין פריער דאס שוין ארום גירעט באריכות בפרט אז מען זעהט אז מיא איז עובר אויף עברות וואס עס קומט פאר זיי כרת וויא חילול שבת אדער דאס גלייבין איהר שרעק איז דאן גלייך מיט דעם שרעק פון דעם מענשין וואס זעט פאר זיך וויא מען הרגת מענטשין צום טוידט ווארום כרת איז דאך דער טוידט פאר דיא נשמה, נור ביסליכוויים געוואהנט זיך דער צו צו און הערט גאר אויף צו פיהלען און צוא ביינרייפין די גאנצע שאדליכקייט פון אזעלכע גרויסע עברות עס ווערט שוין רעכט אליין טאהן איין גרויסע עברה און מען פועלט באיי זיך ברייניגען דיא קינדער אויך ניט קוקענדיג אויף זייער צוקונפט [העתיד] וואס זיי וועלין דער ווייטערט ווערין פון אידישקייט אין גאנצין וויא דיא גמרא זאגט, וויא דער מענטש טוט איין עברה איין מאל און א צווייטין מאל, קומט עס באיי אים שוין אויס גאנץ ערלויבט צוא טאן, אבער דער מענטש האט דיא בריה צו פיהרען זיך וויא ער וויל דארף יעדער ירא שמים זעהן וואס פריער צוריקעהרין זיך אהיים און ערציהען דיא קינדער אידישלאך. דאהן וועט איהם וואהל זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**ואגב** נדבר מעט אודות המכשול הגדול שנתפשט בעולם כעת בעו"ה והוא איסור עוי ריבית שנעשה בעו"ה בהיתר גמור שמלוים על שט"ח (וועקסלען) על פ"צ בלי שום היתר עיסקא וידוע שיש ע"ז כמה לאוין מפורשין בתורה וכמו שאחז"ל (ב"מ ע"ה) שהמלוה עובר על את כספך לא תתן לו בנשך ומשום אל תקח מאתו נשך ותרבית ומשום לא תהיה לו כנושה ומשום ולא תשימון עליו נשך ומשום ולפני עור לא תתן מכשול [שמכשיל ללוה עי"ז שגם הוא אסור ללות ברבית] והוא רשע גמור עי"ז ופסול לעדות ולשבועה ומה נענה ליום הדין כשישאלוהו האיך עברת בשאט נפש על דברי הש"י אלהי השמים ואלהי הארץ אשר יצרך ובראך וזנך ופרנסך בכל ימי חייך אותך וכל אנשי ביתך וכמה פעמים הציל אותך ברוב חסדיו מחליים רעים ומכמה מצוקות הזמן ולא הביט על מיעוט עבודתך לו הכוה גמול על מפעליו הטובים אשר היטיב עמך וכמו שאמר הכתוב הלה' תגמלו זאת עם נבל ולא חכם הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך. וכבר אחז"ל במדרש תהלים כל המחליט עצמו לעבירה [היינו שמפקיר עצמו לעשותה כמה פעמים בשאט נפש] אין לו מחילה עולמית ור"ל אף בעת שיגמרו רחמי הש"י על העולם לחפש זכות על עוברי עבירה מ"מ זהו רק במי שעבר במקרה על דברי השם אבל לא במי שביזה את דברו לעשותם בהפקר גמור. ואיתא בתנא דבי אליהו בשעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה כותב בתורה אל ארך אפים א"ל תינח לצדיקים לרשעים למה א"ל חייך שתצטרך לכך והנה בעת שהיה מעשה מרגלים התחיל משה לבקש ועתה יגדל נא כח ה' כאשר דברת לומר אל ארך אפים [ור"ל שתשא פנים אף לרשעים להאריך אפך עליהם] וכתיב ויאמר ה' סלחתי כדבריך והיינו שהשיב לו סלחתי אבל כדבריך הוא מכאן אמרו כל המכיר בד"ת ועובר עליהן ה"ז רשע גמור עכ"ד שם והנה בענין איסורי רבית אפילו תינוקות הקורין בחומש יודעין ומכירין שיש ע"ז איסור מפורש בתורה והאיך מלאו לבו לעבור בשאט נפש על דברי הש"י ולהקרא רשע גמור לנצח. והנה ענין כזה לבד שהוא עובר על כמה לאוין מורה שאין לו אמונה בהשגחת הש"י והוא חושב שכל מה שאדם חוטף בהיתר ושלא בהיתר ישאר ת"י שאלו היה מאמין שהש"י משגיח בעולם ושהוא מפרנס לברואיו וכמו דכתיב כי ה' אלהיך הוא הנותן לך כח לעשות חיל ונאמר נותן לחם לכל בשר ובלעדי רצונו אין אדם יכול להתעשר לא היה מכניס עצמו לזה דצריך האדם להאמין שלא יפלא מה' שום עצה להעשירו אף אם לא יעסוק בעסק הזה ולהיפך כשיעסוק בעסק ריוח כזה אשר הוא מתנגד לרצון הש"י

*) העתקתי כ"ז מספרי אהבת חסד מפני גודל הענין שנתהוה בימינו היתר גמור בעו"ה.

גם וועלין מיר אביסעל רידען מכח דעם גרויסען מכשול וואס עס איז גיווארען אויף דער וועלט מכח דעם איסור פון ריבית (פּראָצענט) וואס עס איז גיווארען הפקר באיי אפולע מענטשען ווי לאייען געלט אויף אהוילען וועקסיל אן א שטר עיסקא אונ עס איז ידוע אז אויף פ"צ איז פארהאנען כמה לאוין בתורה אונ ווי עס שטייט מפורש אין דער גמרא אז דער מלוה איז עובר אויף דעם פסוק את כספך לא תתן לו בנשך אונ אויף דעם פסוק אל תקח מאתו נשך ותרבית (דער טייץ איז דיין געלט זאלסטו אים ניט געבין אויף פּראָצענט אונ אויב דוא האסט עובר גיוועזן אונ דוא האסט גיגעבין עכ"פ זאלסטו באיי איהם ניט נעמען דיא פ"צ) גם איז ער עובר אויף דעם פסוק לא תהיה לו כנושה לא תשימון עליו נשך לפני עור לא תתן מכשול אונ ער ווערט דורך דעם ח"ו אן גירופין איין רשע גמור אונ ער איז פסול לעדות ולשבועה אונ וואס וועט ער ענטפערין צום יום הדין אז מיא וועט איהם פרעגין ווי האסטו עובר גיוועזן אויף דיא ביד פון גאט וואס ער האט דיר בעשאפען אונ ער שפייזט דיר זינד דוא לעבסט דיר מיט דיין גאנצע הויז גיזינד אונ וויפיל מאהל האט ער דיר מציל גיוועזן פון מחלות אונ פון כמה צרות דאס גיסטו אים אפּ פאר זיינע טובות וואס ער האט מיט דיר מיטב גיוועזן וויא דער פסוק שרייט הלה' תגמלו זאת וגו' גם חוץ וואס ער איז עובר אויף כמה לאוין ווייזט ער פאר אלעמען אז ער איז ניט מאמין אין דעם אייבערשטינס השגחה אונ ער קלערט זיך אז וואס ער וועט אביין חאפין וועט בלייבין באיי אים ווארום אז ער וואלט גלייבין אז גאט גיט אכטונג אויף דער וועלט אונ ער איז מפרנס זיינע ברואים כמו דכתיב כי ה' אלהיך הוא הנותן לך כח לעשות חיל (גאט דיין גאט גיט דיר דער קראפט צו פאר דינען) ונאמר נותן לחם לכל בשר (גאט שפייזט אלע זיינע באשעפעניש) אונ אן זיין רצון קען א מענטש ניט רייך ווערין ער וואלט דאס גלייבען וואלט ער זיך ניט אביין ברייגגען אין אזוי איין הארבען איסור ווארום א מענטש דארף גלייבען אז גאט ב"ה זאל וועלען אמענשען מאכען רייך קען ער אים מאכען רייך אפילו אז ער וועט ניט האנדלען

השי"ת אף שהוא מרויח בעת הזה צריך לידע בבירור שסוף דבר הוא שלא ישאר הממון ת"י דכתיב עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו דהיינו שיפסק חייו באמצע וכתיב עור ואץ להעשיר אך למחסור ואיתא במדרש דהאי קרא קאי על המלוים ברבית. אלא האמת שבעת שהוא מפקיר עצמו לעבירה זו לעשותה כמה וכמה פעמים מטמטמת העבירה זו את לבו מאד עד שניסח לגמרי אמונת השי"ת מלבו אמונה בהשגחה אמונה בתורה וכמו שאחז"ל (ב"מ ע"א) בא וראה סמיות עיניהם של מלוי ברבית אדם קורא לחבירו רשע יורד עמו עד לחייו והם מביאין עדים ולבלר וקולמוס ודיו וכותבין וחותמין פלוני זה כפר באלהי ישראל [ודע עלי המעשה מאד מה שנוהגין איזה סוחרים בשלוקח אחד מאתם סחורה בהקפה ונ"ח איזה רו"כ להסחורה שלקח ונשתהא שילוח המעות הוא כותב עליו בחשבונו עוד איזה כסף עבור המתנה המעות והוא איסור גמור אף שהלוקח מתרצה לזה אחרי שנגמר אצלם מקח העסק מתחלה בסך כך וכך החוב שנשאר עליו אח"כ הוא רק חוב בעלמא ואסור ליקח שום כסף יתר עבור המתנה] וענין זה נונע נם להתחית המתים כמו שאחז"ל על יחזקאל הנביא בשעה שהחיה המתים ראה שכולם עמדו על רגליהם ואחד נשאר מושכב בעפר ותמה ע"ז והשיב לו השי"ת האיש ההוא בנשך נתן והרבית לקח חיה לא יחיה והוא מדה במדה דהלא כתיב בתורה כי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו גר ותושב וחי עמך אל תקח מאתו נשך ותרבית ויראת מאלהיך וחי אחיך עמך והוא לא רצה להחיות אותו ונגזר עליו מדה במדה שגם הוא לא יחיה וכמה יגיע לאדם קלון וכלימה לנצח וגודל הצער בשכולם יעמדו וינערו מעפרם ויזכו לחיי עד כרוב עונג ושמחה והוא ישאר לעין כל מושכב ומוטמן בעפר לנצח תחת מעט הנאת איסור רבית שקיבלה נפשו הבהמית בעוה"ז וע"ז אמר התנא באבות הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה. ודע עוד דאף על הלוה אף שעונש תחית המתים שלא יחיה לא נזכר על הלוה אבל מ"מ יש גם עליו איסור לאו גמור שלא יתן נשך להמלוה וגם הוא כשם רשע יקרא ופסול לעדות עבור זה כמו שאחז"ל [בסנהדרין כ"ה] לוה ברבית פסול לעדות. והנה באמת אף אם לא היה לנו שום עצה ליקח ריוח עבור הלואת המעות ג"כ היה צריך האדם לשמור את דברי התורה האמור בענין זה כדי לקיים רצון השי"ת היוצר ובורא הכל ולהמלט נפשו מאבדון עולם ובנ"ל ובפרט בזמנינו שתקנו לנו הגדולים את ההיתר עיסקא *) בודאי חיוב גדול יש על המלוה מעותיו בריוח להזהר לעשות שטר עיסקא כדין ולא להתעצל בדבר ובזה ימלט נפשו מני שחת ואחד המלוה ואחד הלוה יזהרו בזה:

*) אבל גם ההיתר עסקא לא יעשו כ"א כפי תוקי הממשלה ולא יותר.

מיט דעם טרופען עפק אונ קריק אז ער וועט זיך האנדלען מיט דעם עסק וואס דאס איז אנטקעגען דעם אייבערשטי"ס רצון באדף ער וויסען ברור אז דער סוף וועט זיין אז זיינע געלט וועט ניט דינען באיי אים קיין פולע צייט וויא אין פסוק שטייט עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו (איז דער טייטש אדער דיא געלט ווארפט אים אוועק אין מיטן לעבין אדער ער דיא געלט) נאר דער אמת איז בשעת דער מענטש טוט דיא עבירה כמה פעמים פאר שטאפט דער יצה"ר אים דיא הארץ אונ פאר געסט צו האבען אמונה אין גאט ב"ה אמונה אין זיין תורה חז דיא היילינע גמרא זאגט זע וויא דער יצה"ר פאר בלענט דעם מענטשין די אויגען אז איינער וואלט אים רופין ח"ו רשע וו לט ער זיך אן אים נוקם גיוועזן אונ דא ברייננט ער אליין צעאפער אונ התמת אליין אונטער אויף זיך אז ער ליקענט אן גאט ב"ה וואס טייטש מען דער פאפיער וואס אין אים שטייט אז ער האט אים גיליען געלט אויף פריצענט) גם איז דאס נוגע צוא תחית המתים וויא די חכמים האבין אונז דער ציילט בשעת יחזקאל הנביא האט מחיה גיוועזן אפולע מתים וויא גאט האט אים גיהייסען האט ער גיזעהן אז דער גאנצער בית עולם מתים זיינען אויף גישטאנען פון דיא קברים אונ איינער איז גיבליבען ליגען אין קבר האט ער זיך גיוואונדערט האט אים גאט ב"ה גיענטפערט ער האט גינומען פריצענט און אשום היתר דערפאר קומט אים דער עונש גם דער לוה האט אויך א גרויסע עברה וואס ער גיט פריצענט ער איז אויך עובר אויף אלאו פון דער תורה אונ ער איז דער פאר פסול לעדות ולשבועה ע"כ למע"ה ולמע"ה זאל מען זיין זהיר אז מיא אבטליט דעם אנדערין געלט זאל מען באיי אים נעמען אשטר עיסקא דורך דעם וועלין ניצל ווערין דער מלוה אונ דער לוה פון איסור רבית:

# לוח המפתחות


פרק א' בו יבואר גודל החיוב לשמור את התורה אף בעת שהוא מתגודד בקצה הארץ מגוי אל גוי, ובזכות זה תבוא הגאולה, גם יבוארו בו הסבות המביאות לרפיון התורה בעת ההיא ואיך להשמר מהם:

פרק ב' בו יבואר כי רק בקיום מצות התורה נקרא יהודי:

פרק ג' בו יבואר שמי שמתחזק לשמור את התורה בעת כזו מתעלה מדרגתו מאד:

פרק ד' בו יבואר שיזהר מאד שלא יחסרו לו מצות התדיריות:

פרק ה' בו יבואר גודל מעלת התפלה וחיובה:

פרק ו' בו יבוארו מענין מצות ק"ש:

פרק ז' בו יבואר גודל מצות תפלין וציצית:

פרק ח' בו יבואר איזו דינים מלוקטים השייכים לענין תפלה:

פרק ט' בו יבואר דין נט"י ובהמ"ז:

פרק י' בו יבואר כי התרשלות לימוד התורה גורמת להריסת כל הדת:

פרק י"א בו יבואר גודל החיוב ללמוד התורה וגודל שכרה:

פרק י"ב בו יבואר גודל החיוב לקבוע עתים לתורה:

פרק י"ג בו יבואר שהתורה מצלת לאדם מן היסורים ומכל פגעים רעים בעוה"ז ובהיפך גודל עונשו ח"ו:

פרק י"ד בו יבואר שמצוה יותר ללמוד בחבורה:

פרק ט"ו בו יבואר גודל חיוב על האדם ללמד לבנו תורה:

פרק ט"ז עוד מענין זה:

פרק י"ז בו יבואר ענין הסתת היצר בזה וביטולו:

פרק י"ח בו יבואר מצות התיסדות בתי ת"ת והתמנות מו"צ לישראל:

פרק י"ט בו יבואר דין אם מוכרח לעבור על איזה דבר מן התורה:

פרק כ' בו יבואר גודל גנות העריות וגודל עונשו:

פרק כ"א עוד מענין זה:

פרק כ"ב בו יבואר כמה צריך האדם להתגבר תמיד על יצרו שלא ליתן לו שום פתח, ולברוח מחברת אנשי רשע, גם יבואר בו שבודאי הקב"ה יסייעהו להאדם ולא יתייאש האדם את עצמו:

פרק כ"ג בו יבואר גודל שכר האדם ששומר עצמו מזה העון בבמה וכמה ענינים בזה ובבא:

פרק כ"ד בו יבואר דיני איסור עריות ואיסור יחוד ובמה שמצוי לחכשל בו בעו"ה:

פרק כ"ה בו יבוארו חיוב הנשואין בחופה וקידושין לאיש הישראלי:

פרק כ"ו בו יבואר דין מלבושי שעטנז, גם יבוארו בו דיני הקפת פאת הראש והזקן:

פרק כ"ז בו יבואר ענין מאכלות האסורות:

פרק כ"ח בו יבואר גודל העונש של מאכלות האסורות:

פרק כ"ט בו יבואר גודל השכר של השומר עצמו ממאכלות האסורות:

פרק ל' בו יבוארו איזו ענינים מאיסורי חלב ודם וגיד הנשה:

פרק ל"א בו יבוארו איזו דינים הנחוצים למעשה:

פרק ל"ב בו יבואר ביצד מולחין הראש והרגלים ואיברים פנימים:

פרק ל"ג בו יבוארו עוד כמה דינים אחרים מענין מאכלות אסורות ושאר איסורים:

פרק ל"ד בו יבואר ענין התשובה:

פרק ל"ה בו יבוארו עוד דברים שצריך בעל תשובה ליזהר בהן:

פרק ל"ו בו יבואר גודל חיוב שמירת שבת:

פרק ל"ז בו יבוארו דיני הכנת השבת בע"ש וכמה צריך להקדים בזה וגם דיני קידוש:

פרק ל"ח בו יבואר גודל חיוב לימוד התורה ביום השבת:

פרק ל"ט בו יבואר שיתבונן האדם תמיד שלא יבוא לחילול שבת ע"י מעשיו וגודל העון הזה לירד מנכסיו וגודל זכות האנשים המזהירים על השבת:

פרק מ' בו יבוארו דיני איסור חמץ ודיני אפיית המצה:

פרק מ"א בו יבוארו כמה ענינים עקרים מהלכות נדה:

פרק מ"ב בו יבואר שאל יתרחק האדם לדור במקום שאין ישראל מצויין שם:

פרק מ"ג בו יבואר קצת מקדושת תורתנו, ותרמית האנשים הפושעים החוטאים ומחטיאי את הרבים בדבריהם הנפתלים:

פרק מ"ד עוד מענין זה:

פרק מ"ה בו יבואר תשובת הנביא על טענת הטועין: